STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00595

TSVISHN TKUFES

A. Golomb

Permanent preservation of this book was made possible by
Eugene Herscher
in memory of
Reuben & Eva Heschher

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

צווישן תקופות

הוצאת י"ל פרץ ישראל

תשכ"ח / 1968

A. GOLOMB
ČVIŠHN TKUFĖS

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

★

א. גאָלאָמב / צווישן תקופות
פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31 תל־אביב

©

Printed in Israel. 1967.
סודר במסדרת חנון את חנון
נדפס בדפוס הפועל המזרחי, תל־אביב

א. גאָלאָמב

*

צווישן תקופות

א. גאלאמב בוך-קאמיטעט אין מעקסיקע

אינזש' אברהם און צילע טשעלמינסקי
אבנר און אסתר אליפז
נחמן און הילדע באַקאַל
ישעיהו און שיינדל גאָרינשטיין
בעריש און לאה גראַבער
יהודה און אסתר גראַפּאַ
ר' אלימלך דלוגאַטש ז"ל
אברהם און שרה טיקטין
ד"ר עקיבא און טייבל ליכטינגער
בנימין און פרידע צמח
עקיבא און ליזע קלעצל
ד"ר מאַקס און ראַשע שיין
פסח און גיטל שיין
פריינד פון אַרבעטנדיקן ישראל אין מעקסיקע
שמאי יעגערמאַן (קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)
מרדכי פריליך (קאַראַקאַס, ווענזועלאַ)
ד"ר בערל גאָלאָמב (סאנטא־באַרבאַראַ, קאליפ')

לזכר עולם

שמואל יצחק טשעלמינסקי
חיסיע ראפאלין

ביידע געטרייע טוערס פארן יידישן פאָלק און פאר מדינת־ישראל. זאל זייער גוטער נאמען זיי ביישטיין לדורות.
תנצב"ה.

גוטע יידישע קינדער עפענען פאר זייערע עלטערן די שערי גן עדן.

א י נ ה אַ ל ט

הקדמה 9

אויפן שוועל פון אורבאַניזם 15

פון תקופה צו תקופה 25
די נייע אורבאַנישע תקופה 29
דער אונטערשייד צווישן מערב־אייראָפּע און מזרח־אייראָפּע 30
מה נשתנה 37
די מבוכה 42
די שקיעה 58
מיר דענקען אפילו געדאַנקען אויך פרעמדע 66
קיום צוליב וואָס 74
פאָלק ווי אַ נאַטירלעכער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם . . . 80
דאָס פאָלקישע געפיל 84
דאָס פאָלקישע באַוווסטזיין 93
דאָס אָפּגעשוואַכטע פאָלקישע געפיל 98
סומירונג פון אונדזער געשיכטע 102
אויטאָנאָמיע 111
די אידעע פון אויטאָנאָמיע היינט 115
דריי מדרגות פון אויטאָנאָמיע 121
אמונת ישראל 124
די מצווה פון ווירקלעכער קולטור־אויטאָנאָמיע 131
מיין אָפּטימיזם 135

אין אַ פרעמדער וועלט 139

אַ פאָלק אַ בריה צו לעבן אין גלותן 141
אָבער וואָס מיינט עס „דאָס לעבן פון אַ פאָלק" 143
אויטאָנאָמער גלות און יחידים גלות 144
די דריי צענטערס פון יידישקייט 147
קיום און רעליגיע 150
דער כח פון אתה בחרתנו 153
דאָס שטעטל ווי אַ סיסטעם פון פעלקער־לעבן 158
טאָפּעלע צרות 159
אַן אַנדער פּסיכיק 161
היים און געטאָ 166

אונדזער טאָפּ לינדזן 168
צי בין איך אַ פּעסימיסט ? 171
גלות השכינה 172
צוויי וועגן אומצוברענגען יידן 177
אַן אומעטומיקע טראַגעדיע 179
אומזיסטע טענות צום צווייטן דור 183
טיפערע קאָנפליקטן 185
דער פעלער פון חעלטלעכער יידישער קולטור 188
שפּראַך־אַסימילאַציע און אויב ניט נאָך ערגער . . . 193
אונדזער גלויבן אין אייביקייט און אַלחעלטלעכקייט . . 199
נאָר ניט קיין פעסימיזם 204
איין פאָלק, איין קולטור און איין דערציִונג 207
אַלגעמיינע יסודות פון איינהטלעכער יידישער דערציִונג . . 210
קורצער היסטאָרישער איבערזיכט 217
די בריק צווישן תקופות 223
מאי קא משמע לן ? 228
דער דראַנג צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד 236
די יידישע רעליגיע און דער קיום פון פאָלק 239
לערנען און מאָראַל 246
דערציִונג צו צוויי קולטורן 253
צווישן לערער און תלמיד 256
דעמאָקראַטיע און דערציִונג 261
ניוועליזאַציע אָדער אינדיווידואַליזאַציע אין לערנען . . . 266
„עילוי" 271
„תורהדיק לערנען" 276
אַנטוויקלונג פון אַ געדאַנק 279
אַקטואַליזאַציע אָדער היסטאָריזאַציע 287
וועגן ליטעראַטור לימוד 295
איין פאָלק — איין קולטור און איין דערציִונג 300
מיר בענקען נאָך מאָניזם 303
שווער צו זיין אַ ייד, נאָך שווערער איז צו ווערן אַ ייד . . 308
דער אויסגעטראַכטער שפּראַכן קאַמף 312
פאָלקיזם, נאַציאָנאַליזם און די סוראָגאַטן זייערע . . . 324
אַנטוויקלונגען פון דער סברא — דער דידאַקטישער ציל
פון לערנען 329

הקדמה

דאָס איז דאָס פערטע בוך פון דער צווייטער סעריע עסייען־ביכער פון מחבר, וואָס פריינד גיבן אַרויס. די ערשטע סעריע, פון זעקס ביכער „געקליבענע שריפטן פון א. גאָלאָמב", איז אַרויס אין די יאָרן 1944—1948 אין מעקסיקע. די איניציאַטיוו פאַר דער צווייטער סעריע איז געקומען פון דער ווייטער אַרגענטינע. דאָרטיקע לייענער האָבן דאָס געפונען פאַר געוווּנטשן צו האָבן די עסייען פון מחבר אין אַ בוך. דאָס ערשטע בוך פון דער צווייטער סעריע, „אויף די וועגן פון קיום", איז אַרויס אין יאָר 1959 (אויספאַרקויפט), דאָס צווייטע בוך, „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער", איז אַרויס אין 1961 (אויך אויספאַרקויפט). דאָס דריטע בוך, „אייביקע וועגן פון דעם אייביקן פאָלק", האָט אַרויסגעגעבן אין 1964 דער „א. גאָלאָמב בוך־קאָמיטעט" אין מעקסיקע. איצט קומט דאָס פערטע בוך, „צווישן תקופות", אַרויסגעגעבן פון זעלביקן בוך־קאָמיטעט אין מעקסיקע. עס איז זייער שווער אויסצודריקן מיט ווערטער דעם שטאַרקן געפיל פון דאַנקבאַרקייט פון מחבר צו די פריַינד פון דעם קאָמיטעט. אין אונדזערע טעג איז אַ יידיש בוך ניט מער קיין זאַך פון הכנסה. עס איז אָבער אַ שטאַרקער באַגער צו קענען אַרויסברענגען די טיפערע געדאַנקען און איבערצייגונגען פאַר אַ ברייטערן עולם יידישע יידן, וואָס לייענען אַ יידיש בוך. יעדער באַוווּסט־זיניקער ייד לעבט דאָך איצט איבער שווערע ספקות און זאָרגן פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. דער חורבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אין אייראָפּע, האָט דאָך אָפּגעהאַקט דעם לעבעדיקן שטאַם פון אונדזער שעפערישקייט, איז דאָך אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן איצט אין דער גאָרער וועלט, אויף אַלע געביטן, געקומען פון דאָרטן, פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן שבט. אויך דאָרטן האָט געבויט און געשאַפן איבערהויפּט דער יידיש־רײדנדיקער טייל פון פאָלק. און איצט, אַז דער שבט־ישראל איז חרוב געוואָרן, ווער וועט בויען? ווער וועט שאַפן? ווער וועט טראָגן ווייטער דעם המשך פון שעפערישער יידישקייט? וואָסער דענקענדיקער ייד טראָגט זיך דאָס ניט אַרום מיט ביטערע ספקות און זאָרגן פאַרן מאָרגן פון יידישן פאָלק אין דער וועלט? ווּ, אין וואָסערע ישובים פון די יידישע גלותן וועט די שכינה פון יידישער שעפערישקייט געפינען איר מקום מנוחה? און צי וועט די יונגע יידישע מדינה, אויסגעחלומט, אויסגעטראָגן און אויסגע־

קעמפט, אויסגעבלוטיקט מיט אַזוי פיל אידעאַליזם, אמונה, קרבנות און בפירושער קדושה, צי וועט זי זוכה זײַן באמת צו ווערן די דויערנדיקע היים פון דער יידישער שעפערישער שכינה?

פילט זיך דער מחבר ווי אַ מין שליח ציבור פאַר אַט אַלע באַזאָרגטע זאָרגער. האַלט איך עס פאַר מײַנעם אַ גרויסן זכות, וואָס אַזוי פיל גוטע פרײַנד פון נאָנט און ווײַט העלפן ברענגען מײַן וואָרט צו דעם יידישן לייענער־עולם. עס איז ניט קיין ענין פון אַ פאַרטיי. אַלע פאַרטייען זיינען גלידער פון דעם גאַנצן פאָלקישן אָרגאַניזם. קיין איין אידעאָלאָגישער טייל פון פאָלק קען אָבער ניט האָבן קיין קיום אָן דעם גאַנצן פאָלק.

איז עס בײַם מחבר פון די ביכער ניט קיין פאַרטיי־אידעאָלאָגיע, עס איז געוואָרן די זאָרג פאַר דער גאַנצקײַט, פאַר דער שלמותדיקער קאָאָרדינאַציע פון אַלע טיילן, פון אַלע אָרגאַנען אין פאָלק. מיר האָבן זיך צו פיל צעשאָטן אויף פאַרטייען. די געטלעכע לוחות, אַז זיי האָבן זיך צעבראָכן, זײַנען זיי שוין ניט געווען קיין לוחות, נאָר „שיברי לוחות" — שפּליטערס. די בעסטע וואָזע קען זיך צעברעכן אויף אַ סך שטיקער, — צונויפשטעלן פון די שטיקער צוריק די וואָזע אין איר גאַנצקײַט — אַ שווערע אויפגאַבע.

ניט מיט איין מאָל האָט אַט די זאָרג באַהערשט דעם מוח. פון לכתחילה איז דער מחבר אַ יידישער לערער. ער האָט געגלויבט מיט אַ סך אַנדערע, אַז יידישע לערערײַ איז ניט בלויז אַ זאַך פון חיונה, נאָר עס איז אַ דינסט, אַ דינען דעם פאָלק, אויב ניט קיין עבודת הבורא, איז עס אַן עבודת האומה. ווי אַ סך פון יענע לערער פון יענעם דור, האָט ער געגלויבט, אַז דער פּראָצעס פון שאַרפן די מוחות און צערטלען די נשמות פון דורות, איז זײַן געביט געווען די נאַטור, זאָלן יידישע־קינדער דערזען און דערפילן גאָטס וועלט, איר גרויסקײַט אין אַלע קלייניקייטן און איר האַרמאָניע אין דער אומענדלעכער פילפאַכיקײַט.

אָבער דער נאַטור־געביט איז דאָך בלויז איין טייל פון דער גאַנצער שול, דאַרפן דאָך אַלע לימודים דערציען אין האַרמאָנישע פערזענלעכקײַט... יענער ערשטער טיפּ יידישע לערער־בויער איז געוואָרן אַלץ ווייניקער, מען האָט געדאַרפט גרייטן לערער. איז עס געווען דער גורל פון דעם מחבר זיך איבערצוגעבן דער יידישער פּעדאַגאָגיק בכלל. מען האָט געדאַרפט מער לערער. מיר האָבן געגלויבט אַז די אַלטע קללה פון דער פאַרצײַטיקער תוכחה „ובגויים ההם לא תרגיע ולא יהיה מנוח לכף רגלך (דברים כ"ח 65), איז מער ניט גילטיק. מיר האָבן געגלויבט אַז דאָס יידישע פאָלק וועט וועלן און די גוים וועלן לאָזן אונדז אויפבויען אין אַלע לענדער אויטאָנאָמע יידישע ישובים מיט אויטאָנאָמער יידישער קולטור. און די אויטאָנאָמע יידישע שול איז דער יסוד פאַר דעם... מיר האָבן געגלויבט, ווײַל עס האָט זיך געוואָלט גלייבן... אין אַ מבול פון בלוט און פייער איז דער חלום

דערטרונקען געוואָרן. ווײַטער „אימער גיי, גיי״. צופעליק איז דער מחבר געבליבן פון יענעם אויסגעקוילעטן דור און געוואַנדערט. נײַע ישובים, נײַע לענדער, אין נײַע וועלטן. האָבן אויך דאָ די יורשים פון יענעם שעפערישן שבט פון מזרח־אייראָפּע געבויט און געשאַפן יידישע קולטור און יידישע שולן. אָבער... ניט קיין שולן פון יידישן פאָלק אין זיין גאַנצקייט. ניט קיין פאָלקישע שולן, נאָר ריכטונג־שולן, פּאַרטיי־שולן. אין יעדע פּאַרטיי, איטלעכע ריכטונג האָט געוואָלט, אַז איר יידישקייט זאָל באַשטיין פאַר דער גאַנצער כוללדיקער קולטור.

דאָס אַלגעמיינע פון אַלע שולן, פון אַלע ריכטונגען אין אַלע נייע ישובים איז בלויז דאָס וואָס די דערציִונג איז ניט קיין יידישע אין איר גאַנצקייט, נאָר דאָס יידישע איז אין זיי אין אַ מין „געטאָ״. ניט אַלע לימודים זײַנען יידישע, נאָר עס איז איין ווינקל אין אַ פרעמדער שול. „יידישע לימודים״ הייסט אָט די געטאָ, וואָס יידן האָבן פאַר זיך געבויט. און אַזוי איז עס אויך אין די נשמות פון די דורות: אין דער נשמה איז די יידישקייט ביי זיי אין אַ געטאָ — ברייטער, שמעלער, אָבער אַ געטאָ... ווי נאָר עמיצער קען זיך אַרויסרײַסן פון זיין אינעווייניקסטער געטאָ, ווערט ער בכלל אויס ייד. און אָט די „געטאָ״ פון יידישקייט אין דעם יידן ווערט אַלץ שמעלער. שטעלט זיך אָפּטער און שטאַרקער די פראַגע, וווּ און ווי איז דער המשך פון יידישן פאָלק ?

אפילו אין דער אייגענער מדינה, ביי דער פולער קולטור־אויטאָנאָמיע, וואָס זי איז דער זכות הקיום פון דער גאַנצער מדינה, אפילו דאָרטן האָט נאָך דער פּעדאַגאָגישער געדאַנק ניט דערגרייכט ביז צו דעם „מיזוג הריכטונגען״, אויך דאָרטן הערשט נאָך, צו אונדזער ווייטאָק און חרפּה, די שלילה פון דער יידישקייט, ווי זי איז דערגאַנגען ביז אונדז דורך די גלותן. אויך דאָרטן פעלט די אהבת ישראל און במילא איז אויך דאָרטן די גאַנצע יידישקייט אויך אַ מין געטאָ, הגם אַלע לימודים קומען אין דער אייגענער שפּראַך. און אויך דאָרטן איז צו גרויס דער פירוד הלבבות און ער ברענגט אַ פירוד המוחות... אָבער כדי צו קענען לעבן, מוז זיין שלום צווישן אַלע גלידער, אַלע אָרגאַנען אין אָרגאַניזם.

יידן בעטן שלום על ישראל. אפשר דאַרף מען מער בעטן אויף שלום בישראל. אָט די זאָרג דאָמינירט ביי דעם מחבר אין אַלע זײַנע עסייען און ספרים.

עס גיט אים מוט דאָס טראַכטן אַז ער איז בלויז דער וואָס דריקט אויס געפילן און געדאַנקען פון אַ סך גרעסערע גרופּעס יידן. ער דריקט אויס זייערע זאָרג און זייערע זוכענישן. און דערפאַר איז ער נאָך מער דאַנקבאַר די פרײַנד פון דעם בוך־קאָמיטעט, וואָס גיבן אים די מעגלעכקייט צו ברענגען פאַר יידישע לייענער זײַנע געדאַנקען וואָס זײַנען אויך זייערע

גערדאַנקען. אַלץ איינס צי דאָס זיינען פריינד אין אַרגענטינע, צי אין נאָענטערן מעקסיקע, צי אויך אַנדערש־ווו. אין די פריערדיקע דריי ביכער האָב איך זיך באַמיט צו זוכן אין אונדזער געשיכטע די וועגן פון אונדזער קיום צווישן פעלקער דורך דער אייביקייט. אין דעם איצטיקן בוך וויל איך זיך באַמיען זוכן דעם פאָדעם אין דעם צעפּלאָנטערטן קנויל פון גרויסער מבוכה צווישן די תקופות — פון דער וואָס גייט אַוועק און דער וואָס האַלט אין אנקומען, אין אָט דעם שווערן קריזיסדיקן איבערגאַנג, ווען אַלע דענקענדיקע יידן בלאָנדזשן אויף די וועגן צווישן קיום און אומקום. וויל דער מחבר האָפן, אַז אויך זיינע געדאַנקען וועלן העלפן געפינען דעם ריכטיקן אויסוועג פון אונדזער היינטיקן פּלאָנטער. און ווידער טאַקע אַ דאַנק די פריינד, וואָס לאָזן ניט די געדאַנקען בלייבן איינזאַם. זיי — מיין אויפריכטיקער דאַנק.

40 טעג נאָך די מלחמת ששת הימים.

פרייטיק, י״ג תמוז תשכ״ז — 21 יולי, 1967

צו אַ נייער תקופה

אויפן שוועל פון אורבאַניזם

פון תקופה צו תקופה / דער אונטערגאַנג פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה / בנימין השלישי און טביה געהערן צו איין תקופה, מנחם־מענדל הייבט אָן אַ נייע / דער אונטערשייד צווישן די צוויי תקופות / דער איבערגאַנג פון תנך־יידישקייט צו דער תלמודישער / די נייע אורבאַנישע תקופה מיט אירע סכנות / דער אונטערשייד צווישן מערב־אייראָפּע און מזרח־אייראָפּע / מה נשתנה / די מבוכה / דער טיפּ ייד אין דעם „בין התקופות“ / די שקיעה פון יידישקייט / מיר דענקען פרעמדע געדאַנקען / קיום צוליב וואָס / פאָלק ווי אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם / דאָס פאָלקישע באַוווסטזיין / פאַר וואָס איז אָפּגעשוואַכט דאָס פאָלקישע געפיל / אויפקום און אונטערגאַנג פון יידישע שבטים / צי קען קומען אַ נייער העגעמאָן־שבט / אויטאָנאָמיע / די אידעע פון אויטאָנאָמיע היינט / דריי מדרגות פון אַויטאָנאָמיע / אמונת ישראל / ווילקע קול־טור־אויטאָנאָמיעס.

(שוין ניטאָ דער נעכטן, נאָך ניטאָ דער מאָרגן)

מיר לעבן איצט אין אַ צייט וואָס האָט ניט קיין אייגענעם פּרצוף. עס איז אַן איבערברוך אין דער יידישער געשיכטע. עס איז אַוועק אַ תקופה, אַ תקופה פון טויזנט יאָר פעסט, איינגעפונדעט לעבן, און ניטאָ מער. די נײַע תקופה הייבט זיך ערשט אָן און מען קען נאָך ניט וויסן גענוי איר געשטאַלט, עס איז אַ צייט צווישן צוויי תקופות. דורות האָבן אָפּגעלעבט אין צרות, אָבער אין אַ פעסטן שטייגער. און אָט דער שטייגער איז מער ניטאָ. אַלע אונדזערע יישובים זײַנען נייע, די אַלטע זײַנען חרוב געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערגיין שוין בערך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, זייער סוף איז געווען דורך בלוט און פײַער פון אַ טאָטאַלן חורבן, וואָס אפילו אונדזער יידישע געשיכטע האָט אַזאַ ניט געקאָנט פאָרויסזען. מיר זײַנען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַנדערע קאָנטינענטן, צווישן אַנדערע פעלקער, אין נײַע באַדינגונגען. די גאַנצע וועלט איז אין אַ פלאָנטער פון גוואַלדיקע ענדערונגען, די גאַנצע מענטשהייט לעבט אין שרעק פון טאָטאַלן אומקום דורך דער וויסנשאַפט.

און יעדער וואָלקן פאַר דער וועלט איז פאַר אונדז אַ כמאַרע, יעדער ווינטל איז פאַר אונדז אַ שטורעם. און ווער ווייס וואָס דער מאָרגן וועט זײַן? ווי דער מאָרגן וועט אויסזען? מיר האָבן ביז איצט געלעבט צווישן פעלקער אָבער פאַר זיך; די גאַנצע וועלט איז געווען צעטיילט אויף שטאַנדן, און מיר זײַנען געווען פאַר זיך אַ באַזונדערער שטאַנד. פעלקער האָבן געלעבט אין דערפער און אין פריצישע הייפן, מיר האָבן געלעבט אָפּגעטיילט פון זיי אין אונדזערע יידישע שטעטלעך. זײַנען די שטעטלעך געווען דורכויס פאַרזיכיקע יידישע פונקטן מיט פעסטע, אײַנגעשטעלטע נאָרמעס און פאָרמעס פון לעבן און קולטור. איז עס געווען... זאָגן אַנדערע — געטאָס, זאָל זײַן. יעדער שטאַנד האָט אייגנטלעך געהאַט זײַן געטאָ, אָבער אין געטאָ איז געווען אַ פעסטע יידישע היים; צרות פון פרעמדע, אינעווייניק אָבער — אַ דורותדיקע פעסטע קולטור, געטאָ, אָדער היים — יעדע היים איז אָפּגעטיילט און אָפּגעצאַמט, פאַר זיך. און אַזוי האָבן מיר געלעבט. איז עס געווען אונדזער אויטאָנאָמיע. האָט זי געקאָנט באַגייסטערן דעם טיפן היסטאָריקער אונדזערן ש. דובנאָוון.

די שטעטלעך אונדזערע האָבן גענומען אײַנפאַלן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אורבאַניזאַציע און די עמיגראַציע. עס האָט זיך גענומען אַלץ ענדערן: נײַע יישובים אין נײַע וועלטן; אויס מיט שטעטלעך, מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין דעם ווירוואַר פון שטעט, ניטאָ מער קיין פויערים און פריצים, און ניטאָ מער קיין באַזונדערער שטאַנד פון יידן; ניטאָ מער קיין באַזונדערע יידישע פאַרזיכיקײַט, ניטאָ מער קיין יידישער שטייגער און קיין באַזונדערע יידישע שפּראַך. האָט זיך אַזוי געצויגן דער איבערגאַנג פון אַלטן צום נײַעם, פון איין תקופה צו דער נײַער. עס איז געווען אַ תקופה פון „צווישן תקופות". האָט דאָס נײַע אורבאַנישע יידישע לעבן פּאַמעלעך זיך געשטאַלטיקט אין די נײַע וועלטן, האָט דאָס אַלטע שטעטל געהאַט איר השפעה אויף דעם נײַעם, די אַלטע עלעמענטן האָבן געפורעמט דאָס נײַע. ביז דער בלוטיקער מבול האָט דאָס אַלטע אויסגעראָטן. ניט נאָר איז אַ דריטל פון יידישן פאָלק אומגעבראַכט געוואָרן, נאָר עס איז חרוב געוואָרן די גאַנצע ירושה פון דער רײַכסטער קולטור־תקופה, איידער די נײַע האָט באַוויזן צו ירשענען. אפילו די אייגענע מדינה האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרדייען די גאַנצע קולטור־ירושה פון דער אונטערגעגאַנגענער וועלט אונדזערער. אַלץ דאָס נײַע איז נאָך אין פאָרעם פון ווערן, פון עמבריאָן, וואָס עס וועט אויסוואַקסן — ווער ווייס?

עס לעבן נאָך רעשטלעך פון די מענטשן פון שטעטלשן דור. עס איז ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד. פאַרוואַקסן איז דער שטח מיט אַלערליי נידעריקע געוויקסן, ביימלעך, קוסטעס, גראָזן, ווילדער ווידערוווקס. נאָר אייניציקע אַלטע

ביימער וויט אָפּגערוקט פון אַנאַנד שטייען ווי מצבות נאָך אַ געדיכטן וואַלד. שטייען זיי און בענקען נאָך דעם געדיכטן אויסגעהאַקטן וואַלד. עס איז זיי אומעטיק אָבער זיי האָפן דאָך אַז פון זייערע זאָמען וועט אַרויסוואַקסן אַ נייַער וואַלד פון יורשים... איז דער אָנהייב פון איבערגאַנג, דער בראשית פון דעם איבערגאַנג, אין דעם אָנהייב פון דער „בין התקופות" אָן ערך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק געווען דער שטורעם און דראַנג־פּעריאָד. אויך ער איז אָנגעוואַקסן פּאַמעלעך. איז אויפן שוועל פון הײַנטיקן יאָרהונדערט געווען דער דור פון „ברעכער און בויער", האָט דער דור געשטורעמט די „אַלטע פעסטונגען". האָט מען כסדר געבויט נייַע פּראָיעקטן, טעאָריעס, פילאָסאָפיעס, נייע באַוועגונגען. זײַנען אויפגעקומען ישוב ארץ ישראל, ציוניזם, עם עולם, סאָציאַליזם, אַ יידישע אַמעריקע, אַ יידישע אַרגענטינע, בונד, סאָציאַליסטישער ציוניזם, נײַע באַוועגונגען; עס האָט זיך ברייט צעגאָסן אַ נייע ליטעראַטור, אַ פּרעסע, ס'זײַנען אויפגעקומען אידעאָלאָגיעס און פּלענער, נײַע וועגן אין דערציִונג, נײַע צײַטן און נײַע לידער. האָט מען זיך געקריגט, דיסקוטירט, געקרייזלט, געפּאַרטייעוועט, געקעמפט, געליטן און בדמיך חיי — נײַע וועלטן זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן. האָבן שטעטלעך קליינע אַרויסגעגעבן גרויסע טרוימער און בויער. אַנשטאָט די פריערדיקע עילויים זײַנען געקומען נײַע. האָבן שטעטלעך געשיקט יינגלעך לערנען אין ישיבות אַרײַן ווי גאָט האָט געבאָטן, און אַרויס זײַנען גאָר קעמפער און שמעטערער. האָט יוגנט געקעמפט מיט עלטערן, מיט גאָט, מיטן צאַר, האָט מען אויפגעבויט אין די נייע וועלטן נײַע פּונקטן. אין אַמעריקע — אַרבעטער־יוניאָנס, פאַרבאַנדן, וואָס זיינען זיך צעוואַקסן און געשטאַלטיקט אַ נײַע אַמעריקע, האָט מען אין וויסטן, חרובן ארץ ישראל וואָס האָט זיך געוואַלגערט בײַם טערק ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, בײַדלעך געבויט, קאָלאָניעס, קיבוצים, טעאָריעס פאַרווירקלעכט, געקעמפט, געשומרט, געקרענקט און ביז עס איז אַ מדינה אויפגעוואַקסן. עס איז געווען אַ דור. האָט דער אַלטער טביה דער מילכיקער פאַרענדיקט זײַן דורותדיק לעבן אין דאָרף, אין קאַסרילעווקע, זײַנען זײַנע קינדער זיך איבער דער וועלט צעפלויגן. האָט דער שלימזלדיקער פּיאָנער פון אורבאַניזם — מנחם מענדל זײַן קאָפּ געבראָכן לויפנדיק פון שטעטל אין שטאָט אַרײַן, כדי זײַנע אייניקלעך זאָלן יאָ מצליח זײַן, אויסלאַכן און פאַרגעסן זייער זיידן; האָט מען אויסגעלאַכט דעם שטעטלשן בנימין דעם דריטן מיט סענדערלען די יידענע מיט זיין ארץ ישראל, און זײַן בענקען האָט זיך טראַנספאָרמירט בײַ די אייניקלעך אין דער מדינה... האָבן די מאָדערנע אייניקלעך נאָך ניט דערטראַכט זיך צו שטעלן אין ירושלים אויפן פּלאַץ פאַר „בניני האומה" אַ דענקמאָל פאַר דעם

בנימינען דעם דריטן, אַ גאַס אין תל אביב וואָס זאָל הייסן רחוב בנימין השלישי. און אפשר דאַרף מען עס גאָרניט, ווייל... און אַלץ וואָס מיר האָבן איז דען ניט אַ ירושה פון די בנימינס און מנחם־מענדלס? דאָס האָט אונדזער קאַסרילעווקע צונויפגענומען איר גאַנצע פּאָטענציעלע ענערגיע און מוט, און אמונה און געטרײַקייט און אָנגעלאָדן מיט דעם אירע זין און טעכטער און זיי איבער דער וועלט צעשיקט — גייט, קינדער, און בויט נײַע יידישע וועלטן. אַלע יידישע שרײַבער און דיכטער, אַלע פירער און דרייער, אַלע טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער איבער דער וועלט — אַלץ און אַלע קומען דאָך פון קאַסרילעווקע. האָט מען געשאַפן נײַע פּילפּולים און נײַע דרשות. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, אַלץ וואָס מיר האָבן געשאַפן — אַלץ וואַקסט פון דער אַלטער קאַסרילעווקע.

אַוועק איז דער דור, זײַן צײַט איז געענדיקט. געקומען אַ נייער דור, אשר לא ידע את קאַסרילעווקע. עס איז שוין אַ דור אויסגעוואַקסן אין אורבאַנישן לעבן. האָט דער דור, דער נײַער, ניט אָנגעזאַפּט זיך מיט די קאַסרילעווקער דורות און מיט זייערע תורות. אײַנגעשטילט זיך דער שטורעם, אויסגעטריקנט דער געוויסער, די טעאָריעס זײַנען פאַרגעסן, די ירושה פאַרלאָרן. דער נײַער אורבאַנישער דור איז גאָר אויסגעוואָרצלט פון זיין אַלטן באָדן, ער איז אַרייַנ־געשטעקט אין פרעמדע באָדנס, אויך דאָרטן אָן וואָרצלען, אַריבערגעפלאַנצט אין דער פרעמד, אָבער ניט אַקלימאַטיזירט. האָט מען פאַרלאָרן דעם אימפּעט, אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב פון אחריות פאַרן כלל. עלטערן האָבן געפּראַ־צעוועט און זיי ווילן זיך רוען. „זיי, די יונגאַטשעס, מיינען אַז תל אביב איז זיי פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ פאַרטיקע מיט רחוב דיזנגוף אפילו", האָט זיך געקלאָגט אַן אַלטער פריזירער אין תל אביב. „וואָס ווייסן זיי וויפל איך מיט דודן (געמיינט בן גוריון) האָבן מיר זיך דאָ אָנגעבידעוועט?"... ניטאָ מער קיין נײַע אידעען, אידעאָלאָגיעס. די נײַע יוגנט טומלט ניט, רעשט ניט, בויט ניט קיין חלומות, שאַפט ניט קיין טעאָריעס. מען האָט ניט אַרײַנגעשמעקט אין די אַלטע גמרות פון די זיידעס, מען האָט ניט קיין אָנונג פון די גמרות פון די טאַטעס. מען האָט זיך אָנגעלערנט מיט אַלע קורסן, אָפּגעגעבן אַלע עקזאַמענס און געפּטרט, לאָזט מאַכן אַ לעבן... האַלטן זיך נאָך רעשטלעך פון אַלטע טעאָריעס, ווייל קיין נייע זיינען ניטאָ, ניטאָ ווער עס זאָל זיי שאַפן. איז שטיל אויף דער יידישער גאַס.

אָבער פאַרוואָס אַזאַ אונטערשייד צווישן צוויי נאָענטע דורות? פון וואַנען דער תהום צווישן זיי? פאַרוואָס אַזאַ פאַרלאָרנקייט, אַז עס זײַנען אפילו ניטאָ קיין טעאָריעס? ווו איז די שעפערישקייט פון פאָלק? זײַנען דען אויסגעשעפּט די וויטאַלע כוחות פון יידישן פאָלק? זײַנען אַטראָפירט די געדאַנקען און דאָס

פאָלק קען ניט באַנייען, איבערבויען זײַנע אַלטע אידעאָלאָגיעס אין זײַנע נײַע באַדינגונגען?

איך וויל גלייבן, אַז דאָס יידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן. אָבער דער קריזיס איז שווער און שטאַרק און ער שוואַכט אָפּ די שעפערישע כוחות פון פאָלק אומעטום, אין דער גאַרער וועלט. מיר לעבן אין אַ מאָמענט, ווען עס זײַנען בײַ אונדז איצט ניט קיין צוויי דורות, נאָר צוויי אָפּגעהאַקטע וועלטן. דער דור וואָס פאַרגייט האָט פאַרענדיקט אַ תקופה, וואָס איז געווען און איז מער ניטאָ. דאָס איז די תלמודיש-שטעטלשע תקופה. זי איז געענדיקט, אויסגעלעבט, אויס־געגאַנגען פּאַמעלעך און דערשטיקט רוצחיש איידער די נײַע תקופה האָט די ירושה איבערגענומען. איז דער נײַער דור אויך אַ דור אָן וואָרצלען, אויסגע־וואָרצלט פון דעם אַלטן באָדן און ניט אײַנגעוואָרצלט אין קיין נײַע באָדנס. ער הייבט אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אָן פונדאַמענטן, פון דאָס נײַ.

וועלן מיר אָנמערקן די אונטערשיידן:

1. תלמודיש איז געווען דער גײַסט, דער אינהאַלט פון נשמה, דער אַרט דענקען, דער וועלט-באַנעם, דער קאָלעקטיווער „איך" פון פאָלק.

שטעטל איז געווען דער סאָציאַלער באַזיס, דער עקאָנאָמישער יסוד, די גאַנצע אָפּגעזונדערטע פאַרזיכיקע אומאָפּהענגיקייט. יעקב און עשו — צוויי נאָנטע שכנים און צוויי ווייטע וועלטן און צווישן זיי אַן אָפּשטאַנד פון הונדערטער יאָרן.

2. צוויי באַזונדערע ווײַטע קולטורן און טראַדיציעס אין גאַנצן אומ־אָפּהענגיק פון אַנאַנד.

3. אַ באַזונדערע פאַרזיכיקע שפּראַך, און באַזונדער דער גאַנצער פאָל־קישער אינהאַלט וואָס ליגט תמיד אין אַ שפּראַך און וואָס קומט ניט אַפילו אַרויס אין שריפט, די גאַנצע בעל-פה-קולטור, וואָס פון איר וואַקסט אַרויס אַ שריפט־קולטור.

4. אַ באַזונדערע פאַרזיכיקע מאָנאָליט-יידישע דערציִונג אין די היימען, אין דער גאַס און אין שול, אין לערנען. פון קינדהײַט ביז דערוואַקסנקײַט און ביזן טויט.

5. יעדע שטעטל — אַ באַזונדערער סאָציאַלער איינס, אַ קהילה מיט אַן אייגענער טראַדיציאָנעל-פעסטער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון גאַנצן ציווילן לעבן, סאָציאַלע הילף, צדקה, קולטור, יוריסדיקציע, אַלץ פאַר זיך.

6. אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לעבן, אויסער די ראַמען פון יידנטום,

זײַנען פּאָר אַ יידן סיי ווי געווען געשלאָסן. פון געבוירן ווערן ביז דעם טויט — נאָר אַ ייד צווישן יידן. קיין שום מעגלעכקייט ניט פאַר סוספּענסיע אין ניט יידישן לעבן אַרײַן.

7. אָן ענגער קאָנטאַקט צווישן די באַזונדערע סאָציאַלע שטעטלשע איינסן איבער דעם גאַנצן לאַנד און אפילו איבער לענדער. צי די פאַרבינדונג איז געווען מיט אַ וועד אָדער אָן אַזאַ, אָבער די פאַרבינדונג און דער אויטאָריטעט איז געווען.

8. און דער שטח איז געווען אַ גאָר גרויסער, פון דעם באַלטישן ים ביז דעם שוואַרצן, פון דעם רײַן ביז דעם דנעפּער אין מזרח. איז דער „ישראל ערבים זה בזה און זה לזה" גילטיק געווען אין לעבן, ניט בלויז אין פּראַזע. און יעדער פרייד און לייד פון איין קליינעם ישוב האָט באַלד אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער יידיש-וועלט. אָן טעלעגראַף און אָן פּרעסע. איין פאָלק — איין פאָלקיש געפיל, און איין פאָלקיש געדאַנק.

9. אַרום די יידישע פאַרזיכיקע שטעטלעך האָבן געלעבט סובאָרדינירטע פעלקער, יידן אַסימילירן זיך נאָר מיט הערשנדיקע פעלקער, ניט מיט קיין סובאָרדינירטע. און אַזוי האָבן יידן געלעבט לאַנגע דורות, האָט זיך אויסגעאַרבעט ניט בלויז אַ קולטור אָן איינהייטלעכע, נאָר אויך אַ פּסיכיק, ניט בלויז אַן אַרט לעבן, נאָר אויך אָן אייגענער אַרט דענקען. האָבן יידן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק, אפילו אָן ווערטער, אָן רייד, האָבן יידן זיך מיטגעפילט, ווי עס פילן זיך אַלע אָרגאַנען אין איין אָרגאַניזם. זײַנען טאַקע יידן געווען אַ גאַנץ פאָלק סאָציאַל, יורידיש, פּאָליטיש, קולטורעל, שפּראַכלעך און גײַסטיק-עמאָציאָנעל.

גאָר אַנדערש איז עס איצט. דער יחיד איז עמאַנציפּירט פון יידישן כלל. יעדער ייד באַזונדער איז אײַנגעגלידערט אין אַלגעמיינעם ניט יידישן לעבן. אַלץ איז פאַרקערט: יידן לעבן אומעטום צווישן הערשנדיקע פעלקער, ניט קיין סובאָרדינירטע; דער שטח פון דעם אמאָליקן „יידיש-לאַנד" איז שטרענג צעשניטן, צעווירעט, צעגרעניצט פון לענדער און פאַרזיכיקע מדינות. ער איז איצט נאָך כמעט ווי אויסגעליידיקט פון יידן. זיינען יידן צעשאָטן אין נײַע ישובים, אַרײַנגעטריפט טראָפּנס אין פרעמדע ימים. צווישן איין יידישן לאַנד-ישוב און דעם צווייטן ציען זיך גרעניצן ניט בלויז פּאָליטישע נײַערט שפּראַכלעכע און יורידישע און קולטורעלע. דאָס גאַנצע, איינהייטלעכע יידישע פאָלק איז צעבראָכן, צעשפּליטערט מיט שוואַכע קאָנטאַקטן צווישן די שטיקער. יעדער ייד איז באַזונדער אַרײַנגעפּאַסט אין לעבן פון דער ניט יידישער סביבה. גרויסע טיילן פון דעם יינגערן דור זײַנען קולטורעל און עקאָנאָמיש אַרײַנגעוואַקסן אין דער ניט יידישער

סביבה, שוין אויך סאָציאַל און שפּראַכלעך. די שטייגערישע באַהעפטונג צום יידישן פאָלק ווערט איבערגעריסן צוליב דעם פרעמדן לוח פון אַרבעט און רו, די ריין טעאָרעטישע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אייגענעם יידישן פאָלק ווערט אויך אָפּגעשוואַכט כסדר. ווערן במילא איבערגעריסן די קאָנטאַקטן פון יעדער יידישן יחיד מיט זײַן פאָלק. די פעדעם וואָס פלעגן אַמאָל פאַרבינדן יעדן יחיד מיט דעם יידישן כלל, פאַרבינדן איצט דעם יידישן יחיד דווקא מיט דעם פרעמדן, ניט יידישן כלל. אַמאָל האָט אַ ייד געדאַרפט אָנשטרענגען דעם גאַנצן כוח פון זיין ווילן, כדי אַרויסצוגיין פון יידישן כלל, כדי צו דענקען אַנדערש, פאַר זיך, כדי אַריבערצוגיין אין אַ פרעמדן כלל. איצט איז עס אַלץ פאַרקערט: לויט זײַן שפּראַך, זײַן דערציִונג, זײַן סביבה, זײַנע ציווילע פאַרבינדונגען, לויט זײַן וויסן און קולטור — לויט אַלץ איז דער יידישער יחיד אַרײַנגעלעבט אין דעם ניט יידישן כלל. כדי צו זײַן אַ ייד, כדי צו בלײַבן אַ ייד, דאַרף ער אָנשטרענגען זײַן גאַנצן ווילן, זײַן באַוווסטזײַן.

דאָס איז דערווײַל דאָס בילד פון דעם נײַעם יידישן שטייגער אין דער תקופה פון אורבאַניזם.

הייסט עס אַז די אסימילאַציע איז אומפאַרמיידיק? אַז עס קען מער ניט זײַן קיין לעבן פון אַ יידיש פאָלקישן כלל? אַז דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער אין דער וועלט? אין דער גאַנצער וועלט אַחוץ דער אייגענער מדינה? און ווי וועט זיך קענען האַלטן אַזאַ קליין מדינהלע אין אַ וועלט פון בלוטיקע שונאים אַרום אָן דער שטיצע פון דעם גאַנצן יידישן וועלט־פאָלק? הייסט עס דען אַז דער גורל איז געחתמעט? אַז די לאַנגע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק ענדיקט זיך? קיינס פון די אַמאָליקע גרויסע און מעכטיקע פעלקער, וואָס אונדזער פאָלק איז אײַנצײַטיק מיט זיי אַרויס אויף דער וועלט־אַרענע, קיינס פון זיי איז ניט געבליבן, אַלע זײַנען שוין לאַנג אויף דעם בית עולם פון פעלקער. האָבן מיר געלעבט ביז איצט, געליטן ביז איצט, נאָר כדי די גרויסע קריסטלעכע וועלט פון ליבע און גנאָד זאָל האָבן אויף וועמען צו פּראַקטיצירן איר בלוטדורשטיקייט? און איצט ווען דער אַטאָמישער חורבן הענגט איבער זיי אַליין, איבער אַלעמען, און זיי דאַרפן שוין אונדז ניט, איצט קען שוין די וועלט פון אונדז פּטור ווערן?...

אָ, ניין די וועלט ווערט פון אונדז ניט פּטור: יידן קענען זיך אַסימילירן ביז גאַר, זיי קענען זיך אויסיידישן, פאַרגעסן זיך אַליין, פאַרלירן יעדן אָנדענק פון פאָלק, אָבער יידנטום בלײַבט, די וועלט ווערט ניט פּטור פון אונדז.

יידן אַסימילירן זיך ניט, יידן צעלאָזן זיך ווי צוקער אין וואַסער. אַז דאָס עסן אַסימילירט זיך אין אָרגאַניזם, קען עס מער פון אים ניט אויסגעטיילט ווערן

צוריק. צוקער אָבער אַז עס צעלאָזט זיך אין וואַסער, קען עס ווערן אַרויסגעטיילט צוריק. עס פאַרלירט, דאַכט זיך, אַלע סימנים פון צוקער, מען זעט עס מער ניט, עס איז פליסיק צוזאַמען מיטן וואַסער. עס איז אָבער געגוג עס זאָל זיך עפּעס ענדערן און דאָס וואַסער שיידט אַרויס דעם צוקער, ער זעצט זיך אָפּ באַזונדער. דאָס וואַסער האָט אים אַרויסגעשטויסן...

ווען עס איז פאַראַן אין אַ סך וואַסער אַ ביסל צוקער, קען עס בלײַבן לאַנג. צעלאָזט. איז אָבער פאַראַן צו פיל צוקער, איז די צעלאָזונג „איבערגעזעטיקט", ווי די פיזיק רופט עס אָן, קען זיך שוין דער צוקער ניט צעלאָזן מער, בלייבט דער צוקער ניט צעלאָזט אין וואַסער אפילו. אָך און ווי צום צוקער — ער איז נאָס און ווייך, קענסט אים גאָר גרינג צערייבן, צעברעקלען, אָבער ער איז שוין ניט מער איינס מיטן וואַסער... דאָס איז דער נמשל: גרויסע יידישע קיבוצים, גרויסע ישובים קענען זיך ניט אַסימילירן, זיי ווערן צעלאָזט, זיי פאַרלירן די האַרטקייט, און די פעסטקייט פון יידישקייט, זיי זײַנען פאַרוואַסערט, אָבער זיי זײַנען מער ניט אין וואַסער, צוזאַמען מיטן וואַסער...

איז דער ייד פון היגן, אַמעריקאַנער דור, אין די נייע ישובים בכלל „צעלאָזט" אין דעם ניט יידישן אַרום, זײַן אַרבעט און חיונה, זײַן קולטור, זײַן וויסן און פאַרברענגען, אַלץ איז גענומען פון דעם פרעמדן הערשנדיקן פאָלק. עס איז גאָר ניטאָ קיין באַזונדערע יידישע סביבה. אויך די היים איז פאַרפלייצט מיט פרעמדס פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע, פון צײַטונג, פון אַלץ. יידישקײַט דאַרף זיך דער ייד אין די נייע ישובים דערמאָנען (און מען דערמאָנט אים פון דער פרעמד). און אָפט איז ניטאָ קיין צייט זיך צו דערמאָנען. דאָס אויסגעלערנטע ביסעלע יידישקײַט ווערט פאַרגעסן. עס איז לכתחילה געווען קנאַפּ. מיט דער צײַט אָבער, אַז מען נוצט ניט, מוז זיך פאַרגעסן. עס איז תמיד מער פעסטקײַט פאַראַן אין אַ פּאָר מנינים עמאַרצישע יידן וואָס לעבן און פירן אַ פעסטן טראַדיציאָנעלן שטייגער, איידער אין אַ פּאָר מנינים אינטעליגענטע יידן מיט יידישן וויסן, וואָס פירן ניט קיין יידישן שטייגער. האָט אָבער דער ייד אין די נײַע ישובים נאָך אַ מקור פון יידישקײַט. ס׳איז אַן אומוויליקער, אפילו אָפט אַן אומגעוווּנטשענער מקור. דאָס איז די איינגעוואָרצלטע טראַדיציע פון לאַנגע דורות, וואָס נעסטעט טיף אין דעם אונטערבאַוווּסטזײַן. איר קומט אַמאָל אויף אַ צוזאַמענקונפט פון סנאָביסטישע יידן, וואָס שטאָלצירן מיט זייער ענגלישקייט, למשל. אָבער אַז קיינער שטערט זיי ניט, און זיי דערהערן אַ יידישן וויץ, זיינען זיי זיך מחיה... דאָס האָט זייער אונטערבאַוווּסטזיין אָפּגעהילכט.

אָבער איך גלייב ניט אַז אָט די „איינגעבאָרענע" יידישקייט איז

געגעטיש, פאַרבונדן מיט געגען וואָס גיבן זיך איבער בירושה ביאָלאָגיש. דערפאַר גלייב איך ניט, אַז אָט די יידישקייט קען זיך האַלטן לאַנגע דורות... סיידן די סביבה ווערט „איבערגעזעטיקט" מיט יידן און זי זעצט זיי אַרויס. ווי עס טרעפט זיך כסדר. די מורא פאַר דער „איבערזעטיקונג" ביי די גויים, לעבט כסדר ביי די יידן וואָס באַגערן זיך צו צעלאָזן אין דער פרעמדקייט. אָט די מורא גופא איז פאַר זיך אַ פאַקטאָר פון יידישקייט. איז אָן ספק פאַראַן פאַרוואָס מורא צו האָבן, אָבער אָך און וויי צו דער יידישקייט וואָס קומט פון אַזאַ מקור.

דער סוף פסוק איז, אַז אין שטעטל איז דאָס לעבן פון יעדער יידישן יחיד געפלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם געלעגער פון יידישן לעבן־שטראָם בכלל. ביי דעם היגן יידן אָבער שטראָמט דאָס לעבן פון יחיד מיטן שטראָם פון אַלגעמיינעם ניט יידישן לעבן. דאָס יידישע איז אין בעסטן פאַל אַ קליינער ביישטראָם, וואָס טריקנט גאָר אָפּט אויס. עס איז אַלע מאָל געווען שווער צו זיין אַ ייד. אָבער די שוועריקייטן זיינען געווען דרויסנדיקע: אַ ייד האָט געהאַט שוועריקייטן, געליטן צרות ווייל ער איז אַ ייד, אָבער די יידישקייט גופא פאַר זיך איז געווען גרינג, גרינג און ליב. דער ייד אָבער פון די נייע ישובים — פאַר אים איז די יידישקייט גופא אַ שווערער יאָך, אפילו ווען פון דרויסן מאַכט מען אים ניט קיינע שוועריקייטן. איז דער ייד אין דער פריערדיקער תלמודיש־שטעטלשער תקופה געווען מיט זיך גאַנץ, ער איז געווען ביי זיך צופרידן מיט זיין יידישקייט. מער ניט שונאים פון דרויסן האָבן אים געמאַכט „שווער צו זיין אַ ייד". דער ייד אָבער היינט טראָגט דעם שונא אין זיך, ער איז אַליין מיט זיין יידישקייט ניט גאַנץ, ער טראָגט זיין יידישקייט ווי עפּעס אַ צוגאָב וואָס ער איז מיט דעם ניט צופרידן. ביי די טאַטעס איז די יידישקייט אינעווייניק און די שוועריקייטן — פון דרויסן. ביי די קינדער איז די יידישקייט פון דרויסן צוגעקומען, דערפאַר אָפּהענטיקייט און קאָנפליקטן. עס איז געוואָרן שווערער ניט דאָס זיין אַ ייד צווישן שונאים פון דער וועלט, נאָר עס איז געוואָרן שווער פאַר זיך אַליין צו טראָגן די יידישקייט. מיר האָבן זיך נאָך ווייט ניט אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון פון אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן: מיר האָבן ניט נאָר פאַרלאָרן אַ דריט־חלק פון פאָלק. עס איז ביי די געבליבענע צוויי דריטל אויסגעטריקנט געוואָרן דער דורותדיקער קוואַל פון שעפערישקייט, עס איז פאַרמאַכט געוואָרן דאָס ספר החיים פון פאָלק, פון טויזנט יאָר שעפעריש לעבן. ערשט קנאַפּע הונדערט יאָר ווי די שעפערישע שכינה פון יידישן פאָלק האָט גענומען ציען יניקה פון דריי קוואַלן און דאָס זיינען זיי:

יידישע ספרים — די אָנגעשפּייכלערטע אוצרות פון אונדזערע אַלע דורות,

דאָס איז אונדזער ירושה־רײַכקייט וואָס בכתב; דאָס איז ניט נאָר דער „ים התלמוד", מיר פאַרמאָגן נאָך און נאָך אַזוינע און פאַרשיידענע ימים!

דער צווייטער קוואַל איז אַ מין „אונטערערדישע שטראָמען", וואָס זייערע קלאָרע קילע וואַסערן שטראָמען באַשיידן פון אונטער דער ערד, וואָס מען שעפּט פון טיפע ברינימער צו באַוואַסערן און באַפרוכפּערן דעם באָדן אויפן אויבערפלאַך. עס איז געווען בײַ אונדז אין די שטעט און שטעטלעך אוצרות פשוט פאָלקסלעבן, חכמה און נאַרישקייט, בערדיטשעוו און כעלם, ליבאַוויטש און ווילנע, עס איז געווען קאַסרילעווקע און שיינע־שיינדל און ר׳ יוזפל דער רב. און פון דאָרטן טאַקע זײַנען געקומען כסדר נײַע און נײַע שעפער און מען האָט געשעפּט פון די קוואַלן. מען האָט אַט דעם אונטערערדישן אַרץ אין קונסט געפורעמט, צו באַפרוכפּערן דעם באָדן פון נײַע דורות — אַן אייביקער פּראָצעס פון וואַקסן. — דאָס איז געווען דער צווייטער „ים החיים" — די „בעל פה־קולטור" פון אַ קולטור־רייכן פאָלק.

און דער דריטער קוואַל איז געווען — דעם ים פון דער וועלט־קולטור, וואָס אונדזערע שעפער און שעפער האָבן ערשט אין לעצטן יאָרהונדערט גענומען שעפּן און שאַפן.

אַלע דריי ימים זײַנען אונדז אויסגעטריקנט, אויך פאַר די געבליבענע צוויי דריטל פון פאָלק. אָרעם, נאַקעט זײַנען מיר געבליבן!!.

עס קומט אויס אַ מאָל צו זיצן און זען און הערן ווי עס קומען זיך צונויף יידן פון דריטן און פערטן דור אין די נייע ישובים אין פּראַקטיק געבויטע זאַלן און מען רעדט נאַציאָנאַלע רייד אין פרעמדע שפּראַכן... דו קוקסט און זעסט און טראַכסט: אָ, איר בעטלערס מיט רײַכע קעשענעס! איר פאַרמאָגט דאָך נאָר האַרטע אָרעמע גראָשנס, אָנגעזשעברעוועט פון פרעמדע נדבות! איר לעבט דאָך נאָר מיט ברעקלעך געקליבענע פון פרעמדע טישן!..

אָט אַזוי זײַנען מיר אַרויס די געראַטעוועטע פון דער גרויסער שרפה. דאָס איז דער חשבון פון אונדזער חורבן.

עס האָט זיך געענדיקט אַ תקופה, אַ גאָר רײַכע תקופה אין אונדזער געשיכטע. די תקופה פון אונדזער „תלמודיש־שטעטלשער קולטור". געענדיקט? — ניין, אָפּגעהאַקט מיט דער האַק פון רוצחים־פעלקער, וואָס צום אומגליק איז אונדזער אייביק בעטן „שפוך חמתך" ניט מקוים געוואָרן און עס ווערט ניט מקוים...

גייען מיר אונטער ווי אַ פאָלק? —

ניין! די וועלט, די גוטע מענטשהייט, וועט אונדז ניט לאָזן אונטערגיין:

זיי דאַרפן האָבן דעם אייביקן אַהאַספער וועמען צו שלאָגן מיט פאַרגלאָצטע פרומע אויגן, מיט טיפזיניקע פילאָסאָפיעס און הויכע וויסנשאַפטן, מיט טעכניק, און...

ווי מען דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף גוטס, אַזוי דאַרף מען אויך אַ ברכה מאַכן אויף שלעכטס... אַזוי האָט מען אונדז אַמאָל נאָך געלערנט. און נאָך אַ תורה האָבן מיר פון אַ מאָל: זײַט זיך ניט מייאש פון צרות און אומגליקן...

געענדיקט די תלמודיש־שטעטלשע תקופה און עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. ווי עס וועט זיין איר אויסזען און איר אינהאַלט — ניטאָ דערווײַל קיין נביא. דערווײַל זײַנען די אויגן פון אַלע זוכנדיקע קינדער פון יידישן פאָלק געהויבן צו יענעם קליינעם ווינקל אויף דער ערד ווו עס שמידט זיך אָן אייגענע מדינה. זי בלאָנקעט נאָך דערווײַל גײַסטיק, זי זוכט נאָך איר וועג, זי שעפּט נאָך ניט פון אַלע דרײַ קוואַלן. אָבער אני מאמין, אַז זי וועט קומען און יאָ שעפּן און שאַפן!

דאָס איז די אורבאַנישע תקופה ווי אין דער מדינה אַזוי אויך אין די גלותן. און די תקופה הייבט אָן פון בראשית. אָדער זי וועט שעפּן פון די קוואַלן און שאַפן, אָדער זי וועט זיין אַן אָרעמע אלף בית־תקופה וואָס הייבט ערשט אָן טראַף.

פון תקופה צו תקופה

ניט דאָס ערשטע מאָל מאַכט אונדזער פאָלק דורך אַזאַ איבערגאַנג פון איין קולטור־תקופה צו דער צווייטער. און אַלע מאָל איז דער איבערגאַנג אַ שווערער קריזיס. עס איז אַ צײַט אַ פּלאָנטער, אַ צעטומלטקייט, אַ „מבוכה״. יעדער איבערגאַנג איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס וואָס ציט זיך אויף יאָרהונדערטער.

דער ערשטער איבערגאַנג פון קנעכטשאַפט צו פרײַהייט, פון מצריים, איז געווען אַזאַ מבוכה, ווי דאָס זאָגט עדות גאָט אַליין אין חומש „כי נבוכים הם בארץ״. און די מבוכה ענדיקט זיך ניט מיטן סוף פון וואַנדערן. דאָס גײַסטיקע וואַנדערן דויערט אַ סך לענגער. דער גרויסער פירער משה האָט אין זײַן חלום פאָרויסגעזען זײַן אידעאַל, דאָס פאָלק אָבער האָט ניט געוווסט און ניט פאַרשטאַנען וווהין, צו וואָס? וואָס איז דער זינען? וואָס וויל ער, אָט דער משה?

בײַ דעם צווייטן איבערגאַנג — דעם ערשטן חורבן האָט די מבוכה אויפגעגעסן די גרעסטע מערהייט פון פאָלק — די צען שבטים און מסתמא אויך ניט קיין קליינע טיילן פון דעם יהודה־פאָלק. ביי דעם דריטן איבערגאַנג

האָט אויך דער פלאָנטער — די מבוכה אויפגעגעסן גרויסע טיילן פון פאָלק, עס איז געווען די „שינאת חינם". וואָס אויב זי האָט ניט געבראַכט, איז לכל הפחות — האָט זי דערנענטערט דעם חורבן. אַזוי פסקנט אַ גמרא ריכטיק!

ביים סוף פון אונטערגאַנג פון דער ספרדישער תקופה האָט עס דער רמב"ם געשריבן זיין „מורה נבוכים". און ביים אָנהייב פון אונטערגאַנג פון אונדזער מערב־אייראָפּעיִשער קולטור, האָט צונץ אָנגערופן דאָס ווערק פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינד רנ"ק „מורה נבוכי הזמן". דער זעלביקער רנ"ק און נאָך מער, דובנאָוו, האָבן פאַרפעסטיקט דעם געדאַנק פון די תקופות אין אונדזער געשיכטע. אייגנטלעך איז נאָך אין גמרא פאַראַן אַ ווונק אויף דעם. אין יעדער תקופה פירט אונדזער געשיכטע נאָר איין שבט. ער איז דער „העגעמאָן", דער פירער. און ווען דער העגעמאָן פון איין תקופה גייט אונטער, דעמאָלט קומט אַ נייער העגעמאָן. אויך דאָס איז אָנגעדייט אין אַ גמרא: עס פאַרגייט די זון פון איין ישוב און עס שיינט אויף די זון אין אַ צווייטן. דער גאַנצער גלויבן אין אונדזער אייביקייט איז ניט מער ווי אַ לעגענדע: יעדער אַלטער העגעמאָן וואָס גייט אונטער איז מער ניטאָ. נאָך ניט געווען קיין תחית המתים פון אַן אונטער־געגאַנגענעם העגעמאָן־שבט און קיין שום אַמאָליקע קולטור איז נאָך ניט אויפגע־שטאַנען קיין תחית המתים. יעדער העגעמאָן הייבט אָן זיין קולטור פון אלף בית. עס איז לגמרי ניט ענלעך די קולטור פון איין תקופה צו דער קולטור פון אַ וואָסער עס איז פריערדיקער תקופה. יעדער תקופה מיט איר קולטור. איין תקופה ירשנט די קולטור פון דער פריערדיקער, אָבער חזרט ניט איבער די זעלביקע. איז די תלמודישע קולטור אַ יורשטע, אַ המשך פון דער תנך־קולטור, אָבער זי איז בשום אופן ניט אידענטיש, ניט די זעלבקע. מיר וועלן טאַקע דאָ קעגנשטעלן ביידע קולטורן און פאַרגלייכן די פונקטן.

תנך־תקופה	תלמודישע תקופה
1. גאָט איז דער צענטער פון דער גאַנצער קולטור. ער פירט די וועלט לויט זיין אומבאַגרענעצטן ווילן.	1. ניט גאָט נאָר די תורה ווערט דער צענטער. די תורה פאַרפליכט אויך גאָט. זי הערשט איבער גאָט, ער קען ניט ענדערן.
2. דער יידישער גאָט האָט נע־מען, פערזענלעכע נעמען, אויסצו־טיילן אים פון אַנדערע געטער.	2. פון תלמוד אָן זיינען ביי יידן ניטאָ קיינע פערזענלעכע נעמען פאַר גאָט. ער דאַרף ניט קיין פריוואַטע נעמען.

3. עס פירן דאָס פאָלק די מלכים, כוהנים, נביאים.	**3. עס פירן דאָס פאָלק נאָר די תורה־אויטאָריטעטן חכמים, רבנים.**
4. דער קיום פון פאָלק איז באַזירט אויף דער מדינה, לאַנד.	**4. דאָס פאָלק האָט זײַן קיום ניט מיט אַ מדינה, נאָר מיט זײַנע תורות.**
5. די תורה איז געגעבן, מעמד הר סיני.	**5. די תורה ווערט געשאַפן אין פאָלק: תלמוד־תורה — אַ שטענדיקער פראָצעס אין דער אייביקייט אַרײַן, וואָס טאָר ניט אויפהערן.**
6. געטלעכער באַרג, הייליקע ערטער.	6. ניט מער הייליק דער באַרג סיני. סיני איז יעדער גרויסער לערנער. „סיני ועוקר הרים".
7. דער ארון הברית, מיט די לוחות און אַנדערע מאַטעריעלע הייליקײַטן.	7. אַנולירט אַלע מאַטעריעלע הייליקײַטן. באַהאַלטן דעם ארון הברית.
8. אַנטראָפאָמאָרפישע אויסדרוקן וועגן גאָט.	8. אַ שטרענגע מלחמה קעגן אַזוינע באַגריפן.
9. בית המקדש, ריטואַל, קרבנות.	9. בית מדרש, תלמוד תורה, תפילה, דינים, הלכה.
10. הייליקייט קומט פון גאָט, ווי אַ מתנה זײַנע, אַ חלק פון גאָטס הייליקייט.	10. גאָר די הייליקײַט איז פון מענטשנס לעבן און זײַן אויפפיר לויט דער תורה.
11. גאָטס שטראָף איז געווענדט קעגן דעם לאַנד און פאָלק, ניט קיין אינדיווידועלע לוין און שטראָף.	11. השגחה פרטית, גיהנום און גן עדן, עולם הבא, לעתיד לבא, תחית המתים. אינדיווידועלע אחריות.
12. אינדיווידועלע שאַפונגען פאָעזיע, פילאָסאָפיע ווערן פאַרהייליקט און צוגעשריבן פאַרצייטיקע אויטאָריטעטן.	12. אָפגעשניטן די תנך־שאַפונגען, באַזייטיקט גאָר אַ סך ספרים.
13. אין די לעצטע תנך־שאַפונגען איז ניט קענטיק דאָס לעבן פון פשוטן פאָלק, זײַן געמיט. עס איז אינדיווידועל, אינדיווידועלע שאַפונגען.	13. זיך געווענדעט צום פשוטן פאָלק, צו זײַן שפראַך, צו זײַן שטייגער, צו זײַנע פאָרמען און דאָס פאַרוואַנדלט אין הייליקע תורות.

14. גאָט רוט אין ציון, דינען אים נאָר דאָרטן.

14. דאָרטן ווו יידן נוצן תורה אין לעבן (שימוש תורה) דאָרטן איז הייליק, דאָרטן איז די שכינה.

15. גאָט רעכנט זיך מיט די מצריים, זיי טרינקען זיך אין ים. יידן טאנצען און זינגען, און גאָט איז צופרידן.

אין מלחמה דאַרף מען אָפּט אומברענגען אַלע שונאים. „לא תחיה כל נשמה״.

15. די מצריים טרינקען זיך, און די מלאכים ווילן זינגען שירה, דערלויבט ניט גאָט: די „שאפונגען פון מיינע הענט טרינקען זיך, און איר ווילט גאָר זינגען!...״

מען טאָר גאָרניט בעטן קיין סוף אויף די זינדיקע. מען דאַרף אַ סוף צו די זינד, אָבער ניט צו די זינדיקע.

16. אַ סך מאָל טויטשטראָף פאַר אַ סך עבירות. אָפּהאַקן די הענט פאַר אַ באַשטימטער עבירה, עין תחת עין.

16. אַ סנהדרין וואָס האָט איין מאָל אין זיבעציק יאָר פאַרמישפּט אַ מענטשן צום טויט, איז אַ רוצחישער. ניט אַ גליד פאַר אַ גליד, נאָר באַצאָלן מיט געלט.

17. דוד אין תנ״ך — אַ העלדישער מלחמה־פירער.

17. דוד זיצט און לערנט הלכה, ער האָט ניט געזינדיקט.

18. אברהם אין חומש.

18. אברהם איז מקיים אַלע הלכות אפילו אן ערוב, די אבות שיקן זייערע זין אין אַ ישיבה לערנען. אברהם — דער מכניס אורח, ער איז זיך מוסר נפש פאַר גאָט, גייט דערפאַר אין קאַלך־אויוון, באַקעמפט אַלע מאַטעריעלע געטער. ממש אַ סימבאָל פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע. „מעשי אבות — סימן לבנים״.

19. גאָט שפּאַצירט „לרוח היום״, ער רעדט צו אַלעמען. שפּעטער הערט דאָס פאָלק גאָטס וואָרט נאָר פון די נביאים, ניט דירעקט.

19. גאָט לערנט תורה צוגלייך מיט חכמי־התלמוד. ער אַנטפּלעקט זיך גאָרניט. בלויז די שכינה, בלויז רוח הקודש. גאָר זעלטן — אַ בת קול.

און אַזוי איז אַוועק אַ נייע קולטור־תקופה, וואָס איר סימבאָל איז „בבל״, ניט ווי אַ רעוואָלט און אָפּוואַרפן, נאָר פאַרדייט און פאַרוואַנדלט אין בלוט

און פלייש פון דער קולטור אין דער נײַער צײַט און נײַע ערטער. די שכינה פון פאָלקס שעפערישקייט גייט מיטן פאָלק אין אַלע זײַנע גלותן, אומעטום און אַלע מאָל געשטאַלטיקט זיך דעם פאָלקס גײַסט אין נײַע פאָרמען און אין נײַע שאַפונג. די קולטור ווערט געשמידט, געהאַקט פון טונקעלן אַרץ פון פשוטן לעבן פון פשוטן פאָלק. דאָס פאָלקישע לעבן און דאָס פאָלקישע לשון ווערן דעם פאָלקס תורה.

איז ווידער אויפגעקומען די תקופה פון ספרד מיט איר גאָר הויכער קולטור. זי איז אונטערגעגאַנגען אָן דירעקטע יורשים, דערפאַר וואָס זי איז לכתחילה געווען געשעפּט ווייניק פון די אייגענע טיפע אַרצן פון פשוטן פאָלקס לעבן.

דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט ביי דעם איבערגאַנג פון אשכנז צו מזרח־אייראָפּע: ירושה פון בבל (תלמוד), פון פאָלקס לעבן פאַרן פאָלקס פאַרזיכיק לעבן און אייגן יידיש לשון. שפּעטער איז דאָ נאָך צוגעקומען דער דריטער קוואַל: געשעפּט פון דער גאַנצער וועלט און פאַרדייט אָרגאַניש אין דער אייגענער יידישער קולטור. דאָ האַלטן מיר איצט, אין אונדזער הײַנטיקער מבוכה, אין דעם „צווישן־תקופות" פון אונדזער הײַנט.

די נייע אורבאַנישע תקופה

ווי אָבער וועט זי אויסזען די נײַע תקופה וואָס קומט אָן פאַר אונדזער פאָלק, וואָס וועט קומען אויב די וועלט וועט ניט אומגעבראַכט ווערן דורך דער געבילדעטער מענטשהייט? קיינער איז ניט קיין נביא, אָבער מיר קענען און מעגן און מוזן עפּעס פאַראויסלערנען פון אונדזער געשיכטע. מיר נוצן די געשיכטע ניט סתם היסטאָריאָגראַפיש — געשטודירט און באַשריבן. נאָר היס־טאָריאָסאָפיש — געלערנט פון דער פאַרגאַנגענהײַט פאַר דער צוקונפט. פון דעם וואָס עס איז געווען פאַר דעם וואָס עס דאַרף זײַן, וואָס עס דאַרף קומען.

עס קען שטאַרבן אַ מענטש מיט יורשים און אויך אָן יורשים. קען גיין פאַרלאָרן אַ גאָר רייכע ירושה אויך. עס קענען זײַן יורשים וואָס זײַנען ניט פעיִק צו ירשענען די געלאָזענע ירושות. אַזוינע רײַכע יידישע קולטורן אָן יורשים זײַנען געווען אין דער תקופה פון שומרון. געשטאָרבן, פאַרגעסן און אָן יורשים אין יידישקייט. געווען די קולטור פון דער רײַכער אַלעקסאַנדריער תקופה. געשטאָרבן, גאָרניט איבערגעלאָזט אין פאָלקס לעבן און אין זײַן זיכרון. אויך

אין שריפט האָט דאָס פאָלק ניט איינגעהיט גאָרניט פון דער רייכקייט פון דער גריכיש-יידישער ליטעראַטור. פרעמד איז געווען די שפּראַך און פרעמד איז געבליבן די קולטור. ניטאָ גאָרניט בעל פה און ניט געבליבן כמעט גאָרניט בכתב. עס איז קענטיק שוין לכתחילה געווען אַ פּראָדוקט פון יחידים און ניט אין געברויך פון פאָלק. יאָ, געבליבן עפּעס שריפטן פון אַ געטרייען יידן, ערגעץ אין אַרכיוון פון פאַרצייטן פאַר שטויבן, פאַר מיַזן בשותפות מיט אַרכעאָלאָגן, אָבער ניט אין לעבן, גאָרניט.

יידן האָבן גענוצט דאָרטן די שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק דאָס אייביקע לשון פון דער גריכישער קולטור דאָך. איז געשטאָרבן די יידישקייט. יידן נוצן עס ניט און דאָס פאָלק פון דער שפּראַך דאַרף עס ניט. פרעמד פון ביידע וועלטן איז געבליבן דער געטרייער ייד און גרויסער דענקער פילון פון אַלעקסאַנדריע.

כמעט אַזאַ איז אויך געווען דער גורל פון אונדזערע גרויסע ספרדישע גאונים אין דער באַרימטער „גאָלדענער תקופה״: דאָס פרעמדשפּראַכיקע איז געבליבן פרעמד דעם יידישן פאָלק און דעם פאָלק פון דער שפּראַך אויך. טיילן בלויז זיַינען אויסגעלייזט געוואָרן גליקלעכערהייט דורך איבערזעצונגען. און דאָס זיַינען מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער געקומען אַנדערע, דווקא פון אשכנז און האָבן עס געירשנט.

דער אונטערשייד צווישן מערב-אייראָפּעישער און מזרח-אייראָפּעישער יידישקייט

נאָך טראַגישער איז געווען דער גורל פון די ישובים וואָס האָבן געשאַפן דעם גאַנצן אשכנז — דייטשלאַנד, פראַנקרייך. דאָרטן איז פאַר די יידן געקומען די אורבאַניזאַציע איינצייטיק מיט דער עמאַנציפּאַציע. די יידן אין פראַנקרייך האָבן אויפן שוועל פון 19טן י״ה דערזען אין דער עמאַנציפּאַציע אַן אמתן משיח. און ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיי אין יאָר 1806 געשטעלט אַ פראַגע וועגן זייער פאַרבינדונג מיט דעם אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק, האָט דער אַזוי גערופענער „סנהדרין״ פון די נאָטאַבלען גלייַך געענטפערט, אַז זיי האַלטן זיך פאַר פראַנצויזן אין אַלע הינזיכטן, זיי האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלע פאַרבינדונג מיט יידן אין אַנדערע לענדער. עס איז נאָר די רעליגיע אַ געמיינזאַמע. עלעהיי, הייסט עס, ווי קאַטאָליקן אין פאַרשיידענע לענדער און פון פאַרשיידענע פעלקער. דער

פאַרלאַנג זיך צו באַפרייען פון די אויסנאַם־געזעצן איז געווען שטאַרקער, ווי דאָס פאָלקישע געפיל, די אָנגעהעריקייט צום לאַנד איז געווען שטאַרקער ווי די אָנגעהעריקייט צום פאָלק.

די ספרדישע יידן אין בארדאָ האָבן גאָר מורא געהאַט טאָמער קען זיי שאַדן ברענגען אויב מען וועט זיי צורעכענען צו דעם זעלביקן פאָלק פון די אשכנזים. פאַר די יידישע פירער איז די אַסימילאַציע געוואָרן דער אידעאַל, זיך צונויפגיסן מיט דעם הויפּטפאָלק פון לאַנד, זיך באַפרייען פון די אויסנאַם־געזעצן פאַר יידן צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישקייט. צי איז דער „אידעאַל" דערגרייכט געוואָרן — איז אַ פראַגע פאַר זיך, די דרייפוסיאַדע האָט געענטפערט אויף איר, אָבער אויך פאַר דער עמאַנציפּאַציע האָבן יידן באַצאָלט צו טייער: די עמאַנציפּאַציע איז געווען בעיקר אויפן פּאַפּיר נאָר, די אַסימילאַציע אָבער איז געווען אין לעבן. אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר האָבן יידן פאַרלאָרן זייער פאַרזיכיק לשון און זייער גאַנצע שעפערישע, אַקטיווע יידישקייט. עס איז געבליבן בלויז אַ פּאַסיווע ליטורגיע אין דער סינאַגאָגע. דאָס אַקטיווע אין יידישקייט אין פראַנקרייך איז געווען איבערהויפּט פון די אָנגעקומענע יידן, אָדער פאַר די יידן אין דער וועלט (דער „אַליאַנס איזראַעליט", וואָס האָט אגב מער געזאָרגט צו פאַרשפּרייטן פראַנצייזיש צווישן יידן, ווי וועגן יידישקייט).

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך דער זעלביקער פּראָצעס איבער־געחזרט אין דייטשלאַנד לויט דעם שטייגער און כאַראַקטער פון דעם לאַנד: אויסיידישונג ביז גאָר, אַ גרויסער אַקטיוו אין דער דייטשישער קולטור, רייכע „וויסנשאַפט דעס יודענטומס", פולע אויסיידישונג אין פּראַקטישן לעבן. רעליגיע — אָדער רעדוצירט ביז אַ קאָפּיע פון גויישן ריטואַל, אָדער פּאַסיווע קאָנסער־וואַציע. אין לעבן — פולע אַסימילאַציע.

דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין איטאַליע. אויך דאָ האָבן יידן געצאָלט פאַר דער עמאַנציפּאַציע מיט פולער אויסיידישונג. דובנאָוו רופט עס פשוט אָן „נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד" (וועלטגעשיכטע, 9, זייט 363). די עמאַנציפּאַציע האָט אַזוי אַרום אין מערב־אייראָפּע געענדיקט די געשיכטע פון יידנטום ווי פון אַן אַקטיוון שעפערישן קאָלעקטיוו... יידישקייט איז געבליבן אַקטיוו אויך ביי דער אורבאַניזאַציע נאָר אין מזרח־אייראָפּע. נאָר דאָ איז געבליבן די פאַרזיכיקע יידישע קולטור, דאָס לשון, עס איז אויפגעקומען גאָר אַ נייער מין קולטור — אַ יידיש־וועלטלעכע, וואָס האָט זיך באמת אָפּצו־גרעניצן זיך פון דער רעליגיעזער יידישקייט. און אָט די וועלטלעכע קולטור האָט אין ביידע שפּראַכן באמת אויפגעטאָן גרויסע וווּנדער. מיר האָבן נאָך אַזאַ

מין ניט געהאַט אין דער געשיכטע. עס איז געווען — ווערק, ליטעראַטור־שאַפונגען — אַלץ איןביידע שפּראַכן, וויסנשאַפט אין יידיש און אין העברעיִש, סאָציאַלע טעאָריעס און אַקטיווקייטן פאַרשיידענע, קעגנזייטיקע הילף און זעלבּ־שוץ. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע האָבן יידן געטאָן, געשאַפן ווי אַ קאָלעקטיוו ניט לשם מצווה, נאָר לשם נאַציאָנאַלע פליכטן, לשם נאַציאָנאַלע אינטערעסן; עס זײַנען געוואָרן צוויי שטראָמען אַנשטאָט איינעם ווי ביז דעמאָלט. צי עס איז געווען אַ מעלה אָדער אַ חסרון — אָבער בכל אופן איז עס געווען אַ נייע ריכטונג אין יידישן לעבן. אויב ביז דעמאָלט האָבן יידן געבענקט נאָך ארץ ישראל כדי צו קענען מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ, איז איצט דער דראַנג קיין ציון געוואָרן אַ באַוועגונג פאַר די וועלטלעכע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יידישן פאָלק. ספרים האָט מען אייביק געשריבן ביי יידן און מען האָט אייביק געלערנט רק „לשם יחוד קודשא בריך הוא". זײַנען מיט אַ מאָל געקומען נײַע שרײַבערס, נײַע ספרים, ניט לשם תורה נאָר פשוט לשם ליטעראַטור, לשם ספרות, אַ נײַער שטראָם אין יידישקייט. קען זיין אַז עס זײַנען אויך פריער געווען אַזוינע שטראָמען, וואָס זײַנען געווען לכתחילה וועלטלעך, נאָר זיי האָבן זיך באַלד צונויפגעגאָסן מיט רעליגיע אין איין שטראָם, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן. קען זיין אַז אַזוי איז געווען מיט ספרים אין דער תנך־תקופה, קען זיין אַז אויך טיילן פון דער אגדה און אפילו פון הלכה זיינען לכתחילה געווען געמיינט ריין וועלטלעך. עס איז זיכער, אַז אין דער נאָך־תלמודישער תקופה זײַנען בײַ יידן געווען גאָר אַ סך שאַפונגען פון ריין וועלטלעכן כאַראַקטער, אַזוי אין ספרד און אויך אין אשכנז. שפּעטער ערשט זײַנען די ריין וועלטלעכע שאַפונגען טיילווײַז פאַרהייליקט געוואָרן און טיילווײַז פאַרגעסן געבליבן. איצט אָבער האָט דער וועלטלעכער שטראָם אַריבערגעשטיגן דעם רעליגיעזן, דאָס גאַנצע לעבן פון יידן האָט זיך „אויסגעוועלטלעכט" און איז דאָך געבליבן יידיש; דאָס ערשטע מאָל האָבן יידן זיך אָנערקענט פאַר אַזאַ וועלטלעך פאָלק. דאָס איז געווען דאָס נייע פון מיזרח־אייראָפּע.

דערפאַר איז אין מערב־אייראָפּע צוגלײַך מיט דער אורבאַניזאַציע געקומען די דירעקטע אַסימילאַציע. פון פראַנקפורטער רעליגיעזער פרומקייט ביז די עקסטרעמסטע רעפאָרמער זײַנען אַלע יידן אין דײַטשלאַנד געווען זיכער, אַז יידישקייט איז נאָר רעליגיע. אָדער פרום פאַר דעם יידישן גאָט, אָדער מען איז דײַטש. קיין וועלטלעכע יידישקייט, קיין יידישע קולטור האָט דער יידישער מערב ניט געוווּסט. אָדער ייד, אָדער אַסימילאַציע, פולער גוי. קיין ריין מענטש־לעכע יידישקייט, יידישקייט ווי אַ קולטור, ווי אַ נאַציאָנאַלע וועלט־קולטור

אָן באַציִונג צו רעליגיע — פון דעם האָט מען ניט געוווּסט. וועלטלעכע ייִדישקייט אָן רעליגיע — דאָס איז אָן אויפטו פון מיזרח־אייראָפּע. טעותים זײַנען באַגאַנגען געוואָרן אָן אַ שיעור, דער וועג פון די וועלטלעכע ייִדן קעגן דער רעליגיע, און דער וועג פון די רעליגיעזע קעגן די וועלטלעכע — ביידע זײַנען אַ געשיכטלעכער פעלער. זיי וועלן ביידע אויפהערן און די ריכטונגען וועלן זיך צונויפגיין ווי עס גיסן זיך צונויף צוויי שטראָמען, צוויי טייכן.

שטעלט זיך די פראַגע: פאַר וואָס דער גרויסער אונטערשייד צווישן מיזרח און מערב־אייראָפּע? בדרך כלל איז דאָך גאָר ניט שווער צו געפינען, אַז די ייִדישע געשיכטע גייט פּאַראַלעל, לויט איין מוסטער. נאָר אַן אונטערשייד איז צייט: דער מיזרח־אייראָפּע האָט פּאַרשפּעטיקט מיט אַן ערך הונדערט יאָר. דאָ און דאָרטן איז געווען בראשית טראַגישע רעכטלאָזיקייט און שטעטלעך מיט דורותדיקער אײַנגעפּונדעוועטער שטייגער־קולטור. אינדוסטריאַליזאַציע, אורבאַניזאַציע, דראַנג צו גלײַכע רעכט, אָפּשוואַכונג פון שטעטלשן אויסגעהאַל־טענעם שטייגער, פאַרשיידענע ריכטונגען אין ייִדישקייט, אַ יאָגעניש נאָך רעכט ביז דער „שמד־מגפה" — אויך דאָ אין מיזרח ווי אין מערב, ביז די רעכט קומען. די שטעטלשע דורותדיקע ייִדישקייט גייט אונטער, עס קומט בכלל אַטראָפיע פון ייִדישקייט ווי אַ קולטור און די רעליגיע בלייבט, אָבער — פאַסיליזירט.

און דאָך איז אין מיזרח־אייראָפּע פּאַראַלעל צו דעם טראַפּאַרעטן גאַנג, אויך געקומען די וועלטלעכע קולטור, זי האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט און צעשפּרייט, זי האָט עס געבויט און געשאַפן די נײַע ישובים אין אַלע וועלט־טיילן און זי, איבערהויפּט זי האָט עס געבויט און אויסגעבויט די מדינה. נײַע ישובים האָט דער ייִדישער מערב־אייראָפּע יאָ געשאַפן (איבערהויפּט אין אַמעריקע — די ערשטע אימיגראַציע) אָבער אויך אין די נייע ישובים האָבן די מערב־ייִדן געפירט צו דירעקטער אַסימלאַציע. אויף וויפל זיי האָבן יאָ גענומען אַנטייל אין דעם וועלטלעכן ייִדישן לעבן, איז דאָס געווען מיטגעריסן מיטן שטראָם פון דער נײַער אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע. בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא: פון וואַנען קומט די וועלטלעכקייט? דאָס וועלטלעך־ייִדישע לעבן, יאָ ייִדיש, געטריי ייִדיש און אָן רעליגיע, געטריי ייִדיש, עקשנותדיק ייִדיש, מיט זעלבסט־אַכטונג און דאָך אָן רעליגיע. וואָסערע פאַקטאָרן האָבן געבראַכט די אַנדערש־קייט? דעם אָפּנייג פון דעם אַלטן טראַפּאַרעט?

איך פּרוביר דאָס דערקלערן מיט די ווײַטערדיקע עטלעכע פאַקטן:

1. — אין מזרח־אייראָפּע האָבן ייִדן געלעבט ניט אין דירעקטער שכנות

מיט די הערשנדיקע פעלקער פון די לענדער (דייטשן און רוסן) נאָר צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, וואָס מיט אַזוינע אַסימילירן זיך יידן ניט.

2. — די דירעקטע שכנים פון די יידן האָבן געבענקט, געקעמפט פאַר קולטורעלער פאַרזיכיקייט (איבערהויפּט אין עסטרייך־אונגאַרן און אין רוסישן פוילן).

3. — אין רוסלאַנד איז געקומען די אורבאַניזאַציע אָן עמאַנציפּאַציע. דער וועג צו גוישקייט איז געלעגן נאָר דורך דעם קלויסטער, און יידן, וואָס זיינען גאַרניט קעגן דעם „טרוקענעם שמד" (גוישקייט אָן דעם שמד־וואַסער פון גלח), האָבן אָבער אַ דורותדיקן אומווילן פאַרן אָפּיציעלן „נאַסן שמד".

4. — דער תחום המושב (דער ראַיאָן וואָס אויסער אים האָבן יידן נישט געטאָרט וווינען) האָט אויפגעהאַלטן די שטעטלעך, און זיי זיינען געווען די רעשטלעך פון דער אַלטער יידישער אויטאָנאָמיע. און אין זיי האָט געוואָרצלט און זיך אַנטוויקלט דער עמבריאָן פון דער יידישער קולטור, וואָס די שטעט האָבן אַרויסגעבראַכט.

די יידן, אָדער די גרופּעס יידן, וואָס האָבן מצליח געווען אַרויסצוקריגן זיך פון תחום המושב אין די ריין רוסישע שטעט, זיינען אַוועק אויף דעם זעלביקן וועג ווי די מערב־אייראָפּעישע יידן — דירעקט צו אַסימילאַציע און אויסיידישונג. אפילו טיילן פון אינטעליגענטע יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן אין תחום, אָבער זיי האָבן שוין געקראָגן זייער בילדונג אין רוסישע שולן ספּעציעלע רוסיפיקאַטאָרישע „פאָלקסשולן" (דריי יאָריקע), אָנהייב־שולן (זעקס יאָריקע) און אַפילו העכערע בילדונג (אין גימנאַזיעס און הויכשולן), האָבן גאָר אָפּט אין גאַנצן זיך דערווייטערט פון יידישקייט. דאָך האָט אָבער געווירקט דער קאָמפּאַקטער יידישער מאַסיוו, אין די שטעט און אין די שטעטלעך, ווי אויך די אָפּוועזנקייט פון קאָמפּאַקטע מאַסן פון דעם הויפּט פאָלק, דאָס האָט געווירקט אַז די אינטעליגענץ האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון די מאַסן. האָבן יידישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען לכתחילה גאַרניט געווען אויסן ספּעציפיש־יידישן סאָציאַליזם, דאָך געמוזט קומען מיט דער צייט צו דער גרינדונג פון אַ באַזונדערער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בונד. (לכתחילה „יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד"). יידן־סאָציאַליסטן מחוץ דעם תחום האָבן טאַקע גאַרניט געוואָלט קיין יידישע פּאַרטיי פאַר זיך. ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז דער בונד געקומען טאַקע אַ דאַנק דער השפּעה פון די פאָלקישע יידישע מאַסן צו אַ יידישער קולטור־פּראָגראַם און אפילו צו אַ פּראָגראַם פון אַ קולטור־אויטאָנאָמיע.

דער פאַרשטאַרקטער דרוק פון דער רעגירונג, איבערהויפּט נאָך דער אומגעלונגענער רעוואָלוציע פון 1906, האָט געטריבן יידן אין עטלעכע ריכטונגען: צו עמיגראַציע קיין אַמעריקע; צו קאַריערייסטישער שמד־מגפה, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך צו דער צווייטער עליה קיין ארץ ישראל, כדי דאָרטן צו פאַרווירקלעכן אַ ספּעציפיש־יידישע פאָרעם פון סאָציאַליזם — די קבוצות און קיבוצים.

די קליינע גרופּעס יידן וואָס עס איז זיי געלונגען איינצואָרדענען זיך מחוץ דעם תחום, האָבן זיך געפירט פונקט ווי די יידן אין מערב־אייראָפּע: דירעקט פון רעליגיעזער יידישקייט צו פולער רוסיפיקאַציע, אָדער מען האָט נאָך געלעבט מיט די אימפּולסן פון תחום, מען האָט זיך נאָך געפילט צוגעבונדן גורלדיק צו דעם יידישן פאָלקישן מאַסיוו.

זוכנדיק געשיכטלעכע אַנאַלאָגן צו דער מזרח־אייראָפּעישער תקופה קום איך צוריק צו דער ווייטער תקופה פון גלות־בבל און צו דער תקופה נאָך דעם גלות — צו דער תקופה פון פּערסישער הערשאַפט אין ארץ ישראל ביז אַלעקסאַנדער מוקדון.

דאָס איז די תקופה וואָס מען רופט אָפט „די צייט אָן אַ געשיכטע". דער נאָמען קומט פון דעם וואָס אין דער צייט זײַנען ניט געווען ביי יידן קיינע מלחמות, קיינע קייסאָרים און בכלל קיין פּאָליטישע געשיכטע. אָבער דערפאַר איז געגאַנגען גאָר אַ שטאַרקער אויפבוי־פּראָצעס אינעווייניק: עטנאָגראַפיש איז פון אַ קליינער צאָל פון עטלעכע צענדליק טויזנט יידן געוואָרן אין אַ פּאָר הונדערט יאָר אַ גאַנץ פאָלק וואָס האָט פאַרנומען גאַנץ ארץ ישראל ניט בלויז דעם קליינעם שטח אַרום ירושלים. קולטורעל איז דאָס פאָלק געוואָרן באַוווסטזיניק פון זיך אַליין, עס איז געקומען אַ ליטעראַטור, געזאַנגען! עס האָט זיך אויסגעפורעמט דער תנך, אמת נאָך ניט אין זײַן ענדגילטיקער פאָרעם און פאַרנעם; עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַן אייגענער שטייגער מיט אַ שטאַרקער אַכטונג צו זיך און צו אַלץ וואָס עס איז אייגנס. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער באַוווסטזײַן. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער תלמוד — דאָס איז געווען גאָר אַ נײַע פאָרמאַציע, אַ נײַע קולטור־תקופה. זי האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט איר נייגונג צו די פאָלקישע מאַסן און צו דער מאַסן־קולטור. עס איז געווען אַ צײַט ווען דרויסנדיקע השפּעות זײַנען געווען קנאַפּער און שוואַכער. אמת, די פאָלקיסטישע אינטעלעגענץ מיט איר תלמודישער פאָלקסטימלעכער קולטור זיינען ניט געווען די איינציקע אויף דער יידישער גאַס. אַחוץ זיי איז געווען די אַריסטאָקראַטיע, די רײַכערע מיט אַ נענטערן

קאָנטאַקט מיט ניט־יידישע קרײַזן, און זיי האָט עס אויך געצויגן צו פרעמדע קולטורן און צו באַגרענעצן די יידישקייט צו דער פיקסירטער רעליגיע (תורה שבכתב). דאָס זײַנען געווען די וואָס פון זיי זײַנען געקומען עטוואָס שפּעטער די צדוקים. די צוויי תקופות — די פּערסישע פּאַרצײַטן, און די מזרח־אייראָ־פּעיִשע אין דער נײַסטער צײַט, זײַנען געווען די פּרוכטיקסטע תקופות אין אונדזער געשיכטע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. די ערשטע תקופה (די פּערסישע) האָט געבראַכט די תלמודישע יידישקייט, מיר האָבן פריער אָנגעמערקט אירע הויפּט־נײַעסן.

זי — די תלמודישע קולטור — האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן אויסנאַם־פאָלק. דער תנך האָט אונדז געמאַכט פאַר אַ באַזונדער פאָלק, איינס צווישן אַ סך. דער תלמוד האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן אויסנאַם־פאָלק, איינס אַנדערש פון אַ סך. פון תלמוד אַן הייבט זיך אָן אונדזער אייביקייט איבער דער וועלט. „מיר זײַנען געוואָרן אַ באַזונדער פאָלק, זינט די גויים האָבן אונדז אויפגעהערט צו פאַרשטיין” (ראַווידאָוויטש). אָבער מיר הערן אויף צו זײַן אַ פאָלק, ווען יידן הערן אויף צו פאַרשטיין אונדזער אַנדערשקייט.

עס האָבן זיך גאָר גיך געענדיקט די ספּעציפישע באַדינגונגען וואָס האָבן געמאַכט מעגלעך דעם אויפקום פון וועלטלעכער יידישקייט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זײַנען מער ניט געווען קיין סובאָרדינירטע פעלקער. אַלע טעריטאָריעלע פעלקער זײַנען געוואָרן מדינות פאַר זיך. יידן זײַנען געבליבן כמעט די איינציקע מינדערהייט.

די קולטור־אויטאָנאָמיע וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל פאַר די נײַע מדינות, זיינען געווען לכתחילה נאָר אויפן פּאַפּיר. קיינער פון די נײַע מדינות האָט זי ניט געהיט און די יידן אַליין האָבן זי אויך קנאַפּ געשעצט, ווייניק געהיט. דער אַלטער חלום פון אַ מעגלעכקייט צונויפצוהעפטן פאָלקישע קולטור־אַסימילאַציע מיט יידישער רעליגיע (דער „טרוקענער שמד”) איז ווידער געוואָרן אַקטועל אין אַלע לענדער פון יידישע ישובים, אין די נײַע און אין די אַלטע.

דער דורותדיקער אַנטיסעמיטיזם ביי אַלע פעלקער מיט יידישע מאַסן־ישובים האָט ווידער אויפגעלעבט מיט זײַן גאַנצער מאַכט. פאַרקערט, האָבן די מלחמות און רעוואָלוציעס אָפּגעשוואַכט אַלע איינהאַלטערס זײַנע און דער־מעגלעכט די טאָטאַלע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (איבערהויפּט אין אוקראַיִנע), און ועל כולם — די טאָטאַלע אויסראָטונג פון אַלע יידן דורך די דײַטשן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די לעצטע רעשטלעך פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין די שטעטלעך זיינען פאַרשוווּנדן נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה דורך די דייטשן און אַנדערע פעלקער. ווידער שטייען מיר ווי אַ פאָלק פאַר אַ צוקונפט ווי אין מערב־אייראָפּע: פולע סאָציאַלע און קולטורעלע אַסימילאַציע מיט אַ פאַסילער רעליגיע. דאָס איז די סכנה אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע יידישע ישובים אויסער איינעם.

איין ישוב מוז פאַרצייכנט ווערן גאָר באַזונדער. דאָס איז די יידישע מדינה — גאָר אַ נייע דערשיינונג אין דער גאַנצער געשיכטע, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן גאָר באַזונדער. אין דער וועלט בכלל האָט זיך אין גאַנצן געענדיקט די תלמודיש־שטעטלשע תקופה. עס איז געקומען די אורבאַנישע תקופה. איר ריכטונג אין אַלע גלותדיקע ישובים איז די זעלביקע ווי אין מערב־אייראָפּע, ווי געזאָגט פריער. די וועלטלעך־נאַציאָנאַלע יידישקייט האָט ניט באַוויזן זיך צו פאַרפעסטיקן, זי זאָל זיך אַנטוויקלען אומעטום אין דער וועלט אַחוץ דער מדינה.

מה נשתנה?

עס פרעגט זיך — פאַר וואָס האָבן ביי אַנדערע סובאָרדינירטע פעלקער יאָ עקסיסטירט שטאַרקע דראַנגען צו וועלטלעכער פאַרזיכיקייט אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער רעליגיע און פאַר וואָס האָט ביי יידן — דעם פאָלק וואָס איז דאָס איינציקע לעגענדאַריש־אייביקע, דאָס „אַהאַספער־פאָלק", פאַר וואָס האָט ביי אים דער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם אַזאַ שוואַכן כוח? פאַר וואָס האָבן אַנדערע אונטערגעדריקטע פעלקער געקעמפט פאַר זייער שפּראַך, פאַר זייער קולטור און דווקא די יידן באַציִען זיך אַזוי קנאַפּוועדטיק, מיט אַזאַ מין ביטול און אַן וואָסער עס איז דרך ארץ און ליבע צו זייער גאַנצער וועלטלעכער פאַרזיכיקייט און צו זייער קולטורעלער אַנדערשקייט? דאָס איינציקע פאָלק אין דער גאָרער וועלט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ גלות „לאַנג ווי דער יידישער גלות", דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אַן אַ מדינה, אַן ציווילע געזעצן און אַן צוואַנג־מיטלען איינגעהיט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר זיין פאַרזיכיקייט, האָט אַן אייגענע שפּראַך זיך געשאַפן, האָט געלעבט צווישן אַלע פעלקער און אַנטוויקלט אַ באַזונדערע גאָר אַנדערשדיקע קולטור, פאַר וואָס האָט דאָס

פאָלק אַזוי גרינגגעשעצט זײַן גאַנצע וועלטלעכקייט? זײַן נאַציאָנאַלן איך? פאַר וואָס איז עס בײַ יידן דווקא דערגאַנגען העט אַזוי ווייט, ביז צו דער שינאה און ביטול צו דער אייגענער פאָלקישקייט, וואָס מיר רופן אָן מיט דעם ביטערן נאָמען „עגאָפאָביע״ — שינאה צו זיך אַליין. פאַר וואָס ווירקט די עגאָפאָביע אַזוי שטאַרק אומעטום וווּ עס לעבט זיך יידן פרײַער? פאַר וואָס קען מען זי געפינען גאָר ניט אין קליינע מאָסן אויך אפילו אין דער אייגענער יידישער מדינה? פאַר וואָס קען מען קומען צו אַ ביטערן אויספיר, אַז יידן היטן זייער פאַרזיכיקייט נאָר דאָרטן און נאָר דעמאָלט ווען מען צווינגט זיי פון דרויסן צו זיין פאַרזיך? פאַר וואָס איז די אויטאָנאָמיע יידישקייט אַקטיוו ווען זי איז אָן אַרויפגעצוווּנגענע? פאַר וואָס האָבן יידן ניט אויסגעאַרבעט קיין נייגונג צו פרײַער, וויליקער אויטאָנאָמיע?

איך בין זיך מודה, אַז ווען איך הייב אָן צו טראַכטן וועגן דעם, הייבט עס מיר אָן וויי צו טאָן אין האַרצן...

זײַנען דאָך אויך די שטעטלעך ניט געשאַפן געוואָרן דורך יידן פרײַוויליק, האָבן זיי זיך דאָך געהאַלטן אויף אַ דאַנק אַ צוואַנג פון דרויסן; נאָך מער — זײַנען דאָך אַלע עליות קיין ארץ ישראל ווידער געגאַנגען מחמת דעם דרוק פון שונאים (פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, די דערשטיקטע רעוואָלוציע נאָך דער יאַפּאַנישער מלחמה, די „גראַבסקי־עליה״ פון פוילן, די עליה פון די לאַגערן); זײַנען דאָך ביז הײַנט נאָך פאַראַן וועלטלעכע און רעליגיעזע יידן וואָס קענען ניט און ווילן ניט שלום מאַכן מיט דער מדינה.

פאַר וואָס זשע האָבן פעלקער געקעמפט, געגעבן קרבנות, געמאַכט אויפשטאַנדן פאַר זייער וועלטלעכער פאַרזיכיקער קולטור, און די יידן האָבן יאָ געגעבן גוואַלדיק גרויסע קרבנות פאַר ארץ ישראל, פאַר דער מדינה, אָבער ניט פאַר דער וועלטלעכער קולטור. פאַרקערט, האָבן יידן אין דער מדינה גופא באַקעמפט די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור; באַקעמפט מיט האַס און כעס. עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי האָט געקאָנט אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אין יידיש און — נאָך מער — אין העברעיִש אַזוי העפטיק באַקעמפן דעם נאַציאָנאַל־שטייגערישן לעבן פון אייגענעם פאָלק? פול מיט שפּאָט און ביטול, אָן שום מיטגעפיל צו די יידן, אַפּלאָדירן די מאָסמיטלען פון דער רעגירונג, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געזען ווי גזרות רעות? ווי האָבן געקאָנט אינטעליגענטן־יידן גאָר אָפט איבערחזרן אַנטיסעמיטישע דרשות קעגן יידן? און ווי האָבן די זעלביקע שרײַבער געקענט גילטן בײַ יידן ווי נאַציאָנאַלע יידישע שרײַבער? ווי קענען געטרײַע איבערגעגעבענע יידן געטרײַ אָננעמען די פאַרהייליקטע

רעליגיעזע שטייגער־פאָרמען און אין דער זעלביקער צייַט אויסלאַכן און מבטל זייַן דעם זעלביקן שטייגער וואָס איז נאָך ניט קאָנאָניזירט רעליגיעז? ווי קענען וועלטלעכע יידן אַזוי גראָב און האַמעטנע וועלן אַנולירן אַל דאָס יידישע וואָס איז יאָ פאַרהייליקט רעליגיעז?...

...עס זייַנען אויף דעם געביט פאַראַן אַזוי פיל פאַרוואָסן, אַזוי פיל ווי אַזוי, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך זיי אַלע אויסצורעכענען. איז „מה נשתנה״? פאַר וואָס און פון וואַנען אָט דער פענאָמען אין יידישן כאַראַקטער?...

דאָס פּרובירן זיך דערגראָבן ביז די טיפע אורוואָרצלען און אויפדעקן זייער היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישן און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, וואָלט אונדז געדאַרפט פאַרפירן גאָר ווייַט פון אונדזער טעמע דאָ. עס וועט פאַר דער איצטיקער טעמע זייַן גענוג צו זאָגן, אַז איך האַלט די שינאה פון יידן גופא צו יידישקייט, די עגאָפאָביע פאַר דעם שטאַרקסטן פאַקטאָר פון אונדזער גלות, פון דעם וואָס מיר האָבן אין משך פון דער לאַנגער געשיכטע אין גלותן ניט געשאַפן קיינע ווינקעלעך פון פאַרזיכיקער יידישקייט. צוליב איר איז אָפּגע־שטאָרבן דער עצם געדאַנק וועגן אַ יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע. מען האָט וועגן איר גערעדט כל זמן אַנדערע האָבן דאָס פאַרלאַנגט פאַר זיך, כל זמן עס איז געווען אַן ענין פון פּאָליטישן קאַמף. ווי אָבער די זאַך איז געוואָרן מעגלעך, אָפּהענגיק בלויז פון גוטן ווילן פון די יידן גופא, האָט מען גלייַך דעם גאַנצן ענין ווי פאַרגעסן. איין זאַך, גלייב איך, איז אמת: די יידיש־וועלטלעכע קולטור האָט ניט געהאַט גענוג צייַט זיך איינצובירגערן אין יידישן לעבן, די אַרומיקע באַדינגונגען וואָס זיי האָבן די וועלטלעכקייט געבראַכט צום לעבן זייַנען זייער גיך געענדערט געוואָרן, ווי מיר האָבן דאָס שוין אויבן געשריבן. יעדער נייַעס דאַרף אַלט ווערן, כדי ער זאָל זיך קענען איינבירגערן, איינקויפן זיך אין יחוס פון אייגנס, ווערן אָנגענומען. איך גלייב באמונה שלמה, אַז ווען אונדזערע יידישע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע וואָלטן ניט אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַזאַ אכזריות פון ציוויליזירטע פעלקער־מערדער, וואָלט די פאַרגייענדיקע תקופה געהאַט צייַט משפיע צו זייַן אויף די נייַע ישובים, וואָלט איר השפעה אויף דער יונגער מדינה אויך געווען פעסטער, דויערנדיקער, — און דאָס נייַע, דאָס וועלטלעכע וואָלט זיך אַרייַנגעוועבט אין דעם „אַלטן״, אין דעם אָנגענומענעם, קאַנאָניזירטן און עס וואָלט געוואָרן איינס — איין יידישקייט, אַלט נייַע יידישקייט. אַזוינע ענדערונגען זיינען אין אונדזער געשיכטע שוין געווען, איז דער תלמוד דאָך אויך אַ זאַמלונג פון ענינים וואָס זייַנען געווען אויסגערעכנט פאַר בין אדם לחברו, אָדער ריכטיקער — בין אדם לעמו און ווייניקער פאַר בין אדם למקום.

מיט דער צייט איז עס פאַרהייליקט געוואָרן ווי אַלץ פאַר גאָט, ריכטיקער — פאַר דער תורה הקדושה. אַזוי וואָלט אויך אַ גרויסער טייל פון אונדזערע שריפטן, היפּשע עלעמענטן פון אונדזער שטייגער אויך ביסלעכוויז פאַרהייליקט געוואָרן. אין לעבן פון אַ פאָלק גייען די עלעמענטן דורך מער־וויניק די וויטערדיקע מדרגות: גאַנגבאַר אין פאָלק, אָנגענומען, ליב געוואָרן, פאַרהייליקט. דער פּראָצעס דאַרף געדויערן גאָר לאַנגע דורות, יאָרהונדערטער. מען קען די מדרגות אויך אַנדערש פאַרשטעלן: אָרטיקע יידישע מנהגים, פון זיי טיילן זיך אויס מנהגים וואָס ווערן פאַרשפּרייט, זיי ווערן פאָלקישע, די פון די פאָלקישע מנהגים וואָס לעבן אַריבער איין דור און צוויי ווערן שוין נאַציאָנאַלע פירונגען, עלעמענטן פון יידישן שטייגער. ווען מען פאַרגעסט זייער אָפּשטאַם, זייער אויפקום, ווערן זיי טראַדיציעס, הלכה למשה מסיני און פאַרהייליקט. אַלע יידישע מצוות האָבן אַן ענלעכע אַנטוויקלונג.

איך גלייב, אַז ווען אונדזערע שטעטלעך לעבן נאָך איין דור, צוויי דורות, וואָלטן די נײַע אורבאַנישע ישובים ביסלעכוויז איבערגענומען מער און מער עלעמענטן פון דער אַלטער בעל פה־קולטור און דער המשך פון יידישן פאָלק וואָלט געווען אַ סך זיכערער ווי ער איז איצט. דער חורבן האָט ניט בלויז אויסגעמאָרדעט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק; דער חורבן האָט פאַרניכטעט די גאַנצע ירושה פון דער בעל פה קולטור פון אונדזער פאָלק. דאָס אַלטע איז חרוב געוואָרן און דאָס נייע האָט ניט באַוויזן אַלט צו ווערן.

צו פיל צרות האָבן יידן זיך אָנגעליטן אין דער גוישער, קריסטלעכער וועלט, זיי זאָלן ניט בענקען צו עמאַנציפּאַציע. אין די פריערדיקע שטעטלעך, מיט זייער אויטאָנאָמיע, האָט די עמאַנציפּאַציע וויניקער געפעלט ווי אין דער אורבאַניזאַציע. האָט דער עמאַנציפּאַציע־חלום אַלע מאָל געדאַרפט קומען פון פרעמדע הענט, האָבן יידן אויסגעקוקט אויף דעם ווי אויף אַ חסד. האָט דאָס וואַרטן און האָפן און בעטן און ווידער און שיקן שתדלנים, און אָרגאַניזירן גאַנצע פאַרבאַנדן צו „דערגרייכן" גלײַכע רעכט (געווען אין פּעטערבורג אַזאַ פּאַרטיי אַ יידישע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דערגרייכער"), דאָס באַמיִען זיך צו „פאַרדינען" די גלייכע רעכט, דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַז די געקומענע עמאַנציפּאַציע האָט טאַקע פאַרגרינגערט דעם יחיד, זײַן לעבן, אָבער זי האָט פאַרשקלאָפט זײַן נשמה. כדי צו „דערגרייכן" גלײַכע רעכט, דאַרף מען זיך דאָס פאַרדינען, כדי צו פאַרדינען, דאַרף מען זײַן פּויפּסטלעכער פאַרן פּויפּסט, פּאַטריאָטישער פאַר אַלע פּאַטריאָטן, דאַרף מען שרײַען הוראַ העכער פון אַלע שרײַער, דאַרף מען מיט אַלע כוחות זיך באַמיִען זיך אויסצוגלײַכן מיט די וואָס

מען שטרעבט צו זיי אַזוי!... פון דערגרייכן ביז דערקריכן איז דאָך ניט ווייט. האָט זיך אין דער פירונג פון יענע דערגרייכער, פון די אַלע אויפגעקלערטע אַרײַנגעלעבט אַזוי פיל קריכערישקייט, וואָס נעמט אָפּט ווי טאָן. אָט די דער־גרייכער און דערקריכער האָבן במילא געדאַרפט קוקן צו די בעלי בתּים אויף אַרויף און אויף זיך, אויף אַל דאָס יידישעס אַראָפּ, ווי אויף עפּעס וואָס מאַכט שווער צו לעבן. האָט מען ביי די בעלי בתּים געזען נאָר דאָס גוטע און בײַ זיך האָט מען מיט קראַנקהאַפטן מאַזאָכיזם געזען נאָר שלעכטס. איז די יידישע ליטעראַטור אויף רוסיש אין משך פון גאַנצן יאָרהונדערט געווען פול מיט חניפה צו „גוטע און גרויסמוטיקע זין פון צפון" און מיט ביטול און שפּאָט צו יידן! האָט מען געפונען באַרעכטיקונג פאַר אַלערליי אַנטיסעמיטישע אַקציעס: דאָס האָבן כלומרשט יידן אַרויסגערופן. און די ליטעראַטור אויף העברעיִש איז געווען לגמרי ניט בעסער. האָט מען אַלץ געזוכט ווי ווײַט נאָר מעגלעך צו פאַרמינערן אַלץ וואָס שיידט אָפּ אַ יידן פון דעם געשעצטן און געאַכפּערטן באַלעבאָס־פאָלק פון לאַנד. מען איז געגאַנגען ביז דעם „טרוקענעם שמד" (אַסימילאַציע אָן שמד, אָן אַ גלח) און פּריוואַט, ביחידות ביז אפילו, ביז נאַסן שמד (ביי אַ גלח אין קלויסטער). האָט זיך די נעגאַציע צו אַלץ וואָס עס איז יידיש אַזוי טיף אַרײַנגעגעסן אין די ביינער, אַז... זי איז געבליבן ביז איצט.

ערשט נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן, ווען די טיפערע דענקער, די אידעאָלאָגן פון רוסיפיקאַציע האָבן זיך ערלעך אַרומגעזען, אַז „איוואַן וויל ניט אפילו קיין געשמדטע זשידעס", ערשט דעמאָלט איז אויפ־געקומען אַנשטאָט עמאַנציפּאַציע — אויטאָעמאַנציפּאַציע (פּינסקערס בראָשור). אָבער דער אינהאַלט איז געבליבן דער זעלביקער: עמאַנציפּאַציע פון יידישע אינהאַלטן און שטריכן, כדי ווערט צו זיין אַ בעסערן גורל.

ווי עס דערציילט דובנאָוו איז בשעתם געווען דאָס זעלביקע בײַ די דײַטשישע יידן. די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן האָבן איבערגעחזרט דעם זעלביקן פּראָצעס וואָס זייערע מערב־ברידער אין זייער צייט... די ספּעציפישע באַדינ־גונגען וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט פריער, האָבן בלויז געשאַפן אַז ביי אַ טייל יידן זאָל אויפקומען די וועלטלעך־יידישע נײַע קולטור. קליין זײַנען געווען די גרופּעס, די וואָס זײַנען געווען נעענטער צו די יידישע ברייטערע פאָלקישע מאַסן אין תּחום. די אַנדערע האָבן שוין דעמאָלט סנאָביסטיש געבלאָזן פון זיך און זיך באַמיט צו דערווײַטערן זיך פון אַלץ וואָס עס איז יידיש. יידן־סאָציאַליסטן אין תּחום האָבן געשאַפן דעם בונד — אַ ריין יידישע פּאַרזיכיקע פּאַרטיי. יידן

סאָציאַליסטן מחוץ דעם תחום האָבן געלאַכט, אַז די בונדיסטן זײַנען אויך ציוניסטן, נאָר זיי האָבן מורא פאַר דער ים־קראַנקייט...

פאַר די יידן מיט אַ וואַכן געוויסן איז געווען שווער דאָס אַנטלויפן פון די לעבעדיקע פאָלקישע מאַסן, וואָס זײַנען נאָך געווען אַזוי פול אין יידישן לעבן. כדי אײַנצושטילן דעם געוויסן, זײַנען אויפגעקומען אַלערליי קאָמפּענסאַציעס: מען האָט טאַקע ניט ליב קיין יידן און יידישקייט, אָבער דערפאַר איז מען שטאַרק פאַרליבט אין... יידישן גאָט, אין דער יידישער געשיכטע, אין ארץ ישראל, אין העברעיִשע שפּראַך, מאַלע אין וואָס מען קען זיך פאַרליבן, אַבי ניט צו זײַן ענלעך צו „פּראָסטע" יידן. די ווייניקער געוויסנהאַפטע יידן האָבן די קאָמפּענסאַציע אויך ניט געדאַרפט...

די מבוכה

אָט אַזוי, פון דאַנען קומט די אַלטע קשיא „מה נשתנה", און עס קומט אויך דער אַלטער ענטפער: „עבדים היינו". איז דער ריכטיקער טײַטש דערפון — קנעכט זײַנען מיר געוואָרן. די עמאַנציפּאַציע האָט טאַקע באַפרײַט דעם יידן פון אַלערליי באַגרענעצונגען און אויסנאַם־געזעצן. דאָס וואָרטן אויף דער עמאַנציפּאַציע האָט אָבער באַפרײַט דעם יידן פון זײַן צוגעבונדנקייט צו זיין יידישן קאָלעקטיוו און פון דער באַהעפטקייט צום אייגענעם פאָלק. אויב אין דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה האָבן יידן געוווסט „וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר, אָבער יידן זײַנען מיר"; זײַנען זיי געווען אָרעם, אין גלות בײַם פּריץ, אָפּהענגיק פון פויער און זײַן פּרנסה, אַרומגערינגלט מיט האַס פון די שטאָטישע גוים, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט יעדער ייד, דער אָרעמסטער און עם ארצישסטער געוווסט, אַז „אוי ווי, אַ קלאָג צו זיי / אַ טויבן אַ גאָט האָבן זיי" אאַז"וו; זיי האָבן געוווסט, אַז „פון קאַסלאַוויטש ביז ליבאַוויטש / און וואָס דאַרף איך אייך ז" דער ייד ביי זיך איז געווען גאַנץ, האָט אָבער דער ערב־עמאַנציפּאַציע און די עמאַנציפּאַציע בײַם איבערגאַנג צו דער אורבאַניזאַציע אין גאַנצן צעטומלט דעם יידן. עס איז געקומען דער צושטאַנד פון „מבוכה" — צעטומלטקייט.

עס האָבן, אין צווייטער העלפט פון פאַריקן י"ה, יידישע אינטעליגענטן אין רוסלאַנד געגלויבט אין די גליקן פון רוסיש לשון און רוסישן שטייגער, עס האָבן יידן־סאָציאַליסטן אפילו זיך ניט אָפּגעשטעלט פון „גיין אין רוסישן פאָלק" און העלפן פאַרשפּרייטן אויף פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס קעגן יידן (עדות פון

זשיטלאָווסקי!); עס האָבן יידן־משכילים אין העברעיִש געקאָכט מיט האַס און כעס אויף יידישע רבנים, מנהיגים, יידישע מינהגים און שטייגער, און געקוקט מיט אַכטונג און גרויס דרך ארץ, מיט הכנעה און דרעוואָרטונג אויף די „חסדים" פון די „מלכי חסד", די זעלביקע חסדים וואָס דאָס פאָלק האָט זיי גערופן „גזרות"... מען פלעגט זיך ניט קענען דערוואַרטן אויף זיי און מען פלעגט אונטערזאָגן, בעטן רחמים, די גוטע רעגירונג זאָל צווינגען מיט געוואַלד, פאַרבאָטן ריידן יידיש, דרוקן ביכער אויף יידיש, טראָגן יידישע הלבשה און... מאַלע וואָס נאָך. האָבן יידישע שרײַבער געלאַכט, חוזק געמאַכט פון „וויכנע־דוואָשע פאַרט קיין אַמעריקע". און שטילערהייט, איינציקווייז, האָבן זיך יידן געשמדט, מיט פאַרשעמטע פּנימער האָט מען זיך באַהאַלטן וואָס מען גייט אַריבער פון די „געדריקטע צו די דריקער". די אַלע פּראָצעסן האָבן אייגנטלעך איבער־געחזרט ענלעכע פּראָצעסן ביי די דײַטשישע יידן אין דער צײַט פון זייער עמאַנציפּאַציע; ענלעכע סיטואַציעס — זײַנען אויך די פּראָצעסן אין לעבן ענלעך.

די רעליגיע וואָס איז דורך דורות געווען פעסט ווי אַ מויער, האָט אין די שטעט און אין דער אימיגראַציע גענומען שוואַכער ווערן; האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן פרומע און וועלטלעכע, איז גיין מיט אַ שטעקן שבת אין ווילנע געוואָרן אַ „העלדישער רעוואָלוציאָנערער אויפטו". איז ווי אַ קעגנשטראָם געקומען די מוסר־באַוועגונג, חיבת ציון מחמת אַנטוישונג אין רוסיפיקאַציע, ציוניזם מחמת אַנטוישונג (דרייפוס־פּראָצעס און די דערשיינונג פון הערצלען) פאַרקערט אָבער די אינטעליגענטן, וואָס זײַנען מער אַרײַנגעוואַקסן אין רוסישער קולטור און נענטער צו די רוסישע באַוועגונגען האָבן געגלויבט מער אין דער רוסישער רעוואָלוציע — עס וועט קומען דער סאָציאַליזם וועט שוין מער ניט זײַן קיין יידן־פראַגע און ניט קיין יידן מער... עס וועלן יאָ זיין יידן אָדער ניט — זיי אַליין זײַנען אין בעסטן פאַל „נייטראַל" (אַזאַ אויסדרוק איז עס געווען — זיי אַרט ניט צי עס וועט זײַן יידישקייט אָדער ניט).

די יונגע שפּראָצן פון דער וועלטלעכער קולטור האָבן לגמרי ניט באַוויזן איינוואָרצלען זיך. אויף וויפל עס האָבן נאָך געלעבט די שטעטלעך מיט זייער דורותדיקער יידישקייט, אויף וויפל די גרענעצן פון תחום האָבן ניט געלאָזט די יידן זיך צעשפּרייטן איבער דעם גרויסן רוסלאַנד, אויף אַזוי פיל איז געוואַקסן די וועלטלעכע ליטעראַטור און אויך קונסט (איבערהויפּט מאַלעריי); געוואַקסן גיך, ווי פאַרויסגעפילט די קורצקייט פון דעם צייט־אָפּשניט, האָבן שפּעריִשע טאַלאַנטן, „עלויים" געשאַפן אַ ליטעראַטור. די שטעטלעך האָבן פריער געהאָדע־וועט תלמודישע עילויים, האָבן זיי איצט געבראַכט וועלטלעכע עילויים, די

זעלביקע שטעטלעך און די יידישע שטעט אין תחום האָבן געשאַפן דעם פּאַסיקן רעזאָנאַנס. איז אויפגעוואַקסן אַ ליטעראַטור, אַ טעאַטער, מאַלעריי, קונסט און קולטור בכלל. און זי — אַט די יונגע וועלטלעכע קולטור איז ווײַט אַריבער־געוואַקסן דאָס שטעטל מיטן תחום בכלל. די וועלטלעכע קולטור איז דערוואַקסן ביז אַ וועלט־קולטור, זיך צעגאָסן, צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט, איבער אַלע נײַע ישובים.

אָבער דאָך. קיין טראַדיציע איז זי ניט געוואָרן, קיין איינגעוואָרצלטקייט ווי די רעליגיע האָט זי ניט באַוויזן צו קריגן; איר נאַטירלעכן באָדן וואָס אויף אים איז זי אויסגעוואַקסן, — די שטעטלעך און דער תחום — זיי זײַנען חרוב געוואָרן, און אויך די וועלטלעכע קולטור — דער שוואַכסטער צווייג אין יידישקייט. ניטאָ דער גאָרטן, ווו זי איז געוואַקסן און ניטאָ דער אָפּנעמער אירער. און די מבוכה, דער גרויסער פּלאָנטער האַלט אין וואַקסן. וואַקסן אויס פּראָבלעמן, פראַגעס, ספקות: יידישקייט צוליב וואָס? צוליב וואָס די אָפּגע־זונדערטקייט? ניטאָ דאָך מער קיין צוואַנג, מען איז דאָך פרײַע, גלײַכע בירגער, איז מען אין איין לאַנד, אין איין מדינה, איז אויך אין קולטור. געענדיקט די טראַגעדיע פון יידישע צרות צוזאַמען מיט די יידישע נעזער אויך!... און אַז רוסלאַנד האָט נאָך אַלץ ניט געגעבן קיין עמאַנציפּאַציע, און דער דרוק איז געוואָרן שטאַרקער, האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן צווישן דער דערשטיקטער רעוואָ־לוציע און דער וועלט־מלחמה אַ שטאַרקע שמד־מגפה, וואָס האָט זיך שוין ניט געלאָזן מער באַהאַלטן. ווידער ענלעך צו דעם וואָס איז געווען אין אָנהייב פון פריערדיקן י״ה אין דײַטשלאַנד. האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ געפלעכט פון עטלעכע ריכטונגען אין יידנטום:

1. דאָס אונטערגייענדיקע שטעטל מיט זיין אָפּגעשוואַכטער תלמו־דישקייט און אויפגעוואַקסענער וועלטלעכקייט;
2. די עמיגראַציע מיט אירע פּראָצעסן אין נײַעם לאַנד;
3. עליה קיין ארץ ישראל, אַרבעט־רעליגיע, „מצוות סאָציאַליזם״;
4. בונדיזם מיט אַ גלויבן אין די רוסלענדישע פרײַהײַט־באַוועגונגען;
5. שמד־מגפה אין די שטעט, אפילו אין תחום, פון דער מער רוסי־פירצירטער יוגנט;
6. וועלטלעכע יידישקייט, וואָס האָט זיך לכתחילה צעטיילט אין צוויי ריכטונגען:

א. יידיש־וועלטלעכע ריכטונג מיט מער בייגונג צו אָרטיקייט, און

ב. העברעיש־וועלטלעכע ריכטונג מיט מער נייגונג צו ארץ־ישראל.

און צו דעם — די רעליגיעזע ריכטונג וואָס איז אויך אַריין אין גערעַנגל ווי לשם שמים אַזוי אויך לשם מאַכט און דעה אין לעבן. אַזוי אַרום איז די פריער־דיקע שטעטלשע מאָניסטישע יידישקייט צעשפּאָלטן געוואָרן אויף די אַלע אויסגע־רעכנטע ריכטונגען און איטלעכע פון זיי האָט זיך נאָך פון זיך געטיילט און געשפּאָלטן, און אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַ געפלעכט, ריכטיקער — אַ פּלאָנטער, אַ גאַנצער קנויל פון פּראָבלעמען, ריכטונגען, באַוועגונגען, קריגערייען, און אַזוי ביז די רעשטלעך פון דער פריערדיקער תקופה זײַנען אַוועק מיט בלוט און פײַער. אומגעבראַכט אַ דריטל פון פאָלק; פּאָרוויסט און חרוב איז דער באָדן פון דער פריערדיקער קולטור. דאָס גאַנצע יידישע לעבן האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די נײַע ישובים איבער דער וועלט. נײַע באַדינגונגען, נײַע פאָרמען פון לעבן, — און די מבוכה איז געבליבן. זי גייט מיט אונדז, ווײַל זי איז אין אונדז.

פון אַלע זוכענישן און בלאָנקערײַען אויף די וועגן פון יידישקייט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דער ווילן זיך צו דערנענטערן צום קריסטנטום. עס איז ניט שמד, עס איז אויך ניט קיין איבערלויפן פון געררודפטן, עס איז אַ ריין טעאָרעטיש צוגרייטן דעם וועג פאַר אַזאַ „טרוקענעם שמד". עס איז געווען אין דײַטשלאַנד בשעתה. און עס איז אויך געווען אין רוסלאַנד. אין אָנהייב פון ניינצנטן י"ה איז אַזאַ יידיש־קריסטלעכע געזעלשאַפט געווען געשאַפן מיט דער הילף פון דער רעגירונג, אָבער אָן דערפאָלג (אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן). עס איז געווען צום סוף פון י"ה, געשאַפן דורך יעקב גאָרדין, איידער ער איז אַוועק קיין אַמעריקע. אין די צײַטן אָבער פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אין רוסלאַנד די שמד־מגפה, איז אויך זשיט־לאָווסקי אַרויס מיט אַן אַרטיקל, אַז די יידן דאַרפן רעווידירן זייער „דרייפוס־פּראָצעס". געמיינט די באַציִונג פון יידן צו קריסטוסן, וואָס בסך הכול איז ער דאָך „אַן אונדזעריקער" — אַ יידישער פישער־בחור אָדער סטאָלער און זײַנע תורות זײַנען דאָך אונדזערע, אָדער כמעט ווי אונדזערע, היינט פאַר וואָס ניט אַרײַננעמען אים מיט זיין ספר אין סכום פון יידישער קולטור? עס איז דעמאָלט אויך אַרויס איינע אָדער אַ פאָר דערציילונגען פון שלום אַש אין דער ריכטונג. אַ גרעסערן טומל האָט געשאַפן זײַנס אַן אַרטיקל קעגן מילה. אויך דער ניסתר — דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער אָנפאַנגער — האָט אַ דערציילונג אין דעם גייסט. אויך האָט ברענער עפּעס פון דעם מין געשריבן.

קיין דירעקטע השפעה האָט די דאָזיקע ריכטונג ניט געהאַט: די שמד־קאַנדידאַטן האָבן ניט געלייענט קיין יידיש, און זיך ניט געגויטיקט אין וואָסערע

עס זאָלן ניט זײַן באַרעכטיקונגען. אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע האָט זיך וועגן דעם געקאָכט. און ניט בלויז די רעליגעזע יידן האָבן זיך געכעסט. דווקא צווישן די וועלטלעכע זײַנען געווען אַ סך אויפגערעגטע. צווישן זיי איז מער אַקטיוו געווען דער איבערגעגעבענער פאָלקיסט ש. אנסקי. די דאָזיקע טעאָריעס זײַנען דווקא געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די וואָס זײַנען געווען מער אַרײַנגעוואַקסן אין יידישקייט, און זיי האָבן ניט געקאָנט סתם נעמען און אָפּרייסן זיך. זיי האָבן דאָס ניט געקאָנט פּסיכאָלאָגיש. און עס קען זײַן אַז עטוואָס פון דעם איז געבליבן ביי עטלעכע פון אונדזערע הײַנטיקע „גאָט־זוכער״. אָבער דאָס האָט אייגנטלעך דערווײַל ניט קיין שייכות צו אונדזערע באַטראַכטונגען.

וואָס פאַר אונדז דאַרף דאָ קלאָר ווערן איז דער גרויסער איבערברוך אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג איבער דער וועלט. עס איז ניט קיין נאָרמאַלער איבערגאַנג פון דור צו דור, עס איז אַן איבערברוך, פון וועלט צו וועלט. מיר רופן דאָס פון תקופה צו תקופה. וואָס מיר זײַנען געווען, וועט שוין מער ניט זײַן. די לאַנגע צוויי טויזנט־יאָריקע תקופה וואָס מיר האָבן אָנגערופן תלמודיש־שטעטלשע איז אַוועק. די נײַע תקופה — די אורבאַנישע תקופה איז נאָך ווייט ניט איינגעשטעלט, די צײַט וואָס מיר לעבן איצט איבער איז די צײַט פון איבערברוך, פון איבערגאַנג, דאָס איז די צווישן־תקופות־צייט. עס איז פאַר זיך אַ דויערנדיקער פּראָצעס. עס איז אונטערגעגאַנגען אַ וועלט. עס האָבן זיך אין משך פון דער תקופה גופא געביטן לענדער, זי האָט זיך אָנגעהויבן אין בבל, זי האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין אשכנז, איבערגעוואַנדערט קיין מזרח־אייראָפּע. אָבער דער כאַראַקטער פון דעם יידישן לעבן איז געבליבן. עס האָט זיך געביטן דאָס לשון; עס האָבן זיך געביטן די פעלקער, וואָס האָבן איבער אונדז באַלעבאַטעוועט, אָבער דער הויפּט־שטריך פון דער תקופה איז געבליבן:

יידן האָבן אין דער פרעמד געלעבט פאַר זיך; צווישן פעלקער, אָבער באַזונדער, ניט אין די פעלקער.

אין גלות, אָבער די יידן האָבן אַליין און פאַר זיך געפורעמט זייער לעבן, זייער קולטור, זייער שטייגער, זייערע באַגריפן, זייער רעליגיע. אַנדערש איז געווען דאָס יידישע פאָלק און אַנדערש איז זײַן רעליגיע, גאָר אַנדערע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט און וועגן זינען פון לעבן. דער יידישער גאָט האָט צוזאַמען מיט דעם יידישן פאָלק געהאַט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. עס זײַנען אויף איין טעריטאָריע געווען צוויי באַזונדערע וועלטן.

אַן אַ מדינה, דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט געלעבט

אין פרעמדע לענדער, און באַזונדער. געגליכן צו עמיצן וואָס לעבט אין אַ פרעמדער דירה, געדונגען, לויט אַ געוויסן קאָנטראַקט, אָבער פאַר זיך. דער שכן מישט זיך ניט אין לעבן פון באַלעבאָס און אויך ניט פאַרקערט, דער באַלעבאָס — אין שכנס לעבן. צוויי באַזונדערע וועלטן — ייד און גוי. ווײַטע וועלטן, אַנדערע געשיכטעס, אַנדערע אַנטוויקלונג, אַנדערע שטייגערס, אַנדערע קולטורן, אַנדערע באַגריפן, אַנדערע געטער, אמונות, פרעמד, גאָר פרעמד צווישן אַנאַנד, אַנדערע פּסיכיקעס האָבן געהאַט די צוויי פעלקער — באַלעבאָס און שכן.

דער נעסטאָר פון דער „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" האָט עס אָנגערופן אויטאָנאָמיע — פאַר זיך. באַזונדערע סאָציאַלע אײַנאָרדענונג, דאָס שכן־פאָלק האָט זײַנע סאָציאַלע קאָלעקטיווע איינסן — די שטעטלעך, זיי צאָלן שטייערן פאַר זיך, עלעהיי אַ שכן צאָלט דירה־געלט; פאַרזיכיקע קולטור און באַזונדערע דערציִונג; פאַרזיכיקע, באַזונדערע געזעצגעבונג, געזעץ־קאָדעקסן פאַר אַלע געביטן פון לעבן און דאָס אין גאַנצן אומהאָפּהענגיק פון די לאַנד־געזעצן. די געזעצן זײַנען קיין מאָל ניט געבליבן פּיקסירט, עס זײַנען אַלע מאָל געקומען נײַע און נײַערע תקנות, אַלע מאָל לויט די באַדערפענישן פון די יידן און לויט זייערע טראַדיציעס.

די פאַרהאַנדלונגען פון יידישן „שכן־פאָלק" מיט דעם בעל הבית־פאָלק האָט געפירט דער קאָלעקטיוו, דער גאַנצער ישוב ווי אַזאַ. יעדער יחיד אָבער האָט אין זײַן לעבן, אין די ציווילע, סאָציאַלע און אַלע אַנדערע געלעגנהײטן געדאַרפט קומען נאָר צום אייגענם פאָלקישן קאָלעקטיוו. דער יחיד האָט ניט געדאַרפט קומען צום לאַנד־פאָלק און צו זיינע געזעצלעכע אינסטאַנצן.

אַן אייגענע, פאַרזיכקע דערציִונג־סיסטעם, אין גאַנצן אומאָפּהענגיק; אַן אייגענע, פאַרזיכיקע־סיסטעם צו באַזאָרגן אַלע נויט־באַדערפטיקע, מיטן אַלגעמיינעם נאָמען „צדקה". און ביידע — חינוך, תלמוד תורה און צדקה — ניט אין פאַרגלײַך בעסער ווי בײַ די מדינה־פעלקער.

דער לוח פון אַרבעט; די פאַרווײַלונגען, די שטוב, די גאַס, די געזעל־שאַפט — אַלץ פאַרזיכיק, באַזונדער; פאַרזיכיק און אַנדערש.

דאָס עסן און טרינקען, ניט דווקא כשרות, נאָר די עצם מאכלים, אַרבעט און רו, יום טוב און וואָך — אַלץ אַנדערש, די אייגענע טראַדיציעס אין זייער פּאַמעלעכער אַנטוויקלונג און צופּאַסונג — הליכות — הלכות — דינים און מינהגים, תיקונים (רעפאָרמען) און תקנות (צופּאַסונגען).

איז אויך די גאַנצע מאָראַל און פּסיכיק געווען אַנדערש, פאַרזיכיק, ניט די שריפט־קולטור, נאָר אויך די גאַנצע שטייגער־קולטור, די בעל־פּה־קולטור.

האָט די יידישע ליטעראַטור — די אָנזאָגערין פון דעם איבערברוך, אַליין געזען דעם יידן אין זײַן פאַרזיכיקן רייך־שטעטלען געשטאַלט. די באַציִונג איז געווען אַ פאַרשיידענע, אָבער דער אינהאַלט — דאָס שטעטל אין זײַן גאַנצקײַט. אַלע פּראָבעס און פאַרלאַנגען אַרײַנצוברענגען אין דער ליטעראַטור פרעמדע עלעמענטן, די „יפותו של יפת״, זײַנען אַרויס נאַיִוו, געקינצלט, אָרעם און בטלניש. ערשט דווקא די ליטעראַטור ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון שטעטל, האָט געשאַפן אונדזער קלאַסיק. שלום עליכם מיט זײַן פולער טיפּן־גאַלעריי און פּרץ מיט זײַן אידעען־גאַלעריי האָבן פאַראייביקט דאָס שטעטל אין איר שלמות. די ווײַטערדיקע זײַנען געגאַנגען און גייען ביז איצט אין זייערע טריט. און דאָס חרוב געוואָרענע שטעטל איז איצט אַוועק אין זיין קונסט־טראַנספאָרמאַציע איבער דער וועלט און איבער אַלע פעלקער...

ווײַט ניט אַלע אונדזעריקע, אייגענע, באַנעמען אונדזער ליטעראַטור אין עצם מהות און אין איר ראַל. טיילן פון אונדזער אינטעליגענץ האָבן שוין אין גאַנצן ניט קיין שייכות צו אונדזער נעכטן. די וואָס האָבן יאָ אַ שייכות, קוקן אָפּט אויף אונדזער פאָלק דורך פרעמדע ברילן. חזרט מען אָבער דעם לויב־אַטעסטאַט וואָס עס גיבן אונדז די גויים פאַר אונדזער מאָנאָטעיִזם, דאָס האָבן מיר דאָך געגעבן דער וועלט דעם „אחד״. נעמען זיך יידן אויך איבער מיט דעם צושטייער וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט. בין איך אַ שטיקל אפּיקורס און איך גלייב ניט אַז אונדזער „אחד״ באַציט זיך דווקא צום טעיִזם, צו גאָט; גלייב איך אויך ניט אַז די קריסטלעכע וועלט איז טאַקע מאָנאָטעיִסטיש, במחילה מכבודה. לויט מיין שוואַכן שכל איז אַ גאַנצע משפחה פון דריי ניט איינס, און דערצו קומט נאָך אַ גאַנצע אַרמיי פון האַלבע געטער לויט די אַלטע געצנדינע־רישע פאָרשטעלונגען. עפּעס קלעפּט זיך אויך ניט די פאַרקערפּערונג פון הייליקן גייסט אין אַ מענטשן וואָס מען קען הרגענען. עפּעס שטימט עס ניט מיט אַן אגדה, וואָס איז דורך און דורך אַן אונדזעריקע, אַז נאָך דער ערשטער ייד האָט געקראָגן אַ האַק און צעהאַקט אַלע מאַטעריעלע געטער פון זיין טאַטן. פון זינט יענע אגדה איז געשאַפן געוואָרן, איז ניטאָ ביי יידן קיין פאַרקער־פּערונג פון גאָט און ניטאָ קיין מאַטעריעלער גאָט, קיין פּערזענלעכער גאָט, קיין מאַטעריעלע הייליקייט און קיין שום פּערזענלעכע הייליקייטן. און וויפל אונדזערע מאָדערנע „גאָט־זוכער״ וועלן ניט אַרומזוכן מיט דעם דיאָגענעסעס לאָמפּ אין האַנט, וועלן זיי ביי אונדז ניט געפינען. ביי די קריסטן — מענטשלעכהייט פון גאָט ביי יידן — געטלעכקייט פון מענטשן. צוויי פאַרקערטע וועלטן. טעאָלאָגיע איז בכלל ניט אונדזער יידישער געביט, אויב אפילו אין אַלע מאָדערנע ראַבײַ־

סעמינאַרן לערנט מען טעאָלאָגיע, ווייל אַזוי פירן זיך אויך די וואָס האָבן זיך כלומרשט געלערנט רעליגיע ביי אונדז, און צום סוף לערנען זיך די מלמדים ביי די כלומרשטע תלמידים. אויסן בין איך דעם אמת־יידישן מאָניזם, וואָס די גויים האָבן אים ניט איבערגענומען און וואָס זיי קענען אים ניט איבערנעמען. דאָס איז דער מאָניזם פון יידישקייט. ניטאָ ביי יידן קיין באַזונדערע רעליגיע, אָפּגעטיילט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, די יידן האָבן זייער רעליגיע פון קיינעם ניט איבערגענומען, ניט געבאָרגט. ניטאָ ביי אונדז קיין פאַרטיילונג אויף רעליגיע און קולטור. ניט געווען ביי אונדז אויך קיין פאַרטיילונג „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צום קייסער איז באַזונדער". אַל דאָס מענטשלעכע דאַרף זיין געטלעך. ניט געווען ביי יידן קיין ריכטונגען, ניט רעליגיע און וועלטלעכקייט. אַל דאָס וועלטלעכע, דאָס געזעלשאַפטלעכע, דאָס פאָלקישע, איז אייגנציטיק געווען אויך רעליגיעז. האָט אַ פאָלק אָן אַ מדינה און אָן פאָליציע, אָרגאַניזירט און אויפגעהיט אַ פולע סיסטעם פון סאָציאַלער זאָרג פאַר אַלערליי באַדערפטיקע. האָט עס געהייסן „צדקה" פון צדק — „גערעכטיקייט" און עס איז געווען רעליגיע. איז דאָס געווען דער זינען פון יידישן אחד. און איטלעכער ייד דאַרף טאָן גוטס, ווייל די רעליגיע איז דאָך אויך „ואהבת לרעך" ניט ווייניקער פון „ואהבת את ד' אלוהיך". און טאָן דאַרף מען דאָס ניט נאָר פאַר דעם אייגענעם גן עדן, נאָר בעיקר כדי „לתקן עולם במלכות שדי". ניט פאַרבעסערן די וועלט פאַר דעם מענטשן, ער זאָל האָבן אויף דער וועלט און וועלט אויף יענער וועלט, נאָר פאַרקערט, מען דאַרף אויסבעסערן דעם מענטשן פאַר דער וועלט, פאַר אָט דער מלכות שדי. איז גאָר די יידישקייט — שטייגער, לשון, מינהגים, שריפטן און אידעען — אַלץ איז געווען רעליגיע, אַלץ איז געטלעך, מענטשן שאַפן עס אַלץ מיט גאָטס גייסט וואָס הערשט אין זיי, אין זייער האַרץ. האָט מען פון תלמוד אָן אויסגעמיטן גאָר זיך צו פאַרנעמען מיט גאָט־פּראָבלעמען, איז יידישקייט און תורה און גאָט — אַלץ צוזאַמען איין געטלעכקייט. דאָס איז דער יידישער אחד, מאָניזם. און די גאַנצע יידישע געטלעכקייט, אָדער געטלעכע יידישקייט, האָט דריי געביטן:

תורה — פאַרטיפן זיך אין די אינהאַלטן פון יידישקייט און באַמיען זיך צו פאָרמולירן, פורעמען אין מעשים (הלכה) און פאָרשן זייער אַנטוויקלונג פון די פריערדיקע מקורים.

עבודה — איינפירן אין לעבן אָט די פרינציפּן פון יידישקייט אין זייער טראַדיציאָנעלער פאָרמירונג און איבערפאָרמירונג.

גמילות חסדים — סאָציאַלע זאָרג פאַר אַלע וואָס דאַרפן עס.

דאָס איז די יידישע איינהייט, דער אחד פון אינהאַלט. דער אחד האָט

אָבער אַרומגענומען נאָך צווי געביטן. דער געאָגראַפישער אחד: איין פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט, „שה פּזורה ישראל" האָט נאָך געקלאָגט דער נביא ירמיהו (נ' 17). און איין אָט דער גלותדיקער צעשפּרייטקייט צו זיין איינס — דאָס איז געווען דער אויפטו פון אונדזער „אחד". שווער איז קיבוץ גלויות, שווערער איז מיזוג גלויות. אָבער ניט אין פאַרגלייך שווערער איז אָט דער מיזוג אין די גלותן גופא. ניטאָ קיין אונטערשייד אין לענדער. אַ ייד פון גראָדנע און פון סאַלאָניקי — אַלץ דער זעלביקער. אחד! דער יידישער אחד האָט אַנולירט שטחים, דיסטאַנצן. „גוי אחד בארץ". איין און דאָס זעלביקע פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט.

און נאָך ווײַטער — דער יידישער „אחד" האָט אַנולירט אויך צײַט: יידן פון אַלע דורות האָבן געלעבט ווי צוזאַמען. אין משך פון יאָר האָבן יידן איבער־געלעבט זייער גאַנצע געשיכטע. אַלע דורות זײַנען יאָר איין און יאָר אויס אַרויסגעגאַנגען פון מיצריים, אַלע דורות האָבן פון דאָס נײַ גענומען די תורה, געטרויערט אויפן חורבן און געזעסן אין סוכה. פלעגן די אבות קומען צו מיין טאַטן זיצן מיט אים אין סוכה (אושפּיזין). אַ ייד לעבט הײַנט, און אַלץ וואָס ער דאַרף, שטייט פאַר אים אין דער תורה: אויף אַלע צרות קלאָגט דער נביא, אַלץ זאָגט די גמרא, און רש"י מאַכט, און תוספות פרעגט, און דער רמב"ם פּסקנט, און אַלע מפרשים שטעלן זיך אָפּ, און די ראשונים מיט די אחרונים פּסקנען און די וועלט פרעגט ווידער די אַלטע קשיא, — און אַלע, אַלע זיצן ביי איין טיש און מען לערנט צוזאַמען. און עס פאַרשטייט זיך, אַז עס פעלט ניט בײַם טיש אויך ער אַליין „די געבענטשטע הייליקייט" („הקדוש ברוך הוא") — ער לערנט אויך צוזאַמען מיט אַלע יידן... כל ישראל, צייט און שטחים, דורות און לענדער, דאָס פאָלק און גאָט — אַלץ איז איין „אחד" מיט דער תורה, אין דער תורה. און זי ווידער איז אחד מיט דעם גאַנצן קאָסמאָס, ווײַל אָן דער תורה איז דער גאַנצער וועלט ניט געווען כדאי באַשאַפן צו ווערן. וויסן און מאָראַל, הייליקייט און וואָכעדיקייט, יידישקייט, און תורה און געטלעכקייט. דאָס איז דער מאָניזם פון יידן, וואָס איז אַ סך העכער פון דעם אָנגענומענעם „דרײַאייניקן גאָט". איז פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם מאָניזם איז יידן געוואָרן גרינגער צו לעבן און צו לײַדן...

דאָס איז געווען ווען אונדזער קלאַסיש שטעטל היתה קיימת. אָבער אַז עס איז געקומען די עמאַנציפּאַציע מיט דער אורבאַניזאַציע, איז געוואָרן אויס מיט אונדזער אחד. תורה איז פאַר זיך און קולטור איז ווידער באַזונדער, די רעליגיע האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם איינהייטלעך געבונדענעם קאָמפּלעקס. די

סאָציאַלע געבונדענקייט איז אַוועק, ניטאָ מער ביי יידן, די ציווילע געבונדנקייט איז אָפּגעפאַלן; אויס מיט דער גאַנצער אויטאָנאָמיע. נאָך בעת דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע איז דאָס געפּסקנט געוואָרן: יידן ווי בירגער אַלע רעכט, יידן ווי אַ פאָלק — גאָרניט. זײַנען די בירגער־רעכט — ווי גאָט גיט און ווי עס איז די שטימונג ביים באַלעבאָס, אָבער די צווייטע העלפט פון דער פאָרמול ווערט אָפּגעהיט ביז גאָר — יידן ווי אַ פאָלק גאָרניט געבן. און אַזוי ביז הײַנט אפילו אין דעם „סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד", וווּ אַלע פעלקער קריגן יאָ רעכט. אויך דאָרטן איז געבליבן דער אַלטער „קראָמע יעווריעוו" (אחוץ יידן) — די אַלטע פאָרמול פון די צאַרישע צייטן נאָך.

איז די יידישע רעליגיע צעפאַלן אויף אַ סך פאָרמען און רעליגיעס. פון די נטורי קרתא אין ירושלים און די סאַטמאַרער אין אַמעריקע, דורך דער אגודה, דורך חב"ד, „יאַנג יזראעל" און דורך די קאָנסערוואַטיווע ביז די פאַר־שיידענע רעפאָרמער — וויפל יידישע רעליגיעס זײַנען פאַראַן?! ווער קען גאָר זיי אויסציילן? און אַחוץ זיי אַלע — קומען יידן, וואָס זאָגן אַז זיי זײַנען גוטע יידן אָבער אַרעליגיעזע, זיי האַלטן ניט פון רעליגיעס און אַלץ וואָס שמעקט מיט רעליגיע איז פּסול. און עס קומען ווייטער יידן וואָס האַלטן זיך פאַר בפירושע אַנטירעליגיעזע, זיי באַקעמפן אַלע רעליגיעס, ואחרון אחרון איז דער גרעסטער טייל יידן מסתמא פון דעם מין „לאָזט מיך געמאַך מיט אייער יידישקייט". זיי דאַרפן בכלל ניט קיין שום יידישקייט. גענוג די קולטור פון לאַנד, און אַז מען לאָזט אונדז צו, דאַרפן מיר מער ניט קיין שום צוגאָב־זאַך ווי „אייער יידישקייט". דער חלום פון די גאָר ערשטע משכילים איז מקוים געוואָרן, און... קיינע דער־פאַרונגען פאַר דער לאַנגער תקופה פון אַ הונדערט און פופציק יאָר און מער האָבן די יידן ניט געמאַכט קליגער.

דאָס איז בנוגע צו דער יידישער אַמאָל מאָניסטישער רעליגיע. עס האָבן זיך מיט אַ מאָל צעקריגט די צוויי שפּראַכן, וואָס האָבן טויזנט יאָר געלעבט בשלום און איינע האָט געהאָלפן דער צווייטער. צעקריגט, צעריסן, ביז עס קומען גאָר אַנדערע — די לאַנדשפּראַכן און דערשטיקן ביידע. ווערט ווידער אויף דעם געביט דאָס יידישע פאָלק צעבראָקלט: וויפל לענדער — אַזוי פיל שפּראַכן רעדט מען, און וויפל שפּראַכן, אַזוי פיל פעלקער איז מען. אויס מיט דעם יידישן „אחד". און ניט נאָר די שפּראַכן, — די קולטורן — צוויי פעלקער איז מען גאָר — יידן און עברים און עס איז געקומען אַ דריטס — ישראלים, און גאָר מפונקים מעלדן זיך פאַר כנענים — אויס מיט דעם „גוי אחד בארץ"! געוואָרן אַ פאָלק פאַר זיך, דורכגעלעבט, דורכגעמאַטערט זיך יאָרטויזנטער, דורכ־

געלעבט, דורכגעליטן, איבערגעלעבט, אויסגעהאַלטן, — און עס ווערט צעשאָטן, צעברעקלט זיך. געווען אַ גאַנצע וואָזע, האָט זי זיך צעבראָכן און צעברעקלט. שטיקלעך, ברעקלעך פון פאָלק צעשאָטן איבער דער וועלט.

איין ווינקל איז פאַראַן אויף דער וועלט וווּ יידן באַמיִען זיך צו לעבן ווי אַ פאָלק פאַר זיך. דאָס איז די אייגענע מדינה, מדינת ישראל. איז די מדינה אַן ענין פאַר זיך. מען קען זי ניט באַהאַנדלען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ישובים. דאָ וועט זײַן גענוג צו זאָגן, אַז אָנגעהויבן זיך בויען האָט די מדינה נאָך פריער ווען עס איז געווען אַ פאָלק אין זיין גאַנצקייט. די תלמודיש־שטעטלשע תקופה האָט אויסגעטראָגן דעם אידעאַל, געטראָגן און געהיט, געטרייסט זיך מיט אים אין די שווערסטע צייטן. טאַקע די זעלביקע תקופה האָט אויך די מדינה געבויט און געקעמפט פאַר איר, געלעבט מיט דעם חלום און געשמידט דעם וואָר. די נײַע צווישן־תקופות־צייט האָט אַרײַנגעטראָגן די מבוכה אויך אין דער מדינה. ווי עס זײַנען די יידן אין דער וועלט, אַזוי זײַנען אויך די יידן אין דער מדינה. בכל אופן דאַרף מען די מדינה באַהאַנדלען גאָר באַזונדער. מיר קערן זיך אום צוריק צו די גלותן. דאָס וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט, איז שייך צו דעם גאַנצן קאָלעקטיוו יידן אין דער וועלט. עס איז אָבער פאַראַן נאָך איין פּראָבלעם וואָס מען טאָר זי ניט פאַרבײַגיין. דאָס איז די פראַגע וועגן דעם ווי עס פילט זיך יעדער ייד אין אָט דער צעטומלטער צווישן־תקופות.

עס איז עטלעכע מאָל פאַרצייכנט געוואָרן אַז דער ייד אין דער שטעטלשער תקופה האָט געפילט אין זיך אַ געוויסע שטאָלץ, אין אַלע שוועריקייטן און צרות האָט דער ייד אינעווייניק, אין זיך זיך געפילט העכער פון די אַנדערע. עס זײַנען געווען שטאַרקע נשמות אין שוואַכע גופים. האָט דער ייד געמאַכט די ברכה „שלא עשני גוי" מיטן גאַנצן האַרצן טאַקע. זיי שלאָגן, מאַטערן אונדז, — נו, און אַז וועלף באַפאַלן, אַז אַ היישעריק פאַלט אָן, אַז אַן ערד־ציטערניש קומט — חיות זײַנען געבאָרן צו פאַרצוקן און פרעסן, און פעלקער זײַנען ניט בעסער, ערגער יאָ, אָבער בעסער געוויס ניט, זיי קענען גאָר אַנדערש ניט. טוט עס זייער ווי, אָבער די נשמה רירט עס ניט אָן. „עס ברענען די גלידער / דו מיין זעל (נשמה) בלייב פעסט און שטאַרק", האָט געזונגען דער פאָלקס־פּאָעט וואַרשאַווסקי. פאַראַן אין גמרא אַן אגדה נאָך פון דעם ערשטן דור נאָכן חורבן. עס גייען איבער די חורבות פון ירושלים ר׳ עקיבא און אַ פּאָר פרײַנד. זיי זעען די חורבות און זיי וויינען. ר׳ עקיבא אָבער לאַכט גאָר. ער דערקלערט: אויב זיי — די רשעים האָבן אַזוי, ווי וועט עס שוין זײַן פאַר אונדז! די טיפע אמונה אין דער גליקלעכער צוקונפט

מאַכט גרינגער אַריבערצוטראָגן די צרות אפילו מיט אַ געלעכטער.

פונקט דאָס פאַרקערטע איז מיט די געפילן פון דעם יידן אין דער צייט פון צווישן־תקופות, ערב דער עמאַנציפּאַציע און נאָך איר. עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז די עמאַנציפּאַציע האָט באַפרײַט דעם גוף פון יידן און זי האָט פאַרשקלאַפט זײַן נשמה, ווי דאָס האָט ריכטיק דעפינירט אחד העם „קנעכט־שאַפט אין פרייהייט". דער ייד ווערט געטראָגן פון אַ סכום געפילן וואָס זײַנע עלטערן האָבן ניט געהאַט, ניט געוווּסט פון זיי. פאַראַן דער פאַרלאַנג זיך אויסצוגלייכן מיט זיי. „אויף וואַסער וואָגן דו זיצסט, אַזאַ לידל דאַרפסטו זינגען". אַזאַ ווערטל איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו הערן אין דעם באַפרײַטן, פאַרזיכיקן פוילן. דער פאַרלאַנג איז שטאַרק אין אַלע נײַע ישובים, נאָך שטאַרקער ווי אין פוילן. דער פאַרלאַנג ווערט שטאַרקער אַ דאַנק דער דערציִונג אין די שולן און אין גאַס. די בילדונג איז אַ מאַסן־קולטור, די פאַרוויילונג איז אַ מאַסן־פּראָדוקציע אויסגערעכנט פאַר מאַסן. זי איז אַ פּרעמדע, זי געהערט דעם הערשנדיקן פאָלק. זי דרינגט אַרײַן אין די היימען, שווער זי צו פאַרמיידן, צו באַזייטיקן אירע השפעות. דער פאַרלאַנג צו זײַן אַזוי ווי זיי ווערט ווידער שטאַרקער אַ דאַנק די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס וואָס יידן פאַרנעמען אין דער ניט יידישער געזעלשאַפט, דער צובונד צום אייגענעם היסטאָרישן פאָלק ווערט כסדר שוואַכער אויך אַ דאַנק דער קנאַפּער יידישער אויסבילדונג, וואָס מוז אָפּטרעטן דעם פּלאַץ, די צײַט און וויכטיקייט דער לאַנד־אויסבילדונג; ער ווערט נאָך שוואַכער אַ דאַנק דעם אָפּגעשוואַכטן יידישן שטייגער וואָס קען אין די באַדינגונ־גען פון אורבאַניזם ניט זײַן אַזוי ווי ער איז געווען אין די דורכויס־יידישע שטעטלעך. דאָס איז די אָביעקטיווע סיטואַציע, וואָס לאָזט זיך זייער שווער קאָרעגירן. אָבער די נשמה אין דעם יידן ווערט איינגעבראָכן, אפילו אַ סך מער ווי אײַנגעבראָכן. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז „עס איז טאַקע שווער צו זײַן אַ ייד", אָבער עס איז גאָר ניט גרינג צו ווערן אויס ייד. דער ערשטער דור עמאַנציפּירטע יידן אין דײַטשלאַנד האָט טריאומפירט טאַקע און ער האָט באַגעגנט אָפענע אָרעמס פון די פּראָגרעסיווע דײַטשן. פאַר ביידע צדדים איז עס געווען אַ מין עקסטאַז: פאַר די גויים — אַראָפּ אַ יאָך פון געוויסן, וואָס „נתן דער חכם" איז סוף כל סוף אַ פרייער בירגער. און די „שמאַנט און ביימל" פון די יידן זײַנען געווען גליקלעך, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון געטאָ. אַ כפרה די גאַנצע אויטאָנאָמיע מיט דער יידישקייט צוזאַמען!... די באַגײַס־טערונג האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. היינעס באַדויערן וואָס ער שטאַרבט אָן אַ קדיש און אָן אַ מיסאַ איז געווען:

1. — ניט אַ באַדויערן וועגן דעם וואָס עס וועט זיין נאָכן טויט, נאָר עס איז געווען אַ וויי־געשריי פון לעבן צווישן צוויי פעלקער, פון דעם זײַן אין לעבן ניט קיין ייִד און ניט קיין גוי; אָפּגעהאַקט די אייגענע וואָרצלען און ניט געקראָגן קיין פרעמדע וואָרצלען, אויסגעוואָרצלט און אָפּגעפרעמדט פון ביידע פעלקער, פון ביידע וועלטן.

2. — היינעס קלאָגן זיך איז געווען ניט בלויז פּריוואַט פון אים אַליין, עס איז געווען אַ געפיל ביי אַלע וואָס האָבן זיך אין יענע יאָרן געשמדט. באַשר קיינער, קיין אַנדערער האָט עס ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַזוי שאַרף ווי היינע. ער איז דאָ געווען אַ מין שליח ציבור פאַר אַ סך ווי ער, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג אין לעבן „ווי אַ דײַטש און ייִד" צוזאַמען און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז זיי זײַנען ביידע ניט, ניט קיין ייִדן און ניט קיין דײַטשן.

דאָס זעלביקע האָט זיך אין אַנדערע ספּעציפישע פאָרמען איבערגעחזרט אויך אין רוסלאַנד.

פאָלק איז ניט קיין בגד, וואָס מען קען עס איבערבייטן, ווען מען וויל און ווי מען וויל. עס ליגט אין מענטשן אַ סך טיפער ווי עס גרייכט זײַן באַוווסטזײַן. דורותדיקע געוווינהײַטן, טראַדיציעס, עמאָציעס וואָס מען ירשנט אָפּט אַפילו קעגן דעם אייגענעם פּערזענלעכן ווילן און וויסן, זיי בלייבן אפילו נאָכן שמד. פון דעם קען מען ניט פּטור ווערן אין משך פון לאַנגע דורות. דערצו קומט נאָך די באַציִונג פון די אַנדערע, די ניט ייִדישע שכנים און באַקאַנטע. די ניט ייִדן זײַנען דאָך אויך טרעגער פון לאַנגע דורותדיקע טראַדיציעס און געוווינהייטן, פאַר זיי איז דער ייִד דאָך פאָרט אַ פרעמדער, ער קען זײַן אינטע־רעסאַנט, וויכטיק און אַלץ אין דער וועלט, אָבער דאָך פון אַ פרעמדער וועלט. די פרעמדקייט ברענגט צו ספּעציעלע פאָרמען פון באַציִונג. אָדער דער געוויסן הייסט דעם ניטיידן זיך באַציִען צו דעם ייִדן מיט מער אויפמערק, ווי נאָרמאַל, אָדער פאַרקערט. בכל אופן איז עס עטוואָס אַנדערש. עס זאָגט מיר אַ שכן אין שפּיטאָל, אַז ווען עס באַזוכט אים דער ייִדישער דאָקטער, איז ער ניט צופרידן: עס דוכט זיך אים, אַז ער איז צו אויפמערקזאַם צו אים, עס דוכט זיך אַז ער וויל מיט זײַן אויפמערק און איבערגעטריבענער פרײַנדלעכקייט עפּעס געווינען חן. געפעלט עס אים ניט... דער ייִד באַמערקט די באַציִונג פון דעם ניטיידן און עס רופט ביי אים אַרויס פאַרדרוס: ער באַמיט זיך אַזוי שטאַרק זיך אַרײַנצופּאַסן און צופּאַסן צו דער ניטיידישער געזעלשאַפט, דאַכט זיך אַז ער איז אין דער פולער אָרדענונג מיט זײַן אַקצענט, מיט זײַן אויפפיר, מיט אַלע זיטן. ער שטרעבט זיך אָן צו זײַן ווײַטער פון ייִדן און פון אַלע ייִדישע זיטן.

און נאָך אַלעמען פילט ער דאָך אַ פרעמדקייט צו זיך מצד יענע ניטיידן! איז עס אַ טראַגישע לאַגע — ניט קיין ייד און ניט קיין קריסט, פרעמד פון די און פרעמד פון יענע. רופט עס אַרויס גאָר שווערע קאָנפליקטן אין מענטשן גופא. דאָ מישן זיך צונויף קנאה און כעס און געפאַלנקייט. עס רעגט אויף יעדע זאַך וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן ווי עפּעס וואָס איז בולט יידיש! איטלעכער יידישער שטריך רעגט אויף: צו וואָס דאַרף מען דאָס? מען קען דאָך אויסקומען אָן דעם אויך... די אַלטע פאָרמול פון „אדם בצאתך" — דײַן יידישקייט באַהאַלט אין דער היים, זאָל קיין פרעמד אויג ניט באַמערקן חלילה, אַז דו ביסט אַ ייד...

פון דער צווייטער זײַט רופט עס אַרויס אַן איבערגעטריבענע גינציקייט צו אַלץ וואָס איז פרעמדס, מען באַמיט זיך אַרויסצוווײַזן צו דעם דעם גרעסטן אינטערעס און געטרייקייט. זאָלן לײַט זען, ווי מיר זײַנען אַרײַנגעטאָן אין אַלץ וואָס זיי האַלטן פאַר טײַער און וויכטיק. מען מעג חושד זײַן אַז אָט דער איבערגעטריבענער אינטערעס איז ניט קיין אמתער, ער איז אָפטער אַ געמאַכטער, ווײַל מען דאַרף זײַן אינעווייניק אין דער געהעריקער גערעלשאַפט. פאַרקערט, ווײַכט מען פון אַלץ וואָס שמעקט נאָך מיט יידן און מיט יידישקייט. אפילו צונויפקומען זיך וועט מען גערנער אין אַ ניט יידישן זאַל. אויף אַ ריין־יידישער פאַרזאַמלונג וועט מען פאַרבעטן אַ גוי זאָל מאַכן די ברכה, וועט עס זיין אָנציענדיקער פאַר יידן, חשובער אין זייערע אויגן. אַ מאָדערנער רב דאַרף קודם כל האָבן סמיכה פון ניטיידן, פון גאָר חשובע גוים, דעמאָלט וועט ער האָבן חן וחסד ביי יידן. אַ געדאַנק וועט מער געפעלן ווערן יידן אויב ער ווערט געשטיצט פון אַ גוי. דער גרעסטער טייל פון ענערגיע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידן אין די פרײַע לענדער ווערט אָפּגעגעבן פאַר אַקציעס פון „גוטן ווילן", וואָס זײַנען לכתחילה אויסגערעכנט זיך אײַנצוקויפן אין ליבע בײַ די ניטיידן. צי דאָס ווירקט? — קען זײַן אַז גערעכט איז געווען מײַן שפּיטאָל־שכן, וואָס האָט זיך מודה געווען, אַז דער שטאַרקער אויפמערק פון דעם יידישן דאָקטער צו אים האָט אין אים אויפגעוועקט אַ פאַרקערט געפיל... איז פאַראַן בײַ דעם טיפּ יידן אַ געפיל פון כעס אויף דער יידישקייט: איך באַמי זיך אַזוי פיל, — און קען פון דעם ניט פּטור ווערן! איז דאָס גאָר אַ שווערע סיטואַציע: מען וויל זײַן וואָס מען איז ניט און מען וויל ניט זײַן וואָס מען איז יאָ. דער קאָנפליקט ברענגט ניט זעלטן צו גאַנצע אויסברוכן אין לעבן און קען דערפירן ביז טראַגישע רעזולטאַטן. זעלטענע, אויסטערלישע דערשײַנונגען קומען צומאָל אין דער פּרעסע, ווי סענסאַציעס, אָבער די דאָזיקע אויסטערלישע דערשײַנונגען

זײַנען בלויז אויפֿרײַסן פֿון טיפֿערע אָנשטרענגונגען, וואָס אין לעבן זײַנען זיי אַ סך מער ווי די געציילטע יחידים.

דאָס ביז איצטיקעס איז געזאָגט געוואָרן וועגן נאָרמאַלע צײַטן. „נאָרמאַל״ מיינט דאָ ווען דער אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם טרעט ניט אַרויס אָפֿן. אָבער ער קען זייער גרינג און גיך ווערן אַקטיוו. פֿון פּאָטענציעלן צושטאַנד, קען ער גאָר גיך אַריבערגיין אין קינעטישן צושטאַנד. וואָס פֿאַר אַ רעאַקציע קען ער באַגעגנען מצד אַזוינע יידן מיט צעבראָכענע נשמות?

עס קענען זײַן דרײַערליי פֿאָרמען פֿון רעאַקציעס, ווי יידן רעאַגירן אויף אויסבראָכן פֿון אַנטיסעמיטיזם: עס קען זיין אַ רעאַקציע ווי עס רעאַגירן מענטשן אויף אַן אויסבראָך פֿון אַן אומזיניקער נאַטור־סטיכיע. עס טוט ווי, מען באַמיט זיך מיט אַלע כוחות אויסצומײַדן דעם אומגליק, זיך צו ראַטעווען, אָבער עס איז ניט שייך צו זאָגן באַליידיקונג. ווער קען זיך באַליידיקן אויף אַן ערדציטערניש אָדער אויף אַ מגפֿה, אָדער אויף אַן אָנפֿאַל פֿון וועלף? איז אויפֿגעשטאַנען נאָכן חורבן, באַוויינט די טויטע און צוריק זיך גענומען צום לעבן. צי האָט מהר״ם פֿון ראָטענבערג, זיצנדיק יאָרן־לאַנג אין תּפֿיסה, געקאָנט גאָר טראַכטן זיך צו באַליידיקן אויף יענעם פֿריץ וואָס האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה?

ביאַליק און אַנדערע פֿון זײַן מין און פֿון זײַן צײַט האָבן דעם צוגאַנג און די פֿאָרעם פֿון רעאַגירן ניט פֿאַרשטאַנען. פֿאַר זיי זײַנען די אָנפֿאַלער, די רוצחים דאָך מענטשן, גלײַכע מענטשן, בני אדם, און מען קען ניט זיך ניט רעכענען מיט זיי און מיט זייער אָנפֿאַל. האָט ביאַליק בפּירוש געזינדיקט קעגן יידן אין זײַן „שחיטה־שטאָט״, פֿאַר וואָס יידן האָבן אין קישענאָוו ניט מלחמה געהאַלטן מיט די פּאָגראָמירער (אגב, שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יידן האָבן יאָ געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אויך אין קישענאָוו). מלחמה קענען האַלטן מענטשן מיט מענטשן אָבער ניט מיט אַ ביייזער סטיכיע. די צווייטע עבירה ביאַליקס איז געווען אין זײַן פּאָעמע „על השחיטה״, ווען ער פֿאַרלירט זיין אמונה אין גאָט „אויב גאָט איז פֿאַראַן אין אייערע טיפֿן / און איך האָב אומזיסט אים גערופֿן (יידיש י.י. שוואַרץ). די זעלביקע עבירה האָב איך די טעג געלייענט ביי איינעם פֿון אונדזערע מאָדערנע „גאָטזוכער״. אַ גוטער ייד, וואָס וויל ניט אַנדערש געפֿינען אַ פּערזענלעכן גאָט, ער דאַרף אים האָבן, כדי צו מאָנען בײַ אים אַ חשבון פֿאַר דעם חורבן וואָס מיר האָבן געליטן פֿון די דײַטשן און אַנדערע. עס איז אין דעם אַ חילול השם. און אָט פֿאַר וואָס: קיינער קען דעם יידן ניט אָנווייזן קיין פּערזענלעכן גאָט „אָט איז ער!״. מענטשן לעבן און פֿירן זיך ניט מיט דעם גאָט, נאָר זיי לעבן

לויט דעם גאָט וואָס ביי זיי אין האַרצן, אין זייער קולטור און טראַדיציע. איז אונדזער יידישער גאָט, דער וואָס ביי יידן אין האַרצן, וואָס ביי יידן אין אונדזער קולטור, דער קען, חלילה, ניט ענטפערן פאַר די רציחות פון יענע פעלקער, וואָס טראָגן אַרויס זייערע הייליקע פענער (די טראַנטעס, פלעגט מײַן באָבע זאָגן), די בילדער פון זייער גאָט צו גיין מיט זיי פאַרגיסן יידיש בלוט, ווי עס ליגט אין זייער נאַטור און ווי זיי גלייבן, אַז זייער גאָט האָט פון דעם הנאה...

און ניט פאַרשטאַנען האָט ביאַליק, און אַלע אַנדערע, דעם טראַדיציאָנעלן יידישן צוגאַנג דערפאַר, ווייל פאַר זיי זײַנען שוין די שלעגער געווען ניט קיין בלינדע, ווילדע סטיכיע, נאָר מענטשן פון זעלביקן מין וואָס מיר. איז געקומען דער יידישער ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן. עס איז ניט ריכטיק דער אויסדרוק, אַז זיי האָבן פאַרטיידיקט דעם כבוד פון ידישן פאָלק. דער כבוד פון יידישן פאָלק און פון גאָט אין יידישע הערצער האָבן די קעמפער ניט געדאַרפט פאַרטיידיקן קעגן די בלוטדאָרשטיקע שדים (ניט חיות נאָר שדים!) מיט דער גאַנצער ציוויליזאַציע. אונדזער טראַדיציע, די בלוטיקע כראָניקס האָבן זיי אַלע מאָל אָנגערופן „תועים" — בלאָנדזנדיקע, באַשעפענישן וואָס זײַנען אָן זינען, אָן פאַרשטאַנד. קיינער דאַרף ניט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אַ מענטשן, וואָס שלאָגנגען גיפטיקע באַפאַלן אים. און קיינער דאַרף ניט אָננעמען זיך פאַרן כבוד פון יידן, וואָס צעיושעטע פאָגראָמירער אָדער אויסגערעכנטע דייטשן באַפאַלן אונדז.

איך וועל קיין מאָל ניט מסכים זיין מיט דעם העלדנטאַט פון מצדה זיך צו טייטן, כדי „די רוימער זאָלן זען". ניט אונדזער טראַדיציע האָט באַוויליקט זייער קרבן. דאָס האָט געטאָן אַ ייד — ספק־פאַררעטער אָדער ניט, וואָס האָט געשריבן אונדזער געשיכטע פאַר די רוימער אין זייער רוימישן גײַסט. די יידישע טראַדיציע ציט זיך פון אַן אַנדער גבורה, וואָס איז סימבאָליזירט פון אַ צווייטן נאָמען — יבנה. דאָס איז די גבורה צו קענען מבטל זײַן דעם בייזן שונא און זיך קאָנצענטרירן אויף אָפּצוהיטן דעם אייגענעם גײַסט.

בכן זײַנען דאָ דריי מינים רעאַקציע: מבטל זײַן דעם מעכטיקן שונא, וואָס מען קען אים סיי ווי ניט באַקעמפן, אָננעמען זײַנע אָנפאַלן ווי נאַטור־קאַטאַסטראָפעס. דער צווייטער מין רעאַגירונג איז קעמפן קעגן שונא אפילו ווען מען ווייס פאָרויס אַז מען קען אים ניט באַקעמפן, בעסער שטאַרבן מיט אַ ווידערשטאַנד איידער לעבן אָן אַ ווידערשטאַנד.

און דער דריטער מין: אַטראָפיע פון יעדער רעאַגירן ווייל... מײַן

באַליבטער, דער פאַרגעטערטער געליבטער, האָט מיר באַשפּיגן און אויס־געלאַכט...

מיט אַנדערע ווערטער זײַנען די דרײַ אופנים פון רעאַגירן: אָדער די ייִדן האַלטן די אָנפאַלער פאַר אַ מין נידעריקערע באַשעפעניש, אָדער זיי האַלטן די אָנפאַלער פאַר גלײַכע, מיט וועמען מען קעמפט, אָדער זיי האַלטן די אָנפאַלער פאַר העכערע פון זיך, וואָס קענען אונדז ניט פאַרטראָגן. אַט דער דריטער מין רעאַגירן איז געווען בײַ דעם גרעסטן טייל דײַטשישע ייִדן אין צײַט פון חורבן. דערפאַר זײַנען צווישן זיי געווען ניט אין פאַרגלייך פּראָפּאָרציאָנעל מער זעלבסטמערדער, ווי צווישן די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע.

קער־ן מיר זיך אום צו דער פראַגע, וואָס פאַר אַ רעאַקציע קען טרעפן אַן אויסברוך פון פּראַקטישן אַנטיסעמיטיזם? איך האָב מורא, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם אַסימילירטן ייִדנטום וועט בלײַבן בײַ דעם דריטן מין, און דאָס איז דער ערגסטער, דאָס איז די רעאַקציע פון פולער מאָראַלישער אַטראָפיע פון זיך־דערהאַלטונג.

די שקיעה

אַזוי אַרום זעען מיר אַז דאָס ייִדישע פאָלק געפינט זיך אין אַ מצב פון אונטערגאַנג. גרעסערע טיילן פון אונדזער פאָלק פאַרלירן כסדר אַלע אייגנשאַפטן פון פאָלק, — דער שטייגער, די שפּראַך, די רעליגיע, די פאַרזיכיקע ייִדישע סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, צדקה, דערציִונג פון דורות — אַלץ גייט אונטער. ייִדן דרינגען אַרײַן אין אַלגעמיינעם לעבן און צוזאַמען מיט דעם פּראָצעס גייט אויך דער פּראָצעס פון אויסיידישונג. בלויז גרופּעס און יחידים וואָס מאַכן באַזונדערע אָנשטרענגונגען, היטן אײַן ייִדישקייט. אַט די „פאַרעקשנטע ייִדישקייט" פון די וואָס שטרענגען זיך אָן אײַנצוהיטן זייער ייִדישקייט, הגם די אַרבעט און אײַנשטעלונג, דער שטייגער און די בילדונג און די פּרנסה זײַנען אַלע „אַלגע־מיינע", ד"ה ניט קיין ספּעציפיש ייִדישע, אַט די פאַרעקשנטע ייִדישקייט איז פאַר זיך גופא אַן ענין פון אַ העכערער מדרגה. קיין פראַגע ניט, אָבער די אָנשטרענגונג קען זיך ניט האַלטן לאַנג און אַ פאָלק קען ניט אײַנהאַלטן זײַן פאָלקישקייט דורך אַ דורותדיקער אָנשטרענגונג. די עקשנות פאָדערט ווילן, באַוווסטזײַן, אידעאַליזם. דאָס אַלץ זײַנען זאַכן וואָס פאַלן ניט אַראָפּ פון הימל, — זיי קענען זײַן אַ תולדה, אַ פּראָדוקט פון אײַנגעלעבטקייט, אָבער אַז עס איז ניטאָ קיין ייִדישער שטייגער, פון וואַנען קען קומען די אײַנגעלעבטקייט? פון

וואָנען קען קומען דער ווילן זיך אָנצושטרענגען? אין בעסטן פאַל קען .געךעדט זײַן וועגן אײַנהיטן געוויסע עלעמענטן, פון קאָנסערווירן עטלעכע מינהגים, שטריכן, אָבער עס קען ניט זײַן קיין רייד פון קיין שעפערישער קולטור. מיר האַלטן שוין איצט אין דער וועלט בײַ דעם קאַפּיטל פון קאָנסערוואַציע. .מען שטרענגט זיך אָן און מען האַלט אײַן טיילן פון רעליגיע, שפּראַך, אָדער קולטור. אָבער עס קען ניט זײַן קיין רייד וועגן נײַע אַנטפּלעקונגען פון נײַע אידעען, נײַע שאַפונגען, נײַע ליטעראַטור און קונסטן. און אַט פאַר וואָס: די אַלע עלעמענטן זײַנען אַלע מאָל און בײַ אַלע פעלקער תולדות, פּראָדוקטן פון פאַרזיכיקן לעבן־שטייגער. עס איז ווי די אַלטע פאָרמול זאָגט עס „אל תקרא הליכות אלא הלכות (אַ גמרא). דער שטייגער פאָרמולירט זיך אין קונסטן און אין פּרינציפּן. קען זיין אַ רייד וועגן שעפערישער קולטור דאָרטן ווו עס איז דאָ אַ פאַרזיכיקער שטייגער. עס איז לגמרי ניט קיין סתם איבערגאַנג פון אונדזער געשיכטע, ניט סתם איז יידישקייט אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון ארץ ישראל קיין בבל און פון בבל קיין אשכנז און אַזוי ווײַטער. מיר האָבן געזען, אַז דאָס לעבן פון קולטור גייט אַנדערש: דער ערשטער מקור איז דער פאַרזיכיקער פאָלקישער שטייגער פון לעבן. דאָס איז דער באָדן פון קולטור. אָדער ווי אונדזער טראַדיציע רופט עס — די קולטור שבעל פה — מונדלעכע קולטור, ריכטיקער — די שטייגערישע קולטור. זי איז אין פירונגען און האַנדלונגען אָבער ניט אין פאָרמולירונגען, ניט אין קונסט און ניט אין פילאָסאָפיעס. דער שטייגער, די בעל פה־קולטור איז דער גאָרטן וואָס פון אים וואַקסן אַרויס די בלומען און די פּרוכטן פון דער געפורעמטער קולטור. די קולטור שבכתב. אַ פאָלק קען פאַרמאָגן רײַכע ביבליאָטעקן און מוזייען און עס קען שטאַרבן, אונטערגיין, ווײַל דער באָדן פון דעם אַלעם ווערט פאַרטריקנט, דער גאָרטן ווערט ניט באַאַרבעט מער. פאַראַן אַ סך רייכע קולטורן פון געשטאָרבענע פעלקער. צוגעוווינט צו מאַטעריאַליסטישע באַגריפן ריידן מיר און מיר חזרן איבער, קולטור, קולטור, בעת מיר ריידן איבערהויפּט וועגן די קולטור־פּראָדוקטן וואָס זײַנען אין טאָוולען וכדומה. אָבער די בעסטע פּרוכטן זײַנען ניט דער גאָרטן, די מאַמע איז ניט אידענטיש מיט אירע קינדער. קולטור ווערט ניט געבאָרן אין קאָפּ און אין האַרץ פון גרויסע שעפערי־שע מענטשן. די אַלע גרויסע באַרימטקייטן זײַנען נאָר די פורעמער, וואָס פון רוישטאָף שאַפן זיי פּראָדוקטן, פון דעם „ליים" קנעטן זיי אַרויס די אידעען. און ווו איז דער גאָרטן? ווו איז דער באָדן פון קולטור? — ער איז אין פאַרזיכיקן, פּשוטן שטייגער פון די פּשוטע קינדער פון פאָלק, פון די פאָלקישע מאַסן. פעלקער ווערן געבאָרן אָן געפורעמטער קולטור, אָן בכתב־קולטורן, אָפט אפילו

אַן אַן אלף בית. פעלקער שטאַרבן, אפילו אויב זיי לאָזן איבער די רייכסטע ביבליאָטעקן און אוצרות פון קולטור.

אַ פאָלק איז געגליכן צו אַ מענטשן. אַ קינד ווערט געבאָרן אָן אַ שפּראַך, אָן קולטור. אַ מענטש שטאַרבט אפילו מיט אַ סך וויסן און קולטור. עס געדויערט לאַנג ביז אַ פאָלק טרעט אַרויס מיט זײַן אייגענער געפורעמטער קולטור. עס גייען אַריבער אַ סך דורות ביז דער „רוי־שטאָף" פון קולטור ווערט באַאַרבעט אין די „וואַרשטאַטן" ביז צו דער מדרגה פון „פּראָדוקטן", וואָס מען קען פאַר־שפּרייטן, פאַרקויפן. די בעל פה־קולטור איז אַלע מאָל פריער פאַר דער בכתב־קולטור. און זי — די בעל פה־קולטור שטייט אין דווקא ביי די פשוטע מענטשן פון פשוטן פאָלק, דאָס איז דער „עמך", דער שיכט „עם־ארצים, וואָס קיין תורה פאַרמאָגן זיי ניט, אָבער טראַדיציעס פאַרמאָגן זיי". אָט דאָס לעבן פון דעם עמאַרצישן פשוטן פאָלק, איז דער ברונעם וואָס פון אים שעפּן די קינסטלער און שעפער. דערפאַר זײַנען די ערשטע מדרגות פון קולטור ניט קיין אינדיווי־דועלע, זיי האָבן ניט קיין נעמען. מיר קענען זיך ניט באַרימען אַז אונדזערע פּאַרציייטיקע גדולים האָבן געהאַט אַ סך דרך ארץ פאַר דעם עם הארץ, אָבער זיי האָבן געהייסן פאַרזיכטיק זיין מיט די קינדער פון די עמאַרצים, ווייל פון זיי קומט אַרויס די תורה — די בכתב־קולטור. דאָס איז די צווייטע מדרגה, ווען עס קומען די אינדיווידועלע שעפער פון דער קולטור־בכתב. די גאַנצע רוסישע קולטור איז אַ סך וויניקער אַ פּראָדוקט, אַ קינד פון דעם קלאַס פּריצים איידער זי איז געבאָרן און אויסגעטראָגן דורך דעם קלאַס פּויערים, די פאַר־שקלאַפטע און אונטערדריקטע.

און אַזוי גייט דאָס לעבן פון קולטור: בראשית איז עס אין שטייגער לעבן, אומגעפורעמט און עס שטייט אײַן בײַם פשוטן עמאַרצישן פאָלק — אָן תורה אָבער מיט טראַדיציעס.

שפּעטער קומען אויף די פורמער, די שרײַבער, די קינסטלער, די שעפער, די דענקער און זיי פאַרקערפּערן די קולטור פון שטייגער אין וואָרט, אין בילדער, אין טאַנץ און אין קלאַנג. ווידער קומען די פאַרשפּרייטער פון קולטור — די שולן, לערער, טעאַטערס און אַזוי ווייטער און פירן אַרײַן די איבערגעאַרבעטע קולטור־פּראָדוקטן צוריק אין לעבן אַרײַן. דאָס איז דער „קולטור־קרײַז", די „קולטור־צירקולאַציע" אין אָרגאַניזם פון אַ פאָלק וואָס איז ניט וויניקער וויכטיק פאַרן לעבן, פאַרן קיום פון פאָלק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין אָרגאַניזם פון אַ יחיד. די קולטור אַליין האָט אויך עטלעכע סטאַדיעס. צוערשט זײַנען דאָס אָרטיקע מינהגים. זיי האָבן ניט קיין באַטייט פאַר אַלע טיילן פון געגעבענעם

פאָלק. די פאָרמען וואָס פאַרשפרייטן זיך איבער אַלע טיילן פון פאָלק, איבער אַלע גרופּעס, איבער אַ סך אָרטיקע איינסן, ווערן שוין פאָלקישע. זיי שאַפן די גאַנצקייט פון אַ פאָלק. די פון די פאָלקישע עלעמענטן וואָס גייען אַריבער פון דורות צו דורות ווערן נאַציאָנאַל (דער טערמין ווערט גענוצט דאָ אַנדערש ווי מען נוצט אים אין אַמעריקע, אין פּאָליטיש־געאָגראַפישן זינען, נאַציע — מדינה). די העכסטע מדרגה פון קולטור־נאָרמען ביי יידן דערגרייכן די עלע־מענטן וואָס זיינען נאַציאָנאַל, אָנגענומען פון גאַנצן פאָלק דורך דורות און זייער בראשיתדיקער אויפקום און אָפּשטאַם ווערט אין גאַנצן פאַרגעסן, זיי ווערן אָנערקענט ווי די רעליגיע, זיי זיינען אור־אור־אַלטע פירונגען, וואָס פאַרצייטן פלעגט מען זיי רופן „הלכה למשה מסיני". די גאַנצע יידישע רעליגיע איז אַזאַ.

כל זמן אַ פאָלק איז יונג, לעבט עס איבערהויפּט מיט זיינע אָרטיקע און פאָלקישע קולטור־עלעמענטן. ווען אַ פאָלק ווערט אַלט, פאַרלירט ער מער און מער די אָרטיקע עלעמענטן און האַלט זיך ביי די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע עלעמענטן. ווען עס פאַרלירט אין גאַנצן די ערשטע צוויי סטאַדיעס, — די אָרטיקע און פאָלקישע — איז דאָס פאָלק טויט אָדער אַ גוסס למות.

עס טרעפט אויך אַז די אינטעליגענץ פון פאָלק צעגייט זיך מיט די ערשטיקע פאָרמען פון קולטור־שטייגער. דאָס פאָלק פירט זיין שטייגער און זיין שטייגערישע קולטור, די בעלפה־קולטור, בעת די אינטעליגענץ פירט איר בכתב־קולטור גאָר פון אַנדערע קוואַלן און לויט אַנדערע מאַטעריאַלן, זי שעפּט פון אַנדערע קוואַלן. אַזאַ קולטור איז געווען אונדזער גאַנצע השכלה, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון די פאָלקישע וואָרצלען. צו דעם טיפּ געהערן אויך טיילווייז די שפּעטערדיקע ספרים פון תנ״ך. ניט אומזיסט האָבן די „פאָלקיסטישע" חז״ל שטרענג אָפּגעשלאָסן דעם תנ״ך און אויסגעשלאָסן פון אים אַ סך שאַפונגען.

ווען אַ פאָלק לעבט זיין אויטאָנאָם לעבן, ווען עס שטעלט איין די נאָרמען פון זיין אייגן לעבן און היט עס אָפּ דורך וועלטלעכע פאַקטאָרן, ווי אַ מדינה מיט אירע געזעצן, דעמאָלט איז דער קיום פון דער קולטור געזיכערט און במילא אויך דער קיום פון פאָלק.

אַנדערש איז אָבער דער גורל פון אַ פאָלק אַ מינדערהייט: עס לעבט אָן אַלע מעגלעכע אויטאָנאָמע נאָרמען, וואָס זיינען גילטיק פאַר אַלע מיטגלידער פון פאָלק. אַזאַ פאָלק האָט אַלע זיינע יחידים באַזונדער דירעקט איינגעלידערט אין שטייגער און אין קולטור פון דעם הויפּט־פאָלק. ביי אַזאַ פאָלק קענען אַלע זיינע אָנגעזאַמלטע, פיקסירטע קולטור־אוצרות בלייבן אין ביכער, אין ביבליאָ־

טעקן און דאָס פאָלק גופא זינקט ביסלעכווייז, יחידימווייז אַרײַן אין דער קולטור און אין דעם שטייגער פון דעם הויפּטפאָלק. עס הערט אויף צו זײַן אַ לעבעדיק פאָלק פאַר זיך, עס איז אַ פאָסיל־פאָלק.

אָט דאָס אַנטפּלעקט אונדז איינעם פון די סודות פון דער יידישער אייביקייט. מיר זײַנען שטאָלץ מיט אונדזער „נצח ישראל לא ישקר", מיר באַרימען זיך מיט דעם פאַקט וואָס מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק פון צווישן די וואָס זײַנען גלײַך מיט אונדז געקומען אויף דער וועלט. מיר זײַנען דאָס איינציקע פאָלק וואָס איז געבליבן פון זיי אַלעמען. אַ וועלט מיט פעלקער באַוווּנדערן אונדזער אייביקייט: גצוען אַ ביסל! אַ פאָלק וואָס אַלע שלאָגן אים, און די שלעגער קומען אום, בעת דאָס געשלאָגענע בלײַבט! זיי קענען עס ניט פאַרשטיין? און האָבן צוגעטראַכט לעגענדעס ווי צו פאַרענטפערן די קשיא פון אונדזער אייביקייט. אין דער אמתן אָבער איז די זאַך גאָר גאָר איינפאַכער. מיר זײַנען לגמרי ניט אייביק. אלא מיר לעבן צעטיילט. די גמרא זאָגט עס נאָך, אַז עס העלפט אונדז די צעשפּרייטקייט אונדזערע. אין יעדער תקופה האָבן מיר איין ישוב, איין שבט וואָס ער פירט די יידישע קולטור פון די ערשטע סטאַדיעס אָן ביז צו די העכסטע — אָרטיקע, פאָלקישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע. ווען דער שבט גייט אונטער, קומט אויף אַ צווייטער שבט, ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט אויף דער ערד, און ער הייבט אָן פון דאָס נײַ די גאַנצע לאַנגע צירקולאַציע פון אונדזער קולטור. ער ירשנט די קולטור פון דעם פריערדיקן ישוב, אַרבעט זי איבער און פירט ווײַטער. דובנאָוו רופט זיי אָן „העגעמאָניע־שבטים". דער אַלטער, דער פריערדיקער העגעמאָן גייט טאַקע אונטער. פּשוט, ווי עס גייען אונטער פעלקער אַנדערע. טאַקע גערעכט די גמרא וואָס זאָגט „צדקה עשה הקדוש ברוך הוא לישראל שפיזרם לבין האומות" מאַכט רש"י: ווײַל דערפאַר קען מען זיי ניט אומברענגען מיט איין מאָל. (פסחים פז׳ ב׳). און דער נייער העגמאָן־שבט הייבט טאַקע אָן פון אָנהייב, פון דער ערשטער סטאַדיע, פון פאָלקישער קולטור. די ערשטע ספרים פון תנ"ך זײַנען בפירוש אַזוינע פאָלקישע, די לעצטע — זיינען ריין אינדיווידואַליסטישע, צו הויך אינטעליגענט פאַרן פשוטן פאָלק. אַנשטאָט דעם איז געקומען דער תלמוד וואָס איז ווידער פול מיט פאָלקישער קולטור. מיט אַ סך יאָרהונדערטער שפּעטער איז דער תלמוד געוואָרן אַ קנין פון די „שאַרפע גמרא־קעפּ", ווידער ווייט פון פשוטן פאָלק. איז ווידער געקומען די חסידישע באַוועגונג און אָנגעהויבן ווידער פון שטייגער, פון מעשה, פון פאָלקישקייט. אינטערעסאַנט איז דערביי דער פאַקט, וואָס די חסידישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער זעלביקער צייט, ווען דער פריערדיקער העגעמאָן —

אשכנז האָט גענומען אונטערגיין צוליב דער אורבאַניזאַציע מיט עמאַנ־ציפּאַציע.

אוודאי איז די השכלה געווען קולטורעלער און שענער פון דער פאָלקישער חסידישקייט. אָבער זי איז געווען פון דער פרעמד געבראַכט, בעת חסידיזם איז געווען אין גאַנצן פאָלקיש און עמאַרציש־פאָלקיש. חסידיזם האָט אָנגעהויבן אַ נײַע תקופה אין ייִדישקייט. אפשר וואָלט איר באַשערט געווען צו ווערן די ייִדישקייט פון דער אורבאַנישער תקופה, ווען די שטעטלשע גייט אונטער. אָבער עס איז געשען דער חורבן און האָט אָפּגעהאַקט ייִדישקייט. עס איז ניט געווען קיין נאָרמאַלער איבערגאַנג ווו איין תקופה נעמט איבער די ירושה פון דער פריערדיקער. עס איז געשען אַ חורבן — אָפּגעהאַקט איידער דער יורש האָט עס געקאָנט איבערנעמען אָרגאַניש און פאַרדײַען.

דערווייל איז אויפגעקומען אַ צווייטער יורש, אַ נײַער העגעמאָן־שבט. איך מיין די מדינה. אָבער וועגן דער מדינה איז ניט דאָ דאָס אָרט צו ריידן אויף וויפל זי נעמט איבער די ירושה, אויף וויפל זי וויל ווערן אַ תקופה אין ייִדישקייט אָדער זי וויל גאָר זײַן עפּעס אַ נײַעס וואָס האָט ניט קיין שייכות צו דער גאַנצער פריערדיקער ייִדישקייט. ווי עס זאָל ניט זיין, וועלן מיר די מדינה לאָזן אָן אַ זײַט. אין דער וועלט אָבער קען איצט ניט אויפקומען קיין נײַער העגעמאָן־שבט וואָס זאָל ממשיך זײַן די כסדרדיקע קייט פון ייִדישקייט, ממשיך זײַן די טראַדיציע וואָס די ערשטע משנה פון פרקי אבות הייבט אָן צו רעכענען: משה — יהושע — זקנים — נביאים, אנשי כנסת הגדולה און... די משנה רעכנט נאָר ביז איר צייט, מיר ציען זי ווײַטער ביז אונדז.

פאַר וואָס קען ניט אויפקומען קיין נייער העגעמאָן שבט?

אַזאַ שבט דאַרף קודם כל זײַן אָן אָנהייבער, פון עם אַרצישער ייִדישקייט, אָבער מיט אַ ייִדישן פאַרזיכיקן שטייגער. דאָס וואָלט געקאָנט זײַן נאָר ביי אַ ישוב וואָס לעבט אָפּגעזונדערט פון דעם הויפּטפאָלק אין לאַנד, וואָס רעדט אָן אייגן לשון און אַזוי ווייטער. דערווייל איז אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ קיין איין ווינקל אויסער דער אייגענער מדינה, ווו ייִדן זאָלן לעבן אַ פאַרזיכיק לעבן, מיט אָן אייגענעם שטייגער... ווער ווייס? ווער קען וויסן? דערווײַל שטאַרבט אָפּ די גאַנצע ייִדישע קולטור וואָס מיר האָבן געירשנט פון דעם שטעטל. עס ווערן פאַרגעסן די שריפטן פון אַלע פריערדיקע תקופות און אויך פון דער לעצטער. מיר האָבן זיך אַזוי געגרייסט און שטאָלצירט מיט אונדזער באמת גרויסער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן, וואָס האָט זיך ווייט און ברייט אַריבער־געגאָסן איבער אונדזערע ברעגן, צעגאָסן זיך אויך איבער דער גאַרער וועלט.

אָבער אונדזערע אייגענע דורות ווייסן שוין ניט פון איר. זי ווערט פאַרגעסן צוזאַמען מיט אַל דעם פריערדיקן אין יידישקייט. עס לעשט זיך אויס אַלץ. עס ווערט פאַרגעסן דאָס יידישע וואָרט און צוזאַמען מיט דעם אויך די גאַנצע בעל פה־קולטור וואָס האָט זיך אָנגעקניפּט אָן די יידישע ווערטער אין משך פון טויזנט יאָר. פעלקער אין אייראָפּע האָבן פאַר דער צייט באַוויזן אָפּצושפּאַרן מדינות מיט קולטורן און אַרמייען. מיר האָבן באַוויזן פאַר דער צייט אויך איינצושאַפן זיך אַן אויסטערלישע פאַרזיכיקע שפּראַך, וואָס זי איז פאַר זיך אַ שפּייכלער ניט אויסצושעפּן פון גייסטיקער קולטור. איצט ווערט עס אַלץ פאַרלאָרן; די גאַנצע ירושה ווערט פאַרלאָרן, הפקר. די יידישע אותיות ווערן אַרויסגעטריבן פון לעבן, פון די היימען און פון דעם שטייגער, פון גאַנצן לעבן. מיר זיינען געבליבן ווי נאָך אַ גרויסער שרפה, וואָס האָט אַלץ פאַרברענט און מיר זיינען אַרויס נאַקעט, גייסטיק נאַקעט. עס קען ניט זיין און עס קען ניט קומען קיין נייער העגעמאָן אויב ער נעמט ניט, אויב ער ירשנט ניט די ירושה פון דער פריערדיקער תקופה.

אויך ישראל וועט ניט קענען ווערן דער העגעמאָן אויב זי וועט ניט איבערנעמען די ירושה פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה. אָדער ירושלים וועט איבערנעמען ווילנע, תל אביב וועט פאַרדייען קאַסרילעווקע און אַזוי ווייטער.

אָדער פאַרקערט, קען נאָך די מדינה האָבן אַ שעדלעכע השפּעה אויף די גלותן.

אויב די מדינה וועט ווייטער גיין אין דעם וועג פון שלילת הגלות, אָפּלייקענען דעם ווערט פון דער גאַנצער קולטור וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות, און וואָס — אָט די יידישקייט וואָס אין גלות — האָט גובר געווען אַלע פרעמדע השפּעות און איינגעהיט אונדזער פאָלק אין די גלותן, אויב די מדינה זאָגט זיך אָפּ פון דעם, ווי זי האָט זיך אָפּגעזאָגט ביז איצט, וועט זי דינען ווי אַ דוגמא, אַ ביישפּיל פאַר די גלותדיקע ישובים, אַז די ביז איצטיקע קולטור איז ניט ווערט, און מען מעג זיך אָפּזאָגן פון איר. מה דאָך די מדינה, וואָס איז דאָך גאַנצע הונדערט פּראָצענט יידיש, טוט אַזוי, מעגן מיר דאָך זיכער אַזוי האַנדלען. און יידישקייט אין דער גאַנצער וועלט פאָדערט אָנשטרענגונג, מען דאַרף דאָך קענען לעבן צווישן גוים, מיט זיי, טאָן און אַרבעטן מיט זיי, רוען זייערע יום טובים און דאָך היטן אַ יידישן שטייגער. עס איז שווער צו זיין אַ ייד ניט נאָר ווען מען צווינגט, עס איז נאָך שווערער צו זיין אַ ייד ווען עס איז אַזוי גרינג צו זיין אַ גוי מיט אַלע גוים צו גלייך. דאַרפן יידן נאָר

האָבן אַ היתר, אַ היתר אַז מען קען זײַן גאָר אַ גוטער ייד און מבטל זײַן אַלע עלעמענטן פון יידישן שטייגער. קומט די מדינה און גיט דעם היתר.

איך וועל דאָ ניט באַרירן די שאָדנס וואָס דער שלילת הגלות האָט געבראַכט און ברענגט דער מדינה גופא. ווי געזאָגט דאַרף מען די פּראָבלעמען פון דער מדינה באַטראַכטן גאָר באַזונדער. מירריידן דאָ וועגן דער שעדלעכער השפעה פון דעם שלילת הגלות וואָס דרינגט אַריין פון דער מדינה אין די גלותן, הן דורך דער דירעקטער השפעה און נאָך מער דורך די לערער וואָס די מדינה שיקט אין אַלע גלותן, און זיי האָבן אַליין קיין שום דרך ארץ פאַר דער „גלותדיקער יידישקייט", אפילו ניט פאַר דער „גלותדיקע עברית־שפּראַך", זיי העלפן בפירוש דעם פּראָצעס פון דערווייטערונג, פון אַנטלויפן פון יידישקייט בכלל. די דאָזיקע גאַנצע „ציוניסטישע דערציִונג" איז דער עיקר אַ מין „היתר־אַסימילאַציע", ווי אַ מאָל אַ היתר עיסקא צו „מעגן" נעמען פּראָצענט. דאָ שלאָגט די מדינה ניט בלויז די יידישקייט וואָס אין די גלותן, זי שלאָגט זיך אויך. און אָט פאַר וואָס:

קיין שום מדינה וויל ניט לעבן אָן פאַרבינדונגען מיט אַנדערע מדינות, אפילו גרויסע און שטאַרקע מדינות, גוט באַשיצטע, און אַרומגערינגלט מיט פרײַנדלעכע שכנים, אפילו זיי זוכן שותפים, פרײַנד. בפרט אונדזער מדינה וואָס איז קליין, פול מיט אינעווייניקסטע פּראָבלעמען, אַרומגערינגלט מיט שונאים וואָס וואַרטן נאָר אויף אַ מעגלעכקייט זי צו דערשטיקן. און זיי זײַנען אַ סך, און די וועלט מיט מדינות זיינען פריינד מיט זיי מער ווי מיט יידן, בלײַבט די מדינה זייער אָפט אַליין, איינזאַם. בלויז איין פרײַנד, אַ שטענדיקן, אַ געטרייען תמיד האָט די מדינה. דאָס איז דאָס יידנטום אין דער וועלט. מען מעג עס זאָגן אַז עס בויען די מדינה די יידן פון דער וועלט צוגלייך מיט די יידן אין דער מדינה.

דער גלות האָט די מדינה אויפגעשטעלט און ער בויט זי ווייטער. אָבער דאָס יידנטום פון די גלותן האָט ניט קיין מדינה, יעדער ייד איז דאָ באַזונדער. אויך דער מדינה העלפט ניט איין גאַנצע, אָרגאַניזירטע יידנטום, נאָר עס העלפט יעדער ייד וואָס וויל דאָס טאָן. כדי צו העלפן דער מדינה, דאַרף יעדער ייד זײַן געטריי, ער דאַרף עס וועלן זיין געטריי. און וואָס מער אַ ייד איז אַסימילירט, אַלץ ווייניקער ליבע פאַרמאָגט ער פאַר דער מדינה. עס איז ניט קיין פראַזע סתם, אַז אַ ציוניסט קען זײַן נאָר דער ייד וואָס איז אַ געטרייער „גלות־ייד", אַזאַ וואָס פילט דעם גלות אפילו אין די „גוטע" גלותן, וווּ מען מאַכט עס ניט פילן. נאָר גלות־יידן קענען זײַן געטריי דער מדינה. קומט די אַזוי גערופענע

„ציוניסטישע דערציִונג” און זי טוט דאָס פּאַרקערטע, זי רייסט אָפּ די קינדער פון דער גלותדיקער יידישקייט. איז כל זמן זיי זיינען אין שול און די לערער פירן זיי, איז אַלץ גוט, עס איז ניט קענטיק זייער דערוווייטערונג פון יידישקייט. אָבער די יידישע שול, די ציוניסטשיע שול, האַלט דאָך די קינדער נאָר ביז אַ באַשטימטן עלטער, און אַז זיי גייען אַוועק פון שול, גייען זיי על פּי רוב אַוועק פון דער גאַנצער יידישקייט און אויך פון די אינטערעסן צו דער מדינה.

אַזוי אַרום לעבן מיר אין אַ צייט, ווען יידישקייט איז אָפּגעשוואַכט און ווערט מיט יעדן דור שוואַכער. מען טאָר ניט באַהאַלטן קיין פאַקטן און מען דאַרף זיך ניט צוטראַכטן קיין טרייסטן וואָס קענען ניט טרייסטן.

מיר דענקען אפילו געדאנקען אויף פרעמדע

כל זמן מיר האָבן געלעבט אונדזער אויטאָנאָם לעבן אין אונדזערע אויטאָנאָמע שטעטלעך, האָבן מיר געלעבט פאַר זיך און אויך געדענקט פאַר זיך, אָן פרעמדע טראָפּאַרעטן. אידעען און גאַנצע אידעאָלאָגיעס זיינען אויפגעקומען אין יידישן לעבן און פון יידישן לעבן אָן פרעמדע השפעות און אָן פרעמדע מוסטערן. מען האָט זיי אויך געזוכט צו פאַרענטפערן לויט יידישע טראַדיציעס און דרכים, אין אונדזער גייסט. געלעבט פאַר זיך און געדענקט פאַר זיך.

גאָר אַנדערש איז עס איצט, אין אונדזער אורבאַנישער תקופה, ווען יעדער ייד איז פון געבוירן אָן אַריינגעוועבט אין פרעמדן ניט יידישן לעבן, ווען זיין גאַנצע אויסבילדונג גייט אין פרעמדע שולן, לויט פּראָגראַמען און לויט מעטאָדן וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו אַנדערע פעלקער, צו זייערע טראַדיציעס און צו זייער שטייגער.

ווילנדיק און ניט ווילנדיק נעמען מיר אָן אַ פרעמדן געדאַנקען־גאַנג און אַ פרעמדע אידעען־וועלט. דאָס עצם דענקען איז על פּי רוב ניט אין הסכם מיט אונדזערע דורותדיקן דענקען און פילן, מיט אונדזער דורותדיקן וועלט־באַנעם. לעבנדיק כסדר אַ פרעמד לעבן, מיטמאַכנדיק פרעמדע רו־טעג און יום טובים, לעבנדיק בכלל לויט אַ פרעמדן לוח, לייענענדיק כסדר פרעמדע צייטונגען און ביכער, הערנדיק ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ווערט מען אַריינגעצויגן אין דעם גאַנצן קנויל אינטערסן, פּראָבלעמען און געדאַנקען. אפילו ניט ווילנדיק ווערן מיר צו ביסלעך פאַרגויישט. זאָגט עס נאָך ערגעץ אַ מאמר חז”ל, אז אין חוץ לארץ דינט אַ ייד ניט ווילנדיק צו עבודה זרה. און אַז „מען גייט אַריין אין

וואַסער, גייט מען אַרויס אַ נאַסער" — זאָגט אַ פּשוט יידיש ווערטל. אַז מיר לעבן אין אַ פרעמדן ים, און מיר מאַכן מיט דעם גאַנצן שטייגער, איז עס גאָר באַטירלעך אַז מיר שטעקן זיך אָן מיט פרעמדס. עס איז אויך ניט קיין פראַגע פון מערהייטן און מינדערהייט. עס זיינען געווען „ישובניקעס" וואָס האָבן דורות געלעבט איינציקע משפחות צווישן ניט יידן, אין דערפער, אין פריצישע הייפן, זיי זיינען געווען אָפט פאַרגרעבטע עמארצים, — און זיי האָבן איינגעהיט זייער יידישקייט אין משך פון דורות, ניט אין פאַרגלייך בעסער ווי דאָס טוען מיר איצט אין געדיכטע יידישע ישובים, וו יידן זיינען אפילו אַבסאָלוטע מערהייטן. עס איז ניט קיין פראַגע פון צאָלן, עס איז אַן ענין פון שטייגער וואָס מען פירט און פון דעם לשון וואָס מען רעדט, היינט דרינגט דאָס פרעמדע אַריין אפילו אין אונדזערע געדאַנקען, נאָך אַ סך פריער איידער מיר הייבן אָן צו ריידן.

עס קען אויסקומען אַ ביסל מאָדנע: וואָס הייסט — איך דענק פרעמדע געדאַנקען? אַז איך דענק זיי, זיינען זיי דאָך מיינע! ס'איז אָבער מעגלעך אַז „איך" אַליין בין אויך ניט „מיינער", דער „איך אַליין" פון דעם וואָס דענקט איז אויך ניט דער אייגענער איך, ער איז בלויז אַ קאָפּיע. כדי דאָס קלאָר צו מאַכן, דאַרפן מיר אָפּטרעטן עטוואָס אָן אַ זייט און זיך פאַרנעמען אַ ביסל מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון דענקען בכלל.

אַ געדאַנק ווערט געבאָרן לגמרי ניט אין דעם באַוווסטזיין, ווי מען האָט עס אַ מאָל געגלויבט, נאָר אַ סך טיפער אין דעם מענטשן, איידער ער אַליין ווייס אַז ער דענקט. עס איז אויך אַ פּראָצעס וואָס קומט פאָר אין אונטערבאַוווסט־זיין. עס דענקען חיות, עס דענקען קליינע קינדער אין די ערשטע וואָכן פון זייער לעבן. ווייט ניט אַלע געדאַנקען דערגייען ביזן באַוווסטזיין. אָפט שטאַרבן געדאַנקען נאָך איידער זייער דענקער ווייס אפילו פון זיי.

וואָס הייסט דענקען? — דענקען הייסט רעאַגירן אויף פאַרשיידענע סטימולן פון דרויסן, אָדער פון אינעווייניק. באַשעפענישן רעאַגירן אויף רייצן, אויף סטימולן און זיי רעאַגירן אַדעקוואַט, ווי עס פּאַסט, ווי דאָס פאַרלאַנגט די סיטואַציע. ווען אַ פרוי פאַרשוואַנגערט, געדויערט עס אַ געוויסע צייט ביז זי אַליין דערוויסט זיך פון דעם. אַזוי איז מיט אַלע אַנדערע פּראָצעסן אין אונדזער אָרגאַניזם, און אַזוי איז אויך מיט געדאַנקען. מיר דענקען ניט וויסנדיק פון דעם. עס איז אַ פּראָצעס אין דער עמאָציאָנעלער, רעפלעקטאָרישער ספערע ביי אונדז, לגמרי אָן ווערטער, אומאָפּהענגיק פון אונדזער פאַרשטאַנד, ניט מיר ווייסן און ניט מיר קענען די איבערלעבונגען גאָר איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון ווערטער. די לעצטע קומען גאָר אַ סך שפּעטער. בראשית איז דאָ אַ רעפלעק־

טאָרישע רעאַקציע, שפּעטער קומט אַ געפיל: מיר פילן אונדזער רעאַקציע, עס ווערט אונדז פריילעך, אומעטיק, גוט אָדער שלעכט. מיר ווייסן אָפט אַליין ניט פון וואָס און פון וואַנען עס ווערט ביי אונדז אַ שטימונג. ערשט שפּעטער, אָפט נאָך יאָרן פון אַנטוויקלונג און אויסשולונג קומט דאָס וויסן אַז איך דענק און דאָס וויסן וואָס איך דענק. עס איז אַ פראַגע פון אויסשולונג, אַ מענטש זאָל קענען זיין דענקען אויסדריקן אין ווערטער אָדער אויף אַן אַנדער אופן. ערשט דאָס איז דער געבורט פון אַ געדאַנק. ווייט ניט אַלע מענטשן דערגייען אין זייער לעבן ביז צו דער מדרגה צו קענען פאָרמולירן זייערע געדאַנקען, אויס־דריקן זיי, איבערגעבן זיי צו אַנדערע, די אַנדערע זאָלן קענען איבערנעמען, באַגרייפן די געדאַנקען. אַ לאַנגער, דויערנדיקער פּראָצעס דאָס קענען דענקען. אַ סך שווערער ווי אויסלערנען זיך צו קענען גיין.

בראשית, ווען דער מענטש דערגייט שוין יאָ צו דער מדרגה פון וויסן, ווייס ער נאָר צוויי מאָמענטן — רייץ און רעאַקציע. — דאָס איז דער אָנהויב פון געדאַנק און זיין סוף. מער ווייס ניט דער דענקער אַליין. פאַר וואָס אַזוי רעאַגירט און ניט אַנדערש? פאַר וואָס און צוליב וואָסערע מאָטיוון איז אויס־געקליבן געוואָרן אַזאַ און ניט קיין אַנדערע רעאַקציע? דאָס זיינען אַלץ פראַגן וואָס דער דענקער אַליין ווייס ניט, פּונקט ווי מיר ווייסן ניט פון די פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין אונדזער אָרגאַניזם בכלל. האָט דאָך די גאַנצע מענטשהייט מיט אַלע אירע חכמים און פילאָסאָפן אָפּגעלעבט טויזנטער יאָרן און ניט געוווּסט אַז אונדזער בלוט שטראָמט אין אונדז. און ווער ווייס וויפל פּראָצעסן עס קומען נאָך פאָר אין אונדז און מיר ווייסן עד היום ניט פון זיי? עס איז געגליכן צו אַן עלעקטרישן שטראָם וואָס גייט דורך דורך אַ לאַנגן דראָט. אָבער, לאָמיר זאָגן, אַז דער דראָט איז צונויפגעקנוילט אין אַ קנויל און מיר האָבן נאָר זיין אָנהייב און זיין סוף. דער עלעקטרישער שטראָם האָט טאַקע דורכגעמאַכט גאָר אַ לאַנגן וועג, אָבער ער איז פאַרהוילן, מיר ווייסן נאָר פון זיין אָנהייב און זיין סוף, וואָס ביידע קענען זיין אין איין פּונקט. אָט איז דער עלעקטרישער קוואַל און אָט איז זיין אויסווירקונג. ווי דער שטראָם ווירקט אויס — דאָס ווענדעט זיך אָן דעם אַפּאַראַט, וואָס קריגט דעם שטראָם — איז עס ליכט, אָדער קעלט, אָדער, וואַרעמקייט — מאַלע וואָס. אַזוי איז עס אויך מיט דעם שטראָם פון געדאַנק. דער מענטש ווייס שוין וואָס עס האָט אין אים אויפגעוועקט דעם געדאַנק, דער רייץ, ער ווייס שוין אויך ווי ער האָט רעאַגירט אָבער דאָך בלייבט דער לאַנגער וועג פון דעם רייץ ביז דער רעאַקציע פאַרהוילן פון דעם דענקער אַליין. דאָס איז דער צושטאַנד פון אינטואיטיוון דענקען. בלויז אַן

אינטעלעקטועל אַנטוויקלטער מענטש קען פאַר זיך און פאַר אַנדערע אַנאַליזירן און דערקלערן דעם גאַנצן וועג פון געדאַנק צווישן דעם רייץ און דער רעאַקציע. טייל מאָל קען ער אפילו אַליין קאָרעגירן מיטן אינטעלעקט די פאָרעם פון דער רעאַקציע, ער זאָל האַנדלען אַזוי און ניט אַנדערש. דאָס איז גאָרניט אַזוי אָפט. על פי רוב קומט דער געדאַנק און פאַרענטפערט די אינטויִטיווע האַנדלונג. דער באַוווסטזיין זאָגט אָמן צו דעם וואָס דער אומבאַוווסטזיין האָט געטאָן, לגמרי ניט פרעגנדיק ביים „גרויסהאַלטנדיקן" באַוווסטזיין. אויף דער מדרגה פון באַוווסטזיניקן דענקען קען דער דענקער וויסן דעם גאַנצן וועג פון זיין געדאַנק, ער קען „אויסציען דעם לאַנגן דראָט" (ווי אין משל מיט דעם עלעקטרישן שטראָם). דאָס איז אַ לאַנגער און אַ שווערער וועג. אַ סך גרינגער איז צו דערקלערן דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ צווייטן מענטשן איידער דעם אייגענעם. דערקענען זיך אַליין איז אַלע מאָל גערעכנט געוואָרן פאַר גאָר אַ הויכער מדרגה פון קולטור. קען זיין אַז קיין מאָל קען אַ מענטש ניט דערקלערן אַלע אינטימע פּראָצעסן און אַלע טיפערע שטענדיקע און אייגנמאַליקע פאַקטאָרן פון זיינע אידעען און געדאַנקען. שווער איז צו דערקענען דעם אייגענעם שטראָם פון באַוווסטזיין, און נאָך שווערער איז צו דערקענען דעם אייגענעם שטראָם פון אונטערבאַוווסטזיין און זיינע האַנדלונגען. „אַ פרעמדע נשמה איז אַ פינצטערניש", זאָגט אַ רוסיש ווערטל. אָבער די אייגענע נשמה איז נאָך פינצטערער. די נשמה פון אַ מענטשן איז אַזאַ פאַרפּלאָנטערער קאָמפּלעקס פון אַלערליי אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע פיזיאָלאָגישע, גייסטיקע, עקאָלאָגישע און סאָציאַלע פאַקטאָרן אָן אַ צאָל, אַז עס איז לגמרי אוממעגלעך זיי צו צעפּלאָנטערן. פון דעם רייץ ביז צו דער רעאַקציע ציט זיך ביי אַ מענטשן ניט איין „דראָט" נאָר אַ גאַנצער געפלעכט פון „דראָטן". און נאָך מער קאָמפּליצירט זיינען די שטראָמען פון דעם אונטערבאַוווסטזיין. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איינעם פון זיי. פאַראַן ביי יידן אַ לעגענדע, אַז אַ קינד ביי זיין מוטער אין בויך וויס די גאַנצע תורה, נאָר ווען עס ווערט געבאָרן, קומט אַ מלאך און שנעלט אַרויס זיין תורה, אַז ער דאַרף אָנהייבן פון אָנהייב. פון וואַנען אָבער נעמען דאָס די נשמות, נאָך איידער זיי ווערן געבאָרן, אָט די גאַנצע תורה? דערויף ענטפערט אַ צווייטע לעגענדע: די נשמה וואָס אַ מענטש קריגט, איז ניט קיין נייע. זי איז שוין געווען אויף דער וועלט. די מענטשן זיינען געשטאָרבן, די נשמות קומען צוריק, און זיי ווערן פון דאָס ניי געשיקט אין די קערפּערס פון נייע מענטשן. דאָס זיינען „גילגולים". אין יעדער מענטשן לעבן נשמות פון פריערדיקע דורות אָן אַ צאָל. עס לעבן אין אונדז די נשמות און די איבערלעבונגען פון אונדזערע אבות עד

ראש כל הדורות. ניט דער מענטש אַליין רעאַגירט, נאָר עס רעאַגירן די דורות אין אים, ער דענקט מיט זיי צוזאַמען, זיי דענקען מיט אים צוזאַמען. ווי דער גוף טראָגט עלעמענטן און אייגנשאַפטן פון דורות, עטנאָגראַפישע, אַזוי אויך די נשמה. צי דער מענטש ווייס פון דעם צי ניט — אַלץ איינס. אין אָרגאַנישע געדאַנקען פון אַ מענטשן קען מען אַלע מאָל דערקענען זײַן אָפּשטאַם, זײַן פאָלק. דאָס פאָלקישע לעבט אין די געדאַנקען ניט ווייניקער ווי די עטנישע שטריכן לעבן אין זײַן פּנים און אין זיין קערפּער בכלל. אַ מענטש געהערט צו זײַן פאָלק און דאָס פאָלקישע לעבט אין דעם מענטשן. אַ מאָל פלעגט מען זינגען עפּעס אַ פאָלקסלידל „מאַכט דער ציגײַנער... מאַכט דער איוואַנקע... מאַכט ר' יאַנקל...“ (צום באַדויערן געדענק איך ניט אַלע ווערטער) אָבער יעדעס פאָלק „מאַכט“ אַנדערש, רעאַגירט אַנדערש, האַנדלט אַנדערש און... שלאָגט יידן אויך אַנדערש. איטלעך פאָלק מאַכט אַנדערש און איטלעכער זון פון פאָלק מאַכט מיט מיט זײַן פאָלק, מאַכט אַזוי ווי עס מאַכט זײַן פאָלק.

עס איז בײַ אונדז אָנגענומען, אַז ביאַליק איז דער נאַציאָנאַלער דיכטער אין העברעיִש און לייוויק איז עס אין יידיש. ביידע האָבן אָט דעם טיטול פאַרדינט, אָבער ניט מיט זייער קינסטלערישקייט. אין דעם זינען זײַנען בײַ אונדז אין ביידע שפּראַכן געווען (און אפשר זײַנען דאָ) בעסערע קינסטלער, גרעסערע מײַסטערס. אָבער די צוויי זײַנען געווען יידישער, די שטימונג איז ביי זיי מער נאַציאָנאַל, פאָלקיש, דורותדיק. די געפילן און שטימונגען פון יידישע דורות זײַנען בײַ זיי קאָנצענטרירט ווי אין אַ פאָקוס. ניט די פערזאָן רעדט און פילט אין זיי, נאָר אַזוי פילט און אַזוי רעדט דאָס פאָלק. די פערזאָן פון דעם דיכטער איז דאָ געווען ווי אַ פאָקוס וואָס זאַמלט צונויף די שטראַלן, די שטימונגען און געפילן פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע דורות. משה — זאָגט די גמרא — איז געווען ווי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. אליהו איז געווען איינער קעגן אַ סך, אָבער גייסטיק איז ער געווען דאָס פאָלק. ווייל די מערהייט האָט געלעבט און געש־טרעבט מיט פרעמדס און צו פרעמדס. דאָס זײַנען געווען יחידים וואָס האָבן ניט בלויז געטראָגן אין זיך אַל דאָס פאָלקישע, נאָר זיי האָבן געהאַט די זכיה אָט דאָס פאָלקישע אַרויסצוזאָגן און אַרויסצוזינגען פון זיך. בעסער אָדער ערגער, קינסטלערישער אָדער ניט — אַלץ איינס זײַנען זיי די נאַציאָנאַלע דיכטער פון יידישן פאָלק.

פון דעם שטאַנדפּונקט בכלל איז אַ שרײַבער און איבערהויפּט אַ דיכטער — עפּעס פון דעם מין נביא. ביי יידן איז דאָך אַ נביא ניט קיין פאָרויסזאָגער פון דעם וואָס עס וועט געשען, ער איז דער וואָס איז מיט לייב און נשמה געטריי־

איבערגעגעבן די אינטערעסן פון זײַן פֿאָלק און ער רעדט אַרויס דאָס וואָס אין אים ווייטאָקט. דאָס זײַנען די „גאַנצע יידן", זייער אייגענע נשמה אין זיי איז אידענטיש מיט דער קאָלעקטיווער נשמה פון פֿאָלק. עס פֿאַרשטייט זיך, ווייט ניט אַלע גאַנצע יידן האָבן זייער גאַנצע גאַנצקייט געקאָנט אַרויסברענגען, פֿורעמען דאָס, אָבער אַלץ אין זיי איז איינצײַטיק אויך געווען אין הסכם פֿון דער נשמה פון פֿאָלק דורך זײַנע דורות, וואָס זײַנען אַלע געווען מאָניסטיש יידיש, אָן שעטנז, אָן אַ געמיש פון פרעמדס. האָט אַזאַ גאַנצער ייד געהערט אַ גוייש־ליבע־לידל „קאַטאַרינאַ מאַלאַדיצאַ פּאַדי סיודאַ" (קום אַהער, דו ווילע קאַטאַרינאַ) איז בײַם יידן גלײַך פון דעם געוואָרן אַ דרש „כת רינה, מלא דיצה און אז"וו". ניט בלויז שיר השירים איז אַ סימבאָל פון אַ ראָמאַן צווישן דעם ריבונו של עולם מיט זײַן פֿאָלק, נאָר אפילו די „קאַטאַרינע"... האָבן יידן יאָ געקאָנט אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן אין אַ וואַרשע און ניט „זען", ניט באַמערקן, אַז עס זײַנען דאָרטן דאָ אויך גויים. איז דער גײַסט פון יעדער יידן געגאַנגען אויף די רעלסן פון זײַן פֿאָלק, פון זײַנע דורות. איז ניט נאָר זײַן אויפֿפֿיר געווען אַ הלכה למשה מסיני, נאָר אויך זײַנע געדאַנקען, זײַנע מחשבות, זײַן גאַנצע אינעווייניקסטע וועלט. יעדער ר' ישראל האָט אָפּגעשפּיגלט דעם כל ישראל. עס איז געווען אַ פֿולע אידענטיפֿיקאַציע צווישן דעם יחידישן האַנדלען און ריידן מיט דעם פֿאָלקישן אונטערבאַוווּסטזײַן. האָט אַ ייד עפּעס געטאָן, האָט מען געקאָנט זאָגן נו, יאָ: אָט אַזוי טוט אַ ייד! איז יעדער יחיד געווען אָרגאַניש אַרײַנגעפּאַסט אין דעם קאָלעקטיוו „פֿאָלק", און דאָס „פֿאָלק" האָט געלעבט בצימצום אין יעדער יידן. עס האָט דעמאָלט ניט געקאָנט זײַן קיין פּראָבלעם פון אידענטיפֿי־קאַציע פון אַ יידן. ווי האָט עס גאָר געקאָנט זײַן, אַז יעדער ייד האָט געטראָגן אין זיך אַלע דורות פון אברהם אבינו אָן?

יענע מעשה פון אַ יידן וואָס איז געגאַנגען זיך שמדן, אָבער בײַ דער טיר פון קלויסטער האָט אים באַגעגנט דער געשטאָרבענער טאַטע און האָט אים אויסגעפּאַטשט די באַקן...

אָט דער פֿולער הסכם פון דעם יידישן יחיד מיט דעם גאַנצן פֿאָלקישן כלל ישראל האָט טאַקע אמת אָפּט געבראַכט דעם יידן יידישע צרות. דאָס האָט אים אָבער געראַטעוועט תמיד פון מענטשלעכע צרות. יענער טראַדיציאָנעלער ייד האָט געליטן פון פֿאַרפֿאָלגונגען מצד די גויים, ער האָט אָבער ניט געהאַט קיינע יסורים פון אינעווייניקסטע קאָנפֿליקטן. ער איז געווען גאַנץ מיט זיך און מיט אַלע זײַנע דורות, מיט זײַן פֿאָלק. עס האָט זייער גרינג געקאָנט דערגיין צו דער מדרגה פון „חביבין יסורים" — עס איז גאָר ליב צו לײַדן צרות פֿאַר

דער יידישקייט. האָבן דערפֿאַר אויך זייער אָפּט פּריוואַטע מיינונגען פֿון פּשוטע יידן געקאָנט בעסער טרעפֿן „אין פּינטל אַרײַן" איידער גוט געבויטע טעאָריעס פֿון אינטעליגענטע דענקער. ווייל אין יענעם פּשוטן יידן האָבן דאָך גערענקט ניט ער אַליין, נאָר דאָס גאַנצע פֿאָלק. אַז מען איז געקומען פֿרעגן אַ שאלה ביי הילן און ער האָט פֿאַרגעסן, האָט ער אָפּגעשיקט: גייט און זעט ווי יידן פֿירן זיך, קיין נביאים זײַנען זיי ניט, אָבער בני נביאים זײַנען זיי (פּסחים ס"ו א').

פֿון ביאָגראַפֿיעס פֿון גרויסע יידן זעט מען, אַז עס איז גענוג פּאָר אַ מענטשן צו לעבן אין קינדהייט אין אַזאַ מאָניסטיש־גאַנצער יידישער אַטמאָספֿער, ער זאָל נאָך דעם קענען פֿאַרדײַען, אַסימילירן גאָר אַ סך פֿרעמדס אין זײַן יידישקייט, און עס זאָל זיך אין אים פֿאַרוואַנדלען אין זײַן אייגנס „בלוט און גייסט".

אָבער דאָס איז געווען אַ מאָל, אין דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה. הײַנט, אין אונדזער אורבאַנישער תקופה, איז עס אוממעגלעך: ניטאָ קיין יידישע סביבה. די גאַס, די חברים, די שילדן, די פֿאַרווײַלונגען, די צאַצקעס, די היים, ראַדיאָ און טעלעוויזיע — אַלץ קומט פֿון דער פֿרעמדער וועלט און זי דערציט, זי בילדעט אויס דעם הייניטיקן יידן און זי שטעלט זיך אין קאָנפֿליקט מיט די דורות אין דעם יידן, און זי ברענגט צו שווערע איבערלעבונגען, צו קאָנפֿליקטן אינעווייניק אין דעם מענטשן גופֿא און זיי קענען זיין פֿאַטאַל. קיין גאַנצער גוי קען דער ייד ניט ווערן, דער „געשטאָרבענער" טאַטע, אַלע זײַנע געשטאָרבענע דורות לאָזן אים ניט, קיין גאַנצער ייד איז ער אויך ניט, די היים האָט עס אים ניט געלאָזט ווערן, איז ער במילא אַ האַלבירטער מענטש אוןביידע העלפֿט שטימען ניט, איז עס אַ „ויתרוצצו", אָבער ניט פֿון אַ צווילינג, נאָר פֿון איין מענטשן גופֿא אין אים גופֿא. דער קאָנפֿליקט קען ברענגען צו אַלערליי דער־שײַנונגען און אויך צו זעלבסטמאָרד.

אָבער אַזוי פֿירן זיך יידן, די גאַנצע דערציִונג אין די היימען, און אַ דערציִונג וואָס „אָן כוונה" צו דערציִען, די סביבה — זי פֿורעמט דעם מענטשן. און יידן, אפֿילו גוטע יידן, מיט דער גאַנצער געטרייקייט פֿירן זיך, האַנדלען לויט די נאָרמען און מוסטערן פֿון דער דערוואָרבענער פֿרעמדער קולטור, נעמט מען איבער פֿרעמדע אידעען, פֿירונגען, און אויך פֿרעמדע געדאַנקען. עס פֿלעגן אַ מאָל חסידים פּורים זיך פֿאַרשטעלן און טאַנצן אַ „קאָזאַק". געווען גרויסע בריות אפֿילו. איז עס גוט ווען עס איז אַ שפּיל איין מאָל אַ יאָר. שלעכט ווערט עס ווען מען וויל זיך און אַנדערע אײַנריידן אַז עס איז אמת, אָבער אָט די „געמאַכטע קאָזאַקלעך" בלײַבן דאָך בלויז נאָכגעמאַכטע, פֿרעמדע, געליענע ווי די פּאַטשיילע,

וואָס מאָטל פייסי דעם חזנס מאַמע האָט געליען און זיך אויסגעפּוצט אין איר צו דער חתונה פון איר זון. עס קליידט פּאַרט ניט! די געדאַנקען גייען ניט פון האַרצן, זיי קענען זיין פּערזענלעך אויפריכטיק, אָבער זיי זיינען ניט אָרגאַניש, פרעמד, ניטאָ אין זיי קיין דורותדיקע אויפריכטיקייט. דאָס איז איצט, דאַכט זיך, אַ צו אָפטע קראַנקייט פון אונדזערע אידעען און געדאַנקען. מען קלאָגט זיך ביי אונדז אָפט, אַז אונדזערע אַלע אידעען און אידעאָלאָגיעס זיינען מער גערעדט איידער געמיינט, מער מיטן מויל איידער מיטן האַרץ, מער פאַר אַנדערע איידער פאַר זיך. עס זאָל ניט אויסגערעדט זיין, עס איז אויך ניט זעלטן אפילו אַ באַ־ווּסטזיניקער ליגן, אַ פאַלשקייט, פּשוטע צביעות, זאָל ניט אויסגערעדט זיין, אָבער אַחוץ די העסלעכע, ליגנערישע פאַלן, וואָס ווערן אַ מיאוסער פלעק אויף אונדזער פאָלקישער מאָראַל, אַחוץ דעם איז עס אָפט אַ באַוווּסטזיניקער אמת, וואָס מענטשן ווילן זיך אַליין סוגעסטירן, איינריידן, זיי ווילן זיין דאָס וואָס זיי ריידן, זיי ווילן דענקען און פילן אַזוי ווי זיי פּרעדיקן, — און עס גיט זיך ניט איין, עס בלייבט אַ דורותדיקע פאַלשקייט. אַ מענטש קען איינריידן זיך אָבער ער קען ניט איינריידן זיינע געשטאַרבענע זיידעס און עלטער־זיידעס עד סוף כל הדורות, וואָס זייער געדאַנקען־וועלט איז געווען אַזוי ווייט! און דאָך לעבן זיי אין אונדז.

יידישע קינדער אין די נייע ישובים זיינען זאַטער, צופרידענער, באַזאָרג־טער, בעסער פון פריערדיקע דורות, אָבער זיי זיינען איצט ווייט ניט „גליק־לעכער" ווי די אַמאָליקע, אין יענע אָרעמע שטעטלעך. זיי טראָגן אַ „שפּאַלט" אין דער נשמה. עס פעלט זיי די גאַנצקייט, עס פעלט זיי די נשמהדיקע צופרידנ־קייט פון יענע קינדער. אפילו מיט די שמיץ פון בייזן מלמד אין „שרעקלעכן" חדר, זיינען יענע געווען גליקלעכער. אונדזערע היינטיקע דורות קינדער האָבן ניט קיין דורותדיקע גאַנצקייט ניט פון גאַנצע יידן און ניט פון גאַנצע גויים. עס פעלט זיי די גאַנצע מיסטעריעזע וועלט פון פאַנטאַזיע פון אַ „שמוליק דער יתום" (שלום עליכם „פונעם יאַריד"). און עס פעלט זיי אויך יענע קינדישע וועלט פון זייערע ניט יידישע חברים, וואָס האָבן דאָך אַן אַנדערע. און דערפאַר לעבן אונדזערע היינטיקע קינדער, דורות גאַנצע ניט אין אַ פאָלק נאָר זיי לעבן צווישן פעלקער.

די קינדער אַליין ווייסן טאַקע ניט וואָס עס פעלט זיי, אָבער על פי רוב ווייסן דאָך בכלל קראַנקע ניט וואָס עס פעלט זיי. אָבער פון דעם ניט וויסן ווערט די קראַנקייט ניט קלענער און די געשפּאָלטנקייט בלייבט און ווירקט און זי קען צעשטערן דעם מענטשן, זיין גייסט, זיין געמיט און אויך זיין גוף.

אָ, וויפל מיר הערן זיך אָן מיט שיינע פראַזעס, וואָס זײַנען נאָר „מויל־מלאכה״ ביז עס קומט צו דער באַקאַנטער פראַזע, אַז מען איז „גליקלעך צו זײַן אַ ייד״. מער ניט וואָס אָט די „גליקלעכע ידישקייט״ איז אַ ליגן. און מיר לעבן איצט אין אונדזער יידישן לעבן אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל אַזוינע ליגנס! מיט אַזוינע שיינע פראַזעס וואָס גייען „פון אַרבל אַרויס״. שלעכט ווען מען וויל עמיצן אָפּנאַרן, ערגער איז ווען מען וויל אָפּנאַרן זיך אַליין.

אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן טרעפן מיר צו אָפט אָט די אָנגענומענע, גאַנגבאַרע פראַזעס, ליגנערישע האַנדלונגען און אַרויסזאָגונגען, זיי זאָלן חלילה ניט ווערן קיין שטריך אין אונדזער פאָלקישן כאַראַקטער.

עס איז שלעכט ווען מענטשן לעבן זיך אײַן מיט עבודה זרה. ערגער איז ווען זיי לעבן זיך אײַן מיט מחשבה זרה.

קיום צוליב וואָס?

אַן אַנערקענטער, געלערנטער דענקער ביי יידן שרייבט, אַז איצט איז דאָס יידישע פאָלק געגליכן צו אַן אַרמיי וואָס איז צעלאָזט. מיר זיינען אַ מאָל געווען אַ פאָלק און איצט שוין קיין מער ניט. עלעהיי אַן אַרמיי וואָס איז פאַרנאַנדער־געלאָזט געוואָרן. אַן אַרמיי האָט אַ פונקציע, איז די פונקציע געענדיקט, איז די אַרמיי אויך אומנוציק און מען צעלאָזט זי. זײַנען מיר, יידן, ביי הײַנטיקן טאָג מער ניט קיין יחידים פון אַרמיי, נאָר מיר זײַנען וועטעראַנען, וועטעראַנען פון אַן אַמאָליקן יידישן פאָלק, וואָס איז מער ניטאָ. עס איז איצט פאַראַן נאָר אַן אָנדעק פון אַ פאָלק, ווי וועטעראַנען דערמאָנען זיך כסדר זייער אַמאָליקע אַרמיי. מען לעבט מיט זכרונות פון אַ מאָל.

כדי צו ווערן צוריק אַ פאָלק, דאַרפן מיר זיך אומקערן קיין ארץ ישראל. דאָרטן איז דאָ פאַרן יידישן פאָלק אַ פונקציע און דאָרטן קען זײַן אַ יידיש פאָלק. אין די „גוטע״ גלותן געפינט ניט דער באַרימטער געלערנטער קיין פונקציע פאַר אונדז ווי אַ פאָלק.

די יידן אין די פרייע גלותן זײַנען געוואָרן אַליין אויס פאָלק, „אַליין צעלאָזט די אַרמיי״. אין פראַנקרייך איז דאָס געשען אין 1806, ווען די יידישע נאָטאַבלען האָבן געענטפערט אין זייער סנהדרין, אַז זיי האָבן מער ניט צו טאָן מיט די יידן אין אַנדערע לענדער, זיי זיינען נאָר פראַנצייזן פון יידישן גלויבן. דאָס זעלביקע האָבן געמאָלדן אין דײַטשלאַנד „רבנים״ אויף אַ צוזאַמענפאָר אין 1844.

וואָס איז די פונקציע פון דעם יידישן פאָלק, לויט דעם חשובן שרייבער? — די פונקציע איז צו היטן די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה. איצט וואָלטן יידן געדאַרפט פון דאָס נײַ די תורה אויסטײַטשן און צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון דער צײַט. ערשט דעמאָלט וואָלטן מיר געקאָנט ווערן צוריק אַ פאָלק.

איז אָבער דער ענין, וואָס דער גאַנצער פאַרגלייך פון פאָלק מיט אַרמיי איז לגמרי ניט קיין גלײַכבעניש. אַן אַרמיי ווערט געשאַפן לכתחילה מיט אַ באַשטימטן ציל, לויט אַ פאַרויס באַשטימטן פּלאַן. פאָלק איז אָבער קיין מאָל ניט קיין שאַפונג פון מענטשן, קיין פּלאַנירטער פּראָדוקט פון פאַרויס באַטראַכטע אידעען. פאָלק ווערט געבאָרן אָן פאַרויסיקע חשבונות אַזוי ווי עס קומען אויף פאַרשיידענע סאָרטן און מינים געוויקסן און בעלי חיים. און ווען מענטשן הייבן אָן צו קולטיווירן געוויקסן און בעלי חיים, דעמאָלט ווערן מער און מער סאָרטן, עס אַנטוויקלען זיך אַלץ נײַע און נײַערע אונטערשיידן. אַזוי איז אויך מיט פעלקער. זיי קומען אויף ווי פון זיך. קיינער, קיין כוח באַשטימט ניט פאַרויס קיין פונקציע, קיין אויפגאַב, און צוליב דעם שאַפט מען ניט קיין פעלקער. קיין פאָלק טראַכט ניט, אַז עס עקסיסטירט אויף דער וועלט צוליב עפּעס אַ פונקציע, צוליב אַן אויפגאַב. פונקט אַזוי ווי עס טראַכט ניט קיין בוים וועגן זײַנע אויפגאַבעס צוליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. אַזוי דאַרף עס אויך ניט טאָן דאָס יידישע פאָלק. עס לעבט, ווייל עס וויל לעבן, קיינער וויל ניט שטאַרבן, אונטערגיין. איך גיי ניט אַרײַן דאָ אין די ביאָלאָגישע פּראָבלעמען צי איז יעדער פאָלק באַשאַנקען מיט אַנדערע געגנען, צי פעלקער שיידן זיך אונטער גענאַטיפּיש, אָדער פעלקער זײַנען אַ רעזולטאַט פון דרויסנדיקע פענאָלאָגישע פאַקטאָרן. איך בין צו ווייניק קאָמפּעטענט צו זאָגן עפּעס אויף דעם געביט. און ווי קיין שום אַנדער פאָלק איז ניט באַשאַפן געוואָרן צוליב אַ פונקציע, אַזוי איז אויך דאָס יידישע פאָלק אויפגעקומען ניט צוליב קיינע באַזונדערע פאַרויס־באַשטימטע פונקציעס און אויפגאַבעס. אַ פאָלק ווערט ניט אָרגאַניזירט פון פאַרויס און עס ווערט ניט פאַרנאַנדערגעלאָזט דורך עמיצן. אַזוי ווי אַ יחיד שטאַרבט אויך אַ פאָלק, אָבער ניט ווײַל עס ענדיקט זיך זײַן פונקציע, זײַן אויפגאַב. עס שטאַרבט ווען עס גייען אים אויס זײַנע כוחות צו לעבן פאַר זיך, זײַן אייגן לעבן. הײַנט ווי דאַרף מען פאַרשטיין דעם קיום פון יידישן פאָלק איידער עס איז געקומען די תורה שבכתב און נאָך שפּעטער — די תורה שבעל פה ווי דאָס ווערט אויפגענומען טראַדיציאָנעל? — אפשר איז גאָר פאַרקערט: דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט זײַן פאַרזיכיק לעבן און עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַ פאַרזיכיקער שטייגער וואָס איז שפּעטער פאַרפיקסירט געוואָרן ווי די תורה שבכתב און נאָך

שפּעטער איז אין אַן אַנדער תקופה אויפגעקומען נאָך אַ שטייגער, נאָך אַ תורה שבעל פּה וואָס איז ווידער פיקסירט געוואָרן אין תלמוד? ניט די תורה האָט באַשאַפן דאָס פאָלק נאָר פאַרקערט.

ניט צוליב דער תורה איז דאָס פאָלק באַשאַפן געוואָרן, נאָר פאַרקערט — פעלקער לעבן לויט זייערע פאַרשיידענע כאַראַקטערן און אָט די באַשאַפן אַלערליי תורות לויט די פעלקער. בכל אופן דערמאָנט די טעאָריע וועגן פונקציעס די אַלטע, לאַנג באַנקראָטירטע טעאָריע וועגן דער „מיסיאָן", וואָס עס האָבן געשאַפן ראַבינערס אין דײַטשלאַנד, כלומרשט לעבט דאָס יידישע פאָלק, כדי צו לערנען די אייראָפּעיִשע פעלקער אַ פּרשה מאָנאָטעיִזם. אָדער אין אַן אַנדער, נײַערן נוסח, זײַנען מיר באַשאַנקען געוואָרן מיט אַן אויספאַבע אַריבערצוברענגען מאָראַל פון „אַלטן" מיזרח צו דעם „יונגן" מערב... מיט איין וואָרט, גוטע יידן זוכן עפּעס אַ זינען, אַ ציל פאַר אונדזער פאָלקישן קיום.

זעלנער פון אַן אַרמיי זײַנען ניט געבאָרן געוואָרן ווי זעלנער, מענטשן ווערן אָבער געבאָרן מיט אייגנשאַפטן פון זייער פאָלק. זעלנער קענען ווערן אויס זעלנער, זיי שרייבן זיך אויס, אויסשרייבן זיך פון אַ פאָלק קען מען ניט. אַרמייען זײַנען שאַפונגען פון מענטשן, פעלקער קומען אויף ווי עס קומען אויף אין דער נאַטור פאַרשיידענע סאָרטן גרינסן, געוויקסן און חיות. מענטשן קענען זיך אָפּזאָגן פון זייער פאָלקישער קולטור און פּראָבלעמען אָבער זיי קענען זיך ניט באַפרייען פון זייערע פאָלקישע אייגנשאַפטן, וואָס מיט זיי זײַנען זיי געבאָרן געוואָרן. עס זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט אַן אַ שיעור מענטשן אויסער אַלע אַרמייען, אָבער עס זײַנען ניטאָ קיין מענטשן וואָס זאָלן זײַן מחוץ אַלע פעלקער. עס זײַנען אמת, פאַראַן אַזוינע יידן וואָס מעלדן זיך פאַר אויס יידן, זיי זיינען „וועלטמענטשן", אָבער דאָס גופא איז נאָר אַ סימן פון אַ באַשטימטן סאָרט יידן. זיי ווילן זיין קאָסמאָפּאָליטן, אָבער עס זײַנען ניטאָ קיין „פאָלקלאָזע" מענטשן ווי עס זײַנען ניטאָ געשלעכטלאָזע מענטשן און חיות...

קענטיק, אַז אין יעדער דור און אין יעדן לאַנד זײַנען פאַראַן גוטע יידן וואָס זוכן פאַר אונדזער פאָלק עפּעס אַ פּאַסיקן „דזשאָב", וואָס דאַרף באַרעכטיקן אונדזער לעבן, מיר דאַרפן האָבן אַ זכות צו לעבן אויף דער וועלט. האָבן מיר, ווי די מיסיאָן־טעאָרעטיקער האָבן געלערנט, געדאַרפט זיין די מלמדים צו לערנען דער וועלט דעם מאָנאָטעיִזם. זײַנען מיר מן הסתם זייער ניט קיין גוטע מלמדים, מיר האַלטן אַלץ אין אַרײַנקנעלן די תורה, די „תלמידים" אונדזערע זאָגן, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט די תורה בעסער ווי מיר האָבן געלערנט, און צאָלן אונדז „רבי־געלט" פאַר וואָס מיר האָבן אַזוינע פאַרשטאָפּטע קעפּ און

קענען ניט פאַרשטיין זייער „פאַרבעסערטן" מאָנאָטעיִזם. אַלע פעלקער קענען פאַרשטיין אַז גאָט פאַרקערפּערט זיך אין עפּעס און טאַקע אויך אין אַ מענטשן, אַז אַ דרײַמאַליקער איינס איז בעסער פון איינמאַליקן. נאָר מיר — די שלימזל־דיקע מלמדים — קענען עס ניט. אַזוי איז נעבעך פאַרלאָרן געגאַנגען די שיינע טעאָריע פון מיסיאָן, וואָס קלוגע און גוטע יידן אין לאַנד „פון פילאָסאָפן און פּאָעטן" האָבן געלערנט. און די גרעסטע תלמידים אונדזערע האָבן באַשלאָסן מיט זייערע פילאָסאָפיעס אַז, היות ווי מיר זײַנען אַזוינע שלעכטע תלמידים און קענען ניט איבערנעמען זייערע פילאָסאָפיעס און צו טרינקען ביר דאַרפן זיי אונדז אויך ניט, דערפאַר פאַרנעמען מיר אויף דער וועלט אַן אומזיסטן אָרט, און זיי האָבן זיך גענומען באַגליקן די וועלט מיט זייער פילאָסאָפיע צו באַפרייען די וועלט ענדגילטיק פון אונדזער אַרומבלאָנקען זיך אויף איר אַן אַ שטאָך אַרבעט...

איז די גאַנצע טעאָריע וועגן מיסיאָן אָדער וועגן פונקציע זייער אַ גוטער עדות אויף באַשטימטער פסיכיק פון די טעאָריע־טרעגער, אויף די אויסטראַכטער פון די טעאָריעס. עס איז אַ בפרושער רחמנות אויף זיי: זיי גלייבן אַז בכלל אַלע פעלקער לעבן, די וועלט איז זייערע, מיר דאַרפן אונדזער לעבן מיט עפּעס פאַרדינען ביי זיי, ביי די חשובע באַלעבאַטים פון דער וועלט. קלאָפּן זיי — אונדזערע באַרעכטיקער פון אונדזער לעבן — אין אַלע טירן און שטעלן אַרויס אַ וויזיטקאַרטע: מיר זײַנען פאַרשטייער פון גאָר אַ געהויבענער פירמע, וואָס רופט זיך „גאָט" און מיר פאַרשפּרייטן זײַנעם אַ גאַראַנטירטן אַרטיקל... דערציילט אַן אַלטע אַגדה, אַז דוד המלך האָט געזוכט צו פאַרשטיין צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן שפּינען און אַנדערע מיאוסקייטן אויף דער וועלט. זוכן די הײַנטיקע יידישע דענקער צו פאַרשטיין צו וואָס מיר לעבן אויף דער וועלט.

האָט אַ מאָל אַ רוסישער גלח מיר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין דעם „אמתן" זינען פאַר אונדזער קיום אויף דער וועלט: בראשית האָט אונדז גאָט באַשאַפן לשם ולשמה נאָר כדי צו ברענגען קריסטוסן אויף דער וועלט. די גאַנצע וועלט האָט גאָט געקאָנט באַשאַפן אין זעקס טעג, אָבער אַרויסברענגען קריס־טוסן — דאָס האָט געמוזט געדויערן אַ גאַנצע אייביקייט. נו, האָבן מיר אָבער טאַקע געבראַכט דעם ציל און זינען פון אונדזער קיום, אָבער מיר האָבן אים ניט אָנגענומען. איז גאָט אין כעס געוואָרן אויף אונדז און ער האָט אונדז פאַר־שאָלטן צו זײַן דער וואָס קריגט די קלעפּ, וואָס דער גוטער גאָט האָט זיי געהייסן אונדז דערלאַנגען... אַזוי האָט געלערנט מיט מיר דער גוטער טרעגער פון גאָטס תורה. פאַרשטיי איך יענעם גלח: ער איז אַ פאַרשטייער פון אַ פאָלק,

וואָס מוז שלאָגן יעדער שוואַכן. אַזוי האָט אים גאָט באַשאַפן. דאַרף ער האָבן אַן אָביעקט פאַר „זײַן פונקציע". זײַנען דאָס מיר דער בעסטער און גרינגסטער אָביעקט. פאַראַנען געטער, וואָס האָבן ליב געבראָטענע קליינע קינדער (מולך), פאַראַנען געטער וואָס האָבן ליב פריש־צאַפּלדיקע הערצער אַרויסגעריסענע פון יונגע שיינע מיידלעך. און פאַראַן דער גאָט פון רחמנות און מחילה וואָס האָט באַפוילן זײַנע געטרייע אינקוויזיטאָרן אויסצוראָמען די וועלט פון אַפּיקורסים און פון יידן, און ער — דער גוטער גאָט — האָט ליב צו זען ווי מען ראַטעוועט אַרויס די נשמות פון די זינדיקע גופן דורך די פײַערן פון דער הייליקער אינקוויזיציע מיט ליבע און מיט רחמים, און מיט תפילות און מיט געזאַנגען... אָ, יאָ, יענעם גלח פאַרשטיי איך גוט. שווער איז אָבער צו פאַרשטיין די נשמות פון די גוטע יידן וואָס זיי זוכן צוזאַמען מיט די קלוגע גויים אויך פאַר אונדז אַ „ריכטיקע" פונקציע וואָס פאַר איר לעבן מיר אויף דער וועלט.

אַזוי קוקן גוטע יידן אויף אונדזער פאָלק מיט פרעמדע ברילן און זיי דענקען פרעמדע געדאַנקען... זאָגט אָבער די שטאָלצע יידישקייט, וואָס לעבט פאַר זיך און דענקט פאַר זיך: „און מיר בעטן ניט און מיר בעטלען ניט / שטאָלצע יידן זײַנען מיר"... (ר' שלמה אין דער „גאָלדענער קייט" פון פרצן). מיר לעבן ווײַל מיר לעבן, מיר לעבן כדי צו לעבן, מיר שטרעבן צו לעבן ניט פאַר קיינעם נאָר פאַר זיך אַליין. די וועלט האָט אַ פונקציע פאַר אונדז ניט ווייניקער ווי פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, מיר ווילן און מיר מעגן געניסן פון דער וועלט ניט קנאַפּער פון אַלע אַנדערע. יעדער מענטש לעבט פאַר זיך, און יעדער פאָלק לעבט פאַר זיך. לעבן הייסט געניסן און שאַפן. און מיר שאַפן, אָבער ניט ווי פאַרשפּרייטער פון עמיצנס סחורות און תורות, נאָר מיר שאַפן, מיר פורעמען אויס אונדזער לעבן און אונדזער גייסט. עס גייט ניט אין דעם צי „די וועלט" נעמט אָן אונדזערע שאַפונגען אָדער ניט. זיי זייַנען אונדזערע און דערפאַר זײַנען זיי אונדז טייער און ליב.

די גויים ווילן אונדז ניט זען אין אונדזער שעפערישקייט, האָב איך צו זיי ניט קיין טענות: זיי מיט זייערס און מיר מיט אונדזערס. קוקן אָבער יידן, אפילו גוטע יידן אָבער מיט פרעמדע, ניט יידישע ברילן אויף די אויגן פון זייערע נשמות, און זיי חזרן איבער די פרעמדע תורות, זיי קײַען איבער די פרעמדע השגות וועגן אונדז. זיי האַלטן פון אונדזער תנ"ך — מיר האַלטן אויך. זיי האַלטן ניט פון אונדזער תלמוד — מיר אויך ניט. זיי האַלטן ניט פון אונדזערע גאָר נײַע שאַפונגען, האָדעוועןן יידן ראַביים און רבנים, און אינטע־ליגענטן און דענקער, און פריידיקער און לערער וואָס זײַנען עמארצים אין

אַלע אונדזערע שאַפונגען פון אונדזער נײַסטער, לעבעדיקער שפּראַך און קולטור. איז פּאַר זיי ייִדישקייט עפּעס אַ שיינע אַרכעאָלאָגיע אַזאַ, וואָס זי איז אָנגעגנומען ביי דער וועלט ביז זיי האָבן געגנומען עפּעס אַ יונגן תלמיד פון אונדזערע חז״ל, און זיי האָבן אים געהרגעט, געקרייצט אים, כדי צו האָבן פאַר זיך נאָך אַ גאָט אין קערפּער, אין בלוט און פלייש, כדי אונדז צו שלאָגן. און עס קלייבן זיך צונויף אין דער אייביקער שטאָט אייביקע טרעגער פון יענער תורה און מיט אַ געוויסן פון ימים בלוט זיצט מען און מען טראַכט צי מען מעג אונדז באַפרייען פון דעם בילבול, וואָס מיר האָבן, כלומרשט מיר, געהרגעט אײן ייִדן, און זיי — די פרומע פאַרשטייער פון פעלקער — שעפער פון ימים בלוט — גיט ניט קיין סטרונע אין געוויסן אַ ציטער און מיט פרומע תפילות פּסקנט מען, אַז — מיר האָבן נאָך אונדזער זינד ניט אויסגעקויפט... כל זמן דער וואָלף איז נאָך וואָלף, וועט אַלע מאָל די שעפּעלע זײַן שולדיק. קלאָר און פאַרשטענדלעך. נאָר עס איז אַ רחמנות אויף די ייִדן וואָס באַמיען זיך צו באַרעכטיקן אונדזער קיום אין די אויגן פון דער גוטער וועלט. מיר ברענגען אויך אײַך אַ נוץ און דערפאַר זײַט אַזוי גוט און לאָזט אונדז לעבן... שיקט מען גוטע ייִדן — פּליט ברידערלעך, און בעט אויס בײַ די פאַרשטייער פון דעם בעל הרחמים אויך פאַר אונדז הײַנט סליחה ומחילה. און ביז הײַנט האָבן זיי נאָך ניט באַוויזן אויסצולערנען דעם מוסר השכל וואָס עס האָט געזאָגט אונדזער משלים־שרייבער אַ. שטיינבאַרג.

„בלינדע בעטלערס, דרייט אַ קלאָג אויף אַלטע קאַטערינקעס
און פאַרשרייבט עס, פרומע שרײַבערס, מיטן גראַם אין אַלטן פּנקס:
מיזל, מײַזל, מויז!
מעג דײַן עק זײַן גרויס,
מעג ער זײַן אפילו קליין,
בלייבט דער קאָטער — קאָטער און די צײנדלעך זײַנע ציין״.

פאַראַן אויף גאָטס וועלט טויבן און שפּאַרבערס, שלאַנגען, עקדישן און שאָף און האָזן. וועלן קיינע שיינע טעאָריעס פון פונקציעס, פון מיסיעס און שליחותן, און אונדזערע גרויסע נוצן וואָס מיר ברענגען דער וועלט — וועלן די טעאָריעס במילא גאָרנישט ענדערן.

פאָלק ווי אַ נאַטירלעכער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם

מיר גייען צו צום באַגריף פאָלק פאַרקערט. ניט די אויפגאַבּ, ניט די פונקציע אָדער די מיסיע איז פריער און די אויפגאַבּ שאַפט דאָס פאָלק. נאָר עס איז פאַרקערט, פעלקער זײַנען פריער, זיי קומען אויף ווי עס קומען אויף אָרגאַניזמען אויף דער וועלט. אין אַן אָרגאַניזם זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע אָרגאַנען, יעדער אָרגאַן באַשטייט פון פאַרשיידענע געוועבן, און אַלע געוועבן, אַלע אָרגאַנען צוזאַמען האָבן איין געמיינזאַמען ציל — דעם קיום פון דעם גאַנצן אָרגאַניזם, דעם קיום פון דורות פון דעם אָרגאַניזם. מען רופט עס: די דערהאַלטונג פון אינדיווידו און די דערהאַלטונג פון דעם מין. אַלע געוועבן, אַלע אָרגאַנען זײַנען צוגעפּאַסטע צו דער דאָזיקער קאָלעקטיווער אויפגאַבּ. אַזוי איז דאָס לעבן.

אָרגאַניזמען לעבן זעלטן באַזונדער, על פי רוב קומען זיי אין געמיינשאַפטן. אַ וואַלד, למשל, איז ניט בלויז אַ סכום ביימער, עס איז אַ קאָלעקטיוו פון פאַרשיידענע ביימער מיט פאַרשיידענע אייגנשאַפטן, פון גראָזן, פון אַלערליי געוויקסן און חיות, וואָס אַלע צוזאַמען שאַפן זיי די געמיינשאַפט וואַלד. יעדער שטייגער וואַסער איז ווידער אַזאַ געמיינשאַפט פון געוויקסן און בעלי חיים. איטלעכע באַשעפעניש איז באַזונדער צוגעפּאַסט צום געמיינזאַמען לעבן און אַלע צוזאַמען האָבן זיי איין קאָלעקטיוו, איין געמיינשאַפט.

אויך פאָלק איז אַ קאָלעקטיוו געשאַפן נאַטירלעך דורך די געמיינזאַמע באַדינגונגען פון דער סביבה, פון דעם גאַנצן אַרום. מען דאַרף לגמרי ניט אָנקומען צו קיינע ראַסן־טעאָריעס, צו קיינע טעאָריעס וועגן בעסערע ראַסן און ערגערע. עס זײַנען גענוג אַ צאָל דורות אין פאַרשיידענע קלימאַטן און אַלערליי אַנדערע באַדינגונגען, כדי עס זאָלן זיך אַנטוויקלען אַנדערע שטייגערס לעבן און אַנדערע פעלקער, מיט אַנדערע שטייגערס און מינהגים — פאַרשיידענע דיאַלעקטן און זיטן און פאַרשיידענע פעלקער. מיר האָבן אַפילו אין אונדזער פאַרגאַנגענער תקופה, אין דער שטעטלשער, געהאַט דרײַ קלאָר אויסגעשפּראָכענע פאַרשיידענע יידישע שבטים — די פוילישע יידן, די ליטוואַקעס און די אוק־ראַיִנער יידן. זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט מיט זייער לשון, מיט די פאָרמען פון רעליגיע, מיט די מינהגים פון עסן און טרינקען, מיט די זיטן און קליידונג און אפילו מיט דעם כאַראַקטער. ניט אומזיסט פלעגט מען דאָס זאָגן אַז דער פוילישער ייד בענטשט נאָך דעם ווי ער עסט אָפּ, דער ליטוואַק אָבער עסט כדי צו קענען בענטשן. דאָס ליטווישע חסידיזם איז געווען גאָר אַנדערש פון דעם

פוילישן (חב״ד). אפילו מיט די קעגנזייטיקע צונעמען, ווי די „פוילישע דריב־קעס״ פלעגן רופן די „ליטוואַקישע צלם־קעפּ״. און דער ייִנגסטער שבט — דער אוקראַיִנישער (געשיכטלעך מער געשטאַמט פון די ליטווישע יידן) אפילו דער שבט האָט שוין באַוויזן צו אַנטוויקלען זײַנע ספּעציפישע אייגנשאַפטן. עס איז אפילו געווען אַ פּרוּוו אָפּצושאַצן דעם ספּעציפישן ביישטראָג פון דעם „דרום־יידן״ צו דער נײַער וועלטלכער ליטעראַטור (יידיש טעאַטער, פּאָעזיע). דער ליטוואַק פלעגט רופן גוטע פרײַנד שבת נאָכן דאַווענען אויף „ברכה״, דער פּוילישער פלעגט אַלע טאָג מאַכן אַ לחיים מיט אנ״ש (אנשי שלומנו, פון איין שטיבל, פון איין רבין), דער אוקראַיִנער ייד פלעגט סתם טרינקען אַ געשמאַק ביסל ווײַן.

אַזוי אַרום האָבן זיך אַנטוויקלט פעלקער. בײַ די שווערע קאָמוניקאַציע־מיטלען, ביי דער אײַנגעזעסנקייט אויף איין אָרט, האָט דאָך אפילו איטלעך שטעטל געהאַט זײַן כאַראַקטער, זײַן פאָלקלאָר, זײַנע טראַדיציעס און אָפט אפילו זײַן נוסח אין דאַווענען, זײַנע עילויים, מיט וועמען זיך צו באַרימען, זײַנע וויצלער און בדחנים, זײַנע ליגנערס און פערד־גנבים. דאָס יידישע פאָלק איז דאָך לכתחילה באַשטאַנען פון באַזונדערע שבטים. די טראַדיציע וויל האָבן, אַז די תורה האָט פאַראייניקט דאָס פאָלק. אָבער דאָך זײַנען די שבטים געבליבן ביז דעם חורבן.

ערשט פון גלות, פון בבל איז געקומען איין פאָלק, ניט צעטיילט אויף שבטים, אָבער דאָך איז ביז הײַנט געבליבן די אָפּגעזונדערטקייט פון כוהנים און לוויים. אין גמרא זײַנען פאַראַן סימנים פון אונטערשיידן אין דיאַלעקטן. מענטשן אין קולטור זײַנען במילא פאַרשיידן ווי עס זײַנען פאַרשיידן סאָרטן קולטור־געוויקסן, טויזנטער סאָרטן ווייץ און עפּל און ווײַנטרויבן און אַזוי כסדר. אַזוי זײַנען אויך אויפגעקומען פאַרשיידענע פעלקער. קיינע פונקציעס און קיינע מיסיעס און קיינע אויפגאַבעס האָט ניט קיין באַזונדער פאָלק און אויך ניט יידן. מיר קענען ריידן וועגן יחידים און זיך שטעלן די פראַגע: וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, וואָס איז זייער ירושה פאַר די דורות נאָך זיי. אַזוי קענען מיר אויך ריידן וועגן אַ פאָלק און זיך שטעלן די פראַגע וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעטאָן? וואָס פאַר אַ ירושה עס האָט געלאָזן. עס איז אָבער אָן אַ שום זינען צו שטעלן פון פאָרויס די פראַגע וואָס דער אָדער יענער מענטש דאַרף אויפטאָן. אַזאַ פראַגע קען מען שטעלן פאַר אַ מענטשן אין אַ מענטשלעכער אָרגאַניזאַציע, אָבער ניט צו אַ מענטשן וואָס ווערט געבאָרן. אַ פאָלק ווי

אַ מענטש ווערט געבאָרן כדי צו לעבן, ווײַל עס וויל לעבן. אַ קינד אַז עס ווערט געבאָרן איז עס עגאָיסטיש, אַלץ וואָס אַרום אינטערעסירט אים נאָר אויף וויפל עס איז אים נוציק. אויף אַלץ און אויף אַלעמען קוקט עס נאָר דורך ברילן פון זײַן עגאָיזם. ערשט ביסלעכוויז ווערט דער קרייז געטרייקייט ברייטער — משפחה, שבט, פאָלק, מענטשהייט, אַבסטראַקטע אידעאַלן. אַזוי איז עס אויך מיט פעלקער. איטלעך קינד האָט זיך זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זײַנע קאַפּריזן, אָבער עס ווייס ניט פון זײַן אייגענעם „איך" צווישן אַלע אַנדערע „איכן". אַזוי אויך פעלקער. עס זײַנען מסתמא אַריבער אַ סך דורות פאַרזיכיק לעבן איידער דער ערשטער ייד איז געקומען צום באַוווסטזײַן אַז ער איז אַ באַזונדערער מענטש, אַז ער איז אַן אַנדער פאָלק, אַז ער וויל זײַן אַנדערש ווײַל דאָס זײַניקע איז אים ליבער און אָנגענעמער, טייערער. ניט אומזיסט זאָגט די גמרא אַז אבינו אברהם האָט געהיט די גאַנצע תורה שבעל פּה אויך. מען דאַרף עס ניט אָננעמען, פאַרשטייט זיך, אין פּשוטן זינען פון וואָרט, אָבער עס איז ריכטיק, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ שטייגער־קולטור, אַ בעל פּה. און דער באַוווסטזיין פון אייגענער פאָלקישער פאַרזיכיקער אַנדערשקייט — דאָס איז די אַנטפּלעקונג, די געטלעכע אַנטפּלעקונג — דו ביסט פאַר זיך אַנדערש, האַלט זיך ביי דײַן אַנדערשקייט. היט זי אפילו ביז אין קאַלכאָויוון אַריין. יעדער אָרגאַן באַזונדער און אַלע אָרגאַנען צוזאַמען האָבן איין ציל — אויפהיטן דעם אינדיווידועלן קיום פון דעם גאַנצן אָרגאַניזם, זײַן לעבן.

— אָבער וואָס מיינט דאָס לעבן פון דעם קאָלעקטיוו פאָלק?

אויך אַלע נאַטירלעכע קאָלעקטיווע געמיינשאַפטן האָבן זייער קאָלעקטיוו לעבן, וואָס הייבט זיך אָן און עס ענדיקט זיך. וועל איך אויף אַ צײַט אָפּטרעטן פון אונדזער טעמע — דער קיום פון ידישן פאָלק, און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דעם לעבן פון אַנדערע נאַטירלעכע קאָלעקטיווע געמיינשאַפטן. גרינגער וועט עס זײַן ווען מיר וועלן פאַר אַ דוגמא נעמען אַ קליינע סאַזשלקע, אַ שטייק וואַסערל. עס וואַקסן דאָרטן באַשטימטע וואַסער־געוויקסן, פיש און אַנדערע בעלי חיים. יעדער אַרט און יעדער מין האָט זײַן אַנטוויקלונג, זײַן געשטאַלט וואָס שטאַמט פון זײַנע פריערדיקע דורות. אָבער יעדער בעל חי איז אויף זײַן אופן צוגעפּאַסט צו זײַן אָרט, ווו ער לעבט. אין זעלביקן וואַסערל לעבן פישן און אינזעקטן. יעדער מין און יעדער אַרט לעבט אויף זײַן אופן.

אין דער זעלביקער פּראָווינץ מאַניטאָבאַ (קאַנאַדע) לעבן אוקראַיִנער און יידן.ביידע גרופּעס קומען פון זעלביקן לאַנד, ביידע זײַנען געקומען אין נײַ לאַנד אין איין צײַט. ביידע גרופּעס האָבן די זעלביקע פרײַע מעגלעכקייטן זיך

צו אַנטוויקלען, — און ביידע גרופּעס לעבן זיך אַרײַן אין דעם נײַעם לאַנד אויף פֿאַרשיידענע וועגן, לויט זייערע טראַדיציעס אויסגעאַרבעטע אין משך פֿון יאָרהונדערטער אין פֿריערדיקן לאַנד פֿון געמיינזאַמען אָבער דאָך פֿאַרשיידענעם לעבן. יעדער ייִד טראָגט אין זיך די עלעמענטן פֿון זײַן פֿאָלקישער טראַדיציע און זיי שאַפֿן די אייגנטימלעכע פֿאָרמען פֿון פֿאָלקישן לעבן.

אָבער וואָס הייסט דאָס פֿאָלקישע לעבן, דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק? — דאָ וועלן מיר אויך ציען ווײַטער דעם פֿריערדיקן פּאַראַלעל צווישן יחיד און כלל. ווי ביי יעדער אינדיווויד איז דער וויכטיקסטער פּראָצעס פֿון לעבן די בלוטצירקולאַציע, מיר האָבן פֿריער פֿאַרגליכן די צירקולאַציע צו דער קולטור־צירקולאַציע ביי אַ פֿאָלק. זי באַשטייט אין דעם ספּעציפֿישן שטייגער לעבן וואָס ער שאַפֿט די קולטור שבכתב, די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און קונסטן, די דאַרפֿן צוריק פֿאַרשפּרייט ווערן אין לעבן פֿון פֿאָלק ווי פֿאָרמען פֿון זײַן שטייגער. אין אַ פֿאָלקסליד וואָס ווערט צוגעשריבן צו ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעװער, זאָגט אים „מאירקע זיין זון“, אַז ער בעט ביי גאָט „בנים, חיים, מזונות“. דאָס איז אייגנטלעך די עלעמענטן פֿון לעבן פֿון יעדער יחיד און אַזוי אויך פֿון אַ כלל. מזונות — די פֿיזישע שפּייז דאַרף אויפֿהאַלטן, ווען עס ווערט פֿאַרדייט, דאָס לעבן פֿון יחיד און אַזוי אויך דאַרף דאָס גייסטיקע שפּייז, ווען עס ווערט פֿאַרדייט, אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון קאָלעקטיוו, פֿון פֿאָלק. בנים — זיי זיינען די „עוסקים בתורה“ די וואָס פֿורעמען די קולטור פֿון איין דור אין דער קולטור פֿון צווייטן דור. די עקאָנאָמישע און פֿיזישע יסודות פֿון לעבן פֿון די יחידים פֿון פֿאָלק זײַנען אויך דער יסוד פֿון גײַסטיקן לעבן פֿון פֿאָלק.

כל זמן דאָס יידישע פֿאָלק האָט געלעבט פֿאַר זיך, האָבן די עקאָנאָמישע „מזונות“ געקאָנט זיין אָרעם און גאָר באַשיידן, אָבער די קולטור־צירקולאַציע איז געווען גאַנץ און דאָס יידישע פֿאָלק האָט געקאָנט אויסהאַלטן צוויי דריטל פֿון זיין געשיכטע אין גלותן. אַלץ אַ דאַנק זײַן אויטאָנאָם לעבן־שטייגער. די גאַנצע מבוכה, די גאַנצע שרעק פֿאַרן ווייטערדיקן קיום פֿון דעם יידישן פֿאָלק קומט פֿון דעם וואָס אונדזער קולטור־צירקולאַציע איז צעשטערט. יידן אין דער גאָרער וועלט, מחוץ דער אייגענער מדינה לעבן ניט קיין אייגן אויטאָנאָם לעבן, זיי האָבן ניט קיין אייגענעם שטייגער. און אויך אין דער מדינה איז צעשטערט דער המשך.

א. גאָלאָמב

דאָס פאָלקישע געפיל

וואָס בינדט צונויף באַזונדערע יחידים אין איין פאָלק?

מיר זאָגן, אַז פאָלק איז אַן איבעראָרגאַנישער אָרגאַניזם, ניט עפּעס אַ באַוווסטזיניק צונויפגעשטעלטער קאָלעקטיוו צוליב דער אָדער יענער פונקציע, נאָר עס איז אַ נאַטירלעכע געמיינשאַפט. ווי, למשל, אַ בינשטאָק וכדומה, וואָס איז אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פון באַוווסטזיניק, פון צוגעטראַכטע צילן, פּלענער, ווי עס איז למשל אַ מדינה. אין אַן אָרגאַניזם פילט דער גאַנצער קערפּער דעם ווייטיק פון יעדער קלענסטן טייל זײַנעם. אין אַ נאַטירלעכער געמיינשאַפט האַנדלט איטלעכער יחיד אין די אינטערעסן פון כלל מער ווי אין זיינע אייגענע אינטערעסן. די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו זײַנען בילכער ווי די אינטערעסן פון יחיד. אַזוי איז היסטאָריש אויך ביי מענטשן. אין תנ״ך קומען די קאָלעקטיווע אינטערעסן און די געטרייקייט צו זיי אַ סך פריער ווי די ריין יחידישע. „איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם״. אַזוי איז אויך געווען ביי יידן. אַנגערירט אַ יידן אין סמירנע, צי עק וועלט, האָט עס אַנגערירט אַלע יידן אין דער גאַרער וועלט. אַ בלוט־בילבול אין דמשק, האָט זיך געלאָזט משה מאָנטעפיאָרע אַזש פון לאָנדאָן פאָרן אַהין, אין יענע באַדינגונגען, זיי צו העלפן. און אַזוי אויך לאָזט זיך דער זעלביקער ענגלישער גביר פאָרן קיין רוסלאַנד, מיט פערד און וואָגן, העלפן אפשר די יידן אין רוסלאַנד, וואָס ער האָט זיי ניט געקאָנט און ניט פאַרשטאַנען.

דער פראַנצויזישער מיניסטער קרעמיע האָט געזוכט מיטלען ווי צו העלפן די יידן אין אַלע ווייטע און ניט אַנטוויקלטע לענדער, ווייל „כל ישראל חברים״ (אַזוי האָט געהייסן די אָרגאַניזאַציע „אַליאַנס איזראַעליט״ אין העברע־איש). דער פּאָגראָם אין קישעניעוו (1903) האָט אויפגעשוידערט יידן אין דער גאָרער וועלט. אַזוי אויך דער בייליס־פּראָצעס מיט צען יאָר שפּעטער.

אָבער שפּעטער קומען מיר צו אַ ווייטיקדיקן קאַפּיטל, ווען מיר פאַרגלייכן די פירונג פון אַמעריקאַנער יידן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט זייער פירונג אין דער צייט פון דער צווייטער מלחמה. די צרות גופא קען מען דאָך לגמרי ניט פאַרגלייכן. אָבער ווי האָבן יידן אין אַמעריקע רעאַגירט פריער און ווי שפּעטער? פריער איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַמעריקע געווען אַקטיוו, פון די רייכסטע ביז די אָרעמסטע. עס איז בפירוש געווען אַ פאָלק־אַקציע די הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן. אין פאַרגלייך מיט דעם איז אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ מאָדנע

קאַלטקייט. אַ שיף מיט גרעסטעטע יידן האָט אַרומגעבלאָנקעט אַרום די ברעגן פון אַמעריקע, און דער צדיק רוזוועלט האָט געשיקט שומרים, וואָס זאָלן ניט דערלאָזן די שיף זאָל, חלילה, קומען נאָענט צו די הייליקע ברעגן פון אַמעריקע. קעגן די „געזעצן". האָבן יידן אין אַמעריקע ניט פּראָטעסטירט, ניט געמאָנט, ניט געמאַכט קיין דעמאָנסטראַציעס, קיין פּעטיציעס ניט געשיקט. ניט זייער ציג און ניט זייער חנוכה־ליכט.

אין יאָרן פון שרעקלעכסטן אומברענגען, וואָס קיינע אינקוויזיציעס קענען זיך ניט פאַרגלייכן צו דעם, האָבן יידן אין אַמעריקע געפּראַוועט בעלער, בר מצוות און פּאַרטיעס, און מען האָט ניט אויפגעריסן דער וועלטס שטומקייט מיט אַ וויי־געשריי, וואָס זאָל הימל און ערד אויפשוידערן... אין טייל פון יידישן פאָלק האָט שוין ניט דערפילט דעם ווי און ווינד פון צווייטן טייל. אַן אונטער־שייד פון אַ וואַסערע פינף און צוואַנציק יאָר — און אַזאַ אָפּקילונג פון פאָלקישן געפיל! פאַר וואָס?

דאָס איז ווייל פריער זײַנען די מערהייט יידן אין אַמעריקע געווען אַליין געקומענע אימיגראַנטן. אַלע האָבן געהאַט קרובים דאָרטן, מען האָט געדענקט די היימישע שטעטלעך, מען האָט געבענקט אַהין — איז אויך דאָס פאָלקישע געפיל געווען שטאַרקער, אַקטיווער.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שוין די אימיגראַציע געווען אָפּגעהאַקט, די מערהייט יידן אין אַמעריקע איז שוין געווען געבאָרן אין אַמעריקע; „אַמעריקאַנער" — האָט מען זיך שוין אַפילו צונויפריידן מיט יענע יידן ניט געקאָנט, איז מען געווען אָפּגעפרעמדט. דאָס פאָלקישע געפיל איז שוין אויסגעלאָשן געוואָרן.

אין מיטן טאָג און אין מיטן אַ גאַס איז אין דער יידישער מדינה דערשאָסן געוואָרן עפּעס אַ ייד פאַר ניט ראַטעווען יידן פון אונגאַרן. מען באַשולדיקט יידישע פירער אין פאַרשוויגן דעם חורבן. ד״ר גאָלדמאַן האָט עס עפנטלעך געזאָגט. אָבער צי האָבן די מאַסן יידן געפאָדערט פון די פירער? האָבן יידן פון אַ גאַנץ יאָר אַ אַרויסגעוויזן טיפערע אינטערעסן? פירערס האָבן אַ טבע זיך צו שטעלן בראש, ווען זיי פילן מאַסן הינטער זיך. אַז עס איז ניטאָ קיין רעזאָנאַנס, זײַנען די סטרונעס שטום. אַ פירער קען ניט שאַפן קיין באַוועגונג, וואָס איז פריער ניטאָ אין דעם גייסט פון די מאַסן.

מען דאַרף ניט זוכן איצט קיין שולדיקע. שולדיק איז די אָפּשוואַכונג פון דעם „צעמענט" וואָס באַהעפט יחידים אין איין פאָלק. אַז אין דעם שטאַרקסטן שטיין ווערט אָפּגעשוואַכט די קלעפּשטאָף, ווערט דער גאַנצער שטיין צעשאָטן

אויף באַזונדערע זעמדעלעך, אַ קופּע זאַמד, וואָס ווינטן קענען זיי טראָגן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. יידן זענען פאַראַן, אַ סך פאַרשיידענע יידן, אָבער קיין יידישע געמיינשאַפט איז מער ניטאָ. ניטאָ קיין פאָלק. עס זײַנען זיכער געבליבן די ביאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון יידן, אָבער אַזוי ווי אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן ווערן אָפּגעשוואַכט און אַפילו אַטראָפירט, אַזוי איז עס אויך בנוגע צו די יידיש־קייט־אייגנשאַפטן, ווען זיי ווערן ניט קולטיווירט, ניט אַנטוויקלט. אַט פאַר וואָס אין דער צייט פון דער צווייטער מלחמה איז דאָס מיטגעפיל פון אַמעריקאַנער יידן געווען אַ סך שוואַכער.

עס האָבן זיך פאַר מיר אין 1943 יאָר באַקלאָגט אויף זיך אַליין אַ גרופּע מיידלעך, ווילע קינדער, פאַר וואָס זיי האָבן ניט געוויינט בעת אַ טרויער־פאַרזאַמלונג, הגם זיי האָבן געפילט, אַז זיי וואָלטן געדאַרפט וויינען...

יידן האָבן הונדערטער יאָרן געהיט אַ חרם אויף שפּאַניע פאַר דעם גירוש און פאַר דער אינקוויזיציע. און ווי גרינג יידן האָבן דאָס שלום געמאַכט מיט דייטשלאַנד. האָט פאַרקערט, די יידישע רעגירונג פון דער יידישער מלוכה געשיקט אַ גרופּע לערער קיין דײַטשלאַנד זיך צו פאַרפולקאָמען; די דייטשן זײַנען זייער גוטע לערער. און יידישע לערער האָבן ניט געפילט קיין ווייטיק צו טרעטן אויף יענער ערד, צו הערן יענע שפּראַך, וואָס איז דאָך זיכער ניט קיין „יידישער זשאַרגאָן" דאָרטן. און די ווערטער פון דער שיינער חכמת הפּדגוגיה האָבן ניט דערמאָנט די יידישע דערציער גאָרניט פון אַ צווייטער דײַטשישער פילאָסאָפיע... איז אַ יידישער געלערנטער, און אָנערקענטער דענקער געפאָרן קיין דייטשלאַנד נעמען פון דאָרטן אַ מעדאַל, און דער מעדאַל האָט אים ניט געשמעקט מיט גאָלד פון ציינער, אַרויסגעריסן פון יידישע מײַלער. דערציילט אַ יידישער שרײַבער, מיט וואָס פאַר אַ כבוד און אַכטונג עס ווערן אין דער יידישער מדינה אויפגענומען געסט פון דײַטשלאַנד („טאָג", 64.12.3), ווי יידישע טעכטער נעמען זיך איבער מיט זייער גוטער אויסשפּראַך פון דײַטש לשון. און ווער ווייס וויפל לייבלעכע קרובים פון יענע גוטע יידישע טעכטער עס זײַנען אומגעקומען דורך די קרובים פון יענע דײַטשן?

לאָזט מען ווידער פון ישראל אַ גרופּע מיידלעך פאָרן קיין דײַטשלאַנד זיך אָננעמען מיט מידות טובות. און זיי קערן זיך אום צופרידענע, גליקלעכע: זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט אמתער קולטור... און דאָס זײַנען דאָך יידן פון יידן־לאַנד. מער ניט וואָס דאָס פאָלקישע געפיל איז ערגעץ פאַרלאָרן געוואָרן: צי ניט אפשר דורך דער דערציִונג? דורך דער גאַנצער אַטמאָספער אין די מאָניסטיש־יידישע שולן דאָרטן?

איך קען ניט פֿאַרשטיין קיין ציוניסטן, וואָס האָבן זיך צוריק באַזעצט אין דײַטשלאַנד און שיקן דעלעגאַטן צום קאָנגרעס אין ירושלים, און זיי פֿאָרן צוריק, און עס ברענט זיי ניט די ערד צו טרעטן אויף איר, און עס שטעכט זיי ניט דאָס לשון, וואָס זיי הערן אַרום... שווער צו פֿאַרשטיין.

עס איז מיר אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין די „רוסאָפֿיליע" פֿון יידן־קאָמוניסטן אין אַמעריקע און אַפֿילו אין ישראל. דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד איז אָפֿן פֿאַר אַלעמען, און דאָס שטערט ניט יידן אין אַמעריקע אַרויפֿצוקוקן מיט פֿאַרגלאַצטע אויגן צו דעם רעזשים. דער אַנטיסעמיטיזם דאָרטן שטערט ניט די יידן צו זײַן חסידים. מען מאַכט בילבולים אויף יידן, גייע אויפֿלאַגעס פֿון ביילִיסיאַדע, מען דערדריקט יעדן סימן פֿון יידישער קולטור. דאָס אַרט ניט די חסידים: די גאַנצע יידישקייט איז פֿאַר זיי מינדערוויכטיק, פֿאַרנעמט לגמרי ניט קיין אָרט אין דעם באַלאַנס פֿון סימפּאַטיעס און אַנטי־פּאַטיעס; עס האָט ניט צו זיי, עס אַרט זיי ניט, ווילד פֿרעמדע זײַנען זיי. און צווישן יענע חסידים זײַנען דאָך פֿאַראַן יידן, וואָס שרײַבן יידיש, וואָס ריידן וועגן יידישער קולטור. שווער צו פֿאַרשטיין די פּסיכיק פֿון אַזוינע יידישע קולטור־טוער. סײַדן זיי חושד צו זײַן, אַז די גאַנצע רייד און אַרבעט פֿאַר יידישקייט איז ניט פֿון האַרצן, ניט אויפֿריכטיק.

ווען מיכאָעלס און פֿעפֿער — די שפּעטערדיקע קרבנות פֿון אַנטיסעמי־טיזם אין רוסלאַנד, זײַנען געווען אין אַמעריקע, האָב איך אָפּגעדרוקט אין אַ קאַנאַדער יידישער צײַטונג אַן אָפֿענעם אָנפֿרעג, וואָס איז געשען מיט קולבאַקן? אויף דעם האָט מיר געענטפֿערט אַ פֿירער פֿון אַ „פּראָגרעסיווער" יידישער שול, אַז איך בין אַ פֿאַשיסט, אַ נאַצי און וואָס אין קאָרט שטייט. און עס זיצן יידן אין ירושלים, אפילו דעפּוטאַטן אין כנסת און דאַווענען מיטן פּנים צו מאָסקווע. אַזוי טיף איז אָפּגעפֿרעמדט דאָס פֿאָלקישע געפֿיל פֿון יידן צו יידן. צי זענען זיי אויטענטישע מיטגלידער פֿון אַ וואָסער עס איז אַנדער פֿאָלק — דאָס זיכער ניט: מען קלײַבט זיך ניט אויס קיין פֿעלקער לויטן געשמאַק. אָבער קיין יידישע פֿאָלקישע געפֿילן האָבן זיי שוין אויך ניט. די שחיטה אויף אַרמענער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ יידן אַ שרייבער מער אָנגערירט ווי היטלערס שחיטה אויף יידן. פֿאַרקערט, האָבן אַ פּאָר דייטשישע געלערנטע יידן, וואָס האָבן זיך מסתמא געראָטעוועט פֿון זייער „פֿאָטערלאַנד" קיין אַמעריקע, נאָך פּרובירט אין ביכער פֿאַרמינערן די שולד פֿון די דײַטשן. מען קען אַזוינע פֿאַקטן פֿון אָפּגעשוואַכטן פֿאָלקישן געפֿיל איצט געפֿינען גאָר אַ סך.

א. גאָלאָמב

איך וויל אָבער איבערגיין צו אַן אַנדער דערשײַנונג.

עס האָבן יידן אין אַמעריקע יאָ אָנגעהויבן עפנטלעכע פּראָטעסטן קעגן דעם רוסישן אַנטיסעמיטיזם. געבענטשט זאָל זײַן דער אַקט. צי וועלן די פּראָטעסטן העלפן אין רוסלאַנד, ווייס איך ניט, אָבער אפשר וועט עס אויפוועקן עטוואָס שטאַרקער דאָס פאָלקישע געפיל ביי יידן אין אַמעריקע גופא. אָבער דאָ וועקן זיך אויך נײַע פראַגן: צי זײַנען ניטאָ קיין נענטערע אומברענגער פון יידישקייט, וואָס מען דאַרף קעגן זיי פּראָטעסטירן?

האָבן מיר טענות צו רוסלאַנד, פאַר וואָס עס זײַנען ניטאָ קיין יידישע צײַטונגען? נו, אין אַמעריקע ווו מען לאָזט יאָ, גיבן יידן אַרויס צײַטונגען אַ סך? גייען דען די פּאָר צײַטונגען ניט אונטער ביסלעכווייז אָן הילף פון די קהלשע פאָנדן? קען זיך דער רעפּרעזענטאַטיווער זשורנאַל „צוקונפט" פאַרגלײַכן צו דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס מען גיט יאָ אַרויס אין רוסלאַנד? אַמעריקאַנער רעגירונג פאַרנעמט זיך ניט מיט די ענינים, אָבער יידן אַליין זאַמלען יאָר אײַן און יאָר אויס געוואַלדיקע סומעס — וויפל גיבן זיי פאַר יידישער קולטור, פאַר יידישער פּרעסע? און יידישע שולן? ווו זײַנען די יידישע היכשולן? און אין די עטלעכע, וואָס זענען יאָ דאָ, לערנט מען יאָ יידיש? פאַרנעמט מען זיך מיט יידישער קולטור פון לעבעדיקן יידישן פאָלק? פאַר וואָס פאַרלאַנגט מען פון אַנדערע דאָס, וואָס אַליין טוט מען ניט? מען פאַרלאַנגט אַ יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד. ריכטיק, זייער גערעכט! אָבער ווו זײַנען די טעאַטערס, וואָס יידן אין אַמעריקע האַלטן אויס פון זייערע געלטער? מען פאָדערט פון רוסלאַנד אַכטונג און דרך ארץ צו דער יידישער שפּראַך. אָבער ווו איז דער דרך ארץ פון יידן אַליין צו זייער שפּראַך? מיר האָבן מורא, אַז יידישקייט גייט אונטער אין רוסלאַנד, אָבער פאַר וואָס לאָזן מיר יידישקייט זאָל אונטערגיין אין אַמעריקע און אין אַנדערע פרײַע לענדער? פאַר וואָס לאָזן מיר דאָס יידישע לשון זאָל פאַרגעסן ווערן?

אַט שרײַבט אַן אָנערקענטער נאַציאָנאַלער דענקער, אַז דאָס יידישע לשון אין אַמעריקע איז שוין אַ פאַרלאָרענע זאַך. אָבער ווי דערזעט ער ניט, ווי דערפילט ער ניט, אַז צוזאַמען מיט דעם יידיש לשון איז שוין אויך פאַרלאָרן די גאַנצע יידישקייט? עס איז דאָך איצט קלאָר אויך פאַר בלינדע, אַז אָן יידיש לשון איז פאַרלאָרן דער גאַנצער קאַמף קעגן אַסימילאַציע אין דעם גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט; ניט יידיש לשון גייט אונטער — דאָס פאָלק, דאָס יידישע פאָלק גייט אויס אין נחת און אין כבוד אין אַמעריקע! און עולם כמנהגו — מען שרײַבט און מען רעדט און מען טרינקט „קאַפע מיט קעיק",

מען פאַרשאַפט זיך אַ „גייסטיקן פאַרגעניגן" און מען פּראַטעסטירט... קעגן רוסלאַנד, קעגן אַ שווים־באַסיין אין ירושלים... אַזוי זעט אויס דאָס פאָלקישע געפיל ביי יידן אין אַמעריקע, אין דעם גרעסטן יידישן ישוב.

מען וועט זאָגן, אַז די יידן אין אַמעריקע גיבן אויס גאָר אַ סך מיליאָנען דאָלאַרן אויף צו דערציען דורות יידן. אָבער מען זעט דאָך קלאָר דעם פאַקט: דער יידישער באַוווסטזיין ווערט אָפּגעשוואַכט פון דור צו דור; עס ווערט ווייניקער און שוואַכער דער ווילן זיך אידענטיפיצירן מיט דעם יידישן פאָלק. מסתמא איז דאָך די גאַנצע דערציִונג אַ ניט קיין ריכטיקע. עס ווערט אָפּגעשוואַכט דאָס פאָלקישע געפיל. עס קומט אויס, אַז די עצם־דערציִונג באַמיט זיך גאָרניט צו אַנטוויקלען דאָס פאָלקישע געפיל.

דאָס פאָלקישע געפיל האָט ביי אונדז געהאַט אַ צווייטן נאָמען. עס האָט געהייסן „אהבת ישראל". אָבער אַזאַ געפיל איז פאַראַן ביי אַלע פעלקער, ביי אַלע מענטשן צו זייער פאָלק. אַפילו דאָס שטאַרק געפריידיקטע „פאַטערלאַנד"־געפיל, וואָס מען באַמיט זיך אומעטום עס צו אַנטוויקלען און צו שטאַרקן, אַפילו ד אָ ס געפיל האָט זײַן מקור אין דעם פאָלקישן געפיל. גאָר פשוט — אין די גרענעצן פון „פאַטערלאַנד" הערשט דאָס ליבע פאָלקישעס, די גאַנצע אַטמאָספער און דאָס לעבן בכלל איז פאָלקיש, היימיש.

דווקא ביי יידן איז אָט דאָס פאָלקישע געפיל שוואַכער ווי בײַ אַנדערע. און ניט נאָר דאָס געפיל פעלט, נײַערט אַנשטאָט אים איז בײַ יידן אַנטוויקלט דאָס פאַרקערטע — אַן אַקטיוו אַנטיפאָלקיש געפיל, וואָס מיר האָבן אָנגערופן ע ג אָ פ אָ ב י ע און עס באַהאַנדלט אין פריערדיקע אַרבעטן („אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק"). דאָס דאָזיקע געפיל האָט אונדז אָנגעטאָן אַ סך צרות, און עס הערט ניט אויף צו ווירקן אין אונדז. אין דער טערמינאָלאָגיע פון הרב קוק ז"ל איז ביי אונדז פאַראַן צו פיל „שינאת חינם" און עס פעלט אונדז דאָס פאַרקערטע — „אהבת חינם". מיר קענען עס פאַרטײַטשן ווי ליבע, געטרײַשקייט אָן שום אויסרעכענונגען, אָן וואָסערע עס זאָלן ניט זײַן חשבונות. ער איז אויך גערעכט מיט זײַן זאָגן, אַז דער עיקר־מקור פון אַלע קריגערײַען און מלחמות זײַנען ניט די לאָגישע, פאָרמולירטע מאָטיוון און דערקלערונגען, און פאָדערונגען, נאָר גאָר פשוט — עס איז די שינאת חינם („היסוד העליון" — „אורות הקודש", חלק ג' שכג'). אַפילו אין דער דערציאונג, ווי זי איז געשטאַלטיקט ביי אונדז, איז ניטאָ אָט די „אהבת חינם" — דאָס פאָלקישע געפיל און ווי לאַנג קען דען האַלטן אַ פאָלק אָן דעם פאָלקישן געפיל?...

פאַר וואָס איז ביי אונדז אָפּגעשוואַכט דאָס פאָלקישע געפיל?

פֿאַראַן צוויי נאָענטע באַגריפֿן: יידישקייט און יידנטום. דאָס לעצטע וואָרט מיינט די סכומים יידן, דאָס יידישע פֿאָלק אין ציפֿערן. יידישקייט אָבער מיינט די אַלע אייגנשאַפֿטן, וואָס מאַכן פֿון אַ מענטשן אַ יידן, דאָס אַלץ וואָס שיידט אָפּ דעם יידן פֿון אַלע אַנדערע מענטשן. לויט דער עלעמענטאַרער לאָגיק, וועט דער טערמין יידנטום באַטײַטן דעם פֿאַרנעם פֿון באַגריף ייד; יידישקייט איז דער אינהאַלט פֿון דעם זעלביקן באַגריף. דאָס פֿאָלקישע געפֿיל מיינט ליבע, ברודערשאַפֿט, געטרײַקייט, איבערגעגעבנקייט פֿון איין יידן צו אַנדערע יידן, דאָס דערפֿילן זיך היימיש מיט אַנדערע יידן אַפֿילו אין גאַנצן אומבאַקאַנטע, ווי מיר האָבן דאָס פֿריער געבראַכט דרך משל מיט אַ יידן פֿון סמירנע און פֿון גראָדנע. ווידער אַ מאָל איז דאָס אהבת ישראל. אָבער אין תוך אַרײַן איז עס אומעגלעך גאָר צו פֿאַרלאַנגען פֿון אַ מענטשן אַזאַ ברודערשאַפֿט מיט אומבאַקאַנטע, פֿרעמדע מענטשן, פֿון ווײַט. מען קען גאָרניט ליב האָבן מיליאָנען מענטשן דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען אויך יידן. ליב האָבן פּערזענלעך אַלע יידן, דאָס גאַנצע יידנטום איז אין תוך אַרײַן ניט פֿון די מעגלעכע זאַכן. די נאָענטקייט, די ברודערשאַפֿט — איז דאָ אַ סעקונדאַרע דערשיינונג, דער ערשטיקער, מקורדיקער פֿאַקטאָר איז די ליבע צו יידישקייט. מיר איז ליב און אָנגענעם דאָס יידישעס. און דערפֿאַר איז מיר ליב יעדער ייד, ווייל איך געפֿין אין אים מײַן יידישקייט. דער געמיינזאַמער פֿאָלקישער אינהאַלט בינדט צו יעדן יחיד, יעדן איינעם צו דעם גאַנצן פֿאַרנעם, דעם יחיד צום כלל יידן. אַ דאַנק דער געמיינזאַמקייט פֿון אינהאַלט, פֿון יידישקייט ווערט ליב דער גאַנצער פֿאַרנעם יידנטום. מענטשן האָבן ליב זייער היים, זייער פֿאָטערלאַנד. עס איז אויך ניט קיין ריין מאַטעריעלע, דירעקטע ליבע פֿון מענטשן צו דער ערד, צו דעם לאַנד, צו די שטיינער, צו די וועלדער. עס איז ווידער אַ געפֿיל, וואָס שטאַמט פֿון דעם היים־געפֿיל. היים איז בכלל ניט קיין געאָגראַפֿישער באַגריף: דער טײַך און דער וואַלד, און די שטיינער זײַנען מײַנע און יענע ניט. היים איז דאָרטן, ווו איך האָב געהאַט אָנגענעמע איבערלעבונגען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט זיכרונות. די פֿאַרבינדונג צווישן מענטשן און זײַן היים, זיין שטעטל, זײַן לאַנד, זײַן מדינה איז מער אַ גײַסטיקע אידער אַ מאַטעריעלע. עס איז מיר פֿרעמד, אומבאַקוועם, איך בין ניט צוגעוווינט, אָבער ווען איך קום נענטער צו די היימישע ווינקעלעך — ווערט מיר אַלץ נענטער, עס וועקן זיך אויף זיכרונות, דאָס אייגענע גאַנצע לעבן.

אַזוי איז אויך מיט די באַציִונגען צווישן אַ מענטש און זײַן פֿאָלק. גרויס און פֿרעמד איז די וועלט פֿאַר מיר. די מענטשן זײַנען מאָדנע עפּעס, איך קען

זיך מיט זיי צוזאַמענרעדן. יאָ אָבער דאָך זײַנען זיי מיר פרעמדע... עס קומט אָבער אַן איגענער מענטש, אַ מענטש פון מײַן פאָלק — ווערט מיר היימישער; איך פאַרשפאַר אַפילו אַ סך צו רעדן: אַ ייד מיט אַ יידן פאַרשטייט זיך אויפן וווּנק, אַ שמייכל, אַ וויץ, אַ ווערטל און געגוג. מען איז שוין היימיש ווי גאָר אַלטע באַקאַנטע... אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט איז גוט, ווען אַלע קלאַנגען האָבן אַ ריכטיקן רעזאָנאַנס. אַ סטרונע גיט אַ ציטער, רופן זיך באַלד אָפּ אַנדערע סטרונעס. עס הילכן אַקאָרדן... דאָס איז דער משל. און דער נמשל — אין אַ פאָלק איז ווידער אַזוי. אַלע מיטגלידער „רעזאָנירן", הילכן אָפּ אויף יעדן ציטער פון איינעם. דערצו מוז אָבער דער אינסטרומענט „פאָלק" זײַן ריכטיק אַנגעשטעלט. בײַ יידן וועט זײַן שטאַרק אַנטוויקלט דאָס פאָלקישע געפיל, ווען די יחידים־יידן וועלן זײַן אַנגעשטעלט ריכטיק, פאָלקיש; ווען זייער יידישקייט וועט זײַן אַ קרובהשע, אַ נאָענטע, מיט געמיינזאַמער היימישקייט, ענלעכע איבערלעבונגען, עמאָציעס, טראַדיציעס, מחשבות און זאָרגן, שטייגער, וויצן, ניגונים און מאכלים... אַזוינע יידן וועלן זיך גלייך דערפילן היימיש, בתוך עמי אני יושב. יעדער קרעכץ, יעדער ווי און יעדער שמייכל וועט גלייך אַרויס־רופן אַ געהעריקן רעזאָנאַנס ביי אַ צווייטן יידן, מעג איינער זײַן פון כּאַנדריקעווע און דער צווייטער — פון האָצעפּלאָץ. אַן רייד, אַן דיסקוסיעס און אַן רעזאָלו־ציעס — שוין פון דער ערשטער באַגעגעניש איז מען שוין היימיש. מען קען זיך ניט און מען איז שוין באַקאַנט לאַנגע דורות... אַ ייד קומט אַריין אין אַ בית מדרש יום כיפור צו כל נדרי ערגעץ אין אַ נײַ, פרעמד אָרט. ער קען קיינעם ניט פערזענלעך, אָבער ער איז שוין מיטן גאַנצן עולם היימיש: די עלטער־עלטער־זיידעס זײַנען צוזאַמען געשטאַנען בײַם באַרג סיני און צוזאַמען געגעסן מצה מיט קניידלעך. דער געמיינזאַמער שטייגער און לשון האָבן דערנענטערט ווײַטקייטן, פאַרבונדן שטחים און צײַטן. ניט אומזיסט זאָגט עס אַ יידיש ווערטל „וואַרף מיך גאָט ווו דו ווילסט, נאָר פאַלן זאָל איך צווישן אייגענע".

מען האָט אָבער בײַ אונדז גענומען אָפּלאַכן, וואָס אַ גאַנץ פאָלק שפּרינגט קדוש אין דער זעלביקער צײַט, וואָס אַלע יידן עסן קוגל אַלע גלײַך... צי מען האָט ניט פאַרשטאַנען, אָדער מען האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין דעם גרויסן ווערט פון געמיינזאַם לעבן און שטייגער, פון געמיינזאַם לשון און גאָר פשוט — פון קרעפּלעך מיט קוגל...

ווי עס איז צו זען פון דעם ביז איצט אָנגעשריבענעם, האָב איך ניט אַרײַנגענומען אין סכום פון די פאָלקישע פאַקטאָרן דאָס יידישע וויסן. דווקא אויף דעם איז דאָך באַזירט די גאַנצע שול־דערציִונג אומעטום ביי יידן. אַז מען

רעדט וועגן יידישער דערציִונג, מיינט מען דאָך תמיד איבערהויפּט די שולן און דעם פּראָגראַם, דעם סכום וויסן, וואָס זיי קענען איבערגעבן די תלמידים. צום באַדויערן דאַרף איך אויסזאָגן דעם אמת — אויף דער אויסבילדונג פון יידישן פאַלקישן געפיל ווירקט דאָס יידישע וויסן ווייניקער ווי אַלע אַנדערע פאַקטאָרן. עס איז געווען גאָר גרינג צו געפינען יידן־עם־ארצים, אָן אַ וואָסער עס איז יידיש וויסן און זיי זיינען געווען אמתע, הייסע, געטרייע יידן. און פאַרקערט, איז גאָר ניט שווער צו געפינען געלערנטע יידן, אָנגעשטאָפּט מיט יידיש וויסן, און זיי וואָלטן פון יידן און פון יידישקייט ניט געוואָלט וויסן... דאָס לערנען יידישקייט, דאָס געבן יידיש וויסן האָט דעמאָלט אַ באַטייט, ווען עס גייט צוזאַמען מיט שטייגער. מיט נאָרמען פון לעבן. וויסן אַליין, אָן שטייגער, שאַפט ניט קיין פאָלקיש געפיל. קומט אויס, אַז די גאַנצע יידישע דערציִונג גייט אויף אַ פאַלשן וועג? — יאָ, עס איז טאַקע אַזוי.

די גאַנצע אַזוי גערופענע יידישע דערציִונג האָט אין זיינען בפירוש ניט צו אַנטוויקלען אין די קינדער די אמתע נאַטירלעכע אהבת ישראל. גאָר פאַרקערט. מען באַמיט זיך טאַקע אין די שולן גופא אָפּצוריַיסן די קינדער פון דעם היַינטיקן יידן, פון דעם יידישן טיפּ בכלל, וואָס איז אין די אויגן פון די „נאַציאָנאַלע" דערציער אַליין אַ נעגאַטיווער. מען וויל און מען באַמיט זיך דורך דעם לערנען אַרויסרופן אַ נעגאַציע צו די היינטיקע יידן און אַ ליבע צו גאָר אַמאָליקע, וואָס זיַינען „מסתמא" געווען בעסער ווי די היינטיקע... אָבער די תלמידים פון די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע" יידישע שולן דאַרפן גאַרניט זוכן קיין סימפּאַטישערע יידן, — זיי האָבן אין זייער סביבה פעלקער, וואָס מען שטעלט זיי העכער, מען שעצט זיי מערער... און אַז יידישע קינדער זאָלן אין אַזוינע שולן לערנען אַ גאַנץ לעבן און ווען זיי זאָלן אַפילו וויסן גאָר אַ סך וועגן די אַמאָליקע „שיינע" יידן, צי קען אין זיי, אין די תלמידים, זיך אַנטוויקלען אַן אהבת ישראל אויף אַן אמת? אָן צביעות און אָן פראַזעס?

און אַז אַפילו אין דער יידישער מדינה, אין יידישע מאָניסטישע שולן, וואַקסן אויס סאַברעס און ווען זיי דערפילן, אַז דווקא די יידישע מדינה איז אַם נאָענטסטן צו דער פריערדיקער שטעטלשער יידישקייט, וואָס מען האָט אין די שולן אַזוי פיל נעגירט — פאַר וואָס זאָלן זיי ניט וועלן אַנטלויפן פון דער מדינה, וואָס איז דאָך פאַר זיי „צו פיל יידיש"?

און אַז מען דערציט קינדער אין פרומע שולן — אין דער מדינה און אין דער וועלט, האָט מען אַן זינען די גאַנצע יידישקייט? אַלע עלעמענטן פון דער גאַנצער, אינטעגראַלער יידישקייט, אָדער מען לערנט און מען דערציט בלויז

צו דעם שולחן ערוך־יידישקייט? לאמור — אַזוי צו זאָגן: גוט און געווג איז די פּיקסירטע רעליגיע — דאָס איז אַלץ, פאַר דעם וועט אַפּילו גאָט, אם ירצה השם, באַצאָלן לאחר מאה שנים אין גן עדן; אָבער יידן, ווי אַ פאָלק מיט דער גאַנצער פאָלקישקייט אין שטייגער, אין לשון, אין וויץ און אין געמיט — דאָס קען מען, דאָס דאַרף מען אוועקוואַרפן און פּטור. מען קען און מען מעג זיין אַמעריקאַנער, פראַנצויזן, דייטשן פון יידישן גלויבן — ריכטיקער — ניט פון יידישן, נאָר פון משהס גלויבן; בעסער גאָר ניט דערמאָנען די יידן... ניט אומזיסט האָט מען געווומען צוטראַכטן צוגאָב־עפּיטעטן צום וואָרט „ייד". מען זאָגט ניט ייד, נאָר מען גיט צו רעליגיעזער ייד, וועלטלעכער ייד, אַמעריקאַנער ייד, טערקישער ייד. אָדער נאָך בעסער: „מיר זיינען ניט קיין יהודים, ישראלים זיינען מיר"... מיר רופן ניט די יידן נאָר מיר רופן די „עברים"... אַלע ווילן זיך אויסטיילן, אָפּטיילן. אַ מאָל פלעגן יידן מאַכן אַ ברכה „בין ישראל לעמים הבדלת", היינט, פאַרקערט — באַמיען זיך אַלע יידן, אַפּילו די אַזוי גערופענע רעליגיעזע, זיך אויסצוטיילן פון יידן, אָפּצוטיילן זיך באַזונדער, לאמור — אַזוי צו זאָגן: נאָר די יידן וואָס גייען מיט אונדז, נאָר אונדזערע יידן זיינען גוט, — אַלע אַנדערע, מיט זיי דאַרף מען ניט האָבן אַפּילו קיין מגע ומשא.

איז עס קלאָר, אַז קיין פאָלקיש געפיל קען זיך ניט אַנטוויקלען, ניט אין אַזוינע סביבות און ניט אין אַזוינע שולן. ניטאָ איצט קיין געמיינזאַמער עפּעס, וואָס זאָל פאַרבינדן יידן אין איין גאַנץ פאָלק — ניט אין שפּראַך, ניט אין שטייגער, ניט אין לערנען, ניט אין קולטור, ניט אין רעליגיע אַפּילו — ניטאָ פון וואָס עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ פאָלקיש געפיל. און אַז דעם איז ניטאָ קיין געזונט פאָלק. בלייבט נאָר איין פאַקטאָר, וואָס קען פאַרבינדן אַלע יידן אין איין פאַרבונדענע גאַנצקייט — דער אַנטיסעמיטיזם... אָך און ווי צו דעם פאַקטאָר, אַז פון אים דאַרף קומען דאָס פאָלקישע געפיל.

דאָס פאָלקישע באַוווסטזיין

מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל גערעדט וועגן דעם פאָלקישן געפיל, וואָס ער צעמענטירט דאָס פאָלק, אַלע יחידים אין איין פאָלקישע גאַנצקייט. דאָס פאָלקישע געפיל דריקט זיך אויס אין דער ליבע און געטרייקייט צו אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש — צו די טראַדיציעס, מנהגים, שפּראַך, שטייגער ניגונים און אַזוי ווייטער. איך וויל אַפּילו זאָגן אַז די באַרימטע און באַזונגענע ליבע

צום פאָטערלאַנד איז אויך ניט קיין דירעקטע ליבע צו דער מאַטעריע פון דעם פאָטערלאַנד, צו דער ערד, צו די שטיינער, נאָר עס איז די ליבע צו דעם היימישן לעבן און שטייגער, וואָס נאָך אים בענקט מען פון דער פרעמד, צו אים ציט עס און דאָס איז שוין משפיע אויף דעם עצם לאַנד. פושקין זאָגט ערגעץ: „דאָ איז דער רוסישער גייסט, דאָ שמעקט מיט רוסישקייט". עס קען אויך זיין אַז דאָס געפיל צום פאָטערלאַנד זאָל זיין אַ היפּש ביסל איינגעחזרט, סוגעסטירט דורך דער דערציִונג, דורך די שולן.

ווי עס זאָל ניט זיין ביי אַנדערע פעלקער, ביי יידן איז אָט דאָס געפיל שטאַרק קאָמפּליצירט. אין אונדזערע תפילות איז פאַראַן כסדר אַ שטאַרקע בענקעניש קיין ארץ ישראל, אָבער זייער אָפט ווערט דערביי אָנגעוויזן דער ציל — דאָרטן צו קענען בעסער דינען גאָט, קרבנות, וכדומה. פאָטערלאַנד ווי אַ מיטל צו אַ העכערן ציל. האָבן יידן געבענקט — קיין ארץ ישראל און זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, אַלע מאָל ווען דער יחיד האָט געקאָנט מחוץ דעם פאָטערלאַנד לעבן בעסער. יידן האָבן געבענקט קיין ארץ ישראל און אויס־געליידיקט דאָס לאַנד נאָך איידער מען האָט זיי געטריבן. בכל אופן, שטעל איך דאָס פאָלקישע געפיל העכער פאַרן פאָטערלאַנד־געפיל. דאָס פאָלקישע געפיל איז אַ פּראָדוקט פון לאַנגע דורות איינגעלעבטקייט, טראַדיציעס, מנהגים, שטיי־גער, עסנס און אַלץ מיט וואָס איין פאָלק שיידט זי דאָפּ פון אַ צווייטן. מענטשן האָבן ליב זייער שפּראַך, די שפּראַך פון זייער פאָלק, טאַקע דערפאַר, וואָס מיט דער שפּראַך שווימט ער אַריין אין דעם ים פון זיין פאָלק, וואָס ליגט באַהאַלטן הינטער די ווערטער, מער ווי אין די ווערטער.

נאָרמאַל גענומען, ביי אַלע פעלקער איז טאַקע דאָס פאָלקישע פאַרבונדן מיט דעם לאַנד. היים איז דאָך ניט סתם אַ געאָגראַפישער באַגריף, נאָר אַ פּסי־כאָלאָגישער. היים איז דאָרטן וווּ אַ מענטש פילט זיך היימיש, ביי זיך, — און דאָס איז דאָס אייגענע היימלאַנד, קיינע אַנדערע פעלקער האָבן ניט באַוויזן אויסצואַרבעטן אַ פאָלקיש געפיל אָן אַ היימלאַנד. האָבן אַ פאָלקיש געפיל אין דער פרעמד, אין גלות — דאָס האָבן געקאָנט נאָר די יידן. און ווי אַזוי?

מען דאַרף ניט זיך גרויס־האַלטן אַז עפּעס פאַרמאָגן מיר אַן איבערנאַ־טירלעכע פעיִקייט, וואָס קיין שום אַנדער פאָלק פאַרמאָגט עס ניט. מיר האָבן דאָס באַוויזן צוליב צוויי סיבות. ערשטנס האָבן מיר געהאַט היימען אין דער פרעמד. אוודאי האָבן מיר אין בבל ניט געהאַט קיין מדינה, ניט קיין מלכים און ניט קיין אַרמייען. אָבער געלעבט האָבן מיר פאַר זיך, אין באַזונדערע יידישע שטעטלעך (אָדער ראַיאָנען פון שטעט), אין באַזונדערע יידישע קאָלעקטיוון. מיט

באַזונדערע יידישע פירער (דער ריש גלותא און דער גאון). האָבן די יידן געהאַט זייערע שטײַערן, זייער יוריסדיקציע, זייערע געזעצן, זייערע נאַרמען פון לעבן. זײַנען דאָס געווען היימען אין דער פרעמד. אין געוויסע הינזיכטן זײַנען אָט די היימען אין דער פרעמד געשטאַנען העכער ווי די אייגענע מדינה, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין בלוט דורך די שונאים פון דרויסן און דורך די קריגערייען־רײַסערײַען אינעווייניק. זיי האָבן געלעבט פאַר זיך אָן מלוכות און אַרמייען, אָן מלחמות און קריגערייען. האָט זיך דאָ, אין גלות טאַקע, אויסגעאַרבעט דאָס פאָלקישע געפיל אַ סך שטאַרקער, בעסער ווי אין דער אייגענער מדינה.

האָבן יידן אין דער גלותדיקער היים טאַקע געדאַוונט מיטן פנים צו ארץ ישראל, געבענקט קיין ארץ ישראל, געפירט מתים מקבר זיין אין ארץ ישראל, אָבער דאָ, אין דעם גלות, האָט דאָס פאָלק געלעבט לענגער ווי אין דער היים, ווי אין דער מדינה, לענגער און שלומדיקער. דאָ איז ניט געווען קענטיק דער צעשטערערישער פאַקטאָר, וואָס די גמרא רופט אים אָן שינאת חינם. אַזאַ מין פאַרקערטע סיטואַציע: אין דער היים איז מען געווען פרעמד, און אין דער פרעמד איז געווען אַ היים. דאָ האָט זיך טאַקע אויסגעאַרבעט ביי יידן דאָס היימישע געפיל אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם פאָטערלאַנד־געפיל. ניט פון הימל, ניט פון זיך איז עס געקומען דאָס פאָלקישע געפיל, עס איז געווען אַ תולדה, אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער פאָלקישער דערציִונג. עס איז געווען אַ דויערנדיקע, דורותדיקע אַרבעט אין פאָלק. זי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פון די נביאים. דאָס איז געווען אַ מין פּראָפּאַגאַנדע, ווי מען וואָלט עס גערופן היינט. נאָך פאַרן גלות בבל האָט ירמיהו געלערנט, אַז אין גלות קענען זיין גוטע יידן וואָס וועלן ברענגען די גאולה, אַז די גאולה קען זיך אויפבויען אין גלות מער ווי אין דער צעקריגטער, צעריסענער היים. שפּעטער, אין גלות שוין, האָט זיך פאָלקישע דערציִונג קאָנצענטרירט אויף דעם „לערנען" — מען האָט באַליבט געמאַכט ביים פאָלק אַלע פאָלקישע שאַפונגען, וואָס מען האָט געדענקט פון דער היים. מען האָט געזאַמלט, מען האָט פאַרשריבן און מען האָט געלערנט. אָט אַזוי איז אויפגעקומען די ערשטע זאַמלונג — דער תנ"ך. נאָך ניט דער גאַנצער, אָבער זיין הויפּט־חלק — די תורה — זיכער. דאָ האָט זיך אויסגעשמידט די תורה. מתן תורה, געבן די תורה האָט מען געקאָנט אין איין טאָג, אָבער מקבל זיין די תורה — אויפנעמען זי, אַרייננעמען זי אין לעבן — דאָס האָט געדויערט יאָרהונדערטער גאַנצע. ניט אומזיסט פאַרגלייכט די גמרא עזראן צו משהן.

דאָס אויטאָנאָמע לעבן פון די יידן אין גלות בבל, אין משך פון די ווייַ־

טערדיקע יאָרהונדערטער, איז געווען ווייט ניט ענלעך צו דעם פריערדיקן לעבן אין דער אייגענער מלוכה. האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ נייער שטייגער, נייע פירונגען, נייע פאָרמען פון יום טובים אָן דעם בית המקדש און דער ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אין דעם אייגענעם לאַנד. אין די אַלע נייע פאָרמען און פירונגען האָט שוין די פאַרלאָרענע היים ניט געקאָנט שפּילן אַזאַ ראָל ווי פריער. האָט זיך געענדערט די גאַנצע פירונג. ניט איבערגעריסן מיט דער היים, ניט פאַרלאָרן די האָפענונג זיך אומצוקערן און פאַרהייליקט דאָס נייע, די נייע פאָרמען.

און אָט דער נייער שטייגער, דער גלותדיקער שטייגער פון פאַרזיכיקייט אין דער פרעמד, האָט דאָס געשאַפן אין משך פון לאַנגע דורות דעם נייעם פאָלקישן באַוווסטזיין.

עס איז זיכער געווען גאָר ניט פון די גרינגע אויפגאַבעס צו שאַפן אַזאַ באַוווסטזיין. אין דער פרעמד, אין גלות, אונטעריאָכט; אַ צווייט פאָלק אין לאַנד איז דער האַר און הערשער. און דער האַר פאַרמאָגט טאַקע אַ רייכע און מאַכ־טיקע קולטור אויך. און דאָך דאַרף ביי דעם פאָלק אין גלות זיין אַ שטאַרק געפיל פון אייגענער פאָלקישער וויכטיקייט, ניט צו וועלן אַריבערגיין אין דעם לאַגער פון די שטאַרקע, פון די בעלי בתים. פּרס איז מעכטיק, פּרס איז שיין, רייך, און אַ ייד — אַ מיניסטער זעגנט זיך מיט זיין רייכער און מעכטיקער קאַריער, כדי זיך צו לאָזן בראש פון מחנות וואַנדערער צוריק אין אייגענעם חרובן לאַנד, כדי דאָרטן אָנצוהייבן פון דאָס ניי, מיט מאַטערנישן, מיט צרות. (נחמיה). האָט געדאַרפט זיין ביי דעם מענטשן גאָר אַ שטאַרקער צוציענטרישער כוח, וואָס זאָל אַריבערוועגן זיין פרעזענלעכע לאַגע. דאָס איז געווען דאָס פאָלקישע געפיל. ער איז געווען ניט איינער, ער איז דער העכסטער, דער ענערגישסטער, אָבער פון אַ סך, וואָס זיינען געגאַנגען מיט אים, וואָס האָבן זיך געלאָזט פירן פון אים. דאָס איז געווען דער כוח פון פאָלקישן געפיל, וואָס האָט געשאַפן אַ באַוווסטזיין, אַז עס לוינט צו וואַרפן אַלע גליקן אין דער פרעמד און גיין, וואַנדערן ווידער דורכן מדבר צו קומען אין אַ חרובן לאַנד כדי צו בויען אַ היים פון דאָס ניי. דער באַוווסטזיין האָט געזאָגט: אַ כפרה די פּער־זענלעכע גליקן אין דער פרעמד; בעסער אַן אייגענע אָרעמע שטיבקע איידער פרעמדע רייכע פּאַלאַצן.

דאָס איז געווען אַ גבורה, אַ העלדישקייט, וואָס חזרט זיך ניט איבער צו אָפט. שפּעטער, אין אַ צייט אַרום האָבן גרויסע צאָלן פון דער מדינה זיך געלאָזט

פאַרקערט, פון דער אייגענער מדינה אין דער פרעמד אַריין. דאָרטן האָט זיך געלעבט גרינגער, באַקוועמער.

אין לאַנד גופא האָבן די קריגערייען, די ברידער־מלחמות, דער אַנטאַגאָניזם געמאַכט אַלץ שווערער און שווערער. אין לאַנד גופא האָבן די פרעמדע סאַטראַפּן געריסן בלוטיקע שטיקער, און דאָס לאַנד איז געשטאַנען כסדר ערב־חורבנדיק. עס האָבן זיך אַנטוישט גרופּעס און אַנטלאָפן פון גאַנצן געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין מדבר אַריין, אין פרעמדע לענדער. אין מדינה גופא האָבן שיכטן גאַנצע, איבערהויפּט די רייכערע סוחרים מיט אויסלאַנד און די שטייערן־מאַנער זיך געלאָזט צו פרעמדע פאָרמען פון לעבן, צום פרעמדן שטייגער און צו דער פרעמדער שפּראַך פון דעם הערשערישן פאָלק. האָבן אָפּט יידן אין די גלותן מחמת בענקען, מחמת געפיל פון פרעמדקייט, אין דער פרעמד מער געפילט די היימישקייט פון דער היים ווי די וואָס האָבן געלעבט פיזיש אין דער האַלב־חרובער היים. עס איז ביסלעכוויז געוואָרן אַ מין פאַרקערטע דער־שיינונג: אין גלות איז געווען שטאַרקער דאָס געפיל פון „היימלאַנד" און אין דעם היימלאַנד איז דאָס געפיל געווען שוואַכער. אָט דעמאָלט איז מסתמא דאָס געשאַפן געוואָרן דער באַגריף פון „ארץ ישראל של מעלה". אָט דאָס געפיל פון ירושלים של מעלה, דאָס געפיל פון היים אָן דער היים אין געווען דער לייטמאָטיוו פון דעם גאַנצן גלות, אין משך פון דעם גלות. עס איז געווען דער צווייטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט. צו ערשט האָט מען אָפּגעריסן דאָס געטלעכע פון אַ פּערסאָנעלן גאָט. זוכט ניט קיין גאָט אין הימל, נאָר זוכט אים אין זיך. שפּעטער איז געקומען דער צווייטער קאַפּיטל: אָפּרייסן דאָס היימישע געפיל פון דער היים גופא: זוכט ניט די היים אין דעם לאַנד, זוכט זי ביי זיך אין האַרצן. אַזוי ווייט איז געגאַנגען ביי יידן די דעמאַטעריאַ־ליזאַציע פון זייער רעליגיע, אָפּרייסן זיך פון אַלץ וואָס איז מאַטעריע, וואָס איז שטאָף. אַלץ איז אין גייסט פון לעבעדיקע מענטשן. קיין שום מאַטעריעלע הייליקייט ניט — ניט רעליגיעזע און ניט קיין נאַציאָנאַלע. האָבן יידן ניט געבויט און ניט געקאָנט בויען קיין בית המקדש, האָט מען אָבער יאָ געבויט זאַמל־הייזער (בתי כנסת) און לערן־הייזער (בתי מדרשים)...

ווען עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס יידישע פאָלק־געפיל, האָבן מיר גענומען זיך פאַרקוקן אויף פרעמדע מאַטעריעלע הייליקייטן, האָבן מיר גענו־מען בענקען ווי „דאָס קראַנקע יינגל" פּרצעס, נאָך שיינע, הויכע שולן.

מיר האָבן ניט געקאָנט און ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו בויען מו־זייען פון יידישקייט, אָבער מיר האָבן זיך גוט אויסגעלערנט צו טראָגן דעם

סיני אין זיך, אין די הערצער פון גרויסע לעבעדיקע יידן. אָבער ביבליאָטעקן האָבן מיר יאָ געהאַט. אין יעדן בית מדרש, אין יעדן שטעטל איז דאָך געווען אַ גאַנצע וועלט מיט שאַפעס מיט ספרים. און דווקא גוט גענוצטע, צעריסענע, צעריבענע — דורות האָבן, לערנענדיק פון זיי, זיי צעריבן און צעריסן.

דאָס אָפּגעשוואַכטע פאָלקישע געפיל

מיר האָבן פריער געזען אַז דאָס פאָלקישע געפיל איז געווען שטאַרקער אין די גלותן ווי אין דער אייגענער מדינה. מיר האָבן אפילו דאָס גערופן מיט אַ מאָדנעם נאָמען „קיבוץ גלויות אין די גלותן גופא״.

עס איז אָבער איצט אַ פאַקט, אַז דאָס פאָלקישע געפיל ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט. דאָס איז איינער פון די סימנים פון דער מבוכה. וואָס ווייניקער פאָלקיש געפיל, אַלץ מער מבוכה און צעשפּליטערטקייט, אַלץ ווייניקער איז דער פאָלקישער צעמענט וואָס בינדט צונויף אונדזער פאָלק אין איין איבעראָרגאַנישן קאָלעקטיוו. מיר זיינען געאָגראַפיש צעשפּרייט איבער לענדער און צווישן פעלקער. כל זמן מיר זיינען אומעטום געווען אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט, כל זמן מיר פלעגן מאַכן אַ ברכה „בין ישראל לעמים הבדלת״, און כל זמן מיר האָבן אין אַלע אונדזערע צעשפּרייטונגען געהאַט איין שטייגער לעבן, איין הלכה און איין לשון, זיינען מיר אויך גייסטיק געווען פאַרבונדן, געקניפּט און געבונדן אין איין אַלוועלטלעך פאָלק, האָט זיך געקאָנט אפילו די גמרא פאַרגינען צו זאָגן, אַז אין אונדזער צעשפּרייטונג איבער לענדער איז געלעגן אַ ברכה.

וואָס האָט געשאַפן די ברכה פון קיבוץ גלויות אין די גלותן גופא? — דאָס איז דאָס פאָלקישע געפיל. און דאָס פאָלקישע געפיל — פון וואָס קומט עס? דאָס קומט פון יידישקייט.

וואָס איז יידישקייט? דאָס איז דער סכום פירונגען, זיטן, מינהגים, שטייגער, שפּראַך וואָס שיידט אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער. מיט אַנדערע ווערטער — דאָס איז די הלכה. און נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די הלכה איז ניט דער סכום פאָרמולירטע, באַשטימטע און פאַרשריבענע דינים ווי אַ ייד דאַרף זיך פירן, ניט וואָס עמיצער אַ יחיד אָדער אַ קאָלעקטיווער געזעצגעבער האָט פאַר מיר באַשטימט, געהייסן פירן זיך אַזוי ווי ער וויל. הלכה מיינט בכלל זיטן און פירונגען וואָס זיינען אָנגענומען ביים פאָלק אין גאַנצן

אומאָפּהענגיק צי זיי זיינען פאַרשריבן אָדער ניט, צי זיי זיינען באַשטימט אָדער ניט. זיינען יידישע מאכלים, אפילו יידיש־סטייל יאָ יידישקייט, איז בר מצווה יאָ יידישקייט, מער יידישקייט ווי תפילין אפשר וואָס איז יאָ פאַרשריבן און באַ־שטימט. און אַזוי ווייטער און ווייטער. ניט די רעליגיע האָט איינגעשטעלט פאַר אונדז די פאָרמען פון פירונג, נאָר די איינגעשטעלטע פאָרמען וואָס זיינען געוואָרן נאָרמען — זיי זיינען געוואָרן אונדזער רעליגיע. ווי געזאָגט איז אונדזער רעליגיע ניט קיין טעאָלאָגישע, זי איז ניט קאָנצענטרירט אַרום גאָט־פּראָבלעמען, גאָט־דינען, גאָט־באַגריפן, נאָר אַרום דעם יידישן פאָלק, זיינע שטריכן און זיין מהות און בעיקר אַרום זיין קיום, קיום האומה. ניט די רע־ליגיע באַשטימט די הלכה, נאָר די הלכה ווערט די רעליגיע; דאָס נאַציאָנאַל אָנגענומענע איז פאַרהייליקט ווי רעליגיע. דערפאַר איז יעדער איין ייד געווען באַנט צו אַלע אַנדערע יידן, ווייל די פירונג, איז געווען אַ געמיינזאַמע, איין שטייגער איז אויך איין פאָלק. דער געמיינזאַמער שטייגער האָט געשאַפן גע־מיינזאַמע עמאָציעס, דאָס יידיש־פאָלקישע געפיל.

דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט געזאָגט ווערן וועגן אַנדערע אוניווער־סאַלע רעליגיעס. דאָס געמיינזאַמע זיין קאַטאָליקן האָט ניט געקאָנט שאַפן קיין פאָלקיש געפיל, טאַקע ווייל עס איז ניט קיין נאַציאָנאַלע רעליגיע. מען קען זיין אַ קאַטאָליק און געהערן צו גאָר פאַרשיידענע פעלקער.

בכן איז דאָס פאָלקישע יידישע געפיל אַ פּראָדוקט פון יידישן שטייגער, פון יידישן געמיינזאַמען לעבן. איך בין אפילו חושד אַז דאָס פּאַטריאָטישע גע־פיל, אַז ליבע צו אייגענעם לאַנד, איז אויך אַ פּראָדוקט פון דעם זעלביקן גע־מיינזאַמען שטייגער לעבן. ניט דאָס מאַטעריעלע לאַנד, די ערד, די שטיינער, די פלאָרע און פויענע ציען דעם מענטשן אַזוי, ווי עס ציט אים דאָס שטיי־געדישע לעבן אין זיין היים, אין זיין לאַנד. היים איז דאָרטן ווו אַ מענטש פילט זיך היימיש, דאָס הייסט ווו דער גאַנצער אַרום רעדט צו אים ניט דורך די ווערטער, נאָר דירעקט אָן ווערטער, פון שטייגער גלייך צו די עמאָציעס. מענטשן אין איין היים פאַרשטייען זיך אָן ווערטער — אַ בליק, אַ שמייכל, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ זיפץ, אַ קרעכץ — און ביי יידן איז גענוג אַן „עט, מילא, וויס איך״, — און מען פאַרשטייט זיך שוין... היימישע מענטשן זיינען ווי אינסטרומענטן, אָנגעשטעלט אַזוי, אַז איינער רעזאָנירט צו דעם צווייטן; איין נשמה רעזאָנירט צו דער צווייטער. און דערפאַר איז דאָס פאָטערלאַנד ליב און אָנגענעם, ליב און טייער. דאָ דערפילט זיך דער מענטש היימיש, ביי זיך, מיט אייגענע. אין דער פרעמד בין איך ווי אָנגעשטרענגט, אָבער ווי

נאָר איך הייב זיך אָן צו דערנענטערן צו די היימישע ווינקעלעך, אָטעמט זיך גרינגער, פרייער. און אָט די גייסטיקע היימישקייט מאַכט ליב אויך דאָס מאַטעריעלע. יעדער שטיין און יעדער ביימל דערמאָנט מיר די איבערלעבונגען פון מיין קינדהייט מיט מיינע חברים און פריינד. אין דער פרעמד איז איטלעכער מענטש פאַר זיך, באַזונדער, אַ וועלט פאַר זיך. אין דער היים אָבער איז דער מענטש ווי איין סטרונע אין אַן אָרקעסטער, יעדער קלאַנג קומט אין סימפאָנישע אַקאָרדן.

יידן האָבן אין משך פון דורות אויסגעאַרבעט ביי זיך אויך אַ היימגעפיל אַ ריין גייסטיקן אָן אַ מאַטעריעלער היים, אָן אַ לאַנד. פלעגט אַ מאָל אַ ייד פאַרוואָגלט ווערן אין ווייטע לענדער, איז גענוג געווען פאַר אים אַריינצוקומען אין אַ בית מדרש און נעמען אַ ספר אין האַנט, — און שוין, ער איז שוין אין דער היים. מען וועט אים מצרף זיין צו אַ מנין און צו אַ שמועס און צו אַ שטיקל פילפול, פאַר וואָס ניט? כל ישראל — זיינען איין וועלט.

„...אַז צוויי גייען אין וועג, און זיי שמועסן אין דער תורה, און רייסן איבער, און מען הייבט אָן צו קוקן אַרום, ווי שיין דער בוים איז, — פאַרשולדיקן זיי זיך פאַר זייערע נשמות...” ניט חלילה ווייל מען טאָר ניט זען גאָטס שיינע וועלט, חלילה! נאָר דערפאַר, ווייל זיי אַנטלויפן פון זייער היים, פון דער גייסטיקער היים זייערער און ווילן זיך איינבירגערן אין אַ פרעמדער וועלט...

איז דאָס אַלץ געווען אַזוי כל זמן דאָס יידישע לעבן איז געווען גאַנץ, פאַרזיכיק גאַנץ, אויסגעהאַלטן, און די היים איז געווען די תורה און די תורה איז געווען די היים. אַלע יידן — איין הלכה, איין שטייגער, איין לשון און איין וועלט. אומעטום, אַבי נאָר צווישן יידן, איז שוין בתוך עמי אני יושב. אַלע אונדזערע עלטערזיידעס זיינען צוזאַמען געשטאַנען אויפן באַרג סיני, אַלע האָבן אין דער גאַנצער וועלט געזאָגט כל נדרי צוזאַמען און צוזאַמען האָט מען געקרעכצט און געטאַנצט שימחת תורה. אָבער אַז עס איז געקומען די אורבאַניזאַציע, דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן, און דער שטייגער איז בטל געוואָרן, אַז יידן האָבן מער ניט קיין אייגענע פאַרזיכיקע שפראַך מיט אירע אַלע קנייטשן און די ניטדערזאָגטקייטן, ווערט במילא פאַרלאָרן דאָס געמיינזאַמע פאַרשטענדיקן זיך, גייט פאַרפאַלן די היימישקייט, גייט פאַרלאָרן דאָס היימישע געפיל, דאָס פאָלקישע געפיל.

אַמאָל האָבן זיך יידן פאַרשטאַנען אָן רייד און אָן ווערטער, איצט פאַרשטייען זיך ניט יידן אפילו נאָך אַ סך רייד און ריידערייען, מיט דיסקוסיעס און אויפקלערונגען.

און מיט היפשע יאָרן שפּעטער איז געקומען דער פּאָרזיצער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און זיך מודה געווען: יידן אין דער פריער וועלט האָבן ווייניק געטאָן פאַר דעם יידנטום אין איראָפּע, אין דער צייט פון מלחמה. און איצט, צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן, האָט עס געטאָן דער שרייבער אליעזר ליבנה — די יידן אין ארץ ישראל האָבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט ראַטעווען די יידן אין נאַצי־גיהנום. עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס פאָלקישע געפיל ביי יידן. עס איז דער ענין צו וויטאַגדיק, מען זאָל אים פּרובירן ברייטער באַהאַנדלען. געננג אָנצומערקן. געננג פאַר אונדז דער פאַקט אַז אויך דאָ איז געווען קענטיק די אָפּגעשוואַכטקייט פון דעם פאָלקישן געפיל. מען לייגט אַ סך האָפענונגען אויף דער יונגער מדינה אונדזערער, אַז זי וועט סוף כל סוף קומען צו דעם מיזוג גלויות — צונויפשמעלצן די גלותן. מיר ווילן גלייבן און האָפן. און עס ווערט אַ סך אויף דעם געביט דערגרייכט. און דאָך איז ניט לגמרי אַוועק דער פּחד אַז אין דער מדינה אפילו זאָל ניט זיין קיין סיטואַציע פון עטלעכע קעץ אין איין קליינעם זאַק. נאָך ווייט ניט אַוועק די סכנה. דורות פאַרשיידענע שבטים און פאַרשיידענע „היימגעפילן" און אויך פאָלקגעפילן. זיי לאָזן זיך אַזוי גיך ניט אָפּווישן. מיטן אָפּשוואַכן פון געמיינזאַמען שטייגער, מיט דער געמיינזאַמער שפּראַך ווערט די סכנה פון צעשפּליטערונג גרעסער און אַ פאָלק וואָס פאַרלירט זיין פאָלקיש געפיל איז אַ גרויסער ספק צי עס קען נאָך גילטן ווי אַ פאָלק.

מען לייגט ביי אונדז אַ סך האָפענונגען און אַ סך פאַרלאָזט מען זיך אויף דער שול־דערציִונג. אָבער אויך דאָס איז אַ קנאַפּע האָפענונג. ערשטנס, באַקומט אַ יידישע דערציִונג בלויז אַ ברוכצאָל פון די יינגערע דורות.

צווייטנס, איז ביי דער מערהייט קינדער די דערציונג בלויז אויפן שפּיץ מעסער, וואָס קען ניט לאָזן קיין דויערנדיקן באַהעפט צו דעם יידישן פאָלק.

דריטנס איז די פּראָגראַם אין דער מערהייט שולן אַזאַ, וואָס דערווייטערט מער ווי זי דערנעענטערט צו דעם יידישן כלל. און

פערטנס, איז בכלל אַ טעות, אַז דער לימוד אין אַ שול, אין אַ צוגאָבשול קען עפּעס אויפטאָן אַ סך ווען אַרום איז גאָר אַן אַנדער גייסט.

און ועל כולם, ניט דאָס וויסן דערציט, נאָר די סביבה דערציט און די סביבה איז צו אָפט בכלל אַזאַ וואָס דערווייטערט פון יידישן פאָלק און רייסט אונטער אויך דאָס פאָלקישע געפיל.

שטייען מיר איצט פאַר דער סכנה: אָן אַ געמיינזאַמען שטייגער, אָן אַ געמיינזאַמער שפּראַך, אַלע יחידים פון פאָלק, איטלעכער באַזונדער, אונטער דער דירעקטער טאָג־טעגלעכער השפּעה פון פרעמדע שפּראַכן און פרעמדע שטיי־

גערס, פון פרעמדע נאַרמען און פאָרמען וואָס זיי פאַרפליכטן יעדערן באַזונדער און אַלעמען צוזאַמען, ווי קען זיך איצט אויפהאַלטן דאָס געמיינזאַמע יידישע פאָלק ווי אַ פאָלק?

און זאָלן ניט טרייסטן די טרייסטערס, אַז די רעליגיע האָט אונדז אויפגעהאַלטן ביז איצט און זי וועט אונדז אויפהאַלטן אויך ווייטער. עס איז גאָר אַ שוואַכע טרייסט. ערשטנס, דאַרף מען געדענקען, אַז די רעליגיע איז דאָך ביי יידן ניט קיין פאַקטאָר, נאָר אַ פּראָדוקט פון יידישן לעבן, פון יידישן שטייגער. ווי אַ רעליגיע האָט זי ביי אונדז ניט געהאַט קיין כוח ביינצושטיין דעם דרוק פון דער סביבה אפילו אין דער אַלטער היים, און אין די נייע ישובים האָט די רעליגיע אין גאַנצן אָנגעוואָרן איר מאַכט. זי האַלט זיך בלויז ביי די כלי קודש, וואָס די רעליגיע איז זייער פּראָפעסיע, און ביי א טייל עקשנים, וואָס ווענדן אָן אַ סך כוח פון ווילן אָפּצוהיטן די רעליגיע קעגן אַלע פאַקטאָרן פון צייט און סביבה.

סומירונג פון אונדזער געשיכטע

טעותים אין געשיכטע. מיר ריידן אַלץ וועגן דער יידישער געשיכטע, אַלע מאָל אין איינצאָל, ווי מיר וואָלטן געהאַט טאַקע נאָר איין געשיכטע. מיר האָבן ליב זיך צו באַרימען, אַז מיר זיינען אַן אויסנאַם: אַלע פעלקער דערשיינען אויף דער וועלט־אַרענע נאָר אויף אַ צייט, אין איין תקופה און נאָך דער תקופה זיינען זיי שוין ניטאָ, מיר אָבער זיינען אַן אייביק פאָלק. מיר זיינען אַרויס אויף דער אַרענע ערגעץ אין גאָר ווייטן אַמאָל, אין די קאַיאָרן פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אַלע געשיכטלעכע פעלקער האָבן אונדז געשלאָגן, און — און זיי זיינען אונטערגעגאַנגען, און מיר — די געשלאָגענע — מיר „הייבן זיך אויף און גייען ווייטער". וואונדערן מיר זיך און עס וואונדערן זיך פעלקער. האָבן זיי געשאַפן לעגענדעס צו פאַרענטפערן די רעטעניש פון אונדזער אייביקייט: לכתחילה האָט אונדז גאָט אויסגעקליבן, כדי מיר זאָלן שפּעטער אַרויסברענגען די פּרוי וואָס ער, גאָט, האָט באַשטימט זי זאָל געבוירן דעם זון פון זיין געטלעכן גייסט, דעם מענטשן וואָס אין אים האָט זיך גאָט אַליין פאַרקערפּערט. און אַז מיר האָבן אים ניט אָנגענומען, האָט אונדז גאָט דער טאַטע פאַרשאָלטן אויף אייביקייטן געשלאָגן צו ווערן פאַר דער עבירה... האָבן זיי — די גוטע און פרומע תלמידים פון יענעם אומגליקלעכן יידישן יונגן

מאַן — גאָר אַ גליק: אי זיי האָבן אַ באַקוועמען אָביעקט אויף וועמען צו פּראַקטיצירן זייערע שלאָג־אינסטינקטן און זיי האָבן נאָך דערביי אַ גרויסע מצווה אונדז צו שלאָגן ווי זייער גוטער רחמנותדיקער גאָט האָט זיי געהייסן. גייט ער אַזוי און וואַנדערט, דער פאַרשאָלטענער אַהאַספער, און קומט אומע־טום ווו מען וואַרט אויף אַזאַ שלאָג־אָביעקט...

גלייבן אויך יידן אַז מיר זיינען אייביק, גאָט האָט אונדז ניט פאַרשאָלטן נאָר געבענטשט מיט אייביקייט, כדי מיר זאָלן מתקן זיין די וועלט, מיר זאָלן לערנען דער וועלט גאָטס תורה, כדי דאָס און כדי יענץ... מאַלע וויפל גוטע זאַכן די וועלט דאַרף זיך אויסלערנען. און מיר — אַ פאָלק פון מלמדים, זיינען מיר באַזאָרגט מיט מצוות, וואָס ווען ניט מיר, האָט די גאַנצע וועלט ניט קיין זינען און מען וואָלט זי געדאַרפט צוריק ברענגען צום צושטאַנד פון תוהו ובוהו; האָבן מיר אַ „מיסיאָן״, טראָגן מיר אַ פונקציע... מען קען צוטראַכטן פאַר אונדז אַ גוטן דזשאָב. איז אָבער די גאַנצע מעשה ניט מער ווי אַ טעות.

מיר האָבן ניט איין געשיכטע, נאָר אַ גאַנצע ריי געשיכטעס. מיר זיינען ניט איין פאָלק, נאָר אַ גאַנצע ריי „פעלקער״, אָדער שבטים, — און איטלעכער פון זיי האָט זיך זיין געשיכטע. איטלעכער פון זיי לעבט אָפּ זיין צייט, זיין תקופה און פאַרשווינדט, ניטאָ מער. אויף זיין אָרט פלעגט ביז איצט אויפקומען אַן אַנדער שבט, אַן אַנדער יידיש פאָלק, וואָס פלעגט אָנהייבן די געשיכטע פון אָנהייב און זי ציען ביז ער פאַרגייט, און גיט איבער דעם פאַקעל צו אַ צווייטן שבט, וואָס הייבט ווידער אָן פון אָנהייב...

אויפקום און אונטערגאַנג פון יידישע שבטים. שוין גאָר אַ מאָל, ביים שיין פון אונדזער פאַרטאָג האָבן מיר זיך באַוויזן ווי וואַנדערנדיקע שבטים אויף די פליינען צווישן די טייכן פרת־חידקל און נילוס. אַ קליינע גרופּע פון זיי — איין משפחה פון אַ זיבעציק מאַן — די משפחה פון יעקב — האָט זיך באַזעצט אין אַ פּראָווינץ פון מצרים, אין גושן. צי זיי זיינען געווען אַלע יידן, אָדער עס איז גערעכט בן גוריון וואָס וויל האָבן אַז זיי זיינען געווען נאָר אַ קליי־נער טייל פון יענע אוראַלטע יידישע וואַנדער־שבטים, אַרט אונדז ניט. דער עיקר — די געשיכטע פון יענע שבטים וואָס ניט אין מצריים, איז איבער־געריסן, ניטאָ. ערשט אין גלות, אין מצרים, זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק, און ווידער וואַנדער... אַ לאַנגער דויער פון וואַנדער ביז די גאַנצע מצרישע השפּ־עות זיינען פאַרגעסן געוואָרן. אַ ניי פאָלק, וואָס האָט מצרים ניט געקאַנט, האָט ווידער אָנגעהויבן אַ געשיכטע פון אַ פאָלק מיט אַן אַנדער קולטור. עס האָט זיך געענדיקט דער פיזישער וואַנדער, אָבער דער גייסטיקער וואַנדער צווישן קול־

טורן האָט זיך ווייט ניט געענדיקט. באַזונדערע שבטים, מען קריגט זיך, מען שלאָגט זיך אויך, מען בלאָנקעט פון איין קולטור צו דער צווייטער, ביז די גרעסטע טייל פון פאָלק, די מערסטע שבטים פאַרלירן אפילו זייער מלוכה, זייער לאַנד און זייער געשיכטע איז פאַרענדיקט. אפילו קיין ירושה ניט געלאָזט... די מינדערהייט פירט די יידישע געשיכטע ווייטער. ביזן צווייטן גלות, אין בבל. ערשט דאָ, אין קורצן גלות, הערן מיר אויף צו זיין באַזונדערע שבטים, מיר ווערן איין פאָלק, מיט אַן אייגענער קולטור, מיט אַ באַוווסטזיין פון אַ באַזונדער פאָלק, וואָס קען לעבן אין דער פרעמד און דאָך זיין אַ פאָלק פאַר זיך. די געשיכטע פון די יידן וואָס זיינען געבליבן אין בבל ווערט ווידער שטיל, ניטאָ. די יידישע געשיכטע „שווייגט" אפילו אַ פאַר הונדערט יאָר נאָכן גלות (די פּערסישע תקופה).

ווידער הייבט זיך אָן אַ „נייע" יידישע געשיכטע. די גרופּעס יידן וואָס בלייבן נאָכן חורבן אין דעם אייגענעם לאַנד, אין ארץ ישראל, ווערן אַסימילירט אין משך פון אַ פאַר צענדליק יאָר. די געקומענע פון בבל געפינען אַ פולשטענדיקע אַסימילאַציע. די געקומענע פון גלות הייבן אָן אַ נייע געשיכטע. די אויפגעגעסענע פון דער אַסימילאַציע גייען אַוועק, גייען אַראָפּ פון דער געשיכטע ווי אַלע אונטערגעגאַנגענע פעלקער. ניטאָ מער. אַ געבענטשטע תקופה אָן פּאָליטישער פרייהייט, סובאָרדינירט צו פּערסיע, אָבער גייסטיק ווערט עס ווידער אַ פאָלק, פאַרנעמט מער שטח, פאַרמאָגט אַן אייגענע קולטור, אַ פעסטן באַוווסטזיין, אָט דאָ איז דער בראשית פון דעם יידישן פאָלק. און ווידער אַן איבעררייס: עטלעכע צענדליק יאָר פון העלעניזאַציע. טאַקע אין אייגענעם לאַנד, אָבער דאָך אַסימילאַציע, ס'דראָט אַ סכנה פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג. עס הייבט זיך אָן אַן אונטערגאַנג פון גרויסע טיילן פון פאָלק דורך אַסימילאַציע, העלעניזאַציע — פון די העלעניסטן און שפּעטער — פון די צדוקים. קרייגערייען, אידעאָלאָגיעס אַלערליי, און ביז אַ פרעמדע מאַכט ענדיקט דאָס וואָס אייגענע, אינעווייניק, האָבן אָנגעהויבן — עס קומט דער חורבן. און יידן האָבן שוין ניט איין געשיכטע, נאָר איינצייטיק גאַנצע דריי, און אפשר נאָך מער. יידן אין ארץ ישראל, אין בבל און ווידער אין מצרים, ריכטיקער — אין אלעקסאַנדריע. מען וואָלט נאָך געמעגט צורעכענען ווייטערע קאָלאָניעס פון יידישע גרופּעס אין אייראָפּע, אין אפריקע און אפשר אויך אויפן אַראַבישן האַלב־אינדזל און ווייטער אין אַזיע. ווער ווייס וווהין יידן האָבן געקאָנט אַנשפּאַרן. אָבער פאַרזיכיקע געשיכטעס פירן נאָר די דריי יידישע ישובים: בבל, ארץ ישראל און אַלעקסאַנדריע. די לעצטע גייט אונטער נאָך עטלעכע הונדערט

יאָר שטאָלצירן מיט אַ רייכער קולטור וואָס מען האָט איבערגענומען פון פרעמדע און וואָס מען האָט מיטגעלעבט מיט די פרעמדע. אונטערגעגאַנגען און קיין ירושה פאַר אַנדערע, נייע יידישע שבטים ניט געלאָזן. אַ דויערנדיקע קאָנקו־רענץ פירן די צוויי ישובים בבל און ארץ ישראל. די לעצטע טראָגט שטאָלץ איר יחוס, די ערשטע — בבל — טראָגט מער פאַרזיכיקע יידישקייט. זי ירשנט, און ווען דער ישוב בבל גייט אונטער — און ער פאַרענדיקט זיין געשיכטע, קומען אויף נייע ישובים, נייע געשיכטעס — ספרד און אשכנז. פאַרשיידענע סיטואַציעס, פאַרשיידענע גורלות און פאַרשיידענע קולטורן. ספרד גייט פריער אונטער. אַ רייכע ירושה און קנאַפּע יורשים. ביז אשכנז ירשנט אויך ספרד. אשכנז האָט אָנגעהויבן פון אָנהייב, פון עמארצישן שטייגער, פון דער ירושה פון בבל, און געענדיקט מיט פריידיקער אַסימילאַציע אין אָנהייב פון אורבאַ־ניזאַציע. און מזרח־אייראָפּע האָט ווידער איבערגענומען די געשיכטע. ווידער אָנגעהויבן פון אָנהייב, עמארציש אין תורה און פעסט אין שטייגער ביז... דער אָנהייב פון אונטערגאַנג איז געקומען, מיטן אָנהייב פון אורבאַניזאַציע און איז חרוב געוואָרן דורך דער ציוויליזירטער הידרע פון די „קולטור־פעלקער״...

וויפל יידישע פעלקער? וויפל אָנהייבן און סופן! אומקום און אויפקום! און וויפל יידישע געשיכטעס מיר האָבן פאַר דער צייט געהאַט. איז די גאַנצע לעגענדע וועגן אונדזער אייביקייט טאַקע ניט מער ווי אַ לעגענדע. דובנאָוו רופט עס אָן מיטן נאָמען העגעמאָניע: איין שבט יידן גייט אונטער, נעמט אַ צווייטער שבט איבער די העגעמאָניע און ער פירט זי ווייטער. אָבער כדי די יידישע געשיכטע זאָל קענען גיין ווייטער, דאַרף זיין אַ צווייטער, אַ נייער שבט וואָס זאָל קענען און וועלן איבערנעמען אָט די העגעמאָניע. און ווען עס זאָל ניט זיין ווער עס זאָל טראָגן די העגעמאָניע, דעמאָלט וואָלט דאָס יידישע פאָלק געענדיקט בכלל זיין קיום, זיין געשיכטע, און אויס מיט דער גאַנצער אייבי־קייט פון יידישן פאָלק, הן מיט דער „ברכה״ לויטן יידישן נוסח און הן מיט דער „קללה״ לויט נוסח פון אונדזערע שונאים.

שטעלט זיך ווידער די אַלטע קשיא, וואָס האָט געמאַטערט דורות גע־טרייע יידן פון אייביק אָן: האָט אונדז איצט דער רבונו של עולם באַזאָרגט מיט אַ יורש? מיט אַ שבט ווער עס זאָל איבערנעמען די ירושה, ווער עס זאָל ווײ־טער טראָגן די העגעמאָניע? האָבן מיר דען אַזאַ קאָנטראַקט מיט גאָט, אַז עס מוז אַלע מאָל, ביי יעדן אונטערגאַנג פון איין שבט, תמיד זיין אַ צווייטער שבט, ווער עס זאָל איבערנעמען? ביז איצט איז די יידישע געשיכטע געווען געגליכן צו אַ געלאַף פון פאַקעל־טרעגער: יעדער טרעגער לויפט מיטן פאַקעל אַ צייט

און גיט איבער אַ נייעם. אָבער איז דען זיכער, אַז אַלע מאָל דאַרף זיין ווער עס זאָל איבערנעמען דעם פּאַקעל? מה דאַך ווען די קאָמוניקאַציע־מיטלען זיינען געווען ניט אין פאַרגלייך שווערער, איין לאַנד איז געווען אָפּגעגרענצטער פון אַלע אַנדערע, מה דאַך דעמאָלט האָבן די זאָרגער פאַר יידישער אייביקייט מורא געהאַט פאַר אַן ענדגילטיקן אונטערגאַנג, אַ פשיטא שוין איצט ביי די היינטיקע קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן, ווען די גאַנצע וועלט איז טאַקע צעקריגט, אָבער די יידישע שונאים זיינען דווקא פאַראייניקט, ווער קען וויסן צי עס איז דאָ אַ יורש, אַ טרעגער פון יידישקייט?

פאַראַן צוויי פּרעטענדענטן: אַמעריקאַנער יידנטום און די יידישע מדינה. ביידע וואָלטן געווען ראוי צו דעם, ווען ניט באַשטימטע ספקות. און אָט זיינען זיי:

אַלע ביז איצטיקע העגעמאָן־ישובים האָבן אָנגעהויבן פון עמאַרצישן אָנ־הייב, ווען עס איז ביי אים געווען אַ פאַרזיכיקער שטייגער, אָבער קיין וויסנשאַפט, קיין תורה איז ניט געווען. לויט אונדזער טערמינאָלאָגיע וועלן מיר דאָס זאָגן. דער העגעמאָן־שבט האָט יאָ אַ קולטור שבעל פה, אָבער ער האָט ניט קיין קולטור בכתב.

יעדער העגעמאָן־שבט האָט געלעבט אין גאַנצן פאַר זיך, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון דער קולטור פון אַנדערע שבטים.

יעדער העגעמאָן־שבט האָט געהאַט זיין שפראַך מיט זיין יידישן אלף בית, די שפראַך צו שרייבן. וועלן מיר פּרובירן זען וואָסער שבט פון די צוויי פּרעטענ־דענטן עס איז נענטער, ווער האָט מער שאַנסן צו ווערן דער העגעמאָן.

דער אַמעריקאַנער שבט — קיין אייגענע שטייגער־קולטור האָט ער ניט; קיין עמאַרצישע פאַרזיכיקייט האָט ער אויך ניט. קיין שפראַך פאַר זיך האָט ער אויך ניט.

לויט זיין שטייגער, לויט זיין שפראַך, לויט זיין בילדונג און קולטור איז דער אַמעריקאַנער שבט און אַזוי אויך אַלע אַנדערע נייע ישובים אין גאַנצן איינגעגלידערט אין די הערשנדיקע פעלקער פון די לענדער. די גאַנצע יידיש־קייט פון דעם אַמעריקאַנער יידישן שבט איז בלויז אַ געבראַכטע, לעבט מיט דעם אימפּעט און מיט דעם כוח פון מזרח־אייראָפּע. די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע איז אויך געווענדט איבערהויפּט אויף דאָרטן. מען זאָרגט פאַר יידישקייט אין ארץ ישראל, אין רוסלאַנד, אָבער מען זאָרגט גאָר ווייניק פאַר דער פאַרזיכיקער קולטור פון יידישקייט אין אַמעריקע גופא. דער אייגענער יידישער פּרצוף ווערט אָפּגעשוואַכט פון דור צו דור. סיידן מיר זאָלן נעמען

אין אַכט, אַז דער יידישער ישוב אין אַמעריקע איז ניט קיין איינהייטלעכער, נאָר אַ קאָנגלאָמעראַט פון פאַרשיידענע גרופּעס און איטלעכע גרופּע פירט זיך אַנדערש. זיינען פאַראַן גרופּעס וואָס שטרעבן זיך אָן אויפצוהיטן זייער יידישקייט, אָדער באַשטימטע טיילן פון זייער יידישקייט, וואָס אַנדערע טוען דאָס ניט. איז עס דאָך זיכער אַז טיילן פון אַמעריקאַנער יישוב וועלן לענגער אויפהיטן זייער יידישקייט. דער יידישער ישוב ווערט ניט גרעסער, צאָליקער, נאָר, פאַרקערט, פאַרמינערט ער זיך, ווי דאָס איז מיט דעם יידנטום אין מערב־אייראָפּע. עס איז אויסער יעדן ספק אַז דער באַוווסטזיניקער ווילן צו זיין אַ ייד שפּילט אַ גוואַלדיקע ראָל, און די וואָס האָבן אַזאַ ווילן וועלן זיכער מער דורות אויפהיטן זייער יידישקייט. אָבער זייער יידישקייט איז אַן איינזייטיקע, זי נעמט אַרום נאָר דאָס וואָס איז שוין פאַרפּיקסירט און פאַרשריבן און קאָנאָניזירט אין שולחן ערוך. עס איז אַ קאָנסערווירטע יידישקייט, ניט קיין שעפערישע. מיר האָבן אַ סך מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז יידישקייט דאַרף זיין אַ מין שטראָם, וואָס הייבט אָן מיט שטייגער־עלעמענטן און פאַרוואַנדלט זיי בהדרגה אין פאָלקישע, אין נאַציאָנאַלע, אין רעליגיעז־פאַרהייליקטע. די יידן וואָס שטרעבן זיך אָן אויפצוהאַלטן זייער יידישקייט קעגן אַלע השפּעות פון די אַרומיקע באַדינגונגען, זיינען בפירוש — דער בעסערער טייל יידן, זייער יידישקייט איז אָבער ניט פון קיין בעסערן טייפּ. מיר האָבן עס אָנגערופן „פּאַסילע יידישקייט". עס איז בלויז רעליגיע, און זיי שיידן שטאַרק אונטער צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער יידישקייט. זייער פאָרמול איז די פאַרקערטע פון דער וואָס עס דאַרף זיין. זייער פאָרמול איז: די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט. בעת די ריכטיקע פאָרמול וואָלט באַדאַרפט זיין „גאָר די יידישקייט איז אונדזער רעליגיע. דאָס איז די פאָרמול פון דער אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס האָט אַזוי ווייניק אָנהענגער, צום באַדויערן. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אַ טייל געטרייע וועלט־לעכע יידישע דענקער דעם געדאַנק פון יידישקייט „אין אַ רעליגיעזער ראַם". זייער געדאַנקען־גאַנג איז בערך אַזאַ: אַמעריקע שטרעבט לעולם צו ווערן איין פאָלק, איין נאַציע, דערפאַר איז קיין שום פאָלקישע גרופּע ניט מסוגל אויפצו־היטן אין די שטאַטן איר אייגענעם פאָלקישן כאַראַקטער. דער אַמעריקאַנער „שמעלצטאָפּ" איז אַ פאַקט, אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס פאַרלירן אין אַמעריקע זייער פאָלקישע קולטור, זייער פאָלקישן כאַראַקטער און זיי גיסן זיך אַריין אין איין אַלגעמיינעם שטראָם פון „איין אַמעריקע". עס בלייבן נאָר באַזונדערע רעליגיעס אין אַמעריקע. שוין איצט קומט אויס אין אַמעריקע צו הערן וועגן דער גלייכקייט פון די דריי רעליגיעס: פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן און יידן. עס

איז אָבער ניטאָ קיין רייד פון אַ באַזונדערער יידישער קולטור, פון באַזונדערער וועלטלעכער יידישקייט.

אין קאַנאַדע ווי עס איז פאַראַן אַ פראַנצויזישע מינדערהייט וואָס באַשטייט אויף איר שפּראַך און אויף איר קולטור, איז אויך פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ באַזונדערער יידישער קולטור און שפּראַך. אין די שטאַטן אָבער זיינען פאַראַן נאָר רעליגיעס באַזונדערע אָבער ניט קיין קולטורן. איז בכן, אַלץ וואָס יידן ווילן אויפהיטן קענען זיי דאָס טאָן נאָר אין דער ראָם פון רעליגיע. אַמעריקע איז איין פאָלק מיט פאַרשיידענע רעליגיעס. אין דער ריכטונג גייט עס. איז אין אַמעריקע זייער אָנגענומען „סטריקלי קאָשער פוד", וואָס נעמען אַריין אַלערליי עסנס וואָס זיינען יאָ יידיש־טראַדיציאָנעל אָבער זיי האָבן קיין שום שייכות ניט צו כשרות, ווי באָרשטש, געררויכערטע הערינג און כדומה. אָבער די זעלביקע געשעפטן מאַכן די בעסטע געשעפטן דווקא שבת, ווייל שבת איז „אויסגעיידישט". אָבער קאָרענענע ברויט מיט קימל איז זוכה געווען צו ווערן „דזשויש ברעד" (יידיש ברויט)... אַ סך פאַרקריפּלונגען זיינען שוין ביז איצט אַריין אין דער „רעליגיעזער ראַם" פון אַמעריקאַנער יידישקייט, איין זאַך אָבער — קיין יידישע שעפערישקייט, קיין שמידן נייע קולטור־ווערטן פון דער חרוב געוואָרענער יידישקייט. — דאָס פעלט. מען קען דערוואַרטן אַז די יידישקייט אין אַמעריקע וועט גיין אויף די וועגן פון דער מערב־אייראָפּעישער, וואָס האָט ניט קיין רוח חיים, וואָס די שאַפּונגען אפילו וואָס שאַפן זיך יאָ, וועלן בלייבן יתומים, אָן יורשים אין די קברים פון ביבליאָטעקן, אין מוזייען, פאַר שטויבן און מייז און פאַר געציילטע בוכווערים, פאַר אַרכעאָלאָגן. אַזוי איז געווען און אַזוי איז עס מיט די קולטור־ווערטן וואָס יידן האָבן מיט שטאָלץ געשאַפן אין „די שפּראַכן פון געטע, פון פּושקין" און אין וואָסערע שפּראַכן ניט.

אין בעסטן פאַל קען זיך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום צעטיילן: דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך צונויפגיסן מיט דעם מאָניסטישן אַמעריקאַנער פאָלק (אויב עס וועלן ניט געשען קיין גאַנץ מעגלעכע קאַטאַסטראָפעס...) און עס וועלן זיין קליינע גרופּעס כלי קודש און זיי וועלן פראַוועןן יידישקייט ווי דאָס טוען קריסטלעכע מאָנאַכן... מיר האָט אַ מאָל געזאָגט אין אַ טרויעריקן וויץ יעקב לעשטשינסקי ע"ה, אַז כדי יידן זאָלן יאָ זיין יידן, דאַרפן זיי האָבן אַ גרינגע שטיצע פון... אַנטיסעמיטיזם. פאַראַן ביימער וואָס אַליין קענען זיי ניט וואַקסן גלייך, דאַרף מען זיי אונטערשטיצן פון דרויסן... כדי יידן זאָלן קענען אָפּהיטן זייער פאַרזיכיקע קולטור, דאַרפן זיי האָבן אַז אַנדערע זאָלן זיי באַמיען אָפּצוטיילן פון זיך... אַ סך וועגן דעם איז צו לערנען פון אונדזער געשיכטע.

דער צווייטער פּרעטענדענט אויף דער ראָל פון אַ העגעמאָן־שבט — די אייגענע יידישע מדינה, זי האָט שוין אַלע מעגלעכקייטן יאָ איבערצונעמען די ראָל פון אַזאַ העגעמאָן. די מדינה געניסט די ליבע פון אַלע יידן, אומעטום, זי דינט שוין איצט ווי אַ שטיקל מוסטער. זי פירט אַן אייגענעם שטייגער לעבן, אַן אייגענעם לוח פון אַרבעט און רו, זי האָט אַן אייגענע דערציִונג־סיסטעם, אייגענע פאַרזיכיקע הויכשולן, — זי איז אַן אייגענע מדינה! דער אייגענער שטייגער, די אייגענע שפּראַך — אַלץ איז דאָך מחייב עס זאָל אויפקומען איין פאָלק, צונויפגעשמאָלצן, פאַראייניקט, וועט דאָס זיין דער נײַער העגעמאָן־שבט. מעג מיט די אַנדערע יידישער ישובים אין דער וועלט געשען וואָס עס איז געשען מיט אַלע ישובים וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו העגעמאָנער יידישקייט. וועט די יידישע מדינה בלייבן יידיש און אין איר וועט יידישקייט בליען און פּרוכטיקן פאַר די תפוצות אויך... הלוואי וואָלט די אמונה אין דער מדינה געקאָנט זײַן אַן אמונה שלמה אָן ספקות וואָס מאַטערן, וואָס ציען די נערוון. איך קען ניט און דאַרף ניט אַנרירן די סכנות פון דרויסן: ניטאָ איצט קיין גרויסע מדינה אין דער וועלט וואָס זאָל ניט מורא האָבן פאַר דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. איך בין אויף דעם געביט אַן עם הארץ און איך דערלויב זיך ניט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג. פאַר מיר איז אָבער דער פּחד גאָר אַן אַנדערער, אַן אינעווייניקסטער:

די יידן וואָס לעבן אין דער מדינה זײַנען די זעלביקע יידן, אונדזערע יידן מיט אַלע מעלות און אויך מיט די זעלביקע חסרונות. ווי די יידן אין אַלע אַנדערע ישובים פעלט זיי דער ווילן צו זײַן דאָס וואָס זיי זײַנען. אין אַלע אַנדערע ערטער איז דאָס אַ פאַרלאַנג זיך צו אַסימילירן, אַרײַנגיסן זיך אין דעם הערשנדיקן פאָלק און אין אים צעגיין ווי עס צעגייט זאַלץ אין וואַסער. אין ארץ ישראל איז מען לכתחילה געקומען מיט דער זעלביקער בייגונג צו אַנטלויפן פון זיך אַליין, אָבער מען האָט עס אָנגעקליידט אין אַן אַנדער מענטעלע. עס האָט געהייסן „שלילת הגלות" — אַנטלויפן פון דער גלותדיקער קולטור. מען האָט געוואָלט און מען וויל נאָך איצט בויען אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין שייכות צו דעם פאָלק וואָס אין גלות, נאָר אַ פאָלק וואָס איז אַ דירעקטער המשך פון תנ"ך. געגליכן צו איינעם וואָס איז געקומען אויף אַ פריי אָרט, גענומען פלאַנצן אַ וואַלד ניט פון ביימער וואָס וואַקסן איצט, נאָר פון אַ לאַנג פאַרגאַנגענער געאָלאָגישער תקופה. האָט מען געבראַכט זאָמען אַלערליי, צוגעטראַכטע. במילא מוז אַזאַ וואַלד ווערן אַ פלאַץ פון אָנגעטראָגענע דורך פאַרשיידענע ווינטן אַלערליי פרעמדע, צופעליקע געוויקסן. אָדער אין דער מדינה וועט ווערן

געפּלאַנצט דער דירעקטער המשך פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה, אָדער זי וועט, חלילה, פאַרוואַקסן ווערן מיט כלערליי ווילדע און פרעמדע אַנוווקסן. כדי צו בויען אַ פרייע היים־מדינה פאַר דעם יידישן פאָלק דאַרף מען פאַרמאָגן אין זיך דאָס פאַרקערטע פון שלילת הגלות — מען דאַרף פאַרמאָגן אַ פולע אהבת ישראל. וואָס מיין איך מיטן באַגריף „אַ פולע״? איך מיין דאָ אַ פולע אין קעגנזאַץ צו טיילווייזע, אהבה צו שטיקלעך יידישקייט. אַלע יידן וואָס טראַכטן יאָ וועגן המשך, וועגן קיום פון יידישן פאָלק, אַלע זיי ווילן יוצא זיין מיט שטיקלעך, מיט טיילן פון יידישער קולטור. ווער עס מיינט אַז עס איז גענוג דער בית הכנסת, עטלעכע מאָל אַ יאָר, און ווער עס וויל יוצא זײַן מיט דער אָדער יענער שפּראַך, און אַזוי כסדר. אָבער יידישקייט איז אָרגאַניש, אָדער זי איז גאַנץ, אָדער זי איז ניטאָ. מיר זײַנען אַ פאָלק מיט אַ קולטור. די קולטור אונדזערע איז אַ גלותדיקע, בפירוש געשאַפן געוואָרן, אויסגעוואַקסן און געפּרוכטיקט אין גלות. און נאָר אָט די קולטור פאַרמאָגן מיר. אָדער די מדינה ווערט די היים פאַר אָט דער גלותדיקער קולטור, אָדער זי איז עפּעס וואָס האָט ניט קיין שייכות צו יידישקייט און דעמאָלט וועט זי קענען זײַן וואָס זי וועט זײַן אָבער זי וועט ניט זײַן קיין המשך פון יידישקייט.

די מדינה איז זייער ליב, אָן אַ ברעג, יעדער יידן וואָס פילט זיך ווי אַ ייד. און דערפאַר טאַקע ציטערט אַ יידיש האַרץ בײַ יעדער געדאַנק פון אָפּפרעמדונג, פון אָפּנייגונג אין פרעמדע ריכטונגען, גאָט זאָל אויסהיטן!

ביי אַ גוטן, אויפריכטיקן ווילן און פאַרשטענדעניש, וועט די מדינה קענען באמת ווערן די היים פון יידישקייט און במילא די היים פאַרן יידנטום. און זי וואָלט געקאָנט שאַפן „קאָלאָניעס״ אין אַנדערע פרייע לענדער. מדינת ישראל אַליין איז קליין און שטאַרקערהייט איז זי דאָך שוואַך. אָבער צוזאַמען מיט אַזוינע פרייע קאָלאָניעס פון פרייער פולער יידישקייט, קען די יידישע מדינה זײַן שטאַרק אפילו שוואַכערהייט. מיט דעם טערמין „יידישע קאָלאָניעס״, מיין איך דאָ אויטאָנאָמע יידישקייט אין די פרייע לענדער. דערצו איז נויטיק אַ באַוווסטזיניקע שטאַרקע ליבע צו יידישקייט. און זי קען קומען פון דער מדינה ווי אַ השפעה אויף די גלותן. אַזוינע וויליקע אויטאָנאָמיעס קענען זײַן אין דער וועלט בײַ אַ שטאַרקער אהבת ישראל וואָס דערגרייכט ביז צו דער מדרגה פון אמונת ישראל.

אויטאָנאָמיע

מען קען איצט ניט טראַכטן וועגן אַ קיבוץ גלויות אין דער מדינה. מען וואַרפט ניט אַוועק קיין אײַנגעזעסענע פלעצער צו גיין בויען נײַע. קיין מאָל איז נאָך ניט געווען קיין גרויסע מאַסנהאַפטיקע „יציאת מצרים" אָן אַ גויט. און איך ווייס ניט צי עס איז אין די אינטערעסן פון דער מדינה מבטל צו מאַכן, אויסצולייזן די פרײַע ישובים. מיר גלייבן דאָך אין דער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, דאַרף מען אויך וויסן, אַז די גרענעצן פון אונדזער מדינה זײַנען ניט דווקא בײַם ירושלימער מאַנדלבוים־טויער, אָדער ביי קילקיליה וכדומה, נאָר די גרענעצן פון דער מדינה זײַנען אין ניו יאָרק און אין בוענאָס אײַרעס און נאָך און נאָך, אומעטום ווו עס זײַנען פאַראַן יידישע ישובים. עס דאַרף נאָר געזאָרגט ווערן די ישובים זאָלן זיין שטאַרק־יידיש. ניט מיט האַרמאַטן, פאַר־שטייט זיך, נאָר מיט שטאַרקער יידישקייט. און אַט די שטאַרקע יידישקייט פירט איר אויטאָנאָם לעבן, באַוווסטזיניק, מיטן פולן רצון.

בכלל איז די טעאָריע פון אויטאָנאָמיע אויפגעקומען אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָר־הונדערט אויף דעם פילפעלקערדיקן שטח וואָס האָט פּאָליטיש געהערט צו די צוויי מעכטיקע מדינות: אויסטרייך־אונגאַרן און רוסלאַנד. דער שטח איז געווען ברייטער פאַר דעם „יידיש־לאַנד" אין מיזרח־אייראָפּע. די אַנדערע פעלקער, אַחוץ די יידן זײַנען אַלע געווען טעריטאָריעלע מינדער־הייטן. ד"ה אז אין געוויסע שטחים איז איטלעך פאָלק געווען אַ מערהייט. איטלעך פאָלק מיט זיין טעריטאָריע. אויף דעם שטח האָבן פעלקער געהאַט אַ פּויערטום־מאַסע און אויך אַ שטאָטישע. זיי האָבן אַלע געהאַט אַ „חזקה" אויף דעם שטח. פעלקער האָבן געבענקט נאָך זייער פרייהייט. עס איז בכלל געווען אַ באַשטימטע אַנטוויקלונג. אין מיטלאַלטער איז דער פּרימאַט אין אייראָפּע געווען די רעליגיע: וועמעס הערשאַפט, דעמס רעליגיע דאַרף זײַן. שפּעטער איז די רעליגיע אָפּגעטראָטן, דעם אָרט פון פּרימאַט האָט פאַרנומען די מדינה — אין מדינה איז אויך אייך פאָלק. ערשט אין מיטן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן פעלקער אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר זייער פּאָליטישער פרייהייט — די באַל־קאַנישע פעלקער, איטאַליע. און אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן י"ה איז די שטרעבונג געקומען אויך צו די פעלקער פון „יידישלאַנד". די אָרטיקע פעלקער האָבן אַלע פאַרמאָגט געדיכטע פּויערים־מאַסיון, זיי זיינען געווען טעריטאָריעלע מערהייטן אויף זייער שטח. די הערשנדיקע פעלקער — די רוסן און די דייטשן זײַנען אין די שטחים געווען קליינע מינדערהייטן, איבערהויפּט באַאַמטע. פעלקער

האָבן געשטרעבט און געפאָדערט נאַציאָנאַלע פרייהייט. ביז דער אומגליקלעכער מלחמה מיט יאַפּאַן האָבן די מינדערהייטן ניט געוואָגט צו פאָדערן פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט — צו שטאַרק זיינען געווען די באַהערשער. האָט מען זיך באַנוגנט מיט קולטור־אויטאָנאָמיעס.

לכתחילה איז עס יידן ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען: די טראַדיציאָנעלע יידישע שטעטלעך האָבן אייגנטלעך געהאַט פון לאַנג זייער קולטור־אויטאָנאָמיע. זייער סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע אין פאָרעם פון קהילות, זייער שפּראַך און זייער דערציִונג, זייער לוח פון אַרבעט און רו, זייער סאָציאַלע פאַרזאָרגונג. אַ פולע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. די קלענערע גרופּעס אורבאַניזירטע און משכילים האָבן געחלומט ניט וועגן אויטאָנאָמער יידישקייט, נאָר פאַרקערט וועגן אויסיידישונג, וועגן אַסימילאַציע וואָס מען האָט געפּריידיקט אָפן ווי אַן אידעאַל, „צונויפגיסן זיך". דאָס יידיש לשון האָט דעמאָלט געקראָגן דעם נאָמען „זשאַרגאָן". דער יידישער טיפּ איז בכלל אַ נעגאַטיווער, יידישע רבנים — גנבים, פּיאַווקעס, צבועקעס... וואָס ניט!... ווער האָט גאָר געקאָנט טראַכטן פון זיי וועגן אַ יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע?

ערשט נאָך די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, איז דער ענטוזיאַזם פאַר אַסימילאַציע אָפּגעשוואַכט געוואָרן. עס איז געקומען חיבת ציון ווי אַ טעריטאָריעלע ליזונג, און עס איז מסתמא געווען דער פּיאָנערן־פאַרדינסט פון ד"ר זשיטלאָווס־קין דאָס אָנערקענען די ווערטיקייט פון יידישער קולטור צווישן די קרייזן פון די יידן־רעוואָלוציאָנערן. ערשט שפּעטער, בערך אין דער צייט פון יאַפּאַנישער מלחמה, האָט מען אויך ביי יידן גענומען ריידן וועגן קולטור־אויטאָנאָמיע. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע, האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע. די טעאָריע איז געשאַפן געוואָרן ניט פאַר יידן, הגם דער טעאָרעטיקער אירער איז געווען אַ ייד נאָך ניט קיין געשמדטער (אָטאָ באויער). ער האָט אָבער ווי אַ סך אַנדערע יידן־סאָציאַליסטן ניט געהאַלטן פון יידן ווי אַ פאָלק. די ספּעציפיש־יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — דער בונד — האָט דאָך נאָך אויך זיך געוואַקלט צי יידן האָבן אַ קולטור, אָדער ניט, צי דאַרף מען גאָר טראַכטן פון יידישער קולטור. איז די טעאָריע געווען געשאַפן פאַר אַנדערע פעלקער. זי האָט אפשר אויך געפּאַסט, ווייל די גרענעצן פון די פאַרשיידענע פאָלקישע טעריטאָריעס זייען ניט געווען גענוג בולט. מיט דעם אָנהייב פון אינדוסטריאַליזאַציע האָבן מענטשן פון איין פאָלק גענומען אָפּטער אַריינדרינגען אין די טעריטאָריעס פון אַ צווייט פאָלק. אין די ראַמען פון דער זעלביקער מדינה. אַזוי אַרום האָבן מענטשן פון איין

טעריטאָריע געמעגט געהערן צו פאַרשיידענע אויטאָנאָמיעס, צו פאַרשיידענע אויטאָנאָמע קולטורן. אָט די פּערסאָנעלע קולטור־אויטאָנאָמיע האָט מיטגעריסן אויך יידישע אינטעליגענטן.

צווישן די יידישע אויטאָנאָמיסטן איז געווען אויך דער יידישער היסטאָריקער וואָס האָט אויפגעבויט די געשיכטע פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק ווי אַ פאָלק, שמעון דובנאָוו. ער האָט אַזוי טיף אַרײַנגעדרונגען אין אונדזער אַמאָליקער אויטאָנאָמיע, אין פּוילן מיט די וועדים, און ער האָט געגלויבט אין איר אויף להבא.

אָבער אויך ער האָט געהאַט אַ טעות. דאָס וואָס עס איז געווען מעגלעך דעמאָלט איז מער ניט מעגלעך. דאָס וואָס עס איז געווען מעגלעך, ווען יידן זײַנען געווען אָפּגעטיילט סאָציאַל, יורידיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל, קען ניט זײַן מעגלעך, ווען יידן זײַנען אינטעגרירט, איטלעכער ייד באַזונדער, אין דער ניט יידישער וועלט אַרײַן, ווי דאָס איז איצט אין אַלע נײַע יידישע ישובים. דובנאָוו האָט ניט גענומען אין אַכט, אַז די טעריטאָריעלע פעלקער וועלן אונדז ניט לאָזן פירן קיין קולטור־אויטאָנאָמיע ביי זיי, ער האָט געדאַרפט זען אַז די יידן אַליין ווילן לגמרי ניט קיין אויטאָנאָמע קולטור. ער האָט עס געקאָנט זען אין מערב־איראָפּע, אין אַמעריקע און אפילו אין די אורבאַנישע ישובים אין רוסלאַנד, וווּ עס איז נאָר מעגלעך געווען אַ טיילווייזע אינטעגראַציע פון יידישע יחידים. און דער אידעאַל פון אינטעגראַציע אין דער אַלגעמיין־רוסישער געזעלשאַפט און אין דער רוסישער קולטור האָט דאָך אויך געצויגן זײַן אייגענע נאָענטע סביבה אין פּעטערבורג. דובנאָוו האָט שוין אין דער צייט אפילו פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געקאָנט זען, אַז בלויז די אימיגראַציע קיין ארץ ישראל וויל בויען אַן אויטאָנאָמע קולטור, און דאָס ווײַל דאָרטן איז געווען אַן אורלאַנד אָן אַ פעסטער אָרטיקער קולטור, און דאָך איז אין די אַלטע קאָלאָניעס געגאַנגען אַ גאָר ניט קליינע אַראַביזאַציע. ווי אַלע טיפערע יידישע אינטעליגענטן, אין יענע צייטן, האָט אויך דובנאָוו מער געטראַכט וועגן די יורידיש־פּאָליטישע זײַטן פון דער פּראָבלעם, איידער וועגן די אינעווייניקסטע טענדענצן ביי יידן גופא. ווי די גאַנצע אינטעליגענץ האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף די יידישע פאָלקסמאַסן פון די שטעטלעך, הגם זייער אונטערגאַנג איז שוין לאַנג געווען געהתמעט. אין זײַן פּערטן „בריוו וועגן אַלטן און נײַעם יידנטום" באַהאַנדלט דובנאָוו די מעלות פון דער אַלטער אַמאָליקער אויטאָנאָמיע, ער באַמערקט אָבער ניט דעם אונטערגאַנג פון שטעטל, דעם אויפקום פון אורבאַניזאַציע. ער באַמערקט ניט דעם גאַנצן „פאַרקירצטן" פּראָצעס אין מערב־איראָ־

פּע: אורבאַניזאַציע, אינטעגראַציע און דירעקט אַסימילאַציע און פּאָסיליזירטע רעליגיע. די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ און געזעלשאַפטלעכקייט האָט געזאָרגט אַ סך מער פאַר גלײַכע רעכט ווי פאַר אויטאָנאָמיע. און די גלײַכע רעכט פאַר יידישע יחידים איז טאַקע נויטיק געווען פאַר דער אינטעגראַציע, וואָס דאָס קלאַסישע שטעטל האָט ניט געוווסט און ניט געטראַכט פון איר.

קען זײַן אַז ביי אַ טיפערן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די דעמאָלטדיקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען ביי יידן אין רוסלאַנד, וואָלט זיך אפשר אַרויס־געוויזן אַז די גאַנצע אויטאָנאָמיע־אידעאָלאָגיע איז געווען בלויז אַ מין קאָמ־פּענסאַציע. דאָס הייסט — אַ שיינער מאָראַליש־פײַנער איבערשלאָק וואָס פאַר־דעקט גאָר ניט קיין שיינעם אונטערשלאָק. אָבער דווקא דער אונטערשלאָק איז דאָך נענטער צום לייב...

האָט די טעאָריע וועגן אויטאָנאָמיע געדאַרפט צודעקן די שטרעבונג צו אינטעגראַציע און אַסימילאַציע ווי אין מערב, וואָס דובנאָוו האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט ניט ערגער פון זײַן אדעסער פרײַנד אחד העם.

נאָך שוואַכער איז געווען די אידעע פון אויטאָנאָמיע ביי די יידישע סאָציאַליסטן. דובנאָוו שאַצט זייער ריכטיק אָפּ דעם אויטאָנאָמיזם בײַם בונד (יידישע איבערזעצונג פון זײַנע „בריוו" זייט 108 אין באַמערקונג, ווו ער שרײַבט, אַז די גאַנצע באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז ביים בונד „מער טאָלערירט ווי אַנערקענט").

דער פולער באַנקראָט פון דער אויטאָנאָמיע־אידעע איז געקומען שפּעטער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די טעריטאָריעלע פעלקער האָבן באַקומען זעלבשטענדיקייט, פאַרזיכיקע מדינות און די יידן זײַנען געבליבן כמעט די איינציקע מינדערהייט. די פריערדיקע מיטקעמפער פאַר נאַציאָנאַלע קולטורן, די היינטיקע בעלי בתים פון די לענדער, האָבן ערשט גאָר שטאַרק גענומען דריקן און שטיקן יעדן יידישן פאַרלאַנג צו אויטאָנאָמיע. פאַר די רוסן פריער איז די פאַרזיכיקע יידישע קולטור אין פוילן געווען אפילו גינציק, כדי אָפּצו־שוואַכן די פוילישע. איצט איז יידישקייט געבליבן דירעקט קעגן דער מלוכה־קולטור און קעגן דעם דראַנג פון דער מאַכט צו אוניפיצירן דאָס לאַנד. האָבן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען גאָרניט געווירקט. צוזאַמען מיט אַלע עקאָנאָמישע גזרות האָבן זיך אויך געשאָטן די גזרות אויף דער יידישער קולטור, און דאָך איז געגאַנגען אַן אינטעגראַציע און מיט איר — אַן אַסימי־לאַציע. וועגן דער אויטאָנאָמיע האָט מען ווי פאַרגעסן. האָבן יידן אין דער ליטע שוין אָנגעהויבן דערציען קינדער אויף דער שפּראַך פון די „קלומפּעס"

(אַ שפּאַטנאָמען אויף די ליטווינער). וועגן פּויליש אין ווילנע איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו ריידן. ווי אין ניו יאָרק אַזוי אויך אין וואַרשע...

וויפל עס בלוטיקט ניט אַ יידיש האַרץ אויף דעם אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד קעגן דעם טיפּסטן און געטרייסטן שבט פון אונדזער פאָלק, כאַפּט זיך דאָך אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז ווען ניט די „אונטערשלאָק־בייגונגען" צו אַסימילאַציע און רוסיפיקאַציע ביי יידן גופא, וואָלט די רישעותדיקע מאַכט ניט געוואָגט צו גיין אַזוי ווייט; וואָלטן ביי יידן ניט געווען קיין שאַכנאָוויטשעס (אַ ייד, האָט געשריבן און אַרויסגעגעבן ביכער קעגן יידישקייט), וואָס ווילן זיך אויס־פיינען פאַר די רוסן, וואָלטן די מאַכטהאָבער אויך ניט אַזוי פרעך געווען. שווער צו ריידן עפּעס וועגן יענע יידן וואָס ליגן ביים שונא אין די הענט און יעדערער טראַכט ווי זיך צו פאַרגרינגערן אינדיווידועל, פאַר זיך.

אָט אַזוי איז אויסגערונען די גאַנצע אידעאָלאָגיע וועגן יידישער אויטאָ־נאָמיע. ניטאָ.

די אידעע פון אויטאָנאָמיע היינט

דער באַנקראָט פון דער אויטאָנאָמיע־אידעע ביז היינט מיינט ניט אַז די עצם אידעע איז אַ פאַלשע. זי האָט באַנקראָטירט ווייל זי איז גענומען געוואָרן אין גאָר ניט פּאַסיקע דרויסנדיקע באַדינגונגען און אויך דערפאַר ווייל זי איז גענומען געוואָרן פאַלש: מען האָט אַלץ געזוכט ווי זי באַרעכטיקן יורידיש, רעכטלעך. אָבער מען האָט ניט געטראַכט ווי זי צו באַפעסטיקן אינעווייניק אין יידנטום. צי מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף די אויטאָנאָמע שטעטלעך און מען האָט געגלייבט אַז זיי וועלן אויסהאַלטן תמיד, אָדער מען האָט לכתחילה ניט גענוג ערנסט, ניט גענוג פעסט געגלויבט אין דער יידישקייט, וואָס פאַר איר האָט מען געזוכט אַן אויטאָנאָמיע. עס איז דאָך גאָר גרינג געווען צו געפינען הייסע, אַגיטאַטאָרן פאַר יידיש, וואָס זייערע אייגענע קינדער האָבן ניט געהאַט קיין פּליכט צו קענען יידיש לשון. קען זיין, אַז עס איז געווען אַ פּונקט אין דער פּראָגראַם אָבער ווייט ניט קיין פּונקט אין לעבן.

וועלן מיר איצט באַהאַנדלען די פראַגע פון אויטאָנאָם יידיש לעבן אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון פּאָליטיק און פּאַרטייען.

אַ היסטאָרישער איבערבליק קען אונדז ווייזן אַז יידישקייט האָט זיך

געהאַלטן נאָר דאָרטן ווו יידן האָבן געלעבט באַזונדער, אויטאָנאָם. צי דאָס פאַר־זיכיקע לעבן איז געווען פון אייגענער יידישער איניציאַטיוו, אָדער עס איז געווען אַרויפגעצוווּנגען, דאָס האָט אין גאַנצן ניט געהאַט קיין ווירקונג. שוין די חז״ל וואונדערן זיך ווי די יידן האָבן גאָר פאַרצייטן אין גלות מצרים געקאָנט אויסהאַלטן און זיך ניט אַסימילירן.

טאַקע, פאַר מתן תורה, אָן קיינע אינסטיטוציעס פאַר יידישקייט, און דאָך אויסגעהאַלטן! זיי דערקלערן דאָס מיט דעם וואָס די יידן אין מצריים האָבן אָפּגעהיט זייערע נעמען, זייער שפּראַך און זייער שטייגער (את שמותיהם, את לשונם ואת מיסתורין שלהם). אפילו לויטן חומש האָבן די יידן אין מצריים געלעבט באַזונדער אין לאַנד גושן. די מצרים אַליין האָבן זיך ניט געוואָלט פריינדלען מיט יידן, ווער רעדט עסן צוזאַמען, ביי איין טיש! (בראשית מג׳ 32). די יידישקייט האָט זיך געהאַלטן מיט דער טעריטאָריעלער אָפּגעטיילטקייט און מיט אַ צוואַנג מצד דעם הערשנדיקן פאָלק. ווו אַזאַ דרויסנדיקער צוואַנג איז ניט געווען, האָבן זיך יידן אַסימילירט אפילו ביי זיך אין אייגענעם לאַנד, ווי דאָס דערציילט דער תנ״ך. און די מלכות ישראל וואָס האָט געהאַט רייכע און שטאַרקערע שכנים אַרום, האָט זיך מער אַסימילירט איידער די שוואַכערע יהודה, פשוט ווייל די שכנים אירע זיינען געווען שוואַכע און קליינע.

אין גלות אשור האָט זיך דאָס פאָלק פון מלכות ישראל גלייך אַסימילירט און פאַרלאָרן געוואָרן. פאַרקערט, האָט יהודה דווקא אין גלות געקראָגן אַ פעסטערן פאָלקישן באַוווּסטזיין, און דווקא פון דעם גלות געבראַכט אָרגאַניזירטע און פיקסירטע שריפטלעכע קולטור (תורה). דאָס איז געווען אַ דאַנק די דריי שטאַרקסטע נביאים: ירמיהו (דורך זיין תלמיד ברוך), יחזקאל און ישעיהו, איבערהויפּט אָבער אַ דאַנק דער גאָר אַנדער פּאָליטיק פון בבל און — נאָך מער — פערסיע וואָס האָבן געהאַלטן די יידן אין גלות אָפּגעזונדערט און ניט באַמיט זיך זיי צו אַסימילירן. דערפאַר איז טאַקע די פערסישע תקופה אין אונדזער אַלטער געשיכטע געווען די פּרוכטיקסטע אין זינען פון קולטור, פון נאַציאָנאַלער פאַרזיכיקייט: אָפּגעזונדערט אין שטח (דער מרחק פון בבל ביז ארץ ישראל!), האָבן די הערשער זיך אויך געהאַלטן ווייטער פון די יידן. און פאַרקערט — בלויז עטלעכע צענדליק יאָר (אַ יאָר דרייסיק בסך הכול) מיט אַסימיליר־אַקטיוון הערשערישן שכן ווי די העלעניסטן אין סיריע, און די אַסימילאַציע האָט געשטעלט אין סכנה דעם קיום פון יידישן פאָלק אין זייער לאַנד גופא.

און שפּעטער, ווען די יידן האָבן געהאַט דריי צענטערס — ארץ ישראל,

אַלעקסאַנדריע און בבל איז דווקא בבל געווען דער העגעמאָן־ישוב. דאָ האָבן די יידן געהאַט אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע (ריש גלותא), באַזונדערע געזעצן און אַ באַזונדערע שפּראַך פאַר זיך.

דער ישוב אין אַלעקסאַנדריע איז מסתמא געווען רייכער, קולטורעלער, מער געבונדן מיט דעם הערשערישן פאָלק און מיט זיין קולטור. אונטערגעגאַנגען איז דער דאָזיקער רײַכער און שטאָלצער ישוב ניט מחמת די פּאָגראָמען, ווי דאָס ווילן דערקלערן היסטאָריקער, נאָר מחמת אַסימילאַציע. והא ראיה — ער האָט ניט געלאָזן אין לעבעדיקער יידישקייט קיין ירושה און קיינע יורשים. דווקא דער ישוב אין בבל, ווו די אַלגעמיינע קולטור איז געווען ניט אין פאַרגלייך נידעריקער ווי דאָס איז געווען די רײַכסטע וועלט־קולטור אין אַלעקסאַנדריע, אין בבל ווו די יידן האָבן זיך ניט געמישט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג יורידיש און סאָציאַל, דווקא אָט דער בבל־ישוב האָט איבערגענומען די העגעמאָניע אפילו איבער ארץ ישראל. און דאָס — ניט געקוקט אויף דעם שטאַרקן אַנטאַגאָניזם מצד ארץ ישראל. עס האָט ניט געהאָלפן דער יחוס פון די „תקיפי דארעא דישראל״, זייער סנאָביזם, איז דאָך פאָרט מקוים געוואָרן דער „כי מבבל תצא תורה ודבר ה׳ מנהר פקוד״ (ירושלמי נדרים פ״י). האָבן טאָקע די „אַנטי־גלותיסטן״ נאָך פאַרצײַטן אָפּגעלאַכט פון די „בבליא טפשיא״, אָבער אַז טאָמער האָט דער רמב״ם אין מאָל געפסקנט לויטן ירושלמי, ניט לויטן בבלי, האָט אַ מפרש געפרעגט: „למה הניח את הש״ס שלנו?״

שפּעטער זײַנען ווידער געווען צוויי ישובים — ספרד און אשכנז. אין ספרד איז געווען אַ לאַנגע צײַט גוט, יידן — גליקלעך, די צרות זײַנען געקומען שפּעטער. אשכנז האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין גוטע צײַט. דאָס יידישע ספרד האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער קולטור פון דעם הויפּטפאָלק. מען האָט מסתמא גערעדט און געשריבן אַראַביש ניט ווייניקער ווי העברעיש, קיין באַזונדערע יידיש־לשון איז אונדז ניט באַקאַנט. איז די גאַנצע גליקלעכע ספרד־תקופה געקרוינט געוואָרן פאַר אַ גאָלדענער דווקא דורך די אשכנזים. דער גאַנצער אויפבלי פון ספרד איז געווען אייגנטלעך אַ גרויסער קאָפּ אויף גאָר אַ שוואַכן גוף, ווײַל קיין פאָלק, קיין פאָלקישן מאַסיוו מיט פּשוטער יידישקייט פון פּשוטן שטייגער זעען מיר ניט.

און דערפאַר איז ספרד באַלד אַראָפּגעפאַלן אין אַ ירידה און די ירידה ציט זיך ביז הײַנט. די העגעמאָניע איז גלײַך פון בבל אַריבער צו אשכנז, וואָס איז געווען אָפּגעשניטן פון די הערשערישע פעלקער און געלעבט אין גאַנצן פאַר זיך. עס איז געווען אַ „געטאָ״! וועט מען שרייען. יאָ, טאָקע אַ געטאָ,

אָבער אַן אויטאָנאָמע געטאָ. עס זאָגט די גמרא: יאה עניותא לישראל — עס קליידט יידן אָרעמקייט. ווייס איך ניט צי עס איז אַזוי, אָבער פון דער גאַנצער געשיכטע זע איך, אַז יאה געטאָ לישראל. יידישקייט קען האָבן אַ קיום דווקא ווען יידן זײַנען אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון די הערשנדיקע פעלקער. קען זײַן אַ מחיצה, אַ שווערע, אַ גרויזאַמע, אָבער אַן איר האַלט זיך ניט קיין יידישקייט ביי יידן. און אַזוי איז שפּעטער אויך געווען אין אשכנז נאָך דער עמאַנציפּאַציע פון יידישע יחידים אָן רעכט פאַר אַ באַזונדערער יידישער אויטאָנאָמיע. און אַזוי ווידער אין אַלע נײַע יידישע ישובים מיט פולע אָדער ניט פולע רעכט פאַר יידישע יחידים אָן רעכט פאַר באַזונדערע יידישע קאָלעק־טיוון, אָן אויטאָנאָמיע.

וואָס זשע לערנט אונדז דער גאַנצער היסטאָרישער איבערזיכט?

עס לערנט אונדז עטלעכע זאַכן:

1. — די רעכט פאַר די יחידים יידן אין פרעמדע לענדער האָבן אונדז צו טײַער געקאָסט. מיר האָבן פאַר די יחידישע רעכט באַצאָלט מיט די רעכט פון יידישע קאָלעקטיוון. מענטשן זײַנען געזעלשאַפטלעכע באַשעפענישן, ניטאָ קיין לעבן פון יחידים. מענטשן געהערן צו די קאָלעקטיוון, וואָס אין זייער לעבן זײַנען זיי אײַנגעגלידערט. זײַן אײַנגעגלידערט אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט פון דעם ניט יידישן פאָלק און דאָך בלײַבן אַ ייד — דאָס איז אַ שווערע אויפגאַב. יידן האָבן אָנגענומען די פאָרמול פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, „יידן ווי בירגער אַלע רעכט, אָבער יידן ווי אַ פאָלק קיינע רעכט". און דערמיט האָבן די יידן אַליין אונטערגעשריבן אַ טויטאורטייל פאַר שעפערישער יידישקייט. אַזוי איז געווען אין פראַנקרייך און אַזוי אין גאַנץ מערב־אייראָפּע און אַזוי וואָלט אויך געווען אין די פאַרזיכיקע מדינות וואָס זײַנען געווען צווישןביידע מלחמות אויף דעם שטח פון יידישן מזרח־אייראָפּע.

און אַזוי איז אויך אין אַלע נײַע ישובים איבער דער גאָרער וועלט.

יידישקייט קען האָבן אַ קיום און זי קען זיך אַנטוויקלען נאָר ווען יידישע יחידים געהערן צו יידישע קאָלעקטיוון און דורך די יידישע קאָלעקטיוון זײַנען זיי פאַרבונדן מיט דער אָרומיקער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז יידישקייט קען זיך אַנטוויקלען נאָר ביי יידישע אויטאָנאָמיעס.

דאָס איז דער ערשטער אויספיר פון אונדזער געשיכטע.

2. — יידישע אויטאָנאָמיעס קענען זײַן געצוווּנגען און זיי קענען זײַן פרייע. ביז איצט זײַנען אונדזערע אויטאָנאָמיעס געווען על פי רוב געצוווּנגענע. מיט אַן אַנדער נאָמען רופן מיר זיי „געטאָ". אין די באַדינגונגען פון אַ געטאָ

צאַלט דער יחיד, יעדער יחיד באַזונדער מיט זיינע שווערקייטן פאַר די אויפטועז פון קאַלעקטיוו. אַן דער אויטאָנאָמיע, אַן דער געטאָ צאַלט דער יידישער קאַלעקטיוו מיט זײַן אַטראָפּיע פאַר די רעכט פון די יחידים.

3. — מיר לערנען ווײַטער פון אונדזער געשיכטע, אַז די גליקן פון די יידישע יחידים פון דער עמאַנציפּאַציע זײַנען קיין מאָל ניט געווען קיין דויערנדיקע. צו ערשט קומט דער חורבן פון די יידישע קאַלעקטיוון דורך דער עמאַנציפּאַציע. די יידישע יחידים האָבן מער ניט דעם רייף וואָס בינדט זיי צונויף אין קאַלעקטיוון. יעדער יחיד באַזונדער איז געשטעלט פאַר די שווע־ריקייטן צו געהערן צו צוויי פאַרשיידענע קאַלעקטיוון. מיר האָבן גערעדט וועגן די אינעווייניקסטע שווערקייט פון אַזאַ מין טאָפּעלער פערזענלכקייט. זי אַטראָ־פירט די גייסטיקע ענערגיע פון די פערזאָנען. זיי בלייבן פרייע מענטשן מיט קנעכטישע נשמות (אחד העמס „קנעכטשאַפט אין פרייהייט"). דעמאָלט קומט אַ מאָמענט ווען די גאַנצע עמאַנציפּאַציע פּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז. אין לעצטן סך הכול צאָלן ווידער די יידישע יחידים פאַרן פאַרלירן די יידישע קאַלעקטיוו־אויטאָנאָמיעס. אפשר פרייען זיך די זיידעס מיט דער עמאַנציפּאַציע, אָבער עס וויינען די אייניקלעך. ניט אין לעקציע האָבן מיר שוין געהאַט. ניט איין דייטשי־שער ייד האָט געוויינט פאַר די פריידן פון זײַנע זיידעס מיט אַ הונדערט יאָר צוריק.

די גליקן פון דער עמאַנציפּאַציע אין פרעמדע לענדער קרענקען אויס די אייניקלעך, אָבער שוין ניט די אוראייניקלעך. צוערשט טאַנצן די יידן אַליין אויף די חורבות פון יידישקייט, שפּעטער אין אַ פּאָר דורות באַוויינען יידן דעם חורבן פון יידנטום... סיידן עס איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל וויינען...

4. — בכן, איז די לעקציע וואָס אונדזער אַלטע באָבע־געשיכטע לערנט אונדז אַ גאַנץ קלאָרע: אַן אויטאָנאָמיע גייט אונטער יידישקייט, גייט אונטער יידנטום. די אויטאָנאָמיעס קענען זיין געצוווּנגענע אָדער פרייע, אָבער אויטאָ־נאָם מוזן זיי זײַן.

איך פרעג ניט: צו וואָס דאַרף מען יידישקייט? זאָל זי אונטערגיין! איך שטעל ניט קיינע אויפגאַבעס, קיינע מיסיאָנען און קיינע פונקציעס וואָס צוליב זיי און פאַר זיי דאַרפן מיר האָבן יידישקייט. ניין. יעדער אָרגאַניזם איז פון דער נאַטור באַשאַנקען אָדער פאַרשאַלטן מיט צוויי אינסטינקטן: דערהאַלטן דעם אינדיווידו און דערהאַלטן דעם קיום פון קאַלעקטיוו, פון דעם אַרט. פאָלק איז אַ קאַלעקטיווער אָרגאַניזם. און ווי אַלע אָרגאַניזמען לעבט עס ווייל עס וויל לעבן, עס שטרעבט אויפצוהאַלטן דעם קיום, דאָס לעבן פון דעם קאַלעקטיוו.

יעדער יחיד וואָס גייט אַרום בייטאָג מיט ליכט און זוכט און טראַכט וואָס איז דער זינען פון מיין לעבן, — יעדער מענטש אַזאַ איז שוין קראַנק. דאָס זוכן דעם זינען פאַר דעם אייגענעם לעבן איז אַ קראַנקייט. און אַזוי זײַנען אַלע די וואָס טראָגן זיך אַרום מיט די זוכענישן וואָס זיי זוכן דעם זינען פון לעבן פון יידישן פאָלק, עס איז אַ קראַנקייט צו זוכן דעם זינען און דעם ציל פון יידישקייט, דעם זכות הקיום פון יידישן פאָלק. צו גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער ווילן מיר לעבן און מיר לעבן כדי צו לעבן, כדי עס זאָל לעבן אונדזער יידישקייט.

5. — וואָס הייסט דאָס לעבן פון אַ פאָלק? דאָס לעבן פון איטלעכן אינדיווויד איז ספּעציפיש. דאָס לעבן פון יעדער קאָלעקטיוון אָרגאַניזם איז אויך ספּעציפיש — עטנאָגראַפיש און קולטורעל. איינהיטן אָט דאָס ספּעציפיש־יידישע דורך דורות און דורות — דאָס איז דער זינען און דער ציל און די אויפגאַבע פון יידן. און אויב עס איז ניטאָ קיין קיום פון יידישקייט אָן אַן אויטאָנאָמיע, דאַרפן מיר זיך באַמיען וועגן אַזאַ אויטאָנאָמיע, כדי צו האָבן אַן אויטאָנאָמע יידישקייט.

מיר ריידן אָבער דאָ ניט וועגן אויטאָנאָמיעס ווי עלעמענטן פון פּאָליטישע פּראָגראַמען, וואָס מען שטעלט אַריין אין פּאַרטיי־פּראָגראַמען כדי צו קעמפן פּאָליטיש פאַר זיי. מיר ריידן דאָ וועגן אויטאָנאָמער יידישקייט וואָס יידן אַליין זײַנען מקיים.

כל זמן סאָציאַליזם איז געווען אַן אידעאַל וואָס דאַרף באַהערשן די וועלט, כל זמן ער איז אַ פּראָגראַם פון פּאַרטייען, צו קעמפן פאַר אים, פאַרמעסטן זיך מיט כוחות וועגן אים, כל זמן דאָס איז אַזוי, איז עס ניט קיין יידישער סאָציאַליזם. אַ יידישער איז געוואָרן דער סאָציאַליזם, ווען יידן־סאָציאַליסטן זײַנען אַוועק פון אַלע וועלט־פּאָליטיקעס און האָבן פון אים געמאַכט אַ מצווה וואָס מען דאַרף מקיים זיין אין אייגענעם לעבן. אויפן אַלטן יידישן שטייגער. סאָציאַליזם ניט פאַר קאַמף, כדי צו באַהערשן לענדער און מדינות, נאָר סאָציאַליזם צו פירן אַזוי דאָס אייגענע לעבן.

דער יידישער סאָציאַליזם איז מיט אַ פרומער ברכה: „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות סאָציאַליזם אין מיין לעבן״.

כל זמן אויטאָנאָמיע איז געווען אַ פּונקט אין פּראָגראַמען, האָט זי ניט געהאַט קיין יידישן טעם און דער סוף איז — ווי מיר האָבן אים געזען. מיר ריידן דאָ, מיר טראַכטן דאָ וועגן אַן אויטאָנאָמער יידישקייט וואָס יידן זײַנען

מקיים אין אייגענעם לעבן, אויטאָנאָמיע ווי אַ מצווה, מיצוות קיום היהדות — די מצווה אויפצוהאַלטן און אויפצוהיטן יידישקייט.

מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט אַז דאָס לעבן פון אַ קאָלעקטיוו באַשטייט אין אויפהיטן דאָס ספּעציפישעס פון דעם פאָלק דורך דורות. מיר פאַרגלייכן תמיד יידישקייט צו אַ שטראָם. איטלעך לעבן איז אַ שטראָם אין צייט. און אַ שטראָם האָט צוויי אייגנשאַפטן: ער איז המשך. ציט זיך דער נילוס פון די רעגנרייכע בערג אין מיטן אַפריקע ביז די טרוקענע טאָלן פון מצריים און אין ים אריין; ציט זיך דער מיסיסיפּי טייך פון די קאַלטע צפון שטאַטן אין אַמעריקע ביז דעם הייסן מעקסיקאַנער אייגגוס. און יעדער טייך איז איין המשך, איין גאַנג. און דער צווייטער סימן פון אַ שטראָם — ער ענדערט זיך, ער וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך. אָדער ער טריקנט אויס און פאַרלירט זיך אין די זאַמדן פון אַ מדבר... איינהייטלעכער שטראָם דורך צייטן, המשך און די כסדרדיקע באַנײַונגען, ענדערונגען, נייעסן. דאָס איז דאָס לעבן פון אַ פאָלק, אויך דאָס לעבן פון יידישן פאָלק. דאָס איז דער זינען פון אויטאָנאָמער יידישקייט.

דריי מדרגות פון אויטאָנאָמיע

אויטאָנאָמיע קען געמאָלט זײַן אין עטלעכע מדרגות. די פולסטע מדרגה פון אויטאָנאָמיע האָבן מיר איצט אין דער יידישער מדינה. דאָ איז דאָס גאַנצע לעבן געבויט און געפירט לויט די באַדערפענישן און די פאַרשטעלונגען פון יידישן פאָלק. דאָס פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבן, די קולטור און ציוויליזאַציע — אַלץ איז פּלאַנירט דורך יידן פאַר יידן, פאַר דעם יידישן קאָלעקטיוו. יעדער יחיד איז משועבד, אונטערטעניק צו די באַדערפעניש פון כלל. די דערציִונג און קולטור אויסגעפּלאַנירט און געפירט לויט די נויטן פון פאָלק ישראל, די אַרמיי און די שטײַער־סיסטעם — אַלץ האָט אין זינען דעם יידישן קאָלעקטיוו, און די רעגירונג גיט עס אַכטונג יעדער יחיד זאָל דינען די אינטערעסן פון כלל, זאָל ברענגען די קרבנות וואָס דער כלל דאַרף. די דערציִונג דאַרף עס ברענגען, דער יחיד זאָל זײַן וויליק צו ברענגען די נויטיקע קרבנות. די קולטור דאַרף עס היטן, דער שטראָם פון פאָלקס לעבן זאָל גיין כסדר אומגעשטערט איבער דורות. די אַרמיי דאַרף עס היטן אַז קיין זאַך פון דרויסן זאָל ניט שטערן דעם שטראָם פון יידיש לעבן, פון יידישקייט.

דאָס איז די פולסטע פאָרעם פון אויטאָנאָמיע. מיר האָבן פון פאַרצייטן אַן ניט געהאַט נאָך אַזאַ ברייטע אויטאָנאָמיע.

אונדזערע אויטאָנאָמיעס זײַנען אַלע געווען טײלווייזע. מיר האָבן געהאַט פּליכטן פאַר אַ פרעמדער מדינה און יעדער יידישער יחיד איז געווען פאַרפליכט צו דעם יידישן קאָלעקטיוו. די פרעמדע ניט יידישע מאַכט האָט זיך גערעכנט מיט דעם יידישן כלל, ניט מיט דעם יחיד. דאָס האָט דעם יחיד געמאַכט אונטער־טעניק צום יידישן כלל, צום קהל. און וויפל עבירות — ריכטיקע און אויסגע־טראַכטע — מען האָט אַלץ געפונען אויף קהל, איז ער געווען העכער פון דער קנעכטשאַפט ביי אַנדערע פעלקער.

מיר װעלן נעמען, למשל, די אויטאָנאָמיע פון אונדזערע שטעטלעך. קולטור און דערציִונג, ציווילער רעגיסטער, און געריכט־וועזן — דאָס אַלץ איז געווען אין די הענט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו. אַזוי אויך די סאָציאַלע הילף. די אויטאָנאָמיע איז געווען אויסערלעך זייער שווער. אָרעם און געדריקט איז געווען דאָס יידישע לעבן. אָבער אינערלעך איז דאָס לעבן געווען אויסערגעוויינ־לעך רײַך. אונדזער גאַנצע קולטור — די רעליגיעזע און די וועלטלעכע איז אַ פּראָ־דוקט פון שטעטל, ווי מיר האָבן דאָס שוין ניט איין מאָל אונטערשטראָכן. אונדזער גאַנצער קולטור־פאַרמעגן וואָס בכתב — אַלץ קומט פון דאָרטן. און נאָך מער — האָט דאָס שטעטל פאַרמאָגט אַ קוואַל ניט אויסצושעפּן פון קולטור וואָס איז נאָך ניט געווען פיקסירט אין וואָרט און אין קונסט. מיר פאַרמאָגן קיין זאַך ניט וואָס עס איז ניט געקומען צו אונדז פון שטעטל. מען באַרימט זיך מיט דעם תנ״ך, מיט דער קולטור פון ספרד, — אַלץ ריכטיק, אָבער דאָס אַלץ האָבן מיר געקראָגן נאָך דורך דעם שטעטל, קיין מאָל ניט דירעקט. אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע אויפטוען, אַלע אונדזערע דערגרייכונגען אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב — אַלץ האָבן מיר געקראָגן פון שטעטל. אַלע וועלט־באַרימטע נעמען אונדזערע ציען זייערע וואָרצלען פון שטעטל. פון אונדזער אויטאָנאָם לעבן אין אָרעמען, בלאָטיקן, פאַרחושכטן שטעטל.

און אָט די אויטאָנאָמיע איז אַלע מאָל געווען אַ געצוווּנגענע, מיר האָבן געלעבט אין שטעטל, ווייל מען האָט אונדז ניט געלאָזן אַרויסגיין פון שטעטל. און עס איז ניט געווען צו וועמען צו גיין. צום פריץ איז צו הויך, צום פויער — צו נידעריק. און אַז עס איז געקומען די השכלה, מען האָט דאָס שטעטל פאַר־מיאוסט אַ סך מער ווי עס איז געווען, ווײַל דאָס שטעטל איז אַלע מאָל געווען שענער, גייסטיק שענער און העכער, ניט בלויז פון דעם גוישן דאָרף נאָר אויך פון דעם געפּוצטן פּריצישן הויף, האָט מען אָבער דאָס שטעטל אויסגעשפּאָט און אויסגעלאַכט. מען האָט געבענקט און געוואַרט אויף עמאַנציפּאַציע פון דער האַנט פון גוטן און געבילדעטן פריץ. און אַז די האָפענונג איז אויך דערטרונקען

געוואָרן אין בלוט פון פּאָגראָמען, האָט מען אַלץ געבענקט נאָך עמאַנציפּאַציע. פון וואָס ? עמאַנציפּאַציע פון יידישקייט האָט מען געוואָלט, האָט מען זיך דער־טראַכט צו אַן אידעאַל פון אייגענע פויערים. אַזוי הויך האָט מען געהאַלטן דאָס פויערים־פאָלק ! אַן אידעאַל פון דער סאָכע, ווען אין דער וועלט האָט מען די סאָכעס גענומען אַרויסוואַרפן שוין. דער סוף פּסוק : אונדזער אויטאָנאָמיע איז געווען אַ געצוווּנגענע. יידן אַליין האָבן ניט גענומען קיין אויטאָנאָמיע אפילו וויפל זיי האָבן געקאָנט, אפילו ווען זיי האָבן געקאָנט. „יידישע טעכטער זײַנען שיין, נאָר די אָרעמקייט מאַכט זיי מיאוס״, זאָגט די גמרא. און מען מעג זאָגן, אַז דאָס יידישע שטעטל איז געווען זייער שיין, נאָר די אָרעמקייט און דער דרוק האָט זיי פאַרמיאוסט אין די אויגן פון די יידן גופא. וועל איך דאָ ניט אָנרירן די פּראָבלעם פון וואָנען עס האָט זיך גענומען ביי יידן אַזאַ האַס און ביטול ניט נאָר צו דער אָרעמקייט פון שטעטל, נאָר צו די יידן אין שטעטל, צום יידישן פאָלק וואָס אין שטעטל. דאָס האָב איך געפּרובירט באַהאַנדלען אין מיין אַרבעט וועגן עגאָפאָביע. דאָ וועט זײַן גענוג צו זאָגן, אַז מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע געהאַט : פולע אויטאָנאָמיע אין אַ מדינה, און אויך איצט האָבן מיר אַזאַ אויטאָ־נאָמיע אין אונדזער נייער מדינה. און מיר האָבן געהאַט אַ טיילווייזע אויטאָנאָמיע אין די שטעטלעך. וועל איך זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז די מיליטערישע פאַרזי־כיקייט איז ניט קיין ציל פאַר זיך, זי איז נאָר אַ מיטל אײַנצוהיטן די גײַסטיקע, די קולטור־אויטאָנאָמיע. און בנוגע צו דער קולטור־שעפערישקייט האָט די טיילווייזע אויטאָנאָמיע פון דער פּערסישער תקופה פאַרצייטן, און פון דער שטעטלשער תקופה איצט, אויפגעטאָן ניט ווייניקער ווי די פולע אויטאָנאָמיע.

תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי ; ירושלים דארץ ישראל און זעקס הונדערט יאָר ירושלים דליטא. וואָסער קולטור־ירושה איז רײַכער, שעפערישער !

און דאָ קומען מיר צום אויספיר :

יידישקייט, דאָס יידישע פאָלק קען האָבן אַ קיום נאָר אין אויטאָנאָמע קולטור־קאָלעקטיוון. אַזוינע קאָלעקטיוון וואָלטן איצט געקאָנט געשאַפן ווערן, געפירט ווערן אין אַ סך לענדער, ווו די רעכט דערלאָזן דאָס. אָבער אָט די אויטאָנאָמע קולטור־קאָלעקטיוון קענען זיין נאָר פּריוויליקע, דער פרײַער גוטער ווילן פון די יידן אַלײַן דאַרף זיי אָרגאַניזירן און פירן. אָבער די צרות וואָס יידן האָבן זיך אָנגעליטן אין די געטאָס, האָבן ביי זיי צעפּלאָנטערט די באַגריפן און מען פאַרמישט די יוצרות צווישן געטאָ און אויטאָנאָמיע. מען דערשרעקט זיך און מען וואַרפט אָפּ די אויטאָנאָמיע מחמת שרעק פאַר דער געטאָ. און מיר האָבן געזען : די פּרייוויליקע אויטאָנאָמיע איז בכוח צו פאַרמיידן די געשפּאָלטנ־

קייט פון דער נשמה ביי דעם מאָדערנעם יידן אין צייט פון אורבאַניזאַציע, זי קען דעם יונגן יידן געבן מער מוט און כוח צו לעבן. די אויטאָנאָמע ישובים אין דער וועלט קענען ניט אין פאַרגלייך מער העלפן דער מדינה. בכן קען אויטאָנאָמע יידישקייט אָפּהיטן פון סכנות פון געטאָ און פאַרקערט. עס זיינען געווען און עס זיינען אויך דאָ גרופּעס יידן וואָס פירן יאָ אַזוינע אויטאָנאָמע קהילות, דאָס זיינען רעליגיעזע. אָבער זייער אויטאָנאָמע קולטור האָט אַ גוואַל־דיקן דעפעקט: זיי טוען דאָס מחמת יראת שמים און ניט מחמת אמונת ישראל. דערפאַר איז זייער קולטור איינזייטיק. וועל איך דאָ זיך ניט פאַרנעמען מיט דעם אַנאַליז פון פאַרטייאישער רעליגיעזקייט אָדער פון רעליגיעזער פּאָליטיק. איך וועל אָבער זיך באַמיען צו דערקלערן דעם באַגריף אמונת ישראל.

אמונת ישראל

מען דערציילט אַז אַ חסיד איז אַ מאָל געקומען צו זיין רבין און געבעטן אַ תרופה צו יראת שמים. האָט דער רבי אים געזאָגט:

— דווקא ווילסטו יראת שמים? און אהבת שמים איז דיר ווייניק?

— טאָ גיט מיר, רבי, אַ תרופה צו אהבת שמים!...

— אהבת ישראל, — האָט דער רבי געזאָגט, איז שקולה כנגד אהבת שמים... אין דעם ענטפער ליגט אַ גרויסער ענין. לאָמיר אָבער גיין כסדר.

בדרך כלל פלאָנטערט מען ביי יידן: ווי נאָר מען באַנוצט דאָס וואָרט אמונה, פרעגט מען איך גלייך: גלייבט איר אין גאָט אַזוי ווי אייער באָבע האָט געגלויבט? גלייבט איר אויך אין אָפּשפּרעכן אַן עין הרע? אין שיר המעלותן?... מאַלע וואָס פאַר אַ פראַגן פון דעם מין מען קען אַלץ פרעגן. אַ פריינד איינער — אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַן ארייגעטראַכטער, לערנט אַ סך, און ווייס אַ סך, אָבער ער פרעגט מיר כסדר: — צי גלייב איך אין אַ פּערזענלעכן גאָט, וואָס ער קען ניט אויסקומען אָן אַזאַ גאָט? ווי האָט עס גאָט דערלאָזט צו דעם חורבן?

כל זמן איך גיב אים ניט קיין ענטפער אויף די פראַגעס, זיינען אַלע מיינע געדאַנקען גאָר ניט ווערט פאַר אים. איז אָבער די מעשה גאָר אַנדערש. עס איז אין דער יידישער טראַדיציע זיך ניט צו פאַרנעמען מיט קיין טעאָלאָגיע. מיט גאָט־פּראָבלעמען. יידישקייט האָט צו טאָן מיט דעם יידישן פאָלק, מיט זיינע איינהאַלטן, מיט זיינע אייגנשאַפטן, אָבער נים מיט גאָט. דער יידישע גאָט בעט

זיך גאָר — לאָזט מיך צו רו, איר היט די תורה, ד"ה יידישקייט. גיי איך דאָ לגמרי ניט אַרײַן אין די פראַגן וועגן גאָט. ריידן מיר נאָר וועגן יידישן פאָלק.

וואָס זשע מיינט אמונה, רעליגיע פון יידישקייט? רעליגיע איז דאָך ביי אַלעמען פאַרבונדן מיט גאָט? וועלן מיר טאַקע אין הסכם מיט אונדזער טראַדיציע ניט ניצן דאָס וואָרט רעליגיע, מיר וועלן קלאָר און בפירוש ריידן וועגן אמונה אין יידישקייט.

אמונה האָט צוויי באַטייטן: מען קען זיין אַ מאמין, מען גלייבט אין אַ באַשטימטן סכום זאַכן. און אַ מענטש קען זיין אַ נאמן — אַ געטרייער, אַן איבערגעגעבענער פאַר עפּעס. צי ער גלייבט אָדער ניט. עס איז אַ מאַמע געטריי איבערגעגעבן איר קינד, זי דאַרף גאָר ניט גלייבן אַז דווקא איר קינד איז דאָס בעסטע, און קיין בעסערס איז גאָר ניטאָ. זי איז געטריי, ווייל דאָס קינד איז אירס. דאָס אַליין איז פאַר איר גענוג צו זיין געטריי איבערגעגעבן. דאָס איז געטרייקייט אָן גלויבן. און עס קען זיין אויך פאַרקערט, אַ גלויבן אָן געטרייקייט. איך קען גלייבן, אַז דער אָדער יענער מענטש זאָגט ריכטיק, ער דערציילט אמת, אָבער זיין אמת איז מיך צו גאָרניט מחייב. אַזוי איז אויך מיט אמונת ישראל. עס רעדט זיך וועגן געטרייקייט צו יידישקייט, צום יידישן פאָלק, צו זיין קולטור. עס גייט מיר נישט צי איז די יידישע קולטור די בעסטע, די יידישע ליטעראַטור — די שענסטע און יידישע לשונות זאָלן זיין די וויכטיקסטע אין דער וועלט. עס איז גענוג פאַר מיר וואָס זיי זיינען מיינע, אונדזערע, און איך וויל זיך האַלטן ביי זיי. איך בין ניט איינגעגלויבט אין גן עדן און אין גיהנום, אָבער עס זיינען מיר ליב און טייער די טראַדיציעס פון מיין יידיש פאָלק, איך האָב ליב דאָס עסן פון יידישע טראַדיציעס, און אַזוי איז עס געוועזן אויך געשיכטלעך. ניט דער מעמד הר סיני האָט געשאַפן דאָס יידישע פאָלק, דאָס יידישע פאָלק איז געוועזן נאָך פריער פאַר מתן תורה, די יידישקייט, די פאַרזיכיקע יידישע פירונגען — זיי זיינען געוואָרן די תורה פון יידישן פאָלק. די יידישע טראַדיציעס זיינען די תורה און זי איז אַזוי ליב און טייער, אַז אונדזער גאָט זיצט אויך און ער לערנט. כדי צו זיין אַ געטרייער ייד, דאַרף מען גאָר ניט זיין דווקא אַ פרומער ייד לויט דעם גאַנצן שולחן ערוך. מען דאַרף זיין צוגעבונדן צו יידישע טראַדיציעס און שטייגער, דערפאַר ווייל זיי זיינען אונדזערע, יידישע. איך גלייב ניט אין די נאַציאָנאַלע געפילן פון די וואָס שטעלן זיך איין דווקא פאַר רעכט צו האָדעווען חזירים אין אַ קיבוץ. איך קען ניט פאַרשטיין די געטרייקייט פון די יידן וואָס פאָרן אַריין שבת אין מאה שערים מיט שטעקנס כדי צו קעמפן מיט די „פרומאַקעס" און נאָך פון

דעם מין. פונקט אַזוי קען איך ניט פאַרשטיין אַ יידישן רב, וואָס זאָגט מיר אַז פרצן טאָר מען ניט לייענען, ווייל ער האָט ניט געלייגט קיין תפילין און די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אייערע(!) איז טריף פסול.

פונקט ווי דער רמב״ם האָט געהאַלטן אַז אַ ייד וואָס גלייבט ניט אין תחית המתים איז אַ קנאַפּער ייד, אַזוי גלייב איך אַז דער פרימסטער ייד וואָס גלייבט ניט, וואָס האַלט ניט, וואָס אים איז ניט ליב דאָס יידישע לשון און דאָס וואָס עס איז פאַרבאָרגן אין דעם לשון, אַזאַ ייד איז אַ קנאַפּער ייד, מעג ער אפילו דאַוונען אין פינף פּאָר תפילין! איך גלייב מיטן גאַנצן האַרצן, אַז מען קען זיין אַ באַרימטער און אַ גרויסער ייד מיט אַ סך אויפטוען, אָבער אויב דאָס יידישע לשון גרילצט אים אין די אויערן, — אַזאַ ייד איז אַ קנאַפּער ייד. יידישקייט איז אַ שטראָם, אַ טייך קען ענדערן זיין אויסזען, אָבער ער קען ניט אוועקוואַרפן זיין וואַסער. יידישקייט־שטראָם איז אַ שטראָם פון טראַדיציעס, פּירונגען, לשון, געוווינהייטן און שריפטן; יידישקייט איז אַ פּראָצעס פון קול־טור־צירקולאַציע. די אַלע וואָס גלייבן ניט אין דעם, טראָגן ניט דעם יידישקייט־שטראָם פאָרויס. מיטן לשון פון דער יידישער אגדה וועל איך זיך אויס־דריקן: אָט די נשמות פון די יידן זיינען טאַקע געשטאַנען ביים באַרג סיני, נאָר זיי אַנטלויפן פון סיני צו אַנדערע בערג...

ווייל איך דאָ עטוואָס דעטאַליזירן די פונקטן פון דער אמונת ישראל, וואָס זי איז אַקטועל, וואָס זי דאַרף מחייב זיין אַלע דענקענדיקע און פילנ־דיקע יידן.

1. — די סכנות פאַרן קיום פון יידישן פאָלק זיינען איצט מער און שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער. די סכנות זיינען דרויסנדיקע מצד די פאַר־מערטע און געשטאַרקטע שונאים, וואָס זיינען ניט אין פאַרגלייך חוצפּהדיקער, צינישער און סאַדיסטישער געוואָרן, און זיי זיינען פאַראייניקטער, אָרגאַני־זירטער איבער דער גאַנצער וועלט. צינישער, בלוטדאַרשטיקער און פרעכער. גוטע זיינען געוואָרן זייערע לערער. מיר באַמערקן אים ניט כל זמן דער בלו־טיקער וואָלקאַן שלאָפט, אָבער ער קען זיך אויפכאַפּן אין יעדער מינוט.

נאָך געפערלעכער זיינען די סכנות אינעווייניק, אין פאָלק גופא:

א. — דורך דער גאַנצער געשיכטע זעען מיר, אַז אַלע יידישע ישובים וואָס האָבן איבערגענומען דאָס לשון פון הערשנדיקן פאָלק מיט זיין אלף בית און מיט זיין גראַמאַטיק, און מיט זיין אַקצענט, אַלע די שבטים זיינען אונטער־געגאַנגען. ניטאָ און ניט געלאָזט קיין יורשים. עס לעבן, אָדער געלאָזט יור־

שים נאָר די יידישע שבטים וואָס האָבן געהאַט אַן אייגן לשון, וואָס זיי האָבן געשאַפן, צוגעפּאַסט, איבערגעמאַכט און געשריבן מיט זייער אלף בית.

ב. — אַזאַ אייגן לשון האָבן געהאַט נאָר די יידן וואָס האָבן געלעבט אַן אויטאָנאָם לעבן. אין גלות, אָבער פאַר זיך, צווישן פעלקער, אָבער ניט אין די פעלקער.

ג. — עס זיינען געווען די יידישע שטעטלעך פאַרזיכיקע סאָציאַלע איינסן מיט אַלע ציווילע און סאָציאַלע פאַרזיכיקע איינריכטונגען.

ד. — נאָר די יידישע שבטים וואָס האָבן געלעבט אַזאַ אויטאָנאָם יידישן לעבן סאָציאַל, ציוויל, שטייגעריש און קולטורעל, האָבן אויך אויסגעפורעמט זייער רעליגיע מיט איר קולט. די גאַנצע האָפענונג אויף דעם ניסימדיקן פסוק „נצח ישראל לא ישקר" איז ניט מער ווי אַ חלום, וואָס האָט שוין אַ סך מאָל אָפּגענאַרט.

ה. — דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט זיין קולטור־אויטאָנאָמיע אַרויפ־געצווונגען דורך אַנדערע. עס איז אַ ביטערער וויץ פון דער גמרא, אַז אויך די גאַנצע יידישקייט האָט גאָט געמוזט אַרויפצווינגען אויף יידן. מיר האָבן ביז איצט זיך ניט אויסגעלערנט צו שאַפן און אויפבויען אַ פרייוויליקע אויטאָנאָמיע. אָבער געצווונגענע אויטאָנאָמיע איז דאָך אָבער פאַרט אַן אויטאָנאָמיע.

ו. — יידן האָבן תמיד טייער געצאָלט פאַר זייער אויטאָנאָמע קולטור. האָבן יידן געליטן, זיך מוסר נפש געווען. האָבן יידן זיך פעסט געהאַלטן צווישן אַנאַנד און זייער יידישקייט איז געוואָרן זייער הייליקע תורה. ווען אָבער דער דרויסנדיקער צוואַנג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, זיינען די יידן מיד און מאַט פון די דרויסנדיקע שוועריקייטן אַוועק אויך פון דער רעליגיע, — פאַר דער אינדיווידועלער פרייהייט האָבן יידן באַצאָלט מיט זייער אויטאָנאָמיע.

ז. — אומעטום לעבן איצט יידן אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע פעלקער, וואָס זייער שטייגער און קולטור און דערציונג זיינען אָבליגאַטאָריש. דערפאַר איז די סכנה פון אַסימילאַציע ניט אין פאַרגלייך גרעסער און אַל־וועלטלעכער. מיט דער איצטיקער אַסימילאַציע איז פאַרבונדן אויך אַ צעפּיצ־לונג, אַריינגיסן זיך אין פאַרשיידענע פעלקער אַריין.

ח. — מיט דער אָפּשוואַכונג פון יידישקייט, ווערט די סכנה פון דרויסן שטאַרקער: וואָס שוואַכער יידן זיינען אינעווייניק, ביי זיך, אַלץ פרעכער און דרייסטער ווערן די שונאים.

ט. — קיין טעאָלאָגישע רעליגיע, ווי עס זוכן אונדזערע מאָדערנע

„גאָטזוכערס״ קען ניט אָפּהאַלטן די סכנה. שטאַרקן די כוחות פון יידישן פאָלק קען נאָר די אמונת ישראל.

2. — און איצט וועגן אונדזער מדינה.

א. — די מדינה איז דאָס איינציקע ווינקעלע אויף דער וועלט, וווּ עס איז פאַראַן אַ פולע יידישע אויטאָנאָמיע. עס האָבן געבויט די מדינה יונגע יידן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן זייער יידישקייט געטראָגן פון די געצוווּנגענע אויטאָנאָמיעס. די האָבן געבויט און זיי בויען. פון זיי די ענערגיע און דער מוט צום בויען. זיי ברענגען די קולטור־ירושה און זיי האָבן אויך געבראַכט די שעדלעכע נעגאַציע פון גלות־קולטור. אַלע אַנדערע, וואָס זיינען שפּעטער געקומען, זיינען אַלע צוגעקומענע, ניט פון זיי די ענערגיע, ניט פון זיי דער אימפּעט. אָן דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט איז אויך דער צופלוס פון מוטיקער אמונה־פולער ענערגיע אין גרויסן ספק.

ב. — וואָס וויניקער מזרח־אייראָפּעישער גייסט, פון יידיש־פאָלקישער קולטור און שטייגער, אַלץ שוואַכער ווערט אויך דער צוצי־כוח פון די גלותן צו דער מדינה.

ג. — דער קיום פון דער מדינה אָן דער שטאַרקער אמונת ישראל, אָן דעם גלויבן אין יידישקייט אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע גלותן, ווערט אַלץ שווערער. דער קיום פון דער מדינה איז ענג פאַרבונדן מיט דעם טיפן יידישקייט־באַוווּסטזיין אין די גלותן, מיט דער ליבע פון יידן צו דער גלות־דיקער יידישקייט.

ד. — ביז היינט האָבן אַלע גלותן געבויט און געהאָלפן בויען די מדינה מיט דעם כוח און מיט דעם אימפּעט פון שטעטל. כדי דער כוח און דער אימפּעט זאָל ווייטער אָנהאַלטן אין די גלותן דאַרף די מדינה משפּיע זיין די ליבע און די אַכטונג אין דער גלות־יידישקייט, דעם גלויבן אין דער גלות־קולטור. די מדינה מיט איר פולער אויטאָנאָמיע קען דאָס שאַפן, קען דאָס אויספירן. זי קען עס, אויב זי וועט עס באַוווּסטזיניק וועלן, אויב זי וועט איינזען דעם גרויסן שאָדן, וואָס גרענעצט זיך מיט אומגליק פון דער שלילת הגלותדיקער קולטור־פּאָליטיק.

ה. — די צווייטע סכנה איז אין דער קולטור־פּאָליטיק פון דער מדינה. ביז דער דאָזיקער פּאָליטיק (זי האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער פון דער מדינה), איז געווען איין יידישקייט. ניט די תנכישע, נאָר דווקא די תלמודישע, וואָס די גוים האָבן זי פיינט, און אויף זיי קוקנדיק — אויך די משכילים און זייערע יורשים. די יידישקייט האָט געבאָרן אויך די נייערע, די וועלטלעכע

יידישקייט־קולטור. די שטעטלעך האָבן געשאַפן און די שטעט האָבן געזאַמלט און טראַנספאָרמירט. די מדינה האָט געשאַפן די סכנה פון צעשפּאַלטונג פון יידישקייט — צוויי קולטורן — אַ גלותדיקע יידישקייט און אַ ישראלדיקע. אין גלות — ווער עס דערווייטערט זיך פון יידישקייט, גייט אַוועק פון איר צו די גוים דירעקט. אין דער מדינה ווו עס איז דערווייל ניטאָ קיין קולטור פון אַ צווייט פאָלק, שפּאַלט זיך די יידישקייט גופא, און אָט די צעשפּאַלטענע יידישקייט קען, חלילה, דערפירן צו ווייט. פאַראַן אפילו עטלעכע גאָר שוואַכע סימנים פון אַזאַ מין טעאיזם אָן יידישקייט פון עטלעכע „גאָטזוכערס״. אונדזער געשיכטע ווייס פון אַזוינע ביטערע באַוועגונגען, ווען זיי וואַקסן זיך פאַנאַנדער.

ו. — די מדינה דאַרף לערנען דאָס גאַנצע פאָלק אין דער וועלט ווי אַריבערצופירן די יידישקייט פון די שטעטלעך אין דער אורבאַנישער וועלט אַריין, ווי אויסצובויען אַ פרייע אויטאָנאָמיע פון אַ געצווונגענער. אָן דעם וועט דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט אויפהערן גאָר גיך צו זיין איין פאָלק און אַ פאָלק בכלל, אָן שעפערישע כוחות וועט דאָס יידישע פאָלק ווערן אַ מין פאָסיל וואָס דאַוונט אויף אַ גויישן שטייגער פון אַ יידישן סידור. עס וועט אויך ניט האָבן מער קיין ווידערשטאַנד־כוחות קעגן דער בלוטיקער שינאה, וואָס זי וועט בלייבן און זיך שטאַרקן. דאָס פאָסילע יידנטום וועט אויך ניט האָבן קיין כוח און ניט קיין ווילן צו שטיצן די מדינה. עס וועט זיין געגליכן צו אַ בוים מיט געשטאָרבענע וואָרצלען — ער שטייט נאָך, ער האַלט זיך אויף דעם האַרטן טויטן האָלץ, אָבער אָן כוח קעגן אַלערליי מזיקים און פוילעניש.

3. — די אורבאַניזאַציע פון אונדזער תלמודיש־שטעטלשער קולטור — דאָס איז איצט די אויפגאַבע פון דעם דור באַוווסטזיניקע יידן אין דער וועלט צוזאַמען מיט דער מדינה. אַ סך ענדערונגען וועלן פאָרקומען און זיי וועלן דאַרפן קומען, אָבער עס איז בעסער אַ באַוווסטזיניקער רעוואָלט מחמת ליבע איידער אַ היטן מחמת שינאה און אַנדערע חשבונות. די חכמי התלמוד האָבן אין זייער צייט דאָס קלאָר געזאָגט „עס איז בעסער אַרויסרייסן עפּעס פון יידישקייט איידער זי זאָל פאַרגעסן ווערן אין גאַנצן״. פאַר די נוצן פון לעבן בכלל שניידט מען אָפּט אַרויס אָן אָרגאַן פון אָרגאַניזם, כדי אויפצוהאַלטן דעם גאַנצן. זיי האָבן טאַקע אין זייער צייט אַ סך געענדערט כדי צו פאַרוואַנדלען יידישקייט פון אַ גאָט־אמונה אין אַ פאָלק־אמונה, פון אַ טעאָלאָגישער אין אַ פאָלקישער, כדי יבנה זאָל באַהערשן די שטימונגען פון מצדה, כדי יידישקייט זאָל קענען לעבן אויך אָן אַ מדינה אויך אין גלותן.

מיר האָבן אָנגעמערקט געגויער די פּונקטן פון יענעם רעוואָלט אין אַ פּריערדיקן קאַפּיטל.

ב. — אַן ענלעכע ענדערונג וועט מוזן קומען אויך איצט ביים איבער־גאַנג פון שטעטל צו אורבאַניזאַציע. מען מוז אָבער גיין אין אַ פאַרקערטן וועג ווי עס איז געגאַנגען די רעפאָרעם־יידישקייט. זי האָט זיך באַמיט כסדר זיך צו דערווייטערן פון דער פריערדיקער יידישקייט און זיך צו דערנענטערן צו די גויישע קולטורן פון די לענדער. זיי ווילן זיך צופּאַסן צו דעם אַרום. און מיר דאַרפן, פאַרקערט, זיך באַמיען זיך צו האַלטן וואָס נענטער צו דעם שטעטלשן אינהאַלט און שטייגער, ניט צופּאַסן זיך צום אַרום נאָר, פאַרקערט, צופּאַסן דעם אַרום צו אונדז, אויסנוצן די מעגלעכקייטן צו קענען בלייבן וואָס מיר זיינען, איינהיטן אונדזער אייגענעם פּרצוף, אונדזער דורותדיקן מיר. די גאַנצע רעפאָרעם גייט אין ריכטונג פון פאָלק, בעת דער ריכטיקער וועג דאַרף זיין פאַרקערט, — צום פאָלק.

ג. — וואָלטן מיר געהאַט איצט פּשוטע יידן, אַ יידישע מאַסע, וואָס זיינען ווייט פון די שריפטן, פון דער גאַנצער שריפט־קולטור, אָבער זי לעבט אַ טראַדיציאָנעלן שטייגער, וואָלט דער וועג פון דער פאָלקיסטישער אינטע־ליגענץ געווען אַ קלאָרער: צום פאָלק, צו זיין שפּראַך, צו זיין שטייגער, לעבן דאָס פאָלקישע לעבן, פירן דעם פאָלקישן שטייגער, שעפּן פון פאָלק בוי־שטאָף פאַר קולטור, פאַר ליטעראַטור, פאַר קונסט — פאַר אַלץ. שווער איז עס איצט, ווען אַזוינע פאָלקישע מאַסן זיינען ביי אונדז מער שוין ניטאָ, און ווען מיר זאָגן איצט פאָלק, מיינען מיר דאָס וואָס איז געווען אין אונדזער נאָנטסטן עבר, מיר האָבן אַלע מאָל אין זינען די גאַנצע יידישקייט פון אונדזער חרובן שטעטל.

ד. — אַזאַ אומקער צו זיך פאָדערט אַ פולן גלויבן אין יידישקייט, אמונת ישראל, פון אַ טעאָלאָגישער גאָט־אמונה דאַרף קומען אַ נאַציאָנאַלע פאָלק־אמונה. די מדינה איז די היים פאַר דער גלות־קולטור. די פולע נעגאַציע צום גלות, אָבער די פולע אָנערקענונג צו דער גלות־קולטור וואָס האָט גובר געווען דעם גלות. פאַראַן אַ גמרא וואָס זאָגט, אַז די שולן און בתי מדרשים פון בבל וועלן זיך איינפּעסטיקן אין ארץ ישראל. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז ארץ ישראל וועט דעמאָלט זיין אַ יידישע ווען עס וועט געבויט ווערן פון דער גלות־קולטור.

ה. — אַ געזונט פאָלקס־לעבן איז אַלע מאָל אַזוי: דאָס נעכטיקע לעבן ווערט היינט די תורה געלערנט צו ווערן. דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע,

וואָס איז פאַרן קיום פון אַ פאָלק אַזוי וויכטיק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין אַן אינדיווידועלן אָרגאַניזם.

4. — די אויטאָנאָמע יידישקייט קען זיך אַנטוויקלען אין איר פולן פאַר־נעם טאָקע אין דער אייגענער מדינה. אין די גלותן קען זי באַשטיין פון:

א. יידישן שטייגער מיט יידיש לשון אין די היימען, אין דער געזעל־שאַפט, אין וואָרט, אין קונסט, אין געזאַנג און אין פאַרוויילונג.

ב. לערנען — פאַר זיך, קאָלעקטיוו אין די היימען, אין גרופּעס. וואָס לערנען? — דאָס אַלץ וואָס עס האָט אונדז געלאָזן דאָס שטעטל. דאָס נייע, דאָס יינגערע קומט פריער, פון נאָנטן צום ווייטן. דער אַלטער יידישער מנהג פון „קובע עתים לתורה" — לערנען ווי אַ טייל פון שטייגער, דאַרף אומבאַ־דינגט באַנייט ווערן.

ג. דאָס עסן מוז זיין טראַדיציאָנעל. אָט אַזוי עסן יידן, יידישע דורות. אין וועלטלעך־יידישן לעבן איז די טראַדיציע ניט ווייניקער הייליק ווי אין רעליגיעזן. דער אונטערשייד איז וואָס ניט דער שולחן ערוך פּסקנט וואָס עס איז יאָ יידיש און וואָס ניט, נייערט די יידישע טראַדיציע. אויך דער שולחן ערוך האָט דאָך ניט אויסגעטראַכט קיין יידישקייט, נאָר פיקסירט דאָס וואָס עס איז געווען טראַדיציאָנעל אין פאָלק. אַזאַ מין יידישע הלכה ווי יידיש־לשון איז דעמאָלט ניט געווען נויטיק צו פיקסירן, איצט אָבער מוז עס פיקסירט ווערן ווי די וויכטיקסטע מצווה פון יידישקייט.

ד. יידישקייט פאַרלאַנגט געזעלשאַפט. קיין היים קען ניט באַזאָרגן אַלץ. דערפאַר דאַרפן זיין קהילות, געזעלשאַפטן, גרופּעס וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער אָרגאַניזאַציע פון קולטור. עס נעמט אַריין דערציונג, לערנען פון דערוואַקסענע, פאַרוויילונג און אַנדערע אויפגאַבעס פון קאָלעקטיוון לעבן.

די אָרגאַניזאַציע און אָנפירונג פון דער קאָלעקטיווער קולטור פאַרלאַנגט קהלשע אָנגעשטעלטע פירער. דאָס זיינען די אויפגאַבעס פון די רבנים וכדומה.

די מצווה פון אַ ווירקלעכער קולטור־אויטאָנאָמיע

איך ווייס אַז דער געדאַנק פון אַזאַ אויטאָנאָמיע איז ווייט פון צו זיין פּראַקטיש רעאַל. און ניט דערפאַר וואָס אַ דרויסנדיקע מאַכט וועט ניט דער־לאָזן אַזאַ אויטאָנאָמיע, און ניט ווייל „אַמעריקע" וועט ניט דערלאָזן, קען ניט דולדן קיין סעפּאַראַטע קולטורן, אַחוץ רעליגיעס. ניין, די שוועריקייטן זיינען

אינעווייניקסטע: יידן אַליין ווערן ווייט ניט געוואָלט זיין אַנצונעמען אַזאַ אידעע און זיך נאָך האַלטן ביי איר, און פון זייער זייט וועט זיין די גרעסטע מניעה. יידן האָבן קיין מאָל ניט געשאַפן קיין קולטור־אויטאָנאָמיעס פּריוויליק, אָן דרויסנדיקע פאַקטאָרן. עס דערציילט דאָך אַ וויציקע אגדה, אַז אפילו ביים באַרג סיני זיינען זיי אויך געווען געצוווּנגען, ווייל גאָט האָט אויף זיי אויפ־געהויבן דעם באַרג און געמאָלדן: אָדער איר נעמט אָן די תורה, אָדער איר ווערט אַלע דאָ באַגראָבן אונטער דעם באַרג.

נייע אידעען בכלל נעמען זיך אָן זייער שווער און זייער פּאַמעלעך, דורות גייען אַריבער איידער עס נעמט זיך אָן אַן אידעע. און אַ פּריוויליקע קולטור־אויטאָנאָמיע איז פאַר יידן גאָר אַ נייע זאַך. אַלע אונדזערע אויטאָ־נאָמיעס האָבן געהאַט הילף מצד אַנדערע פאַקטאָרן, מצד אַנדערע סטימולן. עס האָט געדאַרפט זיין אַ פונק, וואָס צינדט אָן דעם פלאַם. פון זיך ווערן קיינע אידעען ניט געבאָרן. איז דער ציוניזם אַ טראַנספאָרמאַציע פון דער גאָר אור־אַלטער משיח־טעאָריע, וואָס איז קיין מאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן ביי יידן. און צו דעם זיינען דאָך געווען באַדינגונגען וואָס האָבן דער אַלטער אידעע געגעבן אַזאַ און ניט קיין אַנדערע געשטאַלטונג. זיינען אַלע אַנדערע אידעען ווי מדינה, ווי סאָציאַליזם, קאָמונע, קיבוץ, סינאַגאָגאַלע רעליגיע, וועלטלעכ־קייט — קיינע פון די אידעען איז ניט געווען קיין יש מאין, קיין שפּאָגל־נייע. די וואָרצלען ליגן אין אונדזער געשיכטע אָדער אין דער דרויסנדיקער וועלט. האָבן יידן פאַרציטן נאָך געבראַכט פון בבל אַ סכום אידעען, ווי תחית המתים, און נאָך. די פון זיי וואָס האָבן געקאָנט האָבן אַ השפעה אין יידישן לעבן, האָבן זיך אָנגענומען און באַקומען אַן אַנדער, אַ ריין יידישן פּנים, זיך אַריינגעוועבט אין געפלעכט פון יידישקייט. גוטוויליקע קולטור־אויטאָנאָמיע איז צו ניי פאַר יידן, עס שטימט אויך ניט מיט די אוראַלטע דרכים אין יידישקייט.

און אַחוץ דעם איז די צייט ניט מסוגל אויפצונעמען נייע אידעען. עס איז ניט דער אָנהייב פון יאָרהונדערט, ווען די גאַנצע וועלט, און די יידישע יוגנט האָט געהאַלטן אין איין וואַרטן אויף נייע אידעען, דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אָרט און פון זיין נעכטן, האָט מען געזוכט נייע ערטער און נייע פאָרמען פון לעבן און אויך נייע אידעען. היינט איז פאַרקערט.

די גאַנצע וועלט לעבט מיט אַ מאַסן־קולטור און מיט אַ מאַסן־ציווי־ליזאַציע. די גאַנצע קולטור ווערט פּראָדוצירט פאַבריקמעסיק און זי ווערט פאַרשפּרייט צוגלייך ווי אַלע אַנדערע פּראָדוקטן פאַר מיליאָנען, פאַר פעלקער. און ווידער האָט איצט די יידישע יוגנט ניט קיין דרויסנדיקע סטימולן

וואָס זאָלן זי טרייבן צו זוכן עפּעס נייע פאָרמען און נאָרמען אין לעבן; עס איז גרינגער זיך איינצואָרדענען אין לעבן, און... דרייט ניט קיין קאָפּ מיט נייע אומבאַקאַנטע אידעען...

די גאַנצע יידישע וועלט קוקט איצט אויף אידעען וואָס קומען פון דער אַרומיקער ניט־יידישער וועלט. אידעען און פאָרמען וואָס קומען פון דאָרטן זיינען גערנער, מער אימפּאָנירנדיק ווי געדאַנקען וואָס וואַקסן אַרויס נאָר פון יידישקייט.

בכלל אין דער וועלט איז איצט וויכטיק ניט אַזוי וואָס עס ווערט געזאָגט, ווי ווער עס זאָגט. מען איז לגמרי ניט וויליק אויסצוהערן אַ נייעם געדאַנק. עס איז באַקאַנט די געוואַלדיקע השפּעה וואָס עס האָט געהאַט אחד העם מיט זיין אַרטיקל „לא זו הדרך”. און ער איז דאָך געווען אַן אומבאַקאַנטער מענטש, אַן אָנפאַנגער, אַרויסגעטראָטן אין אַ צייטונג מיט אַ קליינער צירקולאַציע, און דער רעדאַקטאָר האָט ניט געהאַט קיין מורא צו דרוקן אַזאַ „מין אפּיקורסות”. היינט וואָלט אַזאַ אחד העם ערשטנס ניט געפונען קיין צייטונג וואָס זאָל גאָר וואַגן דאָס צו דרוקן. יעדער רעדאַקטאָר וואָלט זיין מאמר געוואָרפן אין קאָרב אַריין. און אויב יאָ, וואָלט אַזאַ אַרטיקל אַרויסגערופן אַ שלל פּראָטעסטן, פאַר וואָס מען דרוקט אין „אונדזער” צייטונג „אַזוינע נאַרישקייטן!” און דאָס יידישע פאָלק וואָלט זיכער פאַרלאָרן די גאַנצע אידעענוועלט פון אחד העם. און באַראַכאָוו וואָלט דען געהאַט אַ בעסערע מערכה? אָון אַזוי כסדר. אידעען דאַרפן איצט אויך זיין לויט דער מאָדע, ווי קליידער. און די אידעען־מאָדעס קומען צו אונדז איבערהויפּט ניט פון דער יידישער „פּראָדוקציע”. דער אידעען־געבער, מעג עס זיין אַ קלייניקייט, עפּעס אַן אָפּנייג פון דער מאָדע, דאַרף ער האָבן קודם כל „סמיכה” — „ווער איז ער?” און סמיכה דאַרף זיין, אָם בעסטן, פון אַ גוי, אָדער לכל הפחות פון יידן וואָס זיינען חשוב ביי גויים.

און ווייל מיר לעבן לויט מאָדעס וואָס קומען צו אונדז פון דער פרעמד, איז אין אונדזערן אַ היינטיקן יידן פאַראַן אַ שפּאַלט אין כאַראַקטער: די פרעמדע מאָדע שטימט דאָך ניט מיט די אוראַלטע טראַדיציעס וואָס אין אונדז, און וואָס מיר קענען גאָרניט אַנטלויפן פון זיי אפילו ווען מיר ריידן אַלע פרעמדע „רייכע” שפּראַכן און ווען מען רופט אונדז ניט איציק נאָר העראָלד... איז אונדזער ריין־מענטשלעכער, פערזענלעכער כאַראַקטער ווייט פון צו זיין אויפריכטיק, „תוכו כברו”; דער אינעווייניקסטער „איך” שטימט גאָר ניט מיט דעם פּנים וואָס מיר שטעלן אַרויס. זוכן מיר ניט עפּעס וואָס קליידט מיר אַליין, נאָר

וואָס עס איז מאָדערן. יידן דענקען היינט וויניקער ווי מען פלעגט דענקען: ניט עס איז דאָ צייט און ניט די געוווינהייט — ניט די היים, ניט די שול האָט ניט געגרייט צו דענקען...

און אפילו דער „פאָלקיזם", וואָס ליגט דאָך אין יסוד אויך פון דער אי־דעע פון אַ קולטור־אויטאָנאָמיע, אפילו זי איז דאָך געקומען צו אונדז פון דער בעסערער רוסישער אינטעליגענץ און פון איר וועלט אין פאַריקן יאָרהונדערט. און עס האָט געדאַרפט איבערגיין ניט איין צענדליק יאָר ביז אָט דער פאָלקיזם האָט זיך אָנגענומען ביי אונדז...

האָט דער פאָלקיזם ביי אונדז טאַקע געהונקען פון אָנהייב אָן אויך. ערשטנס איז ער געווען מער אַ ווערבאַלער. מען האָט גערעדט און מען רעדט פון פאָלקיזם, מער איידער מען פירט אים אין לעבן. און צווייטנס האָבן אפילו די טיפערע אידעאָלאָגן פון פאָלקיזם שווער געקאָנט אָפּטיילן צווישן גאָט און פאָלק, צווישן פאָלקישקייט און רעליגיע. איז אפילו אַזאַ טיפער און אויפריכ־טיקער דענקער ווי עס איז געווען ד״ר נתן בירנבוים אַוועק צו דער עקסטרעם־פרומער אגודת ישראל. און ווען מען פּרובירט זיך טיפער אָריענטירן אין דער אידעען־וועלט פון דער אגודה היינט, ווייס מען ניט וואָס איז דאָרטן מער: אמונת ישראל, אָדער אמונת הבורא, אָדער גאָר פּאָליטישע מאַכט־זוכעריי אין נאָמען פון גאָט. און ביז היינט זוכן נאָך גוטע יידן מער גאָט איידער זיי זוכן דאָס פאָלק ישראל. איז אויך פּרצעס וועלטלעכער פאָלקיזם געוואָרן... ליטעראַ־טור בלויז. האָט זשיטלאָווסקי אַליין פאַרבלאָנדזשעט נאָך ביים אייגענעם לעבן; האָט אַ ישראל עפּרויקין (וואָס איז געקומען צום וואָרט נאָר ווייל ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען די הוצאות וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן) גערופן צום פאָלקיזם אויב אפילו עס איז רעליגיעז, און ער איז פאַרגעסן אין גאַנצן.

זיינען איצט אין מדינת ישראל פאַראַן קליינע גרופּעס גוטע און טיפערע אינטעליגענטן, וואָס האָבן דערפילט די קאָלטקייט און פרעמדקייט פון דער „שלילת הגלות", און זיי זוכן, אָבער אָנשטאָט צו ווערן „פאָלקזוכער" זיינען זיי גאָר געוואָרן „גאָטזוכער". און, זאָלן זיי מיר מוחל זיין — צווישן זיי זיינען פאַראַן יחידים וואָס האָבן פאַרדינט אַ סך דרך ארץ צו זיך, גאָט דאַרף מען זוכן נאָר אין אייגענעם האַרץ, אַז מען זוכט אים אויסער זיך, מוז מען פאַר־בלאָנדזשן...

ווען איך נעם זוכן אמתן פאָלקיזם אין אונדזער עבר, קום איך ווידער און אָבער צום חסידיזם. ניט אומזיסט האָט דער פאָלקיסט פּרץ, וואָס איז אַליין גאָר ניט נאָנט געווען צום חסידיזם, דאָך אַזוי חסידיש פאַרדבקעט זיך אין

חסידיזם. אָבער אויך ער, דער חסידיזם, גייט איצט צו אָפּט אויף אַ פאַלשן וועג — צו גאָט מער ווי צום פאָלק. האָב איך ניט קיין מורא, חלילה, פאַרן יידישן גאָט, אָבער דעם יידישן גאָט דאַרף מען זוכן מיט אַ יידישן אַדרעס, לויט אַ יידישן אַדרעס. און דער יידישער גאָט האָט פון תלמוד אָן ניט געוווינט מער ערגעץ אַנדערש ווי ביי יידן, צווישן יידן, אין יידן.

עס קען אפשר קלינגען צו מאָדנע, אָבער עס איז פאַרט אַזוי: צום יידישן גאָט גייט דער וועג דורך וועלטלעכער יידישקייט. די יידישע רעליגיע איז די יידישע פאָלקישקייט. נאָך שווערער איז פאַר יידן היינט אין די נייע לענדער צו קומען צום גלויבן אין יידישן פאָלקיזם, ווייל אייגנטלעך האָבן מיר איצט ניט קיין יידישע פאָלקישקייט. ווייל די פאָלקישקייט איז דערשטיקט געוואָרן צוזאַמען מיטן אויסגעהרגטן פאָלק. און הגם צוויי דריטל פון פאָלק זיינען דאָך אַ דאַנק גאָט, געבליבן, דאָך אָבער איז די פאָלקישקייט געווען ביי דעם אומ־געבראַכטן דריטל. דער עק פון אַ קאָמעט איז אַלע מאָל אַ סך גרעסער פון דעם קאָמעט גופא, אָבער דאָך גייט דער גרויסער עק נאָך דעם קלענערן קאָמעט. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין יידישקייט, אַלץ איז נאָר די ירושה פון דער אונטערגעגאַנגענער פאָלקישקייט. און אונדזער פאָלקיזם איז אויך באַזירט בעיקר אויף דער פאָלקישקייט וואָס איז שוין ניטאָ. זי לעבט נאָר אין זכרון און אין די אָפּגלאַנצן וואָס זיינען נאָך געבליבן.

מיין אָפּטימיזם

און פון דעסטוועגן האַלט איך זיך ניט אָפּ פון פאַרלייגן מיינע אידעען, די געדאַנקען, הגם זיי זיינען ניט פּאָפּולער, הגם עס וועט נאָך זיכער געדויערן אַ סך איידער זיי וועלן ווערן פּאָפּולער. דאָס טו איך דערפאַר, ווייל עס איז מיין טיפער גלויבן, אַז דאָס איז דער איינציק־ריכטיקער וועג פאַרן יידישן פאָלק אין דער איצטיקער אורבאַנישער תקופה, עס איז מיין גלויבן, און איך גלייב, אַז עס איז אַן עבירה צו באַהאַלטן די געדאַנקען, הגם בלויז יחידים וועלן זיי קענען אָננעמען.

געדאַנקען וואָס מען גלייבט אין זיי, זיינען ניט קיין סחורות צום פאַר־קויפן און זיך צופּאַסן צום גוסט פון די קונים און צו דער מאָדע, וואָס איז גאַנגבאַר, וואָס די „קונדן" ווילן קריגן, ווילן קויפן און זיינען גרייט צו צאָלן

איך, אידעען וואָס מען גלייבט אין זיי, זיינען ניט אָפּהענגיק פון מאַרק און ניט פון מאָדע.

און צווייטנס, איז עס וואָס מען רופט אין דער מדינת ישראל „אין ברירה״: אַלע וואָס דענקען יידישקייט, וואָס טראַכטן וועגן אַ יידישן מאַרגן, וועגן אַ יידישער צוקונפט, — אַלע וועלן ביסלעכווייז מוזן קומען צו די זעלביקע געדאַנקען. אַלע אַנדערע אידעען וועגן יידישן אריינלעבן זיך אין די אַנדערע פעלקער, אַלע זיי האָבן געפּלאַצט אָדער זיי האַלטן אין פּלאַצן.

און פּלאַצן מוזן זיי — די אַלע טעאָריעס וועגן קענען צונויפלעבן זיך אין אַנדערע לענדער, מיט אַנדערע פעלקער. עס איז לגמרי ניט ענלעך ווי עס לעבן זיך צונויף מענטשן בכלל פון פאַרשיידענע רעליגיעס. דאָרטן זיינען זיי אַלע פון איין קולטור, וואָס אונטערשיידן זיך נאָר מיט דעם גלח, וואָס איז זייער פאָרשטייער פאַר גאָט. די קולטור איז אָבער איינע און די זעלביקע. מיט יידן איז עס אַנדערש, די עצם קולטור, די באַוווסטזיניקע און נאָך מער די טיפערע, די אומבאַוווסטזיניקע, די אוראַלטע נשמות זיינען פאַרשיידענע. אמת, מען קען מיינען אַז די געמישטע חתונות, וואָס ווערן אַלץ מער און מער, לייקענען אָפּ וואָס איך זאָג דאָ. אָבער עס איז ניט אַזוי. ערשטנס, האָב איך ניט קיין סטאַטיסטיק פון גוטן צונויפלעבן זיך פון די געמישטע פּאָרלעך, צווייטנס קען מען בכלל ניט לערנען קיין גזרה שווה, ניט מאַכן קיין פאַרגלייך פון יחידים אויף קאָלעקטיוון, וואָס טויזנט יחידים קענען מאַכן, קען עס אָבער ניט געזאָגט ווערן וועגן אַ קאָלעקטיוו פון די זעלביקע טויזנט מענטשן.

אויסער דעם וואָס מיר און די אַנדערע אַלע פעלקער האָבן פאַרשיידענע טראַדיציעס, איז דאָך ביי זיי פאַראַן די אַלטע טראַדיציע אונדז פיינט צו האָבן. איז דאָך די שינאה צו יידן ניט קיין זאַך פון נעכטן. איז דאָך די שינאה צו יידן עלטער פון קריסטנטום נאָך, און זי זיצט נאָך טיפער ווי די עצם רעליגיע. האָט דאָך די שינאה דיקטירט פּונקטן פון דער רעליגיע. וועט דאָך מוזן קומען אַ מאָמענט ווען אַ טייל פון יידישן פאָלק וועט איינזען, אַז מען קען לעבן מיט אַנדערע פעלקער אין שכנות און זיין פאַר זיך, זיך האַלטן פאַר זיך. עלעהיי איך וווין אין אַ הויז מיט דעם בעל הבית פון הויז, אָבער אין אַ דירה פאַר זיך. און אין מיין דירה לעב איך ווי איך פאַרשטיי, ווי איך וויל און ווי איך בין געוווינט. דאָס איז די „היים־אויטאָנאָמיע״.

עס רעדט זיך לכתחילה פון נאָר אַ טייל יידן, פון „שאר ישוב״. גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק וועלן טאַקע פאַרלאָרן גיין אין אויסיידישונג, אָבער

טיילן פון יידישן פאָלק וועלן דאָך אָננעמען דעם מאָדוס פון היים־אויטאָנאָמיע אין די גלותן.

אַרבעטן, פאַרדינען, מאַכן אַ לעבן — מיט אַלעמען צוגלייך, מיט אַלעמען גלייך, צוזאַמען, אָבער נאָך דער אַרבעט, ביי זיך אין דער היים, בין איך ביי זיך, פאַר זיך, מיין היים איז פאַר זיך, באַזונדער, אויפן אַמעריקאַנער יידיש וואָלט איך געזאָגט: מאַכן אַ לעבן — צוזאַמען, אויסלעבן זיך באַזונדער. דאָ, בנוגע צום אויסלעבן זיך בין איך ביי זיך, מיט מיין משפחה און מיט מייניקע. דאָס איז דאָך דער זינען פון היים־אויטאָנאָמיע.

און ניט נאָר איז דאָס געזאָגט פאַר יידן. אויך אַנדערע פעלקער וועלן מוזן קומען דערצו. די קלוגע און ציוויליזירטע וועלט וועט נאָך פאַרגיסן ימים בלוט, אָבער זי וועט מוזן קומען צו דעם זעלביקן אויספיר: די וועלט איז איצט וויט פון צו זיין טעריטאָריעל צעטיילט צווישן פעלקער. עס זיינען כמעט ניטאָ קיין איינפאָלקישע שטחים. דאָס עקאָנאָמישע, אינדוסטרעלע לעבן מישט און מישט די פעלקער אין יעדער אָרט, אומעטום. וועט עס אַלץ שווערער ווערן צו באַשטימען — דער שטח איז באַוויזנט פון דעם פאָלק און יענער שטח — פון יענעם.

אָבער לעבנדיק אויף איין און דעם זעלביקן שטח פריי, האָבן דאָך מענטשן אַ נייגונג זיך אויסצולעבן „צווישן אייגענע". און דאָס מיינט טאָקע נאַציאָנאַל. וועט די וועלט פון מלחמות מוזן קומען צו דעם פּרינציפּ: מאַכן אַ לעבן צוזאַמען און אויסלעבן זיך באַזונדער.

פאַר יידן קומט דער פּרינציפּ פריער ווי פאַר אַנדערע, אָבער ער וועט קומען פאַר נאָך אַנדערע פעלקער. יידן דאַרפן האָבן פאַר דעם פּרינציפּ חלוצים. זיין באַדאַרף איז שוין דאָ, אָבער ער איז נאָך וויַיט ניט אָנגענומען, וויַיט פון צו זיין פּאָפּולער. שוין היינט זיינען פאַראַן אַזוינע קליינע גרופּעס וואָס לעבן לויט דעם פּרינציפּ. דאָס זיינען על פּי רוב רעליגיעזע יונגע אַמעריקאַנער יידן, וואָס פירן אַ רעליגיעז לעבן. פון צווישן די וועלטלעכע יידן זיינען פאַראַן אַזוינע ניט אין פאַרגלייך ווינציקער. אָבער עס זיינען דאָ און דאַרטן פאַראַן. זיינען אָבער די דאָזיקע גרופּעס געשלאָגן מיט דער יידישער מחלה פון סעפּאַראַציע און אָפּזונדערונג. וויל יעדע גרופּע זיך אָפּטיילן און זיין באַזונדער, און מען באַמיט זיך כסדר אונטערצושטרייכן די אייגענע אַנדערשקייט: מיר זיינען אַנדערש, ניט ווי איר און מיר ווילן זיך אָפּטיילן. ווי געזאָגט, האָלטן פון דעם פּרינציפּ איבערהויפּט די רעליגיעזע יידן. אָבער זיי האָבן נאָך אַ דעפעקט: זיי היטן זייער באַזונדער אויסלעבן זיך ניט צוליב דער יידישקייט, נאָר פאַר

דער יידישער רעליגיע. ניט דאָס יידישע פאָלק און זיין פאָלקישקייט איז זיי־
ליב, נאָר עס איז זיי ליב דער יידישער גאָט, די יידישע רעליגיע. מיר האָבן
שוין עטלעכע מאָל גערעדט פון דעם, אַז מען קען דערגיין ביז צו זיין „גויים
פון יידישער רעליגיע". מיר אָבער זיינען נאָך ווייט ניט אַזוי אָרעם ווי אַ
פאָלק, און אונדזער פאַרזיכיקע קולטור איז נאָך ניט אַזוי אויסגעטריקנט, אַז
אַ גוי וואָס דאַוונט פרום אין אַ חסידישער שול, האַלט פון רבין, איז שוין
דערמיט אַליין אַ גוטער ייד. איז נאָך פאַרט אַ וועלטלעכער ייד אָן תפילין, אָן
אַ טלית מיט אַ געטרייקייט צו יידיש לשון און יידישער ליטעראַטור, אַ ייד
וואָס לייענט יידישע ליטעראַטור און אינטערעסירט זיך מיט יידישע פּראָבלעמען,
דאָך מער ייד ווי דער ייד וואָס דאַוונט און האָט ניט מער קיין אינטערעס צו
קיינע וועלטלעכע יידישע פּראָבלעמען. איך שטעל זיך פאָר, אַז די חלוצים פאַר
יידישער אויסלעבונג, פאַר אַ יידישע אויטאָנאָמער היים וועלן זיך רעקרוטירן ווי
פון וועלטלעכע אַזוי אויך פון רעליגיעז־חסידישע קרייזן, און עס וועט דאַרפן
קומען אַ דערנענטערונג צווישן זיי.

עס וועט אויך דאַרפן זיין דאָ אַ השפּעה פון דער יידישער מדינה. כל
זמן די קולטור־פּאָליטיק פון דער מדינה איז נאָך סנאָביסטיש אַנטיגלותיסטיש,
איז איר השפּעה אַ פאַרקערטע, אַ שעדלעכע. זי גיט אַ מין היתר זיך צו דער־
ווייטערן פון יידישקייט, פון טראַדיציעס. אָבער דאָס וועט זיך אויך מוזן ענ־
דיקן, זי וועט זיך מוזן פאַרבייטן מיט אַ נייעם פּרינציפּ: די יידישע גלות־
קולטור אין דער פרייער היימישער מדינה.

דעמאָלט וועט דאָס יידישע פאָלק זיין טאַקע קלענער, אַ סך קלענער. עס
וועלן דאָך זייער פיל אָפּפאַלן פון יידישן פאָלק. אָבער דער „שאר ישוב", דאָס
געבליבענע פאָלק, וועט זיין גאַנצער, איינהייטלעכער. עס וועט זיין ניט קיין
פאָלק פון קליינע גרופּעס און גרופּקעס, פון פאַרטייען און פאַרטייעלעך, נאָר
עס וועט זיין איין גאַנץ יידיש פאָלק.

אין אַ פרעמדער וועלט

אַ פאָלק אַ בריה צו לעבן אין גלותן

וואָס מיינט גלות, גלות־פאָלק. דריי צענטערס, זייער גורל / וואָס מיינט „לעבן פון אַ פאָלק?" / אויטאָנאָמער גלות און יחידים־גלות. פאַר־זיכיקייט אין גלות און אַסימילאַציע אין אייגן לאַנד. שטעט און שטעטלעך / די אַמאָליקע 3 צענטערס און די איצטיקע / קיום פון פאָלק און רעליגיע / אתה בחרתנו און דער כוח פון אתה בחרתנו. אַ מדינה אין אַ מדינה. די יידישע אָנמדינהדיקע מדינה און אורבאַניזם אָן דעם אתה בחרתנו / צרות מיט פעלקער און צרות פון פעלקער / אַן אַנדער פסיכיק / היים און געטאָ / אונדזער טאָפּ לינדזן פון דער עמאַנציפּאַציע. פּעסימיסטישע „אָפּטימיסטן". גלות השכינה. יידן וואָס מאַכן נאָך די גויים / צוויי וועגן אומצוברענגען יידן. צוויי נשמות אין יעדער יידן / אומעטומיקע טראַגעדיע / אומזיסטע טענות צום נײַעם דור. אומעכטקייט, יידן וואָס מאַכן נאָך גויים, גויים וואָס פארשטעלן זיך פאַר יידן / דער פעלער פון וועלטלעכע יידן. אויטאָאַסימילאַציע. פאָלקישע רעהאַלטן מחמת געטרייקייט, וועלטלעכקיים האָט אַ טעות געהאַט / שפּראַך־אַסימילאַציע אויב ניט נאָך ערגער / ווו מיר האַלטן איצט / אונדזער גלויבן אין אייביקייט און אַלוועלטלעכקייט / די יידישע מדינה און אונדזער קיום אין דער וועלט / נאָר ניט פּעסימיסטישער שווייגן.

דאָס וואָרט גלות מיינט לעבן אין דער פרעמד, ניט ביי זיך, זיך דאַרפן צופּאַסן צו יענעם, צו אַ צווייטן וואָס ער איז ביי זיך, דאָס אָרט איז זיינס, ער איז דער בעל הבית. איך בין אַ פרעמדער, ער האָט געבויט דאָס הויז פאַר זיך, פאַר זיינע באַדערפענישן, לויט זיין געשמאַק. איך בין ביי אים.

זיינען מיר יידן אַ מאָדנע פאָלק, אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. פון אַרום אַ פיר טויזנט יאָר פון אונדזער געשיכטע, האָבן מיר בלויז ביי איין טויזנט יאָר געלעבט ביי זיך אין לאַנד מיט און אָן רעגירונגען. ביי דריי פערטל פון אונדזער געשיכטע פאַרברענגען מיר אין גלותן, אין דער פרעמד. ניטאָ קיין שום אַנדער פאָלק וואָס זאָל האָבן אַזאַ לאַנגע גלות־געשיכטע. אפילו קיין קורצע גלותן האָבן אַנדערע פעלקער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. געוועז און עס זיינען נאָך דאָ פעלקער, וואָס אין זייער לאַנד זיינען זיי אונטער אַ פרעמדער רעגירונג, אָבער

אַז אַ פֿאָלק זאָל בכלל זיין גאָר אין גאַנצן נאָר אין פרעמדע לענדער, נאָר אין גלותן און אָן אַן אייגן לאַנד בכלל — דאָס איז נאָר דאָס יידישע פֿאָלק. אונדזער ערשטער שטאַמפֿאָטער אברהם דאַרף קויפן קרקע פֿאַר אַ קבר, ער אַליין טיטו־לירט זיך „גר ותושב" — הגם איך לעב שוין דאָ לאַנג, נאָר דאָך בין איך ניט קיין בירגער, אַזוי צו זאָגן אויף אַ היינטיקער שפּראַך. איך לעב שוין לאַנג דאָ מיט אייך, אָבער איך בין אַ פרעמדער — די היים איז אייערע, איך בין ביי אייך אין גלות.

דאָס אייניקל פון יענעם ערשטן יידן איז שוין אַוועק זוכן ברויט אין אַ ניי לאַנד, צו נייע בעלי בתים. ערשט דאָרטן, אין גלות, אין פּיין און צרות, אין קנעכטשאַפֿט איז געקומען דאָס ערשטע באַוווסטזיין פון אַ באַזונדער פֿאָלק. קיין מצרים איז געקומען איין משפחה און אַרויס איז אַ פֿאָלק. די תורה — די אויסגעפורעמטע און פאָרמולירטע יידישקייט איז געקומען אין מדבר, אין וואַנ־דער, ניט אין אייגן לאַנד. דאָ ביי זיך אין לאַנד איז גאָר די אייגענע יידישקייט, די קולטור פון אייגן פֿאָלק אָפט פאַרגעסן געוואָרן. דאָס צווייטע מאָל האָט זיך דאָס פֿאָלק פאַרפעסטיקט ווי אַ פֿאָלק ווידער אין גלות (בבל) און עזרא ברענגט די יידישקייט פון בבל, עס קומט אָן ניט גרינג איינצופעסטיקן די יידישקייט אין אייגן לאַנד. די גמרא רעכנט אויס היפשע עטלעכע מאָל, ווען די תורה — די יידישקייט — ווערט אין אייגן לאַנד פאַרגעסן, און מען ברענגט זי פון בבל, פון גלות. און אויך איצט פאַרמאָגט די אייגענע נייע מדינה פון יידישקייט נאָר דאָס וואָס עס איז געבראַכט געוואָרן פון די גלותן. זיינען מיר טאַקע אַן אויס־טערליש פֿאָלק.

איז אונדזער געשיכטע געוואָרן ווי אַ מין לעגענדע ביי פעלקער — „דער וואַנדערנדיקער ייד", אַ לעגענדע וועגן „אַהאַספער". פרומע גויים מיט שלעגער־נאַטורן האָבן אויסגעטראַכט, אַז זייער גאָט — דער גאָט פון רחמנות און ליבע — האָט גאָר געהייסן אונדז שלאָגן, עס איז פֿאַר זיי אַ מצווה, פון רחמנות־וועגן דאַרף מען אונדז שלאָגן כדי אונדז צו באַפרייען פון אַן עבירה וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט אויף אונדז...

קלוגע יידן זיצן און טראַכטן ווי צו געפינען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון דער וועלט, מען זאָל אונדז ניט שלאָגן, מען זאָל אונדז ליב האָבן, מען זאָל זיך ברידערן מיט אונדז. און דאָס העלפט ווי עס העלפט יענע מייז אין דעם משל פון שטיינבאַרגן, וואָס האָבן זיך באַדיי אַראָפּגעשניטן די עקן, אפשר וועט זיי די קאַץ ליב קריגן.

די גמרא האַלט עס פֿאַר אַ גליק, וואָס מיר זיינען צעזייט און צעשפּרייט

איבער די פעלקער. עס איז טאַקע גאָר אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן, וואָס עס וואָלט געווען מיט דעם גאַנצן פאָלק, ווען ניט די עמיגראַציע, ווען ניט די וואַנדערונגען וואָס מיר האַלטן אין איין וואַנדערן...

וועלטלעכע יידן האָבן זיך געהאַלטן גרויס וואָס מיר זיינען אַ וועלטפאָלק און אונדזער קולטור איז אַ וועלטקולטור. אַלע פעלקער האָבן זייער קולטור אַ באַגרעניצטע אין איין לאַנד. מיר אָבער, מיט אונדזער קולטור, שפּיגלען אָפּ די גאַנצע וועלט, אַלע לענדער. אַזוי פלעגן מיר גלייבן און צופרידן זיין.

מיר האָבן פאַרצייטן, אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, געהאַט דריי קולטור־צענטערס — ירושלים און אַלעקסאַנדריע אין מצרים און בבל. מיר האָבן אויך דאָ גאָר ניט לאַנג שטאָלצירט מיט דריי אַזוינע צענטערס: ניו־יאָרק, וואַרשע און מאָסקווע. האָבן מיר געגלויבט אין יידיש לעבן אין די גלותן. און אַז די וועלט איז געוואָרן אַ פרייע, זיינען מיר אויך געוואָרן אַ פריי פאָלק אין אַ פרייער וועלט. און מיר וועלן קענען איצט ווייטער לעבן אין דער גאַנצער וועלט, פאַר זיך און פריי, אָן צרות, אָן רדיפות און פריי פאַר זיך. האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פּידרעך: צרות, רדיפות — מער ווי אַלע מאָל, און פריי? פאַר זיך? — דאָס איז ניטאָ. קיין מאָל איז אונדזער פריי פאַרזיכיק לעבן אין דער וועלט ניט געווען אין אַזאַ ספק ווי עס איז איצט.

אָבער וואָס מיינט עס „דאָס לעבן פון אַ פאָלק״?

אויך פעלקער זיינען ניט אייביק, ניטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט וואָס זאָל זיין אייביק. אייביק איז בלויז די כסדריקע ענדערונג, לעבן הייסט ענדערונגען. לעבן איז אַ פּראָצעס. מענטשן ווערן יונג, ווערן אַלט, שטאַרבן, זיי לאָזן אָבער יורשים. דור הולך ודור בא — איין דור גייט אַוועק און עס קומט אַ צווייטער דור. וואָס הייסט אָבער דאָס לעבן פון אַ פאָלק? עס הייסט גאָר פשוט, ווען איין דור ירשנט דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס פאָלקישע פון פריערדיקן דור און אַנטוויקלט עס ווייטער. דאָס איז דער שטראָם פון לעבן פון אַ פאָלק. די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון פאָלק פון איין דור גיבן זיך איבער דעם צווייטן דור און אַזוי כסדר. די סימנים קענען זיין אָרגאַנישע — אין אויסזען פון פנים, אין פאָרעם פון האַנדלונגען און זיי קענען זיין אין שטייגער און אין שפּראַך — אין דער קולטור פון פאָלק.

לעבן פון אַ פאָלק מיינט די אַנטוויקלונג פון זיין קולטור, פון זיין שטיי־

גער, פון אייגנטימלעכע, אַנדערשדיקע פאָרמען פון אויפפיר. לעבן פון אַ פאָלק מיינט המשך אָדער קיום און ער באַשטייט פון ירושה און ענדערונגען, ירושה וואָס ווערט צוגעפּאַסט, וואָס האַלט אין וואַקסן, אין ענדערן זיך. אַזוי האָבן מיר געלעבט דורך דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע. מיר האָבן אין יעדער צייט געקאָנט זען וואָס עס שטאַמט פון פריערדיקע צייטן. אין לעבעדיקן יידישן פאָלק קען מען גאָר גרינג זען די עלעמענטן וואָס זיינען געקומען פון גאָר ווייטע צייטן, פון די פאַרצייטיקע וואַנדערנדיקע שבטים ביז אונדז איז פאָלג מיר אַ גאַנג, אָבער עס איז המשך, אַ קייט וואָס ציט זיך. יעדער גרויסער בוים איז אויסגעוואַקסן פון אַ קערנדל. ניטאָ קיין ענלעכקייט צווישן יענעם קערנדל, יענעם זאָמען, וואָס פון אים איז דער בוים אויסגעוואַקסן ביז דעם היינטיקן בוים, אָבער עס איז איין קייט, איין המשך, איין לעבן. און אַזוי איז אויך מיט אַ פאָלק. דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק איז אויף דריי פערטל אַ גלותדיקס.

אויטאָנאָמער גלות און יחידים גלות

בנוגע צו אונדזער גלותדיק לעבן דאַרפן מיר עס צעטיילן אויף צוויי מינים. פאַראַן אַ גלות, וואָס ליגט ווי אַ יאָך אויף דעם כלל פון פאָלק. יעדער ייד אָבער פאַר זיך האָט ניט צו טאָן מיט דעם גלות, ער לעבט אין די ראַמען פון פאָלק, ער האָט ניט דירעקט צו טאָן מיט דעם לאַנד, מיט דעם פאָלק פון לאַנד. ער, דער יחיד, לעבט זיין גאַנץ לעבן נאָר צווישן יידן, נאָר אַ יידיש לעבן. ער קען גאָר אָפּלעבן זיין גאַנץ לעבן און קיין מאָל ניט דאַרפן טרעפן, ריידן מיט עמיצן פון דעם הערשער־פאָלק. געבאָרן אַ ייד, די ציווילע רעכט באַשטעטיקט ביי יידן, געהאָדעוועט אין אַ יידישער סביבה, אין אַ ריינער יידישקייט, אָן צומישונג פון פרעמדע קולטור, ניט אין שטוב, אין גאַס קיין פרעמד לשון; דאָס לערנען, די דערציִונג — דורכויס יידיש; ביז די העכסטע מדרגות פון קולטור — אַלץ פון די אייגענע יידישע קוואַלן און לויט די אייגענע יידישע מעטאָדן און באַדאַרפן. אַזוי האָבן זיך אַנטוויקלט גאונים, פירער פון פאָלק, פירער פון דורות. דאָס איז אַן אויטאָנאָמער גלות: ער איז גלות, דער כלל פון פאָלק מוז זיך צופּאַסן צו פאָדערונגען פון אַ צווייט פאָלק, אָבער אין דעם לעבן פון יחידים מישט זיך דער בעל הבית ניט. דאָ איז דאָס פאָלק אין גלות אויטאָנאָם, פאַר זיך. דער יחיד איז נאָר אין זיין פאָלק.

און עס קען זיין אַ צווייטער מין גלות, ווען יעדער יחיד פון פאָלק איז

פּאַרפּליכט צו לעבן אין שטייגער, אין דער קולטור פון דעם לאַנדפאָלק, די פאַרעם פון גלות איז דעפינירט געוואָרן בעת דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע אַזוי: יידן ווי יחידים אַלע רעכט, יידן ווי אַ פאָלק גאָרניט. יעדער ייד באַזונדער דאַרף זיך ארייננגיסן אין פרעמדן פאָלק אַריין, אין דעם פרעמדן לעבן, אין דעם פרעמדן שטייגער, אין דער פרעמדער שפּראַך און אין דער פרעמדער קולטור און דערציִונג. דאָס איז גלות דירעקט פאַר יעדער יידישן יחיד. דער יידישער כלל קען אין גאַנצן זיין אויסער יעדער רעכטלעכער פּאָזיציע, ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין יידישער כלל, קיין יידיש פאָלק. אַזאַ יחידים־גלות האָבן מיר כמעט ווי ניט געהאַט דורך דער לאַנגער גלות־געשיכטע אונדזערער. געווען טיילווייזע גלותן אַזוינע. זיי קענען אונדז געבן אַ לעקציע ווי די צוויי טיפּן גלות ווירקן זיך אויס אויף דעם לעבן פון אונדזער פאָלק. דער אויטאָנאָמער גלות און דער יחידים־גלות. אונדזער פאָלקס־געשיכטע איז אַזאַ לאַנגע, אַז מיר האָבן גענוג פאַקטן וואָס פון זיי קענען מיר לערנען אויף ווייטער.

בכן — דער ערשטער גלות אין מצרים: דאָ זיינען מיר געוואָרן איי־געגנטלעך אַ פאָלק, זאָל זיין פון באַזונדערע שבטים, אָבער אין דעם פאָלקס זכרון — אין דער תורה — זיינען מיר דאָרטן געוואָרן אַ פאָלק. דער גלות איז דאָרטן געווען — אַן אויטאָנאָמער. יידן האָבן געלעבט אין באַזונדערן ראַיאָן (גושן), אָפּגעטיילט פון הויפּטפאָלק. אין חומש דערציילט זיך אויך אַז די מצרים האָבן גאָרניט געוואָלט עסן ביי איין טיש מיט יידן. די גמרא וואָס האָט זיך מסתמא אויך פאַרטראַכט אויף דעם וואָס עס האָט איינגעהאַלטן אָט די שבטים, וואָס האָבן נאָך קיין געשריבענע תורה ניט געהאַט, קיין אַלגעמיינע, געמיינזאַמע אָנפירונג אויך ניט געהאַט. טאָ וואָס האָט זיי איינגעהאַלטן ווי אַ פאָלק? און די גמרא זאָגט אַרויס גאָר אַ ריכטיקן געדאַנק: זיי האָבן ניט געענדערט זייערע נעמען, ניט געביטן זייער שפּראַך און זייערע פירונגען, הגם די דאָזיקע טראַ־דיציאָנעלע פירונגען זיינען נאָך ניט געווען פאָרמולירט ווי אַ תורה. לויט אונדזער טערמינאָלאָגיע קענען מיר זאָגן, דאָרטן איז געווען אַן אויטאָנאָמער גלות און דאָס האָט געהאָלפן יעדן יחיד איינהיטן די טראַדיציעס. זיי האָבן אין מצרים געלעבט לויט זייערע טראַדיציעס פון זייער אַמאָל. איז אָט דער זעלבי־קער גלות וואָס דער זכרון פון פאָלק האַלט אים פאַר אַ סימבאָל פון אַל דאָס בייז, פון קנעכטשאַפט; דער גלות וואָס אַלע יום טובים זיינען פאַרבונדן מיט דעם זכר „ליציאת מצרים" — דער זעלביקער גלות האָט יאָ געהאָלפן אויסשמידן אַ פאָלק. אויב ניט אין גלות גופא איז עס געשען גאָר גיך נאָך דעם אַרויסגיין פון מצרים ביים באַרג סיני.

פאַרקערט, אין וואַנדער, אָדער אפילו אין אייגן לאַנד, אָבער אין נאָנטער שכנות מיט די פריערדיקע איינוווינער, באַקלאָגט זיך דער תנ"ך, אַז גאָר אָפט פלעגן יידן אָפּטרעטן פון זייער יידישקייט, געגאַנגען „דינען פרעמדע געטער". און באַשטאַנען איז עס אין פאַרוואַרפן דעם אייגענעם פאָלקישן שטייגער. עס איז ניט געווען קיין גלות, אָבער אויך ניט קיין אויטאָנאָמיע, קיין פאַרזיכיקע יידישקייט. ערשט ווידער אין גלות, אין בבל, אין אַן אָפּגעזונדערט לעבן, האָט זיך איינגעשטעלט אין אויטאָנאָמען גלות אַ שטאַרקע, אויסגעהאַלטענע יידישקייט. זי איז באַשטאַנען פון פאַרשריבענע זכרונות פון דעם פריערדיקן פאַרזיכיקן לעבן און פון פאַרזיכיקן שטייגער.

אַן אָרעם פאָלק, געשלאָגן, פאַריאָגט, אין גלות ביי אַ רייכן, מעכטיקן און קולטורעלן פאָלק, האָט דאָך אַ דאַנק דער אויטאָנאָמיע איינגעהיט זיין יידישקייט, זי פאַרפולקאָמט און זי אריינגעבראַכט צוריק אין אייגן לאַנד. און דווקא די יידן אין דעם אייגן לאַנד, פאַר דער קורצער צייט פון קורצן גלות, האָבן שוין באַוויזן איינצוזינקן אין אַסימילאַציע. עס איז גאָרניט גרינג אָנגעקומען דער יידישקייט, געבראַכט פון אויטאָנאָמען גלות, צו באַקעמפן די אַסימילאַציע אין דער נייער אייגענער היים. מער ווי צוויי הונדערט יאָר איז דאָס לאַנד ישראל, געווען אונטער אַ פרעמדן יאָך (פערסיע), אָבער פאַר זיך, אויטאָנאָם, אָפּגעגרעניצט פון אַנדערע, פון דעם הערשער־פאָלק מיט דעם ווייטן שטח. דאָס פאָלק איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ פאָלק, געקראָגן אַ קולטור־באַוווסטזיין, שבטים זיך צונויפגעשמאָלצן — אין גאַנץ פאָלק. אַ גוואַלדיקע אַנטוויקלונג פון דער שריפט־קולטור. דאַכט זיך, גוט. אָבער אָט אַן עקזאַמען פאַר דעם פאָלק: עטלעכע צענדליק יאָר העלעניזאַציע אַרום, — און די העלעניזאַציע איז אַריין אין אייגן לאַנד, באַהערשט די שטעט. נאָר אַ דאַנק די דערפער וואָס זיינען אַלע מאָל קאָנסערוואַטיווער, איז געבליבן אַ יידיש פאָלק. דריי הונדערט יאָר פערסישע מאַכט און דריי צענדליק יאָר העלעניזאַציע, — און וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

אין די דריי הונדערט יאָר האָט זיך אויסגעשמידט און פאַרפעסטיקט אַ פאָלק פיזיש און קולטורעל און די דריי צענדליק יאָר האָבן געקאָנט פאַרענדיקן מיט דעם פאָלק, אויסראָטן עס, אַן בלוט און אָן אַ המשך. וואָס איז די סיבה פון דעם אונטערשייד?

— די דריי הונדערט יאָר איז געווען אַן אויטאָנאָמער גלות, די דריי צענדליק יאָר איז קיין אויטאָנאָמיע ניט געווען, יעדער יחיד האָט זיך געקאָנט

פירן ווי ער וויל. און די יחידים־יידן האָבן זיך אויסגעקליבן: העלעניזאַציע איז בעסער.

איז געשען אַ גליק וואָס די דערפער זיינען נאָך ניט געווען אָנגעשטעקט מיט דער העלעניזאַציע, האָבן די „אָפּגעשטאַנענע" דערפער גענומען קעמפן קעגן דער אַסימילאַציע. דאָס איז דאָך דער אמתער זינען פון חנוכה. אָבער ניט אויף לאַנג: שוין די אייניקלעך פון די חשמונאים האָבן זיך אָפּט געלאָזט אויף די וועגן וואָס זייערע זיידעס האָבן אַזוי העלדיש באַקעמפט.

און דאָ קענען מיר לערנען אַ נייע לעקציע פון אונדזער געשיכטע.

די דריי צענטערס פון יידישקייט

מיר האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געהאַט גאַנצע דריי באַזונדערע צענטערס ווו עס האָבן געלעבט יידן, און יעדער איינער האָט געהאַט זיין לעבן, זיין שטייגער. איין צענטער איז געווען די אייגענע מדינה, הגם תמיד אַ וואַסאַל, אונטערטעניק אונטער פּערסיע, אונטער אַנטיאָכיע, אונטער העלעניסטישער מצרים, אונטער רוים, אָבער דאָך אַ מדינה מיט אַן אייגענער מאַכט. דער צווייטער צענטער איז געווען אין בבל. און דער דריטער איז געווען אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים. דער דריטער איז מסתמא געווען דער רייכסטער און אפשר אויך דער צאַלרייכסטער. נאָענט צו ארץ ישראל, זיינען אַהין געגאַנגען יידן וואָס זיינען אין דער אייגענער מדינה ניט געווען צופרידן מיט די שווערע שטייערן, מיט די ברודער־מלחמות וכדומה. דער ישוב האָט זיך אפילו דערלויבט צו האָבן אַן אייגענעם בית המקדש מיט א כוהן. דאָך אָבער זיינען זיי געווען נאַציאָנאַל באַוווסטזיניק, האָבן געשטיצט די מדינה. זייער שפּראַך איז געווען די שפּראַך פון דער דעמאָלטיקער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור — גריכיש און די גריכישע קולטור איז געווען אויך ביי זיי. דער ישוב האָט זיך געהאַלטן אַ סך לענגער ווי די מדינה. ער איז אונטערגעגאַנגען ערשט אין אָנהייב פון פינפטן יאָרהונדערט. בכל אופן האָט ער עקסיסטירט לענגער ווי די מדינה, ווי דער צווייטער בית אָדער דער ערשטער.

דער ישוב אין בבל האָט נאָך לענגער עקסיסטירט. העט ביז אין עלפטן יאָרהונדערט. דאָ האָבן יידן געלעבט אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון דעם הויפּט־פאָלק מיט אַן אייגענער סאָציאַלער און קולטורעלער מאַכט פון ריש גלותא און דעם גאון.

איצט רעטראָספּעקטיוו, נאָך אַזוי פיל יאָרהונדערטער, קענען מיר ריכ־טיק אָפּשאַצן די געשיכטלעכע ראָל פון יעדער ישוב.

ווי געזאָגט הייסט לעבן המשך מיט ענדערונגען, מיט אַנטוויקלונגען. אויף דעם סמך קענען מיר איצט זאָגן, אַז דער ישוב אין אַלעקסאַנדריע האָט ניט גע־האַט קיין המשך. ער איז ווי געשטאָרבן אָן יורשים, אָן ירושה. ניטאָ אין דער יידישער קולטור, אין דעם יידישן שטייגער קיין זאַך וואָס מען זאָל זאָגן, אַז דאָס שטאַמט פון יענער יידישקייט. עס זיינען געבליבן ווערק, שאַפונגען, איבערהויפּט די שריפטן פון די פילאָנען, אָבער שריפטן זיינען ניט דאָס לעבן. שריפטן וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע השפעה אויף דעם לעבן, זיינען בלויז ווי מצבות אויף קברים. די גאַנצע קולטור פון דעם ישוב איז אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפור אין לעבעדיקן לעבן. און מיר ווייסן ניט ווו עס זיינען אַהין געקומען די לעצטע יידן פון דעם ישוב. אָדער זיי האָבן זיך אַסימילירט, אָדער זיי האָבן אויסגע־וואַנדערט אין אַנדערע ישובים אריין. בכל אופן איז גאָר די קולטור וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גריכיש פאַרלאָרן געגאַנגען אָן השפעה אויף ווייטערדיקע דורות. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט, די גאַנצע יידישע קולטור פון היינט האָט איין אָפּשטאַם. מיר שטאַמען אַלע פון בבלער יידישקייט. דורך בבל ציט זיך אונדזער יחוס פון ארץ ישראל. די מדינה, די יידישע מלוכה האָט ניט גע־לאָזן קיין לעבעדיקע יורשים אין יידישן לעבן. דער המשך איז געגאַנגען פון ארץ ישראל דורך בבל קיין אייראָפּע (טיילוויז אפילו דורך צפון אַפריקע). אַלע דריי צענטערס זיינען אונטערגעגאַנגען. ניטאָ דאָך קיין אייביקייטן אין דער געשיכטע. אָבער וואָסער ישוב עס האָט געהאַט המשך און וואָסער עס איז געשטאָרבן אָן אַ המשך, אָן יורשים.

שטעלט זיך די פראַגע פאַר וואָס? וואָסערע פאַקטאָרן עס האָבן געווירקט אַז איין ישוב זאָל יאָ האָבן המשך נאָך זיך און אַ צווייטער — ניט?

איך דערקלער דעם פאַרלוסט וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן די גאַנצע גייסטיקע ירושה פון דער רייכער אַלעקסאַנדריער יידישקייט, מיט דעם וואָס דאָ איז ניט געווען קיין פולע קולטור־אויטאָנאָמיע. די יידן האָבן דאָ ניט געלעבט אָפּגעשלאָסן אין זייער קולטור־וועלט, אין זייער שפּראַך און אייגענעם שטייגער.

אייגנטלעך זיינען מיר אַלע מאָל געווען אין אַ פרעמדער וועלט, אונטער אַ פרעמדער מאַכט, מיט אַ הערשאַפט פון אַ צווייטער קולטור און פון אַן אַנדער שפּראַך. אפילו אין אייגענעם לאַנד איז דאָך געווען אַ גלות. דער אונטערשייד איז געווען אין דער פאָרעם פון גלות. אין בבל איז געווען אַ פרעמדע וועלט, אַ פרעמדע מאַכט, אָבער אין דער פרעמדער וועלט האָבן יידן געלעבט אין זייער

אייגענער וועלט, ניט געמישט זיך אין דער פרעמדער וועלט. יידן האָבן געשאַפן זייער וועלט אין דער פרעמדער. יעדער ייד באַזונדער האָט געלעבט נאָר אין זיין אייגענער וועלט, אין איין וועלט. דערפאַר האָט בבל קאָנקורירט מיט ארץ ישראל וועער עס איז וויכטיקער, וואָסער ישוב איז מער באַלאָדן מיט ירושה פאַר דורות, ווו עס שמידט זיך מער יידישע המשכדיקע קולטור. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עמיצער האָט אַפילו געקאָנט זאָגן אַז מען טאָר גאָרניט פאַרלאָזן בבל און זיך לאָזן אין ארץ ישראל, ווייל דאָ, אין בבל איז די יידישקייט שטאַרקער, דאָ איז זי מער פאַרזיכערט לדורות.

עס איז אַ דראַמאַטישער געראַנגל פון די צוויי ישובים פאַר דער העגעמאָניע — בבל אָדער ארץ ישראל. דער געראַנגל האָט זיך געצויגן היפשע עטלעכע דורות. ער שפיגלט זיך אָפּ אין פאַרשיידענע מימרות אין תלמוד. די „ישראלים" האָבן זיך געהאַלטן שטאָלצער, יחוסדיקער, מיטן יחוס פון ארץ ישראל. אָבער געשיכטלעך האָט געזיגט בבל. די בבלשע יידישקייט, דער תלמוד בבלי האָט באַהערשט דאָס יידישע לעבן אויף אַלע שפּעטערדיקע דורות. דער תלמוד ירושלמי ווערט ווייניק געלערנט, ער האָט אַ קנאַפּערע השפעה. און טאָמער האָט דער רמב"ם אַ מאָל געפּסקנט אַ הלכה לויטן ירושלמי, וווּנדערט זיך אַ פירוש. דאָס פאָלק האָט געלערנט, געלעבט מיט דעם בבלי, יחידי סגולה האָבן געלערנט אויך דעם ירושלמי.

בכן האָבן מיר פאַר זיך דעם פסק פון דער געשיכטע: פאַרן קיום פון פאָלק, פאַר זיין המשך און זיין קולטור־לעבן איז די מער ווי זעקס הונדערט יאָר אַלעקסאַנדריע־יידישקייט אין גאַנצן פאַרלאָרן, אָן שום ירושה, אָן המשך, אָן היסטאָרישער השפעה. עלעהיי עס האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע מעשה ווי מיט מלכות ישראל נאָך דעם חורבן שומרון. עס זיינען דאָך אַ סך פעלקער אונטערגעגאַנגען, געשטאָרבן אָן יורשים. אַזוי ווי שומרון אין איר צייט, אַזוי אויך אַלעקסאַנדריע אין איר צייט. און פון די צוויי אַנדערע צענטערס, יהודה און בבל איז בבל אַרויס היסטאָרישער. און געשען איז עס דערפאַר, ווייל ניט געקוקט אויף דער מלוכהשקייט, וואָס איז אמת געווען זייער שוואַך, אָבער דאָך אַ מלוכה, האָט זיך דער ישוב אין ארץ ישראל ניט געקאָנט אין גאַנצן איזאָלירן פון דער פרעמדער קולטור. גייט אָן אין משך פון דורות אַ דיסקוסיע צי מען מעג לערנען חכמת יוון — די העלעניסטישע קולטור, וואָס האָט געשפּאַרט פון אַרום. איז אין תלמוד, וואָס אַליין איז ער געווען קעגן דער העלעניזאַציע, אַריינגעדרונגען אַ שלל ווערטער און טערמינען פון גריכיש, אין בבל אָבער האָט געהערשט אַ מאָניסטישע יידישקייט, אָן פרעמדע השפעות. דאָ האָט יעדער יידי־

שער יחיד געלעבט פון געבאָרן אָן אין איין מאָניסטיש־יידישער קולטור, מיט איין יידישן שטייגער. קיין יידישע מלוכה איז אין בבל ניט געווען, אָבער אַ גאַנצע פאַרזיכיקע וועלט איז יאָ געווען. איז די אויטאָנאָמיע אין בבל געווען דויערנדיקער און שטאַרקער ווי די מלוכה אין ארץ ישראל. זי איז אויך געווען היסטאָרישער, דאָס הייסט, זי האָט געלאָזן מער קולטור פאַר די ווייטערדיקע, שפּעטערדיקע דורות. דער המשך פון יידישן פאָלק, זיין היסטאָריע ציט זיך דווקא דורך בבל.

קיום און רעליגיע

עס איז ניט ריכטיק וואָס מען זאָגט און מען באַמיט זיך איינצורייִדן, אַז דאָס איז געווען די רעליגיע וואָס האָט אויפגעהיט דעם קיום פון יידישן פאָלק. עס איז געווען פונקט פאַרקערט: ווייל מיר האָבן געלעבט אַ לעבן אין גאַנצן פאַר זיך, האָט זיך אָט דאָס פאַרזיכיקע לעבן טראַנספאָרמירט אין אונדזער רע־ליגיע. די רעליגיע איז אַ טאַכטער פון אונדזער פאַרזיכיקן לעבן און ניט פאַר־קערט. מיר האָבן געהאַט אַן אייגענע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, אַן אייגענע יוריס־דיקציע, אַנדערע פרנסות און גאָר אַ פאַרזיכיקע דערציונג, אַן אייגענעם לוח פון אַרבעט און רו און דער עיקר — אַן אייגענע שפּראַך, איז דער גאַנצער שטייגער געווען אַן אייגענער, אין גאַנצן פאַר זיך. איז אָט די פאַרזיכיקייט געוואָרן און געבליבן אונדזער רעליגיע. מיר זיינען געווען ווי אַ פאַרזיכיקע מדינה וואָס איז פאָליטיש געווען אין גלות.

ניט געווען ביי אונדז קיין יידישקייט באַזונדער און רעליגיע באַזונדער, ווי דאָס איז געווען ביי אַנדערע פעלקער. פאַר אונדז איז געבליבן גילטיק דער כלל: גאָר די יידישקייט איז אונדזער רעליגיע. ווי נאָר עס ווערט אָפּגעשוואַכט עפּעס אין יידישקייט, גלייך ווערט אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציע פון דער רעליגיע. ניט די רעליגיע האַלט אויף יידישקייט, נאָר עס איז פאַרקערט — יידישקייט האַלט אויף די רעליגיע.

מיט דעם אָפּטיילן רעליגיע פון יידישקייט בכלל, האָט מען פאַרשמעלערט דעם גאַנצן ענין. פון יידישקייט האָט מען גענומען נאָר דעם גאַטעסדינסט אין דער סינאַגאָגע, אין טעמפּל (דאָס וואָרט „סינאַגאָגע״ שמעקט צו פיל מיט יידיש־קייט, איז בעסער „טעמפּל״, וואָס אויך אַנדערע רעליגיעס האָבן). איז אַזוי גע־גאַנגען דאָס פאַלן פון יידישקייט ביי אונדז היינט: לכתחילה האָט יידישקייט

אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן פון געבוירן ווערן ביזן טויט, און פון דער פרי ביז ביי נאַכט. איז געקומען די השכלה מיט איר לאָזונג „יידישקייט נאָר אין דער היים", ניט אין גאַס. זיינען געקומען די היינטיקע רעליגיעזע און האָבן די פאָרמול נאָך מער פאַרשמעלערט: יידישקייט נאָר אין טעמפּל, ניט אין גאַס, ניט אין געזעלשאַפט און ניט אין די היימען; אַ טעמפּל־יידישקייט. אויף דעם וועג גייען אַלע ריכטונגען אַחוץ די עקסטרעמע חסידים. עס איז אפילו אויפגעקומען אַ טעאָריע, אַז בכלל דאַרף גאָר זיין אַזוי: יידישקייט קען און דאַרף עקסיסטירן נאָר אין אַ „רעליגיעזער ראַם". און אונטער דעם וואָרט „רעליגיעזע", מיינט מען דאָ בפירוש ניט רעליגיע בכלל נאָר דווקא סינאַגאָגאַלע יידישקייט. דאָס הייסט אַ גאַנץ לעבן גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד, פשוט גערעדט — גוייש, בלויז דאָס דאַווענען דאַרף זיין, דאַרף בלייבן אַ מין „זכר ליידישקייט".

אין תוך אַריין איז אָבער יידישקייט ביז אונדז, דורך דער גאַנצער תקופה ניט געווען קיין רעליגיע אין דעם זעלביקן זינען ווי דאָס איז ביי אַנדערע פעלקער. יידישקייט האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן. און אַזוי האָט אויך, למשל, ר' יוסף קאַראָ מיט פיר הונדערט יאָר צוריק איינגעשטעלט זיין קאָדיפיקאַציע. האָט ער געשריבן לכתחילה די פיר טורים: אורח חיים (בוכשטעבלעך — שטייגער), יורה דעה, חושן משפט (יוריספּרודענץ!) און אבן עזר (פאַמילע־לעבן) — אַלע געביטן פון לעבן. אַ פולער געזעצן־קאָדעקס, ווי דאָס פירן בכלל מדינות. אַזוי האָט אויך פריער מיט נאָך פיר הונדערט יאָר געטאָן דער רמב"ם אין זיין „יד החזקה". מער ניט וואָס ער האָט אַריינגענומען אויך געזעצן וואָס האָבן געקאָנט גילטיק זיין נאָר אין אַ פּאָליטישער מדינה. אָבער יידן האָבן טאַקע דאָך געלעבט לויט געזעצן פון ר' יוסף קאַראָ, אמת, וואָס ער אַליין האָט פאַרקירצט אין „שולחן ערוך" און וואָס דער רמ"א האָט צוגעפּאַסט פאַר די יידן אין מזרח־אייראָפּע. אַזוי אַרום אַז אַ ייד האָט אייגנטלעך געלעבט ניט צווישן גויים, קיינע פּראַגעס פון מערהייט־מינדערהייט. אַ ייד האָט אין שטעטל געלעבט אין זיין „יידישער מדינה", אָן קיין שייכות מיט דער דרויסנדיקער ניטיידישער וועלט. מיט דער מאַכט, מיט דער גויישער וועלט האָט יעדער קהילה, יעדער וועד געהאַט זיינע „אויסלאַנדס־מיניסטאָרן" (זיי האָבן געטראָגן דעם נאָמען „שתדלנים"). די האָבן געפירט די פאַרבינדונגען מיט דער פרעמדער, דרויסנדיקער וועלט. מיט איין וואָרט, דער גלות אין דער גאַנצער שטעטלשער תקופה איז געווען ווי אַ „מדינה אין אַ פרעמדער מדינה". געהערשט האָט דער תלמוד און די תלמודישע קולטור פון נאָכן תלמוד. דערפאַר דער נאָמען פון דער תקופה „די תלמודיש־שטעטלשע". די גאַנצע גויישע וועלט מיט אירע זיטן, מיט איר

קולטור, שטייגער, מיט אירע געזעצן, האָבן צו אונדז ניט געהאַט קיין שייכות. אפילו דער עצם בית מדרש, אפילו די שול, זיינען געווען אַ סך מער פאַרזאַמ־לונג־הייזער איידער געבעט־הייזער. ניט בית תפילה נאָר בית מדרש. מער פאַר דער תורה איידער פאַר גאָט.

דער מרחק פון שטעטל ביזן גוישן דאָרף איז אַלע מאָל געווען זייער קליין, נאָנט צווישן זיך זיינען זיי געווען — שטעטל און דאָרף. אָבער דער גייסטיקער מרחק צווישן זיי איז דאָך געווען גאַנצע הונדערטער יאָרן. און אפשר לגמרי ניט צו מעסטן מיט צייטן, אפשר איז די יידישע „אָנמדינההדיקע מדינה" געווען גאָר פון אַן אַנדער מין, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן ביי די ניטיידן. אַזוי זיינען די יידן אויך געווען ווייט פון די צעלאָזענע, דעמאָראַלי־זירטע פּריצים. אַ וועלט אין אַ פרעמדער וועלט! און אַ שענערע וועלט ווי די דרויסנדיקע!

גרויס זיינען געווען די יידישע צרות. די סאַדיסטישע־רוצחישע פעלקער, וואָס האָבן אָנגעטאָן אַ מאַנטל פון אַ יידיש שפּעלע, האָבן גרינג געפונען די גרויסע מצווה צו פאַרגיסן יידיש בלוט טייכנווייז לשם פאַרגעניגן, פאַר גאָט, פאַרשטייט זיך!

יידן האָבן ביז היטלערן געהאַט גאָר אַ גרינג מיטל פּטור צו ווערן פון די אַלע יידישע צרות, מיט איין קליינער פּראָצעדור פון לאָזן זיך באַשפּריצן מיט עטלעכע טראָפּנס וואַסער. אָבער ניין און ניין! יידן האָבן אויף זייער יידישקייט געקוקט מיט כבוד, מיט ליבע, מיט העכערקייט, דאָס איז דער „אתה בחרתנו". די משכילים האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם, ממש געציטערט מיט שרעק און כעס. דאָס איז דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען קראַנק, זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אַכטונג צו זיך, זיי זיינען געווען קראַנק אויף דעם נאַציאָנאַלן שיפלות־קאָמפּלעקס, אָדער „עגאָפּאָביע". אין דער אמת דאַרף יעדער פּסיכיש געזונטער מענטש און יעדער געזונטער קאָלעקטיוו פאַרמאָגן אַ געפיל פון זיך־אַכטונג. מען דאַרף ליב האָבן זיך און דאָס אייגענע מער ווי דאָס פרעמדע, אַ ייד דאַרף פאַר־מאָגן אהבת ישראל. דאָס איז געווען דער אתה בחרתנו. מען קען ניט אַכטן זיך, ווען מען האַלט כסדר אין טראַכטן, אַז מען איז קנאַפּער פאַר אַנדערע. איז דער „אַנטי־אתה בחרתנו" בפירוש אַ קראַנקייט וואָס מיר האָבן געקראָגן גלייך מיט דער השכלה, מיט דער עמאַנציפּאַציע.

אוודאי האָבן יידן ביז היטלערן גרינג זיך געקאָנט באַפרייען פון אַלע יידישע צרות, דורך דער פּשוטער קליינער צערעמאָניע פון שמד. ניט די רעליגיע מיט אירע דאָגמען האָט זיי אָפּגעהאַלטן. עס איז געווען זייער שווער אַרויסצורייסן

זיך פון דער גאַנצער יידיש־דורותדיקער שטעטלשער קולטור־אַטמאָספער, פון אַלע סאָציאַלע געוווינהייטן, פון דער יידישער סביבה און מיט איין מאָל זיך אַרײַנלעבן אין דער גוישער סביבה מיט איר גאַנצער אַטמאָספער, מיט איר שטייגער. ווי נאָר אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אורבאַניזם, די יידן אין די שטעט האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרײַנצולעבן אין דעם גוישן שטייגער, האָט שוין די רעליגיע ניט געקאָנט מער אָפּהאַלטן דעם שמד. עס האָט ניט געהאָלפן אין רוסלאַנד מיט הונדערט יאָר שפּעטער. ווי אין דײַטשלאַנד, אַזוי אויך אין רוסלאַנד איז דאָס דערגאַנגען ביז צו פאַרנעמען פון „שמד־עפּידעמיעס". קען זײַן אַז עס איז טאַקע גערעכט דער יידישער וויץ, וואָס זאָגט, אַז יידן זײַנען אַזוי פאַרליבט אין אַמעריקע דערפאַר, וואָס דאָ קען מען ווערן אַ גוי אָן שמד אויך.

בכן איז עס אין גאַנצן ניט ריכטיק צו האַלטן די רעליגיע ווי אַזאַ פאַר דער אויפהאַלטערין פון יידישקייט, פון פאָלקישן קיום. דער פאַרדינסט דאַרף גאָר אַרויפגעשריבן ווערן אויף דעם חשבון פון דעם יידישן שטייגער און לשון. ווידער אַ מאָל ווי די גמרא האָט עס ריכטיק דערקלערט: די אויסלייזונג פון מצריים (און פון אַלע גלותן) איז געקומען צוליב אָפּהיטן די אייגענע נעמען און דעם אייגענעם שטייגער, אפילו אויב ער איז ניט קאָדיפיצירט און פאַרהייליקט („מיסתורין").

קען זיין אַז ווען די הײַנטיקע רעליגיעזע יידן וואָלטן באמת פאַרמאָגט געגנוג אהבת ישראל און זיי וואָלטן אין דעם „רעליגיעזן ראַם" אַרײַנגענומען די „וואָכע־דיקע" (וועלטלעכע) עלעמענטן פון יידישן שטייגער, וואָלט יידישקייט בכלל געווען אַ סך שטאַרקער און אויך די עצם רעליגיע. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער יסוד פון די „רעפאָרמען" וואָס עזרא הסופר האָט אַרײַנגעבראַכט אין זײַן צײַט. דאָס איז דער פּראָצעס פון פאַרהייליקן דאָס וואָכעדיקע, דערהייבן דאָס פאָלקישע ביז צו דער מדרגה פון הייליקייט. אַזוי האָבן געגלויבט און דורכגעפירט אין זייער צייט די פרושים און זייערע נאָכפאָלגער. דאָס איז אויך געווען דאָס גוטע אין דער חסידישער באַוועגונג.

די היינטיקע רעפאָרעם גייט דווקא אין אַ פאַרקערטן וועג.

דער כוח פון אתה בחרתנו

אָט די אייגענע מדינה אונדזערע אַרײַנגעבראַכט אין דער פרעמדער וועלט. האָט אונדז גאָר טייער געקאָסט. יעדער ייד האָט געצאָלט זיין שטייער פאַר זיין יידישקייט מיט אַריבערטראָגן צרות, גזרות, קלעפּ און אַלערליי פּורעניות. ניש־

קשה, די וועלט פון קריסטן מיט אַ סך פרומען גלויבן אין זייער גאָט פון רחמ־נות, האָבן געקאָנט צוטראַכטן גענוג פּיין פאַר יידן, פאַר זייער סאַדיסטישער בלוטדאָרשטיקייט און פאַר דעם ווילן פון זייער רחמנות־פולן גאָט.

יידן האָבן ביז היטלערן טאַקע גרינג געקאָנט זיך באַפרייען פון די אַלע צרות: גענוג זיך צו לאָזן באַשפּריצן מיט הייליק וואַסער און גענוג. אָבער דער „אתה בחרתנו" האָט ניט געלאָזן: וואָרעם דאָס זיינען דאָך אַן „עם הדומה". ני־דעריקערע זיינען זיי! און אַז זיי שלאָגן? קנאַפּ שלעק מיט שלעגערס, מיט גיפטיקע שלאַנגען און עקדישן האָט גאָט באַשאַפן. קנאַפּ בלוט־דאָרשטיקע טי־גערס און וועלף זיינען דאָ אויף דער וועלט? נו, זיינען אויך דאָ רוצחים אויף צווי פיס, וואָס ריידן ווי מענטשן, וואָס בויען ציוויליזאַציעס, וואָס שאַפן וויסנס — אַלץ פאַר זייערע בלוט־דאָרשטיקייט.

— חיות? — ניין, ערגער פון חיות. איך דערמאָן זיך ניט קיין חיה וואָס זאָל סתם פאַרגיסן בלוט בלויז צוליב פאַרגעניגן, צוליב דער הנאה צו קוקן ווי עס מאַטערן זיך די קרבנות אין גסיסה. אַלע חיות פאַרצוקן נאָר מחמת הונ־גער אָדער פאַר זיך־שוץ (זעלבסטשוץ). פאַרגיסן בלוט, ברענען לעבעדיקע מענטשן און זיצן און הנאה האָבן פון דער קונסט, פון דער שיינקייט — דאָס קען נאָר אַ „מענטש" אָדער אַ טייוול בצורת מענטש. מעג דער מענטש האָבן אַ סך וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע, און פּאָעזיע, און קונסטן, — די נאַטור אָבער בלייבט, קענען זיין מענטשן און עס קענען זיין טייוול־מענטשן. פאַראַן ביימער וואָס פאַרשמעקן די לופט מיט בשמים, וואָס גיבן פרוכט צום לעבן און פאַראַן ביימער וואָס יעדער אָנריר צו זיי איז גיפטיק.

ווי האָט זיך באַצויגן דער טראַדיציאָנעלער ייד צו אָט דעם מין „מענטש" און ווי באַציט זיך אַ מאָדערנער ייד?

עס איז געווען גלייך נאָך דעם פּאָגראָם אין קישענעוו (1903, פרילינג). נאָך אַ הפסקה פון אַ 20 יאָר אָן פּאָגראָמען. ביאַליק איז געפאָרן זען, פאָרשן. געקומען צוריק. די פאָרשונגען זיינע זיינען, דאַכט זיך, ניט פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן, אָבער זיין מוטיק־שוידער־פּאָעמע „משא נעמיראָוו", (שפּעטער „בעיר ההריגה", אויף יידיש „אין דער שחיטה־שטאָט") האָט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט. פון פּרצן ביז דעם שניידער־אַרבעטער אין אַ קליין שטעטל. אין דער פּאָעמע באַשולדיקט ער די יידן מער ווי די שלעגער, פאַר זייער אויפ־נעמען די קלעפּ אָן ווידערשטאַנד, אָן פּראָטעסט, אָן טומל, וואָס זיי קענען אומ־קערן זיך נאָכן פּאָגראָם צום וויטערדיקן נאַרמאַלן לעבן. ער אַליין שרייבט אין אַ צווייטער פּאָעמע, אַז ער האָט שוין פאַרלאָרן זיין גאָט, שוין מער ניטאָ.

ביאַליק האָט דאָ אויסגעדריקט די שטימונג פון דעם מאָדערנעם ייִדן. דאָ איז געווען די באַליידיקונג: מיר זיינען מענטשן גלייך מיט אַלעמען, וואָס זשע באַליידיקט מען אונדז? פאַר וואָס?! פאַר וואָס שלאָגט מען אונדז? און די באַליידיקונג איז אָפּט געווען גרעסער פון דעם ווייטאָק: מיר זיינען מענטשן, גלייך מיט אַלעמען, מיטגלידער אין אַלע מענטשלעכע געזעלשאַפטן, מיר טוען אומעטום גלייך מיט אַלעמען, מיר זיינען גלייכע מיט גלייכע... און צום סוף!... מיר האָבן בייגעשטייערט צו דער דייטשישער קולטור ניט ווייניקער, און אפשר גאָר מער, פון די אַנדערע דייטשן, מיר זיינען פראַנצייזן, מיר זיינען רוסן, מיר אָטעמען מיט דער רוסישער קולטור, די רוסישע שפּראַך איז אונדזער שפּראַך... טאָ פאַר וואָס מיט איין מאָל שלאָגט איר אונדז?...

דאָס זיינען די געפילן פון אַ מאָדערנעם ייִדן: מען האָט אים באַליידיקט!

גאָר אַנדערש נעמט עס אויף דער טראַדיציאָנעלער ייִד:

מיר מיט זיי — צוויי וועלטן. „אַ דאַנק דיר און אַ לויב דיר גאָט, וואָס דו האָסט מיך ניט באַשאַפן קיין גוי". „מיר דאַרפן דאַנקען און לויבן וואָס ער האָט אונדז ניט געמאַכט ווי זיי און אונדזער גורל ווי זייער גאַנצער טומלען זיך" און נאָך און נאָך פון דעם מין. צוויי וועלטן. ווער עס גייט אין בית מדרשל אַריין און ווער עס גייט אין שענקל אַריין. צוויי וועלטן: זייער חכמה איז אַ דרויסנדיקע: בעסער, שענער, באַקוועמער מאַכן פאַר זיך דאָס לעבן, גרינגער מאַכן, טאָן אַלץ וואָס עס גלוסט זיך, בעסער עסן, טרינקען, פאַרווילן זיך, הרגענען בעסער, — די גאַנצע וועלט פאַר זיך. איטלעכער נאָר פאַר זיך.

אָבער מיר, טראַכט דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער געדאַנק: מיר און אונדזער חכמה איז אַן אינעווייניקסטע, מיר אַליין דאַרפן זיך אויספיינען, אויספוצן, שענער, בעסער, מאָראַלישער, ריינער מאַכן זיך...

זיי שלאָגן, — נו, זיכער! אַ הונט איז באַשאַפן צו בייסן, אַן אָקס — צו שטעכן, אַ שלאַנג — צו בייסן, אַן עקדיש — צו שטעכן, און זיי זיינען באַשאַפן צו שלאָגן...

עס טוט וויי! אוי, ווי עס טוט וויי! זיכער טוט ווייט, אָבער באַליידיקן?! און אַז עס קומט אַ ווולקאַן, און זיין הייסע לאַווע פאַרטרינקט און פאַרברענט שטעט, — קען דאָס דען באַליידיקן? און אַז עס פאַלט אָן אַ היישעריק און פרעסט אויף אַלץ, און לאָזט אַ הונגער, קען עס באַליידיקן? קען זיך דען אַ מענטש באַליידיקן אויף אַ באַנדע וועלף וואָס באַפאַלן דעם דאָרף?

עס קומט אַ שרפה און פאַרברענט אַלץ וואָס דער ייִד האָט געהאַט. ער

וויינט און קלאָגט אויף זיין חורבן, אָבער ער שטייט אויף און בלייבט ווייטער לעבן, ווייטער דינען גאָט, ווי עס איז געבאָטן געוואָרן...

...האָבן גויים אונדז געשלאָגן, געמאַכט חורבונות! ווי איז אונדז און ווינד איז אונדז! אָבער באַליידיקן זיך? אויף וועמען? אויף זיי וואָס זייער גאַנץ לעבן איז רציחה, איז בלוט־פאַרגיסן, זייער גאַנצע געשיכטע — אַלץ שלאָגן און שלאָגן? באַליידיקן זיך אויף דעם עם הדומה... אָבער ניין! ניט לחמור, ווייל דער חמור האָט קיין מאָל ניט געטאָן און וועט ניט טאָן אַזוינע רציחות... ווייס איך טאַקע ניט צו וועמען צו פאַרגלייכן די שלעגער...

באַליידיקן זיך אויף זיי? אויף די וואָס זייער גאַנצע געשיכטע איז מלח־מות און ווידער מלחמות, זייער גאַנצע קולטור איז שלאַג־און מאָרד־קונסט. אין צירקן, אין ספאָרטן, אין שפּיל און אין ערנסט, און אין מלחמות, וואָס מען פירט אויף די „טעאַטערס פון מלחמה־אַקטיוויטעטן” (אַזאַ אויסדרוק עקסיסטירט אין רוסיש), באַליידיקן זיך אויף די וואָס פון אָנהייב אָן איז געזאָגט געוואָרן אויף זיי אַז „אויפן שווערד זאָלן זיי לעבן”, באַליידיקן זיך אויף די וואָס זייערע נאַציאָ־נאַלע העלדן זיינען די וואָס האָבן מערער לעבנס פאַרשניטן, מערער מענטשן אומגעבראַכט? אויף די וואָס לערנען די העלדישקייטן מיט קליינע קינדער, זיי זאָלן וויסן וועמען צו אַכטן, פון וועמען זיך צו לערנען?... ווי האָבן דאָס יידן געקאָנט, אַז זייער באַליבטער מלך האָט ניט געטאָרט בויען קיין בית המקדש, ווייל ער האָט צו פיל בלוט פאַרגאָסן (דוד), האָט דאָך דער יידישער גאָט ניט דערלויבט די מלאכים צו פרייען זיך מיט דער מפּלה פון די מצרים! ווייל „זיי זיינען דער באַשאַף פון גאָטס הענט”. האָבן דאָך די יידישע רביים געלערנט, אַז אומברענגען איין מענטשן איז גלייך ווי אומברענגען די גאַנצע וועלט. האָבן זיי דאָך ניט דערלויבט צו בעטן צו בעטן ביי גאָט עס זאָל קומען אַ סוף צו די זינדיקע... מען דאַרף בעטן אַ סוף זאָל קומען אויף די זינד, וועלן במילא שוין ניט זיין קיין זינדיקע... אָט אַזוי זיינען זיי מיט זייער וועלט דיאַמעטראַל אַנדערש פון אונדז מיט אונדזער וועלט. האָט אַ טראַדיציאָנעלער ייד ניט געקאָנט זיך באַליי־דיקן אויף זיי מיט זייער שלאָגן.

ווייטאַק — זיכער! אַז מען רייסט איין האָר פון קערפּער, טוט ווי דעם גאַנצן גוף. אָבער באַליידיקן זיך — דאָס איז ניטאָ און דאָס קען ניט זיין.

דאָס איז געווען דער כוח פון דעם אַלטן „אתה בחרתנו”, עס איז געווען אַ כוח צו לעבן צווי טויזנט יאָר צווישן די שלעגער און ניט משוגע ווערן זוי „ברוך ממגנצה” (ש. טשערניכאָווסקי. געשריבן 1902) און וואַרפן דעם יידישן גאָט אַ גט אין הימל ווי דאָס האָט געטאָן ביאַליק („מיין האַרץ איז שוין טויט און

פאַרשטומט איז מיין תפילה״ — ביאַליק־שוואַרץ, אין „על השחיטה״. אין אָריגינאַל, „אין עוד תפילה בשפתי״). חס ושלום! די אמתע געפילן פון דעם טראַדיציאָנעלן יידן האָט אַרויסגעבראַכט אַ פאָלקס־זינגער, וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט. דאָס איז מ.מ. וואַרשאַווסקי אין זיינס אַ ליד וועגן דער אינקוויזיציע. ער שרייבט „עס ברענען די גלידער — די זעל (נשמה) אָבער ניט״. די אינווייניקסטע איינשטעלונג פון דעם טראַדיציאָנעלן יידן איז געווען גאָר אַן אַנדערע. און אפשר האָבן זיי טיפער אָפּגעשאַצט די נשמה פון דער אַרומיקער וועלט ווי מיר — די מאָדערנע יידן. האָט עס לייוויק אַ סך ריכטיקער פון ביאַליקן געזאָגט: די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטאַרקע הענט און טראָגט מיך צום פייער און טראָגט מיך צום שייטער / איך ברען און איך ברען און ווער ניט פאַרברענט / איך הייב זיך אויף ווידער און שפאַן אַוועק ווייטער... / (אייביק).

און אין אַ צווייט ליד: „מיר האָבן ניט געוויינט, מיר האָבן ניט געקלאָגט״.

מער ניט קיין געוויין, מער ניט קיין געקלאָג
אַלץ איז ווידער אויסגעגלייכט אויף פלאַך
מיט אַ גלייכעניש אַזאַ —
און געווען איז נאַכט און געווען איז טאָג,
און ס׳וועט ווייטער סדר זיין אין יעדער זאַך,
מיט אַ געטלעכקייט אַזאַ
לאַך ישראל, לאַך,
שמע ישראל, שמע!

זיינען זיי געווען גערעכט, וואָס זיי זיינען אַריין אין זיך, זיך קאָנצענטרירט אויף אייגנס, און פאַרשטאַנען אַז יענע וועלט, די פרעמדע קולטור — דאָס באַהערשן די נאַטור, כאַפּן און אַריינדרינגען אין דעם קלענסטן אַטאָם און אַרויפשפרינגען הויך אויף דער לבנה — דאָס אַלץ איז דרויסן, ניט אין מענטשן, ווייל אָבער לויט דעם יידישן וועג איז „דער תכלית פון דער חכמה די תשובה און מעשים טובים״ (ברכות י״ז א׳) אַן דעם איז די גאַנצע חכמה שעדלעך, „סם המיתה״. יענע קולטור זוכט דאָס מענטשלעכע אין גאָט. אונדזער קולטור זוכט דאָס געטלעכע אין מענטשן.

פאַראַן יידישע דענקער וואָס האָבן טענות צום יידישן גאָט: ווי האָט ער דערלאָזן צום גאַנצן חורבן? זיי שטעלן דעם יידישן גאָט צו דעם שווידערלעכן חשבון פון חורבן... דאָס איז קודם כל פאַלש: פאַר וואָס פרעגן זיי ניט וואָס גאָט דערלאָזט מגפות זאָלן אומברענגען גאַנצע פעלקער? ערדציטערנישן? קנאַפּ אומגליקן טרעפן זיך? ביי אַ טראַדיציאָנעלן יידן האָט זיך זיין אמונה ניט געוואַקלט

ניט איבער מגפות, מחמת מיקראָבן, און ניט איבער פאַגראָמען דורך חיות, רוצחים, שלאַנגען און היטלעריסטן. און זיי זיינען דאָ ווייטער... מיר וועלן דאָ זיך ניט אַריינלאָזן אין צאַרטן געפלעכט פון געדאַנקען וועגן גאָט און מענטש, גאָט און וועלט, גאָט און גוטס און שלעכטס. אויך די באַגריפן זיינען ביי די טראַדיציאָנעלע יידן געווען אַנדערע ווי ביי יענע וואָס האָבן מיט גאָטס נאָמען געדינט צו זייערע בלוטיקע אינסטינקטן און נאָך מער צו זייערע צעדרייטע און פאַרקאָמפּליצירטע דראַנגען. דער עיקר — די יידישע אַן־מדינהדיקע מדינה איז געשטאַנען גאָר אין אַן אַנדער וועלט ווי די מדינה, וואָס האָט געוועלטיקט איבער אונדזער מדינה.

האָט אַ ייד געקאָנט דערגרייכן צו די העכסטע מדרגות פון געדאַנק און קולטור בכלל בלויז מיט זיין פאַרטיפן זיך אין דער קולטור פון זיין פאָלק. האָט דער גרינדער פון חב״ד געקאָנט ווערן אַ דענקער, אַ פירער לדורות, ניט קענענדיק אפילו די שפּראַך פון לאַנד. און אַ סברא אַז אויך זיין קעגנער — דער ווילנער גאון — האָט אויך ניט שטודירט אין קיינע אוניווערסיטעטן. עס איז ביי מיר אויך אַ סברא, אַז ר׳ עקיבא האָט ניט נאָר אין הלכה, אין יידישקייט, נאָר אויך אין אַלגעמיינעם וועלטבאַנעם דערגרייכט טיפער ווי זיין העלעניזירטער חבר אלישע בן אבוהו, וואָס זיין תלמיד רבי מאיר האָט אים אַזוי באַדויערט: ער האָט זיינס פאַרלאָרן און אין פרעמד געבליבן פרעמד.

דאָס שטעטל ווי אַ סיסטעם פון פעלקער-לעבן

מיט איין וואָרט — יעדער ייד האָט געלעבט אין אונדזער יידישער וועלט, אין אונדזער אַן־מדינהדיקער מדינה, ערשט זי איז געווען אין גלות. דער יחיד — נאָר אין זיין פאָלק, אין זיין קולטור, ווי אַלע קינדער פון אַנדערע פעלקער אין זייערע קולטורן, אין זייערע וועלטן. און יעדער יידיש שטעטל איז געווען אַ שטיקל „טעריטאָריע פון אָט דער יידישער גייסטיקער מדינה". אונדזער מדינה האָט ניט געהאַט קיין געאָגראַפישע גרענעצן, ניט מיט קוואַדראַט־קילאָמעטער זי צו מעסטן. אָבער אין אָט די אָרעמע שטעטלעך פלעגט דאָך אַלע פרייטיק פאַרנאַכט אַראָפּגיין די שכינה און די גאַנצע אַטמאָספער פלעגט ווערן יום טובדיק, און די גויים אפילו וואָס אין שטעטל האָבן געדאַרפט היטן שבת מער ווי יידן אין שטאָט. איז יעדער שטעטל געווען אַן איינס פון אָט דער גייסטיקער מדינה. און אין גאַנצן איז עס געווען אַן אַנדער איינשטעל פון פעלקער־לעבן, וואָס די גוישע וועלט האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי קען ניט פאַרשטיין, ווייל זי דענקט מאַטעריעל — גאָט, פאָלק, קולטור, היים, מדינה, נאַציע —

אַלץ איז נאָר מאַטעריע, פאַרבונדן מיט מאַטעריע. אַנדערש קענען זיי ניט דענקען. האָט מען ניט באַנומען און ניט אָנגענומען אונדזער „שטעטל־סיסטעם" פון צוזאַמענלעבן פון פעלקער. ווער די וועלט נאָך אפשר טייער דערפאַר באַצאָלן, פאַרן ניט אָנערקענען די שטעטל־סיסטעם. אָבער מיר גייט דאָ, אַז אונדזער שטעטל־וועלט איז געווען זייער שטאַרק. האָט איינער וואָס האָט זיך אָנגעאָטעמט מיט שטעטלישער יידישער לופט, שפּעטער שוין אַ גאַנץ לעבן געלעבט מיט זיין „שטעטעלע בעלז", האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון זיין יידישקייט אפילו ווען ער האָט שוין געאָטעמט מיט קלויסטער־לופט... און אָט דער כוח איז געווען דער כוח פון דעם „אתה בחרתנו". און אָט דער כוח איז געווען שטאַרקער פון די גוייִשע צרות און רדיפות. דאָ אין שטעטל איז דער ייד קיין מאָל ניט געווען אין גלות. יעדער ייד אין שטעטל פאַר זיך איז געווען אַ פרייער פאַרזיכיקער מענטש ביי זיך אין זיין היים. באשר זיין גאַנצע גייס־טיקע אָן־מדינהדיקע מדינה איז געווען אין גלות, סובאָרדינירט, ווי עס זיינען געווען מדינות מיט פעלקער וואָסאָל, סובאָרדינירט. מיט דער אורבאַניזאַציע האָבן מיר פאַרלאָרן צוזאַמען מיטן שטעטל אויך דעם כוח פון אתה בחרתנו. און אָן אים איז טאָקע שווערער. און אַז דאָס שטעטל איז ניטאָ, איז דער גלות אַריבער פון דעם קאָלעקטיוו, פון דעם פאָלק אויף יעדער יחיד. איצט איז יעדער ייד באַזונדער, יעדער ייד דירעקט אין גלות; יעדער ייד באַזונדער דירעקט אין דער פרעמדער וועלט, זי ציט און האָט אַ סך מעלות. די וועלט איז דאָך גייסטיק געווענדט פאַר דעם מענטשן, פאַר זיין באַקוועמקייט און געניוס. איז דער יצר הרע גרויס, און ניטאָ מער קיין יידישע וועלט, קיין יידישע פאַרזיכיקייט. אָבער די סכנות פון אַריינלעבן זיך אין אָט די פרעמדע וועלטן זיינען לגמרי ניט געוואָרן קלענער. פאַרקערט, זיינען זיי געוואָרן גאָר גרעסער, שטאַרקער, אַ סך שטאַרקער. און דעם כוח פון אתה בחרתנו, דעם כוח זיך ניט צו דערשרעקן פאַר צרות, דעם כוח איבערצולעבן און ווייטער צו לעבן — דאָס האָבן מיר פאַרלאָרן. און... מיר מעגן דאָס זאָגן אָפן: די יידישע צרות וועלן נאָך ווייטער זיין. מען טאָר זיך ניט מייאש זיין פון צרות.

טאָפּעלע צרות

מיר וועלן האָבן צרות מיט דער וועלט און צרות פון דער וועלט. די גאַנצע וועלט, אַלע ריידן פון שלום, און מען טראַכט וועגן דעם פאַרקערטן.

„שלום" ווערט געזאָגט מיט דעם מויל כדי צו באַהאַלטן דעם מלחמה־דראַנג אין האַרצן. אַלע גרייטן זיך צו דערשטיקן אַלעמען. און הײַנט גייט עס ניט וועגן מאָרדן אײנציגווייז, — עס איז די צייט פון אַטאָמען און פון סאַטעליטן. עס איז אַ צייט פון גלאָבאַלע מאָרדן; מלחמות דורך וויסנשאַפטן. און מיר זיינען אין מיטן דער וועלט. אַלע מאָל, פון אייביק אָן ווען צוויי גרויסע האָבן זיך געשלאָגן זײַנען מיר געווען אין מיטן. דאָס זײַנען צרות וואָס מיר האָבן און וואָס מיר וועלן האָבן צוזאַמען מיט דער וועלט. אָבער די וועלט גופא וועט ווייטער אונדז באַזאָרגן מיט צרות. פעלקער קענען אונדז ניט פאַרדייען, זיי ווילן אונדז ניט פאַרדייען. צו אַסימלאַציע דאַרף מען דאָך האָבן צוויי שותפים — דעם אַסימילירער און אַסימילאַנט. וויל די וועלט אונדז ניט אַסימילירן און מען וויל אונדז ניט ליידן ניט־אַסימילירט. און אַזוי ווי די סאַדיסטישע שלאַג־דראַנגען זײַנען שטאַרק און שטאַרקער, וועלן אונדז און אונדזערע אייניקלעך קיין צרות ניט פעלן, אַבי געזונט. עס וועט זיי ניט העלפן אַז זיי אַליין וועלן פון זייער יידישקייט ניט וויסן. עס וועט זיי פאַרקערט זיין שווערער, ווײַל זיי וועלן ניט האָבן דעם אתה בחרתנו, ניט דעם כוח פון אתה בחרתנו.

איז אויב די וועלט וועט דאָך זיך ניט חרוב מאַכן מיט איר געיעג נאָכן „שלום", וועט זי מוזן קומען צו אַן אָרדענונג וואָס וועט זײַן עטוואָס ענלעך צו אונדזערע שטעטלעך. און אַט פאַר וואָס. פעלקער האַלטן אין איין מישן זיך. די קאָמוניקאַציעס, די פּראָדוקציע־מיטלען, די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען זײַנען אַריבערגעוואַקסן אַלע נאַציאָנאַלע מדינות. ניטאָ מסתמא אויף דער וועלט, קיין ריינע, מאָנאָפאָלקישע שטחים.

אָבער פעלקער זיינען לגמרי ניט בלויז אַ פּראָדוקט פון די לענדער ווו זיי לעבן. פאָלק איז עלטער פון לאַנד, און פעלקער בכלל ווילן זיך גאָרניט אויסמישן אויך שטייגעריש, קולטורעל. פעלקער ווילן בלייבן ווי זיי זײַנען, ניט פאַרלירן זייער „איך". איז דאָ פאַראַן איין אַלטערנאַטיוו: אָדער דאָס שטאַרקערע פאָלק וועט אײַנשלינגען אַלע אַנדערע שוואַכע פעלקער, אַפּווישן ייִז, זיי אַסימילירן, אָעד עס וועט מוזן קומען, אַז אויף איין שטח זאָלן זײַן פאַרשיידענע שטעטלעך פון פאַרשיידענע פעלקער. שטעטלעך ווי אַ לייזונג פון אַן אַלגעמיינער וועלט־פּראָבלעם... זייער ווייט נאָך צו דעם. דער מאַטעריאַ־ליסטישער גאַנג פון דענקען לאָזט ניט די פעלקער באַגרייפן דעם זינען פון שטעטל.

און דערווייל... דערווייל וועט מען זיך שלאָגן. און ביים שלאָגן זיינען מיר אַלע מאָל געווען און וועלן ווײַטער אויך זײַן דאָס ערשטע כפרה־הינדל.

ווייסן יידן, פילן זיי עס און מען באַמיט זיך, מען טוט. אָבער וואָס ? מען באַמיט זיך מיט אַלע כוחות און מיט אַלע מיטלען זיך איינצוקויפן אין ליבע ביי די ניט יידן. קען עס טאַקע העלפן ? — ווייס יעדער יונגע פאַרליבטע מיידל אַז וואָס מער זי וועט זיך אָנוואַרפן איר געליבטן, אַלץ מער וועט ער זיך פון איר וועלן דערווייטערן. וויפל מאָל יידן האָבן דאָס שוין געפּרובירט און אַלע מאָל זיינען זיי געבליבן אָפּגענאַרטע... אָבער אַזוי זיינען שוין מענטשן. וועלן מיר אָבער ניט פאַרנעמען זיך מיט נבואות זאָגן. דער עיקר — צו דער שטעטלשער וועלט לייזונג איז נאָך זייער ווייט און דערווייל וועלן יידן האָבן צרות טאָפּעלע — מיט די פעלקער ווו זיי לעבן און פון די פעלקער ווו זיי לעבן.

און די יידישע מדינה ? — זי איז דאָך אַ יידישע, און איר גורל איז דער גורל פון דעם יידישן פאָלק — ווי דאָס גאַנצע פאָלק איז אויך די מדינה. די מדינה קען ניט און וועט דערווייל ניט אַריינגעמען די מערהייט פון פאָלק. די מערהייט בלייבט אין די גלותן. דאָ גייט אַ צעשפּליטערונג. פון איין גאַנץ פאָלק ווערן מיר צעבּרעקלט אויף אַזוי פיל פעלקערלעך וויפל שפּראַכן מיר ריידן. מיר הערן אויף זיך צו פאַרשטיין צווישן אַנאַנד, שפּראַכיק ווערן אַלע טיילן פון פאָלק מער באַהעפט צו די פעלקער פון די לענדער איידער צווישן זיך. דער לוח פון אַרבעט און רו, די אַלגעמיינע שולן — אַלץ. ניטאָ מער קיין סימן פון יידישער אויטאָנאָמיע. צוזאַמען מיט איר פאַרלירן מיר דעם כוח פון אתה בחרתנו. מיר פאַרלירן אויך דעם מוט און דעם גלויבן אין זיך. במילא אויך דעם פיזישן כוח זיך צו פאַרטיידיקן געמיינזאַם, ווי אַ גרופּע, ווי אַ פאָלק. אָט דאָ האַלטן מיר איצט.

אַן אַנדער פּסיכיק

האָט דער היינטיקער אורבאַניזירטער ייד אַן אַנדער פּסיכיק, ניט די וואָס דער ייד פון שטעטל. יענער ייד האָט געלעבט אין זיין אייגענער סביבה, אין זיין היים און ער האָט געוווּסט אַז זיין היים איז אין גלות. אָט אַזוי ווי מענטשן וואָס לעבן אויף אַ ווולקאַן און זיי ווייסן אַז זייער באַרג קען זיי יעדער מינוט חרוב מאַכן. דערווייל אָבער זיצט מען. אַזוי לעבן דאָך אויף ווולקאַנען מיליאָנען מענטשן. האָבן יידן אויך אַזוי געלעבט, געלעבט און געווען פולשטענדיק באַוווּסט ביי זיך אַז... דער ווולקאַן קען אָנהייבן שפּייען פייער יעדער מינוט, און מען וועט זיך דאַרפן ראַטעווען ווער עס קען און ווי מען קען. האָט דער שטעטל-

שער ייד געוווסט אַז זײַן היים, זײַן וועלט איז אין גלות, און דער גלות אין דער פרעמד איז דער וווּלקאַן. האָט דער ייד געבעטן ביי גאָט „ותוליכנו קוממיות לארצנו" — פטור צו ווערן, פריי ווערן פון דעם גלות, זיין היים זאָל שטיין קוממיות, פעסטער, ניט מורא האָבן פאַר אויסברוכן. האָט דער ייד געהאָפט און געוואַרט, „אחכה לו בכל יום שיבא" — עס קען קומען די גאולה, די אויסליייזונג יעדן טאָג. ניט ער דאַרף עפּעס זיך ענדערן, ניט זײַן גייסט, ניט זײַן „איך". פאַר אַזאַ יידן איז דער אונטערשייד צווישן גלות און גאולה נאָר „דער שיעבוד מלכיות" (ברכות לד' ב'). ווייל דער עצם ייד אַליין איז לכתחילה ניט געווען אין גלות. די היים זײַנע איז געווען אין גלות, אָבער ניט ער. די פראַגע וואָס מען פרעגט אַ יידן ווען ער קומט אויף יענער וועלט, לויט דער גמרא „צי ער האָט געוואַרט אויף דער גאולה?" איז טיפער, ווי מען קען עס אָננעמען פשוט. עס מיינט, צי ער האָט געפילט אַז ער איז אין אַ פרעמדער וועלט, ניט אין זײַן אייגענער היים? צי ער פילט די פרעמדקייט אַרום זיך? די געזעצן די פרעמדע און די אָרדענונגען? מיט איין וואָרט, צי ער פילט דעם וווּלקאַן וואָס ער זיצט אויף אים. דאָס וואַרטן אויף דער גאולה שלמה איז געווען אַ כאַראַקטער־שטריך פון דעם יידן אין שטעטל. עס האָבן געקאָנט זײַן און עס זײַנען געווען יידן, וואָס זײַנען אַזוי אַרײַנגעלעבט געווען אין זייער שטעטל, אין זייער יידישן שטייגער, אַז זיי האָבן אין גאַנצן געקאָנט פאַרגעסן אַז מען איז אין גלות. האָט אַ ייד געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן אין אַ שטאָט אפילו, אין אַ וואַרשע, אין אַ ווילנע און ניט טראַכטן אפילו אַז אייגנטלעך זײַנען דאָ אויך גויים אין די זעל־ביקע שטעט... אַוודאי האָט אַזאַ ייד געקאָנט פרעגן: צו וואָס דאַרף דער רבונו של עולם אַזוי פיל גויים? ווי עס דערציילט עס אַ יידישער וויץ. האָט אַזאַ ייד געקאָנט אין געדאַנק באַשאַפן גאַנצע טעאָריעס, גאַנצע אידעאָלאָגיעס, באַוועגונגען, פילאָסאָפיעס אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער פרעמדער וועלט. אַזוי זײַנען געווען חסידיזם, מוסר.

גאָר אַנדערש איז עס ביים אורבאַניזירטן יידן. יעדער ייד באַזונדער איז דאָך אין גלות, ער טראָגט דעם גלות אין זיך, דער גלות איז אין דעם יידן, די פרעמדע וועלט איז אין אים. זײַן גאַנצע וועלט איז די פרעמדע, דאָס יידישעס, די יידישע וועלט אין אים איז ווי עפּעס אַן אַפּענדיקס, עפּעס אַ צולאָג וואָס מען דערמאָנט זיך אָן דעם אין אַן עת צרה. דער שטעטלשער ייד איז געווען גאַנץ אין זײַן יידישקייט, ער איז געווען אימון קעגן די פרעמדע השפעות, קעגן דער פרעמדער וועלט. ווי מיט דעם לעגענדאַרן שטעקן פון צדיק האָט יעדער ייד געהאַט אַ קרייז אַרום זיך, און אהין, אין קרייז אַריין, האָט דאָס

פּרעמדע ניט געקאָנט אַריינדרינגען. האָט אַ ייד געוואַרט אויף דער גאולה, „וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ״ — דאָס האָט געדאַרפט זײַן די פיזישע, די געאָגראַפישע גאולה, אָבער העכער פון איר איז געשטאַנען די גייסטיקע גאולה אין די גלותן גופא. עס איז אַ גרויסער ענין צו זיין אין אייגענער היים, די גאולה. אָבער עס איז נאָך גרעסער, ממש ניסימדיק איז צו זיין אויסגעלייזט אין גלות גופא. גייסטיקער קיבוץ גלויות אין גלות. און דאָס זײַנען יידן געווען. אָט איז אַ בילד פון אַזאַ אויסגעלייזטן יידן אין גלות: אַ זונטיק אין שטעטל. פול מיט גויים און מען האָט זיך אָנגעטרונקען שיכור און מען האָט זיך צעשלאָגן, צעממיתט מיט די האַמערס פון חנא דעם שמידס שמידעריי. אַלע יידישע לאָדנס זײַנען פאַרהאַקט. נאָכן געשלעג, דער עולם „דאַוונער״ איז זיך צעפאָרן, געבליבן באָר עטלעכע צעבלוטיקטע ליגן אין דרויסן. די יידן עפענען די לאָדנס, דער טאַטע גיט אַ קרעכץ, וואַשט די הענט און שטעלט זיך דאַוונען אַ וואָכעדיקע מנחה... דאָס זעלביקע האָט דער טאַטע ע״ה געטאָן, ווען ער האָט באַקומען זיין בלאַט־צייטונג אין שטעטל, אַז אין ביאַליסטאָק איז געווען אַ פּאָגראָם. נאָר איצט האָט ער אין זײַן מנחה זיך גוט אויסגעוויינט.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט אַן אַלטער רבֿ אין אַ שכנישן שטעטל געזאָגט צו זיין עולם: וואָס, די גויים ממיתן זיך שוין ווידער, — לאָמיר, יידן, אַרײַנגיין אין בית מדרש אַרײַנכאַפּן אַ בלאַט גמרא... צי קענען אונדזערע הײַנטיקע יידן, גאָר פאַרשטיין די אַסאָציאַציע מחמת קאָנטראַסט צווישן דעם ממיתן זיך פון די גויים אויף „מלחמה־טעאַטערס״ מיט דעם בלאַט גמרא פון דעם טראַדיציאָנעלן יידן?

ווי ווייט פון דעם איז דער מאָדערנער אורבאַניזירטער ייד! די גאַנצע פאַרזיכיקע יידישע וועלט איז מער ניטאָ, חרוב געוואָרן נאָך לאַנג פאַרן חורבן. די עמאַנציפּאַציע האָט זי חרוב געמאַכט נאָך מער: אין רוסלאַנד האָט זי חרוב געמאַכט די אורבאַניזאַציע אפילו אָן עמאַנציפּאַציע. יעדער ייד באַזונדער איז אַ „תינוק שנשבה לבין העכום״. דער שטעטלשער ייד איז געווען געגליכן צו איינעם וואָס פאָרט אויף אַ שיף אין אַ פרעמדן, אומפריינדלעכן, שטורמישן ים. דער אורבאַניזירטער ייד איז איטלעכער באַזונדער ווי אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פרעמדן ים, ניט אין אַ שיף, נאָר איינער אַליין. זײַן לשון, זײַן לוח, זײַן שטייגער, זײַן קולטור — אַלץ איז פון דעם פרעמדן. יעדער ייד איז אין אַ פרעמדער וועלט. די פרעמדע וועלט איז טיף אין אונדז, אין אונדזער לעבן, אין לשון אפילו, ווען דער ייד רעדט יידיש, איז אָפט דאָס לשון איבער־געזעצט פון דעם פרעמדן. דער ייד גליבט אין זיין פרעמדער קולטור, זי איז

כלומרשט זײַנע. ער פאַרגעסט און וויל פאַרגעסן דעם אונטערשייד צווישן דער אָרגאַנישער הויט פון דעם מענטשן און צווישן דעם אָנגעטאָנענעם אויס־געפוצטן טעאַטראַלן גרים אויפן פנים, וואָס לאָזט זיך גאָר גרינג אָפּוואַשן, ווען מען דאַרף שפּילן אַן אַנדער ראָל... אַזוי איז דער אורבאַניזירטער ייד אָפּט בלויז נאָר גרים, אָן אַן אייגן פּרצוף, אָן אַן אייגענעם געשטאַלט, און אָן אַן אייגענער נשמה. ער איז אָפּט נאָר גרים, נאָר דאָס אָנגעטאָנענע, נאָר דאָס געמאַכטע, ניטאָ אין אים קיין אָרגאַנישעס. דאָס יידישע ליגט ביי דעם יידן באַהאַלטן, ער וויל עס באַהאַלטן פון אַנדערן, פון זיך אַליין. עס קומט אים אויס גרינגער צו לעבן אין דער פרעמדער וועלט אָן דעם יידישן צולאָג. אָבער דאָס יידישע ליגט אין אים טיפער, טיפער פון זיין באַוווסטזײַן. ער באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען צו באַפרייען פון דעם יידישן צולאָג, ער בייט זײַן נאָמען, זײַן שטים, זיין שטייגער, זיינע זיטן און פירונגען. אָבער אַזוי ווי ער קען ניט אומבייטן זײַן אויסזען, ווי ער קען ניט אַראָפּוואַרפן, אויסטאָן זיין יידיש פנים, אַזוי קען ער ניט באַפרייען זיך פון זיין יידישן אונטערבאַוווסטזײַן. נאָך ערגער: אויפן פנים קען מען נאָך מאַכן אַ פלאַסטישע כירורגישע אָפּעראַציע, אָבער אויף דעם אונ־טערבאַוווסטזײַן קען מען אַזאַ אָפּעראַציע ניט מאַכן. אָט דאָ איז דער גלות, דער מאָראַלישער, דער פסיכיער גלות פון דעם מאָדערנעם אורבאַניזירטן יידן. ער איז ניט אַ ייד אין גלות, נאָר ער איז דער גלות אַליין, דער גלות אין דעם יידן. איך מיין דאָ צו זאָגן, דער באַוווסטזײַן פון דעם יידן איז צעקריגט מיט זײַן אונטערבאַוווסטזײַן. איך קוק אָפּט אויף אַזוינע גוטע יידן, מיט אַ פולן באַוווסטזײַן פון זייער יידישקייט, אַפילו מיט אַ גוטן ווילן צו יידישקייט און איך האָב אויף זיי רחמנות, ווײַל איך דערפיל אין זיי דעם גלות זייערן, זייערע קאָנפליקטן. זיי קוקן מיט כעס אויף אַלע אַנטפּלעקונגען פון טיפערער יידישקייט, זיי וויכן פון אַ יידישער אונטערנעמונג, פון אַ יידישן זאַל אפילו, זיי וועלן דינגען אַ דירה וואָס ווײַטער פון יידן. אַזוינע יידן אין רוסלאַנד פלעגן נעמען טרינקען וואָדקאַ, כדי צו זײַן ענלעך צו אַ רוס. אָבער אוי, ווײ: פון יידן קען מען אַנטלויפן. מען קען אָבער ניט אַנטלויפן פון דעם ייד אין זיך, פון דעם יידישן אונטערבאַוווסטזײַן.

וואָס באַקומט זיך פון אָט דעם אינעווייניקסטן קאָנפליקט צווישן דעם ניט־יידישן באַוווסטזײַן מיט דעם יידישן אונטערבאַוווסטזײַן ביי דעם יידן?

קודם כל באַקומט זיך אין אים אַן אומווילן צו אַלץ וואָס עס איז יידיש: דאָס איז דאָך דער מקור פון זיינע קאָנפליקטן. ווייטער קומט אַן אומווילן צו טיפערן אַרײַנטראַכטן זיך, צו פאַרטיפן זיך אין פּראָבלעמען פון קיום, פון

יידישקייט, פון וועלט און מענטש, פון ייד און ניט ייד. מען ווערט אויבער־פלאַכיק, מען דענקט ווייניקער, מען אַנטלויפט פון דענקען, איבערהויפּט פון יידישע געדאַנקען, פון פאַרטראַכטן זיך וועגן יידישן מאַרגן. מען וועט בעסער וועלן זיך „אויסלעבן", פאַרווײַלן זיך דווקא כדי צו פאַרגעסן זיך, כדי צו פאַר־טומלען זיך, און אויך כדי צו מאַכן זיך מער און מער ענלעך צו די ניט יידן, צו דער גוישער וועלט. און אַזוי זײַנען די מדרגות: אַל דאָס גוישע איז גוט, כמעט אַזוי גוט איז פאַרגויישטע יידישקייט, אַ דאַון־פּלאַץ וואָס זאָל זיין וואָס מער ענלעך צו אַ ניט יידישן, ערגער איז מיט יידישקייט וואָס האָט ניט קיין אַנאַלאָגן ביי ניטיידן. איז אפילו ביי נאַציאָנאַלע יידן דער תנכיזם אין תוך אַריין אַ נאָכמאַכונג פון די גוישע דרכים. איז די באַציִונג צום תלמוד אויך אויפן גוישן שטייגער. איז אַ יידישער שרייבער וואָס האָט זוכה געווען צו אַ גוט וואָרט פון אַ גוי — כשר פאַר יידן, חשוב ביי יידן. איז אַ יידישער רב אָנגענומען ביי יידן, אויב ער איז אָנגענומען ביי די גוים. איז טראַגיש דאָס יאָגן זיך נאָך פרעמדע שאָטנס און דאָס וועלן אַנטלויפן פון זיך, פון דעם אייגענעם שאָטן.

קענען אַמעריקאַנער יידן ניט מסכים זײַן מיטן געדאַנק אַז אייגנטלעך איז אַמעריקע פאַר זיי ווידער אַ גלות. האָבן אַמעריקאַנער ציוניסטן אויף אַ קאָנגרעס מיט אַלע כוחות געקעמפט קעגן דעם געדאַנק אײַנצושליסן אויך אַמעריקע אין דער צאָל פון גלותן. עס קומט אויס ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי די אַנדערע: גזלנים! לאָזט אונדז זיך פאַרגעסן אַז מיר זײַנען ווייטער אין אַ גלות, לאָזט אונדז זיך אײַנריידן אַז מיר האָבן מער ניט קיין גלות. פאַר וואָס האָבן די יידן אין דייטשלאַנד געקאָנט יאָ כמעט הונדערט יאָר לעבן מיט דער איינריידעניש אַז זיי זײַנען „פאַלנע דייטשן", פאַר וואָס קענען פראַנצויזישע יידן זיך האַלטן פאַר אמתע פראַנצויזן פון משהס גלויבן? פאַר וואָס לאָזט איר אונדז ניט אַראָפּוואַרפן דעם גלות פון זיך צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטעטלשער יידישקייט?... דאָס איז די פּסיכיק פון אַן אַמעריקאַנער יידן היינטיקע צייטן.

איך פּרוביר אַנטקעגנשטעלן צוויי גוטע יידן, צוויי טיפּע, געטרייע יידישע אָנערקענטע דענקער, שרייבער און טוער. איך וועל ניט אָנרופן קיין נעמען, ווייל עס איז ניט איינער נאָר עס איז אַ פראַגע פון אַ טיפּ: איך נעם אין זינען אַ טראַדיציאָנעלן יידישן געלערנטן פון פריערדיקן דור און אַ מאָדער־נעם. דער פריערדיקער נוצט זיין לשון יידיש אין ריידן און לשון קודש. דער מאָדערנער — ענגליש. אָבער ווער פון די צוויי איז מער באַלעבאָס אין זיין דענקען? אין זיין בויען זיינע אידעען? און ווער עס האַלט כסדר אין האַנט אַ פרעמדע מאָס און מעסט זיך, און מעסט זײַנע אידעען צי זיי האַלטן אויס

די מאָס? ווער איז מער אָפּהענגיק פון דער פרעמדער וועלט? ווער איז מער אין גלות? איך פאַרשפּאָר צו ענטפערן — קלאָר פאַר אַלעמען. קומט אויס אַז דער גלות אין די פרייע לענדער איז אַ סך טיפער, פעסטער און אינעווייניקסטער ווי דער גלות ביי דעם טראַדיציאָנעלן יידן. און אַזוי איז עס אין תוך אַריין. אָט זיינען ווידער צוויי יידן:

איין ייד גייט אין אַ שטריימל מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע אויף דער מאַר־שאַלקאָווסקי־גאַס אין וואַרשע און ער קוקט גאָר ניט אויף די פאַרבייגייערס און אויף זייערע גרימאַסן. און אַ צווייטער ייד וואָס דערלויבט זיך ניט אַרויס־צורײדן אַ וואָרט אויף יידיש אין אויטאָבוס, ווער רעדט נאָך אַרויסצונעמען אַ יידישע צייטונג און לייענען, ווען אַרום זיצן אויך גויים. ווער פון די צוויי יידן איז פריַער און ווער איז מער אין גלות? ריכטיקער — ביי וועמען אין נשמה איז דער גלות שטאַרקער? ווער איז געווען מער פאַרזיכיק, פרייער — צי מיין זיידע, וואָס האָט געמאַכט פאַר זיך אַ תענית ווען אַ פּאָליציאַנט פון ניקאָליי דעם ערשטן האָט אים אָפּגעשאָרן אין מיטן דער דייטשישער גאַס אין ווילנע איין פאה און אַ האַלבע קאַפּאָטע, ווייל ער האָט ניט געהאַט באַצאָלט דעם אָפּצאָל פאַרן טראָגן אַזוינע בגדים, אָדער עס זיינען געווען פרייערע מענטשן די ווילנער משכילים וואָס האָבן דערלאַנגט אַ בקשה צו יענער רעגירונג זי זאָל פאַרבאָטן צו טראָגן די טראַדיציאָנעלע יידישע בגדים? ווער איז געווען מער גלותדיק? בכן קומט אויס, אַז דער מאָדערנער ייד איז אַ סך מער אין גלות ווי עס איז געווען דער טראַדיציאָנעלער ייד, קומט אויס אַז דער אַמעריקאַנער ייד איז מער אין גלות ווי דאָס איז געווען דער ייד אין שטעטל.

דער טראַדיציאָנעלער ייד איז געווען אַ ייד אין גלות, דער מאָדערנער ייד איז פאַרקערט דער גלות אין יידן. אַ ייד אין גלות וואַרט אויף דער גאולה, זיך באַפרייען פון שיעבוד מלכויות. זוי זיך צו באַפרייען פון דעם גלות אין יידן איז אַ סך שווערער. גאָר שווערער.

היים און געטאָ

פאַראַן ווערטער וואָס ווערן אָפט גענוצט און דאָך זיינען זיי פאַרגרייזט, און זיי רופן אַרויס עמאָציאָנעלע אַסאָציאַציעס ניט לויט זייער אמתן באַטייט, נאָר לויט דעם פאַרגרייזטן געברויך. אַזוי איז אויך מיט די צוויי ווערטער אין קעפּל פון דעם קאַפּיטל. מען איז ביי אונדז געוווינט צו זאָגן און צו שרייבן,

אַז אין שטעטל האָבן ייִדן געלעבט אין אַ געטאָ. און דאָס וואָרט „געטאָ" האָט גענוג מאָטיוון ווי היסטאָרישע אַזוי אויך אַקטועלע אונדז צו דערשרעקן. און אַזוי ווי מיר זײַנען איצט געוווינט צו דענקען זייער פלאַך, אַנאַליזירן מיר גאָרניט דעם אינהאַלט פון די ווערטער, און מיר זיינען שוין גרייט צו אידענטיפיצירן שטעטל און געטאָ — אַלץ איינס. לאָמיר אָבער פּרובירן טיפער אַנאַליזירן די ווערטער: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן היים און געטאָ? ביידע באַגריפן באַטייטן אַן אָפּצאַמען זיך, אָפּטיילן זיך פון אַרום, זײַן אָפּגעשיידט. דאָך בענקען אַלע נאָך אַ היים און אַלע ציטערן פאַר אַ געטאָ, אָדער פאַר אַ תפיסה. פאַר וואָס? — ווייל אַ היים בויט דער מענטש פאַר זיך, פאַר זיין משפחה, ער אָרדנט זי איין ווי ער וויל, ווי ער פאַרשטייט, לויט זײַן געשמאַק און לויט זײַנע השגות, ער לעבט אין זײַן אייגענער היים לויט זיינע געוווינהייטן און לויט זײַנע טראַדיציעס, ער איז דער באַלעבאָס. ער הערשט דאָ, דאָס זײַניקע הערשט דאָ אין זײַנע ד׳ אמות. אין אַ געטאָ איז עס אַלץ פאַרקערט: דאָ בין איך פאַרשפּאַרט, מען האַלט מיך אויף גוואַלד, איך מוז זיך צופּאַסן צו די באַפעלן פון אַנדערע, איך מוז אויספאָלגן אַלץ. איך אַליין מיט אַלע מײַנע נייגונגען, פאַרלאַנגען, געוווינהײַטן — איך שפּיל ניט קיין שום ראָלע. אַנדערע הערשן איבער מיר. זאָגן מענטשן — בעסער אַן אָרעמע היים איידער אַ רייכע תפיסה.

האָבן ייִדן אין די שטעטלעך געלעבט אָרעם, זייער אָרעם, אָבער זיי האָבן אין די היימען, אין זייער געזעלשאַפט געלעבט לויט זייערע טראַדיציעס, לויט זייערע מינהגים. היינט לעבן ייִדן אין רייכערע דירות, אין בעסערע באַדינגונגען, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אָבער די היים איז ניט קיין היים. פון געבוירן אָן און ביזן טויט, פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט דאַרף אַ ייד זיך צופּאַסן צו איינשטעלונגען, וואָס אַנדערע שטעלן איין פאַר זיי, פאַר זיך, ניט פאַר אונדז. די שפּראַך איז זייערע, די דערציִונג — זייערע, די גאַנצע קולטור — אַרויפגעצוווּנגען זייערע, די געזעצן, די נאָרמען, די איינשטעלונגען — אַלץ איז זייערס, דער לוח פון רו און אַרבעט, די וואָך און דער יום־טוב — אַלץ פרעמדס. מיר האָבן גאָר מורא אַרויסצווייזן עפּעס אייגנס. מען זאָל אַרויסזען אונדזערס עפּעס פון טראַדיציע. מיר באַמיען זיך אפילו אונדזער צונג, אונדזער אויסשפּראַך — אַלץ צוצופּאַסן צו יענעמס, צו דעם הערשער־פאָלק. ווער זאָגט עס גאָר, אַז מיר האָבן גלייכע רעכט? עס איז גאָר ניט אמת. מען גיט אונדז רעכט צו זײַן מאַלפּעס. די רעכט גיט מען אונדז און אַז דעם באַלעבאָס ווערט איבערדריסיק, אַז עס פאַרוועלט זיך אים אַ ביסל אַנצוהיטלערווען, טוט ער עס, ער נעמט צו די רעכט און גיט אונדז רעכטע קלעפּ... מיר האָבן אין די שטעט־

לעך געלעבט אויף אַ ווולקאַן, וואָס קען אָנהייבן שפּײַען פייער אין אַ ליאַדע מינוט, און מיר לעבן איצט ווידער אויף ווולקאַנען, וואָס קענען אויסברעכן ווי נאָר עפּעס. מיר כאַפּן זיך אַרויף אויף פרעמדע פורן און מען לאָזט אונדז מיט־פאָרן. פאָרן ייִדן ניט אין קיין אייגענעם וואָגן, נאָר זיי פאָרן אונטער אין פרעמדע וועגענער. און ייִדן האָבן זיך אײַנגעלערנט, אײַנגעחזרט אַ ווערטל „אויף וועמעס וואָגן דו זיצסט, דעם לידל זאָלסטו זינגען" (פאַראַן אַזאַ מיאוס ווערטל אויך ביי אונדז!). פאָרן ייִדן און זיי זינגען מיט, נאָך העכער און בעסער ווי דער פורמאַן אַליין ביז מען טרייבט זיי אַראָפּ פון פרעמדן וואָגן. אונדזערע זיידעס זײַנען געפאָרן אויף פרעמדע וועגן מיט אייגענע ייִדישע וועגענער. מיר פאָרן אויף פרעמדע וועגן און אין פרעמדע וועגענער. אַזוי פאָרן מיר ביז... דער פורמאַן ווערט ברוגז און ער טרייבט אונדז אַראָפּ. פרעגט זיך: ווו און ווען איז היים, און ווו איז געטאָ? מיר זײַנען אָפּהענגיק פון יענעמס גוטן ווילן, פון יענעמס גוט־האַרציקייט. מיר ווילן ער זאָל פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען בלויז אונטערפאָרער, ער זאָל אונדז האַלטן פאַר פולרעכטיקע פּאַסאַזשירן... אָבער עס גיט זיך אונדז ניט אײַן: פרעמדע זײַנען מיר געוועזן און פרעמדע זײַנען מיר געבליבן אויך אין דער איצטיקער וועלט, אויך אין דער אורבאַניזירטער וועלט... פאַראַן אַזאַ פויגל וואָס האָט ניט דעם אינסטינקט צו בויען אַ נעסט, נאָר זיי לייגן זייערע אייער אײַנציקווייז אין פרעמדע נעסטן... איז גוט ווען די בויער פון דעם נעסט באַמערקן ניט אַז די איי איז אַ פרעמדע, אויב זיי באַמערקן, וואַרפן זיי פּשוט זי אַרויס.

אונדזער טאָפּ לינדזן

אין חדר פלעגן מיר אָפּלאַכן פון דעם גראָבן יונג און פרעסער עשיו־גוי, וואָס האָט פאַר אַ געשמאַקן טאָפּ לינדזן אַוועקגעגעבן זײַן בכורה. דערביי פלעגן מיר אַרויסזאָגן דעם וואָרט „הלעיטני נא" מיט אַזאַ אָפענעם מויל ווי מיר וואָלטן געקאָנט אײַנשלינגען דעם גאַנצן טאָפּ לינדזן. מיר האָבן דעמאָלט זיך ניט געכאַפּט אַז די גאַנצע מעשה מיטן אַוועקגעבן די בכורה פאַר אַ געשמאַקן טאָפּ לינדזן פּאַסט זיך גאָר בעסער פאַר יעקבס אייניקלעך איידער פאַר עשיוס. האָבן מיר דעם טאָפּ לינדזן יאָ אָדער ניט געקראָגן, אָבער די בכורה האָבן מיר אַוועקגעגעבן, צו מאָל אפילו אָן אַ טאָפּ לינדזן... איז דאָס עסן עסט מען אויף, אויף לאַנג האַלט עס ניט קיין מאָל, אָבער די בכורה — דאָס קריגט מען ניט צוריק.

זײַנען מיר געווען איבערגליקלעך מיט די לינדזן און נאָך מער זײַנען מיר געווען צופרידן מיטן פּטור ווערן פון דער בכורה. אומעטום האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלביקע בילד. מיט אַ שטאַרקן הונגער האָבן מיר זיך אומעטום געבעטן בײַ די בעלי בתים דאָס ביסעלע לינדזן פון דער עמאַנציפּאַציע, ווי הונגעריקע בעטלער האָבן מיר זיך געטראָגן מיט אונדזער בכורה און זיך געבעטן בײַ אַלעמען: נאַט אײַך אַוועק אַלץ מיט אַן אַנדער פּאַר אַ ביסל געשמאַקע לינדזן... האָבן יידן אין פּאַרויס פאַרוואָרפן די בכורה אַן לינדזן און געווען גליקלעך. האָט מען געגומען גאָר אַנדערש דענקען: וואָס איז גלות? — גלות איז דאָרטן ווו מען שלאָגט און מען לאָזט זיך ניט אַסימילירן. דאָרטן ווו מען שלאָגט ניט און מען לאָזט זיך יאָ אַסימילירן — דאָרטן איז ניט גלות. פּאַרקערט, איז אַמעריקע זייער גוט, שוין דערמיט אַליין וואָס מען פאַרשפּאָרט זיך לגמרי צו שמדן. מען קען ווערן אויס ייד אָן שמד אויך. פאַרגעסן יידן אַז אַלע גלותן הייבן זיך אָן גוט, ערשט נאָך דעם הייבט מען אָן צו שלאָגן. האָבן יידן פאַרגליכן אַמעריקע צו „ליכטיקע נעכט". עס איז ניט קיין גלות, נאָר אַ „תפוצה". האָט מען זיך גאָר ניט געוואָלט דערמאָנען דעם פאַקט אַז עס זײַנען ניטאָ קיין שטענדיק ליכטיקע נעכט, אַז נאָך די ליכטיקע הייבן זיך אָן פינצטערע נעכט... מיר האָבן שוין געהאַט ניט איין מאָל, ניט איין גלות אַזאַ, וווּ יידן האָבן געגלויבט אַז עס וועט אייביק זײַן אַ טאָפּ לינדזן, אַז עס איז געענדיקט דער גלות צוזאַמען מיט דער יידישקייט. פּטור געוואָרן. אויסגעמעקט פון סידור דאָס וואָרט ציון, ירושלים... „דאָ, אין דייטשלאַנד איז אונדזער ירושלים, אונדזער ציון". אויסגעמעקט דאָס וואָרט „משיח"... האָבן מיר דאָך אַלע אומעטום געגלויבט אַז אָט דאָס פאָלק פון פּאָעטן, פון מוזיקער, פון פילאָסאָפן, פון אָרדענונג און קולטור — אָ, דאָרטן איז געענדיקט מיט אַלע גלותן, מיט אַלע צרות צוזאַמען, מיט די יידישע צרות. האָט מען אויך פאַרן טאָפּ לינדזן אָפּגעגעבן די גאַנצע יידישקייט, די יידישע שעפערישקייט. איז יידישקייט געוואָרן בלויז אַן אַרכעאָלאָגיע, וואָס מען שטודירט צו וויסן וואָס עס איז געווען, „וויסנשאַפט דעס יודענטומס". האָט מען געהאָלפן דורכפאָרנדיקע עמיגראַנטן, כדי זיי זאָלן ניט בלייבן „בײַ אונדז אין דייטשלאַנד"... האָט מען זיך גענומען פאַרשפּרייטן צווישן יידן אין די „אָפּגעשטאַנענע לענדער" די הויכע דייטשישע קולטור. האָבן קאָנקורירט פראַנצויזישע יידן מיט דייטשישע יידן מיט „זייערע קולטורן" — די מיט זייער פראַנצויזיש (די אַליאַנס איזראַעליטאַ) און די מיט זייער דייטש (דער הילפס פאַראיין). קנאַפּע הונדערט יאָר האָט געדויערט דער געשמאַקער חלום פון די יידן צו זײַן „דויטשע פון מאָזעס גלויבן". ניטאָ פאַר יידן קיין

שום לאַנד אין דער וועלט וואָס איז ניט געגליכן צו אַ שלאָפנדיקן ווולקאַן, וואָס קיינער ווייס ניט ווען ער וועט אָנהייבן צו פײַערן. האָבן יידן אין דײַטשלאַנד געדינט זייער „פאָטערלאַנד" געטרייער ווי די דייטשן, יידן זײַנען געשטאַנען אין סאַמע אויבן אָן פון דער גאַנצער דייטשישער קולטור, געטריי און איבער־געגעבן, מער דייטשן ווי די דײַטשן, גוואַלדיק גרויסע צאָל נאָבל־פּרייז געווינער... עס איז געווען אפשר דאָס גליק פון דער וועלט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס דייטשלאַנד האָט באַזייטיקט די יידן־געלערנטע. ווען ניט דאָס וואָלט דײַטשלאַנד, היטלערס דײַטשלאַנד געהאַט די אַטאָמישע באָמבע פריער, און זי וואָלט באַצײַטנס חרוב געמאַכט די וועלט. אוודאי האָבן יידן אַ גרויסן חלק געהאַט אין דער דייטשישער קולטור און וויסנשאַפט.

און דייטשלאַנד האָט אָפּגעצאָלט די יידן. לאָמיר ניט איבערחזרן דאָס וואָס אַלע ווייסן... ווען די עלטער־זיידעס פון דייטשלאַנד זײַנען נאָך אין די וועלדער פון אייראָפּע אויף דיביימער אַרומגעקראָכן, האָבן שוין די עלטער־זיידעס פון די דײַטשישע יידן געלערנט אַ בלאַט גמרא, און ניט געזויפט קיין ביר. נו, זײַנען יידן, אַרום אַ יאָרהונדערט, מיטגעפאָרן מיט די דײַטשן, גע־שלעפּט געטריי דעם דײַטשישן וואָגן, ביז דער אַטאַוויזם פון יענער „גרממיא של אדום שאלמלי הן יוצאין, מחריבין כל העולם" (מגילה ו׳ ב׳ און ז׳ א׳). (גאָט זאָל ניט דערלאָזן די מדינה גרממיא פון אדום זיי זאָלן קענען דורכפירן זייער באַגער, וואָרעם ווען זיי זאָלן אַרויסגיין, מאַכן זיי חרוב די וועלט. אדום מיינט רוים). ביז דער אַטאַוויזם פון די ווילדע חיות האָט זיך אָפּגערופן און באַצאָלט די יידן.

דאָס איז די טראַגישע לעקציע וואָס האָט זיך ניט איין מאָל איבערגעחזרט. און מיר דאַרפן זי ניט פאַרגעסן. זי קען זיך ווידער איבערחזרן דאָרטן און אַנדערשוווּ און אומעטום. „אַמעריקע איז אײַך ניט דייטשלאַנד"... געהערט ניט איין מאָל די טענה. נו, זיכער — יעדער לאַנד און יעדער פאָלק איז אַנדערש און אַנדערש צאָלט עס אויך, אַנדערש פירט עס זיך מיט יידן. איטלעכער שלאָגט אונדז אויף זײַן אופן לויט זײַן שטייגער. אַמעריקע איז אַ לאַנד מיט אַ סך פּאָטענצן, און אויך מיט אַ סך פּאָטענציעלע שוועריקייטן און קריזיסן. און אָט די זיינען געפערלעך פאַר יידן. קיינער קען ניט פאָרויסזען ווי און ווען די קריזיסן וועלן אויסברעכן, אָבער די פּאָטענציעלע צרות זײַנען דאָ און זיי וואַקסן אָן ביסלעכווייז. זיכער וועלן זיי זײַן אַנדערש, אָבער זיי וועלן זײַן. „מען טאָר זיך ניט מייאש זײַן פון צרות", האָט מען אונדז אָנגעזאָגט...

צי בין איך אַ פּעסימיסט?

קלוגע יידן האָבן צו מיר טענות: פאַר וואָס איך בין כסדר אַ פּעסימיסט און איך האַלט אין איין איבערחזרן אַז... אָט דער טאָפּ לינדזן וועט זיך ענדיקן פריער אָדער שפּעטער, אָבער ער וועט זיך ענדיקן? ערשטנס, פאַר וואָס בין איך דאָס דער „בייזער נביא״? און צווייטנס, וואָס קען מען טאָן? קען איך געבן אַן עצה? קען איך פאַרמיידן די צרות? און אַז איך קען ניט, איז דאָך בעסער ניט צו דערמאָנען, בעסער געניסן פון דעם דערוויילקן טאָפּ לינדזן און פאַרן מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן... אָט אַזוינע טענות קומט אויס אָפט צו הערן. האָבן קלוגע יידן, פון די וואָס לייענען נאָך, שוין געפּסקנט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַז איך בין דער פּעסימיסט, און בכן איז שוין בכלל ניטאָ וואָס צו ריידן און זועגן וואָס צו ריידן: מען פאַרנעמט זיך ניט מיט פּעסימיזם...

איז דאָס אַ לאָגיק פון אַ... שוידערלעכן פּעסימיזם, ניט איך, נאָר די בעלי טענות מיינע. עס ליגט אַ קראַנקער מענטש אין בעט. שווער קראַנק איז ער. קומען מענטשן מבקר חולה זיין. צווייערליי געסט. איין סאָרט געסט זעען אַז עס איז שוין ניטאָ קיין שום האָפענונג, ניטאָ מער וואָס צו טאָן, ניטאָ קיינע מיטלען — זיצט מען און מען מאַכט אַ ביסל פריילעך דעם קראַנקן, זאָל ער כאָטש אַ ביסל פאַרגעסן זיין לאַגע, זאָל ער אַ ביסל לאַכן כל זמן ער קען נאָך. זיצט מען און מען פאַרברענגט, אַלץ כדי זיך צו פאַרגעסן ווו דער חולה האַלט. דערציילט מען וויצן, מעשיות, מען זינגט — זאָל מען פאַרגעסן, נאָר ניט ריידן וועגן דער קראַנקייט!

און דער צווייטער מין געסט — לויפט, שמייעט, פרעגט אייך דאָקטער, אַ צווייטן, זאָל מען זוכן, אפשר וועט מען פאָרט עפּעס געפינען אַן עצה...

ווער איז מער פּעסימיסט — דער ערשטער מין געסט אָדער דער צווייטער? דער ערשטער סימן פון אמתן פּעסימיזם איז דאָס פאַרשוויַיגן און דאָס וועלן פאַרשוויַיגן, דאָס שטעמפּלען יעדע זאָרג פאַר דעם מאָרגן ווי פּעסי־מיזם און עס אַריַינלייגן אין חרם — מען טאָר ניט און מען דאַרף אפילו ניט ריידן... דער פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו פון אַזאַ פאַרשווייגן: וואָס איז דאָ צו ריידן אַז סיי ווי קען זאַך קיין זאַך ניט העלפן, טאָ זאָל שוין גיין ווי עס גייט, פאַר מיין לעבן וועט נאָך אפשר זיַין גענוג. און „נאָך מיר — אפילו אַ מבול״ וואָרעם סיי ווי קען מען דאָך ניט העלפן. דאָס וואַרפן זיך מיטן פּעסימיזם איז דער ערגסטער סימן פון פּעסימיזם. ווייל „כל הפוסל — פּסול״ — מען זאָגט אויף דעם צווייטן וואָס מען איז אַליין (קדושין ע׳ א׳). פאַראַן ביי

יידן אַזאַ מין פרייִלעכקייט וואָס עס איז ערגער פון יעדער אומעט, עס איז אַ מין שיכרות, אַ פאַרווייִלונג כדי זיך צו פאַרגעסן. מען איז ניט פריילעך, נאָר מען מאַכט זיך כלומרשט פריילעך. דאָס איז ניט קיין פריידיקע פרייִלעכקייט, עס איז אַ מין שיכרות מחמת יאוש, מחמת פעסימיזם...

נו, אָבער צווישן זיך גערעדט, האָב איך יאָ אַ באַוואָרעניש, אַ פאַרזי־כערונג, עפּעס אַ מין רעצעפּט וואָס זאָל פאַרזיכערן יידן פון צרות? ניין! אַזאַ זיכערע פאַרזיכערונג קען קיינער ניט האָבן. אַז אַ דאָקטער פאַרשרייבט אַ רעצעפּט קען ער דען גאַראַנטירן, אַז די רפואה וועט זיכער העלפן? קען דען געמאָלט זײַן אַזאַ פאַרזיכערונג? דער עיקר איז ניט אין געפינען נאָר דאָס זוכן. און אַז די מענטשהייט האָט ניט קיין רפואה קעגן קאַנסער, דעריבער דאַרף מען מבטל מאַכן די גאַנצע קראַנקייט? גאָרניט ריידן וועגן איר? אוודאי וואָרט די גאַנצע וועלט אויף צרות, אַלע פעלקער האָבן צרות און זיי וועלן האָבן צרות. אָבער די צרת רבים איז פאַר אונדז ניט קיין טרייסט און ניט קיין רפואה, ווייל יעדע צרה פאַר דער וועלט איז פאַר אונדז אַ טאָפּעלע, און ווען אַלע לײַדן, לײַדן מיר מער.

ובכן גייט עס ניט אין פאַרטיקע רעצעפּטן און רפואות, עס גייט וועגן זוכן, טראַכטן, זאָרגן און וועלן געפינען אַ וועג, אַ מיטל, אַן אויסוועג.

גלות השכינה

מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם גלות הכלל און דעם גלות הפרט, אַנדערש איז ווען יעדער יחיד, יעדער ייד באַזונדער איז אײַנגעגלידערט אין זײַן פאָלק און דאָס פאָלק איז אין גלות. און גאָר אַנדערש איז ווען יעדער יחיד, יעדער ייד באַזונדער, דירעקט איז אין גלות. עס איז אוממעגלעך צו געפינען אַן אויסוועג פון יידישע צרות, כל זמן עס איז ניטאָ קיין געמיינזאַם פאָלק, קיין געמיינזאַמע פאָלקישע אָרגאַניזאַציע. איטלעך פאָלק איז אַ פאָלק ווען עס איז אָרגאַניזירט ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ פאָלק. אונדזער יידישע פאָלק איז געווען אַ פאָלק, אַ שעפעריש פאָלק, כל זמן מיר זײַנען געווען אָרגאַניזירט אין איין קאָלעקטיוו. און ניט דווקא איז עס געווען די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אין פאָרעם פון אַ מדינה. מיר האָבן שוין געזען, אַז אונדזער פאָלקישע אָרגאַניזאַציע אונטער פּערסיע איז געווען שטאַרקער און

דויערנדיקער איידער די פאַרזיכיקע חשמונאים־מדינה. אַזוי צי אַזוי, אָבער עס מוז זײַן אַן אָרגאַניזאַציע.

אַט האָבן מיר אַ יידישן ציבור אין איין שטאַט וואָס איז גרעסער און צאָליקער ווי גאַנץ מדינת ישראל, אָבער אַט דער ציבור איז ניט קיין ציבור, עס איז אַ סכום פון באַזונדערע יחידים, וואָס ווילן גאָר ניט זײַן קיין כלל, קיין ציבור. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין קולטור, אין סאָציאַלער אָרגאַניזירטקייט — אַלץ שטאַמט פון פריער, פון יענער תקופה ווען מיר זײַנען יאָ געווען אָרגאַניזירט אין קאָלעקטיוון, אין קליינע אויטאָנאָמע קיבוצים. מיליאָנען ביימער זײַנען נאָך ניט קיין וואַלד, מיליאָנען בהמות זײַנען נאָך ניט קיין סטאַדע. און מיליאָנען יידן אין איין שטאַט, זײַנען ניט קיין פאָלק, כל זמן עס איז ניטאָ קיין אויטאָנאָמע אָרגאַניזירטקייט צווישן זיי, כל זמן יעדער ייד באַזונדער איז ניט באַהעפט צום כלל פאָלק. און עס איז ניט גענוג צו געהערן צו אַ קאָנגרעגאַציע פון אַ סינאַגאָגע, פון אַ טעמפּל. מיר האָבן אונטערגעשטראָכן עטלעכע מאָל, אַז מען קען זײַן אַ גאַנץ פיינער סתם־אַמעריקאַנער און געהערן צו איינעם אָדער צו אַן אַנדער קלויסטער אָדער טעמפּל, פונקט ווי מען געהערט צו עפּעס אַן אַנדער קלוב. פאָלק איז ברייטער פון רעליגיע, יידיש פאָלק איז ניט אין פאַרגלייך מער ווי די סינאַגאָגע־דינסט. עס איז אַ סכום פון סאָציאַלע און קולטורעלע און ציווילע, און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און פאַרפליכטונגען, טראַדיציעס, זיטן און מנהגים. עס איז קודם כל אַן ענין פון באַוווסטזײַן אַז מען געהערט צו אַ באַזונדער פאָלק, וואָס איז אין אַמעריקע, הגם מען איז ניט קיין טייל פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. די סינאַגאָגע־יידישקייט דערמאָנט יענץ לידל „גייט אַ גוי אין שענקל אַרײַן, אין שענקל"... דאַרף מען בלויז ענדערן אַזוי: גייט אַ גוי אין קלויסטער אַריין / גייט אַ ייד אין טעמפּל אַריין / ...דער אַמעריקאַנער ניט־ייד ברענגט דעם יידן אין אַמעריקע אין זיין יידישן טעמפּל אַריין. אַליין, אַן דעם גוי אין קלויסטער, וואָלט גאָר דער ייד אויך דעם טעמפּל ניט געדאַרפט...

אַט דאָ ליגט דער מקור פון אַלע יידישע צרות... ניט ריכטיק: דאָ ליגט דער מקור פון ניט קענען אויסהאַלטן, ניט קענען גובר זיין, ניט קענען זיך קעגנשטעלן די צרות וואָס קומען, וואָס וועלן קומען...

דאָ ליגט דער מקור פון ניט קענען אויסהיטן זיך די צרות זאָלן ניט קומען, און אויב יאָ, זאָלן זיי זײַן קנאַפּער, שוואַכער, קלענער, ווייניקער.

צוויי זײַנען זיי די וועגן ווי זיך צו באַשיצן קעגן צרות:

אָדער זיך באַמיען מען זאָל אונדז ניט וועלן אָנטאָן קיין צרות, מען זאָל אונדז ליב האָבן, מען זאָל זיך מיט אונדז ברידערן, האַלטן אונדז פאַר

אייגענע; און אויב עמיצער פון דער זייט קומט און וויל אונדז טאָן שלעכטס, זאָלן די שכנים, די גוטע פריינד אונדז באַשיצן. דאָס איז איין וועג. און דער צווייטער וועג:

— ווילסטו זײַן באַשיצט, באַשיץ זיך אַליין. אַז דו וועסט זיך באַשיצן וועלן זיך געפינען אויך אַנדערע וואָס וועלן דיר העלפן. מענטשן ווי חיות האָבן ניט ליב, האָבן ניט קיין אַכטונג צו עמיצן וואָס באַשיצט זיך ניט. קיינער האָט ניט ליב קיין באַנטשע שוויג, האָט מען אונדז נאָך פאַרצייטן אָנגעזאָגט „אל תבטחו בנדיבים" — פאַרלאָזט אייך ניט אויף גוטע לייט. פאַרטײַטשט דאָס טביה דער מילכיקער אַ סך ריכטיקער: אל תבטחו בנדיבים — געטרוי ניט קיין הינט... וואָרעם אַז מען וואַרט נאָר אויף יענעמס הילף, ווערט דער יענער הינטיש, אויב ער איז אפילו פון דער נאַטור ניט קיין הונט... מיר האָבן געהאַט אַ טרויעריקע לעקציע צו לערנען ווי די גוטע לענדער, די פריינדלעכע פעלקער האָבן זיך צו אונדז באַצויגן ווען פעלקער זײַנען אויפגעשטאַנען קעגן אונדז להשמיד ולהרוג — אומצוברענגען גאָר אַלעמען. ווען אַ מענטש איז געליימט, ווען ער קען ניט באַנוצן זײַנע הענט און פיס, איז ער געצוווּנגען צו וואַרטן אויף פרעמדער הילף. עס קען זײַן, אַז ער פילט דעם ווייטאָג, אָבער די מוסקולען אַרבעטן ניט, ער קען ניט הייבן קיין האַנט, קיין פוס. און עס קען זײַן נאָך ערגער — ער פילט אפילו ניט דעם ווייטאָג...

און אַ פאָלק, אַ קאָלעקטיוו איז ווי אַ יחיד. נאָר די אַטראָפיע פון די גלידער איז דאָ עטוואָס אַנדערש. יעדער איינער פאַר זיך קען זײַן אַקטיוו און באַשיצן זיך מיט אַלעמען גלייך. אָבער ווי אין קאָלעקטיוו — קען ער גאָרניט טאָן. וואָלט איר אָנגערירט עפּעס דעם דײַטשן אין דעם יידישן דײַטש, וואָלט ער ניט געשוויגן. פּרובירט באַליידיקן פאַר אַן אַמעריקאַנער יידן „זײַן" אַמעריקע... ער וועט אײַך ניט שווײַגן! אָבער אַז מען רירט אָן, אַז מען באַליי־דיקט, אַז מען שלאָגט, אַז מען טוט אָן די גרעסטע יסורים דעם יידן אין דעם דײַטשישן יידן, אין דעם אַמעריקאַנער יידן, דעמאָלט בלײַבט ער אָנמעכטיק, פאַרלאָרן, אָן מוט און אָן כוח און אָן ווילן עפּעס צו טאָן, דעמאָלט קען ער אפילו זיך ניט פאַרטיידיקן. עס איז טראַגישער פון טראַגיק ווען געזונטע, אינטעליגענטע מענטשן ווערן קראַנק, ווען אַ האַלבע נשמה ווערט אַטראָפירט. דער דײַטש אין דעם דײַטשישן יידן איז געווען אַקטיוו און שעפעריש און טיכטיק, און דערפינדעריש, אָבער דער ייד אין אים איז געליימט, אַטראָפירט.

און שוין איצט אַז די זיבן גוטע יאָר פון אַמעריקאַנער גלות זײַנען ווייט נאָך ניט געענדיקט, עס האַלט נאָך אַ דאַנק גאָט ניט ביים חלף אויפן האַלדז,

פּראָבירט נאָר ריידן מיט אַן אַמעריקאַנער יידן און אים איבערצייגן, אַז אַט די היינטיקע „ליכטיקע נעכט" וועלן זיך ניט ציען אייביק, וועט איינער דער ייד מיטן גאַנצן ערנסט זאָגן: יאָ, איר זייט גערעכט, אָבער אדרבא, וואָס זאָל מען טאָן? זאָגט, גיט אַ פּלאַן... דאָס הייסט, טיף אין האַרצן איז יעדער ייד אין אַמעריקע איצט ווייט ניט זיכער מיט זיין אַמעריקע, אָבער דער געדאַנק איז שוין אַטראָפירט... אַז איר וועט אים געבן אַ פּאַרטיקן פּלאַן און ער וועט זיין אַ גרינגער, וועט ער אפשר טאָן אַ ביסל, אויב עס וועט אים פּערזענלעך ניט שטערן צו פיל... ווען מען וואָלט דעם אַמעריקאַנער יידן געגעבן אַזאַ מין לייכטן פיל קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָלט ער געווען צופרידן. אָבער, ער וועט ניט וועלן ביטן זיין שטייגער לעבן נאָך אין די גוטע יאָרן — וועט ער שוין אַ מאָל טאָן מיט דער האַנט: דאָס איז שוין צו פיל. פון דעם האַלט ער ניט...

און אויב איר וועט אַזאַ אַמעריקאַנער יידן דערקלערן אַז קודם כל דאַרף ער פון אַן אַמעריקאַנער יידן ווערן אַ ייד אין אַמעריקע, וועט ער אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס — דאָס קען ער ניט. דאָס איז פאַר אים אַ צו שווערער קרבן. ער וויל עס ניט. און אפשר קען ער עס ניט. לאָמיר עטוואָס טיפער דאָס דערקלערן: אין אַ טראַדיציאָנעלן יידן איז געווען איין נשמה — אַ יידישע און זי איז געווען אַ גאַנצע, דורותדיקע וואָרצלען האָבן געקאָנט אויך האַדעווען אַרויפגעגרעפּטע קולטורן. אָבער די וואָרצלען זיינען געווען אייגענע, געזונטע.

ביי דעם מאָדערנעם יידן זיינען אייגנטלעך פאַראַן צוויי נשמות: די דורותדיקע, די יידישע און די אַרויפגעגרעפּטע, די פרעמדע. זי שטאַרקט זיך כסדר, פון דור צו דור און זי שטיקט די פריערדיקע, די יידישע נשמה. אייננציטיק די ביידע נשמות — דאָס איז אוממעגלעך. שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ דער ייד אין דעם יידן. און אַז עס קומט די נויט, דער ייד דאַרף זיך באַשיצן, איז ניטאָ ווער עס זאָל עס טאָן. און דערצו נאָך דאַרף דאָך די זעלבסטשוץ זיין אַ יידיש־קאָלעקטיווע, אָבער עס איז ניטאָ קיין פעסטער יידישער יחיד אין יעדן יחיד, טאָ ווי און ווער וועט שאַפן דעם קאָלעקטיוו?

כדי אַ מענטש זאָל געהערן צום יידישן פאָלק, דאַרף ער פריער זיין אַ ייד, כדי צו זיין אַ ייד, דאַרף דאָס יידיש־פאָלקישע אַריין אין יעדער יידן. עס הייסט ניט אַז מען דאַרף קענען און וויסן יידישע געשיכטע, יידישע וויסנשאַפט וכדומה. עס קען זיין אַ ייד אָנגעזאַפּט מיט פאָלקישקייט וואָס קען אפילו ניט לייענען. דאָס „פאָלקישע", וואָס מיר זאָגן דאָ, מיינט דווקא דאָס פון פאָלקס קולטור וואָס איז נאָך ניט פאַרשריבן אפילו, דאָס יידישעס שבעל פה. אָן דעם איז דער ייד — אַ גוי וואָס פאַרנעמט זיך מיט יידישקייט. ער קען זיין זייער

אַנגעלערנט, פול דער קאָפּ מיט יידישקייט, און אַליין איז ער ניט קיין ייד. ער איז אַ גוי? — אָפּט מאָל אויך דאָס ניט — ער האָט דאָך ניט דאָס פאָלקישעס, די קולטור שבעל פה פון דעם גוישן פאָלק. טאָ וואָס איז אַזאַ מענטש? ער איז באמת גערעדט ניט קיין ייד און ניט קיין גוי. ער איז ניט דאָס און ניט דאָס. ער איז צווישן יידן אַ פרעמדער און אַ פרעמדער צווישן גוים. און אַז עס קומט מען דאַרף עפּעס אויפטאָן ווי אַ יידישער קאָלעקטיוו, איז ניטאָ ווער עס זאָל עס טאָן...

מען טוט אָפּט אין דערציִונג פאַרבייטן דאָס פאָלקישע מיט דעם וואָס איז געווען פאָלקיש ניט איצט, ניט נעכטן, נאָר פאַרציַיטן, גאָר אַ מאָל. און אויך דאָס קען ניט אַנטוויקלען די יידישע אַקטיוויקייט אין דעם מענטשן, אין דעם יידן. קורץ גערעדט איז דאָס גאָר פשוט: אַ מענטש האָט געהאַט עלטערן און ער האָט געהאַט עלטער־עלטער־עלטער זיידעס. צו וועמען איז דער מענטש מער פאַרבונדן — צו זיַינע עלטערן אָדער צו די עלטער־זיידעס? מען קען זיַין פאַרבונדן צו די עלטער־זיידעס נאָר דורך די עלטערן. מען קען זיַין אָרגאַניש באַהעפט מיט דער פאַרצייטיקער יידישער קולטור נאָר דורך דער נאָענטסטער, נאָר דורך דער שטעטלשער קולטור. אַלע אַנדערע דרכים, אַלע אַנדערע פרוּוון זיַינען סוראָגאַטן פון יידישקייט. זיי קענען ניט צובינדן קיין מענטשן צום פאָלק.

געווען ביי יידן אַ באַגריף שכינה. געמיינט מיט דעם — דעם יידישן גייסט. איטלעך פאָלק האָט זיַין גייסט, זיין „שר" אין הימל, זיַין פאָלקישקייט. אַ ייד אָן פאָלקישקייט, רוט אויף אים ניט די יידישע שכינה. און אָן איר, ווען די שכינה איז אין גלות, קען ניט געשאַפן ווערן קיין יידישע קולטור, קיין יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, קיין יידיש לעבן, קיין יידישע וויסנשאַפט און קיין יידישע שוּל. מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל גערעדט וועגן דעם אַלטן יידישן אתה בחרתנו און דעם כוח פון אתה בחרתנו. דאָס איז די שכינה, עס איז אַ סינאָנים.

ווען קענען יידן אויסגעלייזט ווערן פון גלות? ווען זיי וועלן זייער שכינה אויסלייזן פון גלות. וואָסערע יידן קענען בויען די גאולה? — די יידן וואָס אין זיי איז די שכינה אויסגעלייזט. נאָך מער: ווען די שכינה איז ניט אין גלות, ווען דער אתה בחרתנו לעבט אין יידן, איז דער פיזישער גלות ניט קיין גלות, ער איז אַ גרינגער גלות, אַ גלות פון דרויסן. ווען אָבער די שכינה איז אין גלות, איז אפילו אַ פרייער ייד אויך אין גלות; די נשמה זיַינע איז אין גלות ביי אים גופא. דער ייד איז אַטראָפּירט אין דעם יידן גופא. דאָס איז דער

טראַגישסטער גלות. פאַראַן נאָך אין תנ״ך אַן אָפטער אויסדרוק: יידן זײַנען אַוועק דינען אַנדערע געטער, האָט זיי גאָט איבערגעגעבן אין פרעמדע הענט פון שונאים. און אָט די גאַנץ פרימיטיווע פאָרמול איז ריכטיק פאַר אַלע תקופות און צײַטן, אויך פאַר אונדז הײַנט.

צוויי וועגן אומצוברענגען יידן

אַז אַנדערע פעלקער האָבן אונדז ניט ליב איז אַן אַלטער כלל. די גמרא האָט עס נאָך געוווסט. און אַ שינאה וואָס ציט זיך מינימום אַריבער צוויי טויזנט יאָר, קען מען גאָרניט אויסהיילן, זי ליגט צו טיף אין אונטערבאַוווסטזײַן. און איך האָב ניט קיין טענות צו זיי: קיינער איז גאָרניט מחויב מיך ליב צו האָבן. קיינער איז ניט מחויב ליב צו האָבן יידן. (נאָך מער — ווי זאָלן ניט־יידן ליב האָבן יידן, אַז די יידן אַליין האָבן זיך ניט ליב). אַז פעלקער ווילן פטור ווערן פון אונדז, — דאָס האָט אונדזער דור אויך געזען, די „גוטע״ פעלקער וואָס האָבן געקאָנט העלפן, האָבן דאָס ניט געטאָן. גאָר פשוט: אַז עמיצער האָט אַראָפּגעשלונגען עפּעס וואָס ער קען ניט פאַרדייען, וויל ער פון דעם פטור ווערן. זײַנען פאַראַן צוויי וועגן, וואָס מען וווענדט אָן דערבײַ: מען מאַכט פאַגראָמען, פשוט, מען נעמט אַ האַק און מען האַקט. און עס איז פאַראַן אַ צווייטער וועג, אַ בעסערער וועג: מען מאַכט עס אין צוויי ראַטעס. צוערשט אַטראָפירט מען דעם יידן אין דעם יידן, מען נעמט די שכינה אין גלות און מען טייט אָפּ דעם אתה בחרתנו. און נאָך דעם איז שוין גאָרניט שווער צו ענדיקן, צו טייטן אויך פיזיש, דעם גוף וואָס איז נאָך אַלע באַמיונגען ניט זוכה געווען צו ווערן גוייש. אַ בהמה אין שעכטהויז ווערט צו ערשט פאַרטויבט, פאַרשיכורט...

און דער פראָצעס גייט ווידער גראַדועל: אונדזער עלטער־באָבע — באָבע רבקה האָט נעבעך געהאַט געבערענטע לײַדן: אין איר האָבן זיך אירע ביידע זין — דער גוי מיטן יידן געקריגט, „ויתרוצצו הבנים בקרבה״ שטייט — איינער דעם צווייטן געמיימיסט. און געליטן האָט זי פון זייער שלאָגן זיך אין איר גופא... אָט דעם ויתרוצצו האָט אין זיך יעדער מאָדערנער, אורבאַניזירטער ייד. אין אים קריגן זיך און שטיקן זיך דער ייד מיטן גוי, און עשיו איז אַלע מאָל שטאַרקער. דערשטיקט עשיו יעקבן אין יעדער יידישער נשמה גופא...

לייען איך אין צײַטונגען מיט וויפל היץ און ברען יידן קעמפן פאַר

אַלע גוטע זאַכן אין דער וועלט, פאַרן סאָציאַליזם, פאַרן קאָמוניזם, פאַר ציווילע רעכט, — פאַר פרייהייט פון וואָרט, פאַר ראַקוועלס דעמאָקראַטישע רעכט צו ריידן און פּראָפּאַגאַנדירן גאַז־קאַמערן פאַר יידן — פרייהייט, פרייהייט איבער אַלץ! פאַר איין זאַך פאַרגעסן זיי צו קעמפּען — די יונגע יידן — פאַר, ד.ה. קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דיסקרימינירן יידן אומעטום, פאַר באַשיצן יידישע שולן, בית עולמס, צענטערס, קעגן וואַנדאַליזם, קעגן אָנפאַלן און באָמבעס און שריפות — אויף דעם פּראָבלעם איז זייער שווער צו געפינען יונגע יידן. אַ סך מער נעמען זיי זיך אָן פאַר נעגערס ווי פאַר יידן. דער ייד אין זיי איז שוין אַטראָפירט און מען וויל גאָרניט זיך אָננעמען פאַר יידן, מען זאָל חלילה ניט אידענטיפיצירן זיי מיט יידן. דאָס זיינען יידישע קינדער, ריכטיקער — קינדער פון יידן, וואָס דער „גוי" אין זייער נשמה האָט שוין דערשטיקט דעם יידן, עשיו האָט שוין צוגענומען ביי יעקבן — מיט אַ טאָפּ לינדזן און אָן אָזאַ — די בכורה, די שכינה מיטן אתה בחרתנו — אַלץ. אין דער נשמה איז געבליבן נאָר אַ גראָשנדיק ליכטל — אַ זכר נאָך דער יידישקייט, וואָס איז געשטאָרבן. מען באַקלאָגט זיך אין אַמעריקע, אַז די יוגנט מיידט אויס צו קומען צו יידישע אונטערנעמונגען. מען זעט זעלטן אויף אַזוינע אונטערנעמונגען אַ קאָפּ וואָס איז ניט גרוי. אָבער אויף יידישע אונטערנעמונגען מיט ענגליש פעלן אויך יונגע יידן, אויך אַהין קומען איבערהויפּט יידישע, ייִדיש־רײדנדיקע יידן. ניט בלויז דאָס לשון פאַרטרייבט די יינגערע יידן, נאָר דאָס עצם דערמאָנען זיי אַז זיי געהערן צום יידישן פאָלק, בעת זייער יידישקייט, דער ייד אין זיי איז שוין טויט.

און אגב, דוכט זיך מיר אַז די אויסגעיידישטע יידן, די וואָס ריידן שוין ניט קיין יידיש, אַז זיי נעמען זיך צו מאָל יאָ צו אָרגאַניזירן אַ יידישן ענין, קומט עס אַרויס אָן אַ נשמה, עפּעס געמלאָכעט, געקינסטלט, ניט אויפריכטיק, ווי מוזיק געשפּילט טאָקע לויט די ריכטיקע נאָטן, אָבער אָן געפיל, אָן נשמה. עס קומט אויס אַז צוזאַמען מיטן לשון פון פאָלק האָבן די דאָזיקע יידן אויך פאַרלאָרן די נשמה פון פאָלק, עס איז אַנטלאָפן די שכינה, אַנטלאָפן דער גייסט פון פאָלק און געבליבן בלויז דער קלאַנג, דער הילך, אָבער ניט דאָס וואָס עס איז פאַראַן אין די ווערטער... עס איז שוין אַזוי פיל געזאָגט געוואָרן אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע דערשטיקט ניט בלויז די יידישע ווערטער נאָר צוזאַמען מיט די ווערטער דערשטיקט זי אויך דאָס נשמהדיקע וואָס אַ פאָלק לייגט אַריין אין זיין שפּראַך. עשיו דערשטיקט יעקבן, דערפאַר איז די גאַנצע קולטור, די גאַנצע יידישקייט וואָס ווערט געשאַפן אין די פרעמדע שפּראַכן

פון די הערשער־פעלקער ניט מער ווי נאָכגעמאַכט, ניט עכט, פון אָרגאַנישער ייִדישקייט איז עס ווייט און צו גוייִשקייט איז עס ניט דערגאַנגען. מיט די אויסגעייִדישטע ייִדן וואָס זיינען אָבער נאָך ווייט ניט קיין גויים איז אַ סך גרינגער צו מאַכן די „לעצטגילטיקע לייזונג" פון דער ייִדן־פראַגע לויט די דייטשישע מעטאָדן...

אַן אומעטומיקע טראַגעדיע

מען האַלט ביי אונדז כסדר אין איין איינטיילן די גלותן לויט אַ געאָ־גראַפישן קריטעריִ: מזרח־אייראָפּעישע ייִדישקייט און מערב, אָדער אַמעריקאַנער ייִדישקייט. עס קומט אויס ווי ייִדישקייט וואָלט מורא געהאַט פאַרן ים. אין דער אמתן איז עס ווידער אַ מאָל ניט קיין געאָגראַפישע פּראָבלעם. עס איז דער אונטערשייד אין דעם סאָציאַלן איינשטעל, אין לעבן אונדזערן.

אין מזרח־אייראָפּע גופא איז געווען אַ געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן שטאָט און שטעטל.

די ייִדן פון שטעטל האָבן געלעבט אין זייער אויטאָנאָמען גלות. אין שטאָט איז עס ניט אַזוי געווען בולט, סיידן די שטעט גופא זיינען געווען אַ סכום פון עטלעכע קלענערע שטעטלעך, מיט באַזונדערע קלענערע קהילות (ווילנע, למשל, איז באַשטאַנען פון אַ 6—7 קלענערע קהילות, אין יעדער פאָרשטאָט באַזונדער און זיי זיינען געווען סובאָרדינירט צו דער קהילה גדולה מיט איר „צדקה גדולה"). דאָס רוב ייִדישע שרייבער, פּאָעטן, געזעלשאַפט־לעכע טוערס, רבנים, גדולי ישראל, קומען אַלע פון שטעטלעך, און אויב פון שטעט, איז עס ווידער אַ מאָל — פון די פאָרשטעטלעך. מ. אַנטאָקאָלסקי (דער סקולפּטאָר) און חיים גראַדע, שטאַמען יאָ פון צענטער ווילנע, איז עס פון יאַטקעווער גאַס, ווו עס איז אויסער די הייפער (הויף־באַדינערס) מסתמא קיין גוי ניט געווען. מ. שאַגאַל קומט פון אַ וויטעבסקער פאָרשטעטל, ניט פון צענטער. ייִדישע שעפערישקייט איז געווען נאָר דאָרטן ווו עס איז געווען אַן אויטאָנאָמער גלות. ייִדישע שעפערישע מענטשן זיינען געווען דאָרטן ווו זיי האָבן לכל הפחות זייער קינדהייט פאַרבראַכט אין אַ מאָניסטישער, דורכ־ויסיקער ייִדישקייט; שעפעריש זיינען געוואָרן ייִדן וואָס האָבן אין זייער קינדהייט געלעבט אין אַ ריין־ייִדישער וועלט. די טראַגעדיע האָט זיך אָנגע־הויבן מיט דער אורבאַניזאַציע. אין מערב־אייראָפּע איז די אורבאַניזאַציע

געקומען מיט אַן ערך הונדערט יאָר פריער ווי אין מזרח־אייראָפּע, ווי אין רוסלאַנד. דערביי איז דאָרטן די אורבאַניזאַציע באַגלייט געוואָרן מיט עמאַנציפּאַציע, די יידן האָבן געקראָגן רעכט פאַר יעדער יחיד באַזונדער אַריינצודרינגען אין דער ניט יידישער געזעלשאַפט. איז דאָרטן די אויסיידישונג געקומען פריער, און זי איז געגאַנגען פון שטעטלשער גאַנצער יידישקייט דירעקט צו אַסימילאַציע. אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך די אורבאַניזאַציע טאַקע אָנגעהויבן אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, אָבער די יידן האָבן ניט געקראָגן קיין רעכט אַרויסצורייסן זיך פון דער סאָציאַלער שטעטלאָרגאַניזאַציע, פון זייער ריין־יידישער קהילה־אָרגאַניזאַציע, די שטעטלעך זיינען געבליבן, די יידישע וועלט איז געבליבן אָפּגעזונדערט, און יעדער יחיד באַזונדער האָט געמוזט בלייבן אין דער יידישער געזעלשאַפט, אין דער יידישער וועלט. ביים בעסטן ווילן האָבן יידן ניט געקאָנט זיך אַסימילירן ווי אין מערב־אייראָפּע. קולטור אָננעמען זיך — יאָ, פון ביכער. קיין לעבעדיקע רוסן זיינען אין די שטעטלעך ניט געווען. עס איז געווען אורבאַניזאַציע אָן עמאַנציפּאַציע, איז אויפגעקומען אַ נייע פאָרם פון יידישער קולטור. אַזאַ וואָס איז פריער ניט געווען — די וועלטלעכע יידישע קולטור. מערב־אייראָפּע האָט פון עפּעס ענלעכס ניט געוווּסט, ניט געקאָנט וויסן. די יידן וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון תחום, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין „טיף־רוסלאַנד" (דאָרטן ווו יידן בכלל האָבן גאָרניט געטאָרט וווינען), יענע יידן — אין די רוסישע שטעט און —נאָך מער — אין רוסישע שטעטלעך — זיי האָבן זיך אַסימילירט פונקט אַזוי ווי אין מערב־אייראָפּע, דאָרטן האָט די אורבאַניזאַציע געבראַכט צו אויסיידישונג און אַסימילאַציע אפילו אָן עמאַנציפּאַציע. אויב אין פּעטערבורג און טיילווייז אין מאָסקווע איז יאָ געווען אַ יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן, איז עס געווען מער פאַר די יידן אין תחום, אפשר טיילווייז פון יענע יידן אין תחום, אָבער קיין אייגן אָרגאַניש לעבן פון יידישקייט איז דאָרטן ניט געווען, ווי עס איז ניט געווען אַזאַ אין מערב־אייראָפּע.

דער אונטערשייד איז ניט קיין געאָגראַפישער, נאָר ער איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון יידיש לעבן.

איבערהויפּט איז עס בולט קענטיק אין דעם זעלביקן תחום, נאָך דעם ווי די סובאָרדינירטע טעריטאָריאַלע פעלקער זיינען געוואָרן פאַרזיכיקע מדינות, ווי פּוילן, ליטע און אַנדערע. ניט געקוקט אויף דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם איז דאָך אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקע שפּראַך־אַסימילאַציע. און צוזאַמען מיט איר איז געגאַנגען די אויסיידישונג. זי הייבט זיך אין די שטעט. לכתחילה איז זי

ניט קענטיק, ווייל די שטעטלעך פלעגן כסדר אַנשיקן נייע און נייע קאַדרען יידישע יונגע מענטשן — קולטור־געברויכער און קולטור־שעפער. מיט דער אויסליידיקונג פון די שטעטלעך איז אויך אויסגעליידיקט די יידישקייט. צו קורץ איז געווען דער פעריאָד פון די דאָזיקע מדינות, דער פּראָצעס פון אויס־יידישונג זאָל דערגיין ביז אַ ווייטערער מדרגה. אָבער ער איז געגאַנגען כסדר אָן אָפּשטעל. בכן קענען מיר קומען צו אַן אויספיר:

יידישקייט, אָדער יידישע קולטור איז תמיד אַ פּראָדוקט פון אַ פּאַר־זיכיקן יידישן לעבן־שטייגער. די יידיש־וועלטלעכע קולטור איז געווען אַ פּראָדוקט פון אורבאַניזאַציע אָן עמאַנציפּאַציע: יידן האָבן זיך אָנגענומען מיט רוסישער קולטור, מיט וועלט־קולטור און דאָך געבליבן אין זייערע אַלטע שטעטלעך. עס איז געווען אַ געוואַלדיקער אויפבלי, אַן אויפשטייג אויף אַלע געביטן פון לעבן, ניט בלויז ליטעראַטור. מיטן שטראָם פון עמיגראַציע האָט זיך די נייע וועלטלעכע קולטור צעטראָגן איבער דער גאָרער וועלט. זיינען אויפגעקומען נייע יידישע ישובים, אין נייע לענדער, אויף נייע קאָנטינענטן. זיינען זיי געווען אויסגעשטעלט דער סכנה פון דירעקטער אַסימילאַציע, ווי דאָס איז געווען אָפּט אין אימיגראַציע־לענדער. האָט די וועלטלעכע יידישקייט אָפּ־געהאַלטן דעם פּראָצעס.

האָט די וועלטלעכע יידישקייט געבאָרן אַ נייע וועלטלעכע משיח־באַ־וועגונג — חיבת ציון און ציוניזם. לכתחילה ריין וועלטלעך, ביסלעכוויז האָט די רעליגיע געמוזט מסכים זיין און שלום מאַכן: דער דרוק פון מאַסן, פון פאַקטן, האָט געצווונגען, ניט ווילנדיק, זאָגן אָמן.

אַזוי וואָלט זיכער אויך געווען מיט אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער וועלטלעכער יידישקייט אויך אין די גלות־לענדער, ווען זי וואָלט זוכה געווען צו קענען לעבן אין אורבאַניזירטע, עמאַנציפּירטע ישובים, דאָרטן ווו עס איז ניטאָ קיין אויטאָנאָמע סאָציאַלע יידישע אָרגאַניזירטקייט. האָט די וועלטלעכע יידישקייט — אַ פּראָדוקט פון יידישן לעבן אָפּגעטיילט, באַזונדער — אַסי־מילירט אין זיך קולטורן, דערפאַר ווייל די וועלטלעכע האָבן ניט געקאָנט אַסימילירן זיך אין די פרעמדע קולטורן. אָבער איין זאַך האָבן די וועלטלעכע יאָ געקאָנט: קריטיקירן, אַנולירן, באַקעמפן די יידישע טראַדיציעס. אויף דעם געביט פון קאַמף קעגן די טראַדיציעס איז די וועלטלעכע יידישקייט געווען אַ לעגיטימע יורשטע פון דער השכלה. אָבער אויף די געביטן פון פּאָזיטיווער אַרבעט האָט די וועלטלעכע יידישקייט געמאַכט אַ גוטן אָנהייב — גענומען

בויען אַ יידיש לעבן פאַר זיך אין די אורבאַנישע נייע באַדינגונגען. האָט זי געשאַפן ביסלעכווייז, טראָט נאָך טראָט אויך די מדינה.

אָבער זי — די וועלטלעכע יידישקייט — האָט ניט באַוויזן אויפצובויען אַ יידישע פאַרזיכיקייט, אַ פאַרזיכיקע יידישקייט אויך אויסער די ראַמען פון דער אייגענער מדינה. זי האָט ניט באַוויזן צו פאַרפעסטיקן די צווייטע שטופע פון וועלטלעכקייט — וועלטלעכע יידישקייט אָן דער נעגאַציע פון די אייגענע טראַדיציעס. ניט אין דער מדינה און ניט אין די גלותן.

די וועלטלעכע יידישקייט האָט ווי די השכלה בשעתו זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דעם גאַנצן אימפעט צו דעם נייעם, צו אַל דעם פרעמדן, אַז מען האָט באַדאַי צעבראָכן דאָס אייגענע אַלטע. צי עס איז געווען די שלילת הגלות, צי עס איז געגאַנגען אונטער דער מאַרקע פון אַנטי־רעליגיע, אָבער אָן שום ריכטיקער באַציִונג צו די פריערדיקע איינגעשטעלטע עלעמענטן פון שטעטלשער יידישקייט. עס איז געווען דער אימפעט פון נעאָפיטן. האָט וועלטלעכע יידישקייט געהאַט זיך געשטעלט אויף העלפט וועג צו... אַסימילאַציע. אין דער מדינה ניט ווייניקער ווי אין גלות. דאָס איז דער נאַטירלעכער גאַנג פון יעדער נייער ריכטונג: איידער מען הייבט אָן צו בויען עפּעס אַ נייעם בנין, מוז מען דעם אַלטן צעברעכן...

דער צווייטער קאַפּיטל — דאָס בויען נייע, אייגענע, פאַרזיכיקע יידישקייט פון די אייגענע ציגל, דאָס נייע פון דעם אַלטן איז ניט געקומען. ער האָט ניט געקאָנט קומען אָט פאַר וואָס:

1. — מיר זיינען אומעטום, אויך אין דעם פריערדיקן תחום געקומען מיט איין מאָל אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע פעלקער אין די נייע פאַרזיכיקע מדינות. מיט איין מאָל צעבראָכן די מחיצות וואָס האָבן אונדז געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע. דער פאַקטאָר איז דער זעלביקער וואָס האָט אין מערב־אייראָפּע בשעתו געמאַכט אַ חורבן פון דער גאַנצער שפּעטרישער יידישקייט. האָט זיך דאָס איצט איבערגעחזרט אין די נייע, יונגע מדינות. נאָך מער האָט זיך דאָס איבערגעחזרט אין דער אימיגראַציע, אין די נייע לענדער, אין אונדזערע נייע ישובים, ווי אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. די ישובים זיינען אַוועק אויף די טראַגישע דרכים פון מערב־אייראָפּעישער יידישקייט, אויף די וועגן פון פאַסיליזאַציע.

2. — מיר האָבן ניט געהאַט קיין געדיכטערע פאָלקישע מאַסן, דאָס הייסט אַזוינע וואָס לעבן קאָמפּאַקט און האַלטן זיך טראַדיציאָנעל. די שטעטלעך האָבן

זיך אויסגעליידיקט. ניט געווען דער כוח וואָס קען אָפּהאַלטן דעם געלאַף צו דער אַסימילאַציע אין די נייע ערטער.

3. — דער חורבן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, דער היטלעריזם און דער סטאַליניזם אין רוסלאַנד האָבן פאַרענדיקט. ניטאָ מער דער קוואַל, וואָס פון אים איז וועלטלעכע יידישקייט געקומען.

4. — דער דאָזיקער צווייטער קאַפּיטל — אייגענע, פאַרזיכיקע יידישקייט, פון די אייגענע קוואַלן געשעפּט, פון די אייגענע עלעמענטן געקנאָטן — אַזאַ יידישקייט, אַזאַ קולטור קען קומען איצט נאָר פון דער אייגענער מדינה, און דאָס — ווען זי וועט זיך באַפרייען אין גאַנצן, ווען זי וועט זיך אויסהיילן פון דער „שלילת הגלות”. דאָס איז אַ שיינער נאָמען פאַר אַ מיאוסער טענדענץ צו אַנטלויפן פון זיך, פון די אייגענע טראַדיציעס. עס גייט צו דעם. נאָך אַ לאַנגער וועג.

דערווייל אָבער גייט וועלטלעכע יידישקייט אַלץ מער און מער אונטער און עס יאָגט אָן אַסימילאַציע אין אַלע נייע ישובים. אין די נייע און אויך אין די אַלטע, אויף דעם שטח פון דעם אַמאַליקן תחום...

אין סך הכל — די וועלטלעכע יידישקייט האָט אין קורצער צייט פון איר לעבן אַ קנאַפּן יאָרהונדערט אין כסדרדיקן שטורעם פון מלחמות און רעוואָלוציעס און פּאַגראָמען, ניט באַוויזן צו אַנטוויקלען אין די יידן דעם געזונטן ווילן צו פאַרזיכיקייט, צו בויען אַ יידיש פאַרזיכיק לעבן פרייוויליק, מיר האָבן ניט ביז היינט קיין טעאָריע אפילו פון פאַרזיכיקער יידישקייט אין אָרגאַניזם. יידן האָבן אין די נייע ישובים איבערגעחזרט דאָס וואָס עס איז געווען אין מערב־אייראָפּע: זיי האָבן אַליין, פרייוויליק אַוועקגעוואָרפן גאָר די יידישקייט, פון פאַרזיכיקייט צו אַסימילאַציע.

אומזיסטע טענות צום צווייטן דור

מיר האָבן אָפט טענות צום צווייטן דור וואָס וואַרפט אַוועק יידישקייט. אמת, אין אַמעריקע איז שוין די צייט פון טענות אויך אַוועק: דער צווייטער דור איז שוין אויסגעוואַקסן, ער איז אין גאַנצן אַוועק פון דעם דור וואָס איז געקומען — צוויי עקסטרעמען — די געקומענע האָבן אפילו ניט צו וועמען צו ריידן, און דער צווייטער דור קען ניט פאַרשטיין, קען ניט באַנעמען דעם שטומען צער פון די עלטערן. אָבער אין די יינגערע נייע ישובים גייט נאָך אָן די דיסקוסיע צווישן דעם ערשטן דור און דעם צווייטן, צווישן די געקומענע און די געבאָרענע אין אַמעריקע. דער יינגערער דור איז ניט שולדיק וואָס ער איז אַוועק. ער לעבט אין אַן אַנדער וועלט. זייער גאַנצע וועלט איז די זעלביקע

וואָס פאַר אַלע ניט־יידן, איין וועלט, דאַכט זיך, פאַר אַלעמען איינע. און דער געקומענער דור האָט זיי ניט געגעבן קיין קלאָרן אינהאַלט, קיין פעסטן ווילן איינצהיטן, איינצוהאַלטן עפּעס יידישעס מיט אַ פּריוויליקער עקשנות. ווי די מערב־אייראָפּעישע יידן האָבן אַליין גערן געוואָלט פּטור ווערן פון יעדער יידישער פאַרזיכיקייט, אַזוי האָבן דאָס געטאָן די מזרח־אייראָפּעישע, ווען עס איז געקומען זייער צייט — אין די נייע ישובים אָן מחיצות צווישן יידן מיט די הערשנדיקע פעלקער. האָבן פראַנצייזישע יידן, בעת דער רעוואָלוציע, אַליין געמאָלדן אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון נאַציאָנאַלער פאַרבינדונג מיט יידן אין אַנדערע לענדער, האָבן עס געטאָן שפּעטער אויך די יידן אין דייטשלאַנד, האָבן ענלעכס געמאָלדן אויך בשעתּם די איטאַליענער יידן (דובנאָוו 9 ב׳ 302). אַזוי האָבן אויך אימיגראַנטן־יידן אין אַמעריקע באַנומען די אַמעריקאַנער פרייהייט אין דעם זינען, ניט זיי זיינען פריי צו לעבן ווי יידן, נאָר אַז זיי זיינען פריי זיך אויסצוויידישן, זיך צו „אַמעריקאַניזירן״. געמיינט מיט דעם וואָרט האָט מען דאָס זעלביקע וואָס מען האָט פריער אין רוסלאַנד געמיינט מיט דעם וואָרט „רוסיציפירן זיך״, „צונויפשמעלצן זיך מיט די רוסן אין איין פאָלק״. געשיכטלעכע פראָצעסן חזרן זיך איבער. דער צווייטער דור האָט געהאַט דאָס וואָס דער ערשטער דור האָט געגלוסט צו האָבן: זיין גאַנצע וועלט איז געווען די ניט־יידישע — די שפּראַך אין גאַס, אין שול, אין פאַרוויילונג, אין די היימען אַפילו, ניט פון די עלטערן, ניט פון דער יידישער טראַדיציע. דער לוח פון אַרבעט און רו — ווידער דער פרעמדער; דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן — דאָס אַלגעמיינע. קיין אינעווייניקסטע סימפּאַטיעס צו די יידישע טראַדיציעס האָט דער צווייטער דור אויך ניט געזען, פאַרקערט, קריטיק און ביטול — מער ווי געגנוג. קיין געפיל פון ליבע, אַכטונג, טייערקייט האָט דער יונגער דור ניט געזען ביי זיינע עלטערן, די געקומענע. ער האָט יאָ געקאָנט זען, אַז אייגנטלעך יאָגן זיך די עלטערן, דער ערשטער דור — אויך נאָך דעם נייעם, נאָך דעם פרעמדן, באשר זיי קענען עס ניט דעריאָגן, די אימיגראַנטישע עלטערן זיינען גאָר מקנא די געבאָרענע קינדער, זיי גייען נאָך זייערע אַמעריקאַניזירטע קינדער. טאָ וואָסער פּאָזיטיווע ליבע, אַכטונג צו יידישקייט האָט דער צווייטער דור געקאָנט ירשענען פון דעם ערשטן? דערצו איז אַמעריקע אַ לאַנד פון קאַריער, צו אַזאַ דאַרף מען זיך גרייטן, מען דאַרף זיך קענען אַריינשרויפן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן. כדי צו זיין אַ פאַרזיכיקער ייד, דאַרף אַזאַ ייד פון צווייטן דור זיך אַרויסרייסן פון זיין וועלט, פון זיין ניט־יידישער וועלט. דערצו דאַרף מען האָבן כוח. דעם כוח קען געבן דער אתּה בחרתּנו; עס דאַרף זיין

אַ גלויבן, געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט צו יידישקייט. אַזאַ האָט דער צווייטער דור ניט געקאָנט זען ביי דעם ערשטן, — ניט ביי די אָרעליגיעזע און אויך ניט ביי די רעליגיעזע, וואָס ביי זיי איז נאָך אָפּט געווען אַ היפּש ביסל אומאויפריכטיקייט... גייט דער יונגער דור אַוועק. וווהין? — צו זיין וועלט, וואָס אין איר האָט ער זיך געהאָדעוועט, אין איר האָט ער זיך איינ־געלעבט.

ניין, אויב יאָ טענות, איז ניט צו אים, ניט צום צווייטן דור.

טיפערע קאָנפליקטן

ניטאָ אויך וואָס מקנא צו זיין אָט דעם צווייטן דור, וואָס לעבט אין זיין מאָניסטישער ניט־יידישער וועלט. ניטאָ וואָס אים מקנא צו זיין, ווייל... איי־גנטלעך, האָט ער גאָר ניט קיין „וועלט”. יענע וועלט וואָס איז כלומרשט זיינע איז לגמרי ניט זיינע. ער אַליין ווייס דאָס און פילט עס. ער זעט און באַגרייפט, אַז די וועלט, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן אין איר, דערצויגן זיך אין איר, אַריינגעלעבט זיך אין איר עקאָנאָמיש און גייסטיק, און פאַרט איז ער אין איר געבליבן פרעמד. אַ גאַנץ לעבן אין איר, מיט איר, — און דאָך איז זי פאַר אים פרעמד. ער פילט אויך אַז מען האַלט אים פאַר אַ פרעמדן, אין בעסטן פאַל טוט מען אַ טובה און מען נעמט אים אַריין... ווייל מען ניט זיין קיין איינגעבעטענער... בויט אָפּט דער צווייטער יידישער דור אַ „וועלט” פאַר זיך, אַן אייגענע. איז זי ניט קיין יידישע און ניט קיין גאַנצע גוישע. און אָט פאַר וואָס: עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ניט געקוקט אויף דעם געמיינזאַם לעבן פון קינדווייז אָן, אויף דער געמיינזאַמער בילדונג, קאַריער און דעם גאַנצן ציווילן סטאַטוס, איז דאָך די „אַמעריקאַניזאַציע” — דאָס צונויפשמעלצן זיך מיט דער אַנגלאָ־סאַקסישער מערהייט גאָר ניט אַזוי גרינג. ניט יענע פילן זיך היימיש מיט די יידן און ניט די יידן פילן זיך היימיש אין יענער געזעל־שאַפט. ווולגאַר קען מען דאָס דערקלערן — די מענטשן לעבן טאַקע געמיינ־זאַם, אָבער די עלטער־באָבעס האָבן ניט געלעבט געמיינזאַם. און עס איז אין דעם דער אמתער אמת: דער אונטערבאַוווסטזיין, דער געמיט פון די מענטשן איז עלטער פון די מענטשן, דער מענטש אַליין קען זיך איינלעבן אפשר, די דורות קענען זיך ניט אַזוי גרינג איינלעבן... בויט מען יידישע אינסטיטוציעס, אָבער זיי זיינען נאָר קאָפּיעס פון די גוישע פאַר גויים. זיי — „געזעלשאַפטן

פון יונגע קריסטן״, יו. מ. קר. א., שאַפן די יידן געזעלשאַפטן פון יונגע יידן (יו. מ. ה. א.), יידישע ספּאָרט־פאַראיינען, צענטערס און אַזוי כסדר, זיינען אָבער די דאָזיקע געזעלשאַפטן זייער קנאַפּ יידיש, זיי זיינען גיכער קאָפּיעס פון די קריסטלעכע, נאָר פאַר יידן. קיין אמת־יידישן כאַראַקטער קענען זיי ניט האָבן. קיין שעפערישע יידישקייט קען אין זיי ניט זיין, ניטאָ פון וואַנען צו שעפּן. געפינען זיך די יידן פון דעם צווייטן דור, זייער אָפט ניט אין דער יידישער און ניט אין דער ניט־יידישער וועלט. זיי הענגען צווישן די צוויי וועלטן. זיי פילן זיך פרעמד פוןביידע וועלטן. זיי האָבן ניט דעם כוח פון אתה בחרתנו, זיי זעען אָפט נאָר די וואָכעדיקע זייט פון יידישן לעבן, זיי האָבן אָבער ניט קיין אַנונג וועגן דער דערהויבענער, יום־טובדיקער זייט פון יידישקייט. אַרום און אַרום גרייסט מען זיך מיט יענער פרעמדער וועלט, מיט יענע העלדן, מיט יענער קולטור. מיט יענער, פרעמדער וועלט איז מען פאַרבונדן אינטעלעקטועל, עמאָציאָנעל, און דאָך איז זי פרעמד. די אייגענע וועלט אָבער איז פרעמד, זי שטערט נאָר, ווי אַן אומנוציקער רעשטל פון אַמאָל, וואָס מען וואָלט געוואָלט פון אים פטור ווערן, אָבער עס לאָזט זיך ניט.

איז באמת אויף די יידן פון צווייטן דור ניט אין כעס צו זיין, נאָר מען דאַרף אויף זיי רחמנות האָבן. קומט נאָך די אַזוי פאַרשריענע כלומרשט „נאַציאָנאַלע דערציונג״ און זי העלפט נאָך מער צו דערווייטערן דעם יונגן יידן פון דער היינטיקער יידישקייט, לערנט זי, אַז אויב יידן האָבן עפּעס געהאַט גרויסקייט, פיינקייט, איז עס געווען אַ מאָל, פאַרצייטן. ניט איצט, ניט די איצטיקע יידן, ניט די איצטיקע יידישקייט! אָ, ווי פלאַך יידן דענקען!!! אָבער פלאַכקייט האָט איר טיפערע סיבה. ניט דערפאַר וואָס דער יידישער מוח איז אָרעם געוואָרן, ניט דערפאַר, וואָס יידן קענען ניט אַריינדרינגען אין סאַמע טיפקייטן פון די פּראָבלעמען. חס ושלום! די סיבה איז וואָס די יידישע פּראָבלעמען זיינען אין תוך אַריין ניט שטאַרק אַריינגעדרונגען אין די יידן. עס רירט ניט אָן שטאַרק. עס איז מער אַ ענין וואָס „מען דאַרף״, לויט געוויסע אויסרעכענונגען, עס לויענט. אָבער ניט ווייל די זאַכן טוען טאַקע וויי, ממש וויי... איך ווייס — די באַשולדיקונג איז אַ האַרבע, אָבער זי איז פאָרט אַן אמת, צום באַדויערן, אָבער דאָך אַזוי... עס איז אפשר אַ ווייטאָג אָנצורירן טיפע ווונדן, עס הייבט אָן צו שטעכן אין האַרצן, ווען מען נעמט טראַכטן וועגן דעם. אָבער, אַז איך האָב געמאַכט די באַשולדיקונג, מוז איך ברענגען כאָטש אַ ביסל פאַקטן.

האָבן יידן אין אַמעריקע, אין אַנדערע פרייע ישובים, באמת געפילט די

טראַגעדיע פון חורבן? האָט מען דאָס געקאָנט זען פון זייער רעאַגירן? שוין אויסגעקומען צו הערן פון סאַמע פירנדיקע יידן, אַז עס איז געווען ווייט פון דעם ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין. האָבן דען אַ סך יידן — חסידים פון רוסלאַנד רעאַגירט ווי געהעריק אויף דעם אַנטיסעמיטיזם דאָרטן? אויף די סאַמע ערגסטע בלבולים? האָב איך אַ מאָל, אין די פערציקער יאָרן, געהאַט די אומ־פאַרזיכטיקייט צו קומען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „פריינד פון רוסלאַנד״ — יידן־שרייבער, קולטור־טוער און פאַרשלאָגן צו פרעגן ביי דעם אַמבאַסאַדאָר פון רוסלאַנד אין מעקסיקע (אַליין אַ ייד) — וואָס איז געשען מיט קולבאַקן?... עס איז פשוט געווען אַ סכנה פאַר מיין לעבן. יאָרן האָט מען עס מיר ניט גע־קאָנט מוחל זיין. יידן אין אַמעריקע פירן דורך פראָטעסטן קעגן דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק פון רוסלאַנד. אַ ברכה זיי דערפאַר! אָבער אַלע מאָל פרעג איך זיך: זיינען די פראָטעסטאַנטן אַזוי געטריי דער יידישער קולטור? באַ־מיען זיי זיך פאַר דער יידישער קולטור ביי זיך אַליין? און צי וואָלטן זיי באמת זיך איינגעשטעלט צו פראָטעסטירן ווען עס וואָלט געהערשט פּאָליטישע פריינד־שאַפט צווישן רוסלאַנד און אַמעריקע?...

פאַראַן אַזעלכע פאַקטן וואָס באַווייזן אַז עס איז ביי יידן פשוט אָפּגע־שוואַכט דער אינטערעס צו יידישקייט, צו יידישע פּראָבלעמען. פון דאַנען די פלאַכקייט פון געדאַנק. פאַראַן ביי יידן פון אַלע ריכטונגען אינטערעסן וואָס זיינען זיי טײַערער פון אַלע יידישע. יידן זיינען פול אין אַלע באַוועגונגען ווו עס זיינען פאַראַן ניט־יידן; יידן זיינען שטאַרקע חסידים פון ליטעראַטור, פון קונסטן וואָס אַנדערע, ניט־יידן אָנערקענען. וועל איך מסתמא קיינעם ניט איבערראַשן אויב איך וועל זאָגן, אַז דאָס בוך „דאָקטאָר זשיוואַגאָ״ האָבן מער יידן געלייענט ווי שלום עליכמען... ניין. עס איז דער צווייטער דור גאָר ניט אַזוי ווייט פון דעם ערשטן דור; עס איז שוין ביי דעם ערשטן דור זיין „אַמע־ריקאַניזאַציע״־אידעאַל געווען שטאַרקער ווי זיין יידישקייט. עס איז אפשר ביים צווייטן דור פאַראַן מער פאַרלאַנג אָפּט זיך צו אידענטיפיצירן מיט יידיש־קייט איידער עס איז געווען ביים ערשטן דור. זייער יידישקייט אָבער האָט ניט קיין אינהאַלט: זיי האָבן ניט געקראָגן קיין יידישן אינהאַלט ניט אין וויסן, ניט אין שטייגער, ניט אין אינטערעסן, ניט אין נייגונגען. עס איז אָפּט דער דאָזיקער באַגער צו יידישקייט ביים צווייטן, אָדער דריטן דור, אַ תולדה פון אַנטוישונג מיט דער פרעמדער וועלט... מען האָט זיך דערפילט דאָרטן פרעמד... איך דערמאָן זיך תמיד אַ זאַץ וואָס עס האָט מיר געזאָגט אַ יידישער דאָקטאָר פון דייטשלאַנד אין די דרייסיקער יאָרן „אייך רוסישע יידן איז גוט — אַז

מען טרייבט איך אַוועק פון דער רוסישער קולטור, גייט איר אַוועק צו דער יידישער קולטור. אָבער צו וואָס זאָל איך גיין איצט?" עס האָט מיר דערציילט אַ יידישער זשורנאַליסט וועגן אַן ענלעכער פראַזע פון סטעפאַן צוויג, עטלעכע וואָכן איידער ער האָט זיך דערשאָסן צוזאַמען מיט זיין יידישער פרוי. אין אַן ענלעכער סיטואַציע זיינען פאַראַן יידן אין אַלע לענדער: זיי דערפילן זיך פרעמד, אָפגעפרעמדט, באַזייטיקט. און מחמת דעם קומען זיי צוריק צו יידישקייט. אָבער דאָ דאַרפן זיי ערשט אָנהייבן פון אָנהייב, ווייל זייער יידישקייט איז אַ ליידיקע... ניטאָ וואָס מקנא צו זיין זיי. עס איז ביי זיי אַ שלל מיט אינע־ווייניקסטע קאָנפליקטן: דאָס זיינען מענטשן וואָס געהערן ניט צו קיין פאָלק, אָפגעריסן זיינען זיי פון אַלע וועלטן. עס איז פאַראַן אַ קאָמפּליצירטער פסי־כישער פענאָמען אַזאַ: דייטשישע יידן, אַרויסגעבריקעט פון "זייער" קולטור, פון זייער היים. זיי זיינען געקומען קיין ישראל, גענומען זיך דערנענטערן צו דער שפּראַך, צו דער קולטור פון לאַנד. אויפריכטיק, מיט דייטשישער הת־מדה... עטלעכע יאָר רויק לעבן, די טיפע באַליידיקונג, דאָס אַרויסטרייבן פון דער דייטשישער קולטור, וואָס מען איז געווען איינגעלעבט אין איר, איז פאַר־געסן געוואָרן, און מען קערט זיך צוריק אום צו דייטשישער קולטור — זי איז פאַרט נענטער ווי די ישראל־קולטור. אַזוינע קאָנפליקטן פון אויסגעוואָרצלטע יידן וואָס קענען זיך ניט איינוואָרצלען, זיינען פאַראַן גאָר אַ סך, און ניט בלויז צווישן די דייטשישע יידן. פון דאַנען אַזוי פיל אומעכטקייט, פשוט נאָכ־געמאַכטע יידישקייט און נאָכגעמאַכטע גוישקייט ביי יידן אין דער היינטיקער אורבאַנישער תקופה. מיר האָבן פאַרלאָרן די יידישע גאַנצקייט פון אַ שטעטלשן יידן און מיר האָבן ניט געקראָגן קיין גאַנצע נשמה מער.

דער פעלער פון וועלטלעכער יידישער קולטור

דאָ ליגט דער טעות פון דער וועלטלעכער באַוועגונג ביי יידן. דאָס איז אַ טעות אָדער אַן עבירה? קען זיין אַזוי און עס קען זיין בלויז אַ טעות. אָבער בכל אופן אַ פאַלשער וועג. די באַוועגונג האָט זיך אַליין ניט געפונען, זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף פאַלשע וועגן און זיך פאַרלאָרן. די באַוועגונג פון וועלט־לעכער יידישקייט איז בפירוש געווען אַ געשיכטלעכע, זי איז געווען אַ תולדה פון געשיכטלעכע פאַקטאָרן אין יידישן לעבן. ווי געזאָגט שוין פריער איז די

באַוועגונג געווען נאָר אין תחום, דאָרטן וווּ עס זיינען געווען יידישע שטעטלעך, כמעט דורכאויס יידישע, דאָרטן וווּ דאָס הערשנדיקע פאָלק (רוסן אָדער דייטשן — אין גאַליציע) זיינען כמעט ווי ניט געווען. קיין אמתע אַסימילאַציע האָט דאָרטן ניט געקאָנט זיין. האָט די וועלטלעכע באַוועגונג געקענט גיין אין צוויי פאַרקערטע ריכטונגען: אָדער אויפן וועג צו אויסיידישונג, צו „האַלבער אַסימילאַציע" — פון יידישקייט אַוועק, צו גויישקייט ניט דערגאַנגען; עס איז אַ מין „אויטאָאַסימילאַציע".

אָדער עס האָט געקאָנט אַוועקגיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — צו פולער יידישקייט, וואָס איז אַנדערש פון דער שטעטלשער, אָבער דאָך דורכויס יידיש, ניט קיין נאָכמאַכונגען.

די באַוועגונג איז אויך געווען געשיכטלעך, ווייל זי איז געווען אַרויס־גערופן דורך אָביעקטיווע פאַקטאָרן אין לעבן: דער איבערגאַנג פון שטעטל צו שטאָט, צו אורבאַניזאַציע. דער אַלטער שטייגער פון שטעטל, וואָס איז סאַנקציאָנירט ווי רעליגיעז, האָט זיך מער ניט געקאָנט האַלטן. האָט געמוזט קומען אַ טיפע ענדערונג אין די נאָרמען פון לעבן. איז שוין אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר אַנגעוואַקסן אַ נייער שטייגער, אַ נייע אורבאַנישע יידישקייט. ווייט ניט קיין אויסגעפורעמטע, ניט קיין סאַנקציאָנירטע, אָבער אַ יידישקייט אַנדערש ווי דאָס לעבן, ווי דער שטייגער פון אַנדערע פעלקער, וואָס מען האָט מיט זיי געלעבט צוזאַמען; ניט אַזוי פאַר זיך ווי פריער אין שטעטל, אָבער דאָך אַנדערש, אויך פאַר זיך. האָט אָט די שטאָטישע פאַרזי־כיקייט, די אורבאַניזירטע יונגע יידישקייט געדאַרפט קריגן איר סאַנקציע אין יידישן לעבן. ווי איז געגאַנגען די וועלטלעכע באַוועגונג — אויף דעם וועג צו אויטאָאַסימילאַציע אָדער צו גאַנצער יידישקייט?

אָבער פריער דאַרפן מיר שטעלן אַ צווייטע פראַגע: צי האָבן מיר אין אונדזער לאַנגער געשיכטע געהאַט ענלעכע סיטואַציעס? און אין וואָסערע ריכטונגען יידישקייט איז דעמאָלט געגאַנגען? נו, זיכער! מיר זיינען דאָך ניט איין מאָל אַריבער פון איין תקופה אין אַ צווייטע. און יעדער איבערגאַנג איז אַזאַ קריזיס.

עס איז געווען אַזאַ קריזיס ביים איבערגאַנג פון דער אייגענער מדינה אין גלות אַריין. די מלכות ישראל איז אין גלות אַוועק אויפן וועג פון אַסימי־לאַציע, און יהודה — צו פולער יידישקייט, טאָקע נייער יידישקייט. ניט די תנכישע, אָבער פולע פאַרזיכיקע אַנדערשקייט, פולע יידישקייט.

אַזאַ מין איבערגאַנג איז פאָרגעקומען שפעטער אין דער אייגענער

מדינה פאַרן חורבן. איז אַזאַ ריכטונג געווען די פּרושישע. אירע פּרינציפּן זיינען געווען: פאָלקיזם. — „גיי און זע ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טו אַזוי. אויב זיי זיינען ניט קיין נביאים, זיינען זיי קינדער פון נביאים". דער צווייטער פּרינציפּ — ניט נאָכמאַכן, זיך דערווייטערן פון אַלץ וואָס עס איז פרעמד, אפילו פון זייער ברויט און פון זייער חכמה. דער דריטער פּרינציפּ — דאָס נייע מוז זיין פאַרבונדן מיט דעם פריערדיקן, עס מוז האָבן אַן אָפּשטאַם, אַ „בית אב".

עס זיינען געווען נאָך ריכטונגען. זיי זיינען אונטערגעגאַנגען. די אויפגאַבעס, די פּראָבלעמען זיינען געווען געשיכטלעכע, זייערע דרכים זיינען אָבער געווען ניט קיין געשיכטלעכע.

צו דעם זעלביקן מין געשיכטלעכע באַוועגונגען דאַרף מען צורעכענען די השכלה און חסידיזם, וואָס זיינען אויפגעקומעןביידע בערך אין דער זעלביקער צייט. די השכלה — אין ציוויליזירטן מערב, ווי אַ באַגלייטערין פון אורבאַניזאַציע דאָרטן און חסידיזם — אין אָפּגעשטאַנענעם דרום־רוסלאַנד (אוקראַינע). דאָרטן — שטעט, דאָ — דערפער, שטעטלעך. אין ביידע ריכטונגען איז געווען רעוואָלט. די השכלה האָט זיך פאַרמאָסטן „אויסצומענטשלען" דעם יידן „יפותו של יפת באהלי שם" — די שיינקייטן פון אייראָפּע אַריינפירן צו די יידן.

חסידיזם האָט פון מערב, פון אינדוסטריאַליזאַציע, פון מאָדערנער קולטור אין אייראָפּע גאָרניט געוווּסט. נאָך מערער — אויך יידישע תורה איז געווען אין אַ קנאַפּער מאָס. האָט די השכלה געפירט פון יידישקייט. אין מערב ווו עס איז געווען מעגלעך אַן אויסיידישונג, איז געקומען אַ פולע אַסימילאַציע. אין מזרח־אייראָפּע, ווו קיין פולע אַסימילאַציע איז מחמת די פריער געבראַכטע טעמים ניט מעגלעך געווען, — איז געקומען צו „אויטאָאַסימילאַציע".

חסידיזם האָט אויך רעוואָלטירט. קעגן וואָס? — קעגן דער צו טיפער תורה. אַז מתנגדים דערמאָנען זייערע גרויסע, דערציילט מען וועגן זייער תורה. אַז חסידים ריידן וועגן זייערע גדולים, דערציילן זיי מעשיות פון זייערע רביים. ניט קיין גדולי התורה, נאָר מעשיות און נסים. דאָ איז געווען אַ רעוואָלט קעגן דער „תורה־אַריסטאָקראַטיע". קיין געלט־אַריסטאָקראַטיע, קיין פּריצים האָבן יידן ניט געהאַט. אָבער אַ תורה־אַריסטאָקראַטיע איז אויך אַן אַריסטאָקראַטיע! צו טיף, צו שאַרף איז געוואָרן די תורה, צו ווייט פון פשוטן אומגעלערנטן פאָלק, פון דעם עם הארץ. איז געקומען דער חסידיזם און געלערנט, אַז יידישקייט איז ניט דווקא אין דער טיפער תורה, נאָר אין פשוטן לעבן פון

פשוטע יידן. פרץ דערציילט עס אין „צווישן צוויי בערג". די מתנגדישע תורה איז „אַ ים... עס הילכט, עס שפּריצט, זידט און קאָכט... סאַמע ברזל ונחושת, אייזערנע חוקים, קופּערנע דינים... סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה". איז געקומען חסידיזם און האָט געשאַפן יידישקייט, תורה פאַרן „כלל ישראל, פאַרן האָלץ־העקער, פאַרן קצב, פאַרן פּראָסטן ייד... פאַר כל ישראל... וואָרעם די תורה איז די נשמה פון כל ישראל".

חסידיזם האָט איבערגעחזרט דעם רעוואָלט פון די פּרושים קעגן דער תורה שבכתב.

לאָמיר דאָס דערקלערן עטוואָס: תורה אָדער יידישקייט וואַקסט תמיד אַרויס פון יידישן לעבן. פון בעל פה ווערט זי בכתב און זי וואַקסט און צע־וואַקסט זיך. איז פאַרצייטן, שוין אין צייט פון בית שני, דער תנ"ך אַרויס־געוואַקסן העכער און טיפער פון פשוטן יידן. זיינען אויפגעקומען גרויסע, טיפע אינדיווידועלע שאַפונגען, אידעען און פילאָסאָפיעס. צו ווייט, שטאַרק ווייט פון פאָלקישן ניוואָ און פון פאָלקישן כאַראַקטער, אפשר אויך פון פאָלקישע השׂ־גות. האָבן די פּרושים רעוואָלטירט קעגן דער ליטעראַטור, ניט אריינגענומען אין תנ"ך. האָבן אַנדערע ריכטונגען, ניט אַזוינע פאָלקיסטישע ווי די פּרושים, יאָ אַריינגענומען יענע ספרים (די גריכישע איבערזעצונג), האָבן די צדוקים, ווי עס זעט אויס, אויך געהאַט אַנדערע ספרים („ספרים של צדוקים"), האָבן סעקטעס איסיים ביים ים המלח געהאַט ווידער זייערע ספרים. די פּרושים האָבן דעם תנ"ך שטרענג באַגרענעצט. און מען האָט זיך פאַרנומען מיט לער־נען, סיסטעמאַטיזירן די פאָלקישע מויל־קולטור, די „תורה שבעל פה".

מיט דער תורה שבעל פה האָט זיך אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער ווידער איבערגעחזרט די זעלביקע אַנטוויקלונג: זי איז געוואַקסן און זיך צע־וואַקסן אין דעם גראַנדיעזן „ים התלמוד"... נאָר פאַר גאָר גרויסע שווימערס, נאָר „פאַר ליויתנים"... האָט חסידיזם רעוואָלטירט און איז אַוועק צו די פאָל־קישע פשוטע מעשיות, גלויבונגען, ניגונים... יידן מאַכן זיך פריילעך, טאַנצן, זינגען, טרינקען יידן לחיים — אַלץ איז פאַר גאָט ברוך הוא, אַלץ איז יידיש־קייט, מיט דעם אַלעם דינט מען דעם יידישן גאָט, פאַרט מען צום רבין בחב־רותא, איז מען צוזאַמען, זיינען אַלע גלייך, אַלע פון איין גאָט און פון איין רבי און אַלע זיינען אנ"ש (אנשי שלומנו — חברים), אַלע ווי איין משפחה. אַ מתנג־דישער גדול זאָגט תורה, אַ חסידישער זאָגער — דערציילט מעשיות אָדער ער פאַרציט אַ ניגון. צוריק צום פאָלק, צו פאָלקישער פשטות. דאָס איז אַ פאַרעם פון פאָלקיזם.

און פון דעם די מזל־ברכה פון חסידיש, די גוואַלדיקע שעפּערישע השׂ־פּעה. אָבער חסידיש האָט איינגענומען דאָס שטעטל, אָבער... צוויי אָבערס: ערשטנס האָט זיך חסידיזם פאַרקניפּט מיט מיסטיק, מיטן שווערן זוהר, וואָס מען קען אין אים אַריינטייטשן כלערליי פילאָסאָפיעס, מיט קבלה, אויך אַוועק אין די עולמות העליונים. צווייטנס איז די שטאָט אפילו די פרומע שוין ניט דאָס שטעטל. נייע פייגל און נייע לידער, נייע מעשיות און נייע געזאַנגען. האָט די וועלטלעכע קולטור־ריכטונג געדאַרפט אָט דאָס נייע אַריינטראָגן אין סכום יידישע קולטור, דעם נייעם „שניט שניידן און אַריינפירן אין די שייערן". געשאַפן דאָס נייע האָבן טאָקע ווידער אַ מאָל די שטעטלעך. דער גרעסטער רוב פון די שאַפער זיינען ווידער געקומען פון די שטעטלעך, זיי האָבן אַריינ־געבראַכט די וועלט־קולטור, די שטעטלעך איבערגעזעצט אין נייע קונסט־פאָרמען, וואָס מיר האָבן ביז איצט ניט געוווּסט און ניט געקאָנט. די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קונסט האָבן אַ שפּראָץ געטאָן און אַ וואַקס געטאָן, גע־נומען בליען און געבן פרוכט פאַרן פאָלק פאַר דער גאַרער וועלט. האָט די וועלטלעכע ריכטונג — דער נייער פאָלקיזם געדאַרפט אַריינפירן אָט די רייכקייטן אין די געצעלטן פון טראַדיציע, אַ נייער שיכט, אַ נייער גאָרן אויף דער דורותדיקער געביידע... אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין. אָבער גאָר צוליב זייטיקע מאָטיוון האָט זיך די וועלטלעכע ריכטונג געלאָזט גאָר אויף אַן אַנדער וועג, אויף השׂכלה־דרכים, וואָס זיינען פאַר איר פאַלש און שעדלעך. איז גע־וואָרן אַ שפּראַכן־קאַמף, וואָס האָט געהאַט בייביידע קעמפנדיקע צדדים אַ נעגאַציע אַן געשיכטלעכער באַרעכטיקונג; איז די וועלטלעכע ריכטונג, וואָס האָט געדאַרפט אויסגלייכן און באַהעפטן דאָס נייע מיטן אַלטן — דאָס וועלט־לעכע מיט דעם רעליגיעזן, האָט זי זיך געלאָזט באַקעמפן די רעליגיע. אָט דער אַנטי־רעליגיע־מאָמענט האָט זיך גענומען פון גאָר אַן אַנדער מקור. אָבער ער האָט די וועלטלעכע ריכטונג פאַרפירט. זי איז ניט געוואָרן דאָס וואָס זי האָט געשיכטלעך געדאַרפט ווערן — אַ נייע אויפלאַגע פון חסידיזם, אַ נייער קאַפּיטל פון פאָלקיזם. יעדער נייער קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע נויטיקט זיך, פאַרקערט, אין פרומער געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט, אידעאַליזם. האָט אויך דער וועלטלעכער יידישיזם געדאַרפט ווערן אַ טייל פון יידישער רעליגיע, איז ער אָבער גאָר געוואָרן אַ באַקעמפער פון רעליגיע, פון טראַדיציעס. אָט די צוויי נעגאַציעס — די נעגאַציע פון שפּראַך, די נעגאַציע פון טראַדיציעס — האָבן געבראַכט שאָדן ביידע צדדים: דעם העברעישן צד און דעם יידישן צד. געליטן פון דעם טעות האָט דאָס פאָלק. ער צאָלט אַלע מאָל פאַר די טעותים

פון די טוערס. קען זיין אַז דער טעות איז געווען אַ צייטווייליקער, אַז נאָך דער פּרשה פון קריגן זיך וואָלטן די צדדים שלום געמאַכט, און די וועלטלעכע ריכטונג וואָלט אַריין אין איר געשיכטלעכן וועג. האָט אָבער דער חורבן איבער־געהאַקט אונדזער געשיכטלעכן גאַנג בכלל. ניט נאָר דער חורבן פון די זעקס מיליאָן יידן, עס האָט זיך אָפּגעהאַקט דער גאַנצער שטראָם פון יידישקייט וואָס איז געגאַנגען פון אונדזער מזרח־איראָפּע, עס זיינען דערשטיקט געוואָרן אַלע שעפערישע פּאָטענצן וואָס יענע יידישקייט האָט געהאַט. אָבער „טעות לעולם חוזר" — חזרט דאָס פאָלק איבער אַ גמרא־ווערטל. דאַרפן מיר אויך איצט זוכן, פון וואַנען עס קען קומען דאָס פאַרריכטן דעם טעות. און די זוכע־ניש ברענגט אונדז צו דער נייער מדינה. דערווייל אָבער איז דער טעות נאָך וויט ניט אויסגעפאַרריכט און ער ווירקט ווייטער.

שפּראַך־אַסימילאַציע און אויב ניט נאָך ערגער

דערווייל אָבער גייט אָן אין דער גאַנצער יידישער וועלט, אין אַלע נייע ישובים די שפּראַך־אַסימילאַציע מיט פולן גאַנג אַזוי ווי זי איז געגאַנגען אין מערב־איראָפּע, ווי זי איז אויך געגאַנגען אין די נייע מדינות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אויף דעם שטח פון דעם אַמאָליקן יידישן תחום. און די שפּראַך־אַסימילאַציע ברענגט אונדז אַלץ מער און מער צרות. אַז מען רעדט מיט יידן וועגן די צרות פון דער שפּראַך־אַסימילאַציע, טרייסט מען זיך: סוף כל סוף קען מען זיין אַ גוטער ייד אויך אויף ענגליש און אויף שפּאַניש, פאַר וואָס ניט? איז דאָס טאַקע אַ גרויסער אונטערשייד צי מען זאָגט „טיש, אָדער שולחן, אָדער טייבל"? אָט טוען דאָך די ענגליש־ריידנדיקע יידן גאָר גוטע אַרבעט פאַר דער מדינה, אַזוי אויך אַנדערע, אָט בויען זיי גרויסע און רייכע טעמפּלען צום דאַווענען, גרויסע שולן צום לערנען און עס זיצן יונגע לייט און זיי לערנען... שפּראַכן בייטן זיך, און עם ישראל חי!... האָט דאָך יידיש־לשון אויך זיך אַ מאָל אָנגעהויבן, מסתמא ניט פון באַרג סיני, האָט דאָך אויך העברעיש גאָר פאַרצייטן געהאַט וואָרצלען פון אַנדערע, סעמיטישע, אָבער דאָך פרעמדע פעלקער, און אַראַמיש איז דאָך זיכער ניט מסיני... אַ סך מאָל קומט אויס צו הערן אָט די טרייסט־רייד. אָבער אַלע טרייסטן וואָס מען טרייסט זיך, קערן ניט אום קיין מאָל די אבידה וואָס גייט פאַרלאָרן. און מיט דער שפּראַך־אַסימילאַציע גייט פאַרלאָרן עפּעס מער ווי די שפּראַך, — עס גייט פאַרלאָרן די נשמה פון פאָלק. לאָמיר דאָס דערקלערן:

עס איז טאַקע אַ קנאַפּער אונטערשייד צווישן טיש און שולחן, צווישן טיש און טייבל אָדער מעסאַ. גרייטן אַ טיש קען מען מסתמא אויף אַלע שפּראַכן. אָבער „פּראַווען טיש" — דאָס איז שוין עפּעס גאָר אַנדערש. און אַזוי כסדר. פאַראַן אין יעדער שפּראַך פאַר יעדער וואָרט צוויי באַטײַטן. פאַראַן דער טייטש פון וואָרט, און עס זײַנען פאַראַן די דורותדיקע געפיל־אַסאָציאַציעס, געדאַנקען־קייטן, וואָס יעדער וואָרט און יעדער אויסדרוק רופט אַרויס בײַ דעם רײדער און ביי דעם הערער. די טײַטשן פון די ווערטער קען מען געפינען אין אַ ווערטער־בוך. זיי האָבן עקוויוואַלענטן אין אַלע שפּראַכן. אָבער די געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע אַסאָציאַציעס — זיי קען קיין ווערטערבוך ניט געבן, זיי ליגן אין די דורות, אין זיי ליגט, וואָלט איך געזאָגט, די עמאָציאָנעלע און די גייסטיקע געשיכטע פון יעדעס פאָלק, דאָס וואָס מען קען בשום אופן ניט איבערזעצן אין ווערטער. אין זיי ליגט דער סוד פון באַהעפטונג צווישן די מענטשן פון פאָלק. אַ שפּראַך האָט בכן צוויי זייטן: אַ ראַציאָנעלע — די טײַטשן און אַן איראַציאָנעלע — די אַסאָציאַציעס. די רײַכקייט, דער נאַציאָנאַלער ווערט פון אַ שפּראַך איז דווקא אין אָט דעם איראַציאָנעלן אינהאַלט פון אַ שפּראַך. די גרעסטע, די רײַכסטע שפּראַך וואָס איך לערן אויס, האָט פאַר מיר בלויז אירע טײַטשן, זי איז פאַר מיר אָרעם, וואָס אָרעם הייסט. מיט אויסלערנען אַ שפּראַך נעמט מען ניט איבער אירע רייכטימער. „אומה ולשון" קלינגט עס דער אַלטער, פאַרצײַטיקער העברעיִשער אויסדרוק. און ריכטיק: די נשמה פון אַ פאָלק ליגט אין זײַן לשון. האָט איינער געשריבן אַז ווערטער פון אַ שפּראַך זײַנען געגליכן צו קלאַווישן. זיי אַליין זײַנען שטיקלעך האָלץ, זיי רופן אָבער אַרויס קלאַנגען פון מוזיק. אַן אויסגעלערנטע שפּראַך האָט בלויז די „טרוקענע" קלאַנגען (ווי פון אַ קאַמערטאָן), קיין שום מוזיק האָט זי ניט. מענטשן וואָס ריידן אַ שפּראַך — אַן אויסגעלערנטע, איז ווי יענער וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ גיפּסענער פיגור פון אַ שיין מיידל.

אַ פאָלק איז דעמאָלט אַ פאָלק, ווען זײַנע קינדער האָבן דעם זעלביקן עמאָציאָנעלן אינהאַלט פון דער שפּראַך וואָס זיי באַנוצן. אויב די ווערטער־קלאַווישן רופן אַרויס אין מײַן נשמה די ענלעכע אַסאָציאַציעס וואָס בײַ אַנדערע, געהערן מיר צו איין „אומה ולשון". און אַז ניט, קענען מיר יאָ ריידן איין שפּראַך, אָבער אין דער איינער איז דאָ נאָר אַ בבל פון שפּראַך־אַסאָציאַציעס, אַ בבל פון שפּראַך־עמאָציעס און מען קען זיך ניט צונויפריידן אפילו ווען די עצם ווערטער זיינען די זעלביקע.

איך האָב אַ מאָל געקאַנט גאָר ניט שלעכט רוסיש, די גראַמאַטיק, די

ליטעראַטור, אַליין געכאַפּט אונטערשרייבן צו ביסלעך. אָבער אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין אַן עכט־רוסישע שטאָט, ערגעץ אויף דער וואָלגאַ, האָב איך גלײַך אויפן וואָקזאַל דערפילט אַז מיט מיין גאַר פײַנעם רוסיש, מיט מײַן ריינער רוסישער אויסשפּראַך, מיט מיין גאַנצן קענען די ליטעראַטור, מער ווי אַכציק פּראָצענט רוסן, בין איך פּאָרט דאָ אַ פרעמדער... רוסיש קען איך בעסער, אָבער מײַן עלטער־זיידע האָט קיין וואָדקאַ ניט געטרונקען, און טאַקע אַן דעם האָב איך ניט געקאָנט ירשענען די איראַציאָנעלע זײַט פון דער רוסישער שפּראַך און איר קולטור.

קיין שפּראַך אויסער יידיש פאַרמאָגט ניט פאַר יידן די איראַציאָנעלע רײַכקייט, וואָס אַ שפּראַך פון אַ פאָלק מוז האָבן. העברעיִש האָט זייער פיל פון די נשמה־אַסאָציאַציעס, אָבער ניט דירעקט פון פאָלק און פון פאָלקס לעבן, נאָר פון ספרים, איז העברעיִש טאַקע אונדזער „לשון קודש" מיט אַלע איראַציאָנאַלע אַסאָציאַציעס וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אַלץ וואָס איז קודש ביי יידן. אָט די רײַכקייט קען האָבן נאָר אַזאַ איינער וואָס האָט זיך אײַנגעלעבט אין דעם קודש, אין די ספרים. האָט אַ פּשוטער ייד, משה דער בלינדער פון שטעטל, אַ ייד אַן אַמאָליקער שניידער, אַ היפּשער עם הארץ, דאָך געהאַט מער פון די איראַציאָנעלע רײַכקייטן פון העברעיִש איידער אַזאַ וואָס האָט זיך זײַן עברית אויסגעלערנט אין די בעסטע הויכשולן. היינט אונדזער ליבער טביה דער מילכיקער האָבן מסתמא אַ מנין פּראָפעסאָרן מיט עברית ביי אים געמעגט די פּעטשערעס הייצן מיט זיינעם אַ פּסוק, אַ מימרא אַ מדרש. אַז פּאָרט מזנבתא דחזירתא, פון אָנטאָן אַ שטרײַמל ווערט מען ניט קיין רבי. און פון אויסלערנען זיך אַ גאַנצן ווערטערבוך מיט ווערטער קען מען ניט אָננעמען זיך מיט דעם גײַסט פון אַ פאָלקישער שפּראַך. אויב מען קלאָגט זיך אויף דער ארץ ישראל־יוגנט, אַז זיי זײַנען דערווײַטערט פון פאָלק, אַז זיי האַלטן זיך ווי אָפּגעפרעמדטע פון פאָלק, איז עס דערפאַר וואָס הגם זייריידן אַ פליסיקן עברית, האָבן זיי אָבער ניט אין זיך דעם גייסט פון אונדזער פאָלקישן, דורותדיקן לשון קודש. ניט פון יידיש און ניט פון לשון קודש. האָבן זיי ניט קיין עמאָציאָנעלע באַהעפטונג מיט דעם יידישן פאָלק, דאָס איז זיי ניט געגעבן געוואָרן. עס פעלן ניט קיין תירוצים אויף פאַר דעם; מען זאָגט: אַז יידיש האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָט עס דאָך אויך ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן קיין איראַציאָנעלן, גײַסטיקן אינהאַלט. וועט מיט דער צײַט אויך דאָס נײַע עברית אויך קריגן אַזאַ אינהאַלט...

וואָלט עס אפשר געווען אַ תירוץ, אָבער מען קען ניט לערנען קיין

גזירה שווה פון דעמאָלט ביז היינט. דער פּראָצעס האָט דעמאָלט געדויערט היפּשע יאָרהונדערטער אָפּגעשלאָסן לעבן, אָן באַהעפטונג מיט אַנדערע פעלקער און מיט זייערע קולטורן. דאָס איז איצט ניטאָ אפילו אין דער אייגענער מדינה. זיי זיינען דעמאָלט געווען אַזוי אָפּגעשלאָסן, דערוויטערט און „אתה בחרתנודיק" פרום, אַז זיי האָבן געקאָנט נעמען פרעמדע ציגל און בויען אייגנס, פרעמדע ווערטער און אין זיי אַריינגעבן יידישן גייסט דורך דער פאַרזיכיקייט אין לעבן, דורך דער רעליגיעזער אָפּגעהיטקייט און אַזוי ווייטער, דורך דעם העברעיִשן אלף בית און דער גראַמאַטיק, דורך דעם שלל לשון קודשדיקע ווערטער. היינט איז עס ניטאָ אפילו אין דער אייגענער מדינה. אַ פשיטא שוין אין גלות.

האָבן אָבער דעם זעלביקן טעות געמאַכט אויך די יידישיסטן. אויך זיי האָבן געמיינט, אַז מיטן אויסלערנען קינדער זאָגן עטלעכע זאַצן אין יידיש קען שוין זיין גענוג צו באַהעפטן די יוגנט צום פאָלק. אָבער מיט די יידישע ווערטער גיט זיך ניט איבער די נשמה פון די ווערטער. האַלט זיך העברעיִש מיט דער מדינה, מיט דער ליבע צו דער מדינה קריגט מען ליב אויך דאָס לשון פון דער מדינה. אָבער יידיש האָט זיך טאַקע ניט מיט וואָס און אויף וואָס צו האַלטן. יידיש וואָלט זיך געקאָנט האַלטן און שטאַרקן זיך אפילו ווען עס וואָלטן געווען פאָלקישע מאַסן מיט יידיש לשון. אַזוי ווי עס זיינען געווען די וואָס האָבן צוגע־צויגן די אַסימילירטע אינטעליגענץ אין תחום, אַזוי ווי דאָס איז געווען פאַרצייטן ביי די פּרושים.

אַ צווייטן טעות האָט די וועלטלעכע באַוועגונג געמאַכט מיט איר אַנטי־רעליגיעזקייט. צוזאַמען מיט דער רעליגיע האָט מען אויך פאַרלאָזן דעם גאַנצן יידישן שטייגער. מיט אים צוזאַמען איז פאַרלאָרן געגאַנגען אויך די צוגעבונדנ־קייט צו דעם פאָלקישן בכלל. געווען וועלטלעכע וואָס האָבן גערופן צוריק אין שול אַריין. ד"ר נתן בירנבוים איז אַהין אַוועק. אָבער אין שול האָבן וועלטלעכע יידן געדאַרפט גיין מיט דער וועלטלעכער יידישקייט. יידישקייט אין דער פרעמדער וועלט פאָדערט פרומע געטרייקייט, אפילו ביז מסירת נפש. אָן אַזאַ איבערגעגעבנקייט קען מען אין אַ פרעמדער וועלט ניט אײַנהיטן קיין יידישקייט. דאַרף פאַר וועלטלעכע יידן זייער וועלטלעכע יידישקייט זיין ניט ווייניקער הייליק ווי רעליגיעז. אָן דער וועלטלעכער יידישקייט איז די גאַנצע יידישע רעליגיע צוגעפּאַסט צום שטעטל און ניט צוגעפּאַסט צום אורבאַנישן לעבן. די אורבאַנישע שול איז אוועק ניט צו יידישער פאָלקישקייט, נאָר צו גוישער אָפּגעפרעמדקייט — רעליגיע באַזונדער און לעבן באַזונדער. רעליגיע — אין טעמפּל ווי ביי גוים — אין קלויסטער. וועלטלעכע יידישקייט דאַרף פאַרקערט פאַרהייליקן די יידישן וואָכעדיקייט, די וואָכעדיקע פאָלקישקייט.

נאָך שטאַרקער איז דאָס אויספעלן פון פרומער געטרײַקייט צו וועלט־לעכער יידישקייט, דערפאַר טאַקע וואָס דער מקור אירער — דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן. וואָלט עס געלעבט, וואָלט וועלטלעכע יידישקייט פון דאָרטן ווידער געשטראָמט און געשטראַמט, וואָלטן דעמאָלט די פאַקטן אַרויפגעצווונגען די נײַע אינהאַלטן אויך אויף דער שטאָט. מיט אַנדערע ווערטער: וואָלטן געווען יידיש־פאָלקישע מאַסן, וואָלט די מאַסיווע יידישקייט באַהערשט די נײַע ישובים אויך. די מאַסיווע יידישקייט דאַרף ניט קיין אידעאָלאָגישע געטרייקייט. די מאַסיוויקייט גופא איז אַ כוח. אָבער אַז עס זײַנען ניטאָ קיין חסידים, איז אויך ניטאָ קיין רבי, ניטאָ קיין צוהערער איז שטום דער דרשן, ניטאָ קיין אַרמיי, איז דער גענעראַל אויס גענעראַל. אַז דאָס פאָלק גייט אַוועק גאָר טאַנצן פאַרן גאָלדענעם קאַלב, דעמאָלט פאַלן אַרויס די לוחות אפילו פון משהס הענט.

מאַסע און פירער — ווער איז פריער? — אַן אַלטע מחלוקת, ברענשטאָף און פונק — ווער מאַכט דעם פלאַם? אפילו משיח קען קומען נאָר צו אַ פאָלק וואָס גלייבט און וואַרט אויף אים. דער פירער קען נאָר די פּאָטענציעלע ענערגיע פאַרוואַנדלען אין קינעטישער. קיין ענערגיע אַליין קען ער ניט שאַפן. הערצל איז געוואָרן הערצל דערפאַר וואָס אַ פאָלק האָט געבענקט אַן אייביקייט. אַז עס איז ניטאָ מער דאָס יידישע מאַסיווע לעבן פון די פריערדיקע שטעטלעך, מוז קומען דער פירער און אויסנוצן די פאַרבליבענע אָנגעשפּײַכלערטע ענערגיע פון די שטעטלעך און זי קינעטיזירן.

איז אָט ווו מיר האַלטן איצט:

1. — די יידישע שטעטלעך ווי אַ מקור פון פאַרזיכיקער שעפערישער יידישקייט, זײַנען מער ניטאָ. מיר זײַנען פאַר דער צייט אורבאַניזירט געבליבן.

2. — אין אורבאַניזם לעבן מיר אין גאַנצן אַ פרעמד לעבן, אַ גאַנץ לעבן פון געבוירן אָן, אַ גאַנצן טאָג פון אין דער פרי אָן — אַלץ אין דער פרעמד, אפילו אין דער אייגענער היים.

3. — די יידישע רעליגיע וואָס האָט פריער אַרומגענומען דאָס גאַנץ לעבן, קאָנצענטרירט זיך איצט בלויז אין דאַוון־צערעמאָניע. אויך דאָ איז אַנ־שטאָט פאַרזיכיקייט בלויז קאָפירונג. ניט שול, בית מדרש, ניט סינאַגאָגע אפילו, נאָר דווקא טעמפל, ווײַל עס איז וויניקער יידיש, מער, נענטער צו גוייִשקייט. ניט קיין תפילה, נאָר אַ מין רעליגיעזער קאָנצערט.

4. — וועלטלעכע יידישקייט, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אַ נייע אויס־פורעמונג פון יידישן גלויבן איז עס ניט געוואָרן, ניט געוואָרן קיין געטרײַע אמונה, וואָס נאָר אַזאַ קען אין אַרומיקן פרעמד אײַנהיטן יידישע פאַרזיכיקייט

אָדער פאַרזיכיקע יידישקייט. ניט געוואָרן קיין אמונה און דערפאַר קען זי ניט און וועט ניט אָפּהאַלטן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע, וואָס הייבט זיך אָן מיט שפּראַך און גייט אָוועק ביז פולער אויסיידישונג.

עס רוקט זיך אויף אונדז אַ גוישקייט, אָבער אָן די גוישע דורות־דיקע טראַדיציעס, איז עס ניט קיין עכטע, ניט קיין אָרגאַנישע. עס איז אַ נאָכגעמאַכטע, אַ קאָפּירטע. דאָס נאָכמאַכן ווערט אַ שטריך פון געוווינ־הייט, פון כאַראַקטער, ווערט עס ניט דאָס און ניט יענץ, ניט ייד און ניט גוי, פרעמד צווישן יידן און ניט היימיש צווישן ניט יידן. פון יידן אוועק, צו גויים ניט דערגאַנגען. און וויפל פעלקער מיר דינען, אַזוי פיל באַזונ־דערע טיפּן ווערן מיר. אויס מיט דער גאַנצקייט פון דעם יידישן פאָלק, מיט דעם „גוי אחד בארץ". קיין איין פאָלק וואָס עס ציט אונדז צו זיי, האָט אונדז ניט גערן. אָפענע שונאים אָדער כלומרשטע פריינד. קיין מאָל ניט קיין זיכערע. אַליין מיט אַטראָפירטער יידישקייט און מיט אַטראָפירטע פעיִקייטן צו לעבן ווי יידן, צו רעאַגירן ווי יידן, צו דענקען ווי יידן, צו פילן ווי יידן; אַ פרעמדער צו אַלעמען און אפילו צו זיך אַליין אויך פרעמד, אָן ליבע און אָן אַכטונג צו זיך, צום אייגענעם קאָלעקטיוו, אָן דעם אתה בחרתנו און אָן דעם כוח פון אתה בחרתנו... און אָט דער כוח וועט אונדז נאָך מער נויטיק זיין וואָס ווייטער — מער. די „שטעכיקע הענט" פון דער וועלט ווערן אַלץ שטעכיקער, און זיי נעמען אונדז אַרום אַלץ שטאַרקער, שטיקנדיקער. די וועלט האָט פאַרלאָרן דעם געוויסן צוזאַמען מיט די לעצטע ביסלעך בושה און חרפה. היטלער איז געפּגרט, אָבער היטלעריזם איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי פרעך, אומפאַרשעמט און אוניווערסאַל. שפּראַכן אַ סך, פעלקער אַ סך און די שינאה צו יידן פאַר־אייניקט זיי. דעם „חסד" וואָס גאָט האָט אונדז געטאָן, וואָס ער האָט אונדז צעשפּרייט איבער פעלקער, כדי זיי זאָלן ניט קענען אונדז אומברענגען מיט איין מאָל, ווי די גמרא מיינט עס, איז אויך מער ניט גילטיק: אונדז אומצו־ברענגען קען זיך די „וועלט" צונויפריידן איבער דער גאַרער וועלט אין עטלעכע שעהן: דער פּראָגרעס איז גרויס...

פילן דאָס יידן אויך באַציִטנס. טולעט מען זיך צווישן אייגענע. האַלט מען זיך פאַר יידן. וויל מען עפּעס אויסלעבן זיך אין יידיש, קומט עס אַרויס נאָכ־געמאַכטע גוישקייט, ניט קיין עכטע, ניט קיין אויפריכטיקע יידישקייט. ניט די וועלטלעכע און ניט די רעליגיע. אַזאַ מין צושטאַנד קען זיך לאַנג ניט ציען, קיין דורות — זיכער ניט. קען דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט גיין אין צוויי ריכטונגען:

אָדער עס וועט סוף כל סוף קומען די געגאַרטע אַסימילאַציע און צונויפ־שמעלץ מיט די הויפּט פעלקער פון די לענדער. אָדער יידן, יידישע גרופּעס וועלן בלייבן לעבן ווי אויטאָנאָמע יידיש־פאָלקישע גרופּעס אין די לענדער.

כדי דאָס צווייטע זאָל קענען מקוים ווערן, כדי אין די לענדער זאָלן קענען בלייבן עקסיסטירן אָרגאַניזירטע יידישע פּאַרזיכיקע גרופּעס, אויטאָנאָמע, וואָלט אין יעדער יידן געדאַרפט לעבן זײַן אויטאָנאָמע יידישקייט. אַזאַ איז אין די היינטיקע אורבאַנישע באַדינגונגען אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע לענדער ניטאָ.

כדי עס זאָל קענען מקוים ווערן די אַסימילאַציע, דאַרפן אַריבערגיין דורות, און גאָר אַ סך דורות ביז די דורותדיקע יידישקייט, וואָס ליגט טיף אין אונטערבאַוווסטזײַן זאָל זיך אין גאַנצן אויסוועפּן און ביז די פרעמדע גוישקייט זאָל אַזוי ביסלעכוויז אַרײַנדרינגען, ביז די יידן וואָס היינט בלייבן זיי בלויז גרימירטע גויים, ביז זיי וועלן זיך אָננעמען מיט גוישקייט אויך אין זייער אונטערבאַוווסטזײַן, ביז זיי וועלן זיך אין גאַנצן אויסיידישן און אײַנגוישן. אָבער אַזאַ פּאַמעלעכער פּראָצעס פון דורות נויטיקט זיך אין אַ... רויִקער וועלט. די וועלט מיט אירע „שטעכיקע הענט", ווי לייוויק האָט זי ריכטיק כאַראַקטעריזירט, זי זאָל אונדזערע דורות לאָזן זיך אַסימילירן... אשרי המאמין. איך גלייב ניט. די וועלט, פעלקער אויף דער וועלט דאַרפן קרבנות. און מיר זײַנען די שוואַכע, זייער אַ באַקוועמער קרבן. מיט אונדזער אַטראָפירטער יידישקייט, זײַנען אונדזערע דורות נאָך אַ מער באַקוועמער קרבן — אַ קרבן אָן אַ כוח פון ווידערשטאַנד, אָן אַ כוח פון זיך־שוץ, אַ קרבן אָן אויסדויער.

אונדזער גלויבן אין אייביקייט און אַלוועלטלעכקייט

מיר האָבן פון דער תנ"ך־צייט אָן געגלויבט אין אונדזער אייביקייט. מער ווי אַנדערע פעלקער. מיר — די וועלטלעכע — האָבן געגלויבט אין אונדזער אַלוועלטלעכקייט. אַ פאָלק וואָס לעבט צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט, מיט אַלע פעלקער. מיר לעבן בשלום מיט זיי, מיר געניסן מיט זיי צוזאַמען און מיר וואַקסן מיט זיי צוזאַמען מיט דעם וואַקסן פון דער גאַנצער וועלט. די טראַדיציע האָט ניט געגלויבט אין דער אַלוועלטלעכקייט. „וקבצנו יחד" — איז דער אייביקער אידעאַל פון דער טראַדיציע. די „צדקה און חסד" פון אונדזער צעשפּרייטקייט, איז נאָר מען זאָל אונדז ניט קענען אויסמאָרדן מיט איין מאָל...

אונדזער אַלוועלטלעכקייט האָט אונדז אָפּגעגאַרט: מיר זײַנען אין אַלע לענדער געווען פרעמדע און מיר זײַנען געבליבן נאָך מער פרעמד. די גאַנצקייט פון אונדזער „אַלוועלט" האָט זיך געהאַלטן כל זמן מיר זײַנען געווען פאַראייניקט מיט איין שפּראַך און מיט איין געמיינזאַמען שטייגער, וואָס מיר האָבן גערופן „רעליגיע". מיט דעם אונטערגאַנג פון געמיינזאַם לשון, און פון דעם געמיינזאַמען שטייגער, גייט אויך אַוועק די גאַנצקייט און געבונדנקייט פון אונדזער פאָלק. וויפל לענדער — אַזוי פיל שבטים זײַנען מיר, באַזונדערע שבטים, אָן אַ באַהעפט צווישן אַנאַנד. און אין יעדער שבט באַזונדער — ווידער אַ צעשפּליטערונג און צעברעקלונג, אָן אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזירטקייט, אָן אַ פאַרבונדן געמיינזאַם לעבן אָן אַ געמיינזאַמען ווילן צו לעבן.

אַזאַ מין גאַנצע געמיינזאַמקייט און גאַנצקייט האָט בײַ אונדז געקאָנט זײַן אין דער פריערדיקער וועלט, ווען מיר האָבן געלעבט אַן אויטאָנאָם לעבן אין אַ וועלט פון באַזונדערע לענדער און לענדעלעך. אין אַן אורבאַנישער וועלט, מיט איין מאַסן־קולטור, מיט איין מאַסן־שטייגער, האָבן מיר ניט קיין אויטאָנאָם לעבן, איז אויך אונדזער צעברעקלונג אַ פולע, ניט בלויז אַ פּאָליטישע, נאָר אויך אַ גײַסטיקע. אויס מיט איין יידיש פאָלק אין דער וועלט, זײַנען מיר אין תוך אַרײַן נאָר אַ סכום רעשטלעך פון אַ צעבראָכן פאָלק.

צוזאַמען מיט דעם איז אויך פאַרלאָרן דער גלויבן אין אונדזער באַרימטן „נצח ישראל לא ישקר" — עס איז אַ פײַנער פסוק אין תנ"ך, וואָס איז קיין מאָל אין אונדזער געשיכטע ניט געווען אמת. דער „לא ישקר" איז אַ שקר. עס זײַנען כסדר ביי אונדז אונטערגעגאַנגען יידישע שבטים. עס שטאַרבן אויס פעלקער, און עס גייען אונטער יידישע שבטים. אונדזער געשיכטע איז אַן אַלטע, פיר טויזנט יאָר מסתמא, אָבער מיר האָבן ניט קיין ישוב וואָס זאָל באמת זײַן געווען אַלט. די אַלטע ישובים גייען אונטער, זיי בלײַבן ניט. נאָך מער — אין איין און דעם זעלביקן ישוב גייען די עלטערע טיילן פאַרלאָרן. די דריי הונדערט יאָר אַמעריקע, זײַנען אויך נאָר אַ מיט, אַ לעגענדע, וואָרעם עס איז דאָך ניט מעגלעך געווען צו געפינען אין גאַנץ אַמעריקע קיין דירעקטע אָפּשטאַמיקע פון די יענע ערשטע געקומענע יידן. אויך אין דרום־אַמעריקע זײַנען געווען עלטערע ישובים, יידישע, און זיי זײַנען אונטערגעגאַנגען. איז אונדזער געשיכטע געגליכן צו אַ שטאַפעטן־לאַף. עס טראָגט זיך איין שטאַפעט מיט אַ פאַקעל אין האַנט. ער גייט איבער דעם פאַקעל צו אַן אַנדער לאָפער, און ער גייט אַוועק אָן אַ זײַט. מען זעט אים שוין מער ניט. אַזוי איז געווען מיט דעם לעבן פון אונדזער פאָלק. איין שבט גייט איבער די יידישקייט צו אַ צווייטן שבט

און ער, דער פריערדיקער, גייט אונטער. און געווען אַזוינע שבטים, וואָס האָבן טאַקע אויך ניט געהאַט וואָס איבערצוגעבן, זײַנען זיי אונטערגעגאַנגען און קיין זאַך ניט איז פון זיי ניט געבליבן. און געווען אַזוינע שבטים, וואָס האָבן ניט געהאַט וועמען איבערצוגעבן עפּעס פון יידישקייט. דובנאָוו האָט אָנגערופן די שבטים וואָס טראָגן אונדזער געשיכטע „העגעמאָן־שבטים". זײַנען מיר איצט מיטן קיום פון די היינטיקע שבטים לגמרי ניט זיכער — ניט פון דרויסן איז זייער קיום זיכער און ניט פון אינעווייניק. אָבער צי קען מען וואַרטן אויף אַ נייעם העגעמאָן־שבט? — איז עס לגמרי ניט זיכער.

אַלע העגעמאָן־שבטים, ביז איצט, האָבן געלעבט אַ פּאַרזיכיק, אויטאָנאָם לעבן, אָפּגעזונדערט פון די הערשנדיקע לאַנדפעלקער. ניטאָ אַזאַ יידישער שבט איצט. אַלע האָבן זיי געלעבט מיט זייער אייגענעם טראַדיציאָנעלן שטייגער מער בעל פּה ווי בכתב, מיט שריפט־קולטור. ניטאָ איצט אין דער גאָרער וועלט אַזאַ יידישער שבט. עס בלײַבט נאָר איין ישוב אַזאַ. דאָס איז די יידישע מדינה.

דאָס איז דער איינציקער ישוב אין דער וועלט, וואָס לעבט אַן אויטאָנאָם יידיש לעבן. דאָס איז גאָר אַ גרויסע מעלה, וואָס שטייגט אַריבער אַלע אָפּשאַצונגען. דער איינציקער ישוב אין דער וועלט ווו יידן דאַרפן זיך ניט צופּאַסן צו אַנדערע, נאָר צו זיך אַליין. דער איינציקער ישוב אין דער וועלט ווו יידן זײַנען אָרגאַניזירט ווי אַ ציבור, ווי אַ קאָלעקטיוו. אָט איז פאַראַן אין אַמעריקע איין שטאָט וואָס פאַרמאָגט יידן, אַן עין הרע, מער ווי די מדינה. אָבער זיי שטעלן דאָ ניט פאָר מיט זיך קיין יידישן קאָלעקטיוו. קודם כל זײַנען דאָס יחידים־יידן, יעדער איינער באַזונדער אין ים פון פרעמדן לעבן. ניט אַלע צוזאַמען אין איין שיף, נאָר איטלעכער באַזונדער אין זיין קליין מולטערל. ערשט די יחידים — אין קליינע גרופּעס, גרופּעלעך, וואָס אַנשטאָט צו גיין צוזאַמען, קאָנקורירט מען גאָר צווישן אַנאַנד... איז די דאָזיקע אָרגאַניזירטקייט פון גאַנצן ישוב אין מדינה צוזאַמען גאָר אַ גרויסע מעלה. און אָט דער גאַנצער געמיינזאַמער ישוב צוזאַמען לעבט און דאַרף לעבן אַן אויטאָנאָם יידיש לעבן.

פאַראַן עטלעכע מדרגות אויטאָנאָמיע: די מדינה איז אַ פולע, אַלזײַטיקע אויטאָנאָמיע — ציוויל, סאָציאַל, עקאָנאָמיש, שפּראַכלעך, קולטורעל און פּאָליטיש. פאַראַן נאָך איין זײַט — די מיליטערישע, אָבער בנוגע צו דער זײַט וועלן אַלע יידן מסכים זײַן מיט מיר — הלוואי וואָלט מען זי ניט געדאַרפט, הלוואי זאָל מען זי ניט דאַרפן...

איז דאָ ליגט אַ צרה: פון אייביק אָן האָט אונדז גאָט געגעבן אַ לאַנד, וואָס איז אַליין טאַקע קליין, אָבער עס ליגט „צווישן" גרויסע. און אַלע מאָל,

דורך דער גאַנצער געשיכטע, ווען צוויי גרויסע שלאָגן זיך איז ארץ ישראל אין מיטן און עס כאַפּט קלעפּ פון ביידע זייטן. אין דער צייט פון טייך־קולטורן איז עס געווען די קאָנקורענץ צווישן די פעלקער פון פרת־חידקל־טאָל און די פעלקער פון נילוס טאָל. און די יידן האָבן געליטן פון ביידע, אָדער פון איין זײַט, אָדער פון דער צווייטער.

שפּעטער אין דער צייט פון ים־קולטורן איז עס געווען גריכנלאַנד־רוים פון איין זייט און פּערסיע. און איצט, אין צייט פון אָקעאַן, ווידער צוויי קאָנקורענטן און דאָס קליינע ארץ ישראל צווישן!... טײַכן, ימים, אָקעאַנען־קאָנקורענץ, — וועט שוין מסתמא אַזוי אויך בלייבן אין צייטן פון חלל־קאָנקורענץ, ווי עס איז איצט. ניטאָ קיין רויִקער אָפּרו...

אין אַ שלעכטן ווינקל ליגט דאָס לאַנד ישראל! פון אונדזער לאַנגער געשיכטע בלויז צוויי מאָל אין גאַנצן אָדער טיילווייז פאַר זיך. און אויך דאָס קיין מאָל ניט רויִק, ניט באַוואָרנט... בכן די פּאָליטיש־מיליטערישע זייט — הלוואי זאָל מען עס ניט דאַרפֿן. די אינעווייניקסטע צרות — זיי זײַנען אַזוינע גרויִסע, אַז ווי ווערט מען פּטור פון זיי? די צעקריגטקייט און צעריסנקייט איז אין לשער. און די קולטור־פּאָליטיק, די דערציִונג קען ניט פאַראייניקן די אַלע טיילן אין איין פאָלק. די שפּראַך איז טאַקע איינע, אָבער פאַר די דורות האָט ניט די שפּראַך אין זיך קיין איראַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס זיי פאַרבינדן און פאַראייניקן. זיי שאַפֿן פון באַזונדערע מענטשן איין פאָלק. דאַרף מען בעטן ביי גאָט לכל הפּחות עטלעכע דורות רויִקע, זיי זאָלן קענען אײַנפלאַנצן, אויב ניט די אַלטע, איז כאָטש נײַע אַזוינע נשמה־עלעמענטן, וואָס זאָלן באַהעפטן די עליות אין איין פאָלק. מען דאַרף האָפן אַז פאָרט וועט עס קומען צו אַ מיזוג גלויות.

אַלע חסרונות וואָס זײַנען פאַראַן ביי אונדז, און וואָס מען זאָגט אַז זיי שטאַמען פון גלות, האָבן דאָך די עליות געבראַכט מיט זיך, זיי זײַנען דאָ אין דער מדינה אויך. צי זיינען זיי פון גלות אָדער פון אַנדערשוואו, אָבער זיי פעלן ניט. און אָט די חסרונות לאָזן ניט אין דער אויטאָנאָמער, פאַרזיכיקער מדינה, בויען באמת אַ פאָלע, אייגענע קולטור אָן נאָכמאַכונגען און אָן קאָפּירונגען און אָן פאַרוואָרפן דאָס אייגענע, וואָס זײַנען טאַקע יאָ פון גלות, אָבער וואָס דאָס האָט אונדז געהאָלפן גובר זײַן דעם גלות... אַ סך וועגן דעם צו ריידן. אָבער מיט איין וואָרט — עס דאַרף נאָך לאַנג נעמען ביז די מדינה מיט אירע פירער וועלן זיך אומקערן פון דער פאַלשער שלילת הגלות. די מדינה האָט זיך פון אָנהייב אָן אַוועקגעלאָזט אויפן וועג פון „אויטאָאַסימילאַציע”. און דאָס האָט

אַנגעטאָן אַ סך צרות דער מדינה גופא און נאָך מער — די גלותן. צו אַ פיזישן קיבוץ גלויות איז נאָך זייער ווײַט. פאַרקערט רעדט מען איצט אַ סך ווייניקער וועגן אַזאַ קיבוץ גלויות ווי מען האָט וועגן דעם גערעדט באַלד ווי די מדינה איז געשאַפן געוואָרן. עס איז אפשר אויך געזינטער פאַר דער מדינה און פאַרן פאָלק בכלל, מען זאָל די גלותן ניט ליקווידירן פריציפּיטיק. קען זײַן אַז די מדינה וואָלט גאָר געבעטן ביי יידן אין די גלותן: איַלט זיך ניט צו ליקווידירן דעם גלות, כל זמן עס ברענט ניט אונטער די פיס. אָבער ווי עס איז שוין דאָ אַ סך מאָל דערקלערט געוואָרן זײַנען אַלע גלותן איצט אין אַ גרויסער מבוכה, קיינער פון זיי קען ניט אָרגאַניזירן אַן אויטאָנאָם לעבן אָן אַ סאָציאַלער אויטאָנאָמיע. איז דאָס די גרויסע אויפגאַב פון דער יידישער מדינה צו לערנען די גלותן בויען אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע אויטאָנאָמיע אין די גלותן גופא. ווי געזאָגט שטעלט די מדינה פאַר מיט זיך אַ פולע אויטאָנאָמיע. אין די שטעטלעך האָבן מיר געהאַט אַ סאָציאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אין אורבאַניזם קען זײַן אַ רייד נאָר וועגן נאָך אַ שמעלערער אויטאָנאָמיע. דאָס איז אַן אויטאָנאָמיע אין די היימען און אין געזעלשאַפטן. דער פּירנציפּ פון אַזאַ אויטאָנאָמיע איז, אַז מאַכן אַ לעבן — עקאָנאָמיש — דאָס איז אַלע בירגער צוזאַמען. אויסלעבן זיך אָבער — נאָך דער אַרבעט — דאָ איז גילטיק די אויטאָנאָמיע.

עס דאַכט זיך אַז אַמעריקע בכל אופן גייט צו דעם בכלל. וואָלט ביי יידן ניט געווען אַ נייגונג צו אַסימילאַציע און צו אויטאָאַסימילאַציע, וואָלטן יידן דאָס געקאָנט שוין איצט האָבן. שוין איצט לעבן זיך פאָלקישע גרופּעס אויס באַזונדער אין אַמעריקע. די צרה איז אָבער וואָס דער אינהאַלט פון דעם יידישן אויסלעבן זיך איז... ניט קיין יידישער, ער איז אַ נאָכגעמאַכטער, ער איז אַ קאָר־פּירטער גוישער שטייגער פאַר יידן.

און אָט דאָ וואָלט די אויפגאַב פון דער מדינה געקאָנט זײַן אַ גרויסע און אַ וויכטיקע, איר השפעה וואָלט געראַטעוועט יידן אין די גלותן פון אַסימילאַציע, פון אויטאָאַסימילאַציע, פון עגאָפּאַביע, פון דער יידישקייט־אַטראָ־פיע, וואָס שטעלט אין סכנה דעם קולטורעלן, דעם גייסטיקן און אויך פיזישן קיום פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט און אויך אין מדינה... לויערט אָבער איבער אונדז אַ קללה: די מדינה אַליין איז נאָך ווײַט ניט אויסגעהיילט פון דער אויטאָאַסימילאַציע וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „שלילת הגלות" און ביז היינט פאַרסמט זי די גאַנצע יוגנט מיט אַ „שלילת הגולה", אַ נעגאַציע צום יידישן פאָלק מיט אַלע שווערע תולדות פון דער דאָזיקער שלילה. פאַרקערט,

ווירקט איצט די מדינה נעגאַטיוו, זי מיט איר אויטאָאַסימילאַציע גיט אַ „הכשר" אויף אַסימילאַציע אין דער גאָרער וועלט. יידן בעטן „מי יתן מציון ישועת ישראל, אָבער פריער דאַרף ציון זיך ראַטעווען פון דער שלילת הגלות וואָס איז ערגער און געפערלעכער.

נאָר ניט קיין פעסימיזם!

דער אַנאַליז וואָס איז דאָ געמאַכט געוואָרן איז זייער ניט קיין פריילעכער. זאָגן גוטע פריינד, אַז מען טאָר אַזוי ניט שרייבן ווי איך שרייב, ווייל עס איז פעסימיזם; עס ווערט אומעטיק, אַז מען לייענט... איז עס אָבער ניט ריכטיק: פעסימיזם מיינט — פאַרלירן יעדע האָפענונג, אָן אַן אויסזיכט, ניטאָ מער וואָס צו טאָן. פעסימיזם איז ווען מען קומט צו אַ קראַנקן וואָס האַלט שוין ביים שטאַרבן, ניטאָ קיין האָפענונג. זיצט מען און מען רעדט „פריילעכע רייד" זאָל זיך דער חולה פאַרגעסן ווו ער האַלט אין דער וועלט... זיינען יאָ אַמעריקאַנער יידן די ערגסטע פעסימיסטן: זיי ווילן ניט קיין שום רייד, קיין שום אַנאַליז, ווייל „סיי ווי קען מען דאָך ניט מאַכן אַנדערש". „...ניטאָ קיין נעכטן און ניטאָ קיין מאָרגן. פאַראַן נאָר אַ פּיצעלע היינט — טאָר מען אים ניט פאַרשטערן מיט זאָרגן"... דאָס איז ביי די גוטע יידן פון אַמעריקע יענע „אכול ושתה" — עס און טרינק, ווייל מאָרגן איז סיי ווי טויט.

אָבער די צוקונפט פון יידישן פאָלק ווענדט זיך בעיקר אָן זיי אַליין. יידן דאַרפן בויען זייער מאָרגן אין דער וועלט! און מען קען עס! עס איז גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן, אָבער עס איז מעגלעך און מיט גלויבן און ווילן קען מען יאָ דערגרייכן דעם אויסוועג. און דער וועג איז אין פלוג זייער אַ קורצער: יידן דאַרפן שאַפן פאַר זיך אַן אויטאָנאָמיע אין די „גוטע גלותן". „מאַכן אַ לעבן צוזאַמען, אויסלעבן זיך באַזונדער". דאָס איז די פאָרמול פון דער יידישער צוקונפט אין דער וועלט; דאָס איז אַן אויטאָנאָמיע פון היים און געזעלשאַפט. עס איז אַן אויטאָנאָמיע וואָס הייבט זיך אָן נאָך דעם ווי מען שליסט די געשעפטן. און אַמעריקע גייט צו דעם, דורך צרות, קריגערייען און אפילו דורך בלוטיקע מלחמות, אָבער אַזוי איז דער וועג. די פּראָדוקציע, דער אורבאַניזם, קאָמוניקאַציע־מיטלען מישן אויס די מענטשהייט, זיי מעקן אָפּ גרענעצן פון מדינות. אויב די מענטשהייט וועט זיך ניט אומברענגען אין טאָטאַלן קריג, וועט זי קומען פאַרקערט, צו „איין וועלט" אין טעכניק און וויסנשאַפט, אין האַנדל

און פאַרקער, אָבער — מיט פאַרזיכיקע פעלקער. ניט מדינות וועלן דאָמינירן, נאָר פעלקער. מאַכן אַ לעבן בשותפות, צוזאַמען און אויסלעבן זיך באַזונדער. און פעלקער ווילן דאָס, פעלקער בכלל — חוץ יידן — ווילן זיך ניט אַסימילירן, ווילן בלײַבן דאָס וואָס זיי זײַנען און ווי זיי זײַנען. און אונדז יידן איז באַשערט ווי אַלע מאָל — צו גיין ניט ווילנדיק פאָרויס. די גרויסע שטעט וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין קאָנגלאָמעראַטן פון באַזונדערע שטעטלעך, סובאורבס, זיי וועלן זײַן באַזונדערע פאָלקישע אײנסן. חסידים בויען שוין איצט אַזוינע. עס וועלן אַזוי טאָן אויך אַנדערע יידן. אין אָט די שטעטלעך וועט יעדעס פאָלק אויסלעבן זיך פאַר זיך, אין זײַן קולטור, אין זיין שטייגער, מיט זיין שפּראַך. און יידן אויך פאַר זיך. טאָר מען ניט שווייגן, דאַרף מען, פאַרקערט, ריידן און שרײַבן גאָר אַ סך. אַלע יידן מוזן עס פאַרשטיין און באַנעמען. נאָך איין תנאי — שלום על ישראל און שלום אין ישראל. כל זמן יידן וועלן זיך האַלטן אין איין קריגן, שפּאַלטן זיך, ברעקלען זיך, קען עס ניט קומען צו עפּעס. דער חורבן איז געקומען צוליב „שינאת חינם" צווישן יידן, — זאָגט אַ קלוגע גמרא. יידישקייט איז ברייטער פון יעדער קלייזל באַזונדער. פעלט נאָר אַ ביסל מער טאָלעראַנץ צווישן אַנאַנד. איז וועלטלעכע יידישקייט אויך יידישקייט, רעליגיעזע — ווידער! זײַנען די אַגודה און מזרחי ניט קיין צוויי מלחמה־פירנדיקע גרופּעס און די קאָנסערוואַטיווע וועלן זיך אויך דערנענטערן, וועלן שוין אויך די אַנדערע זיך מוזן צורוקן. וועט מוזן קומען צו גאַנצער אינטעגראַלער יידישקייט — איין פאָלק און איין קולטור. אין די פאַרזיכיקע שטעטלעך וועט יעדעס פאָלק בויען זײַן דערציִונג־סיסטעם. און יידן אויך. בעל כרחך אתה חי — אפילו ניט ווילנדיק מוזן מיר גיין אויף דעם וועג. ער איז דער איינציקער. אינטעגראַלע, גאַנצע, פאַרזיכיקע יידישקייט אין די היימען און אין די שטעטלעך פון די גרויסע מעטרעפּאָליעס־שטעט. די פּראָגראַם איז אַ קורצע, דאַכט זיך. אָבער עס איז זייער לאַנג ביז יידן וועלן זי באַנעמען און אָננעמען. אַ גרויסע הילף וואָלט געקאָנט דאָ ברענגען די אייגענע מדינה, ווען זי וועט זיך אויסהיילן פון איר „שלילה־קראַנקייט", ווען זי וועט קומען צו אינטעגראַלער יידישקייט. הלוואי במהרה בימינו בקרוב.

אײן פֿאָלק — אײן קולטור און אײן דערציִונג

אַ קליינע הקדמה

די אַרבעט וואָס קומט דאָ, איז ניט געשריבן ספּעציעל פאַר לערער, הגם זי רעדט וועגן דערציִונג. זי איז מער אַן אידעאָלאָגיש־געזעלשאַפטלעכע, זי האָט צו טאָן מיט דעם בויען און אָרגאַניזירן שולן און ניט מיט דעם עצם לערנען אין די שולן. און היינט בויען יידישע שולן ניט די לערערס, ניט זיי באַשטימען דעם כאַראַקטער פון די שולן, און דווקא דאָס איז דער אינהאַלט פון דער בייגעלייגטער אַרבעט. עס בויען איצט שולן: אין דער מדינה — די רעגירונג, גרופּעס. אין די גלותן נאָר גרופּעס, פּאַרטייען, ריכטונגען, קהילות (קאָנגרע־גאַציעס). אין זייער נאָמען טוען דאָס די ראַביים, רבנים. אָבער אַלע בויערס האָבן אין זינען בלויז זייערע ריכטונגען, די אינטערעסן פון זייערע גרופּעס. מיין אַרבעט דאָ האָט אין זינען ניט באַזונדערע גרופּעס, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין זיין היסטאָרישער און געאָגראַפישער גאַנצקייט. דאָס איז דער גלויבן פון דעם מחבר און פון דעם שטאַנדפּונקט גייט ער אַרויס אין אַלע זיינע געדאַנקען און אַרבעטן; דאָס איז דער זינען פון דעם לאָזונג „אינטעגראַלע יידישקייט״. און דאָס איז אויך דער לייט־מאָטיוו פון דער גאַנצער אַרבעט, ווי שולן דאַרפן געבויט ווערן, וואָס עס דאַרף זיין זייער יסוד — שולן פון דעם אייביקן יידישן פאָלק פאַר דער אייביקייט פון יידישן פאָלק. מיר זיינען איין פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, פאַרשיידן זיינען די צווייגן, אָבער דער בוים איז איינער; איין יידישקייט. פאַרשיידענע ריכטונגען, אָבער דער בוים איז איינער. און איין יידישע דערציִונג, איין יידיש פאָלקישע שול!

אַלגעמיינע יסודות פון איינהייטלעכער יידישער דערציונג

פעדאַגאָגיק — אַ נאַציאָנאַלע קונסט, טראַדיציעס, דינים, הלכה פון דערציונג, ניט פילאָסאָפיע / די ערשטע צוויי פּריציפּן: גאַנצקייט פון יידישקייט און צופרידנקייט מיט יידישקייט / דער גרויסער פּלאָנטער און צעפּיצלונג פון דערציונג / היסטאָרישער איבערזיכט / בריק צווישן תקופות, אָפּשוואַכונג פון מדינה און די אחריות פון יעדער יחיד פאַרן קיום האומה. שפּראַכן ביי יידן / מאי קא משמע לן? שפּראַך־אַסימילאַציע / דער דראַנג צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. פּאַרצייטיקע פּאָלקיסטן. בעל פה און בכתב — וואָס איז פריער? / יידישע רעליגיע און יידישער קיום / לערנען און מאָראַל / צווישן לערער און תלמיד / דעמאָקראַטיע אין דערציונג / עילויים. די העכערקייט פון דער ישיבה־סיסטעם איבער דער שול־סיסטעם / „תורהדיק לערנען“ — וואָס מיינען די פאַרלאַנגער און וואָס דאָס דאַרף מיינען? / אַנטוויקלונג פון געדאַנק בכלל / אַקטואַליזאַציע אָדער היסטאָריזאַציע / וועגן ליטעראַטור־לימוד? / איין פאָלק — איין קולטור / מיר בענקען נאָך מאָניזם. די קנעכטישע נשמות פון פרייע יידן / דער אויסגעטראַכטער שפּראַכנקאַמף, זיינע פאָרמען און געשטאַלטן אין געשיכטע / פאָלקיזם, נאַציאָנאַליזם און זייערע סוראָגאַטן / אַנטוויקלונג פון דער סברא — דער דידאַקטישער ציל פון לערנען.

קודם כל שטעלט זיך אַ פראַגע צי איז פּעדאַגאָגיק אַזאַ וויסנשאַפט וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון פאָלק, פון קרייז? צי עס איז פאַראַן אַן אַלגעמיינמענטשלעכע פּעדאַגאָגיק וואָס איז גוט פאַר אַלע פעלקער גלייך, ווי עס איז פיזיק, כעמיע אָדער אַנדערע, אָדער עס איז אַ געביט ווי קונסט, למשל, ווו יעדער קינסטלער ווייזט קודם כל אַרויס דעם גייסט פון זיין פאָלק, און עס קען גאָר ניט געמאָלט זיין איין אַלגעמיינע פּעדאַגאָגיק?

שווער איז דער טיפערער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס. איך מיין ניט דאָס דערקלערן עפּעס אַ לימוד. איך מיין בכלל די השפּעה וואָס אַ לערער, אַ קלאַס דאַרף האָבן אויף די קינדער. דאָס איז גאָר גאָר וויַיט ניט אַזוי איינפאַך. עס איז שווער צו שפּילן אויף אַן אינסטרומענט, שווערער איז צו שפּילן אויף אַ צאָל אינסטרומענטן, בעת מיר ווייסן ניט די פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין די אינסטרומענטן, וואָס מען שפּילט אויף זיי. דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס איז דאָך

אַט אַזאַ שפּילן, אַזאַ מין ווירקן אויף אַ צאָל קינדער איינצייטיק און אין משך פון יאָרן, בעת מיר אַליין ווייסן ניט דעם גאַנג פון די פּראָצעסן אין יעדער קינד באַזונדער. נאָך מער — דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס דאַרף דאָך ערשט אויסבילדן, פּאַרפולקאָמען, אויסבעסערן דעם אינסטרומענט. ער דאַרף דאָך ערשט אַנטוויקלען די קינדער.

פירט אַ לערער אַ קלאַס מיט קינדער, ער דערציט זיי. יעדעס קינד נעמט אויף אַנדערש די השפּעה פון לערער, יעדעס קינד לויט זיין נאַטור, לויט זיין כאַראַקטער, יעדעס קינד „שפּילט אויס" די השפּעה פון לערער אַנדערש, דרייסיק קינדער — שפּילן דרייסיק אינסטרומענטן, אַן אָרקעסטער, און דער לערער פירט אָן מיט דער דאָזיקער סימפאָניע, ניט הערנדיק קלאָר וואָס יעדער קינדס נשמה שפּילט אויס, וואָס עס שפּילט זיך אין יעדער קינדס נשמה.

במילא איז שוין דער פּראָצעס פון לערנען נענטער צו אַ קונסט. דאַרף מען לערנען, אָבער פון די בעסטע טעאָריעס קען מען קיין גוטער פידלער ניט ווערן.

די קינדערשע נשמות זיינען ניט קיין „אָפּגעווישטע טאָוולען", וואָס מען קען אויף זיי שרייבן וואָס מען וויל. די נשמות פון מענטשן טראָגן אין זיך די ירושה פון אַנצאָליקע דורות. און די דורות פון איין פאָלק זיינען גאָר אַנדערש, ניט ווי די דורות פון אַ צווייטס, איטלעך פאָלק מיט זיין געשיכטע, איטלעך פאָלק מיט זיין קולטור, מיט זיין גייסט, מיט זיינע נייגונגען און דורותדיקע געוווינהייטן, מיט זיינע פאַרבאָרגענע ירושות, פאַרבאָרגענע, ווייל קיינער קען זיי ניט פאָרמולירן, זיי ליגן טיף אין כאַראַקטער פון דעם פאָלק. און די קינדער טראָגן אין זיך די פאָלקישע ירושות. צי זיי ווייסן יאָ אָדער זיי ווייסן ניט — אַלץ איינס ליגט די ירושה אין זיי, און זי איז פאַרשיידן. דערפאַר קען שוין ניט זיין איין אַלגעמיינע, עקזאַקטע פּעדאַגאָגיק, איינע פאַר אַלע פעלקער גלייך.

אוודאי דאַרף אַ פידלער זיך לערנען, אָבער שפּילן שפּילט ער לויט זיין גייסט. און „אַ יידיש פידעלע" שפּילט אַנדערש. און אַ דרייסיק יידישע פידעלעך שפּילן ניט סתם מוזיק, נאָר עס שפּילט אין די קינדער אַ יידישער ניגון. און אָנפירן מיט דעם ניגון קען מען ניט מיט דעם דייטשישן דיריגיר־שטיקל.. „וואָס פאַרן דייטש איז געזונט, איז פאַר דעם רוס דער טויט"! זאָגט אַ רוסיש ווערטל. און נאָך מער איז אַזאַ ווערטל גילטיק פאַר אונדז יידן.

מעגן יידישע לערער לערנען אַלערליי פּעדאַגאָגיקעס, מעגן יידישע לערער פאַרן לערנען ביי אַלע פעלקער אין אַלערליי לענדער, אָבער לערנען, דערציִען,

שפּילן אויף די קינדערשע נשמות דאַרפן יידישע לערער לויט אייגענער יידישער פּעדאַגאָגיק.

אָבער פון וואַנען, פון וואָס זאָל זיך קענען שאַפן אַ יידישע פּעדאַגאָגיק? אַז די נשמה איז אַ ניסתר, פאַרבאָרגן, אַז די פּראָצעסן אין דער נשמה זײַנען ווידער טיף באַהאַלטן. עס איז דאָך גאָר אוממעגלעך צו קריגן אַזאַ מין ליכט, מען זאָל קענען באַלײַכטן די פינצטערע ווינקלען פון מענטשלעכע נשמות, מען זאָל קענען קוקן אין זיי און זען און וויסן וואָס עס קומט פאָר אין זיי. טאָ ווי קען מען גאָר פּרעטענדירן צו בויען אַ יידישע פּעדאַגאָגיק? ווו נעמט מען די ציגל פאַר אַזאַ מין בנין? — איז די פראַגע ניט קיין פראַגע.

פון וואַנען קומט דער יידישער ניגון? ער קומט פון דורות. אָט פון וואַנען עס בויט זיך און עס דאַרף זיך בויען אַ יידישע פּעדאַגאָגיק. און דאָ האָבן מיר אָן אַ שיעור מאַטעריאַל צום בויען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע פּעדאַגאָגיק.

אַ ווירטואָז אַ שפּילער קען שפּילן אַלע מינים מוזיק פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. אָבער דערמיט שאַפט ער ניט קיין נאַציאָנאַלע מוזיק. אַ קאָמפּאָזיטאָר וואָס באַמיט זיך צו שאַפן די מוזיק פון זיין פאָלק, גייט אַוועק צו די פּשוטע מענטשן פון זיין פאָלק, ער זוכט אויס די פּרימיטיווע געזאַנג-טראַדיציעס, די פאָלקישע געזאַנגען, ניגונים, און פון דעם שאַפט ער, בויט ער די נאַציאָנאַלע מוזיק. עס איז געווען דער טראַגישער טעות אָדער עבירה פון דער השכלה, זי איז אַוועק זוכן קולטור, און קונסטן און פּעדאַגאָגיק ביי אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט. זי האָט זיך פאַרגעסן, אָדער געמאַכט זיך פאַרגעסן אַז מיר זיינען אויף דעם געביט פון דערציִונג דאָס עלטסטע פאָלק אין אייראָפּע מיט אַן אָרגאַניזירטן שולוועזן, וואָס מיר האָבן געבויט ווען די אורעלטערן פון די היינטיקע קולטור-פעלקער האָבן נאָך ניט געוווסט וואָס עס איז אַן אלף־בית. מיר האָבן געהאַט אַנדערע צילן, אַנדערע אויפגאַבעס און אַנדערש זיינען געווען אויך אונדזערע דרכים אין דערציִונג. מיר האָבן ניט געשאַפן קיין פילאָסאָפיע פון דערציִונג, ביי אונדז זיינען געווען דינים. און די דינים זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון דורות דערפאַרונג פון לאַנגע יאָרהונדערטער. האָט במילא געווירקט דער נאַטירלעכער אָפּקלייב און עס איז געבליבן דאָס וואָס עס איז געווען צוגעפּאַסט צו אונדזער כאַראַקטער, צו אונדזערע צילן. אָט די טראַדיציאָנעל־יידישע פּעדאַגאָגיק האָט זיך אַנטוויקלט פאַרזיכיק, אָן דער השפעה פון אַנדערע פעלקער. זי איז אָרגאַניש אונדזערע, ניט איבערגענומען פון קיינעם, ניט נאָכגעמאַכט קיינעם. אַנדערש,

אייגנאַרטיק איז געווען אונדזער לעבן און אויך אַנדערש איז געווען אונדזער דערציִונג. די דערציִונג האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין צוגעפּאַסט צו די פאַר־מעגן פון אונדזער לעבן, די דערציִונג האָט אונדז געהאָלפן איינהיטן און איינ־האַלטן אונדזער פאָלקישע פאַרזיכיקייט, אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אין יענער טראַדיציאָנעלער דערציִונג ליגט דער יסוד פון אונדזער מאָדערנער דערציִונג.

עס האָט ־זיך ביי אונדז אַלץ געענדערט. יענע סיסטעם קען מער ניט אַריינפּאַסן זיך אין אונדזער היינטיק לעבן, אָבער די פרימיטיווע קלעזמאָרים זיינען אויך ניט די מאָדערנע יידישע מוזיק, זיי זיינען נאָר דער רויער מאַ־טעריאַל, פון אים צו שעפּן, צו קנעטן און צו בויען די מוזק. איך זאָג ניט חלילה, אַז די היינטיקע יידישע דערציִונג דאַרף נאָכמאַכן דעם חדר און דער ישיבה פון אַמאָליקן שטעטל. איך ווייס אַז די היינטיקע דערציִונג דאַרף אַזוי פּאַסן צו אונדזער היינטיקן אורבאַנישן לעבן ווי דער חדר און ישיבה האָבן זיך געפּאַסט אין שטעטל. און לערנען ווי זיך אַריינצופּאַסן — דאָס מעגן מיר לערנען פון אונדזער אַמאָל. מיר האָבן אויך היינט אַנדערע אידעען אין דער־ציִען. מיר לעבן צווישן אַנדערע פעלקער, אַריינגעטריפט איינציקווייז, יעדערער פאַר זיך אין דעם פרעמדן לעבן און דאָך זיינען מיר אַן אַנדער קאָלעקטיוו אין דעם מלוכה־קאָלעקטיוו, זיי מיט זייערע צילן, איין פאָלק אין איין לאַנד. דאָס לאַנד אידענטיפיצירט זיך מיט דעם פאָלק. „נאַציע" אידענטיפיצירט זיך ביי זיי מיט דעם שטח פון לאַנד, מיט די איינגעשטעלטע געזעצן וואָס זיי מאַכן הערשן אין דעם לאַנד, אויף דעם שטח. זיי שטרעבן צו דעם צושטאַנד פון איין פאָלק אין זייער שטח. מיר זיינען איין פאָלק צווישן אַ סך פעלקער, איבער אַ סך לענדער, אין אַ סך קולטורן. און מיר ווילן זיין דאָך איין פאָלק, ווי איין גאַנץ וועלטפאָלק האָט אונדז אויפגענומען דער נעסטאָר פון אונדזערע געשיכטע — דובנאָוו, ווי איין גאַנץ און איינהייטלעך וועלטפאָלק זעט אונדז אויך אונדזער יונגע מדינה; ווי איין פאָלק איבער אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע ישובים וועלן מיר קענען עקסיסטירן און אויפהאַלטן אונדזער פאָלקישן כאַראַקטער און פאַרזיכיקע קולטור. נאַציע פאַר אונדז אידענטיפיצירט זיך מיט פאָלק און ניט מיט לאַנד. אפילו אונדזער אייגענע מדינה איז ניט קיין נאַציע פאַר זיך, באַ־זונדער, אָפּגעטיילט און אָפּגעשניטן פון יידישן פאָלק איבער דער וועלט. איין פאָלק זיינען מיר געווען און איין פאָלק מוזן מיר בלייבן. צעטיילט, צעפּיצלט, צעברעקלט וועלן מיר אונטערגיין אומעטום אין די גלותן און אויך אין דער מדינה. עס איז געווען אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד ווען יידן אין מערב־אייראָפּע

האָבן זיך איינציקווייז אָפּגעזאָגט פון פאָלקישער סאָלידאַרקייט, פון אָנגעהערי־קיים צום יידישן וועלטפאָלק, ווי צו איין קאָלעקטיוו. טראַגיש, אומעכט, פאַלש זיינען זיי די גרופּעס יידן וואָס שרייען הויך און העכער אַז זיי זיינען — דייטשן, פּאָליאַקן, פראַנצויזן פון משהס גלויבן. עס איז אַן אומזיניקייט. ניטאָ קיין „משהס גלויבן" אָפּגעטיילט פון יידישקייט, ווייל די יידישע רעליגיע איז די פאַרהייליקונג פון יידישער פאָלקישער קולטור. מען קען זיין אַ קאַטויל פון מעקסיקאַנער קולטור, פון איטאַליענישער און פון פּוילישער, אָבער מען קען ניט זיין פון יידישער רעליגיע אָן יידישקייט. עס איז געווען, אמת, אין אָנהייב פון יאָרהונדערט אַזאַ לאָזונג „יידן פון אַלע רעליגיעס". אָבער עס איז געווען בלויז אַ נאָכמאַכונג פון פלאַכן געדאַנק. מוז אונדזער דערציִונג האָבן אין זינען די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, זיין איינהייט איבער די גרענעצן פון לענדער און פעלקער.

יידישע דערציִונג דאַרף ווייטער האָבן אין זינען די גאַנצקייט און איינ־הייט פון יידישן פאָלק איבער אַלע פראַגמענטאַרע „יידישקייטן", ווי עס איז די „מאָדע" זיך צו טיילן אויף אומצאָליקע ריכטונגען, שיטות און גרופּעס, וואָס יעדע איינע האָט פיינט אַלע אַנדערע.

ביי היינטיקן טאָג האָבן מיר אין ערגעץ ניט אַזאַ אַלגעמיינע, אינטע־גראַלע יידישע דערציִונג, וואָס זאָל וועלן האָבן אין זינען די אַלע פראַגמענטן און אַלע טיילן פון אונדזער קולטור, ניט אין גלות און ניט אין דער מדינה. מיר זיינען צעשפּאָלטן און מיר האַלטן ווייטער אין שפּאַלטן זיך.

האָבן מיר שוין פאַר אונדז די ערשטע צוויי פּרינציפּן פאַר אַן אמת יידישער דערציִונג. ערשטנס איז יידישקייט אַ גאַנצע אָרגאַנישע איינהייט און ניט קיין טיילן. גאָר די יידישקייט אין לעבן, אין יידיש און אין העברעיִש, אין וואָכעדיקן און אין רעליגיעזן לעבן, אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן און וואָס האָט אונדז דערהאַלטן — דאָס אַלץ איז איין אָרגאַנישע גאַנצקייט. און דער וואָס קלייבט זיך אויס נאָר איין חלק פון דעם סכום, דער צעהאַקט די גאַנצע, אָרגאַנישע יידישקייט. אַן אָרגאַניזם וואָס מען צעשניידט אים קען ניט לעבן מער.

און דער צווייטער יסוד פון אַן אַלגעמיין־יידישער פּעדאַגאָגיק וועט זיין, אַז די דערציִונג דאַרף אַנטוויקלען ביי די קינדער אַ באַשטימטן שטאָלץ פון זיין אַ ייד. ליבע צו יידישקייט און שטאָלץ מיט איר. דער דערצויגענער ייד דאַרף פילן אין זיין יידישקייט עטוואָס אַ געפיל פון העכערקייט, צופרידנקייט מיט זיין יידישקייט... אַזאַ שטאָלץ האָט פאַרמאָגט דער פּשוטער ייד פון

שטעטל. דאָס געפיל האָט אים אַ סך געהאָלפן אין זיין שווערן לעבן. עס איז
אַ געמיינער בילבול אויסגעטראַכט אויף יידן, אַז זיי — וואָס? „מה יפית־זינ־
גער”, זיך געבויגן אין דרייען, ווי שאָף צו דער שחיטה... און נאָך און נאָך
אַזוינע בילבולים האָט מען אויסגעטראַכט אויף די יידן. אין דער אמתן איז
דער ייד געווען ביי זיך זיכער אין דער אייגענער העכערקייט. איז זיין אַ
„שגץ” — אַ גוייש יינגל געווען גאָר אַ חרפה, איז אַ גוישער נאָמען געווען
אַ דערנידערונג, „אַ יורקע, אַ פעטרוק”... אָט דאָס געפיל פון שטאָלץ האָט
געגעבן מוט און כוח צו לעבן, זיך האַלטן, אויסטראָגן צרות און מהומות,
און ניט פאַרלירן דעם אייגענעם כבוד צו זיך אַליין — דאָס האָט געגעבן
כוח צו לעבן און אַריבערטראָגן אַלע צרות און סאַדיזמען פון אַלע „באַלעבאַ־
טים־פעלקער”. עס איז פאַראַן אַן אויסדרוק פון „יסורים של אהבה”, „חביבין
יסורים” — עס איז גאָר ליב צו טראָגן די יסורים פאַר דעם וואָס מען האָט
ליב. און דאָס האָט בפירוש געגעבן כוח צו לעבן און צו ליידן ווען עס קומען
צרות. עס קומט אַרויס פאַרקערט ווי מען האָט עס געהאַט ביי אונדז אָנגענו־
מען: דער טראַדיציאָנעלער גלות־ייד איז געווען אין זיך אַ שטאָלצער מענטש.
ער האָט געמאַכט די ברכה „שלא עשני גוי” מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט גע־
קוקט אויף דעם פויער פון אויבן אַראָפ, נעבעך אַן עם הדומה... האָבן יינגלעך
אַ מאָל יאָ זיך געשפילט מיט אַ „שגץ”, האָבן זיי אויף אים רחמנות געהאַט,
וואָס ער ווייס ניט קיין טעם פון יידישקייט, און וועט, נעבעך, גיין אין גיהנום
אַריין. האָבן יידן, אונטערטעניקע אונטער די פריצים, געקוקט אויף זיי מיט
ביטול, אויף זייער צעלאָזנקייט און הפקרות. נאָך אין גמרא האָט רבי עקיבא
געקאָנט לאַכן פון רוים מיט אירע גבורות, ווייל סוף כל סוף איז זי דאָך
נאָר פון די „עוברי רצונו” מ׳שטיינס געזאָגט... און אויב זיי האָבן הצלחה,
טאָ וויפל וועלן שוין האָבן די עושי רצונו של מקום! דער גלויבן אין יידיש־
קייט האָט געגעבן מוט און כוח און פעסטקייט, און שטאָלץ.

האָט דער אויסגעמאַטערטער גלות־ייד געקאָנט מיט אמתער אינווויי־
ניקסטער שטאָלץ מבטל זיין די גאַנצע גוישע וועלט מיט אירע גליקן, מיט
איר עולם הזה, מיט אַלץ, וואָס עס איז ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. אַז
„אוי וויי, אַ קלאָג צו זיי / אַ בלינדן גאָט האָבן זיי”...

און די משכילים וואָס האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף די גלות־
יידן — זיי אַליין זיינען געווען די קליינע שיפלותדיקע מענטשן, וואָס האָבן
מיט בעטלערישער הכנעה געקוקט אויף אַ גוי און זיך געבעטן מען זאָל

זיי באַוויליקן אַ חסד און אַריינגעמען אין דער געזעלשאַפט. געגוג דאָס אַרויס־צוזען פון זייערע אייגענע שריפטן.

און מיט וואָס פאַר גליקזעליקייט די הײַנטיקע יורשים פון די משכילים טוען דאָס זעלביקע כדי צו געניסן אַ שמייכל, אפילו אַ באַצאָלטן, פון אַ גרויסן גוי, צו הערן פון אַזאַ איינעם כאָטש אַ גוט וואָרט, מען זאָל עס קענען צעפּויקן אין אַלע צייטונגען: „אַהאַ, זעט נאָר, ווער עס קושט מיך — דער בעל הבית אַליין״ — (א. שטיינבאַרג)...

אַ פאַרקערטע וועלט: קנעכטשאַפט אין פרײַהייט און פרײַהייט אין קנעכטשאַפט. גלייבן דאָך נאָך ביז הײַנט אַמעריקאַנער יידן, אַז זיי זײַנען פרײַ נאָכצוטאָן אַלעמען און אײַנצורעדן זיך אַז זיי זײַנען ניט דאָס וואָס זיי זײַנען...

און אונדזערע הײַנטיקע „דערציִונגען״ האָבן זייער ווייניק פון דעם געפיל פון שטאָלצער יידישקייט, פון יידישער העכערקייט. אין אַלע טיפן שולן פעלט עס, אָן דעם איז ביי יונגע דערצויגענע יידן פאַראַן אַ געפיל אַז „אונדז יידן פעלט עפּעס כדי צו זיין אמתע מענטשן״. עס איז אין דער עצם פּראָגראַם פון די שולן. און דאָס מאַכט שווער צו לעבן. עס קען דערגיין גאָר ווײַט אָט דאָס געפיל. עס העלפט ניט וואָס לערער פּראָפּאַגאַנדירן „נאַציאָנאַלן שטאָלץ״. ניט מיט פּראָפּאַגאַנדע פלאַנצט מען אַזאַ געפיל. אפילו אין דער אייגענער מדינה קוקט די יוגנט צו אַנדערע פעלקער אויף אַרויף: זיי שטייען העכער, כלו־מרשט. און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט גייט מען אַריבער צו יענע פעלקער. איך ווייס, אַז איך פרעדיק דאָ אַ זאַך וואָס איז פון דער השכלה אָן אַנערקענט פאַר דער גרעסטער עבירה. איך מיין טאַקע, אַז די יידישע דערציִונג דאַרף אַנט־וויקלען אין די תלמידים אַ מין „אתה בחרתנו״, וואָס אַלע משכילים און זייערע נאָכפאָלגער ווערן פון דעם פאַרציטערט. און דער „אַנטי־אתה בחרתנו״ — ער באַווייזט ווי שפּלדיק מען פילט זיך. אָט אַזאַ שטאָלץ־געפיל איז נויטיק שוין צוליב דעם גייסטיקן געזונט פון די דורות.

עס איז בײַ דער יידישער טראַדיציע ניט געווען קיין מאָל אָנגענומען אַרויסצוברענגען די אידעען אין פאָרעם פון טראַקטאַטן, פון פילאָסאָפישע סיס־טעמען. האָבן מיר ניט קיינע פאָרמולירטע פעדאַגאָגישע פּרינציפּן. זיי האָבן אַנשטאָט ווערבאַלע פאָרמולירונגען, גלייך באַמיט זיך צו פאַרוואַנדלען זייערע אידעען אין מעשים, אין פירונגען צום טאָן, אין „הלכה״. מיר דאַרפן טאַקע אַזוי קוקן אויף די הלכות ווי אויף „אידעען אויסגעדריקט אין מעשים״. יענער צדוקי וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון די יידן וואָס ביי זיי איז דער „נעשה פריער

פאַרן נשמע״ (ביים באַרג סיני האָבן אַזוי די יידן געענטפערט משהן), איז מסתמא געווען אָנגעלייענט מיט גריכישער פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך צופרידן געשטעלט מיט אידעען פאָרמולירט אין ווערטער, אין שיינע זאַצן. ביי יידן איז דער נעשה טאַקע פריער, די מעשים, די פירונגען זיינען וויכטיקער פון דער פאָרמולירטער טעאָריע. עס איז אָבער גענוג זיך צו פאַרטיפן אין די פאָרמען פון דער טראַדיציאָנעלער דערציִונג, כדי צו זען אַז ביי זיי איז געווען אַ גאַנצע, אַ קלאָרע פילאָסאָפיע פון דערציִונג. זי האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט שפּעטער אין משך פון דורות און יאָרהונדערטער.

אפילו דער גייסטיקער גיגאַנט, דער אויבערמענטש — דער פילאָסאָף צווישן די גרויסע פילאָסאָפן, דער דאָקטאָר איבער אַלע דאָקטוירים — דער רמב״ם האָט די פּרינציפּן פון דערציִונג פאָרמולירט ניט אין קיין פילאָסאָפישן טראַקטאַט, נאָר אין „הלכות תלמוד תורה״ (אין ״יד החזקה״).

היינט אָבער, אין אונדזערע צייטן זיינען מיר אַזוי צעשאָטן און צעקריגט, אַן אמתער דור הפלגה, אַז אפילו אין דער אייגענער מדינה האָט מען ניט געקאָנט איינפירן קיין איינהייטלעכן דרך, אין היינטיקע צייטן וואָלט מען אויך דעם רמב״ם ניט געפאָלגט. די גאַנצע וועלט ליידט איצט פון אַ שרעקלעכן קריזיס אין דערציִונג, אַלע פעלקער זיינען צעפלאָנטערט אויף דעם געביט, און מיר — מער פון אַלע אַנדערע.

אָבער אַז מן גייט אין אַ לאַבערינט ווו מען קען גרינג פאַרבלאָנדזשן און ניט געפינען קיין וועג, איז גוט צו האָבן אַ שנור אָנגעצויגן פון אַריינגאַנג אָן, און אָט דער שנור קען ווייזן דעם ריכטיקן וועג.

קורצער היסטאָרישער איבערזיכט

אונדזער אָרגאַניזירטע שול־סיסטעם הייבט זיך אָן נאָך פאַרן גלות, פאַר קריסטוסן, ווען די היינטיקע אייראָפּעִישע קולטור־פעלקער זיינען נאָך מסתמא געווען הייל־מענטשן אָדער געקראָכן אויף דיביימער ווי מאַלפּעס. פאַראַן אפילו אַ מיינונג אַז די סיסטעם אונדזערע איז שוין דעמאָלט געווען אַלט אַ פּאָר הונדערט יאָר. מיר זיינען שוין געווען אַ פאָלק, אַ געניטס אין גלותן און אין גאולות, מיר האָבן שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג מיט דער קולטור פון פעלקער, אַנגעליטן זיך גענוג, שוין דעמאָלט איז געווען דאָס באַוווסטזיין, אַז אַ דאַנק גאָט, וואָס „לא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם״,

מען איז שוין דעמאָלט געווען אַ „שארית ישראל" — אַ רעשטל פון אַ פאָלק, וואָס זיין מערהייט איז שוין לאַנג געווען פאַרלאָרן אין אַסימילאַציע (די צען שבטים!) שוין דעמאָלט געווען צעריסן, צעקריגט לויט אַלערליי טעאָריעס. שוין דעמאָלט איז געווען באַרעכטיקט אַזאַ מין אומעטיקע תפילה: „דער שומר ישראל זאָל אײַנהיטן דעם שארית ישראל" — זאָל כאָטש אָט דאָס רעשטל בלייבן. און שוין דעמאָלט איז עס געווען קלאָר פאַר זיי, אַז „אלה ברכב, ואלה בסוסים — ווער עס פאַרלאָזט זיך אויף פערד און אויף געווער, טאָקע פון פייל און בויגנס ביז צו אַטאָם־באָמבעס, אָבער מיר קענען האָבן אַ קיום נאָר „ואנחנו בשם אלוהינו" — נאָר מיט דער געטלעכקייט אין אייגענעם אויפפיר און לעבן. שוין דעמאָלט איז די מערהייט פון פאָלק געווען צעשאָטן אין די גלותן, ווײַל אין דער אייגענער היים האָט מען זיך איינער דעם צווייטן געגעסן מחמת „שינאת חינם". דאָרטן זײַנען אויך געווען צוויי הויפּט־ריכטונגען איינע איז געגאַנגען מיט דעם אַלגעמיינעם וועג, אַז דער קיום פון פאָלק הענגט אָפּ פון כוח זיך צו שלאָגן, צו קעמפן. פאָלק און לאַנד זײַנען איינס, און דערפאַר איז קעמפן און שלאָגן זיך פאַר דעם לאַנד, איינעמען נייע לענדער, וואָס מער לאַנד אַלץ מער כוח, אַלץ זיכערער איז דער קיום פון פאָלק.

די צווייטע ריכטונג האָט פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען אויף דער שטאַרקייט פון לאַנד, אַז זי וועט קענען אײַנהיטן דעם קיום פון פאָלק. האָט עס נאָך געזאָגט איינער פון די לעצטע נביאים, אַז „לא בחייל ולא בכוח כי אם ברוחי" (זכריה). אייגנטלעך האָט עס נאָך ירמיהו געלערנט פאַרן ערשטן חורבן, אַז מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם לאַנד, אויף דער הייליקייט פון לאַנד, און מען קען דעם קיום פון פאָלק איינהיטן אין גלות אפשר בעסער ווי אין דעם אייגענעם לאַנד... מיר זײַנען שוין געווען דעמאָלט אַ פאָלק מיט אַ סך דערפאַרונגען. מענטשן פון דער ריכטונג האָבן שוין דעמאָלט קלאָר געוווּסט, אַז די חשמונאים האָבן טאָקע געראַטעוועט דאָס פאָלק פון אַסימילאַציע אין העלעניזם, אָבער זייערע אייניקלעך — די נייע אַריסטאָקראַטיע — פירן דאָס לאַנד צום חורבן מיט זייער אַסימילאַציע, מיט זייערע מלחמות און מיט זייער מאַכט־פּאָליטיק.

האָט די ריכטונג — די פרושישע — גענומען זוכן אײַנצוהיטן דעם קיום פון פאָלק דורך דעם אייגענעם גייסטיקן לעבן, מיט דער שטרענגער פאַרזיכיקייט און אָפּגעזונדערטקייט, אפילו ווען מען איז אין גלות, אויטאָנאָם לעבן, אפילו ווען מען איז אונטערטעניק אַ פרעמדער ניט־יידישער מאַכט. עס איז געווען

אַ מין אידעע וועגן מלוכה אָן אַ מלוכה. דער גאַנצער זינען פון דער מלוכה איז דאָך אָט דאָס „שומר ישראל שמור שארית ישראל״ — איַנהיטן דעם קיום פאָלק. וואָס הייסט קיום? — דאָס איז דאָך די אייגענע אַנדערשקייט, דער פאַרזיכיקער שטייגער אין לעבן און אין דענקען. אָבער אַז די אייגענע מדינה טוט עס ניט, נאָר זי פאַרגיסט ימים בלוט אין מלחמות אינעווייניק און מיט פרעמדע, און פון אַסימילאַציע היט זי אויך ניט, זיינען יידן ביסלעכווייז אַליין אַוועק אין גלות, אַבי נאָר מען קען דאָרטן איַנהיטן דעם אייגענעם פאַרזיכיקן קיום. איז אפשר בבל חשובער ווי ירושלים. אָט די קאָנקורענץ שפיגלט זיך טאַקע אָפּ אין אַ גאַנצער ריי ערטער אין תלמוד: ווער עס האַלט אַז בבל איז גאַרישקייט מיט נאַרישקייט און ווער עס האַלט אַז בבל איז וויכטיקער ווי ארץ ישראל, וויַל דאָרטן שמידט זיך די תורה — די יידישקייט. יאָרהונדערטער האָט זיך געצויגן די דיסקוסיע, און ארץ ישראל איז געבליבן ביי איר יחוס און די יידישקייט (אָדער תורה. עס איז דאָס זעלביקע) האָט זיך געשמידט אין בבל, אין גלות*), די גאָלדענע קייט פון יידישע קולטור־געשיכטע האָט זיך געצויגן דורך בבל, דורך די גלותן.

אַזאַ אידעאָלאָגיע, אַ גלויבן, אַ פאָלק זאָל קענען לעבן און איַנהאַלטן זיַן אייגנאַרטיקע קולטור אויך אין דער פרעמד, אויך אין גלות — איז געווען דעמאָלט אַ נייעס, און איז איצט אויך גאָרניט פּאָפּולער. איך גלייב אפילו, אַז ווען די „בבליסטן״ וואָלטן געווען היינט, קען זיַן אַז זיי וואָלטן אויך געדענקט אַנדערש. וויכטיק איז דאָ צו זאָגן, אַז אין אונדזער ביזאיצטיקער געשיכטע האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגעהאַלטן זיַן פאָלקישן קיום איבערהויפּט אין די גלותן, ווו אונדזער פאָלק האָט אָפּגעלעבט די גרעסערע צאָל יאָרן. אין גלות בבל האָט געלעבט און געשאַפן לענגער ווי די צוויי פעריאָדן פון אַן אייגענער מדינה. און דאָס לעבן פון אַ פאָלק ווי פון אַן אָרגאַנישן איבער־אָרגאַניזם באַשטייט אין דער „קולטור־צירקולאַציע״ (פון לעבן אין שריפטן און פון זיי צוריק אין לעבן) האָט עס בבל איַנגעשטעלט לויט די פּרינציפּן וואָס זיי האָבן איַנגעשטעלט אין לעבן און ניט פאָרמולירט אין ווערטער:

---

*) וועגן דער דיסקוסיע קען מען נאָכזען למשל:
ישראליסטן — מגילה י״ד א׳; תענית י׳ א׳; בבא מציעא פ״ה א׳; כתובות קי״א קי״ב; פסחים ל״ד ב׳; ערכין י׳ ב׳; סנהדרין כ״ד א׳; עבודה זרה ח׳ א׳.
בבליסטן (גלותיסטן בכלל): מגילה כ״ח—כ״ט א׳; תענית כ״ו ב׳; סוכה ב״א; קדושין ע״א א׳, ע״ב א׳; כתובות קי״א א׳, י״ב; ע׳; ספרי בהעלותך, פ״ד, איכה רבתי פתיחתא כ״ה; און עס איז דערגאַנגען ביז צוזאָגן: „כי מבבל תצא תורה ודבר ה׳ מנהר פקוד״ (אין ירושלמי, נדרים ה״ח).

א. — פון לעבן, פון שטייגער, פון דער תורה שבבעל פה, אין אויסגעפּור־רעמטע הלכות — דינים און געזעצן ווי צו לעבן — תורה שבכתב. און די צוריק אין שטייגער לעבן.

ב. — יידישקייט מוז זײַן אָריגינעל, ניט נאָכגעמאַכט, ניט איבערגע־נומען פון אַנדערע. אַל דאָס פרעמדע איז שלעכט (דרכי האמורי). דאָס וואָס מען קען אין געגעבענער צײַט ניט אויסקומען אָן דעם, מוז ווערן אַסימילירט אין יידישקייט, און ניט פאַרקערט, די יידישקייט אין דעם פרעמדן.

ג. — כדי אַלץ זאָל זײַן געבויט פון אייגנס, דאַרף יעדער נײַעס זײַן געבויט פון אַלטן. יעדער נײַע תורה דאַרף האָבן אַן אָפּשטאַם אין יידישקייט (בית אב).

אין אָט דער קולטור־צירקולאַציע איז דאָס לעבן פון פאָלק, און איט־לעכער ייד דאַרף נעמען אַן אַנטייל אין דעם קאָלעקטיוון פּראָצעס.

ד. — דאָס איז געווען דער פּרינציפּ פון תלמוד תורה, וואָס האָט מחייב געווען אַלע יידן. און די גאַנצע דערציִונג איז געווען געבויט צוצוגרייטן די דורות צו דעם פּראָצעס פון תלמוד תורה. „לגדל בנים לתלמוד תורה״ איז די פאָרמול פון דער יידישער דערציִונג־טראַדיציע. די פאָרמול איז קיין מאָל ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם נוסח, אָבער זי האָט געהערשט אין דער גאַנצער דערציִערישער פּראַקטיק. מען האָט געשטעלט דאָס פּראַקטישע לעבן העכער פון אַלע שיינע שריפטן, די שמידער פון דער הלכה — די חכמים — האָט מען געשטעלט העכער פון די נביאים (חכם עדיף מנביא, ניטלה נבואה מנביאים וניתנה לחכמים; אין זה אלא דברי נבואות — סתם רייד... בבא בתרא י״ב א׳) און די הלכה — די אָרגאַניזאַציע פון איינהײַטלעכן יידישן שטייגער איז העכער פון אַלע אַנדערע שריפטן. און די דערציִונג גרייט עס מענטשן צו דער הלכה־שעפערישקייט — ד״ה איינהײַטלעכער (אומעטומיקער), פאַרזיכיקער (ניט אָפּגעלערנט פון אַנדערע פעלקער) און געבויט פון טראַדיציעס („מן התורה מנין?״). זיי האָבן יאָ געוווסט פון די „סבי דבי אתונא״ (די גריכישע פילאָ־סאָפן), זיי האָבן אפילו געהאַט פאַר זיי דרך ארץ, זיי האָבן אויך געוווסט וועגן חכמת יוון, און אפילו געפירט מיט זיי צו מאָל דיסקוסיעס (פסחים צ״ד ב׳; ראש השנה י״ב א׳). אָבער דער עיקר ציל פון יידישן לערנען איז די הלכה. אין אַ קורצן זאַץ ווערט די אידעע אַרויסגעזאָגט אָן דערקלערונגען, אַז פון דעם חורבן אָן האָט דער יידישער גאָט (די יידישקייט) אַן אָנהאַלט נאָר אין דער הלכה (מיום שחרב בית המקדש אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא ד׳

אמות של הלכה בלבד). אָן אָרט ווו עס שאַפט זיך הלכה איז ליבער פאַר דעם יידישן גאָט ווי אַלע שולן און בתי מדרשים (ברכות ח׳ א׳).

איז אַזוי געגאַנגען דער שטראָם פון יידישקייט: דער יידישער שטייגער, אין זיין אָריגינעלער, ניט נאָכגעמאַכטער פאָרעם, מיט זיין טראַדיציאָנעלער שפּראַך, וואָס איז אויך נאָר פון יידן געניצט צו גלייך מיט דעם גאַנצן שטייגער, אָפּרייניקן דעם שטייגער פון אַלץ וואָס עס האָט ניט קיין „בית אב“, אַלץ וואָס שטאַמט ניט פון טראַדיציע, וואָס איז ניט „למשה מסיני“ (דאָס מיינט — אַלטע טראַדיציע!) און אָט דעם ריינעם ניט נאָכגעמאַכטן יידיש־שטייגער (אָדער ווי זיי האָבן דאָס דעמאָלט גערופן — די תורה שבעל פה), פאַרבינדן מיט דער תורה וואָס איז פאַרשריבן פון דער פריערדיקער תקופה, מיט דער תורה שבכתב, און אָט דאָס פאַרפיקסירן ווי אַן אַלגעמיין־יידישן כלל, דין פאַר אַלע יידן, אומעטום ווו זיי געפינען זיך.

בכן איז די פילאָסאָפיע פון יידנטום געווען אַזאַ: דער קיום פון יידישן פאָלק איז אין גאַנצן פאַרבונדן מיט דער הלכה, ד״ה מיט דעם פיקסירטן איינהייטלעכן שטייגער. די הלכה דאַרף און מוז פאַרבונדן ווערן מיט די שריפטן און לערנונגען פון דער פריערדיקער תקופה, עס זאָל זיין אַ המשך פון קולטור, עס זאָל גאַנץ זיין דער פּראָצעס וואָס מיר האָבן אָנגערופן „קולטור־צירקו־לאַציע“. די דערציִונג דאַרף זיין געווענדעט צו דעם, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל קענען נעמען אָנטייל אין אָט דער קולטור־צירקולאַציע און עס זאָלן תמיד זיין געניג אויטאָריטעטן פעסטצושטעלן די כסדרדיקע ענדערונגען אין דער הלכה לויט די באַדינגונגען פון לעבן אין יעדן אָרט און אין יעדער צייט.

לערנען האָט פאַר דעם ציל ניט דאָס וויסן וואָס עס איז געזאָגט אָדער פאַרשריבן געוואָרן, נאָר דער ציל איז צו קענען אַליין ווייטער און ווייטער שאַפן נייע הלכות און נייע צופּאַסונגען — צופּאַסן נאָרמען צום לעבן און צו־פּאַסן דאָס לעבן צו די נאָרמען.

דאָס האָט געפירט צו נאָך איין פּרינציפּ, אַז די שריפטן, די תורה שב־כתב איז ניט קיין פיקסירטע הייליקטום, וואָס מוז בלייבן אומבאַריִרט, ניט גע־ענדערט אַ וואָרט, נייערט, פאַרקערט, זיינען די שריפטן געגליכן צו געוויקסן, וואָס פאַרמערן זיך און וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. און עס איז אָפט וויכטיקער דאָס ניי־פעסטגעשטעלטע פון די אַלטע שריפטן, וואָס מען דאַרף אָפּשניידן און זיך מער פאַרנעמען מיט דער יידישקייט פון איצטיקער תקופה.

עס איז וויכטיקער די הלכה למשה מסיני ווי דער דירעקטער סיני. און ווייל אַזוי, טאָר גאָר ניט זיין אַ בית מדרש אָן חידושים, אָן נייע אויפטוען.

די גאַנצע „קאָנקורענץ״ צווישן דער תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה, פאַרנעמט אין תלמוד גאָר אַ סך אָרט, עס איז אין גאַנצן אוממעגלעך צו געבן אַ מראה מקומות. גענוג צו זאָגן אַז גאַנצע פּאַרטייען האָבן זיך געשאָפן אַרום דער פראַגע. פריער זײַנען דאָס געווען די צדוקים, שפּעטער זײַנען דאָס געווען די קאַראַימער. אָבער יידישקייט, ריכטיקער — דער שטראָם פון יידישקייט איז געגאַנגען מיט דער ריכטונג וואָס האָט אַרויסגעהויבן די יידישקייט פון דער אַקטועלער צייט, דאָס איז די ריכטונג פון די פרושים, וואָ אויב עס איז דאָ אַ יידיש פאָלק, איז עס זייער אויפטו, דער אויפטו פון זייער אידעאָלאָגיע און זייער וועג אין יידישקייט.

קיינער, אפילו משה, קען ניט באַשאַפן עפּעס אַ נײַע, אַן אויסגעטראַכטע תורה, אַ נײַע יידישקייט. די וועלט איז ניט קיין קדמון, אָבער די תורה איז יאָ אַ קדמון, אירע געזעצן זיינען די אייביקייט אַליין, גאָט שאַפט די וועלט לויט די פאָרשריפטן פון דער תורה, ער קוקט אין דער תורה און שאַפט לויט אירע פאָרשריפטן און אירע געזעצן. אָבער די תורה מוז זײַן לעבעדיק און אַקטועל אין יעדער צײַט, דאַרף תמיד דאָס נײַע האָבן וואָרצלען אין דעם עלטערן, אין דעם פריערדיקן. איז זייער לערנען געווען, ווי געזאָגט, ניט כדי צו וויסן, עס איז געווען ניט לימוד, נאָר תלמוד תורה — עס האָט בײַ זיי געמיינט אַרײַנלערנען דאָס נײַע אין דעם אַלטן און אַרויסלערנען פון דעם אַלטן דאָס נײַע. און דאָס איז דער המשך, דער קיום פון פאָלק, דער איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה. און דער פּראָצעס פון תלמוד תורה — די גאַנצקייט און איינהייט פון יידישקייט דורך אַלע ענדערונגען אין לעבן, אין סביבות, אין באַדינגונגען, דאָס איז געווען בײַ זיי די וויכטיקסטע מצווה, דער אינהאַלט און דער ציל פון לעבן, וויכטיקער פון אַלע מצוות — „כנגד כולם״. און די טעקסטן צום שפּעטערישן לערנען איז וויכטיקער צו נעמען פון דער נאָענטסטער צײַט, וואָס נענטער אַלץ וויכטיקער, אַלץ גרעסער די מצווה. צו לערנען די געשריבענע תורות פון דער פריערדיקער תקופה איז טאַקע אויך גוט, אָבער עס איז ווי טרינקען וואַסער אַנטקעגן גוטן געצוקערטן ווײַן (אַ גמרא), אָדער ווי עסן טרוקענע קערנער פון ווייץ אַנטקעגן גוטן לעקעך, וואָס איז אויך טאַקע געמאַכט פון ווייץ, אָבער שטאַרק איבערגעאַרבעט. אַזוי איז אויך מיט לערנען תורה: די איבערגעמאָלענע, געזיפּטע, געקנאָטענע און געבאַקטע תורה איז וויכטיקער ווי די בלויז געשריבענע, וואָס איז געגליכן צו די רויע ווייץ (לויט אַ זוהר). און אין דעם פאַרנעמען זיך מיט תורה (זיך עוסק זײַן אין דער תורה) איז דער שימוש (אַנווענדונג) וויכטיקער ווי דאָס לערנען גופא.

צו דעם ציל איז געווענדט געווען די גאַנצע סיסטעם פון דערציִונג: די ערשטע מדרגה — תינוקות של בית רבן — שול־קינדער. תלמידים — וואָס לערנען אַליין אין ישיבות און נעמען אָנטייל אין פּראָצעס פון שאַפן תורה, אין די דיסקוסיעס, אין דעם באַאַרבעטן די טעקסטן און צופּאַסן זיי צו די אַקטועלע באַדערפעלישן און סיטואַציעס. נאָך אַ העכערע מדרגה — תלמידי חכמים און די העכסטע — חכמים, וואָס מוזן זײַן דיפּלאָמירט דורך דעם פּראָצעס פון סמיכה. זיי זײַנען די אויטאָריטעטן, זיי שאַפן אַליין, זיי זײַנען באַרעכטיקט צו שאַפן און דיקטירן געזעצן און נאָרמען. אַזוי האָבן זיי געשאַפן

די בריק צווישן תקופות

אין דער אמתן איז מיטן אונטערגאַנג פון דער יידישער מדינה, מיטן גלות בבל, מיט דער שפּעטערדיקער פּערסישער תקופה אין יהודה גופא פאָרגעקומען גאָר אַ גרויסע ענדערונג אין יידישקייט. עס האָט זייער גרינג געקאָנט זיך ענדיקן דאָס פאָלק ישראל מיט דעם גלות בבל, ווי עס האָט זיך געענדיקט די געשיכטע פון דעם פאָלק שומרון נאָך איר חורבן, ווי עס קומט פאָר נאָרמאַל ביי פעלקער וואָס פאַרלירן זייערע מדינות. עס האָט אויך געקאָנט זיין אַן אויפקום פון עפּעס אַ נײַ פאָלק אַנשטאָט דעם פריערדיקן פאָלק יהודה, אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו דעם פריערדיקן. געענדיקט איין תקופה איז געענדיקט אויך דאָס פאָלק. אויב דאָס איז ניט פאָרגעקומען, איז עס נאָר אַ דאַנק די פרושים און זייער פילאָסאָפיע.

ניט די צדוקים וואָס האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק אָן דער תורה שבכתב, נאָר דווקא די פרושים וואָס האָבן געשטעלט זייערע לערנונגען פריער, דווקא זיי האָבן דאָס אײַנגעהיט די שריפט־תורה.

דאָס איז געווען ביי זיי אַ רעוואָלט, אָבער אַ רעוואָלט מחמת ליבע און געטרײַקייט. ווען מיר אין קורצן אָנמערקען די ענדערונגען. אין דער תנ״ך־תקופה איז אין די באַגריפן פון פאָלק דער הויפּטפאַקטאָר געווען גאָט, דאָס גליק און אומגליק איז געווען נוגע דעם גאַנצן פאָלק, קיין פּריוואַטע פּראָבלעמען האָט מען ווי ניט באַמערקט, און דאָס אַלגעמיינע גליק אָדער אומגליק איז געווען ביי זיי פאַרבונדן מיט דעם לאַנד. דאָס פאָלק צווישן זיך איז געווען צעטיילט אויף שבטים. דאָס ערשטע אָרט צווישן די שבטים פאַרנעמט דער כוהן, לוי מיט דעם בית המקדש, ווי די הויפּט־הייליקייט. עס איז דאָ דער

אינסטיטוט פון די נביאים, זייער מונדלעכע און שריפטלעכע לערנונגען און דער קיניג פירט דאָס פאָלק. גאָט דינט מען מיט קרבנות. די גאַנצע צייט איז דאָ די פּראָבלעם פון אייגענעם גאָט אָדער אַנדערע געטער.

אין דער תלמודישער צײַט זײַנען שוין מער ניטאָ קיין שבטים, נאָר דאָס פאָלק אין זיין גאַנצקייט, אַנשטאָט די נביאים, קומען די חכמים, הגם קרבנות בלייבן, איז אָבער דער עיקר תלמוד תורה. דער בית המקדש טרעט אָפּ זײַן אָרט ביסלעכוויז פאַר די לערן־הייזער — בית־מדרש און בית כנסת, יעדער טיש איז אַ מין מזבח, און יעדער יידישע היים איז במקום בית המקדש. גאָט אַליין טרעט אָפּ זיין צענטראַל אָרט פאַר דער תורה. די ליטעראַטור פון תנ״ך ווערט ווי אָפּגעהאַקט. נאָר אַ טייל ספרים ווערן אָנגענומען פון פאָלק נאָך אַ שטאַרקן אָפּקלייב, דערפאַר הייבט זיך אָן צו שאַפן גאָר אַן אַנדער מין ליטעראַטור — פון פאָלקס מויל און פון זיין שטייגער, פירונג. אויך ארץ ישראל קריגט אַ קאָנקורענט אין בבל, ווו יידן לעבן אַן אויטאָנאָם, פּאַרזיכיק לעבן און אויב דאָרטן איז דער פּראָצעס פון תורה־שאַפן שטאַרקער, קען אפילו פאַררעכנט ווערן פאַר אַן עבירה דאָס גיין פון בבל קיין ארץ ישראל (כתובות קי׳, קיא׳, ברכות כד׳, שבת מא׳). ווי דער טרעגער פון יידישקייט ווערט אַלץ מער און מער אַרויסגערוקט דער יחיד. אין דער תנ״ך־תקופה איז דער יחיד ניט קענטיק. אין דער תלמודישער תקופה ווערט יעדער יחיד אַ טרעגער פון יידישקייט, ער טראָגט די אחריות פאַרן פאָלקס קיום. פריער איז דער יחיד געווען איין ברעקל פון דעם גאַנצן פאָלק, איצט איז דאָס פאָלק אַ קאָלעקטיוו פון יחידים וואָס יעדער איז באַלאָדן מיט יידישקייט. יעדער יחיד דאַרף טראָגן יידישקייט. דערפאַר איז פאַראַן דער גלויבן אין „השגחה פרטית״, דערפאַר רעכנט זיך דער יידישער גאָט מיט יעדער יחיד באַזונדער. פריער איז יעדער יחיד געווען אַן איינס פון דעם גאַנצן סכום. איצט איז דער אַלגעמיינער סכום נאָר דער סכום פון איינסן. און דער קיום פון יעדער יידן איז גלײַך ווי דער קיום פון דער גאַנצער וועלט (עולם מלא). ניטאָ מער קיין צוואַנג־מאַכט וואָס זאָל פאַרפליכטן די יחידים צו היטן יידישקייט, יעדער יחיד פאַר זיך טראָגט די פולע אחריות פאַר קיום פון גאַנצן פאָלק. דערפאַר איז אויפגעקומען די גאַנץ קאָמפּליצירטע סיסטעם פון „שכר ועונש״. פריער איז משיח־באַגריף געווען געווענדט צום קיניג, ער איז דער משיח. איצט איז „משיח״ געוואָרן אַ סימבאָל פון אַ הימלשן שליח, וואָס דאַרף קומען ווען דאָס פאָלק, אַלע יחידים פון פאָלק וועלן עס פאַרדינען. גאָט אַליין ליידט צרות און האַרצווייטאָג מחמת דעם גלות פון זײַנע קינדער, אָבער ער קען ניט ענדערן, ווײַל די וועלט פירט זיך

לויט באַשטימטע געטלעכע געזעצן, וואָס זײַנען „גזרות" — געזעצן וואָס גאָט אַליין קען ניט ענדערן. בכלל ווערט דער גאָט־באַגריף אַליין אויך מילדער. פון אַ „זעלבסטהערשער", ווערט ער אַן „אויספירער" פון זיינע אייגענע געטלעכע געזעצן און ער איז מער חבר ווי האַר, מער פרײַנד ווי הערשער; מער „אבינו שבשמים", און „טאַטע האַרציקער", איידער אל קנא ונוקם.

אַזוי ווײַט איז געגאַנגען דער „רעוואָלט", די ענדערונג אין יידישקייט. דאַכט זיך גאָר אַן אַנדער באַגריפן־וועלט, און דאָך איז עס ניט געווען קיין איבערברוך, נאָר ווי אַן אָרגאַנישער המשך, פאַרקניפּט און געבונדן מיט דער יידישקייט, מיט דער תורה פון דער פריערדיקער תקופה, מיט דעם תנ"ך. ניט איבערגעריסן איז די קייט! אַזוי איז אין באַוווסטזײַן פון פאָלק אויף אייביק געבליבן די פאַרשטעלונג און גלויבן, אַז די גאַנצע נײַע, אַזוי שטאַרק געענדערטע יידישקייט, די תורה שבעל פה, איז פאַראויסגעזען לכתחילה, איז געגעבן געוואָרן צו משהן אויפן באַרג סיני צו גלײַך מיט דער תורה שבכתב —ביידע זײַנען גלייך געטלעך — די פאַרשריבענע, לאַנג אויסגעפורעמטע און פיקסירטע תורה שבכתב און די פאָלקישע פירונגען און מינהגים, גלויבונגען און זאָגעכצן אין זייער שפּראַכלעכן אָריגינאַל, אויב נאָר זיי זײַנען ניט איבער־גענומען פון דער פרעמד, אויב זיי זײַנען אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן און אַנט־וויקלט אין יידישקייט, אויב זיי זײַנען „הלכה למשה מסיני" — אַן אַנטוויקלונג אין יידישקייט גופא. עס קען זײַן עפּעס וואָס משה אַליין וואָלט עס ניט פאַר־שטאַנען אפילו, אָבער אויב עס איז אַ הלכה למשה איז שוין גוט (פאַראַן אַזאַ לעגענדע אין תלמוד, מנחות כט׳ ב׳). מען מעג מיט פולן רעכט אָנרופן די גאַנצע ענדערונג פאָלקיסטישע. דאָס אָרגאַניש־פאָלקישע, אָריגינעל־פאָלקישע איז געטלעך.

די גרופּעס פון יידישן פאָלק וואָס האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די פאָל־קיסטישע יידישקייט און האָבן זיך געוואָלט האַלטן נאָר ביי דער תורה וואָס איז געשריבן, פיקסירט און אָנגענומען אָן ענדערונגען, די זײַנען טאַקע אונ־טערגעגאַנגען אָן יורשים. אַזוי זײַנען געווען די צדוקים און דאָס שטאַרקע און געבילדעטע יידנטום פון אַלעקסאַנדריע. ניטאָ אין לעבן פון די שפּעטערדיקע תקופות גאָרניט פון זיי. אונטערגעגאַנגען, געשטאָרבן אָן יורשים, ניט געלאָזן קיין ירושה. די ביזאיצטיקע אייביקייט פון יידישן פאָלק איז פאַרבונדן נאָר מיט דער פאָלקיסטישער ריכטונג פון די פּרושים, פון זייער צוגאַנג צו דער תורה, צו יידישקייט און פון זייער דערציִונג־סיסטעם וואָס האָט זיך געצויגן אָן איבער־רייס פון זיי ביז צום סוף פון אונדזער תלמודיש־שטעטלשער תקופה, דאָ אין

אונדזער דור, אַ קימא לן מער ווי צוויי טויזנט יאָר. די עלטסטע סיסטעם פון קולטור און דערציִונג פון אַלע אייראָפּעיִשע פעלקער.

דאָ איז אויך דער זינען פאַר וואָס עס איז געווען פאַרבאָטן צו פאַרשרייבן די תורה שבעל פה, די יידישקייט פון לעבעדיקן פאָלק. דעם אויסדרוק „אי אתה רשאי לאמרו בכתב" (גטין ס׳ ב׳) דאַרף באַטײַטן, ניט מען טאָר ניט פאַרשרײַבן, נאָר עס מיינט מען קען ניט פאַרשרייבן. פאַרשר*בן, פיקסירן, פאָרמולירן קען מען זאַכן וואָס זײַנען שוין אויסגעפורעמט, אָבער ניט זאַכן וואָס זײַנען אין כסדרדיקן פראָצעס פון פורעמען זיך, אין פראָצעס פון כסדרדיקן ווערן. פאַרשרייבן האָט דאָך פאַר זיי ניט געמיינט סתם רעגיסטרירן, פאַרצייכענען, אָנמערקן. עס האָט דאָך דעמלט געמיינט פיקסירן, עס זאָל בלייבן אומגעענדערט. און דאָס לעבעדיקע לעבן לאָזט זיך ניט אָפּשניידן, פאַרפיקסירן אויף שטענדיק.

בכלל איז אין יעדער צייט נאָרמאַל פאַראַן צוויי מדרגות פון קולטור: עס איז דאָס לעבעדיקע שטייגערישע לעבן פון פאָלק און די ליטעראַטור וואָס וואַקסט אַרויס פון לעבן. יעדער דור און יעדער תקופה האָט נאָרמאַל ביידע מינים קולטור. איטלעך פאָלק האָט זײַן קולטור שבעל פה און שבכתב. דאָס לעבעדיקע און דאָס פאַרשריבענע. עס איז ווי אַ גאָרטן און זײַנע פרוכט. דער גאָרטן — דאָס איז דאָס לעבן, דער שטייגער. די שריפטן — דאָס איז די בכתב־תורה. און פאַרשטייט זיך, אַז די בעל פה־קולטור איז וויכטיקער, ווייל זי איז דאָס לעבן. די שריפטן פון אַ פאָלק, די קולטור שבכתב קען בלייבן אפילו ווען דאָס פאָלק לעבט שוין ניט. אָט פאַר וואָס די פרושים און אַלע זייערע נאָכפאָלגער האָבן אַזוי ריגאָריש זיך געהאַלטן אָן דער תורה שבעל פה, אָן די לעבעדיקע טראַדיציעס פון לעבעדיקן פאָלק.

דער אידעאַל פון אַן אייגענער מדינה איז ניט געשטאָרבן ביי יידן. די צרות און די פאַרפאָלגונגען האָבן קיין מאָל ניט געלאָזט פאַרגעסן. אָבער דער אידעאַל איז אָפּגערוקט געוואָרן ביז דעם „לעתיד לבא". דער אויסדרוק „הלכתא למשיחא" — איז געוואָרן אַ סינאָנים צו גאָר וויטער צוקונפט. און כדי עס זאָל קומען, דאַרף דאָס יידישע פאָלק ניט אַזוי שטאַרק אָפּהיטן און אויפהאַלטן די פאַרשריבענע תורה, ווי אַל דאָס ספּעציפישע, אייגנאַרטיקע, ניט איבערגענומענע פון דער פרעמד אין לעבן. דער איבערברוך איז איבערהויפּט אָנגעוואַקסן נאָך דעם בר כוכבא־אויפשטאַנד. און דער הויפּטטרעגער פון דעם אויפשטאַנד — רבי עקיבא — ער איז געווען אייגנצײַטיק דער גרעסטער אויטאָריטעט אין דער תורה שבעל פה. האָט דאָס פאָלק פאַרגעסן זײַן טעות און פאַרגעדענקט זיין תורה. און אַזוי דורך דער לענגסטער תקופה אין אונדזער געשיכטע, וואָס איז לאַנג „ווי

דער יידישער גלות״, ווי עס גייט דער פאָלקישער אויסדרוק. אַט דאָס איז דער וועג פון דער יידישער קולטור און דערציִונג. און פון דעם דאַרפן מיר זיך אויך שטאַרק לערנען. איצט ביי דעם נייעם איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה — פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה צו דער נייער, צו דער אורבאַנישער תקופה וואָס מיר האָבן נאָך קיין מאָל אַזאַ ניט געהאַט.

נאָך איין אויפטו מוז פאַרצייכנט ווערן — דער צוגאַנג צו די שפּראַכן וואָס יידן ריידן. די תנ״ך־תקופה האָט געהאַט איר שפּראַך — אַ צווייג פון די סעמיטישע שפּראַכן — העברעיִש. אָבער שוין אין דעם תנ״ך, אין דער תנ״ך־צײַט האָבן יידן אין אייגענעם לאַנד נאָך, און מער — אין בבל געגומען ריידן אַראַמיש. אין משך פון הונדערטער יאָרן איז די שפּראַך געוואָרן יידיש לשון. יידן האָבן אויף דער שפּראַך גערעדט ווי אין בבל אַזוי אויך אין ארץ ישראל. זיי האָבן אַראַמיש געשריבן מיט יידישע אותיות, געהאַט זייערע אייגענע אויס־דרוקן, אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון אַן אַראַמיש פאָלק, צי עס איז נאָך געווען אַזאַ אָדער ניט. האָט מען אין דעם לשון, גערעדט, געלייענט די תורה, געדאַוונט צו גאָט... האָבן חכמי התלמוד געהאַלטן ביידע שפּראַכן פאַר גלייכבאַרעכטיקט. האָבן זיי אין דעם לשון געלערנט, געדאַוונט זייערע הייליקסטע תפילות און געבעטן. און אַזוי איז געווען די פאַרטיילונג: העברעיִש איז דאָס לשון פון דער תורה שבכתב, ווי זי איז געגעבן געוואָרן און אַזוי נוצט עס דאָס פאָלק. אַראַמיש איז געווען דאָס לשון פון פאָלקס שטייגער, איז עס אויך געבליבן דאָס לשון פון דער גאַנצער קולטור, וואָס בעל פה. דער ווײַן מיט זײַן כלי, די קולטור מיט איר שפּראַך. זײַנען אפילו געווען דיסקוסיעס אויף דער טעמע. זײַנען די אַריס־טאָקראַטן, די צדוקים געווען די „העברעיִסטן״. און דאָס פשוטע פאָלק, ווי אויך זײַן אינטעליגענץ, זיינען געווען די „אַראַמיסטן״, אַזוי צו זאָגן. שפּעטער האָבן אויך די קאַראַימישע שרייבער אָפּגעלאַכט פון רבנישע יידן, וואָס נוצן אַ „זשאַרגאָן״ (לשון עלגים). נאָך שפּעטער האָבן אויך אַזוי אָפּגעלאַכט די משכילים. און דער סוף — אַלע נעגירער און אָפּלאַכער פון דער פאָלקשפּראַך — אַלע זײַנען זיי אָפּגעפאַלן פון יידישן פאָלק. עס קען זײַן דאַ אונטערשטראָכן: אַלע דעקלאַרירטע אָנהענגער פון העברעיִש און קעגנער פון דער פאָלקשפּראַך, אַלע זײַנען זיי אָפּגעפאַלן פון יידישן פאָלק און, פאַרשטייט זיך, די הייס־דעקלאַרירטע ליבע צו העברעיִש האָט ניט געראַטעוועט דאָס העברעיִשע לשון פון אונטערגאַנג. און פאַרקערט האָט זיך העברעיִש — דאָס לשון פון דער קולטור שבכתב, אויפגעהיט און אויפגעלעבט דווקא ביי די יידן, וואָס זײַנען געווען אָנהענגער פון דער פאָלקישער בעל פה־קולטור און פון דעם פאָלקישן לשון. די געשיכטע

איז אַלע מאָל געגאַנגען פאַרקערט, ניט לויט די דעקלאַראַציעס, וואָס מען דעקלאַרירט מיט געטרײַקייט־שבועות... די געשיכטלעכע פּראָצעסן גייען ניט לויט די דעקלאַרירטע מאָטיווירונגען, נאָר לויט די פאַרבאַהאַלטענע מאָטיוון, וואָס מען שעמט זיך מיט זיי און מען דעקט זיי צו מיט גאָר שיינע מאָטיווירונגען.

מאי קא משמע לן?

צוליב וואָס די גאַנצע היסטאָרישע עקסקורסיע, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט?

בכלל גענומען איז פאַר אונדז געשיכטע ניט קיין דערציילונגען סתם פון וואָס עס איז אַ מאָל געשען, ניט קיין סכום פון פאַקטן. קיין וויסנשאַפט איז ניט קיין רעגיסטער פון פאַקטן. אַ וויסנשאַפט איז אַ מעטאָד אויסצוגעפינען וואָס עס וועט זײַן אָדער וואָס עס דאַרף זײַן אויפן סמך פון דעם וואָס עס איז געווען. כעמיע איז געוואָרן אַ וויסנשאַפט נאָך דעם ווי מען האָט געקאָנט פאָרויסזאָגן אַז עס וועלן נאָך געפונען ווערן עלעמענטן, וואָס הגם זיי זײַנען דערווײַל ניט באַקאַנט, וועט מען נאָך זיי געפינען און זיי האָבן אַזוינע און אַזוינע אייגנשאַפטן. פיזיק איז אַ וויסנשאַפט, ווײַל מען קען פאָרויסזאָגן, אַז ביי די און די באַדינגונגען וועלן פאָרקומען אַזוינע דערשײַנונגען.

וויסנשאַפט איז ניט דער סכום וויסנס וואָס די מענטשהייט האָט זיך שוין דערוווּסט. נייערט עס איז דער וועג צו דערוויסן זיך וואָס עס איז נאָך ניט באַוווּסט. וויסנשאַפט איז דאָס וואָס שאַפט וויסנס. און אַזוי איז אויך געשיכטע. איך פלעג ליב האָבן צו זאָגן מײַנע תלמידים: דאָס וואָס איר פרעגט מיך, ווייס איך נאָך ניט, אָבער לאָמיר פרעגן אונדזער אַלטע באָבע וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר, און זי ווייס אַלץ, וועט זי אונדז אויך דאָס וואָס איר פרעגט, זאָגן...

מיר לעבן אין אַ צײַט, וואָס איז ניט קיין באַשטימטע, נאָר אַ פלאָנטער, עס איז אַ צײַט צווישן תקופות. שוין מער ווי הונדערט יאָר ווי די תלמודיש־שטעטלשע תקופה אין מזרח אייראָפּע האָט געקומען אונטערגייען (אין מערב־אייראָפּע איז דער איבערגאַנג געגאַנגען נאָך פריער). ווער ווייס וויפל עס וועט נאָך געדויערן ביז עס וועט זיך אײַנשטעלן די נייע אורבאַנישע תקופה. איז דאָס אַן איבערקערעניש גאָר אַ שווערע. דאָס גאַנצע לעבן ענדערט זיך אין דער וועלט בכלל, און יעדע וועלט־ענדערונג איז פאַר אונדז נאָך שווערער. מען דאַרף מודה זײַן, אַז מיר האָבן אין אונדזער לאַנגער געשיכטע ניט

געהאַט נאָך אַזאַ צײַט ווי איצט. ניט געווען קיין פעריאָד מיט אַזוינע סכנות פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, ווי דאָס איז איצט. ווען מיר מוזן אונדזער דערציִונג צופאַסן צו די הײַנטיקע תנאים פון אונדזער הײַנטיקן לעבן. דאַרף מען אין קורצן דאָ אָנמערקן די ספּעציפישע מאָמענטן פון אונדזער הײַנטיקער סיטואַציע אין דער וועלט.

מיר זײַנען צעשאָטן איבער דער וועלט, איבער אַלע מדינות און צווישן אַלע פעלקער. מיר האָבן טאַקע אַן אייגענע מדינה, אָבער די גלותן ליקווידירן זיך ניט, און אפשר דאַרף מען אפילו ניט וועלן זיי זאָלן זיך ליקווידירן? מיר בלייבן אַ פאָלק צעשפּרייט אין נײַע ישובים וואָס האָבן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווי אונדזערע אַלטע ישובים אין דער פאַרגאַנגענער תלמודיש־שטעטלשער תקופה.

אין אַלע נײַע, הײַנטיקע ישובים זײַנען יידן באַזונדער ווי יחידים אינטעגרירט אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. ניטאָ דער מוז צו געהערן צו דער יידישער געזעלשאַפט. די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז באַזירט אייגנטלעך אויף דעם גוטן ווילן, אויף טראַדיציעס, וואָס זײַנען נאָך געבליבן. ניטאָ די סאָציאַלע, ציווילע רייפן וואָס האָבן צונויפגעבונדן באַזונדערע יידן אין אָבליגאַטאָרישע געמיינשאַפטן.

איטלעכער ייד באַזונדער פאַסט זיך אַרײַן אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, שוין אין די ערשטע יאָרן פון זײַן לעבן. ער קען גרינג גאָר פאַרגעסן זײַן אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, אויב נאָר דרויסנדיקע פאַקטאָרן דערמאָנען אים ניט זײַן אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק וואָס ער — דער ייד — וויל גאָר פאַרגעסן. דאָ איז דער מקור פון די ערשטע קאָנפליקטן אין דער נשמה, און זיי הייבן זיך אָן נאָך אין פאַרשול־עלטער. יידן לעבן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן צווישן אייגענע, נאָר מען מישט זיך אויס. יידישע קינדער, צווישן ניט יידן, דערפילן זיך זייער יונג, ווי עפּעס ניט ביי זיך. עלטערן און לערער באַמערקן דאָס ניט. סיידן עס קומט צו שווערער אויסברוכן, אָבער אַזוינע זײַנען זעלטן.

דער מענטש בכלל האָט אָפט פאַרלאָרן זײַן מענטשלעכן „איך". אין דער שול איז ער איין קליינער איינס אין אַ ניוועליזירטער סטאַדע. ניטאָ אין שול, אין פּראָגראַם, ניט אין נאָרמען, ניט אין דער קליידונג — ניטאָ קיין אָרט פאַר עפּעס אינדיווידועלס; איין גרופּע זעלנער, אַלע מיט איין טראָט לויט באַפעלן.

שפּעטער אין דער פּראָפעסיע איז ווידער דער מענטש נאָר איין קליין שרײַפל אין דער גרויסער מאַשין. ניטאָ קיין שעפערישע גאַנצקייט און פאַרענדיקטקייט אין דער אַרבעט. דער אַרבעטער האָט בלויז זײַן קליינעם חלק אין דער

אַרבעט בכלל, ער ווייס אָפט ניט וואָס ער שאַפט. איין מאָנאָטאָנע באַוועגונג און מער ניט. פּרק באַשרייבט די גײַסטיקע לאַגע פון אַרבעטער („וואָס אַ מאָל ווייניקער"). דער מענטש איז אַ מין הוספה צו דעם מעכאַניזם. ניטאָ קיין געפיל פון עפּעס שעפערישן אויפטאָן.

וואָס ווייטער קריגט דער מענטש מער פרײַע צײַט אין משך פון טאָג און פון יאָר. אָבער ניט די שול און די אַלגעמיינע קולטור לערנט ניט אויס דעם מענטשן ווי צו פאַרנוצן די פרייע צײַט. די ניוועלירטע שול — נאָר אַ יאָגעניש נאָך גוטע מיינונגען, זי אַנטוויקלט ניט קיין אינעווייניקסטע אינטערעסן, פּאַרזיכיקע, וואָס זאָלן קענען דעם מענטשן באַשעפטיקן, אויסנוצן די פרייע צייט נוציק, קולטורעל און מיט אינעווייניקסטער באַפרידיקונג.

בלייבט די פאַרוויילונג. איז זי ווידער אַ מאַסן־פּראָדוקציע, אויסגערעכנט קאָמערציעל צו שעפּן מיליאָנען און מיליאַרדן, און עס דרייט זיך אַ גיגאַנטישער ראָד פון פּראָפּאַגאַנדע, קיצל די פּיאַטע און... קיצל אַלע אַנדערע אינסטינקטן, רייץ זיי, וואָס שטאַרקער, רייס די נערוון, אַבי נאָר מענטשן זאָלן לויפן, צאָלן געלט און דו זאָלסט מאַכן געשעפט...

יידן זײַנען אַריינגעצויגן אין אָט דעם גרויסן הילכיקן, טומלערישן נערוונרייסעניש, אַז עס דערהערט זיך גאָרניט דער קול דממה דקה פון יידישן שאַפן און דענקען אין דעם גרויסן יאָגענדיקן, שרייענדיקן געלטמאַכערישן טומל פון פאַרווײַלונג־אינדוסטריע. דער מענטש גופא אָבער אין דעם מענטשן בלײַבט אַן אומעטיקער, דערשלאָגענער מיט אַ דערשטיקטער נשמה. זײַן פאַרווײַלן זיך איז אַ מין שיכרות, טראַפּאַרעטן וואָס האָבן אים אַליין דערעסן, אָבער ער האָט ניט קיין כוח זיך אַרויסצורייסן פון דעם גאַנצן קנויל אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע פירונגען און מינהגים, וואָס דערמאָנען יענע יידינע וואָס מען האָט געהייסן לויפן נאָכן קייסערס קאַרעט און שרייען הוראַ! לויפט זי און שרייט מיט די לעצטע כוחות: (אין דער שטיל) זאָל דער קייסער אַזוי קענען לעבן ווי איך קען שרייען (אין דער הויך) הוראַ!"

מען דאַרף האָבן כוח צו זיין אַ ייד אין דער אַטמאָספער. מען דאַרף קענען זיך אײַנצאַמען אין אייגענע דלד אמות און ניט נאָכלויפן, ניט נאָכגיין. עס איז זייער שווער, אָבער מען דאַרף קענען לעבן אין אייגענעם קלײַזל, זיך אויסטאָן פון דער וועלט אַרום. עס איז שווער, זייער שווער! דאָס איז די ערשטע אויפגאַב פון אמת־יידישער דערציִונג. אַזאַ שוועריקייט האָבן מיר אין די פריערדיקע תקופות ניט געהאַט. קיין מאָל איז דער יידישער יחיד ניט געווען אַזוי נאָענט צום ניט יידישן שכן און מיטבירגער, ניט געווען גלײַך מיט אים,

קיין מאָל האָט אַ ייִד ניט געהערט צו דער זעלביקער געזעלשאַפט מיט דעם ניט־ייִד. אַלע מאָל, תמיד איז די ניט ייִדישע געזעלשאַפט אַליין געווען אָפּגעטיילט פון דער ייִדישער.

וועט דאָס זײַן די ערשטע פאָדערונג, דער ערשטער יסוד פאַר אַ ייִדישער דערציִונג:

אַן אייגענע ייִדישע סביבה פון ייִדישע היימען. דאָס מיינט ניט בלויז אַ סביבה וואָס באַשטייט פון ייִדן. עס מיינט אויך אַ סביבה וואָס האָט ייִדישע אַקטיוויטעטן, טוּאונגען און פירונגען. דאָס מיינט גאָר פשוט אַז איך רייד דאָ פון ייִדישע אויטאָנאָמיע געזעלשאַפטן, לאָמיר נוצן אַן אַלטן טערמין — אייגענע ייִדישע קהילות, קאָנגרעגאַציעס, אָבער מיט ייִדישע געמיינזאַמע קולטור־אַקטיוויטעטן ווי אין דעם קאָלעקטיוו אַזוי אויך פּריוואַט, אין די היימען.

אַזוינע אויטאָנאָמע, ייִדישע געמיינשאַפטן זײַנען דאָ ביי חסידים, אפשר אויך ביי אַנדערע, אָבער זיי זײַנען איינזײַטיק, נאָר די ייִדישע רעליגיע ווילן זיי, קיין אַנדערע ייִדישע עלעמענטן ווילן זיי ניט בעת ייִדישקייט, ייִדישע קולטור איז אַ סך ברייטער ווי רעליגיע.

אַנדערע ייִדן באַמיען זיך שטאַרק נאָכצוגיין, נאָכצולויפן און צו געניסן פון אַלע ניט־ייִדישע אונטערנעמונגען, נאָר מען איז ייִדן אין באַשטימטע צײַטן און אין באַשטימטע ערטער. אָדער מען איז יוצא מיט ריידן אַ שעה, אָדער אַ האַלבע שעה אַ וואָך ייִדיש אָדער העברעיִש. עס איז גאָרניט פון די גרינגע זאַכן צו לעבן אין די גרויסע שטעט און אין דעם גרויסן טומל און איינהייטן דאָרטן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע היים און אַן אויטאָנאָמע ייִדישע גרופּע, וואָס לאָזט זיך ניט מיטרייסן מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם. און די גאַנצע אָנשטרענגונג דאַרף געמאַכט ווערן פון אייגענעם גוטן און פעסטן ווילן. דאָס פאַרלאַנגט גאָר אַ שטאַרקע אמונה אין ייִדישקייט, וואָס איז אַ סך ברייטער און טיפער ווי די אמונה וואָס אַ ייִד האָט פאַרמאָגט אין אַמאָליקן שטעטל. אמונה מיינט דאָ געטרײַקייט, מען דאַרף זײַן געטריי ייִדישקייט בכלל, ניט בלויז צו דער רעליגיע.

קומט צו נאָך אַ שוועריקייט. מיר האָבן ניט אין ערגעץ קיין פאָלקישע מאַסיוון. מיט דעם אויסדרוק מיין איך ייִדן וואָס זײַנען ניט געלערנט, ניט געבילדעט, פשוטע עם ארצים, אָבער זיי זײַנען געטרײַ דעם אַלטן שטייגער ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט.

אַזוינע מאַסן פשוטע מענטשן, טראַדיציע־געטרייע מאַסן, זײַנען ביי אַלע פעלקער דער באַזיס פון יעדער קולטור, דאָס איז דער רויער באָדן, וואָס פון אים און אויף אים שפּראָצט און וואַקסט קולטור; אין די עם ארצישע מאַסיוון

זײַנען די וואָרצלען פון יעדער קולטור, פון יעדער פאַרזיכיקער פאָלקישקייט. די רוסישע קולטור שטאַמט ניט פון די געבילדעטע פריצים, נאָר פון דעם פויערמשאַפט. די גאַנצע יידישע קולטור שטאַמט פון אונדזערע פשוטע פאָלקישע מאַסן אין די שטעטלעך — די גאַנצע קולטור אין יידיש און פון דעם ווידער אין העברעיש. דאָס איז נאָך געווען אמת אין די צייטן פון תלמוד, וואָס ער נאָך זאָגט אָן פאַרזיכטיק צו זײַן מיט די קינדער פון אָרעמע און פון עם ארצים, ווײַל פון זיי קומט אַרויס תורה — יידישע לערנונגען. גאָר קלאָר זאָגט עס אויך דער אָריגינעלער רעליגיעזער דענקער הרב קוק ז״ל אין זיין „אורות הקודש״ כרך ב דף שסד׳ סעיף כח׳.

איצט אָבער, אין אונדזער אורבאַנישער תקופה זײַנען בײַ אונדז ניטאָ אַזוינע פאָלקישע מאַסיוון. אַלע זײַנען געבילדעט, געלערנט, אָבער בנוגע צו יידישקייט איז מען עם ארצים, וואָס לעבן מיט פרעמדע טראַדיציעס. ריכטיקער וואָלט טאַקע געווען צו זאָגן ניט מיט טראַדיציעס, ווײַל זיי פאַרמאָגן ניט אַזוינע טראַדיציעס, נאָר מיט פרעמדע מאָדעס, זיי ווערן מיטגעריסן מיט די פרעמדע טראַדיציעס, וואָס זײַנען זיי אין תוך אַריין פרעמד. זײַנען דאָס טאַקע מאַסן יידן, וואָס לעבן צווישן צוויי פעלקער, אָן טראַדיציעס, אָן אַ שטייגער און במילא אָן אָן אייגענעם פרצוף. עס זײַנען פאַראַן מאַסן יידן, כן ירבו, אָבער עס זײַנען ניטאָ קיין יידישע מאַסן. אין דעם ליגט די שווערסטע סכנה פון אונטערגאַנג, בהדרגה, ביסלעכווייז, אונטערגאַנג דורך אויסיידישונג. דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג קומט פאָר אין קליינע ישובים גיכער, אין גרעסערע — פּאַמעלעכער, אָבער ער גייט אומעטום כסדר. מען קען מסתמא אָננעמען, אַז אונדזער פאָלק האָט פאַרלאָרן גרעסערע צאָלן דורך אויסיידישונג ווי דורך שחיטות און פּאָגראָמען. געווען אין לאַטין־אַמעריקע עלטערע יידישע ישובים, וואָס זייער זכר איז פאַראַן בלויז אויף בית עולמס. אין די שטאַטן האָבן יידן געפּראַוועט אַ סך יום טובים צוליב די „דריי הונדערט יאָר יידן אין אַמעריקע״, אָבער מען האָט געזוכט און ניט געפונען קיין איין יידן וואָס זאָל דירעקט שטאַמען פון יענע ערשטע דרײַ און צוואַנציק געקומענע יידן. איך האָב געלייענט אַ מאָל (דאַכט זיך בײַ אַרטור רופּינען), אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זײַנען אין בערלין ניט געווען מער קיין יידן, וואָס זאָלן שטאַמען דירעקט פון יענע יידן, וואָס האָבן אָנהייב פון נײַנצנטן י״ה געקראָגן די עמאַנציפּאַציע. מען רעדט איצט מער און מען שרעקט זיך מער פאַר אומגעזונטע עטנאָגראַפישע פּראָצעסן בײַ יידן: געמישטע חתונות מיט אָפּפאַלן פון יידישקייט; פאַרקלענערטע צאָל יידישע געבורטן. זאָלן דאָס זײַן סימנים פון דעגענעראַציע? אפשר יאָ. דער

אַקטיווער יידישער ישוב, וואָס נעמט אַן אָנטייל אין יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט, אין בנין פון דער מדינה, ווערט אַלץ עלטער, באַיאָרנטער. צווישן דעם ייִנגערן יידישן עולם איז דער פּראָצענט אַקטיווע יידן אַלץ קלענער און קלענער. קיין גוטע סימנים זיינען דאָס ניט.

די דריטע סכנה וואָס גייט צוזאַמען מיט די פריערדיקע איז די שפּראַך־אַסימילאַציע. די סכנה באַשטייט אין דעם: אַ ייד וואָס רעדט יידיש איז מער צוגעבונדן צו זײַן פאָלק און צו זײַנע טראַדיציעס. אָפּגעריסן זיך פון פאָלקס לשון, איז זיך אָפּגעריסן פון פאָלק אַליין אויך. יידיש לשון, יידישע ווערטער, זײַנען פאַרבונדן מיט טויזנט יאָר יידיש לעבן, וואָס האָט געשטראַמט מיט דעם לשון. דאָס לשון איז דער זכרון פון פאָלק. שפּראַך פאַרלאָרן — פאַרלאָרן דעם פאָלקישן זיכרון. אַ מענטש וואָס פאַרלירט זײַן זיכרון איז טראַגיש אומגליקלעך. אַ פאָלק, אַז עס פאַרלירט זײַן זיכרון איז ניט ווייניקער אומגליקלעך.

אין שפּראַך ליגן די עמאָציעס פון פאָלק, די ווערטער פון אַ פאָלקישער שפּראַך זײַנען ווי קלאַווישן וואָס רופן אַרויס אוניסאָן־קלאַנגען אין די נשמות פון די מענטשן. שפּראַך פאַרלאָרן — גייט אויך פאַרלאָרן דעם פאָלקס קאָלעקטיווע נשמה.

שפּראַך פון אַ פאָלק איז דער טיפער ברונעם וואָס פון אים שעפּן זייער שטאָף אַלע שעפער, קינסטלער, דיכטער, דענקער פון אַ פאָלק, אַלע שעפערישע מענטשן אין פאָלק. קיין שעפער שאַפט ניט נאָר פון זיך אַליין. ניטאָ קיין לעבע־דיקער גוף וואָס טראָגט ניט אין זיך קיין עלעמענטן פון דורות. ניטאָ קיין נשמה וואָס טראָגט ניט אין זיך קיין עלעמענטן פון דורות. שפּראַך פאַרלאָזן, פאַרוואָרפן — זײַנען אויך פאַרלאָרן די אַלע אוצרות שטאָף פון וואָס קולטור ווערט געשאַפן, געשמידט, געפורעמט. קומט אויס אַז ווען אַ פאָלק פאַרלאָזט זײַן דורותדיקע שפּראַך, פאַרלירט עס זײַן דורותדיקן איך, זײַן נשמה. האָבן אויך די העברעיִסטן ניט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַן אומגליק עס ליגט פאַר דער יידישער קולטור אין העברעיִש אין דעם פאַרלירן יידיש לשון. ניט פאַרשטאַנען אָדער אפשר יאָ פאַרשטאַנען און געטראַכט: לאָמיר טאַקע פאַרלירן אונדזער גלות־קולטור, מיר וועלן אָנהייבן פון אָנהייב אַ נײַ פאָלק. מען זאָגט עס ניט אָפן, אָבער מען טראַכט עס נאָך איצט אויך. אָבער קיין טובה פאַר דער העברעיִשער קולטור איז פון פאַרלירן יידיש ניט געקומען אויך אין ארץ ישראל, אפילו ניט אין דער מדינה. עס שטעקט אין דעם אַ קלאָרער ווילן צו אַנטלויפן פון פאָלק. פון וואַנען מען לויפט ווייס מען. צו וואָס און וווהין מען וועט

קומען צו לויפן — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש... וואָס עס זאָל זײַן זאָל זײַן, אַבי פון גלותדיקער יידישקייט ווערט מען פּטור...

נאָך ערגער איז עס אין די גלותן: פון יידיש לשון, פון יידישן גײַסט, פון יידישער פאָלקישער נשמה, פון די יידישע שאָפונגס קוואַלן גייט מען טאַקע אַוועק, אָבער מיט דער פרעמדער שפּראַך גייט מען ניט אַרײַן אין דעם פרעמדן פאָלק אַרײַן מיט זײַן נשמה, מיט זײַנע דורות. האָט אַ רוסיפיצירטער ייד געקאָנט זיין דער בעסטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר, אָבער דאָך האָט זײַן עלטער זיידע געזונגען אַ שטיקל חזנות און ניט קיין „וואָלגאַ־וואָלגאַ". קען אַ ייד זײַן דער בעסטער דײַטשישער דיכטער, אָבער פאַרט האָט זײַן עלטער־זיידע ניט געטרונ־קען קיין ביר אין אַ שענק, נאָר גאָר ארבע כוסות. און מען טאָר די זאַכן ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט: זיי ווירקן. איז ווען די שפּראַך־אַסימילאַציע איז פאַרבונדן מיט שטיגער, קען מען נאָך טראַכטן אַז די אוראייניקלעך וועלן שוין מירצעשעם זײַן פאַלנע גויים. אָן דעם בלייבן אפילו די אוראייניקלעך הענגען צווישן, ניט קיין יידן און ניט קיין גויים.

מיט דער שפּראַך־אַסימילאַציע איז נאָך פאַרבונדן נאָך אַ טיפע טראַגעדיע. עס גייט וועגן דער עכטקייט פון דעם יידישן כאַראַקטער, פון דעם גאַנצן טיפּ ייד. עכט איז אַ מענטש, ווען זײַנע אַלע האַנדלונגען שטימען מיט די דורותדיקע טראַדיציעס, עס איז ווי די גמרא רופט עס „תוכו כברו" דער אינעווייניק און דער דרויסן זײַנען איינס. פאַראַן אין אַלץ פאַרמען: אָט אַזוי פירט זיך אַ ייד, אַזוי טוט אַ רוס, אין אַלץ איז קענטיק דאָס פאָלק אין דעם מענטשן. איבערהויפּט איז עס קענטיק אין זײַן ריידן, אין זײַן אינטאָנאַציע, איז זײַן אויסשפּראַך, אַקצענט און גרימאַסן. אַן אַרטיסט אין זײַן שפּילן איז ניט עכט, עס איז אַלץ געמאַכט. אַ ייד וואָס זײַן שפּראַך איז ניט זײַנע, פּאַסט זיך צו צו איר, צו אירע אויסדרוקן, צו איר אינטאָנאַציע, איז ער אַליין אויך ניט עכט. ער פאַרלירט זײַן פאָלקישן כאַראַקטער. עס באַקומט זיך דאָס וואָס דער משלים־שרײַבער אליעזר שטיינבאַרג זאָגט:

„דו ביסט דער און יענער, און ביסט אַ יעדער איינער
ווײַל אַליין ביסטו ניט קיינער..."

און עס איז גאָר ניט אַזוי גרינג זיך צו באַפרייען פון דער שפּראַך־אַסימילאַציע, ווען די גאַנצע וועלט אַרום דיר קומט צו דיר דורך דער פרעמדער מלוכה־שפּראַך. ווען דײַן גאַנץ עקאָנאָמישע לעבן און דײַן גאַנצע בילדונג קומט צו דיר דורך דער שפּראַך.

דאָ ווערט פאַרלאַנגט פון מענטשן אַ שטאַרקער ווילן, אַ באַוווסטזײַן

און אַ גלויבן אין דער ווערט פון דער אָנשטרענגונג. ווידער אַ מאָל פאָדערט זיך אמונת ישראל.

אמונת ישראל איז ניט אידענטיש מיט רעליגיע. עס האָט ניט צו טאָן מיט קיינע גאָט־פּראָבלעמען, מיט מצוות וואָס ווערן געטאָן פאַר גאָט, ווייל גאָט הייסט אַזוי און ער וועט דערפאַר צאָלן. אמונת ישראל מיינט געטרײַקייט צו יידישקייט און אַ גלויבן, אַז עס איז ווערט דאָס זײַן איר געטריי. די יידישקייט דאַרף מיר זיין ליב און טײַער פאַר זיך, אָן קיינע חשבונות וויפל איך וועל דערפאַר קריגן. קומען מיר צוריק צו די צוויי ערשטע פּרינציפּן: אידעע פון פאָלקס גאַנצקייט און אתה בחרתנו. עס איז — ניט מיר דאַרפן זײַן דאַנקבאַר צו אַמעריקע, למשל, ווײַל מען לאָזט אונדז לעבן און מען מאַכט ניט קיין פּאָגראָמען, נײַערט מיר זײַנען בירגער מיט אָן אייגענעם פאַרזיכיקן כאַראַקטער און גײַסט, דאַרף די דעמאָקראַטישע אַמעריקע העלפן אונדז אײַנפעסטיקן די קולטור פון אונדזער פאָלק. ניט די בירגער זײַנען פאַר אַמעריקע, נאָר אַמעריקע איז פאַר אירע בירגער, ווי פאַר יחידים, אַזוי אויך פאַר קאָלעקטיוון, פאַר פעלקער, און בתוכם אויך דאָס יידישע פאָלק. אַמעריקע איז אַ לאַנד פון אימיגראַנטן — אַלע זײַנען געקומענע, דאַרפן אַלע קולטורן פון אַלע פעלקער זײַן ניט ווייניקער באַרעכטיקט ווי די אַנגלאָסאַקסישע. עקסיסטירט דאָך אַ לאָזונג, אַז אַמעריקע דאַרף זײַן אַ נאַציע פון פעלקער.

עס איז מיר אָבער ווייטאָגדיק שווער צו פאַרשטיין די יידישע דענקער, שרײַבער און טוער, וואָס דעקלאַרירן זיך — און איך וויל זיי גלייבן, אַז זיי לייגן חלילה ניט, און זיי דערקלערן זיך פאַר געטרייע יידן, ווי קענען זיי שווײַגן, ווי קענען זיי נאָך מיטהעלפן דעם פאָלק צו פאַרלירן זײַן טויזנטיאָריקע שפּראַך וואָס אין איר זײַנען פאַרבאָרגן אוצרות פאָלקס נשמה ניט אויסצושעפּן, און עס ווערן פאַרשאָטן קוואַלן פון יידישן שאַפן. ניט נאָר די שוין געשאַפענע ווערק ווערן פאַרלאָזט, דאָס איז אַ צרה, אַ ווייטאָג. אָבער אַז עס וועט זײַן אַ פאָלק מיט פּאָטענציעלע אוצרות, וועט קומען דאָס פאָלק און וועט ווײַטער שאַפן, וועלן אויפשטיין שעפער און זיי וועלן בויען. אָבער אַז אַ פאָלק פאַרשטאָפּט אַלייך זײַנע קוואַלן פון וואַנען צו שעפּן און שאַפן, — וואָס וועט פון אַזאַ פאָלק ווערן?... און געטרייע קינדער פון פאָלק העלפן נאָך צו פאַרשיטן די קוואַלן.

ווייס איך ניט ווי צו דערקלערן אַזאַ מין דערשײַנונג: צי פאַרשטייען זיי ניט, אָדער זיי ווילן ניט פאַרשטיין? אפשר איז דאָ גאָר פאַראַן אַ מאָדנער פאַרלאַנג פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד? אפשר?

א. גאָלאָמב

דער דראַנג צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד

זאָל אונדז דער שרעקלעכער אויסדרוק ניט דערשרעקן, ניט פאַרווונדערן — ער איז פאַראַן, ער ווירקט, ער איז אַ פאַקטאָר פון אונדזער לעבן. ביי יחידים דריקט ער זיך אויס אין דירעקטער אַסימילאַציע, אין ווערלן אַנטלויפן פון אַלץ וואָס איז יידיש, פון אַלץ וואָס עס איז ענלעך צו יידישקייט. ביי קאָלעקטיוון דריקט זיך דאָס אויס אין אַלערליי באַוועגונגען, אָרגאַניזאַציעס וואָס זייער ציל איז:

צו געפינען חן און לײַטזעליקייט אין די אויגן פון הויפּטפאָלק, אין שאַפן אינסטיטוציעס וואָס זאָלן זײַן ענלעך צו די פון הויפּטפאָלק; אין זוכן אַ מינימום פון יידישקייט; אין פאַרוואָרפן יידישע נעמען און שפּראַך; אין קריטיקירן און פאַרמיאוסן יידישע שטייגער־טראַדיציעס, אָפּשפּאָטן און אָפּלאַכן פון יידן און פון יידישקייט; אין נאָכמאַכן זיטן און פירונגען פון הויפּטפאָלק; אין אויסזוכן תמיד אַ קאָמפּענסאַציע־לאָזונג. דאַרפן מיר דערקלערן דעם באַגריף „קאָמפּענ־סאַציע״. מיינען מיינט עס אַרויסשטעלן עפּעס אַ פּאָזיטיוון לאָזונג, כדי צו פאַר־שטעלן די טיפערע, אינטימערע באַגערן. עלעהיי יענער ייד וואָס לויפט אין קלויסטער זיך צו שמדן און האַלט אין איין שרייען שמע ישראל.... עס איז דער אויסגעפּוצטער איבערשלאַק וואָס דאַרף פאַרשטעלן דעם שמוציקן אונטערשלאַק. די שינאה צו לעבעדיקער יידישקייט קען זיך אויסדריקן אין אויפהייבן הויך אַ פאַן פון אַזאַ מין אַמאָליקער יידישקייט, וואָס איז אין לעבן ניטאָ, וואָס האָט אַ חשיבות ביי ניט יידן און וואָס שטערט ניט זיך צו אַסימילירן פּראַקטיש. אַ מאָל איז עס אָפענע אָפּנאַרעריי און אַ מאָל ווערט עס געטאָן פאַר דעם אייגענעם געוויסן. דער דראַנג (מיר האָבן אים באַשריבן אין אַנדערע אַרבעטן אונטערן נאָמען פון „עגאָפאָביע״) איז אָפט אַ גורם, אַ פאַקטאָר צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. עס קענען זײַן פאַלן ווען דער דראַנג צו נאַציאָנאַלן זעלבסט־מאָרד קען פירן צו פערזענלעכן זעלבסטמאָרד אויך.

דער דראַנג שפּילט אַ ראָל אין דער גאַנצער מחלוקת וועגן די שפּראַכן ביי יידן.

און דער דראַנג איז לגמרי ניט קיין נײַער, וואָס איז אויפגעקומען אין אונדזער הײַנטיקער תקופה. פאַרקערט, טרעפן מיר דעם דראַנג אין משך פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע אין פאַרשיידענע פאָרמען און אין אַלערליי געשטאַלטן. אַלע מאָל אָבער פירט דער דראַנג אַ קאַמף קעגן דער לעבעדיקער, אַקטועלער יידישקײַט. אַלע מאָל זײַנען פאַראַן זייער אָנשטענדיקע קאָמפּענסאַציע־לאָזונגען

וואָס מיט זיי איז זייער גרינג צו פאַרשטעלן דעם דראַנג. דאָס זײַנען די שיינע מאָטיווירונגען וואָס באַהאַלטן די אמתע גאָר ניט שיינע מאָטיוון. אין אונדזער היינטיקער תקופה שפּילן אַזאַ ראָל פון קאָמפּענסאַציע־לאָזונגען דער העברעיִזם און תנ״כיזם.

ווי האָבן זיך אונדזערע פּאַרצייטיקע באַצויגן צו דעם דראַנג?

אַז גאָט זאָגט צו משהן: לאָז מיך, וועל איך אומברענגען אָט דאָס פאָלק פון געצנדינער, וואָס טאַנצן פאַרן קאַלב, און איך וועל פון דיר אויפשטעלן אַ נײַ פאָלק, אַ בעסערס... ענטפערט משה צו גאָט: מיך מעק אויס פון אָט אַזאַ מין געשיכטע. און די גמרא גיט נאָך צו משה זאָל האָבן געזאָגט: אומקומען זאָל משה און טויזנט ווי משה, אָבער עס זאָל ניט געשעדיקט ווערן קיין נאָגל פון ישראל. אין אַ צווייט אָרט — משה איז טאַקע שקול כנגד כל ישראל, ער איינער איז ווערט וויפל דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער גאָט רעדט צו משהן טאַקע אין זכות פון דעם זעלביקן זינדיקן פאָלק... אָט אַזוי דענקען געטרייע יידן, ניט די קאָמפּענסאַציע־נאַציאָנאַליסטן. און ווי האָבן טאַקע אונדזערע פּאַרצייטיקע „פאָלק־קיסטן״ געלייזט די פּראָבלעם פון די שפּראַכן? — גאָר פשוט: העברעיש איז די שפּראַך פון דער תורה שבכתב. בלײַבט זי הייליק מיט דער קדושה פון דער תורה, בלײַבט זי לעבן אין אַקטועלן לעבן צוזאַמען מיט קדושה־עלעמענטן אין לעבן. אַראַמיש איז די שפּראַך פון דער תורה (קולטור) שבעל פה, פון פאָלקישן שטייגער, איז זי הייליק מיט דער קדושה פון פאָלק. עס איז ניטאָ קיין קאָנקורענץ, ניט שפּראַכן־קאַמף. די קדושה פון די אינהאַלטן גייט אויך אויף די שפּראַכן. דער ווײַן קומט אין די פלאַשן. אָן דעם ווײַן, האָבן די פלאַשן ניט קיין ווערט. די שפּראַכן אָן דער קולטור, האָבן ניט קיין קדושה. און אַזוי ווי זיי האָבן ריכטיקער געלערנט, אַז די תורה פון דירעקטן נעכטן איז פריער פאַר דער תורה פון עלטערן פאַרצייטן, האָבן זיי זייערע אַלע לערנונגען געלערנט אין דער שפּראַך פון פאָלק — אין אַראַמיש. עס האָט זיך ניט גערעדט פון איבערזעצן די תורה אויף דער שפּראַך פון לאַנד, וואָס די יידן האָבן גערעדט. פאַרקערט, איז די איבערזעצונג פון דער תורה אויף גריכיש געווען פאַר זיי אַ מין שוידער, אַז זיי דערציילן, אין טאָג ווען די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש, האָט די ערד אויפגעציטערט. גאָר אַנדערש איז געווען זייער באַציִונג צו דער איבערזעצונג פון דער תורה אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אויף אַראַמיש. די איבערזעצונג, געשריבן מיט דעם זעלביקן יידישן אלף בית, דאַרף געלייענט ווערן „שנים מקרא ואחד תרגום״. ער איז כמעט אַזוי הייליק ווי דער אָריגינאַל. ער דרוקט זיך ביז היינט צוזאַמען מיט דעם אָריגינאַל, יידן זאָגן אים, הגם מען

רעדט שוין לאַנג ניט קיין אַראַמיש. זיי האָבן לגמרי ניט מורא געהאַט פֿאַר צוויי לשונות. דאָס זײַנען צוויי וואָס זײַנען איינס. נאָך מער האָבן זיי ניט מורא געהאַט צו זאָגן די קעגנערס, אַז די יידישקייט איז אויך אַ טאָפּעלע. אויף דער פֿראַגע וויפֿל תורות זײַנען דאָס פֿאַראַן בײַ יידן? האָבן זיי ניט מורא געהאַט צו זאָגן: צוויי — איינע אַ פֿיקסירטע (בכתב) און איינע — אומגעפֿורעמט אין פֿאָלקס מויל (בעל פה).

מיט דעם זעלביקן גאַנג ענטפֿערן אויך מיר הײַנט וויפֿל יידישע קולטורן האָבן מיר? — דריי. צוויי זײַנען אַלטע, שוין פֿיקסירטע, פֿון פֿריערדיקע תקופֿות, און איינע אַ לעבעדיקע, אין מויל פֿון פֿאָלק, אין זײַן שטייגער לעבן.

און פּונקט ווי זיי האָבן געפּסקנט אַ הלכה, אַז די פֿיקסירטע תורות פֿון די פֿריערדיקע תקופֿות דאַרף מען באַגרענעצן, פֿיקסירן די צאָל ספֿרים, ניט אַרײַננעמען מער, פּונקט ווי זיי האָבן געפּסקנט פֿאַר זייער צײַט, אַז דאָס וויכטיקסטע פֿאַר דעם לערנען איז דווקא דאָס וואָס איז נאָך ניט געפֿורעמט, ניט פֿיקסירט, אָט די יידישקייט (תורה) וואָס אין פֿאָלקס מויל, פּונקט אַזוי דאַרפֿן מיר אויך הײַנט פּסקענען, אַז די אַקטועלע יידישקייט, איז דאָס וואָס אין פֿאָלקס לעבן, אין זײַן מויל, און אין זײַן פֿירונג, אין שטייגער. די פֿריערדיקע וועלן זיך האַלטן אויב זיי וועלן אײַנגעפֿלאָכטן ווערן אין דער הײַנטיקער קולטור. דאָס איז דער כלל: דער נאָנטסטער נעכטן איז פֿריער פֿאַרן אייערנעכטן. דער שטייגער פֿון דעם נאָנטסטן נעכטן איז הײַנט די תורה. דורך אים אַסימילירט דער הײַנט אויך די פֿריערדיקע דורות און די פֿריערדיקע תורות.

ובכן לערנט אונדז די יידישע געשיכטע, אַז אָן דער פֿריערדיקער, שטעטלשער קולטור מיט איר לשון איז ניטאָ און עס קען ניט זײַן קיין נאַציאָנאַלע יידישע דערציִונג. דאָס איז דער פּסק פֿון דער געשיכטע. און אומעטום אין אַזוינע פֿאַלן איז „הלכה כגעשיכטע". זי פּסקנט.

און דער פּסק־הלכה וואָלט לאַנג מקוים געוואָרן אָן מחלוקות און אָן דיסקוסיעס. עס איז אָבער פֿאַראַן איין אַנדערשקייט וואָס אונדזער געשיכטע האָט פֿריער קיין מאָל ניט געהאַט: מיר האָבן גערעדט וועגן די פֿאָלקישע מאַסן, וואָס מיר האָבן איצט ניט. וואָלטן מיר געהאַט אַזוינע מאַסן יידן, וואָלט לאַנג די שפּראַכן־פֿראַגע געווען פֿאַרענטפֿערט. די צרה איז וואָס די עצם פֿאָלקישע מאַסן זײַנען איצט אויך נאָר אין געשיכטע. מיר דאַרפֿן איצט זאָגן „הלכה כגעשיכטע". ווי מיר האָבן געלעבט נעכטן, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט לעבעדיקע פֿאָלקישע מאַסן. און אין זייער שפּראַך, און אין זייער שטייגער איז געווען דער קוואַל פֿון שאַפֿן, דער „מקור מים חיים" ווי דער אמאָליקער נביא רופֿט עס אָן.

די יידישע רעליגיע און דער קיום פון פאָלק

מען לייגט ביי אונדז איצט אַ סך האָפענונגען אויף דער יידישער רעליגיע, אַז זי וועט אײַנהיטן דעם קיום האומה. זי האָט עס געהיט יידישקייט ביז איצט און זי וועט עס ווייטער אויך טאָן. אויך וועלטלעכע יידן, וואָס אַליין איז מען רעליגיעז ניט פרום, אפילו זיי פאַרלאָזן זיך אויף... ווילאַמסבורג וכדומה. איז אָבער דאָ גופא פאַראַן אַ פּלאָנטער.

קודם כל — עס איז זיך גוט אָנצושפּאַרן אויף אַ פעסטן מויער, עס איז אָבער גאָר ניט קיין חכמה זיך אָנצולענען אויף אַ ווענטל וואָס פאַלט אַליין איין. צוזאַמען מיטן אונטערגאַנג פון שטעטל איז אונטערגעגאַנגען דער יידישער שבת ווי אַן אינסטיטוציע פון נאַציאָנאַלן לעבן. דער קליינער טייל „שומרי שבת" זײַנען בלויז דער יוצא מן הכלל וואָס באַשטעטיקן דעם כלל. ניט דער יידישער שבת געשטאַלטיקט איצט דאָס לעבן פון יידן, נאָר דער פרעמדער זונטיק. עס איז ביי יידן אין אַמעריקע געוואָרן אַ מאָדע פון אונטערנעמונגען שבת צו נאַכט, מיטן אַלטן נאָמען פון „מלווה מלכה". כלומרשט באַגלייטן דאָס יידן אַרויס די מלכה־שבת. דאָס איז אָבער אַ בפירושער ליגן: עס איז ניט קיין געזעגענונג מיט דער מנוחה פון שבת, — עס איז גאָר פשוט אַ „קבלת זונטיק" — מען באַגעגנט דעם פרײַען זונטיק נאָך דעם וואָכעדיקן שבת.

אין אַמאָליקן שטעטל איז געווען אַ קבלת שבת, אין דעם אורבאַנישן לעבן איז עס אַ „קבלת זונטיק". אָן דעם שבת, אָן דעם יידישן יום טוב, אָן דעם יידישן לוח בכלל איז אָפּגעמעקט דער כוח פון דער יידישער רעליגיע. איך האָב געזען אין ניו יאָרק יום כיפור בײַ טאָג איז געשטאַנען אַן עולם, אַ גרויסער עולם יידן אין אַ ריי אַרײַנצוגיין אין אַ שול, דער רב מיטן חזן זאָלן אָפּזאָגן מיט זיי „יזכור", וואָס צו דעם האָבן זיי זיך באַפרייט אַ האַלבע שעה פון דער אַרבעט און גלייך נאָך דעם „יזכור־סערמאָן" דאַרפן זיי צוריק לויפן צו דער אַרבעט. דאָס איז געבליבן פון דעם גאַנצן יום כיפור, וואָס פלעגט אַ מאָל אַזוי דערציִען דורות יידן אויף אַ גאַנץ לעבן, און וואָס פון זײַן השפעה האָבן זיך ניט געקאָנט באַפרייען אפילו משומדים.

וועלן מיר איבעחזרן: פאָלק איז אַ ציבור מענטשן מיט איין אײַנגעשטעלטן, דורותדיק נאָרמירטן שטייגער לעבן. אָן דעם בלייבט רעליגיע אַ צוגאָב צום לעבן. נאָך קלערער — פאַראַן רעליגיעס ריין טעאָלאָגישע: זיי נאָרמירן די באַציִונג פון מענטשן צו גאָט, בין אדם למקום פלעגט מען דאָס רופן. דער גאַנצער שטייגער, די גאַנצע קולטור, דאָס גאַנצע לעבן האָט ניט קיין שייכות

צו דעם. עס קענען דאָך זײַן פאַרשײַדענע פעלקער מיט איין רעליגיע ווי מעקסיקאַנער, פּאָליאַקן, איטאַליענער און אַנדערע מיט גאָר פאַרשיידענע קולטורן, לשונות און שטייגערס. וואָס צו גאָט איז באַזונדער און וואָס צום פאָלק איז ווידער באַזונדער.

איז דאָך אָבער די יידישע רעליגיע גאָר ניט קיין טעאָלאָגישע. זי פאַרהייליקט די שטייגער־פאָרמען פון יידישן פאָלק, זי פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין גאָט־פּראָבלעמען, זי איז ניט אַ רעליגיע פון בין אדם למקום, נאָר פון „בין אדם לעמו" — אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע, לגמרי פון אַן אַנדער כאַראַקטער ווי אַנדערע רעליגיעס ביי די אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנער פעלקער. אין דעם מאָמענט ווי די יידישע רעליגיע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעאָלאָגישע, אין אַ גאָט־רעליגיע, הערט זי אויף צו האָבן אַ וואָסער עס איז השפעה אויפן קיום פון פאָלק. מען חזרט איבער אַן אויסדרוק פון דעם עקסטרעמען קעגנער פון יידיש־לשון, פּראָפ׳ ד״ר יוסף קלויזנער, וואָס זאָל האָבן געזאָגט וועגן די סאַברעס אין ארץ ישראל, אַז זיי זײַנען „גויים מדברים עברית". פּונקט אַזוי קענען זײַן „גויים וואָס דאַוונען עטלעכע מאָל אַ יאָר אין אַ יידישער סינאַגאָגע אָדער טעמפּל". פאַראַן אין מעקסיקע אַזוינע מעקסיקאַנער, וואָס האַלטן זיך פאַר יידן, וואָס היטן זייער יידישע רעליגיע. און זיי זײַנען פרימער, זיי וועלן שבת ניט אַרבעטן, קיין חזיר ניט עסן. און דאָך וויים איך ניט צי דער ראַבינאַט אין ירושלים וואָלט געגעבן איינעם פון זיי קדושין מיט א יידישער טאָכטער, בעת ער וואָלט עס זיכער יאָ געגעבן אַ יידישן בחור וואָס איז מחלל שבת מאונס אָדער מרצון, אפילו בפרהסיא.

און אַז מען רעדט פון יידישער רעליגיע, פרעגט זיך: וואָסער רעליגיע מיינט מען דאָס? — פון סאַטמאַרער אָדער פון ראַבײַ אײַזנדראַט? וויפל זײַנען זיי היינט פאַראַן די „יידישע רעליגיעס"? וואָסערע פון זיי איז עס מסוגל אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק? און די קעגנזײַטיקע שינאה וואָס הערשט צווישן זיי — זי קען געוויס ניט צונויפבינדן דאָס צעשאָטענע יידישע פאָלק אין איין גאַנצקייט.

וועט מען זאָגן, אַז מען מיינט באמת די יידישע רעליגיע פון יידישע טראַדיציעס. מען מיינט ניט די „אמונה צרופה" ווי עס פלעגן דאָס רופן די משכילים אַ מאָל, ניט די אַבסטראַקטע אידעען פון דער יידישער רעליגיע אין זייער ריינער טעאָרעטישער פאָרעם, נאָר מען מיינט טאַקע די רעליגיע פון שטייגער לעבן, פון מינהגים און פירונגען. מען מיינט די אָרטאָדאָקסישע יידישקייט ווי זי איז געבראַכט געוואָרן פון אונדזער נעכטן, פון די שטעטלעך.

בלייבט נאָך ווידער די אַלטע קשיא, וואָסער גרופּע איז דאָס, אַז זיי זײַנען צווישן זיך אַזוי צעקריגט און יעדע איינע איז מבטל די אַלע אַנדערע? און איטלעכע פירט אַ פּאָליטיק פאַר זיך, און אין דער מדינה האַנדלט מען און מען איז גרייט מוותר צו זײַן אויף גרויסע עבירות אויב נאָר מען וועט זיי געבן נאָך אַ מיניסטער־פּאָרטפעל וכדומה.

און ועל כולם די פרומע רבנים און כלי קודש בכלל, אַז זייער חיונה קומט בדרך כלל איבערהויפּט פון יידן וואָס זײַנען ניט קיין שומרי מצוות, וואָס זײַנען עובר אויף אַלערליי עבירות, אָבער... וואָס זאָל מען טאָן? דערפאַר היטן זיי — די כלי קודש — יאָ יידישקייט. קומט אַרויס, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט ווידער צעשפּאָלטן אויף צווייען, אַ נײַע שפּאַלטונג: עס זײַנען דאָ געוויינט־לעכע יידן, וואָס זײַנען ווי פּטור פון שולחן ערוך, און קליינע גרופּעס כלי קודש און מיטגלייער מיט זיי, וואָס פירן אַ יידישקייט לויטן שולחן ערוך. עס קומט אַרויס ווי עס איז פאַראַן בײַ קריסטן — דאָס געוויינטלעכע פאָלק און די מאָנכן, וואָס זיי לעבן טאַקע על פּי דין ודת. אַזאַ טאָפּעלע יידישקייט קען ניט דערציִען קיין איינהייטלעך פאָלק.

אָבער אונדזערע רעליגיעזע יידן האָבן אַ גרעסערן חטא: זיי גייען אין די וועגן פון ניטיידן און פרײַדיקן און לערנען נאָר וועגן גאָט און זײַנע מצוות, זײַנע פאַראָרדענונגען, זײַנע דינים און זײַנע עבירות... זיי מאַכן פון יידישקייט אַ רעליגיע בין אדם לאלוהיו. זיי זײַנען אָבער מזלזל, זיי זײַנען לגמרי מבטל דאָס פאָלק און דאָס פאָלקישע, די גאַנצע שעפערישקייט פון פאָלק, נאָך איידער עס איז פאַרהייליקט געוואָרן מיט דער קדושה פון דורות. מיר וועלן דאָ איבערחזרן, אַז יידישקייט איז אַ פאָלקס־רעליגיע. עס באַשטייט פון דעם וואָס שיידט אָפּ יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער. „בין ישראל לעמים הבדלת, הבדלת וקידשת את עמך ישראל“. אַלץ וואָס יידן טוען און אַלץ ווי יידן טוען ווײַל זיי זײַנען יידן און אַלץ וואָס און ווי זיי טוען כדי צו זײַן יידן, — אַל דאָס איז יידישקייט און עס איז הייליק בקדושתו של עם ישראל. דאָס לייקענען זיי — די אָרטאָדאָקסיע און זיי זײַנען כופרים, אויב ניט באלוהי ישראל, זײַנען זיי כופרים בעם ישראל, און איך ווייס ניט וואָסער כפירה איז ערגער, איז מער עבירה. מען האָדעוועט רבנים און ראַביים און מען גיט זיי סמיכה — גייט און פירט דאָס יידישע פאָלק אין יידישע דרכים, און מען פאַרלאַנגט ניט זיי זאָלן זײַן באַקאַנט און באַהאַוונט, זיי זאָלן ליב האָבן און טײַער האַלטן די גאַנצע קולטור שבעל פה פון יידישן פאָלק במשך פון זײַן גאַנצער לעצטער תקופה, מיט זיין קולטור שבעל פה, וואָס זי איז אין יידיש. ניט דאָס לשון זײַנען זיי מזלזל, באַליידיקן זיי, זײַנען

מבזה, נאָר דאָס יידישע פאָלק זײַנען זיי מבזה, באַליידיקן זיי. זיי האָבן אָפּ ייִדישקייט, שנײַדן אָפּ, עד כאן, ביז דעם שולחן ערוך מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, און וואָס ווייטער, דאָס איז בטל ומבוטל. מיר האָבן אין אָנהייב פון דער אַרבעט געזאָגט, אַז יידישע דערציִונג מוז פאַרמאָגן עלעמענטן פון אתה בחרתנו, און דאָס לגמרי ניט ווערבאַל בלויז, אָבער טאַקע אין תוך אַרײַן. אַזאַ דערציִונג מיינט צו מאַכן פון יידישקייט אַ כמו־קריסטלעכע רעליגיע, וואָס האָט ניט קיין שום אַכטונג צום יידישן פאָלק. אַזאַ דערציִונג האָט נאָר יידישקייט שבכתב און זי אָנערקענט ניט קיין יידישקייט שבעל פה. און מיט וואָס איז אָט די יידישקייט בעסער, יידישער ווי די אמאָליקע צדוקישע יידישקייט? אויך יענע האָט זיך שטאַרק געהאַלטן בײַ דער יידישקייט שבכתב פון זייער צײַט. אַזאַ רעליגיע, און אַזאַ דערציִונג וואָס איז מזלזל און מבטל דאָס פאָלקישע לעבן, אַזאַ דער־ציִונג קען ניט און וועט ניט קענען העלפן דעם קיום פון יידישן פאָלק. אַזאַ דערציִונג קען אפשר אַנטוויקלען אַ יידישקייט אַ פאָסילע, אָן אַ רוח חיים, אָן שעפערישקייט. אַזאַ פרומע יידישקייט איז געווען אין פראַנקפורט, אין עטלעכע ערטער אין אונגאַרן, אָבער קיין שום שעפערישקייט איז אין דער יידישקייט ניט געווען. אויך אין אַמעריקע גייט די אָרטאָדאָקסיע אויף אַן ענלעכן וועג. דאָס קען פאַרוואַנדלען יידן אין אַ מין רעליגיעזע סעקטע צווישן די אַנדערע פעלקער. אַ מין קאַראַימער.

און נאָך ערגער: מען לערנט די קומענדיקע רבנים און ראַביים, זיי זאָלן וויסן און קענען ליטעראַרישע שאַפונגען, פאַרצײַטיקע שריפטן, אַרכעאָלאָגישע אויסגעפינסן, זיי דאַרפן וויסן פון כאַמוראַביס געזעצן און פון תל אמאַרנער צעטלען, פון אַלטע מאַנוסקריפטן, פון חיוי הבלכים אפיקורסות און פון סעדיה גאָונס ענטפערס. אַלץ, זייער פײַן, זייער גוט. אוודאי דאַרף אַ גייסטיקער פירער פון יידן וויסן די פראָצעסן וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן. אָבער דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט און ניט אויפגעהערט צו שאַפן אויך מחוץ דעם שולחן ערוך און מחוץ אַלע אַרכעאָלאָגיעס וואָס דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג פאַרגעסן און וואָס האָבן בכן ניט געהאַט קיין דירעקטע השפעה אויף דעם פאָלקס לעבן. אַ בוים לעבט כל זמן ער שאַפט נײַע בלעטער און בלומען. אַ פאָלק לעבט כל זמן ער שאַפט נײַע ווערק און נײַע קולטור־שאַפונגען. לייקנט דאָס די אָרטאָדאָקסיע, לייקנט זי אין דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק. אין די לעצטע צוויי הונדערט, הונדערט פופציק יאָר איז געשאַפן געוואָרן אַ רײַכע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון די סאַמע טיפענישן פון יידישן לעבן. און די פירער און דערציִער פון יידישן פאָלק וויסן פון דעם ניט, מען לערנט

זיי ניט, מען דערציט זיי אין פאַראַכטונג צו דעם אַלעם... סײַדן אַ יידישער שרײַבער האָט געקראָגן סמיכה פון גויים. דעמאָלט וועט ער זײַן חשוב אויך ביי יידן. פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור וועל איך אָנרופן ווי אַ מוסטער נאָר עטלעכע שאַפונגען: די „גאָלדענע קייט" פון פרץ, „טביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם, לייוויקס „דער גולם", באַריישאָס „דער גייער". דאָס איז נאָר אַ מוסטער.

מען קען ניט זיין קיין יידישער פירער, קיין יידישער דערציִער, אפילו סתם אַ יידישער אינטעליגענט ווען מען קען ניט די ווערק אין אָריגינאַל. אַזוינע דערציִער און אַזוינע פירער פאַרמאָגן אין זיך אַ גרינגשעצונג צו יידישקייט, און זיי קענען בלויז אַנטוויקלען אין זייערע תלמידים און נאָכפאָלגער אַ האָס און ביטול צום יידישן פאָלק און צו זײַן קולטור.

אונדזער אָרטאָדאָקסיע וויל זיך האַלטן פאַר די יורשים און נאָכפאָלגער פון די פרושים, אָבער זיי גייען אין די וועגן פון די אַמאָליקע צדוקים. נוצנדיק אַן אַלטן אויסדרוק פון די תלמודיסטן טאָקע, קען מען זאָגן אויף דער הײַנטיקער אָרטאָדאָקסיע: עושים מעשי צדוקים ומבקשים שכר כפרושים.

בכן — ניט די יידישע רעליגיע ווי זי זעט אויס היינט ביי אַלע אונדזערע רעליגיעזע פאַרטייען און ריכטונגען קען אויפהאַלטן דעם קיום פון שעפערישן יידישן פאָלק, ניט אַזוי האָבן זיך געפירט די אַמאָלקע פרושים, וואָס האָבן וויכטיקער געמאַכט די „דברי סופרים" פון די „דברי תורה", מער געבויט אויף די שאַפונגען פון זייער אַקטועלן לעבן, פון זייער צייט אין דער שפּראַך פון פאָלק אין זייער צײַט. דער אַנטיפאָלקישער וועג אין קולטור און דערציִונג קען בלויז אַנטוויקלען אַ האָס און ביטול צו יידישקייט און צום יידישן פאָלק. עס קען ניט זײַן קיין אמת־יידישע קולטור און דערציִונג נאָר פון דער לאַנד־קולטור און פון אַלטער, סאַנקציאָנירטער רעליגיע אָן דעם וואָס איז אָנגעוואַקסן שפּעטער און נאָך ניט קאַנאָניזירט.

עס קען ניט זײַן און עס טאָר ניט זײַן קיין יידישע קולטור און דער־ציִונג אָן דער טויזנט יאָריקער שפּראַך פון יידישן שעפערישן פאָלק, ווען מען זאָל אפילו דאָס אַלץ איבערזעצן. מיר לײַדן אַזוי שטאַרק, אַזוי פיל פון דער עגאָפאָביע וואָס אַטראָפירט אונדזער ענערגיע, וואָס שאַפט אַזוי פיל קאָנ־פליקטן אין יעדער מאָדערנעם יידן, וואָס פאַרשקלאַפט אונדזער נשמה צו יעדער קליינער גוישקייט, צו פרעמדע אידעען און מיינונגען, וואָס שטעקט אין יידן אפילו מיט אַנטיסעמיטיזם אויך, וואָס טייט אָפּ אונדזער דענקען, אונדזערע אייגענע נאַציאָנאַלע געדאַנקען און אידעען, וואָס מאַכט פון אונדז קאָפּיר־

מאַלפּעס אין יעדעס לאַנד, וואָס געוווינט אונדז צו האָבן דרך ארץ פאַר אַלץ וואָס אַנדערע טוען און זאָגן, אַחוץ דעם וואָס מיר אַליין טוען און לערנען! — אָ, אין צייט פון אָט דער עגאָפּאָביע־קראַנקייט, קען די רעליגיע אין איר איצטיקן געשטאַלט ניט דערציען קיין שטאָלצע יידן, ניט אויסהיילן פון דער עגאָפּאָביע, ניט אַנטוויקלען קיין פעסטע יידן מיט אַ פעסטן יידישן כאַראַקטער און מיט אַ כוח בײַצושטיין קעגן שונאים פון דרויסן, ווען מען וועט דאַרפן, און קעגן שונאים פון אינעווייניק.

ניט אַזוי דאַרף מען האָדעווען און דערציען געזונטע יידן!

דווקא איצט איז עס געוואָרן אַ טענדענץ צו מאַכן פון יידישקייט אַ רעליגיע ענלעך צו די אַנדערע רעליגיעס. דאָס מיינט, ווי די מענטשן וואָלטן זיך דערקלערט, אַז לעולם זײַנען מיר אַמעריקאַנער ווי אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער ניט־יידן, די זעלביקע קולטור, אַלץ איינס. מער ניט וואָס עס קומט צו נאָך איין מין דאַוונהויז. עס זײַנען פאַראַן עטלעכע צענדליק פאַרשיידענע קלויסטערס, וועט זײַן נאָך איינער. נאָך איין סאָרט טעמפּל. ניט מער. אויסער די ווענט פון דעם טעמפּל איז מען נאָר אַמעריקאַנער. זיי זײַנען ניט קיין יידן נאָר „דזשודאַיסטן”, פּשוט גערעדט מיינט עס „גויים פון אַ דזשודאַיסטישן טעמפּל”. דאָס איז אַ מין „טרוקענער שמד”. מען פאַרשפּאָרט נאָר דאָס באַשפּריצן מיט קירכע־וואַסער. די דזשודאַיסטן האָבן זייערע ראַביים, אפשר אויך זייער פילאָסאָפיע, איך ווייס ניט. זיי זײַנען צעקריגט מיט דעם ציוניזם. ניט דערפאַר וואָס זיי האָבן מורא פאַר דער עמיגראַציע וואָס יידן וועלן פאַרלאָזן אַמעריקע. אָ, דערצו וואָלטן זיי גערן געהאָלפן. זיי ווילן אָבער ניט דעם ציוניזם, ווייל ער דערמאָנט אַז יידן זײַנען אַ באַזונדער פאָלק אויך אין אַמעריקע, ניט סתם אַ רעליגיע.

דאָס איז הײַנט דער ווייטסטער פּונקט וואָס צו אים איז דערגאַנגען דאָס אָפּטיילן די יידישע רעליגיע פון יידישקייט ווי אַ קולטור בכלל. הײַנט איז דאָס דער ווײַטסטער פּונקט. אין אַ דור אַרום וועט זײַן נאָך אַ ווײַטערער פּונקט — כרת — אָפּגעשניטן אין גאַנצן פון יידישן פאָלק, מיט דער רעליגיע צוזאַמען, אויס. יידישע פאָלקישקייט מיט איר קולטור האַלט אויף אויך די רעליגיע, אָבער פאַרקערט, די רעליגיע זאָל אויפהאַלטן דאָס יידישע פאָלק — דאָס איז ניט געווען און עס איז ניטאָ און עס וועט ניט זײַן.

און פון דער צווייטער זײַט קען אויך ניט טויגן אַזאַ דערציִונג וואָס מען רופט זי וועלטלעכע און זײַן איז זי אין גאַנצן אָן וואָרצלען אין פאָלק און זי האָט ניט קיין פעסטע אידעאָלאָגיע און קיין פעסטע פּראָגראַם און קיין

אינהאַלט. זי האָט זיך אַליין נאָך ניט אויפגעקלערט, זי האָט ניט פאַרשטאַנען צו זאָגן אַז וועלטלעכע יידישקייט איז די זעלביקע יידישקייט וואָס איז אויס־געוואַקסן אין שטעטל און מיר טײַטשן זי אויס אַז זי האָט זיך אַנטוויקלט אין פאָלק, אין זײַן לעבן און איז ניט געגעבן געוואָרן פאַרטיקערהייט. דאָס פאָלק זאָל עס היטן; ניט פון אַ גאָט אין הימל און ניט פון „בייזע און שלעכטע רבנים" וואָס ווילן הערשן איבערן פאָלק.

אמת־וועלטלעכע יידן האַלטן פון יידישע טראַדיציעס, פון יידישקייט ניט ווייניקער, נאָר זיי האַלטן עס און היטן עס צוליב זייער גלויבן אין פאָלק, אין זײַן געטלעכקייט, זיי זײַנען געטריי יידישקייט. זיי קענען און מעגן ניט גלייבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט, ווי עס ווערט דערציילט אין הייליקע ספרים, זיי מעגן ניט גלייבן אין גיהנום און גן עדן נאָכן טויט, זיי באַמיען זיך אָבער צו היטן די טראַדיציעס ווי געשאַפענע און אָפּגעהיטע דורך דעם באַליבטן פאָלק, אונדז איז ליב און טײַער דאָס פאָלקישע. מיר זעען אין דעם דעם גייסט פון פאָלק, וואָס איז פאַר אונדז געטלעך. למשל, אַ פרומער ייד עסט ניט קיין חזיר, דערפאַר ווײַל גאָט האָט עס געהייסן, ווײַל גאָט וועט שטראָפן דערפאַר אם ירצה השם. אַ וועלטלעכער ייד וואָס עסט יאָ חזיר האָט ניט קיין דרך ארץ פאַר זײַן פאָלק און פאַר דעם פאָלקס גייסט, פאַר דעם פאָלקס טראַדיציעס. אַ וועלטלעכער ייד פאַסט יום כיפור, כדי זיך צו אידענטיפיצירן מיט זײַן פאָלק און מיט דעם פאָלקס דורות. וועלטלעכע יידישקייט איז ניט קיין אַנדערע, זי איז די זעלביקע יידישקייט, נאָר זי איז אַנדערש אויפגענומען, אַנדערש דערקלערט. די אַמאָליקע יום כיפור־בעלער זײַנען אַ דירעקטע באַליידיקונג ניט פון יידישן גאָט, נאָר פון דעם יידישן פאָלק. וועלטלעכע יידישקייט קען מבטל מאַכן אַלערליי קליינע, קנאַפּוויכטיקע טראַדיציעס ווי דאָס טוען און האָבן געטאָן אַ סך גלויביקע אין אַלע דורות. וועלטלעכע יידן גלייבן אויך אין אַ גאָט, אָבער אין דעם יידישן גאָט, וואָס ער איז אידענטיש מיט דעם ספּעצ־יפישן גײַסט פון יידישן פאָלק, מיט די באַגריפן וועגן וועלט און גאָט, וואָס האָבן זיך אויסגעאַרבעט אין יידישן פאָלק אומאָפּהענגיק פון אַנדערע פעלקער און פון זייערע גאָט־באַגריפן. דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק האָט אַזוי ענג פאַרבונדן די באַגריפן פון גאָט, קאָסמאָס, גאָט און וועלט, אַז דאָס אָפּשוואַכן יידישקייט מיינט איינצייטיק אָרעמער מאַכן גאָט (תענית ז׳ ב׳; איכה רבה פ״א ל״ד און נאָך), אַז דאָס זוכן אַ פּערזענלעכן גאָט איז פשוט ניט יידיש. דאָס איז נאָכגעמאַכט אַנדערע. די וועלטלעכקייט וואָס האָט אָפּגעוואָרפן יידיש־קייט און ניט געשאַפן קיין אייגענע טעאָרעטישע אָנערקענונג פון דער היס־

טאָרישער יידישקייט לויט אַ וועלטבאַנעם אָן נסים, אַ ריין נאַטירלעכע אַנט־וויקלונג פון פאָלקישן גייסט, אַזאַ וועלטלעכקייט איז סתם הפקרות. די יידישע רעליגיע ווי אַ פאַרגעטלעכונג פון יידישקייט אין איר אַנטוויקלונג איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער יידישער פאַרמעגן און קיין שום וועלטלעכער טאָר עס ניט מזלזל זײַן. עס דאַרף נאָר קלאָר זײַן: אַ מענטש דאַרף האָבן גאָט אין האַרצן מער ווי אין הימל. עס איז וויכטיק דער „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ אָבער וויכטיקער איז דער שיויתי ה׳ בקרבי תמיד. אין דערציִונג אין דער „לנגדי״ אַ פריערדיקע מדרגה ווי דער „בקרבי״. עס איז זייער שווער צו האָפן אַז אַ מענטש וואָס האָט אין קינדהייט ניט געהאַט קיין גאָט אין הימל זאָל דער־וואַקסענערהייט האָבן אַ גאָט אין האַרצן. עס איז אויך נאַטירלעך, אַז יעדער מענטש זאָל אין זײַן אינדיווידועלער אַנטוויקלונג דורכמאַכן די מדרגה וואָס עס האָט דורגעמאַכט דאָס גאַנצע פאָלק, איז עס אַ סך געזינטער פאַר דער מענטשהייט, קינדער זאָלן האָבן אַ גאָט אין הימל, איידער זיי זאָלן זיין „וועלט־לעך״ פון אָנהייב אָן, אָן אַ גאָט בכלל. קען זײַן אַז ביי אַ קינדהייט מיט אַ גאָט, וואָלטן שפּעטער יוגנטלעכע געווען אויך געצאַמטער, און אפשר וואָלט די פּראָבלעם וועגן קינדער פאַרברעכערישקייט געווען אַ סך קלענער.

און בכן — קומען מיר צום אויספיר: די רעליגיע ווי זי איז געפורעמט הײַנט אין די אַמעריקעס, למשל, קען ניט זײַן קיין באַוואָרעניש פאַרן קיום פון פאָלק. די וועלטלעכקייט אָן אַ פּאָזיטיווער פּראָגראַם קען דאָס זיכער ניט. ניט דאָ און ניט דאָ איז ניטאָ די קולטור־צירקולאַציע וואָס זי איז דאָס לעבן פון אַ פאָלק. דאָס שליסט לגמרי ניט אויס קיין דערציִונג מיט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער אין קינדהייט. דער רעליגיעזער געפיל און די רעליגיעזע איבער־לעבונגען זיינען פאַר זיך גאָר שטאַרק וויכטיק, זיי דערהייבן דעם מענטשן, אַ שטאַרק אַנטוויקעלטער רעליגיעזער געפיל צו דער נאַטור, צום אַרום איז בכוח אויפצוהייבן דעם מענטשן פון אַ סך נידריקע, חייהשע דראַנגען, קען העלפן זיך צו קאָנטראָלירן.

לערנען און מאָראַל

אונדזער טראַדיציע האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף דער מאָראַל פון לערער און פון די לערנערס. און דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די צילן פון דעם לערנען. מיינט מען אַז דאָס וויסן איז דער ציל פון לערנען איז דאָך קיין אונטערשייד צי דער לערער איז געווען מאָראַליש, צי די תלמידים זײַנען

מאָראַליש אָדער ניט. דער עיקר איז צו פאַרשפּרייטן דאָס וויסן און עס אויס־צונוצן פאַר דעם מענטשן, פאַר דער מענטשהייט, פאַר דעם פּראַקטישן לעבן. וואָס קען עס ווענמען אָנגיין צי די חרטומים אין מצרים וואָס זײַנען געווען בריות צו שאַפן די זעלביקע נסים וואָס משה, צי זיי זײַנען געווען צדיקים אָדער רשעים? אָדער צי איז די וויסנשאַפט פון די דײַטשן הײַנט כשר אָדער טריף, ווײַל זיי זענען געווען „היטלערס פּראָפעסאָרן״? דער ציל פון וויסן איז וויסן און מער ניט.

אַנדערש איז אָבער געווען בײַ אונדז. דער ציל פון לערנען איז געווען ניט דאָס וויסן, נאָר דער אויפפיר. דאָס לערנען האָט דאָך געדאַרפט פורעמען אַ פאָלק וואָס דאַרף לעבן און פירן אַ לעבן אָן אַ דרויסנדיקער דיסציפּלין, אין אַ וועלט וואָס איז אַ פרעמדע און אין אַט דער פרעמדער וועלט אײַנ־היטן און אײַנהאַלטן אָן אייגענעם שטייגער, וואָס איז אָפט גאָר ניט גרינג, וואָס פאַרלאַנגט אָפט גרויסע אָנשטרענגונגען, אפילו געטרייקייט ביז מסירות נפש. דער ציל פון לערנען איז געווען דאָך ניט באַקוועמער צו מאַכן דאָס לעבן פאַר דעם מענטשן, נאָר דעם מענטשן גופא צו מאַכן בעסער. דאָס לערנען האָט געדאַרפט שמידן די הלכה, אָבער דורכפירן די הלכה אין לעבן האָבן געדאַרפט די מענטשן גופא. האָבן דאָך די מענטשן דורך זייער לערנען און מעשים געדאַרפט ברענגען די „מלכות שדי״. און אַט די געטלעכקייט אין דער וועלט דאַרף דאָך באַשטיין ניט אין דעם אַז די זון־שטראַלן זאָלן פּוצן די שטיוול (פּרץ), נאָר אַז די מענטשן אַליין זאָלן אין זייער לעבן און פירונג זיין ווי געטלעך. דערפאַר איז די מאָראַל פון דעם לערער און פון די לערנערס געווען ניט אין פאַרגלייך וויכטיקער. דאָס עצם וואָרט תורה באַטייט דאָך בראשיתדיק אָנווייזונג, פירונג. פאַראַן אין תלמוד ערטער וואָס זאָגן אָפן, אַז תורה אָן יראת שמים איז שעדלעך (יומא ע״ב ב׳), אַז תורה קען אַ מאָל ווערן אַ סם פון טויט (דאָרטן). מיר האָבן געהאַט טראַגישע געלעגנהייטן צו זען ווי וויסן אָן מאָראַל, אָן „יראת שמים״ קען זיין רוצחיש און קען אומברענגען אויך די גאַנצע וועלט. מען טאָר גאָר ניט לערנען תורה ביי אַ מענטשן וואָס איז אין זײַן פירונג ניט ווי אַ מלאך (מועד קטן י״ז א׳). קודם כל דאַרף ער, דער לערער און דער תלמיד — זײַן אויפריכטיקע מענטשן (תוכו כברו). אַ מענטש מיט אַ סך תורה אָבער מיט ניט גוטן אויפפיר איז ווי אַ פערד אָן אַ צאַם (אבות דר׳ נ׳, כ״ד. זען דעם גאַנצן פּרק). הײַנט לערנען מיט תלמידים וואָס זײַנען ניט גענוג אָנשטענדיק איז גאָר אַן עבירה, ווי דינען עבודה זרה (חולין קל״ג א׳). עס איז אפילו געווען, אַז ר׳ גמליאל האָט פאַרבאָטן אַרײַנצונעמען אין

בית מדרש תלמידים וואָס זײַנען ניט „תוכו כברו" (ניט געגוג אויפריכטיק). האָט זיך אין דער נײַעסטער צײַט אַנטוויקלט ביי יידן אפילו אַ באַזונדערע שיטה אין לערנען מוסר — מאָראַל. און ניט סתם לערנען, וויסן כללים, אַ מין קאַטע־כיזם, נאָר טאָקע טאָג אײַן און טאָג אויס צו לעבן לויט די מאָראַלישע כללים, איינגעוווינען זיך אין דעם מאָראַלישן לעבן. שלעכט איז אַן עם הארץ, אָבער ניט אין פאַרגלייך ערגער איז דער וואָס וויס יאָ און פירט זיך אויף ניט מאָ־ראַליש. פון עמאָרצישן שטייגער וואַקסט אַרויס תורה. עס שטייט בפירוש „הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תצא תורה" (סנהדרין צ"ו א'). אָבער אַזאַ אוממאָראַלישער וויסער — ער קען ברענגען שאָדן, ער קען די תורה אויסנוצן פאַר זײַן רשעות. דער „תכלית חכמה איז דאָך תשובה און מעשים טובים" (ברכות י"ז א').

די היינטיקע וועלט האָט איבערגעלעבט צוויי וועלט־מלחמות אין איין דור, „קליינע" מלחמות מיט גרויסע רציחות הערן ניט אויף אויף קיין טאָג, די סכנה פון אַטאָמישן חורבן האַלט זיך אויף אַ דין הערל. די וועלט האָט שטאַרק פּראָגרעסירט אין וויסן און אין טעכניק, און גאָר שטאַרק געפאַלן אין מאָראַל. די גאַנצע וועלט איז איצט באַוואָפנט פון די טיפסטע טיפן אין די ימים און ביז די העכסטע הייכן פון קאָסמאָס. און „עס בייסן זיך די הענט" ביי די וואָס האַלטן דאָס געווער. דער טײַוול אין מענטשן איז אויסגעוואַקסן, און דער מענטש אין מענטשן איז געפאַלן. ווער ווײס ווי ווײַט דאָס פאַלן קען דערגיין?

און מיר יידן זײַנען פון אייביק אַן אַ שוואַך פאָלק. מיר האָבן אַ סך מאָל אין דער געשיכטע באַוויזן גבורה און העלדישקייט. אָבער גוט איז דעם שטאַרקן וואָס דאַרף גאָרניט אָנווענדן זײַן שטאַרקייט כדי צו זײַן שטאַרק. שלעכט איז דעם שוואַכן מיט אַלע זײַנע גבורות. זוכן מיר אַלע מאָל שוץ אין דער מאָראַל. אַ שעפּס איז מאָראַלישער פון אַ וואָלף. און מיר זײַנען שוין פון די נביאים אָן פאַרגליכן צו אַ שאָף. איז בײַ אונדז די מאָראַל געוואָרן וויכטיקער פון דעם עצם גלויבן. איז יידישקייט אָפט געוואָרן אַ סינאָנים פון מאָראַל. אַז מען פלעגט מוסרן אַ יידן, פלעגט מען זאָגן: „איר דאַרפט דאָך האָבן יהדות" (יידישקייט). אַ ייד אָן מאָראַל איז גאָר אַ ספק צי זײַנען זײַנע עלטערן געשטאַנען ביים באַרג סיני (רמב"ם). אונדזער אוראַלטער טיטול איז „רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים", אָדער „רחמנים בני רחמנים". האָט זיך דאָך אונדזער גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט געהאַלטן אויף צדקה, אויף פרײַוויליקע באַשטייערונגען. און בײַ הײַנטיקן טאָג, בײַ דער שרעקלעך־אָפּגעשוואַכטער יידישקייט בכלל, איז דאָך פאָרט צדקה אָנגענומען אין גראַנדיעזע מאָסשטאַבן.

אָבער דאָך איז מיטן אונטערגאַנג פון אונדזער שטעטל געפאַלן די מאָ־ראַל. בכלל איז אין אַ גרויסער שטאָט די מאָראַל נידעריקער, ווי אין אַ קלײנער שטאָט, ווו יעדערער קען אַלעמען און אַלע קענען יעדערן. אין אימיגראַציע איז אויך די מאָראַל שוואַכער, עס פעלן די אײַנגעשטעלטע נאָרמען פון דורות, עס שטאַרקט זיך דער עגאָיזם, עס פאַלט די אויפריכטיקייט פון מענטשן, די אַלטע נאָרמען זײַנען פאַרוואָרפן, די נײַע זײַנען בלויז פון דרויסן. אָפט קומען די רייד ניט פון האַרצן נאָר פאַרקערט, כדי צו פאַרדעקן די טיפערע כוונות. עס איז אַ ווייטאָג צו זאָגן, אָבער „אָן אמת מעג מען (און מען מוז!) זאָגן אפילו אויף אָן אייגענעם טאַטן". דאַרף מען מודה זײַן, אַז אונדזער יידישע מאָראַל איז בכלל אַ יורד. און דערפאַר דאַרף די דערציִונג שטעלן די מאָראַל העכער פון לערנען, העכער פון וויסן. מיר זײַנען אין אונדזער גאַנץ לעבן איצט אַנ־דערש ווי אַמאָל. אין שטעטל האָבן יידן דאָך אין אמתן ניט געלעבט אין קיין מינדערהייטן. סטאַטיסטיש זײַנען מיר געווען מינדערהײַטן, יורידיש זײַנען מיר געווען אָפּגעזונדערט, מאַכטלאָז. אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז יעדער ייד געווען באַר צווישן יידן. האָט אַ ייד געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן און ניט קענען ריידן מיט אַ גוי. פאַרקערט, די גויים וואָס האָבן געלעבט אין שטעטל, זיי זײַנען געווען אַ מינדערהייט, זיי האָבן גערעדט יידיש, געמוזט זיך רעכענען מיט יידישע יום טובים. יידן האָבן זיך אין שטעטל געפילט און געפירט ווי אַ מערהייט. האָבן יחיאל האָפּערס טיפּן געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן אין וואַרשע, און ניט האָבן געטראָפן אַ גוי אין לעבן. איז במילא דער ייד געווען אַ דורכויסיקער ייד, „וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר, אָבער יידן זײַנען מיר" — אַ ייד צווישן יידן. אָן קיינע באַזונדערע צופּאַסונגען. איצט אָבער לעבט דאָך יעדער ייד באַזונדער אין אַ מינדערהייט און ער מוז זיך תמיד צופּאַסן צו דער מערהייט וואָס אַרום. און יעדע צופּאַסונג איז שוין געמאַכט, ניט פון דער נאַטור, ניט פון די דורות. דאָ הייבט זיך אָן די אומעכטקייט פון דעם יידישן טיפּ, עס גייט אַריבער אין אַן אומאויפריכטיקייט. שווער צו געפינען אַ יידן, וואָס זאָל ניט זיין אין קאָנפליקטן מיט זיך, מיט דער סביבה מיט דער גאַנצער וועלט. אַ רב וואָס ציט חיונה פון אַן עולם מחללי שבת בפרהסיא און ער מוז שווײַגן, ער בלײַבט שבת נאָכן דאַווענען אין שול, כדי ניט צו זען ווי זײַנע מתפללים פאָרן אָפּ אין זייערע אויטאָמאָבילן. אַ העברעיִסט וואָס רעדט מיט דער ווייב ענגליש און פּראָפּאַגאַנדירט עברית, אַ יידישיסט, אַן אָרטאָדאָקסישער גבאי וואָס אײַלט זיך צו מאַכן דעם שבתדיקן דאַווענען וואָס גיכער, ווײַל ער דאַרף לויפן אין געשעפט אַרײַן, אַ משגיח וואָס דאַרף אָפט פאַרמאַכן די אויגן אויף

אַ סך זאַכן בנוגע כשרות. און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. מען קען געפינען אַן אַ שיעור אַזוינע דיסאַנאַנסן צווישן וואָרט און טאַט בײַ ציוניסטן פון אַלע ריכ־טונגען. עס פעלט ניט אין יידישן לעבן. עס דערקלערט מיר אַ פרומער וויסנ־שאַפטלער אַז ווען ער האַלט דעם חומש פאַרגעסט ער זײַן געאָלאָגיש וויסן וועגן דער ערד, און ווען ער שטודירט געשיכטלעכע געאָלאָגיע, פאַרגעסט ער דעם חומש. און ער וויל איך זאָל אים גלייבן אַז ער האָט אַזאַ סעלעקטיוון זיכ־רון. עס דערקלערט אַ לערער זײַנע תלמידים אַז די חשמונאים האָבן זיך אויפ־געדעגט צוליב דעם חזיר־קרבן, אַז מען טאָר ניט פאָרן אום שבת און כדומה, אָבער ער אַלײַן טוט עס אַלץ, יידן מחללי שבת שיקן די קינדער אין פרומע שולן... אַן אַ שיעור אומאויפריכטיקייט אין לעבן. און דאָס דערציט און אַזוי ניט אמתדיק איז דאָס גאַנצע לעבן הן פון דעם פרומען און הן פון דעם ניט פרומען, הן פון דעם אַסימילירטן און הן פון דעם ניט־אַסימילירטן. עס איז ניטאָ קיין האַרמאָניע צווישן דעם לעבן און טעאָריע. פלעגן תלמידים שרײַבן „גוטע" אַרבעטן וועגן דער וויכטיקייט פון יידיש־לשון, אָבער זיי פלעגן זיך וואונדערן פאַר וואָס איך נעם ניט אָן די אַרבעטן כל זמן זיי אַליין היטן ניט אָפּ דאָס וואָס זיי שרייבן. ביז עס דערגייט צו דער באַרימטער ליגנערישער פראַזע „אַז מען איז שטאָלץ צו זײַן אַ ייד" און נאָך און נאָך. זינגען רײַך געוואָרענע יידישע סאָציאַליסטן מיט פאַרגלאָצטע אויגן „ברידער און שוועסטער פון אַר־בעט און נויט", פּראָטעסטירן יידן קעגן רוסלאַנד וואָס זי אונטערדריקט יידישע קולטור, און די פּראָטעסטירער אַליין באַהאַנדלען די יידישע קולטור ניט בעסער.

דער חדר, די ישיבה האָבן ניט געהאַט די צעשפּאָלטנקייט. עס איז געווען איין גאַנצקייט — די היים און דער חדר, די גאַס און דער בית מדרש — אַלץ האָט גערעדט און געטאָן, געלערנט און געפירט זיך אין אוניסאָן, דאָס וואָרט און דער טאַט, דער אומר און דער עושה, האָבן אַלע מאָל געשטימט. דערפאַר איז מען אויך געוואַקסן גאַנצער, מאָניסטישער, אויפריכטיקער, מען איז געווען עכטער. דערפאַר איז אויך געווען מער מזל ברכה אין דעם לערנען, ריכטיקער, אויך אַן דעם לערנען פלעגט די סביבה אַליין דערציען יידן און געטרייע יידן אויף אַ גאַנץ לעבן. איין מאָל אַ ייד — אַ גאַנץ לעבן אַ ייד. דאָס געלערנטע פאַרגעסט מען, דאָס אײַנגעלעבטע — פאַרגעסט מען ניט, קיין מאָל ניט. דערפאַר האָבן יידן וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ קינדהייט אין אַזאַ מאָניזם געקאָנט בלייבן געטרייע יידן אפילו ווען זיי איז אויסגעקומען נאָך דעם צו לעבן אַ גאַנץ לעבן ווײַט פון יידן און פרעמד פון יידן. די נײַע יידישע

שולן קענען זיך קיינע ניט באַרימען מיט אַזאַ השפעה אויף אַ גאַנץ לעבן. דאָס איז ניט ווײַל דער חדר האָט געהאַט אַ בעסערע דידאַקטיק, פונקט פאַרקערט, האָט דער חדר געהאַט גאָר ניט קיין גוטע דידאַקטיק. אָבער ניט די דידאַקטיק האָט געלערנט, ניט דער חדר בכלל האָט דערצויגן יידן, — די יידישע אויטאָנאָמע סביבה, די אויסגעהאַלטענע יידישע היים, די שבתדיקע גאַס פון שטעטל האָט משפּיע געווען, מען האָט גאָרניט געדאַרפט לערנען וועגן שבת, וועגן כשרות, וועגן יידיש לשון און וועגן יידישקייט. דער עצם מענטש אין דעם יידן איז געווען מאַניסטישער, אויפריכטיקער. דאָס איז געווען דער כוח פון דער יידישער אויטאָנאָמיע.

זי האָט געקאָסט זייער טייער, יעדער ייד האָט געצאָלט פאַר דער אויטאָנאָמיע מיט צרות, מיט אויסנאַם־געזעצן, מיט גזרות רעות, מיט פּאָגראָמען, אָבער דער טיפּ ייד איז געווען גאַנצער און אמתדיקער, אויפריכטיקער און זײַן קולטור מיט דעם שטייגער גאַנצער, אויסגעהאַלטענער, אָרגאַנישער. דאָס אַלץ האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרלירן מיט דעם אָנהייב פון אורבאַניזאַציע, און דער פולער חורבן איז אונדז געבראַכט געוואָרן דורך דער ציוויליזירטער מאָראַל פון דעם פאָלק פון פּאָעטן און פילאָסאָפן מיט דער שטילשווײַגנדיקער הסכמה פון אַלע אַנדערע.

מיר האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף די צרות פון געטאָ, מיר האָבן אָבער זיך ניט אַרומגעזען וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן מיט דער אויטאָנאָמיע פון געטאָ. עס גייט ניט בלויז וועגן קולטור, עס איז ערגער מיט דעם עצם טיפּ פון דעם היינטיקן יידן.

עס דערציילט אַ גמרא: רב פּפּא פרעגט ביי אביי, ווי איז עס מעגלעך אַז אַ ייד זאָל ניט וויסן וואָס ער האָט געלערנט ביי זיין רבין? ענטפערט יענער, אַז דאָס איז מעגלעך ביי אַ יידן וואָס איז קינדוויז געווען געפאַנגען (שבועות ה׳ א׳). זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַז אַ ייד זאָל ניט וויסן. און געהאַנדלט האָט זיך דאָרטן ניט וועגן אַן אלף בית ענין, יאָ געלערנט, צי ניט געלערנט, אָבער אין יידישן לעבן איז עס דאָך געווען. עס ליגט אַ שטאָלץ אין דעם אָפּטן זאָץ, אַז „דאָס ווייס דאָך אפילו אַ בר בי רב (אַ חדר־ייִנגל)״, זיי האָבן געקאָנט מיטן גאַנצן הארצן גלייבן אַז „גירסא דינקותא״ (דאָס וואָרט וואָס מען האָט געלערנט קינדוויז) — לא משתכחה — דאָס פאַרגעסט זיך ניט. עס זײַנען געווען ניקאָלײַעווער סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אַרויסגעכאַפּט געוואָרן פון די היימען אין קינדהייט, אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן אין פלאָגן, קלעפּ צווישן גוים, און זיי האָבן אײַנגעהיט יידישקייט, אפילו אויב זיי האָבן כמעט ניט באַ־

ווײַזן צו לערנען אין חדר. דער סוד איז דאָ געלעגן ניט אין חדר, נאָר אין גאַנצקייט פון דער גאַנצער סביבה. צוליב דער סביבה האָט זיך אויך געדענקט דאָס געלערנטע. מיין פאָטער ע״ה פלעגט האָבן אַ ווערטל, אַז אין אַ שטוב פון תורה פאַרשפּאַרט מען צו לערנען. אגב, ווײַזט זיך דאָס אַרויס אין קינדער־עילויים. אייגנטלעך זײַנען דאָך אַלע אונדזערע שרײַבער געווען אַזוינע עילויים. עס באַרימט זיך אַ גמרא, אַז מען האָט געזוכט אין גאַנץ ארץ ישראל און ניט געפונען קיין קינד, וואָס זאָל ניט זײַן באַהאַוונט אין די דינים פון טומאה און טהרה (סנהדרין צ״ד ב׳). קלאָר, אַז דאָ איז זיכער געווען אַ גוזמא, ווייל עס דערציילט זיך דאָ אַז אויך די מיידלעך האָבן אַלע געוווּסט און זיי פלעגט מען דאָך ניט לערנען. דאָס איז געווען די השפעה דירעקט פון לעבן, פון דער גאַנצקייט.

אָבער פאַר אונדז דאָ איז ניט אַזוי וויכטיק דאָס וויסן, ווי די מאָראַלישע גאַנצקייט פון דעם מענטשן. צי גיבן מיר זיך אָפּ גענוג אַ חשבון פון אונדזער בסדרדיקער צעבראָכנקייט? ווי ווײַט מיר זײַנען צעשפּאָלטן קולטורעל און אידעאָלאָגיש און מאָראַליש, ווי ווײַט מיר זײַנען אַוועק פון דעם „וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר, אָבער יידן זײַנען מיר“, ווי ווײַט מיר זײַנען אַלע צעבראָכענע מענטשן, ווי אָפּט מיר זײַנען ניט וואָס מיר זײַנען, מיר שטעלן אָן אַ פּנים און מיר אַליין ווייסן ניט צי מיר זײַנען מיר; אויף וויפל אונדזער וואָרט איז באמת אונדזערס, פון גאַנצן האַרצן; אויף וויפל מיר זײַנען „תוכו כברו“ — דער אינעווייניק זאָל זײַן ווי דער דרויסן, דאָס האַרץ צוזאַמען מיטן מויל... ווי שווער עס איז אין אַזאַ לעבן צו דערציען טאַקע באמת אויפריכטיקע יידישע מענטשן... אויף וויפל מיר איז באַקאַנט אונדזער פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן, האָב איך נאָך ניט געטראָפן עפּעס אויף דער טעמע, און זי איז אַזוי וויכטיק! עס גייט דאָ ניט וועגן וויסן עטוואָס מער אָדער ווייניקער, — עס גייט וועגן דעם עצם כאַראַקטער פון דעם מענטשן אין דעם יידן. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט יידן וואָס ווייסן גאָרניט נאָר אויפריכטיקע זאָלן זיי זײַן מיט זיך, מיט זייער אויפפיר און מיט זייערע טראַדיציעס.

אָט פאַר וואָס דער מאָראַלישער פּרצוף פון די לערער איז איצט ביי אונדז אַזוי וויכטיק, וויכטיקער ווי ביי יעדער אַנדער פאָלק: די פּראָגראַמען לערנען אויס, זיי גיבן אַ באַשטימטן סכום וויסן כדי... כדי דאָס צו פאַרגעסן שפּעטער. דערציען אָבער דערציט די פּערזענלעכקייט, די פירונג און האַלטונג פון דעם לערער. און אויף דעם לייגט מען אַזוי ווייניק אַכט! עס זאָגן יידן: זאָל דאָס קינד וויסן, טאַקע פירן זיך אַזוי קענען מיר ניט, אָבער וויסן דאַרף

מען... און דאָס איז פאַרקערט, זייער שעדלעך: דאָס רופט אַרויס אַ ביטער געפיל פאַר דעם... ליגן, עס לערנט אויס צו פירן זיך ליגנעריש, יוצא צו זײַן מיט שיינע רייד. עס קען פירן צו גאָר טראַגישע אויספירן און האַנדלונגען.

דערציונג צו צוויי קולטורן

מיר איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו הערן ווי יידן־דערציער באַרימען זיך פאַר מאַכט־האָבער, אַז זיי דערציען גוטע יידן און גוטע מעקסיקאַנער... פלעג איך אַלע מאָל טראַכטן: זײַ זיי גאָט מוחל, וואָרעם זיי ווייסן ניט וואָס זיי ריידן! זיי באַגרײַפן ניט, זיי דערציען ניט דאָס און ניט דאָס, נאָר זיי צעציען און אַזוי ציענדיק צערייסן זיי די מאָראַלישע נשמה פון קינדער. אָדער... די תלמידים באַפרײַען זיך גאָר גיך פון דעם וויסן און פון דער מאָראַל וואָס די יידישע שול האָט זיי וועגן דעם דערציילט.

אויף וויפל עס איז שווער אין דואַליזם צו האָדעווען אַ מאָניסטישע פערזענלעכקייט, קען מען זען פון דעם פאַקט: דער חדר וואָס איז געווען גע־נוג אין דער אַטמאָספער און אין דער סביבה פון שטעטל, האָט אָנגעוואָרן זײַן ווערט באַלד ווי די שטעטלעך האָבן גענומען שיקן די ייִנגלעך נאָכן חדר אין ווילנע אַרײַן צו לערנען אָדער אין אַ ישיבה אָדער אַ מלאכה אין דער פראָ־פעסיאָנעלער שול „הילף דורך אַרבעט". נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגן די עלטערן אין די קליינע שטעטלעך פון ווילנער געגנט זיך קלאָגן אַז די קינדער קומען אַהיים אויף יום טוב און זיי קענען גאָרניט. ניט צו גאָט און ניט צו לייט. ניט קיין פרשה חומש און ניט קיין אַדרעס קיין אַמעריקע... האָבן די יידן אַליין אין די שטעטלעך גענומען בויען שולן אָנשטאָט חדרים. גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זײַנען אין צוויי און צוואַנציק יידישע שטעטלעך אין ווילנער פּראָווינץ געווען שולן, אָבער ניט קיין איין חדר. די עלטערן האָבן געגלויבט אַז די שולן וועלן בעסער צוגרייטן „אי צו גאָט און אי צו לײַט". און ווילנע, די יידישע ווילנע, ירושלים דליטע, איז דאָך געווען ניט אין פאַרגלײַך נענטער צו דער יידישקייט אין שטעטל איידער עס איז די סביבה פון די היינטיקע שטעט אין אַמעריקע. מען קלאָגט זיך אָפט אויף די קנאַפע אויפטוען פון די יידישע שולן, פון אַלע טיפּן. מען זוכט כסדר „אויסצובעסערן" די פּראָגראַמען, אָבער די צרה איז לגמרי ניט אין די פּראָ־גראַמען, די צרה איז גאָר אין דער דיסטאַנץ צווישן וואָרט און טאַט, צווישן דעם וואָס מען לערנט און דעם וואָס מען טוט, ווי מען פירט זיך.

עס איז יאָ אויסגעקומען צו זען אַ דויערנדיקע השפּעה פון יחידים־לערער אויף זייערע תלמידים — אַ השפּעה וואָס איז געבליבן אויף לאַנגע יאָרן שפּעטער. אָבער אַלע מאָל זיינען דאָס געווען לערער — שלעכטע פּראָפעסיאָנאַלן און... משוגעים לדבר אחד. אַזוינע טיף גלויביקע נשמות, געטרייע לערער זײַנען איצט זייער ווייניק — די צייט איז ניט מסוגל עס זאָלן קומען אַזוינע.

פון דעם געזאָגטן קען מען קומען צו אַ פּעסעמיסטישן אויספיר, אַז עס איז בכלל ניט מעגלעך קיין אויפריכטיק־יידישע דערציִונג אין דער הײַנטיקער יידישער וועלט; מען קען ניט דערציִען איינצײַטיק צו צוויי קולטורן, ניט צו צוויי שפּראַכן און נאָך ווייניקער — צו צוויי קולטורן. וועט אָבער אויך אַזאַ אויספיר זײַן פאַלש: מיר ווייסן דאָך פון אַ סך יידן וואָס זײַנען זייער היימיש אויסגעבונדן אין צוויי און מער קולטורן, און אין דער זעלביקער צייט זײַנען זיי מאָניסטיש גאַנצע יידן, דאָס הייסט, אַז אַזאַ דערציִונג איז יאָ מעגלעך. מיר האָבן אין דער פריערדיקער תקופה אַזאַ דערשײַנונג געקאָנט זען זייער זעלטן, ווײַל זייער ווייניק יונגע מענטשן פון שטעטל האָבן זיך געקאָנט אַרויסרייסן פון שטעטל און זיך אײַנבירגערן אין אַנדערע קולטורן. אָבער עס זײַנען געווען אַזוינע. מיר האָבן אין דעם אַנהייב פון יאָרהונדערט געהאַט אַ גאַנץ היפּשע אינטעליגענץ אַזאַ, וואָס האָט באַוויזן זיך אײַנצובירגערן אין דער רוסישער קולטור און אַפילו אין אַ דריטער — אין אַמעריקאַנער שוין נאָך דעם. פון דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל פון די אַלע איז קענטיק איין זאַך: די צוויי קולטורן זײַנען ביי זיי ניט געקומען איינצײַטיק; זיי אַלע אויף וויפל איך האָב עס נאָכקאָנטראָלירט, האָבן זיך פריער אַרײַנגעלעבט אין דער יידישער סביבה און אין איר קולטור, שפּעטער איז מען אַריבער צו דער צווייטער. אויף דעם וועג האָבן זיי געקאָנט די צווייטע קולטור זייערע בהדרגה, ביסלעכווייז פאַרדייען אין זיך. זיי האָבן אַסימילירט די צווייטע קולטור אין דער ערשטער. אַ קליין קינד וואָס האָט זיך דערנערט צום אָנהייב אויף זײַן מוטערס מילך, זײַנע פאַרדײַונגס אָרגאַנען האָבן זיך פאַרפעסטיקט. איז אים נאָך דעם מעגלעך צו פאַרדײַען אויך אַנדערע פרעמדע שפּײַזן. דאָס זעלביקע געזעץ גילט אויך בנוגע צו קולטור־געוויקסן. פאַרזייען דאַרף מען „ווילדע" (דאָס הייסט — נאַטירלעכע) זאָמען. ערשט ווען די יונגע שפּראָצן האָבן שוין אַנטוויקלט אייגענע פעסטערע וואָרצלען, דאַרף מען דעמאָלט אַרויפגרעפטן די נייע, די צווייטע קולטור, די קולטור וואָס מען ווינטשט. אַזוי איז אויך מיט מענטשן. די ערשטע קולטור דאַרף אָבער זיין די דורותדיקע, פון אייגענעם פאָלק, פון זיין פאָלקס־טראַדיציעס. אָן דעם

איז אַ סכנה דער מענטש זאָל צעריסן ווערן פון זײַנע קאָנפליקטן, ער קען שוין ניט האָבן די מאָראַלישע גאַנצקייט און פעסטיקייט, ער איז ניט אײַנגעוואָרצלט, און ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם פרעמדן מעטער און ער מעסט כסדר זיך און אַנדערע מיט דעם פרעמדן מעטער, צי מען פּאַסט אָדער מען פּאַסט ניט. איינצײַטיק אײַנפלאַנצן אין צוויי קולטורן — אַזאַ דערשיינונג, האָב איך ניט באַמערקט. איינע פון די צוויי איז אַ פאַלשע, אַ געמאַכטע, ניט קיין אויפריכטיקע, און זי איז קיין מאָל ניט שעפעריש. אַ ייִד קען יאָ זײַן היימיש, אָרגאַניש אין די צוויי שפּראַכן — יידיש און העברעיִש, אויב ער האָט זיי געקראָגן ניט בלויז דורך דעם לערנען, נאָר צוזאַמען מיט די קולטורן, מיט דער קולטור בעל פה און מיט דער קולטור וואָס בכתב (יידיש בעל פה און העברעיִש בכתב), אָבער צוויי קולטורן — איך האָב נאָכגעזוכט און ניט געפונען. עס איז אָפט אַ רחמנות אויף אַ הײַנטיקן יידן, ער איז צעקריגט מיט זיך אַליין, אַ קאַץ יאָגט זיך נאָך דעם אייגענעם עק... עס זײַנען ניט גאַנץ מיט זיך די עלטערן, און אויך די לערער. עס טרעפט יאָ אַ מאָל אַז אַ לערערין האָט גאָר אַ פײַנע השפעה אויף די קליינע קינדער, אפילו אין קינדער־גאָרטן. אָבער די קינדער ווייסן ניט ווינסדיק, אַז עס איז בלויז אַ שפּיל אַזאַ. קינדער האָבן ליב צו שפּילן, זיך צו פאַרשטעלן און... אַז מען ווערט גרעסער וואַרפט מען עס אַלץ אַוועק... מען ווערט גרעסער, מען הייבט אָן זאָרגן וועגן אַ קאַריער אין לעבן ווערט מען ערנסט און מען וואַרפט אַוועק די שפּילערייען.

עס טרעפט אָבער אָפט אויך פאַרקערט, אַז דער יידישער לערער רופט אַרויס כעס, רופט אַרויס האַס, און דאָס געפיל טראָגט זיך אַריבער אויף אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם לערער, מיט זײַן לערנען. דער אַלגעמיינער לערער האָט ניט קיין ווירקונג אויף דעם געביט. קודם כל איז ער אַ פאַרשטייער פון דער גאַנצער מדינה מיט אירע געזעצן און מיט אירע אַלע פליכטן. הינטער דעם לערער שטייט די מדינה מיט אַלע אירע נאַרמעס. עס געפעלט, צי עס געפעלט ניט, אָבער מען מוז גיין אין שול, מען מוז טאָן די פליכטן וואָס דער לערער לייגט אַרויף. פאַרפאַלן! די שול איז ווי מיליטער־דינסט. מען קען זיך ניט אויסדרייען פון איר. די תורה וואָס דער לערער גיט, הערשט אין גאַנצן לעבן. קען דער לערער אפילו אַרויפצווינגען זײַן תורה.

גאָר אַנדערש איז עס מיט דעם יידישן לערער. סוף כל סוף איז ער מיט זײַן גאַנצער תורה, מיט דער גאַנצער יידישער שול דאָך ניט מער ווי אַ צוגאָב, אָפּהענגיק פון גוטן ווילן פון דעם תלמיד. אין לעבן האָט ער ניט קיין דירעקטע נוצן פון דעם וואָס דער יידישער לערער לערנט. צו דער קאַריער זײַנער דאַרף

ער עס אויך ניט, מיט דעם נחת רוח פון זיידע־באָבע צו הערן אַ יידיש וואָרט פון אַן אייניקל, דאַרף מען זיך אויך קנאַפּ וואָס רעכענען. קיין דירעקטן געבוס פון דער יידישער קולטור, קיין טיפע אינטערעסן האָט מען אויך ניט באַוויזן צו אַנטוויקלען. די געזעלשאַפט, די סביבה האָט אויך גאָר ניט פון דעם. די גאַסיקע פאַרוויילונג איז אַ פרעמדע, טאָ וואָס קען בלייבן פון דער גאַנצער יידישער שול אַחוץ דער עמאָציע? דער עמאָציאָנעלער זיכרון איז דאָך ניט אין פאַרגלייך שטאַרקער פון דעם אינטעלעקטועלן. דערפאַר דאַרפן די יידישע לערער זיין מיט „צען קעפּ" העכער פון די אַלגעמיינע. דערפאַר איז דער מאָ־ראַלישער פּרצוף פון דעם יידישן לערער ניט אין פאַרגלייך וויכטיקער. פון זיין מאָראַל הענגט אָפּ די גאַנצע יידישע דערציִונג וואָס די יידישע שול קען געבן. די מאָראַל פון דעם יידישן לערער איז ניט אין פאַרגלייך וויכטיקער ווי זיין תורה וואָס ער לערנט. די עמאָציאָנעלע באַציִונג פון דער יוגנט צו יידיש־קייט און צום יידישן פאָלק הענגט אָפּ פון דעם מאָראַל פון לערער. קיין מאָל אין אונדזער גאַנצער געשיכטע איז די מאָראַל פון לערער ניט געווען אַזוי וויכטיק ווי דאָס איז היינט. און אויב אין תלמוד איז מען אַזוי מקפיד אויף דעם, איז עס היינט על אחת כמה וכמה.

צווישן לערער און תלמיד

(דער מלמד און לערער)

אין פאַרבינדונג מיט דעם געזאָגטן איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַט דעם עלעמענט פון דערציִונג. פון דער השכלה אָן האָט זיך ביי אונדז איינגע־שטעלט אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן חדר. ניטאָ קיין ווערטער צו שילדערן ווי שלעכט דער חדר איז געווען! שמוץ און בלאָטע, און פינצטערקייט און רציחה און וואָס ניט? און יעדער רבי איז אָדער אַ גזלן, אַ מלאך־המוות, אָדער אַ שלימזל אַ פאַרזעעניש, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ער האָט אין זינען נאָר די „לאָקשן", דעם קאַנטשיק צו שמייסן און צו שלאָגן, אַן אמתער סאַדיסט, אַ רוצח. אַזוי האָט די ליטעראַטור באַשריבן דעם חדר, דעם „בית היוצר לנשמת האומה" אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער.

און די זעלביקע שרייבער, ווען זיי האָבן פאַרגעסן זייער משכילישע אויפ־גאַבע, און זיי האָבן גענומען באַשרייבן פאַקטן, זייערע אייגענע זיכרונות פון זייער קינדהייט, פון זייערע חדר־יאָרן, איז אַרויס עפּעס גאָר אַן אַנדער בילד.

איז מענדעלעס פּאַקטישער מלמד גאַר אַ קינסטלער, אַ מזג טוב, אַ גוטמוטיקער מענטש, פריינדלעך צו זיינע תלמידים און ער פירט זיי ווייט אַוועק אין שיינע פאַנטאַזיעס, אין אַ וועלט שכולו טוב. און די קינדער האָבן אים גאַר ליב! און זיי האָבן פאַר אים דרך ארץ, דאַנקבאַרקייט. האָבן די קינדער געהאַט אַ בעסערע, אַ שענערע וועלט ווי די וואָס קינדער זעען היינט אין די קינאָען, וואָס זיי הערן זיך אָן אין ראַדיאָ און אין טעלעוויזיע. געווען צווישן די מלמדים אַ סך גוטמוטיקע, פריינדלעכע מענטשן מיט אַ סך פריינדשאַפט און געטריי־שאַפט צו זייער אַרבעט, גוטע דערציילערס, מיט אַ סך פּעדאַגאָגישע אינ־טויציע, מיט אַ סך נשמה, וואָס זיי פלעגן אַריינלייגן אין אַ פּסוק פון חומש, פון תנ"ך, מיט אַ האַרציקן ניגון. איך געדענק אפילו אַ רבין וואָס פלעגט זומער פירן די קינדער זיך באָדן. פאַרקערט האָט דער חדר געהאַט אַ סך מעלות לגבי דער שול: איך וועל דאָ אויסרעכענען עטלעכע: קאָנצענטרירטע לימודים, ניט קיין סך לימודים איינצייטיק, זיינען די לימודים געווען בהדרגהדיק איינ־געשטעלט — דרדקי, חומש, גמרא. קורצע לעקציעס מיט קליינע גרופּעס, אָפטע הפסקות, ניטאָ קיין היים־אַרבעט, נאָך אַ טאָג לערנען אין שול, ניטאָ דער קאַליידאָסקאָפּ פון אַזוי פיל פאַרשיידענע לימודים, און דערביי איז דער חדר געווען אָן אַלגעמיינע אינסטיטוציע, אָבליגאַטאָריש, אָן געזעצן און אָן שטראָפן, ער איז ניט געווען אָפּהענגיק פון דעם גוטן ווילן פון די קינדער. די קינדער אין חדר האָבן געהאַט געגוג צייט צו קענען זיך שפּילן אין דרויסן (זומער!) און זייערע שפּילן זיינען געווען ניט אין פאַרגלייך שעפערישער. אַ גאַנצער פאָלקלאָר פון חדר! גאָרניט געיאָגט אין קאָרק ווי עס יאָגט און טרייבט די שול. און אַז די קינדער האָבן הפסקות, פריַע צייט, גיבן זיי דאָס אַוועק אויף אַזאַרט־שפּילן אָן שעפערישקייט. די שפּילערייען מיט די לימודים האָבן ניט קיין שום שייכות, צוויי וועלטן און די אַזאַרט־שפּילן שטויסן אַרויס די לימו־דים פון דעם אויפמערק פון די קינדער. די לימודים קענען ניט בלייבן אין זיכרון, גיכער קומט עס אויס פאַרקערט: די קינדער זיצן אין קלאַס אויף דער לעקציע, דער לערער דערקלערט, און די קינדער זיצן און טראַכטן וועגן זייער שפּיל אויף דער הפסקה, וואָס דער גלאָק האָט איבערגעריסן, און זיי וואַרטן וויפל דאַרף מען נאָך זיצן און זיך... נודען אויף דער לעקציע, וואָס דער לערער דרייט דאָרטן אַ קאָפּ... ניט געווען אין חדר אויך דאָס לערנען צוליב מיינונ־גען, וואָס מאַכט פון די עצם לימודים בלויז אַ מיטל, און פאַר זיך האָבן זיי גאָר ניט קיין זינען. אַז ניט די מיינונג, טאָ צו וואָס דער לימוד אין גאַנצן? דער פּראָצענט קינדער מיט אינטערעסן צו די עצם לימודים וואָס ווערן גע־

לערנט איז, מיר דוכט זיך, אין חדר געווען אַ סך גרעסער ווי ער איז אין שולן. אגב, האָבן דאָך די קינדער אין חדר ניט געהאַט די אָנצאָליקע זײַטיקע רייצן און צעשטרויונגען וואָס עס האָבן די קינדער אין אַ הײַנטיקער שטאָט. האָבן טאַקע די קינדער אין חדר מער זיך אויסגעלעבט מיט די לימודים, מיט די מעשיות פון רבין, מער געווען אַרײַנגעלעבט אין דער וועלט פון חדר, איידער דאָס איז אין די שולן. שלום עליכמס „גריגס אויף שבועות״, פייערבערגס „בײַנאַכט״, קענען דאָס באַשטעטיקן. אין חדר פלעגן זיך אַרויסווייזן „עילוים״ — קינדער וואָס זײַנען מיט לייב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין די לימודים און זיי יאָגן אַריבער אַלע זייערע חברים. קינדער פון אַכט — פון נײַן יאָר מיט אַ שלל בלאַט גמרא זײַנען גאָר ניט געווען קיין זעלטנקייט.

עס איז אין שולן פאַראַן אַ דערשײַנונג, וואָס קען אין פלוג אויסזען ווי אַ וווּנדער. קינדער וואָס זײַנען אין שול פאַררעכנט פאַר „ברילאַנטענע״ תלמידים און זיי קריגן אַלע מאָל די בעסטע מיינונגען, ווײַזן זיך נאָך דעם אַרויס אין לעבן פאַר גאַנץ מיטלמעסיקע מענטשן, פאַר אינטעלעקטועלע גאָרנישטן. און פאַרקערט זײַנען כמעט אַלע גאָר גרויסע גאונים, וואָס זייערע שאַפונגען האָבן איבערגעלעבט דורות, זיי זײַנען על פי רוב אין די שולן געווען פאַררעכנט פאַר גאָר שוואַכע תלמידים, פאַר פוילער, אָפּגעשטאַנענע. אין חדר, און איבערהויפּט אין ישיבה איז אַזוינס געווען פשוט אוממעגלעך. פשוט גערעדט, האָט אונדזער טראַדיציאָנעלע דערציִונג מער גערעדט צו דער נשמה פון קינדער, מער באַפרוכפּערט זייערע פעִיקייטן.

עס איז אמת, אַז אין חדר פלעגט מען שמייסן. געווען אויך בייזע מלמדים וואָס פלעגן זייער פאַרביטערטקייט אין פריוואַטן לעבן אויסלאָזן צו די קינדער. עס איז אמת, אַז אין חדר זײַנען געווען „לאַקשן״ צו שמייסן (און דווקא גאָרניט אין אַלע חדרים). אָבער קודם כל דאַרף מען די שמיץ ניט איבערטרייבן. געווען גאָר אַ סך מלמדים, וואָס האָבן זייער זעלטן זיך גענומען צום רימען, און זיי האָבן גערעדט דעם פאַרזאָג פון הלכה, אַז שלאָגן נאָר מיט ווייכן רימען און אָן כעס, אָן בייזקייט. און ווי איז דאָס פאַרקערט, אין די שולן? שלאָגט מען דאָרטן ניט? האָבן די שמיץ אין חדר געווירקט גאָר ניט אַזוי ווי מען באַשרייבט דאָ אין דער ליטעראַטור. אין חדר איז דאָס געווען אַ נאַרמע: אַ רבי דאַרף שמייסן. אַ נאָרמע קען ווי טאָן, אָבער זי באַליידיקט ניט, זי רעגט ניט אויף. אַז אַ יינגל פלעגט דערציילן דער מאַמען — דער רבי האָט אים געשמיסן, פלעגט די מאַמע זאָגן „געבענטשט זאָלן זײַן זײַנע הענט״: דאָס קינד האָט זיך ניט

געפילט באַליידיקט, מאָראַליש אָנגעגריפן פון דעם רבין. ניט דאָס קינד און ניט זײַן מאַמע.

גאָר אַנדערש איז עס אין שולן. ערשטנס זאָל ניט אויסגערעדט זײַן, שלאָגט מען אויך, די ווירע אין האַנט פון לערער און פון דירעקטאָר גיט אָפט אַ קלאַפּ, צי עס איז יאָ באַרמירט אָדער ניט. און אַחוץ אַ קלאַפּ האָט די שול נאָך אַלערליי שטראָפן און פאַראַן לערער וואָס זײַנען זייער דערפינדעריש אויף די געביטן. פאַראַן אויך לערער וואָס האָבן אַ בייז מויל צו שילטן און צו זידלען און צו שרעקן די תלמידים. און די קלאַסן זײַנען איבערגעפּאַקט, און די פּראָגראַם דריקט אויפן לערער ניט ווייניקער ווי אויף די תלמידים, און ליב האָבן זײַן אַרבעט האָט דער לערער אויך ניט מער ווי זײַנע תלמידים, איז מען פאַרביטערט, אויפגערעגט און דענערווירט, קען מען זיך ניט אײַנהאַלטן אפילו אויב מען טאָר ניט. די באַציִונג פון די קינדער איז אויך אָפט ניט אָן אַ ווילן צו טאָן צולהכעיס, פאַראַן קינדער וואָס מאַכן פון דעם גאָר אַ ספּאָרט — אויפרעגן דעם לערער, איבערהויפּט אַזאַ וואָס לאָזט זיך אויפרעגן, ווּעמען עס איז גרינג אויפצורעגן. קינדער פֿײַנען זיך גאָר דערמיט אויס פאַרן קלאַס. און פאַראַן קינדער סאַדיסטן, ניט ווייניקער ווי יענע מלמדים אין דער ליטעראַטור. פאַראַן קינדער אין יידישע שולן וואָס ווילן, וואָס באַמען זיך דער לערער זאָל זיי אַרויסטרײַבן פון קלאַס און בכלל אפשר פון שול: וועלן זיי פּטור ווערן אין גאַנצן פון די יידישע לימודים...

און עס טרעפט אַז דער גאַנצער קלאַס האָט הנאה פון דעם לערערס געררייצט־קייט און אויפגערעגטקייט. און דער לערער, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן? גיט ער אַ קלאַפּ, וואַרפט אַרויס פון קלאַס, ער באַליידיקט די קינדער מיט זידלערייען און אָפט אפילו זייערע עלטערן. די מאַמע דערוויסט זיך, זאָגט זי „אָפּדאַרן זאָלן אים די הענט" — שוין גאָר ניט אַזוי ווי אין חדר. זי קומט אין שול, גאָר ניט זעלטן ווערן סקאַנדאַלן... זאָל זיך אַזוי ניט טרעפן... און אָפט ענדיקט זיך דערמיט די גאַנצע יידישע דערציִונג. און ניט דווקא אַ קלאַפּ, אָפט איז גענוג אַ שלעכטע מיינונג: „אַז מײַן מאַן איז ניט קיין גבאי אין שול, דאַרף דער לערער שטעלן מיין קינד שלעכטע מיינונגען?" מאַלע, וויפל ענלעכע טענות פון מאַמעס עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אויף לערער. און דער יידישער לערער איז טאַקע דאָס כפרה־הינדל. עס פלעגט ניט זעלטן פאַסירן — עלטערן קומען זיך אָפּריידן פון האַרצן אויף דעם ניט יידישן לערער. איז דאָס אַלע מאָל מיט אַ מורא: נאָר חלילה דער לערער זאָל זיך ניט דערוויסן: ער וועט זיך אָפּרעכענען מיטן קינד, פאַר דעם אַלגעמיינעם לערער, בפרט, אויב ער איז נאָך דערצו אַ גוי, ניט קיין ייד, האָט מען דרך ארץ און מורא — הינטער אים

שטייט די מלוכה. פון אים קען זיך דאָס קינד ניט באַפרײַען. איז צו אים אַן אַנדער באַציִונג ווי פון די קינדער אַזוי אויך פון די עלטערן.

עס איז ניט קיין ספק אַז דער חדר האָט בדרך כלל ניט געלאָזן קיין שלעכטע זכרונות ביי די קינדער. דער מלמד אין חדר האָט על פי רוב ניט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ שלימזל וואָס האָט ניט געקאָנט מאַכן קיין לעבן. ער איז געווען אַ מין כלי קודש אין שטעטל. ער האָט געהאַט אמונה אין זײַן אַרבעט און האָט מורא געהאַט פאַר דעם „ארור" (פאַראַן אַ פסוק „ארור עושה מלאכת ה'רמיה", ירמיהו מח' י'. טײַטשט עס די טראַדיציע אויף מלמדים — פאַרשאָלטן איז דער רבי וואָס טוט זײַן לערערישע אַרבעט פאַלש). הייַנטיקע לערער האָבן ניט די אמונה אין דער געטלעכקייט פון זייער אַרבעט, זיי האָבן אָפט בכלל ניט קיין אמונה אין בלייבנדיקן ווערט פון זייער אַרבעט. ס'איז אַ שטעלע, דאַרף מען זי אָנהאַלטן. ניט איין מאָל האָט זיך געטראָפן: דו גייסט אַרײַן אין אַ קלאַס — איין קינד לייענט און דער לערער זיצט גאָר ביים טישל און ער שרײַבט... אַן אַרטיקל, ער טוט עפּעס, ער הערט אפילו ניט וואָס דאָס קינד לייענט; ער גיט די קינדער אַן אַרבעט צו שרײַבן פון ביכל, ער זאָל האָבן צייט פאַר עפּעס אַנדערש, לייענען אַ נאָוועל... „סײַ ווי איז דאָך די גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפן...". הײַנט האָט דער יידישער לערער צו פיל בעלי בתים, אַלע זאָגן דעות. איז אפשר וויכטיקער צו זוכן אַלע מיטלען ווי צו געפעלן ווערן די בעלי דעות איידער צו האָרעווען אין די קלאַסן? און די אַלע בעלי בתים און דעה־זאָגערס — זיי האָבן אויך זייער זינען: זיי וואַרטן אויף געצאָלט פאַר זייער אַרבעט, פאַר זייער זאָרגן. און וואָס קען די שול, דער יידישער לערער זיי געבן? אַ ביסל כבוד! דאַרף ער צוטראַכטן כיבודים. איז דאָך דאָס וויכטיקער ווי די אַרבעט אין די קלאַסן. די כיבודים האַלטן דאָך אויף די שול. אַן זיי בלײַבט דער לערער דאָך הענגען אין דער לופטן מיט זײַן חיונה. און אין די אויגן פון די בעלי בתים וואָס פאַר אַ פּנים האָט דער יידישער לערער? — אַ שלימזל וואָס לעבט אין אַמעריקע און ניט געקאָנט מאַכן די פאַר טולער... איז די באַציִונג צו אים טאַקע ווי צו אַ מין אָנגעשטעלטן אין אַ פריוואַטער פירמע. וואָס איז וויכטיקער — אַרבעטן אין שול, אָדער באַזאָרגן כיבודים פאַר די טוערס? דאָס צווייטע איז וויכטיקער. „די קינדער לערנען זיך דאָך סײַ ווי ניט אויס צו זײַן גוטע יידן, טאָ לאָמיר אַליין כאָטש הנאה האָבן פון דעם לערער"... אַזאַ פראַזע הערט מען אָפן ניט אָפט, אָבער זי ווערט געטראַכט אַ סך אָפטער. אַז מען לייענט די תהילות ותשבחות פאַר יעדער מעצענאַט און אפשר־מעצענאַט אין דער פרעסע ווערט קלאָר וואָס עס איז די טרייב־קראַפט פאַר דעם יידישן

דערציִונג־פּראָצעס אין אַמעריקע. מען זוכט דאָך איבערהויפּט מענטשן וואָס זאָלן זײַן גוטע נעמען און בילדער־צעפּויקער, וואָס זייער אָפּיציעלער נאָמען איז, פאַרשטייט זיך, אַ סך באַשיידענער... אַלץ צוזאַמען: די יידישע דערציִונג אַ צוגאָב אפילו אין די גאַנץ־טאָגיקע שולן, אַ צוגאָב אָן אַ פּראַקטישן נוץ, אָן אַ קאַריער, די געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס פאָדערן עולם הזהדיקע אָפּצאָל, אָנשטאָט עולם הבא, ווי אַ מאָל אין שטעטל, יונג און אַלט זוכט אין דער אַרבעט פּראַקטישע נוצן, ניטאָ קיין לערנען „לשמה", אָן פּראַקטישע צילן; די וועלט אַרום איז פול מיט אינטערעסאַנטע, קיצלדיקע זאַכן, פאַרווײַלונגען אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג; די שולן זײַנען אומעטיק, נודנע. איז נאָך די אַלגעמיינע שול אַ מוז, פּראַקטיש קען מען אָן איר פּאַפּירל ניט אַרײַנגיין אין לעבן, אָבער די יידישע שול, דער יידישער לערער! אַן אָנשיקעניש! סײַדן ער איז טאָקע „מיט צען קעפּ".

הײַנט די קינדערשע פאַרברעכערישקייט אין דער וועלט בכלל; די גײַסטיקע צערודערונג, די פּרעסע, די ראַדיאָ און טעלעוויזיע רייצן; אַרגיעס, סעקס און מאָרד. איז עס טאַקע אַ וווּנדער און אַ גרויסער טויפטו פון די יידישע שולן, וואָס האַלטן איין און וואָס הייבן יאָ אויף די מאָראַל פון דער יידישער יוגנט.

עס וואָלט געקאָנט זײַן גאָר אַנדערש ווען באַוווּסטזיניקע יידישע עלטערן אָרדענען זיך איין ניט בלויז אַ שול, ווי אַ צוגאָב, נאָר אַ סביבה, אַ ראַיאָן, אַ געגנט, אַ גאַס טאָקע מיט אַן אייגענער יידישער סביבה, מיט אַ באַשטימטן קאָנטראָל פון דער גאַסיקער טומלדיקער פאַרווײַלונג, מיט אַ פאַרזיכיקן כאַראַק־טער פון שטייגער אין דער סביבה, מיט אַן איינהייטלעכער שול, מיט אַן אויסגעהאַלטענעם שטייגער אין די היימען לויטן פּרינציפּ „מאַכן אַ לעבן צוזאַמען מיט אַלעמען, אויסלעבן זיך נאָך דער אַרבעט נאָר אין אַן אייגענער סביבה". דער פּרינציפּ הייבט אָן ביסלעכווייז אַרײַנצודרינגען אין באַוווּסטזײַן פון דורות, און ער קען ראַטעווען די וועלט פון די סכנות פון אורבאַניזם.

דעמאָקראַטיע אין דערציִונג

פאַראַן צוויי צוגענג: דער מענטש און די געזעלשאַפט, אָדער דער מענטש אין דער געזעלשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער: די געזעלשאַפט ווי אַ פאַרבאַנד פון מענטשן, וואָס יעדער איינער האָט זײַנע רעכט און פליכטן, זײַן באַזונדערן

באַרעכטיקטן „איך", אָדער דער מענטש איז בלויז איין איינס פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, און ער דאַרף דינען בלויז די אינטערעסן פון דעם קאָלעקטיוו ווי אַזאַ. אַ זעמדעלע אין אַ באַרג, אַ טראָפּן אין אַ ים, אָדער אַן אָרגאַן אין אָרגאַניזם; יעדער רעדל אין אַ זייגער מיט זײַנע באַזונדערע אייגנשאַפטן און פונקציעס. איז די געזעלשאַפט אַן אַרמיי פון זעלנער, און אַלע דאַרפן גיין מיט איין טראַט, אָדער יעדער איינער האָט זיין אויפגאַב און זײַן אייגענעם כאַראַקטער און גאַנג.

די גאַנצע טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג־סיסטעם איז געווען פאַר־זיכיק, אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון די אַרומיקע פעלקער.

בכלל זאָרגט יעדער פאָלק פאַר דער דערציִונג צוליב די צילן פון פאָלק. האָט ספּאַרטאַ געהאָדעוועט זעלנער. האָט אַטען געהאָדעוועט פרײַע בירגער. האָבן אויך יידן דורך דער דערציִונג געזאָרגט פאַרן קיום האומה. אָבער די וועגן זײַנען געווען פאַרקערטע: ביי זיי — די אָנפירונג מיט דעם קיום פון פאָלק פּירט די מדינה. יעדער בירגער פאַר זיך איז בלויז אַן איינס. אַן איינס אין דער מאַסע.

ביי די יידן האָבן די שעפער פון אונדזער קיום פאַרלאָרן דעם גלויבן אין זייער דעמאָלטיקער מדינה און זיי האָבן געהאָפּט צו דערגרייכן דעם אידעאַל, דעם קיום פון פאָלק דורך דעם וואָס יעדער יחיד פון פאָלק וועט פאַר זיך טראָגן די אחריות פאַרן קיום פון דעם גאַנצן פאָלק. יעדער ייד פאַר זיך איז בזעיר אנפּין, אין אַ מיניאַטור דאָס גאַנצע פאָלק. יעדער ייד פאַר זיך איז באַלאָדן מיט דער פולער אחריות פאַר דעם קיום פון פאָלק. דערפאַר איז דאָס לעבן פון יעדער איינציקן יידן גלייך צום קיום פון גאַנצן פאָלק: דערפאַר איז דאָס לעבן געווען טײַערער. און ווײַל דער קיום פון פאָלק האָלט זיך ניט אויף שלאָגן זיך, ניט אויף מלחמות, נאָר אויף היטן דעם שטייגער, די הלכה, איז ווידער אַ מאָל דער תלמוד תורה און דאָס מקיים זיין די הלכות דאָס וויכטיקסטע. און יעדער ייד יונג און אַלט איז מחויב אָפּצוהיטן די צוויי מצוות — קיום המצוות און תלמוד תורה. און די דערציִונג הייסט „לגדל בנים לתלמוד תורה". דערפאַר איז דער גאַנצער אײַנשטעל פון שולוועזן נאָך פון פאַרן חורבן און ווייטער, — די יידישע שול־סיסטעם געווען — זייער דעמאָקראַטיש. אמת, פון דער השכלה אַן הערט מען ניט אויף צו קריטיקירן בײַ אונדז די דיסטאַנץ צווישן גביר און אָרעמאַן, כסדר מען באַוויינט די אָרעמע „קליאַטשע", וואָס די „קהלשע פּיאַווקעס" האָבן אויף איר זיך אָנגעזעצט, נעבעך. טענות אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף. אָבער די זעלביקע משכילים האָבן ווי אויף צולהכעיס לגמרי ניט באַמערקט דעם תהום בײַ אַנדערע פעלקער, ניט געזען די דיסטאַנץ צווישן פריץ און פויער, זיי האָבן

ניט באַמערקט אַז ביי יידן איז אין גאַנצן ניט געווען קיין שטאַנדן־אונטערשייד, ניט געווען קיין קנעכט און פריצים, לגבי דער רעליגיע זײַנען דאָך געווען בגיד און קבצן, למדן און עם הארץ, אַלע גלייך, דער איינציקער יחוס איז געווען אין תורה און ניט געווען קיינע באַריערן פאַר דעם אָרעמאַן צו דערגרייכן דעם יחוס. און צווישן אַלע פעלקער האָבן דווקא יידן געהאַט אַ דערציִונג־סיסטעם וואָס איז געווען דעמאָקראַטיש ביז גאָר.

דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישקייט אין דערציִונג האָט אַ פאָרמול, וואָס מיר פלעגן אין יידיש אָנרופן „די פאָרמול פון פיר אלפן" — אַלגעמיינע, איינ־הײַנטלעכע, אָבליגאַטאָרישע און אומזיסטע. פאַר דעם פאָרמול האָבן פעלקער געקעמפט דורות. ביי יידן — פון אייביק אָן. אין צאַרישן רוסלאַנד וואָס די משכילים האָבן אָפט אויף איר געקוקט ווי אויף אַ מוסטער, זײַנען דאָך פאַר פּריצישע טעכטער געווען ספּעציעלע „אינסטיטוטן פאַר אַדל־געבאָרענע פּרײַ־לינס", געווען באַזונדערע פאַראָרדענונגען, ניט אַריינצולאָזן אין מיטלשולן קיין „קעכינס קינדער". ווי איז ביי יידן געווען דורכגעפירט די דעמאָקראַטישע פאָרמול? אָן קיינע אויסנאַמען, אָן באַזונדערע געזעצן און אָן קאַמפן, ווי פון סאַמע באַרג סיני אָן —

אַלגעמיינע — פאַר אַלע ייִנגלעך פון פאָלק (מיידלעך האָט מען ניט באַדאַרפט לערנען!). אָן אויסנאַם, מען האָט ניט געדאַרפט קיין געזעצן צו צווינגען.

איינהייטלעכע — איינע און די זעלביקע פּראָגראַם האָט געהערשט אין אַלע שולן, אָן אַ וואָסער עס איז אונטערשייד צווישן אָרעם און רײַך.

אָבליגאַטאָרישע — עס איז ניט געווען קיין ייִנגל וואָס זאָל ניט גיין אין חדר. האָבן די עלטערן ניט געהאַט צו צאָלן שכר לימוד, האָט די קהילה געצאָלט. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דער קהילה „חברה תלמוד תורה" — (אַלע קאָמיסיעס האָבן געהאַט דעם נאָמען „חברה") — האָט געזאָרגט וועגן די אָרעמע קינדער און זי האָט געהאַט די השגחה איבער אַלע חדרים. אין גרעסערע שטעט מיט אַ סך אָרעמע, פלעגן זײַן באַזונדערע חדרים פאַר אָרעמע, אָבער מיט דער זעלביקער פּראָגראַם, ווי פאַר די רײַכע. שפּעטער אַז מען האָט בטל געמאַכט די קהילות זײַנען די חברות תלמוד תורה געבליבן פאַר זיך. זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער דעה איבער אַלע חדרים, איז ביי זיי געבליבן נאָר די זאָרג פאַר די אָרעמע, זײַנען זייערע ספּעציעלע חדרים געווען לכתחילה „חדר פון דער חברה תלמוד תורה". שפּעטער איז דער נאָמען פאַרקירצט געוואָרן און עס איז געבליבן נאָר „תלמוד תורה" — אַ חדר פאַר אָרעמע קינדער.

אומזיסטע — בנוגע דעם פּונקט איז ביי יידן געווען אַנדערש ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. ביי זיי איז אָנגענומען אַז די אָנהייב־שול איז אומזיסט און די העכערע איז אַ געצאָלטע. ביי יידן איז די אָנהייב־שול געווען אַ געצאָלטע, דערפאַר איז אָבער די מיטלשול און די העכערע בילדונג געווען אומזיסט און נאָך מער — מען האָט באַזאָרגט די אָרעמע תלמידים מיט קעסט, מיט חיונה. דאָס איז געווען די אינסטיטוציע פון עסן טעג. הײַנט איז אונדז די סיסטעם זייער ניט געפעלן. איך אַלײן האָב צו 11 יאָר די ערשטע פּאָר חדשים אין ישיבה שטילערהייט פאַרוואָרפן מיינע „טעג", אַן דעם וויסן פון די עלטערן, און גאַנץ געשמאַק צוגעהונגערט. אָבער אָביעקטיוו גענומען איז דאָס געווען דאָס בעסטע ווי צו באַזאָרגן די מעגלעכקייט פאַר אָרעמע יינגלעך צו לערנען, זיי זאָלן קענען דער־גרייכן הויכע און די העכסטע מדרגה אין תורה... מען דאַרף צוגעבן, אַז ביי יעדער קליינער מעגלעכקייט האָבן ישיבות פאַרביטן די סיסטעם פון טעג, מען פלעגט געבן געלט־שטיצע, אָבער דאָס איז אויך געווען פון צדקה וואָס משולחים פלעגן אויפנעמען איבער דער וועלט. דאָס האָבן זיך אָבער געקאָנט פאַרגינען נאָר גאָר באַרימטע ישיבות. ניט דווקא כלי קודש האָט מען געגרייט אין די ישיבות. אוודאי האָבן מאַמעס זיך געבענטשט מיט קינדער־רבנים, אָבער נאָך מער האָט מען געוואָלט אַז „יאַנקעלע זאָל תורה לערנען און זיין אַ גרויסער סוחר אויך דערביי".

אָבער פאַר וואָס איז געווען אָט די אַנדערשקייט ביי יידן? פאַר וואָס דער חדר אַ געצאָלטער און די ישיבה — אַן אומזיסטע? און דאָס איז פאַרשטענדלעך: אַ פאָלק האַלט אויס דאָס וואָס דער קאָלעקטיוו דאַרף האָבן. דאָס וואָס יעדער יחיד קען און דאַרף האָבן פאַר זיך פּריוואַט, דאָס דאַרף דער קאָלעקטיוו ניט אויסהאַלטן. פאַר דעם וועט שוין זאָרגן יעדער יחיד באַזונדער. כל זמן די הויכע בילדונג דינט צו דערגרייכן העכערע שטעלעס, רייכערע קאַריערעס, וועלן זיך געפינען גענוג בעלנים צו צאָלן שכר לימוד אויך. אָבער ביי יידן איז עס געווען אַנדערש: קאַריערעס מיט הויכער בילדונג זײַנען געווען נאָר די כלי קודש. אָבער וויפל רבנים דאַרף מען? איינעם אין אַ קהילה. אָבער אַ פאָלק האָט געוואָלט אַז אַלע זאָלן זײַן געלערנטע, לערנערס, תלמידי חכמים. „וכל בניך לימודי ה'". און אויך די אָרעמעלײַט, וואָס קענען ניט אויסהאַלטן די זין אין ישיבות, סטיפּענדיעס, וואַרטן ווייטער אויף די גבירים, און סטיפּענדיעס קענען דאָך קריגן נאָר יחידים. איז די אינסטיטוציע פון עסן טעג געווען די דעמאָ־קראַטישסטע וואָס קען נאָר מעגלעך זײַן. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגעהאַלטן אַלע אין פאָלק וואָס באַגערן הויכע בילדונג. די אינסטיטוציע פון עסן טעג האָט

מעגלעך געמאַכט אַז די תורה זאָל אײַנשטיין ביי די אָרעמע ניט ווייניקער ווי ביי די רײַכע, און נאָך מער. „היזהרו מבני עניים שמהם תצא תורה". און ניט די גבירים האָבן אויסגעהאַלטן די לערנער, — דאָס פאָלק האָט עס געטאָן! און אַן אָרעמער תלמיד חכם איז געווען דער גרעסטער יחסן. גבירים האָבן זיך באַמיט צו האָבן אַן איידעם אַ תלמיד חכם אפילו דעם אָרעמסטן. אַוודאי האָט מען זיך געגרייסט מיט „דורות רבנים". אָבער עס זײַנען אין פאָלק אויך גאַנגבאַר געווען ווערטלעך וואָס האָבן אָפּגעלאַכט גאָר פון די דורות. אַ למדן בן למדן איז גאָר אַן „איבערגעניצעוועטע קאַפּאָטע" — ניט קיין נייע, נאָר איבערגעענייט פון דעם טאַטנס... די אָנהייב־שול, דער חדר איז געווען די נויט־ווענדיקייט פון יעדער איינעם, אַן דעם האָט אַ ייד ניט געקאָנט אַרײַנגיין אין אַ בית מדרש אַרײַן, ניט דאַווענען, קיין זאַך ניט, ניט זײַן קיין „ייד צווישן יידן". אָרעמקייט איז טאַקע ניט קיין חרפה, אָבער עם־אַרצישקייט איז יאָ געווען אַ חרפה און דווקא אַ גרויסע. „מען וועט דאָך אין קבר ניט קענען איינליגן אַז דער זון וועט זיין אַן עם הארץ, וועט ניט קענען קיין „שייטל עברי", ניט קענען עולה לתורה זיין וכדומה. האָט דער קהל געדאַרפט פאַר דער אָנהייבשול, פאַרן חדר זאָרגן ווייניקער. אָבער פאַר דער ישיבה האָט דווקא נאָר קהל געקאָנט זאָרגן. וויפל משפחות האָבן דאָס געקאָנט באַזאָרגן זייערע זין מיט הויכע בילדונג אין ישיבות? איז מען דאָך געווען אַן „עם עני ואביון" בכלל. דאָס פאָלק האָט געדאַרפט האָבן תלמידי חכמים. האָט דאָס פאָלק געזאָרגט דערפאַר. און „דאָס פאָלק" ממש, ניט קיין גבירים אדירים, ניט קיין יחידים מעצענאַטן, נאָר טאַקע דאָס גאַנצע פאָלק, האָבן דאָך אָרעמע משפחות וואָס האָבן אַליין געגעסן „קדחת אין אַ קליין טעפּעלע", געגעבן אַ לערנער אַ טאָג. האָט איטלעך שטעטל זיך באַמיט אויסצוהאַלטן אַ ישיבה, האָט אַ רב וואָס האָט ניט זוכה געווען צו האָבן אַ ישיבה בײַ זיך, זיך געהאַלטן פאַר אַ „נחות דרגא". ווו האָט מען דאָס געדאַרפט אַ בית מדרש האַלטן געשלאָסן ביי נאַכט און ביי טאָג? אַ בית מדרש אָן דעם קול־תורה איז כמעט געווען אַן אוממעגלעכע זאַך.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין אַ וועלט פון שינאה און ווילד־קייט נאָר אַ דאַנק דעם כוח פון תורה, פון עקשנותדיקן האַלטן זיך אָן דעם שטייגער (הלכה) און תלמוד תורה, האָט דאָס פאָלק זיך אָנגעשטרענגט צו האָבן וואָס מער תלמידי חכמים, עס זאָל זײַן „אַ פּראָסבע — אַ רענדל, תורה מגראָשן" (פּראָסבע — אַ ווענדונג צו דער מאַכט אויף דער מלוכה־שפּראַך. זעלטן ווער עס האָט געקאָנט אָנשרייבן. אָבער תורה — דאָס קען אַ ליאַדע יינגל פאַר אַ גראָשן)...

אָט פאַרוואָס דער חדר איז געווען אַ געצאָלטער און די ישיבה — אַן אומזיסטע, נאָך מיט אויסהאַלטן! און קיין צענטראַלע מאַכט האָט די יידישע אויטאָנאָמיע ניט געהאַט מער, ווי עס איז געווען אין בבל (דער ריש גלותא און דער גאון). האָט דאָס געטאָן דער וועד — וואָס איז געווען אַ מין „פּאַרלאַמענט”; האָבן דאָס געטאָן די רבנים אין יעדער שטעטל. זיי זײַנען געווען דער „מרא דאתרא” (דער האַר פון אָרט) מיטן כוח פון דער תורה. דאָס פאָלק האָט זיך געניוויטיקט אין תלמידי חכמים. האָט דאָס פאָלק געבויט ישיבות, אויסגעהאַלטן די לערנערס. די תורה איז געווען די איינציקע אַריסטאָקראַטיע ביי יידן. באַשרײַבט פּרץ ווי עס האָט אויסגעזען ביי יידן אין אַ שטעטל דער בית מדרש אין אַן אָוונט נאָך מעריב שוין (דער אָנהייב פון „יוחנן וואַסער־טרעגער”) — אַ פאָלק וואָס לעבט מיט דער תורה! איז אויך די יידישע דערציִונג־סיסטעם געווען די דעמאָקראַטישסטע.

עס איז אַ פּאַרדרוס און אַ ווייטאָג וואָס די משכילים האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען. און אפשר איז עס אפילו אַ טראַגעדיע: אַן אינטעליגענץ וואָס פאַרשטייט ניט און וויל ניט פאַרשטיין דאָס לעבן פון פאָלק, פון זייער אייגענעם פאָלק, אַן אינטעליגענץ וואָס קוקט אויף אַלץ וואָס ביים פאָלק מיט אויגן פון ביטול און האַס!

און דערפאַר האָבן מיר ניט געקאָנט אײַנהיטן דעם דעמאָקראַטישן כאַראַק־טער פון אונדזער גאַנצער דערציִונג־סיסטעם, מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען ווי העכער מיר זײַנען די גאַנצע צייט געשטאַנען, העכער פון אַנדערע פעלקער.

ניוועליזאַציע אָדער אינדיווידואַליזאַציע אין לערנען

ניט בלויז די סאָציאַלע אײַנאָרדענונג פון דער שול־סיסטעם איז געווען דעמאָקראַטיש, נאָר אויך די עצם מעטאָדיק פון לערנען איז געווען, אַנדערש. דאָס רעכט צו לערנען — פאַר אַלעמען גלייך, אָבער די דערגרייכונגען — יעדער לויט זײַנע פעִיקייטן און מעגלעכקייטן. אַנדערע פעלקער באַמיען זיך צו האָבן אַ פאָלק וואָס פאָלגט, אוניפיצירט, דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק ווערט געפירט און דיקטירט פון אויבן, איז גוט אַז דאָס פאָלק טוט וואָס מען הייסט אים, אַז דאָס אינדיווידועלע איז ווייניקער מאָסגיביק אין מענטשן. איז עס אויך אין דערציִונג אַזוי אײַנגעשטעלט; דער לערער פירט אָן מיט דעם גאַנצן קלאַס גלייך, אַלע קינדער דאַרפן גלייך דורכמאַכן די זעלביקע פּראָגראַם, זיי מוזן אַלע

קריגן דאָס זעלביקע וויסן, קריגן די זעלביקע פאַקטן און ידיעות, זיי דאַרפֿן דורכמאַכן די זעלביקע אַרבעטן. אַלע האָבן די זעלביקע אויפגאַבעס. די מער פעיִקע ווערן פאַרהאַלטן, די שוואַכערע ווערן געשלעפּט איבער זייערע כוחות. קיין שום אַכט ווערט ניט געלייגט אויף די ספּעציעלע אינטערעסן פון באַזונדערע קינדער. אַלע גלייך, ווי אין ארמיי — אַלע זעלנער מיט איין טראַט.

די מער אָנגענומענע סיסטעם פון לערנען האָט אפילו געשטרעבט אַז אַלע קינדער פון קלאַס זאָלן בײַם דענקען דורכמאַכן די זעלביקע עטאַפּן, די זעלביקע פּראָצעסן פון דענקען אין דער זעלביקער ריי איינער נאָכן צווייטן. אַלע בירגער זאָלן האָבן די זעלביקע געדאַנקען און די זעלביקע מעאָדן פון דענקען, די זעלביקע איבערצײַגונגען און נייגונגען. מען דאַרף גריינג קענען פירן אַזאַ לאַנד. וועגן באַזונדערע פעיִקייטן און נייגונגען, וועגן ספּעציפישע אינטערעסן און אייגענע מיינונגען איז אפילו ניטאָ וואָס צו ריידן. וועגן דעם טראַכט מען ניט. אַלע גלייך.

וועגן באַזונדערע אינטערעסן, באַזונדערע אינדיווידועלע נייגונגען, פעיִקייטן און מעגלעכקייטן האָט מען ניט געטראַכט לגמרי. די אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַם יאָגט דעם לערער ניט ווייניקער ווי די תלמידים. ניט בלויז דאַרפֿן די בגדים זײַן אוניפאָרמירט נאָר אויך די געדאַנקען. עס קען זיין אַ ברכה ווען אַ פאָלק גייט מיט מיט זיינע פירער, אָבער עס איז גאָר ניט זעלטן אַ קללה פאַר דער גאַנצער וועלט אויך.

ביי יידן איז דער גאַנצער שטייגער געווען איינער, האָבן טאַקע אַלע גלײַך געשפּרונגען קדוש, אַלע גלייך האָבן שבת נאָכן שלאָף געלאָזט זיך שפּאַצירן, און אַלע גלײַך האָבן געגעסן קוגל. אָבער אין לערנען איז לגמרי ניט געווען אָט די ניוועליזאַציע. ביי זיי — איין עקזאַמען פאַר אַלעמען גלייך. יעדער איינער דאַרף געבן די זעלביקע קורצע ענטפערס אויף די געשטעלטע פראַגעס — מען בעט ניט ביי קיינעם צו זאָגן זײַן געדאַנק, זיין מיינונג. ער דאַרף נאָר קורץ ענטפערן יאָ אָדער ניט. האָט ער פאַרפעלט איין פראַגע, פון איין לימוד, פאַלט ער דורך, האָט ער „ניט באַצאָלט" זיין חוב, געבליבן „שולדיק", מוז ער אויף אַלע לימודים איבערחזרן אַלע לימודים אַ גאַנץ יאָר.

אָבער וואָס קען אַזאַ אָבליגאַטאָריש אוניפיצירטע וויסן געבן דעם יידישן מענטשן פאַר זיין לעבן צווישן יידן און אין אַ פרעמדע וועלט? צי קען עס אים ברענגען צו אַקטיווער יידישקייט אין לעבן? און אַז אַ ייד ווייס גענוי ווען דוד המלך איז געבאָרן געוואָרן און ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, — וועט עס אים העלפן זײַן אין לעבן אויסגעהאַלטענער? און אַז ער ווייס קלאָר

מער קאַפּיטלעך תנ"ך, וועט עס אים העלפן דענקען יידישער? פאַראינטערעסירן מער מיט יידישן לעבן היינט? און אַז דאָס קינד וועט וויסן מער אַ בלאַט גמרא, וועט עס אים צוביגדן צום יידישן היינטיקן פאָלק? עס איז נויטיק ניט דאָס וויסן נאָר דער אַקטיווער ווילן מיטצולעבן מיט דעם יידישן פאָלק און מיט זיינע היינטיקע אינטערעסן.

אַנדערש איז געווען אין שטעטל. אַרום און אַרום — נאָר יידן און יידישע אינטערעסן, די גאַנצע וועלט דעם קינדס. פרייד און אומעט, געפיל און געדאַנק — אַלץ נאָר פון יידישן קוואַל. איז דער חומש און די גמרא דאָך געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון גאַנצן שטעטלשן לעבן. האָבן דאָך אַלע יידן צוגלייך מיט טביהן געלעבט מיט אַ פסוק, מיט דעם פשט און דרש, האָט זיך דאָך אַ ייד בכלל אַן דעם ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. איז דאָס לערנען, די לימודים פון חדר, געווען דורך און דורך אַקטועל. קומט דאָך אויס אַז די היינטיקע דערציִונג וואָס די מערהייט שולן גיבן די קינדער, רייסן גאָר אָפּ די קינדער פון יידישן אַקטועלן פאָלק, אַנשטאָט עס צוביגדן. און ווי טראַגיש עס איז וואָס אַזאַ דערציִונג ווערט גאָר פאַררעכנט פאַר אַ נאַציאָנאַלער!

די גאַס איז פרעמד, די סביבה איז אַ פרעמדע, די אַרבעט און די פאַרווייי־לונג — ווידער פרעמד, די אַלגעמיינע לימודים מיט זייער גאַנצער אָבליגאַטאָ־רישקייט — ווידער פרעמד. קומט נאָך אויך די יידישע דערציִונג און זי רייסט אויך אָפּ פון דער יידישקייט וואָס עס איז נאָך דאָ, און וויל געבן אַ יידישקייט וואָס איז ווייט און ניטדאָיק. אָבער דאָס איז עטוואָס אַן אַ זייט. מיר קערן זיך אום צו דער פראַגע פון אינדיווידואַליזאַציע אין יידישער דערציִונג.

דאָס יידישע פאָלק דאַרף האָבן פאַר זיין ווייטערדיקן קיום יידן, וואָס עס ציט זיי צום יידישן קאָלעקטיוו, צום כלל ישראל, איטלעכן אינדיווידועל; דער קיום פון יידישקייט מיינט המשך. המשך מיינט די קולטור פון שטעטל מיט איר לשון און אינהאַלט. דאַרף די יידישע דערציִונג אַנטוויקלען מענטשן מיט אינטערעסן און ליבע צו דעם יידישן נעכטן און צו דער קולטור פון אָט דעם נעכטן, און זי דאַרף געבן אַ וויסן ביז צו קענען זיך אָריענטירן אין אָט דער קולטור און צו זיין אַקטיוו אין איר. איטלעכער מענטש לויט זיין כאַראַקטער, לויט זיינע נייגונגען און פעיִקייטן. כמעט אַלע יידישע שולן טוען דאָס פאַר־קערטע: זיי באַמיען זיך אָפּצורייסן די קינדער פון דעם נעכטן און זיי גיבן פּאַסיווע וויסן, וואָס פירט גאָר זעלטן צו אַקטיווער יידישקייט. די ניוועלירונג קומט און טייט נאָך אָפּ די אינטערעסן פון די פעיִקערע, וואָס זיי ווערט איבער־דריסיק דאָס שטיין צו לאַנג אויף איין טעמע, און די אָפּגעשטאַנענע קענען סיי

ווי ניט אָנהאַלטן. די יידישע שול קען ניט און טאָר ניט גיין מיט די וועגן פון די אַלגעמיינע שולן. אויך דאָרטן איז די ניוועלירונג שעדלעך. אַזאַ דערציִונג פאַרמינערט פשוט די צאָל יידן. די ניוועליזאַציע פירט נאָך צו פאַרשיידענע עמאָציאָנעלע קאָמפּליצירונגען. און דער עמאָציאָנעלער זיכרון איז אַ סך דויערנדיקער ווי דער אינטעלעקטועלער. ווי גוטע שול־זכרונות, אַזוי און נאָך מער קענען שלעכטע זכרונות פירן צו קאָנפליקטן און אפילו צו לעבנס־געפערלעכע קאָמפּליקאַציעס. מיר האָבן שוין אַיין מאָל גערעדט וועגן דעם מאָדנעם פאַקט וואָס כמעט אַלע גרויסע מענטשן זײַנען אין שול געווען פאַררעכנט פאַר שלעכטע און שוואַכע תלמידים און פאַרקערט זיינען על פי רוב די וואָס האָבן זיך אין שול גערעכנט פאַר די גוטע תלמידים, פאַר די פריזן־געווינער, דווקא די זײַנען נאָך דעם אין לעבן על פי רוב גאַנץ פײַנע גאָרנישטן, גרויע גאָרנישט זאָגנדיקע פאַרשוינען. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די שול, ווי אויך דער מיליטעריש קעמפ, פאַרלאַנגט מען זאָל פאָלגן דעם לערער, נאָכזאָגן וואָס ער האָט געלערנט, וואָס ווייניקער אייגנס, וואָס ווייניקער פון זיך אַליין. אָבער מענטשן וואָס האָבן שוין אין שול־עלטער געהאַט אייגענע שטאַרקע און טיפע אינטערעסן, און זיי האָבן ניט געקאָנט סתם נאָכגיין פאַסיוו נאָך דעם טייטל פון לערער, אַזוינע האָבן געמוזט זײַן פאַררעכנט פאַר שלעכטע תלמידים. די לערער האָבן ניט פאַרשטאַנען זייערע תלמידים: ער מאַכט ניט די היים־אַרבעט, ער זאָגט ניט איבער וואָס דער לערער האָט געלערנט, טויג ער ניט. די לערער האָבן ניט פאַרשטאַנען און ניט געפּרובירט פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אין די מוחות פון אָט די קינדער. יחידים מיט אַזוינע שטאַרקע אינטערעסן, מיט אַן אייגענעם ווילן זיך ניט אונטערצוואַרפן דער דיסציפּלין פון לערער, זײַנען ווייניק, זײַנען יחידים. די מערהײַט אָבער קען ניט בײַשטיין דעם דרוק פון שול און פון די היימען, זיי גיבן זיך אונטער, און זיי בלײַבן גאָר פשוטע דורכשניטן. די שול האָט דערשטיקט זייערע טאַלאַנטן, זייערע דאָמינירנדיקע אינטערעסן. עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען וויפל פּראָצענטן אַזוינע באַגאַבטע, טאַלאַנטירע מענטשן די שול־סיסטעם דערשטיקט. דער דאָזיקער „דרוק" פון דער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג" ווירקט מער אויף מיידלעך ווי אויף ייִנגלעך, און איבערהויפּט נאָך אין אַ געמישטן קלאַס פוןביידע געשלעכטער. פון דער נאַטור, מסתמא, לייגן פרויען מער אַכט אויף דעם וואָס „מענטשן האָבן צינגער / טייטן מיט די פינגער / וואָס זאָל איך טאָן?". קען זײַן אַז מיט דעם דאַרף מען דערקלערן וואָס צווישן פרויען טרעפט מען טאַקע מער אַזוינע טיף־באַגאַבטע מענטשן, וואָס האָבן אָבער ניט גענוג מוט צו אַנטוויקלען אַלע זייערע פעיִקייטן. דאָס זיינען קרבנות

פון דער סיסטעם. זיי רוקן זיך אָפּ אָן אַ זײַט, זיי האָבן אפילו מורא אַרויסצוזאָגן הויך זייערן אַ געדאַנק — טאָמער וועט מען לאַכן, טאָמער וועט גאָר דער לערער אָנשרײַען...

צווישן יינגלעך, וואָס זײַנען יאָ באַגאַבט אָבער ניט זייער, ניט צו שטאַרק, הייבט זיך אָפּט אָן אַ קאַמף מיט דעם לערער, וואָס „דרייט אַ קאָפּ מיט זײַנע נאַרישקייטן". קומט נאָך צו אַ מאָמענט פון וועלן אַרויסווייזן זיך פאַרן קלאַס, איבערהויפּט נאָך פאַר די מיידלעך אין קלאַס: זעט נאָר ווי איך קען דעם לערער „דאַבוון דעם לונג"... און די לערער — אָדער זיי ווערן קרבנות פון אַזוינע סאַדיסטישע קינדער, אָדער — די „גוטע" לערער זיי זיינען שטאַרקער, זיי וועלן „ניט דערלאָזן"; „ווער איז דאָס מחויב צו ליידן פון אַזוינע צעשטערע־רישע קינדער?! זאָלן זיי גיין! מען דאַרף זיי אַרויסשליידערן, זאָלן פּסיכאָלאָגן זיך פאַרנעמען מיט זיי!"... וויפל מאָל עס איז אויסגעקומען צו הערן אַזוינע טענות פון לערער, וואָס האַלטן אַז די שול איז באַשאַפן פאַר זיי און ניט פאַרקערט. אין דער יידישער שול זײַנען אַזוינע קאָנפליקטן תמיד פאַטאַל. זיי ענדיקן די גאַנצע יידישע דערציִונג, די קינדער ווערן פּטור פון דעם לערער צוזאַמען מיט זיין תורה, מיט זייער גאַנצער יידישקייט.

דאָס איז אַלץ אַ רעזולטאַט פון דער ניוועלירנדיקער סיסטעם, וואָס באַמיט זיך, ווי אין יענעם שפּאַט־לידל „פון אַלע פויערים צו מאַכן איין פויער און פון אַלע העק — איין האַק..." אָדער ווי דער רוימישער קאַליגולע וואָס האָט געחלומט פון אַלע בירגער צו מאַכן איינעם מיט איין קאָפּ, און ער זאָל אים אַראָפּהאַקן.

גאָר אַנדערש איז געווען אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער שול, איבער־הויפּט אין דער ישיבה. דאָ איז דער לערער ניט געווען דער איינציקער „האַר און הערשער". פאַרקערט, האָט מען זיך באַמיט דער תלמיד זאָל וואָס גיכער אָנהייבן לערנען „פאַר זיך", אַליין „צעקײַען" אַ בלאַט גמרא. דער רבי האָט דאָ געדאַרפט ניט דיקטירן נאָר העלפן. בכלל איז געווען אָנגענומען צו פאַר־לאַנגען ניט איבערצוחזרן וואָס דער רבי האָט געזאָגט, נאָר פאַרקערט, אַדרבא, וואָס זאָגסטו? וואָס דער תלמיד האָט עפּעס מחדש צו זיין אין לערנען? עס איז אויך ניט געווען אַזאַ דרוק מצד אַן אָבליגאַטאָרישער פּראָגראַם. פאַרקערט, איז אין תלמוד גופא פאַראַן אַ כלל צו לערנען „ממה שלבו רוצה" (עבודה זרה יט׳ א׳), און דער כלל איז געווען אָנגענומען. דעם רבים שיעור איז געווען ניט מער ווי אַ מוסטער ווי מען דאַרף לערנען, אָבער לערנען דאַרף דער תלמיד אַליין. נאָך איידער די תלמידים האָבן געקאָנט אַרויסגיין „לערנען פאַר זיך"

איז געווען די סטאַדיע פון „צוגרייטן אַ לייענען", ד"ה — די קינדער פלעגן די נייע סוגיא (די לעקציע וואָס מען דאַרף ערשט לערנען) פּרובירן אַליין לערנען און נאָך דעם זי דערקלערן פאַרן לערער. אין אַ העכערן עלטער פלעגט מען זיך גאָר צאַצקען מיט אַזאַ איינעם וואָס קען זיך „אַראָפּלאָזן אין די טיפענישן פון ים התלמוד און אַרויפברענגען טייערע פּערל". דער ריין פּעדאַגאָגישער ציל פון לערנען — אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן, וואָס וועגן אים האָבן מיר גערעדט פריער, — איז געווען צו אַנטוויקלען אין דעם לערנער זיין „סברא" — די פעיקייט אַליין צו דענקען. נאָך אין עצם תלמוד זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען, צי מען זאָל פון אָנהייב אָן טראַכטן וועגן דער סברא, אָדער מען דאַרף פריער לערנען און נאָך דעם דענקען. און עס זיינען טאַקע געווען פאַרשיידענע ישיבות — וווּ מען פלעגט לייגן מער אַכט אויף בקיאות (וויסן) און וווּ מען פלעגט זיך באַמיען וועגן חריפות (שאַרפקייט אין דענקען), אָבער אומעטום איז די פאַרזיכיקייט פון תלמיד, פון דעם לערנער געווען דער עיקר. און אַזוינע פאַרזיכיקע דענקער האָט טאַקע דאָס יידישע לעבן אויך געפאָדערט: זיינען דאָך רבנים, דיינים געווען די וואָס הגם אַליין האָט מען „ניט געוווסט קיין צורת מטבע", פלעגט מען קענען פּסקענען גרויסע און געפּלאָנטערטע דין תורות וועגן גרויסע סומעס, האָט מען געדאַרפט קענען אָריענטירן זיך אין אַ סך ענינים מיט דער אייגענער סברה. פלעגט מען טאַקע האַלטן שטאַרק פון אַזאַ איינעם וואָס קען „אויסרייסן בערג און זיי צעמאָלן מיט זיין סברה". האָט זיך טאַקע (ביי פּרצן) באַרימט ר' זיסעלע: „יענער קדמון איז געווען מרא דאתרא אין זיין צייט און אין זיין שטאָט און איך בין דער מרא דארתא אין מיין שטאָט און אין מיין צייט".

„עילוי"

דערפאַר טאַקע זיינען ביי יידן געווען באַקאַנט די לערנער פון דעם טיפּ עילוי. מען פלעגט זיך בענטשן און באַרימען מיט אַזוינע עילויים. דאָס זיינען געווען גאָר יונגע קינדער אָדער יוגנטלעכע וואָס פלעגן ווייט אַריבערשטייגן די נאָרמע אין לערנען. קליינע קינדער נאָך, און זיי פלעגן קענען גאַנצע מסיכתות גמרא, קענען האַלטן לאַנגע דרשות אין תורה, פּסקענען פאַרפּלאָנטערטע שאלות. מאַלע וואָס. מיט אַזוינע עילויים פלעגט מען שטאָלצירן, זיך גרייסן. שטעטלעך פלעגן זיך באַרימען מיט „זייער עילוי".

ווען מען זאָל נעמען שטודירן די ביאָגראַפיעס פון אַזוינע עילויים, וועט מען קענען געפינען אַז די עילוישקייט איז געווען ניט אַזוי שטאַרק אַ ברכה פון גאָט, ניט וואָס די קינדער זײַנען געבאָרן מיט איבערנאַטירלעכע גײַסטיקע כוחות, נאָר עס איז ביי זיי אַ קאָמבינאַציע פון דער השפעה פון סביבה מיט עפּעס פאַקטאָרן וואָס האָבן ניט דערלאָזט דעם קינד זיך אויסלעבן אין אַנדערע אינ־טערעסן: עס איז געווען אַ פיזישע שוואַכקייט אַרומצולויפן, שטיפן, עס איז עפּעס אַן אַנדער זאַך, וואָס האָט דאָס קינד קאָנצענטרירט אין זיין קינדהייט אויף דעם געביט פון לערנען, ווײַל קיין אַנדערע זײַנען ניט געווען. די סביבה איז ביי אַזוינע עילויים אויך געווען זייער אַ „שמאָלע" — נאָר תורה און תורה, עס האָט אויך געדאַרפט זײַן אַ „הסכמה" פון דער סביבה, וואָס זאָל דערמוטיקן זיך צו פאַרטיפן אין דעם געביט. עס זיינען ניט געווען קיין שפּילערײַען און צאַצקעס, איבערהויפּט געקויפטע וואָס זאָלן צעשטרייען.

בכלל האָלט איך שטאַרק פון דער לעגענדע, אַז אַ קינד קען די „כל התורה כולה" נאָך פריער איידער עס ווערט געבאָרן. נאָר שפּעטער קומט אַ מלאך און „שנעלט" פון אים אַרויס זײַן גאַנצע תורה. ראַציאָנעל גענומען מיינט עס, אַז אַ קינד איז פּאָטענציאָנעל פעיִק אויפצונעמען זייער פיל תורה, פון דער נאַטור אַליין, אָבער די דערציִונג וואָס עס קריגט שטערט אים, זי דערדריקט דאָס וואָס די נאַטור האָט דעם קינד געגעבן. און דעם גרעסטן חלק אין דער פאַרמינערונג דאַרף מען צושרייבן דער צעשטרײַונג מיט אַלערליי צאַצקעס, שפּי־לערײַען און בכלל מיט דעם „פאַרווײַלן" די קינדער און זיי געבן צו פיל צאַצקעס און „אינטערעסאַנטע" זאַכן, וואָס צעשטרייען זיי און פאַרטעמפּן זייערע אינטערעסן און זייער קאָנצענטרירטקייט, זייער דענקען און פאַרטיפונג אין געדאַנקען. די עילוישקייט איז מער אַ פּראָדוקט פון דער מאָנאָטאָנער אָרעמקייט אין רייצן פון דרויסן. עלטערן און פריינד טוען דעם קינד ניט קיין טובה מיט זייער גוטסקייט, מיט דעם כסדרדיקן איבעראַשן דאָס קינד מיט שפּילערייען און מיט כסדרדיקע נײַעסן. דערמיט צעשטרייען זיי דאָס קינד, זיי שטערן זײַן פעיִקייט זיך צו קאָנצענטרירן. בעת אינטעליגענץ איז בכלל גענומען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פעיִקייט פון קאָנצענטראַציע. דערוואַקסענע „פאַרשפּילן" די קינדער, בעת זיי פאַרוואַנדלען די קינדער אין צאַצקעס פאַר זיך, ווײַל זיי, די דערוואַקסענע, ווילן זיך שפּילן מיט דעם קינד. בעת אין דער אמתן זײַנען די קינדער דווקא זייער ערנסט, און זייערע שפּילן זײַנען אין תוך אַריין דאָס פאַרקערטע פון דעם שפּילן זיך פון די דערוואַקסענע: דערוואַקסענע שפּילן כדי צו פאַרנעמען די צײַט און כדי צו באַפרייען זיך פון ערנסטן טראַכטן. און קינדערשע שפּילן זײַנען זייער

ערנסט (אויב נאָר די לערער און דערציער בכלל מאַכן ניט פון דעם שפּילן קיין לאַכעריייקעס), פאַרבונדן מיט געדאַנקען און פאַנטאַזיעס. דערפאַר האָבן קינדער אין היימען וואָס זײַנען קאָנצענטרירט אויף איין געביט (על פּי רוב איז עס תורה אָדער מוזיק) מער געלעגנהייטן אַרויסצוווײַזן זיך פאַר עילויים נאָך גאָר יונגערהייט. אין באַשיידענע, אָרעמערע היימען, ווו די עלטערן האָבן ניט קיין צייט און ניט קיין געדולד צו די קינדער, איז ווידער פאַראַן מער מעגלעכקייטן עס זאָלן אויסוואַקסן טאַלאַנטירטע קינדער, עילויים. די אַרומיקע אין שטוב, אין סביבה באַמערקן בלויז דעם סוף פון דעם לאַנג דויערנדיקן פּראָצעס: מיט אַ מאָל באַמערקט מען: זע, — דאָס קינד זאָגט דאָך תורה! דאָס קינד שאַפט קאָמפּאָזיציעס! פון וואַנען קומט עס? מען האָט דאָס ניט געלערנט!... איז דאָס ניט אַנדערש מסתמא ווי אליהו הנביא האָט בײַנאַכט עס אויסגעלערנט. דאָס איז די לעגענדע פון „גילוי אליהו". און אויב די שטוב, די סביבה לאַכן ניט אויס דאָס קינד, וואָס בדרך כלל איז עס דווקא אײַנגעהאַלטענער, ניט טומלדיק, ניט שטיפעריש, אויך באַשיידענער מיט אַנדערע קינדער אין זיין עלטער, אויב עס ווערט ניט אויסגעלאַכט, וואַקסן אַזוינע קינדער אויס עילויים. אמת, ווייט ניט אַלע עילויים וואַקסן שפּעטער אויס גאונים, ווי ניט פון אַלע בלומען אויף אַ בוים וואַקסן אויס פּירות. אָבער די עילויים זײַנען דאָך יאָ די בלומען, וואָס פון זיי קענען אַרויסוואַקסן גאונים. זיינען ביי יידן, ביי דער יידישער סיסטעם פון דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס פון לערנען געווען אַ סך מער געלעגנהייטן עס זאָלן זיך אַנטוויקלען עילויים, באַגאַבטע, טאַלאַנטן, ניט אין פאַרגלייך מער ווי ביי די אַנדערע סיסטעמען. זײַנען דאָך טאַקע בײַ יידן ניט געווען קיין באַזונדערע אַקאַדעמיעס אויסצוהאָדעווען פאַכמענער; זײַנען דאָך בײַ אונדז אַלע געווען אין תוך אַריין אויטאָדידאַקטן, געלערנט פאַר זיך. איך ווייס פון אַ קונסט־דרוקער, וואָס אַז מען פרעגט אים ווו האָט ער זיין פאַך געלערנט, האָט ער אַ גרייטן ענטפער: אין דער אקאַדעמיע פון אביי ורבא... די פרעגער פאַרשעמען זיך, וואָס זיי זיינען אַזוינע איגנאָראַנטן און זיי האָבן פון אַזאַ אַקאַדעמיע קיין מאָל ניט געהערט...

איך געדענק אַ ווערטל פון מיינעם אַ ראש ישיבה וואָס פלעגט זאָגן: ווּעסטו קענען אַ בלאַט גמרא, וועסטו שוין קענען אַלץ, אפילו אײַנשפּאַנען אַ פערד. נו, ווייס איך ניט צי איך קען אײַנשפּאַנען אַ פערד — קיין מאָל ניט געפּרובירט, אָבער אַזוי זײַנען געוואַקסן אַלע אונדזערע וואָס האָבן יאָ געקאָנט אויפטאָן גאָר אַ סך: פון בלאַט גמרא ארויס. ניט אַלע, ווייט ניט אַלע, פאַרשטייט זיך, אָבער — די סברא, דאָס קענען דענקען, דאָס וועלן דענקען, דאָס פּרובירן

אומעטום אַרויסזאָגן אַן אייגענע סברא, — דאָס האָט די ישיבה אַנטוויקלט. צו מאָל אפילו עטוואָס צו פיל, אָן גענוג קאָנטראָל. אַלע אונדזערע דענקער, טעאָ־רעטיקער, אַלע שרײַבערס, אַלע אויפטוערס, זײַנען דאָך געקומען צו אונדז פון דעם בלאַט גמרא. און ניט די סוגיא האָט דאָס געגעבן, ניט די מעשה מיט די צווי יידן — ראובן און שמעון וואָס קריגן זיך איבער אַ זאַך וואָס זיי האָבן געפונען און קענען זיך ניט צעטיילן, נאָר דאָס האָט אויפגעטאָן דער מעטאָד, די סיסטעם פון לערנען. די סיסטעם האָט עס „אויסגעשליפן די גמרא־קעפלעך". איך גלייב ניט צו געפינען עמיצן וואָס די ישיבה זאָל אים האָבן פאַרטרעמפּט דאָס דענקען זײַנעם, אפשר יאָ צוגעשפּיצט צו פיל, אָבער ניט פאַרטעמפּט, ווי דאָס איז אזוי אָפט אין אַנדערע סיסטעמען. עס איז געווען דער באַוווסטזיניקער ציל פון לערנען. מען האָט אָפט די סוגיות געלערנט לגמרי ניט כדי צו וויסן די הלכה, דעם אויספיר, לגמרי ניט דאָס איז געווען וויכטיק. איבעריקס, האָט מען דאָך דירעקט פון גמרא ניט געפסקנט. מען האָט געלערנט „לחידודי" — כדי צו שאַרפן און צו שלייפן דאָס דענקען. פלעגט מען דורכנעמען אַ סוגיא מיט אַלע מיינונגען אַזוי און פאַרקערט, דער זאָגט אַזוי און יענער — פאַרקערט, און אַזוי גייט די מחלוקות ביז „תיקו" אַז עס וועט קומען אליהו הנביא מיט משיחן, וועט ער שוין ענטפערן ווער עס איז גערעכט. צו וואָס זשע האָט מען דאָס געדאַרפט? — כדי צו שלייפן דעם מוח. דער רמב"ם דערקלערט דעם פּראָצעס פון לערנען, אַז דער ציל איז „להוציא דבר מתוך דבר" — מען זאָל קענען עפּעס שאַפן אַ נײַע אידעע פון די פריער־באַקאַנטע. די זעלביקע דעפיניציע איז אַרײַן אין „יורה דעה". דער ציל איז צוצוגרייטן צו דעם שעפערישן פּראָצעס ווי צו באַאַרבעטן נײַע פּראָבלעמען, נײַע פראַגעס. דערפאַר האָט עס געזאָגט דער רמב"ם, אַז עס איז וויכטיק צו לערנען ניט אַזוי פון די נביאים ווי פון די חכמים, וואָס זײַנען די „בעלי הסברות". און אַזוי איז טאַקע געווען די גאַנצע סיסטעם פון לערנען אין משך פון אונדזער גאַנצער שטעטלשער תקופה. געווען אויך אַז דער „פילפול" האָט שוין צו פיל זיך אַנטוויקלט, און עס זײַנען געווען שטאַרקע קעגנער פון דעם „צו שאַרפן פילפול" (פילפול מיינט לכתחילה — פעפער). פון דעסט וועגן חזרט זיך נאָך אין גמרא איבער אַ ווערטל, אַז עס איז „בעסער איין שאַרף פעפערל איידער אַ גאַנצער קאָרב מיט אוגערקעס". דאָס מיינט אַז עס איז בעסער איין שאַרפער געדאַנק, איין נײַע תורה איידער אַ סך וויסן. עילויים זײַנען געווען ניט קיין סך, אחד בעיר ושנים במשפחה, אָבער דער שטריך פון קענען עפּעס שאַפן אַליין, פון זאָגן אַן אייגענעם געדאַנק — דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינער שטריך פון דעם „גמרא־קעפל", וואָס יידן פלעגן אָנרופן

ניט אָן ליבע. אויך די גוים־לערער פלעגן האָבן אַ ווערטל ווען צו זיי אין אַ גימנאַזיע פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אַ „יידיש קעפּל"... זיי פלעגן דאָס זאָגן ניט אָן קינאה. מיר האָבן געהאַט אין יידישן לערער־סעמינאַר, אין ווילנע, אַזאַ עילויישן תלמיד (אַ שוחטס אַ זון, געקומען צו אונדז פון אַ ישיבה) פלעגן די חברים אים רופן „פּראָפעסאָר קאַץ־ניימאַער / ברענען זאָל ער אויפן פייער" (ניימאַער — אַ מחבר פון אַ שווערן קורס פון געאָלאָגיע, וואָס ער האָט געקראָגן און איבערגעלערנט אין עטלעכע טעג און געוווּסט צו לייענען אַ גרונטיקן רעפעראַט). די חברטעס, וואָס זיינען אַלע געקומען פון „נאַרמאַלע" שולן זײַנען טאַקע אויף אים געווען תמיד אין כעס: איידער דער לערער באַווייזט עפּעס צו דערקלערן, האָט שוין קאַץ געכאַפּט דעם געדאַנק און ער דיסקוטירט שוין, בעת זיי ווייסן נאָך גאָרניט. הי"ד!

עס איז אָבער קיין מאָל ניט געהערט געוואָרן אַז אַ גרויסער גדול בתורה זאָל אין שול, אין ישיבה, אין חדר געווען זיין פאַררעכנט פאַר אַ טעמפּן, שוואַכן תלמיד און פאַרקערט, אַז אַ גוטער תלמיד זאָל אויסוואַקסן אַ גאָרנישט, ווי דאָס איז אַזוי געוויינלעך אין די אַלגעמיינע שולן. דאָס איז געווען די מעלה פון אונדזער טראַדיציאָנעלער פּעדאַגאָגישער סיסטעם. מיר האָבן אָבער זי אַזוי גרינג אַוועקגעוואָרפן און אַריבערגעגאַנגען צו די פרעמדע סיסטעמען, וואָס זיינען ניט אין פאַרגלייך אָפּגעשטאַנענער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זײַנען געווען באַקאַנט פּעדאַגאָגישע זוכענישן, עטלעכע נייע וועגן האָבן דערמאָנט עטוואָס די מעטאָדן פון ישיבה (דאַלטאָן־פּלאַן).

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן די טאָפּעלע פעולה פון אָט דער ישיבה־סיסטעם: דער מעטאָד האָט איינצייטיק פאַראייניקט און פאַראיינהייטלעכט דאָס יידישער פאָלק ווי אַזאַ — אין פאָלק און אין דער זעלביקער צייט האָט ער באַוויזן צו אינדיווידואַליזירן יעדער לערנער פאַר זיך.

אויך אויף דעם געביט איז צו זען די ערגערע באַציִונג פון יידן צו... יידישקייט. עס זיינען פאַראַן אויך הײַנט מאָדערנע יידישע העכערע און הויכ־שולן. עס הערט זיך אָבער ניט, מען זאָל ערגעץ ווו פּרובירן אָנווענדן דעם מעטאָד אויך צו אַנדערע לימודים, צו אַנדערע געביטן פון לערנען. מיר האָבן עס יאָ געפּרובירט אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, אָבער עס האָט ניט דערלאָזן דער דרוק פון דער פּוילישער רעגירונג מיט אירע אינספּעקטאָרן. (זען „אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע דערציִונג"). בכלל אָבער פירן זיך יידן פאַר־קערט: אַנשטאָט צו לערנען אַלע לימודים מיט די מעטאָדן פון אונדזער טראַ־

דיצע, לערנט מען גמרא לויט די פרעמדע מעטאָדן. און עס איז שוין געזאָגט געוואָרן דאָ, אַז ניט די עצם סוגיא איז אַזוי וויכטיק ווי דער מעטאָד. די יידישקייט ליגט ניט אין דעם צעדרייטן מאַן וואָס נעמט זײַן גוטן קרוג און לייגט אים אַוועק אין מיטן דרויסן, און עמיצער צעברעכט אים, דאַרף מען לערנען ווער און ווי עס דאַרף צאָלן, אָדער אַנדערע אַזוינע און פאַרשיידענע סוגיות. וויכטיק איז די שקלא וטריא, די דיסקוסיע, די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, אין די מעטאָדן צו באַהאַנדלען די פּראָבלעם. און די לערנער פלעגן ווערן שותפים אין דער באַהאַנדלונג, אויך דיסקוטירן. פלעגן ייִנגלעך אין די ישיבות דיסקוטירן מיט אביי און רבא, מיט ריש לקיש און ר׳ יוחנן און טאַקע מיט רבי עקיבא אַליין אויך, פאַרוואָס ניט?! אין דעם איז געווען דער פּעדאַגאָגישער אויפטו. האָט מען דאָס פאַרוואָרפן און עס איז געבליבן פון גמרא דער אינהאַלט בלויז, די טרוקענע סוגיא. נאָר וואָס? — אַז מען לערנט וועגן אַלע נפלאות הבריאה, איז דאָס וואָכעדיקע לימודים און מען מעג עס לערנען אויך אָן אַ היטל, אָבער ווי נאָר עס קומט צו דעם אָקס וואָס האָט געשטאָכן אַ קו, איז דאָס הייליק און מען דאַרף אָנטאָן אַ יאַרמלקע. אַזוי ניט שעפעריש איז ביי אונדז דער פּעדאַגאָגישער געדאַנק, דאָס יידישע דענקען. און דער טיפערער מקור פון דעם איז — די ביטול־באַציִונג צו די אייגענע טראַדיציעס און דער פאַרלאַנג זיך צו פוצן מיט פרעמדע פעדערן און מיט פרעמדע מינהגים אויף אַלע געביטן. ווײַזט אַ רב גרויסע קונצן וואָס ער זאָגט אַ דרוש אין גמרא אויף ענגליש. הײַנט גייט פסקנט, צי ער פאַרגויישט די גמרא אָדער ער פאַריידישט זײַן לשון?

„תורהדיק לערנען"

פון אונדזערע רעליגיעזע קרײַזן הערט מען כסדר די פאָדערונג פון „תורהדיק לערנען". אָבער ווי עס איז בײַ אונדז אָנגענומען, נוצט מען אָפט באַגריפן איידער מען דעפינירט קלאָר וואָס מען מיינט, וואָס מען וויל מיט דעם באַגריף באַצייכענען. אָנהערנדיק זיך און אָנלייענענדיק זיך, ווייס איך אַז מען מיינט מער תורה לערנען, דעם כמות מיינט מען, מער גמרא, איבערהויפּט, וואָרעם תנ״ך האָט מען דאָך אין די טראַדיציאָנעלע ישיבות גאָרניט אָדער כמעט גאָרניט געלערנט. זײַנען דאָך נאָך אין דער גמרא גופא פאַראַן אָנווײַזונגען צו לערנען תנ״ך ווייניקער. זײַנען צווישן די מדרגות פון חדר פאַראַן בלויז חומש־חדר און גלייך נאָך אים קומט דער גמרא־חדר, קיין תנ״ך־

חדר איז ניט געווען. אין 1903 (אָדער 1904) איז אין דער ישיבה פון ראמיילעס קלויז אין ווילנע געווען אַ שטרייק, אָנגעפירט פון „בונד". איז צווישן די פאָדערונגען פון די שטרייקנדיקע תלמידים געווען אויך אַ פאַרלאַנג מען זאָל לערנען תנ"ך. אַזוי אַז מען דאַרף אָננעמען אַז אויך די היינטיקע פאָדערונגען וועגן תורהדיק לערנען מיינען טאַקע ווידער אַ מאָל מער גמרא. איך זאָג מער גמרא און ניט אויסשליסלעך נאָר גמרא, ווייל אין אַלע היינטיקע ישיבות לערנט מען דאָך אַחוץ גמרא אויך אַלגעמיינע לימודים. קען שוין די פאָדערונג פון תורהדיק לערנען ניט מיינען נאָר גמרא. עס איז קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו הערן אָדער צו לייענען, אַז די פאָדערונג פון תורהדיק לערנען זאָל מיינען מען זאָל אָנווענדן די מעטאָדן פון גמרא־לערנען, די טראַדיציאָנעלע, אָרגאַניש יידישע מעטאָדן פון לערנען אויך צו די אַלגעמיינע לימודים. אַזוי ווייט גייען ניט די פאָדערונגען פון די רעליגיעזע קרייזן ביי אונדז. במילא איז דער עצם אויסדרוק אויך גראַמאַטיש ניט ריכטיק: דאָס וואָס זיי ווילן איז תורה לערנען, מער תורה, מער חכמות פון תלמודישע אינהאַלטן. תורהדיק איז ניט קיין סובסטאַנטיוו, נאָר אַן אַדיעקטיוו, תורהדיק מיינט אַזוי ווי תורה, אַזוי ווי מען לערנט תורה. וואָלט עס געדאַרפט מיינען אַז דאָס איז אַ פאַרלאַנג צו לערנען אַנדערע לימודים אַזוי ווי מען לערנט תורה. אָבער דאָס מיינען זיי ניט. פאַר זיי איז פון לכתחילה באַשטימט און אָפּגעמאַכט ניט אָפּצופרעגן, אַז עס זיינען צוויי באַזונדערע געביטן, שתי רשויות, אחד לה' — איינער פאַר יידישקייט און איינער פאַר... פאַר וועמען? ניט פאַרן טייוול, נאָר אויך ניט פאַר גאָט. און די צוויי טאָרן גאָר ניט זיך אויסמישן, ווי דער עמוד האש און דער עמוד הענן אין מדבר. זיינען טאַקע אין די אַמעריקאַנער ישיבות אָפּגעטיילט די צוויי געביטן און איינער מישט זיך ניט מיטן צווייטן. אַז מען זאָל אַ סוגיא פון גמרא לערנען ווי אַ שטיק ליטעראַטור — דאָס קען געמאָלט זיין. דערקלערן, אַרויסגעבן, איבערלערנען אַליין, היים־אַרבעט מאַכן און נאָך דעם איבערפרעגן. דאָס יאָ, אָבער אַז מען זאָל לערנען אַלגעמיינע לימודים תורהדיק — אויף אַזוי פיל האָט ניט געוואָגט דער פעדאַגאָגישער געדאַנק, און אויך ניט... די יידישע דרייסטקייט צו לייקענען, ניט אָנצונעמען דעם אַלגעמיינעם וועג! בעסער האַלטן פון אַלטן יידישן וועג... נו, דאָס וואָלט דאָך שוין געווען אַ יידישע חוצפה!... אָבער אין דער אמתן וואָלט עס ערשט געווען זייער אַ גרויסער, פּרוכטיקער אויפטו. ערשטנס, וואָלט זיך אויסגעלאָזט מיט דעם דואַליזם פון צוויי באַזונדערע וועלטן, פון צוויי קולטורן, וואָס ציען דעם לערנער אין צוויי פאַרקערטע ריכטונגען, צווייטנס, וואָלטן די דערציע־

רישע השפּעות פון טראַדיציאָנעלן יידישן לערנען, וואָס מיר האָבן באַשריבן פריער מער געווירקט און זיי וואָלטן מער נוצן געבראַכט דער דערציונג, דער אַנטוויקלונג פון דעם לערנער.

אָבער צי איז מיגלעך גאָר צו לערנען ליטעראַטור, פיזיק, מאַטעמאַטיק וכדומה אַלע אַלגעמיינע לימודים לויט די מעטאָדן פון ישיבה? תורהדיק?

יאָ, עס איז מיגלעך! עס איז ניט מיגלעך דאָ צו געבן אַ קורס מעטאָדיק פון פאַרשיידענע לימודים, אָבער עס איז אָן שום ספק מיגלעך און עס וואָלט געווען זייער און זייער אַ פּרוקטיקער אויפטו. עס וואָלט, אמת, געדאַרפט געענדערט ווערן די פּראָגראַם פון עטלעכע לימודים. מען וואָלט געדאַרפט ביי פאַרשיידענע סוגיות פון פיזיק למשל, אַריינברענגען די פאַרשיידענע טעאָריעס און מיינונגען וועגן אַלערליי דערשיינונגען, די מחלוקתן פון די פאַרשער, למשל, וועגן מהות פון ברענען, פלאָגיסטאָן, וועגן פאַלן פון קערפּער וכדומה. דאָס וואָלט געגעבן די ריכטיקע וויסנשאַפט, ד״ה די זוכונגען פון דער מענטשהייט צו קומען צום וויסן. און דאָס איז אַ סך וויכטיקער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן אין דעם לערנער ווי דאָס פאַרטיקע וויסן גופא. דאָס וויסן וואָס מיר פאַרמאָגן איצט איז דאָך אַ רעזולטאַט פון דורות זוכן און בלאָנדזשן, און פון פאַרשיידענע היפּאָטעזעס, פאַרשונגען און דיסקוסיעס. אין דעם איז פאַראַן אַזוי פיל הומאַניזם, גייסט, שטרעבונג; עס איז די אייביקע מעשה פון דעם עץ הדעת, פון דעם טורעם וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט ביז צו די הימלען; עס איז דער חלום צו פליען ווי אַ פויגל; עס איז חלום, לעגענדע, מעסטן און וועגן. עס איז דאָס פאַרקוקן זיך צו די שטערן אין הימל און זוכן אין זיי אַ פּתרון חלום; עס איז מער ווי ליטעראַטור דאָס לעבן פון אַ לאַוואַזיע, פון אַ פּאַסטער, פון אַ קיורי וכדומה.

וויסנשאַפט איז דאָך ניט דאָס וויסן וואָס מיר ווייסן שוין, — וויסנשאַפט איז דאָך דער דראַנג און די וועגן צו דערוויסן זיך דאָס וואָס מען ווייס נאָך ניט. וויסנשאַפט — דאָס שאַפן וויסן.

עס פאַרשטייט זיך אַז נעמען אַזאַ קליינע סוגיא וועגן דרוק פון לופט און לערנען דאָס היסטאָריש: אַריסטאָטל האָלט אַזוי און גאַליליי און טאָריטשעלי האַלטן אַזוי, טאָ ווי איז די הלכה? וואָלט אַזאַ סוגיא געווען תורהדיק און מער דערציעריש און מער יידיש ווי אַ פּראָבלעם אַז איינער ברענגט אַ גט פון מדינת הים. מען האָט טאַקע די לעצטע צייט גענומען מער אַכט לייגן אויף דער געשיכטע פון וויסנשאַפטן. מען מיינט דורך דעם צו הומאַניזירן זיי — די וויסנשאַפטן. עס איז מיט עפּעס אַ מין פאַלשן געדאַנק דורכגעפירט

געווארן אַ צעטיילונג צווישן עקזאַקטע וויסנשאַפטן און הומאַניסטישע, וואָס מען פאַרגינט אפילו ניט דעם נאָמען וויסנשאַפט. בעת אין דער אמתן שטאַמען זיי אַלע גלייך פון איין ריין מענטשלעכן דראַנג. אַ מענטש איז געוואָרן אַ מענטש ערשט ווען חוה האָט גענומען קעגן דעם פאַרבאָט פון גאָט צו עסן פון דעם עץ הדעת. אַוודאי פאַרשאַפט דאָס געניסן פון עץ הדעת אַ סך ווייטאָקן און פאַרדרוסן און צרות. עס איז גאָר ניט אַזוי גרינג אַרויסצורייסן פון רבונו של עולם זײַנע סודות הבריאה. עס איז גאָר ניט אַזוי פריי פון מענטשלעכע קינאה־שינאה אויף די געביטן פון זוכן דעם אמת... און אַרײַנציען די יונגע לערנער אין די דראַמאַטישע קאַפּיטלען פון מענטשלעך לעבן וואָלט געוויס געווען אי יידישער, אי מענטשישער, אי וויסנשאַפטלעכער, אי עטישער. אי וואָכעדיקער און אי הייליקער, ווײַל דאָ ליגט דאָך דער וועג פון מענטשן צו די סודות פון דער געטלעכקייט אין גאָטס באַשאַף. דאָ איז דאָך דער השמיים מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הרקיע. און וואָס מער אַנטפּלעקטע סודות הטבע, אַלץ מער גאָט, ווייל „אלהים בגמטריא הטבע".

און ועל כולם וואָלט עס צעשטערט דעם דואַליזאַם פון מענטשלעכן דענקען און מענטשלעכקייט בכלל, עס איז דער וועג צום „אחד".

דאָס וואָלט געווען דאָס אמתע תורהדיק לערנען. אָבער זאָלן מיר מוחל זײַן אונדזערע רעליגיעזע וואָס כאַפּן זיך אָן די קרנות המזבח ניט ווײַל דער מזבח פון גאָט איז זיי טייער, נאָר... פאַראַן אַ סך מאָטיוון וואָס צוליב זיי לױבט זיך צו האַלטן אָן די קרנות המזבח *).

אָבער ניט דאָס זײַנען מיר אויסן דאָ. מיר פירן ניט קיין דיסקוסיעס. דער עיקר — אויף די וועגן דאַרף גיין די יידישע פּעדאַגאָגיק. עס וואָלט געווען דער יידישער „אחד", ווי אין רעליגיע אַזוי אויך אין פּעדאַגאָגיק. כדי זיך צו לאָזן אויף אַזאַ וועג וואָלטן יידן געדאַרפט האָבן מער אמונה אין יידישקייט און ווייניקער נאָכמאַכעריש קוקן צו אַנדערע. שווער צו געפינען אַזעלכע יידן...

אַנטוויקלונג פון אַ געדאַנק

כדי מען זאָל קענען ריכטיקער אָפּשאַצן די העכערקייט פון דער יידישער סיסטעם פון לערנען דאַרף מען עטוואָס ברייטער באַטראַכטן דעם פּראָ־

*) אננעמען זיך פאַר די שפּיצן פון מזבח איז געווען אַ האָפענונג צו בלייבן לעבן אפילו ווען מען איז פאַרמישפּט צו טויט־שטראָף. זעלטן ווען מען האָט אַזאַ פאַרמישפּטן געמעגט צונעמען פון מזבח.

צעס ווי עס אַנטוויקלען זיך געדאַנקען ביי אַ מענטשן. די אַנגענומענע ביי פעלקער מעטאָדיק איז באַגרינדעט געווען טעאָרעטיש אויפן שוועל פון פאַריקן יאָרהונדערט. די טעאָריע האָט זיך אין גאַנצן באַזירט אויף דעם באַוווּסטזײַן. בכלל האָט מען דאָך דעמאָלט גאָר ווייניק געטראַכט וועגן די טיפערע מקורים פון מענטשנס האַנדלען און פירן זיך. די טעאָריע איז גרונטיק באַאַרבעט דורך הערבאַרטן אין דייטשלאַנד, און זי האָט געוועלטיקט מער ווי אַ יאָרהונדערט, הגם אין משך פון דער צײַט איז דער באַוווּסטזײַן גאַנץ היפּש דעטראָנירט גע־וואָרן. הערבאַרט האָט באמת אַ סך פאַרדינט מיט דעם עצם באַגריף „דער־ציעריש לערנען". דער עצם פּראָצעס פון געבן ידיעות דאַרף אַנטוויקלען, דערציען. און דער פּראָצעס איז דעטאַל באַאַרבעט געוואָרן. זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער האָבן אָפּט געענדערט עטאַפּן פון דעם פּראָצעס, אָבער אַלע הייבן זיי אָן פון באַוווּסטזײַן. און דער באַוווּסטזײַן איז פאַרבונדן מיטן וואָרט. אפשר דאַרף מען אין דעם זינען אויך פאַרשטיין דעם זאַץ אין יענער תורה, אַז „צום אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט".

מיר ווייסן אָבער איצט, אַז דער באַוווּסטזײַן איז ניט מער ווי אַ קליינער פענצטער, וואָס דורך אים זעט זיך אַרויס אַ קליינער טייל פון דעם טיפערן און אַ סך עלטערן אונטערבאַוווּסטזײַן. דאָ ליגן די מקורים פון האַנדלען און די מקורים פון דענקען אויך. דער אונטערבאַוווּסטזײַן איז ווי אַ טיפער ברונעם, און דער באַוווּסטזײַן איז בלויז איין עמער וואַסער וואָס איז אַרויסגע־שעפּט געוואָרן פון דעם טיפן ברונעם. פינצטער איז אונטן, אין די טיפענישן, אַ טונקל־שוואַרצער תהום זעט זיך קוים אַרויס אויבן. יעדער קלאַנג הילכט אָפּ פון טיפן אונטן, אַ טראָפּן וואָס פאַלט אַראָפּ הילכט אָפּ מיט אַ שטומען אָפּהילך... שווער איז צו וויסן ווי טיף עס איז אונטן דאָס וואַסער און פון וואַ־נען דאָס וואַסער קומט אַהין. פון דאָרטן אָבער קומט דאָס לעבעדיקע און באַ־לעבנדיקע וואַסער, און אויך דאָס... באַלערנדיקע קומט פון אַזוינע טיפענישן.

אַזוי איז מיט אַלע אונדזערע געדאַנקען. זיי שטאַמען פון די אומבאַ־וווּסטע טיפע טיפענישן פון אונטערבאַוווּסטזײַן. זיי זײַנען לכתחילה שטום, אָן ווערטער, אָן אַ לבוש פון ווערטער און ניט געגלידערט אין לאָגישע זאַצן. און דער טרעגער פון די געדאַנקען אַליין באַנעמט זיי ניט, באַגרייפט זיי אפילו ניט. עס איז מער אַ שטימונג, אפשר אַ געפיל וואָס מען קען אפילו ניט אָנרופן מיט אַ נאָמען, דעפינירן. אַ מאָל ווייס דער מענטש אַז „עפּעס טוט זיך אין מיר, און איך אַליין ווייס ניט וואָס". אָפטער ווייס ניט דער מענטש אַליין, אַז „עפּעס טראַכט זיך אין אים".

פון וואַנען קומען זיי אָט די אומבאַקאַנטע האַנדלונגען און געדאַנקען? — דאָס וואַסער פון אַ ברונעם קומט אין לעצטן סך הכול פון דער אַטמאָספער, פון די רעגנס. אָבער עס זאַפּט זיך דורך דורך אַ סך שיכטן ערד, עס זײַט זיך דורך דורך זיי. פון ווייטע, ברייטע שטחים, ווער ווייס פון וואָסערע קלימאַטן דאָס וואַסער זאַמלט זיך אָן אויף דעם טיפן שיכט? ווער ווייס פון וואָסערע לענדער עס קומט דאָס וואַסער, איבער וואָסערע לענדער עס האָט גערעגנט... און ווער קען וויסן ווי לאַנג דאָס רעגנוואַסער האָט געוואַנדערט אין טיפענישן ביז עס איז געקומען ביזן ברונעם...

און ווער קען וויסן וואָס און ווען עס האָט „באַרעגנט" דעם אונטער־באַוווסטזײַן פון אַ מענטש, אפשר קומט אַ „טראָפּן געדאַנק" פון אוראַלטע צײַטן, ווען אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס זיינען נאָך קינדער געווען און אפשר נאָך פריער. און אפשר האָט זיך אַ טראָפּן געדאַנק דורכגעזאַפּט צו אונדז גאָר פון פרעמדע וועלטן? ווער ווייס? בכל אופן זוכן מיר אָפטער די מקורים פון אונדזער געדאַנקען־שיכט אין דעם לעבן פון אונדז אַליין און אין דעם לעבן פון אונדזערע דורות פאַר אונדז. די נשמה פון אַ מענטשן איז דאָך אַ סך עלטער פון אים אַליין. מיר טראָגן דאָך אין זיך ירושות אָן אַ סוף פון אברהם אבינו און פון נאָך פריער, פון אדמען און אפשר פון פאַר אדמען. אָבער זיי — די ירושות זיינען אַ סך עלטער און מיר אַליין וויסן ניט פון וועמען און פון וואַנען מיר האָבן זיי געירשנט.

טונקל, פינצטער איז אויך דער ברונעם פון אונדזער אונטערבאַוווסט־זײַן. עס איז אַ פלאָנטער, אַ קנויל געדאַנקען, ברעקלעך אומגעפורעמטע, געפילן, שטימונגען, איבערלעבונגען, ניט צו אָריענטירן זיך, אָן אַ נאָמען, אָן אַ סדר, אָן אַ ברעקל וויסן, אַז מיר פאַרמאָגן עפּעס.

פון דעם ערשטן אויסגעשריי פון אַ נײַ־געבאָרן קינד און ביז די טיפסטע אידעען פון אַ שפּינאָזע, צי אַ ניוטאָן און אײַנשטיין, צי פון אַ ביאַליק, צי אַלע אַנדערע — אומעטום און אין אַלעמען האָבן אָפּגעהילכט דורות. איטלעכער אויף זײַן אופן, לויט זײַן מהות, וואָס איז ווידער אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשיי־דענע השפּעות...

עס איז גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן צו קענען פון אָט דעם טיפן תהום אַרויסשעפּן אַ קלאָר באַשטימטן און דעפינירטן געדאַנק. דערצו איז נויטיק גענױטקייט, דערפאַרונג. עס איז גרינגער אַרויסצופישן אַ פיש פון טיפן ים, איידער אַרויסצופישן אַ קלאָרן געדאַנק פון טיפן אונטערבאַוווסטזיין. עס איז אפשר גרינגער אויסצוהאַקן פון מאַרמאָר די פיגור וואָס דער קינסטלער האָט

אין פאַנטאַזיע, איידער די זעלביקע פאַנטאַזיע אויסצופאַנטאַזירן אין אייגענער נשמה פון דעם בראשיתדיקן תוהו ובוהו דאָרטן. דאָס איז דער „ערטילאָין" אין אונדז ווי עס רופט דאָס אָן די יידישע קבלה. אומגעפורעמט, אומקלאָר, אומבאַקאַנט פאַר דעם טרעגער אַליין. דאָס קענען פון דעם אור־תהום אין מענטשן אַרויסשעפּן קלאָרע דעפינירטע אידעען און געדאַנקען דאָס איז אינ־טעליגענץ. זעלטענער ווערט עס צו אַ קונסט.

איך פלעג אַ מאָל ליב האָבן זיך אַוועקצוזעצן מיט אַ פּשוטן פּויער, אָדער מיט אַ יידישן בעל מלאכה, און שמועסן, „באַלאַקען" שעהן־לאַנג. פלעגט זיך דאָ אַרויסווייזן טיפע איינגעבאָרענע אינטעליגענץ אַרויסצוזאָגן אידעען און געדאַנקען, אין זיי זײַנען געווען באַלד קאַנטיק דורות פון פאָלק, וואָס צו אים האָט געהערט מײַן מיטשמועסער: אָט אַזוי טראַכט דאָס פאָלק, יענץ פאָלק.

אָבער אָט די באַטירלעכע, איינגעבאָרענע (ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן געירשנטע) אינטעליגענץ אַנטפּלעקט זיך אַלץ זעלטענער. מען האָט זי זייער פיין געקאַנט זען און הערן אין טונקעלן שטעטלשן בית מדרש אין די שבת צו נאַכטן פאַר דעם וואָכעדיקן מעריב. לערנען קען מען ניט און מעריב דאַווענען קען מען נאָך אויך ניט. שמועסן יידן... לאַנגע דורות יידן שמועסן דאָרטן, דערציילן יידן מעשיות — דאָס איז דער קאָלעקטיווער זכרון פון פאָלק.

אָבער דאָ קומט אַריין די סיסטעמאַטישע, אָרגאַניזירטע בילדונג, די שול קומט. ווייט ניט אַלץ וואָס עס ווערט געלערנט, ווערט אויך אָרגאַניש אַסי־מילירט, פאַרבונדן אָרגאַניש מיט דער אייגענער אינטעליגענץ פון דעם לער־נער. עס טרעפט זייער אָפט אַז דאָס געלערנטע איז ניט מער ווי... וואַסער וואָס מען זאָל גיסן אין אַ ברונעם, און ער האָט אַליין זייער ווייניק וואַסער. דאָס איז בפירוש דאָס אויף וואָס עס קלאָגט דער נביא: וואַסער געגאָסן אין גריבער וואָס קענען ניט אײַנהאַלטן דאָס אָנגעגאָסענע. גיס און גיס און עס טריקנט אויס. און אויב אפילו עס האַלט יאָ דאָס וואַסער, די אויסגעלערנטע תורה, בלײַבט עס לגמרי ניט באַהעפט מיט דער אייגענער אינטעליגענץ פון דעם לערנער. עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס זײַנען געגליכן צו אַ פולן גוט פאַרפּאַקטן טשעמאָדאַן מיט וויסן. אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור איז פאַר זיי געווען אַן אויסדרוק „אַן אייזל אָנגעלאָדן מיט ספרים". אין די ספרים איז טאַקע דאָ זייער פיל חכמה, אָבער דער אייזל בלייבט פאָרט אַן אייזל... עס איז שוין אַ סך געזינטער ווען די לערנערס פאַרגעסן וואָס מען האָט אין זיי אַרײַנגעלערנט. וואָס איז די פעולה ווען אַ מענטש גייט אַרום מיט אַ פול

איבערגעזעטיקטן מאָגן, וואָס ווערט אָבער ניט פאַרדייט? עס ווערט ניט אײַ־בערגעאַרבעט אין דעם לערנערס „בלוט און פלייש" פון זיין נשמה. עס פאַר־שטאָפּט נאָר דעם מאָגן, דער מענטש זאָל ניט קענען עפּעס ווייטער עסן... און פאַראַן אַזוינע מענטשן וואָס זײַנען פאַרשאָלטן מיט אַ צו גוטן זכרון, און זיי האָבן אייך צו דערציילן ציטאַטן פון אַלע שרייבערס פון אַלע געלערנטע און פון וועמען נאָר איר ווילט און ווילט ניט. אָבער די זעלביקע מענטשן זײַנען אומפעיִק צו שאַפן אַן אייגן וואָרט, אַן אייגענעם געדאַנק. די מענטשן הערן אויף צו דענקען לגמרי, זיי ווערן ווי איינער אַ רבי מיינער פלעגט זיך אויס־דריקן „אַ ש"ס וואָס גייט אַרום אויף צוויי פיס"... אַזוינע שעדלעכע רעזול־טאַטן פון לערנען קען מען אָפּטער דערוואַרטן דאָרטן וווּ מען באַזירט דאָס לער־נען אויפן זיכרון. איר וועט דאָס אויסלערנען און קענען איבערזאָגן „וואָרט אין וואָרט"...

פאַראַן לערערס וואָס האָבן גאָר פײַנט אַז אַ תלמיד זאָל אים זאָגן אָדער שרײַבן ניט ווי עס שטייט אין בוך, ווי ער דער לערער האָט עס געזאָגט. וואָס ביסטו און ווער ביסטו? טענהט אַ לערער צו אַ פעיִקן תלמיד. דו זאָג מיר בעסער וואָס עס זאָגט דער און יענער גרויסער קריטיקער... די דאָזיקע פּעדאַ־גאָגיק פאַרטעמפּט ניט בלויז די קינדער: פאַראַן לערער וואָס לערנען די זעלביקע פּראָגראַם יאָרן נאָך יאָרן, זיי חזרן איבער די זעלביקע רייד, די זעלביקע טעקסטן, זיי פאַרגיבן די זעלביקע היים־אַרבעט, ביז זיי אַליין — די לערערס — הערן אויף צו דענקען, זיי ווערן ווי רעקאָרד־מאַשינעס, וואָס חזרן איבער דאָס איינגעלערנטע, דאָס אַרײַנגעזאָגטע אין זיי. דאָס איז אַ באַקאַנטע דערשיינונג — די „אינפאַנטיליזאַציע" פון לערערס, וואָס מען רעדט וועגן איר צו ווייניק. אַזאַ לערנען איז געגליכן צו יענעם געניטן פּאַקער, וואָס קען אָנשטאָפּן אַ באַרג מיט זאַכן אין גאָר ניט קיין גרויסן טשעמאָדאַן...

עס איז בײַ יידן געווען אַן אויסדרוק „ער איז אַ ווינטערדיקער נאַר". וואָס הייסט עס? אַ זומערדיקער נאַר גייט ניט אָנגעפּעלצט, דערזעט מען גלייך אַז ער איז אַ נאַר. אַ ווינטערדיקער נאַר גייט אײַנגעוויקלט אין אַזוי פיל חכמות, גאַנצע און צעריסענע, אויסגעריבענע חכמות, אַז עס איז גאָר שווער צו דערזען זײַן אָרעמע נאַרישקייט, סיידן מען טוט אים אויס פון די אָנגעפּעלצטע פרעמדע גאַנצע און צעפליקטע חכמות... אַ רב אָן אַ ד"ר־טיטול האָט מיר אַ מאָל גע־זאָגט אַז די אַמעריקאַנער „געדאָקטאָרטע" רבנים זײַנען בײַ אים אין די אויגן „דיפּלאָמירטע עמאַרצים". ווייס איך ניט צי עס איז אמת, אָבער אין באַשטימטע פאַלן איז עס יאָ מסתמא פאַראַן. אַ פּראָפעסאָר פון באָטאַניק האָט זיך אין אַ

בוך באַרימט אַז ער האָט זײַן גאַנץ לעבן ניט געשריבן קיין אייגענע היפּאָטע־זעס, ניט געשריבן „סתם פון קאָפּ״! — ער האָט נאָר באַטראַכט, נאָכגעקוקט און פאַרשריבן...

אין דער ריכטונג איז געוויס געווען הערבאַרטס גרויסער אויפטו מיט זײַן פאָדערונג אַז דאָס לערנען מוז זיין דערציִעריש. אפשר סוף כל סוף וועט עס דאָך דערפירן צו ראַטעווען די וועלט פון די „איבערגעלערנטע״ (ווי אי־בערגעגעסענע), וואָס ווייסן נאָר צו ציטירן דאָס וואָס „די געלערנטע האָבן געזאָגט״, די „געלערנטע״ האָבן אויסגעפונען און אַזוי כסדר.

און אָט אַזאַ מין לערנען וואָס פאַרטעמפּט ווערט דאָך געפירט אין דער מערהייט שולן. עס לויערט איבער זיי די ניוועלירנדיקע פּראָגראַם, איבער אַלעמען, איבער די תלמידים און די לערערס הענגט די שרעק פון די עקזאַ־מענס. מען פאָדערט פון אַלעמען גלייך אין באַשטימטן סכום קאָנאָניזירט וויסן, אָבער ניט דענקען, ווערטער אָבער ניט געדאַנקען... לייגט זיך עס אַרויף אויף דעם נאַטירלעכן אינהאַלט פון די לערנערס, ווי דערדריקנדיקע פּרעמדע מאַסע און דערשטיקט די אייגענע אינטעליגענץ, פון דעם לערער ניט ווייניקער ווי פון תלמיד.

מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעמאָקראַטיע אין דערציִונג, וועגן אינדיווידואַליזאַציע. און איצט זעען מיר ווי עס ווערט פאַרקערט דערדריקט דאָס עצם דענקען נאָך איידער דער געדאַנק ווערט געבאָרן.

אין דער אמתן ווערט יעדער געדאַנק געבאָרן גאָר טיף אין אונטערבאַ־וווסטזײַן. ער איז לכתחילה ניט געפורעמט, ניט אַנטוויקלט. כדי ער זאָל זיך נעמען אַנטוויקלען דאַרף דער געדאַנק ווערן „באַפרוכפּערט״ פון דרויסן ווי אַן אייעלע ביי אַ מוטער. עס דאַרף קומען אַן אָנרעגונג. אַ מאָל איז גענוג אַ וואָרט און אַ מאָל דאַרף מען גאָר אַ סך לערנען איידער עפּעס זאָל דערגיין אין אַן איבערגעקאָכטער פאָרעם צו דעם אונטערבאַוווסטזײַן פון דעם לערנער און עס זאָל זיך צונויפהעפטן אין איין גאַנצעס. ערשט דעמאָלט קומט דער נײַער געדאַנק צום באַוווסטזײַן פון דעם מענטשן. ער ווייס עפּעס, אָבער „ער קען עס ניט אַרויסזאָגן״ דאָס הייסט, אַז דער געדאַנק איז נאָך ניט איבער־געזעצט אויף דער שפּראַך פון ווערטער. לכתחילה איז דער געבאָרענער גע־דאַנק ניט געגלידערט. מיר זעען ניט און ווייסן ניט דעם וועג וואָס אונדזער דענקען מאַכט דורך פון דער באַפרוכטונג ביז דער אויספורעמונג אין ווערטער. דאָס איז אַ פּראָצעס אין גאַנצן אַן אינטימער. אָט איז געווען אַ רייץ און אָט איז שוין די

רעאַקציע, די האַנדלונג. און די האַנדלונג איז אַדעקוואַט, פּאַסיק, דעם וועג אַבער פון דעם רייץ ביז צו דער האַנדלונג, ביז צו דער רעאַקציע ווייסן מיר ניט.

דאָס איז דער „נעשה" וואָס דאַרף טאַקע קומען פריער, פאַר דעם „נשמע" און ער קומט פאַר אים, פאַר דעם נשמע. צו ערשט רעאַגירט דער מענטש אומבאַוווּסט אויף אַ רייץ, ווי אַלע גאַט באַשעפענישן. בלויז טאַקע ביי דעם מענטשן טרעפט זיך — ווייט ניט אַלע מאָל, אַז ער ווייס וואָס ער טוט. עס איז אַן אַלטע טעאָריע — וואָס קומט פריער? צי פריער קומט דאָס געפיל פון שרעק, למשל, און נאָך דעם קומען די פיזיאָלאָגישע רעאַקציעס פון קערפּער; איך הייב אָן צו שרייען, איך ווער בלייך, עס הייבט אָן צו קלאַפּן דאָס האַרץ שטאַרקער, ווײַל איך האָב זיך דערשראָקן, אָדער פאַרקערט, — עס רעאַגירן די אינוויינִיקסטע אָרגאַנען און דערפאַר דערפיל איך דאָס געפיל פון שרעק. די טעאָריע פון דזשיימס און לאַנגע זאָגט, אַז די עמאָציע איז אַ תולדה, אַ פּראָדוקט פון דער פיזיאָלאָגישער רעאַקציע. בערך דאָס זעלביקע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם באַוווּסטזײַן: די האַנדלונג איז אין תוך דירעקט, אומ־מיטלבאַר. טייל מאָל בלויז ווייס דער מענטש אַז ער טוט. די רעאַקציע איז ווי אַן אימפּולס, אינטויִטיוו. דער באַוווּסטזיין באַגלייט די האַנדלונג. זעלטן וועט אַ מענטש טוט עפּעס לויט דער באַשטימונג פון באַוווּסטזיניקן ווילן „איך דאַרף עס טאָן און איך טו עס, ווײַל איך האָב באַשלאָסן דאָס צו טאָן".

און די טואונגען זײַנען טאַקע די שוואַכערע. זיי פאַרמאָגן וויניקער ענערגיע, זיי רייסן זיך אָפּטער איבער. דער באַוווּסטזײַן איז, ווי געזאָגט, אַ קליין פענצטערל וואָס קוקט אַרײַן אין דער טיפעניש פון אונטערבאַוווּסטזײַן. דער באַוווּסטזײַן איז מער אַ באַגלייטער איידער אַן איניציאַטאָר פון האַנדלונגען און טואונגען. אויך געדאַנקען זײַנען האַנדלונגען פון אַ באַשטימטן אַרט און בנוגע צו זיי דאַרף אויך געזאָגט ווערן וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט וועגן האַנד־לונגען און רעאַגירונגען בכלל. אויך די געדאַנקען שפּרינגען אַרויס פון זעל־ביקן טיפערן מקור. דער באַוווּסטזײַן באַגלייט זיי ניט אַלע מאָל! ער פאַרענט־פערט זיי, ער באַרעכטיקט די האַנדלונגען. גאָט האָט אויך צו ערשט באַשאַפן און ערשט נאָך דעם האָט ער געזאָגט „כי טוב". דער באַוווּסטזײַן דערוויסט זיך דעם געדאַנק אָדער האַנדלונג און ער זאָגט: יאָ, ריכטיק, אַזוי האָב איך געדאַרפט טאָן. דאָס איז דאָס ווייסן פון דעם אייגענעם אינטויִטיוון דענקען.

ערשט איצט הייבט אָן דער באַוווּסטזײַן אויסצוציען דעם לאַנגן, פאַר־פּלאָנטערטן קנויל פון דעם רייץ ביז דעם אויספיר, ווי דער אַרבעטער זאָל אויסציען דעם לאַנגן עלעקטרישן שנור. דער באַוווּסטזײַן מאַכט קלאָר די

עטאַפּן, די לאָגישע הנחות, וואָס פירן צו דער מסקנה. ער רופט אָן די באַגריפן וואָס קומען אַרײַן אין די הנחות, עס באַקומט זיך אַ קלאָרער געפּלאַסטערטער וועג פון רייץ ביזן אויספיר. דעם אמת געזאָגט, איז דער אויספיר געווען פריער פאַר די הנחות. אַזוי איז אייגנטלעך אויך מיט אַלע גרויסע וויסנשאַפט־לעכע טעאָריעס: בראשית קומט די אידעע, די טעאָריע. זי פלאַמט אויף, בליצט אויף. ערשט שפּעטער הייבן זיך אָן די זוכענישן צו באַגריגדן דעם אויספיר. אַזוי איז געווען מיט אַרכימעדס באַרימטער וואַנע, מיט ניוטאָנס עפּל, מיט דאַרווינס טעאָריע, מיט איינשטיינען. האָט דאָך דאָס טאַקע געזאָגט איינ־שטיין אַליין, אַז בראשית קומט די טעאָריע, נאָך דעם זוכט מען זי צו באַגרינדן. דאָס ערשטע, ווען דער מענטש, יעדער מענטש, ניט דווקא דער גרויסער געלערנטער, הייבט אָן אויפצוקלערן פאַר זיך און פאַר אַנדערע דעם גאַנג פון זיין געדאַנק, דעמאָלט באַקומט זיך דער לאָגישער, דער דיסקורסיווער געדאַנק. דאָס איז דער פולער ציקל פון דענקען. און דערפאַר:

דערפאַר דאַרף אויך דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס אָנהייבן לגמרי ניט פון באַוווּסטזײַן. דערפאַר איז הערבאַרטס סיסטעם אָפּגעפרעגט. דאָס אמתע דערציִערישע לערנען דאַרף אָנהייבן טאַקע פון שאַפן, אָנלאָדן דאָס „אָנבאַ־וווּסטזיניקע וויסן". עטוואָס קלאָרער — עס דאַרפן זײַן איבערלעבונגען פאַר־בונדן מיט די געדאַנקען וואָס מיר ווילן אַנטוויקלען. אָן ווערטער וואָלט אפילו געווען בעסער ווי מיט ווערטער. זאָלן אין דער סביבה, אין דער היים, אין שול זײַן אָנערעגונגען, פאַקטאָרן איבערצולעבן, רייצן, סטימולן. ניט קיין סך, אָבער טיפערע, אָפּטערע, ביז זיי וועלן אַרויסרופן פראַגעס, פאַראינטערעסירונג. און בעסער ווייניקער, אָבער טיפערע. ערשט איצט הייבן זיך אָן די זוכונגען, די דיסקוסיעס, די באַטראַכטונגען. זיי מעגן אפילו ניט פירן צו קיין באַשטימטן ענטפער, זאָל די פראַגע בלייבן תיקו. ווי שוין געזאָגט איז ניט וויסן וויכטיק, וויכטיק איז דער ווילן צו וויסן, דער פאַרלאַנג, דאָס זוכן צו דערוויסן זיך. דאָס איז דער ריכטיקער וועג פון דערציִערישן לערנען. און מיר קענען איצט זען ווי נענטער עס איז צו דעם געווען אונדזער טראַדיציאָנעלער גאַנג אין די ישיבות ביים לערנען גמרא.

אַנשטאָט דעם ידישן וועג איז אונדזער פּעדאַגאָגיק אַוועק נאָכגיין די ערגערע וועגן, פרעמדע. ווי דער אַלטער נביא קלאָגט זיך נאָך גאָר פאַרצייטן.

כדי בולטער אונטערצושיידן דעם ידישן גאַנג אין לערנען פון דעם אָנגענומענעם, איז ריכטיק אײַנצופירן דעם נאָמען „תלמודיש לערנען". דער אויסדרוק תלמוד איז געקומען פריער איידער די תלמוד־ספרים האָבן זיך

געשאַפן. דער תלמוד ווי אַ מעטאָד האָט געשאַפן דעם סכום ספרים פון תלמוד. אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזאָגט, אַז אַנשטאָט צו לערנען אַלגעמיינע לימודים לויט די טראַדיציאָנעל־יידישע דרכים, לערנט מען אין די ישיבות גמרא לויט ניט יידישע מעטאָדן. וועלן מיר עס איצט איבערחזרן מיט דעם טערמין: מען דאַרף אין יידישע שולן לערנען אַלגעמיינע לימודים תלמודיש. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דעם אונטערשייד צווישן תלמוד און לימוד אין אָנהייב פון אָט דער אַרבעט.

אַקטואַליזאַציע, אָדער היסטאָריזאַציע

אונדזער טראַדיציע האָט ניט געוווּסט פון דעם לימוד היסטאָריע, ניט געוועזן אַזאַ מין לימוד לגמרי. די משכילים פלעגן אָפּלאַכן פון יידן־למדנים וואָס האָבן געפּלאָנטערט כראָנאָלאָגיע, וואָס האָבן געקאָנט צונויפּפּאָרן ר׳ מאירן מיט היללן און גאָרניט געוווּסט אַז זיי שטאַמען פון פאַרשיידענע צייטן. אונדזער געשיכטע ווי אַ וויסנשאַפט בכלל האָט געהאַט מער מזל ביי מענטשן וואָס זיינען ווייט פון דער טראַדיציע. דער ערשטער היסטאָריקער אונדזערער אין אַלטערטום איז געווען אַ ספק־פאַררעטער (יוסף פלאַוויוס). אין דער נייער צייט האָבן די ערשטע היסטאָריקער אונדזערע אויך געהערט צו די משכילים, וואָס האָבן ווייט ניט געהאַלטן פון דער טראַדיציע, (יאָסט, גייגער און אַנד.). דער ערשטער יידיש־יידישער היסטאָריקער מיט אַ פּאָזיטיווער באַציִונג צו דער גאַנצער, אינטעגראַלער יידישער קולטור איז דאָך געווען ערשט דובנאָוו. די תלמודישע קולטור האָט ניט געהאַלטן פון קיין געשיכטע. האָבן זיי געקאָנט האַלטן אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה, אויך די בעל פה, ער האָט אפילו געהיט די מצווה פון עירוב תבשילין, און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געשיקט זיין זון לערנען אין אַ ישיבה. האָט די גאַנצע טראַדיציע געקאָנט אויסמיידן אַזאַ נאָמען ווי יהודה המכבי; ווי מצדה, ווי עס וואָלט גאָרניט געווען.

האָט די השכלה געהאַט פון וואָס צו לאַכן: די „מורדי אור" — פאַר־פינצטערער אַזוינע! ממש אַ חרפה, האָט אין אַ פּובליציסטישן אַרטיקל געשריבן ד"ר קלויזנער. און טאָמער האָט מען שוין יאָ געשריבן וועגן „סדר הדורות", האָט מען געלייגט גאָר די אַכט אויף די חכמי התלמוד.

ניטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי אָפּצולאַכן, ווי מבטל זיין די יידישע טראַ־

דיציע. אין דער אמתן אָבער איז עס געווען ווייט ניט קיין סתם בטלנות. עס איז געווען אַן אויסגעהאַלטענע באַציִונג מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיַין, מיט אַ קלאָרער אידעאָלאָגיע. נאָר ווי בכלל האָט די טראַדיציע ניט געהאַלטן פון באַגרינדן אירע אידעען אין טראַקטאַטן. זי האָט געטאָן, געפירט זיך לויט אירע פּרינציפּן, ניט דערקלערנדיק זיי. עס איז געווען אַ פילאָסאָפיע פון יידישקייט, אָבער ניט קיין געשריבענע. כדי צו פאַרשטיין זייער פילאָסאָפיע דאַרפן מיר זי פּרובירן פאָרמולירן.

ביי לייטן אַז מען לערנט ליטעראַטור, באַמיט מען זיך קלאָר פעסטצושטעלן די צייט, דאָס אָרט און די באַדינגונגען, ווען דאָס ווערק איז געשאַפן געוואָרן, מען דאַרף קלאָר מאַכן די ראַם, ווען און ווי דער שרייבער האָט געלעבט און ווי ער האָט געשאַפן און וואָס עס האָט געהאַט אַ השפעה און באַווירקט זיַין אידעען־וועלט. און אַזוי אויך בנוגע צו דער פאַרגאַנגענהייט. ווען און ווי אַזוי זיַינען אין זייער צייַט פאָרגעקומען די געשעענישן און ווי איז געווען זייער אמתער פאַרלויף, ניט צו פאַרלירן קיין פּרט, חלילה. ס׳דאַרף זיַין אַ ריכטיק בילד, דער היסטאָרישער אמת דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַלע דעטאַלן פון דער געשעעניש און די גאַנצע תקופה. איצט זיַינען די סיטואַציעס אַנדערע, די גאַנצע תקופה איז אַנדערש, דאַרף מען זיך שאַפן אַ קלאָר בילד פון יענער צייַט, ווען די געשעענישן זיַינען געווען, זיַינען געשען, ווי זיי זיַינען געשען, ווי איז געווען דער כאַראַקטער פון די מענטשן, זייערע אידעאָלאָגיעס. מיט איין וואָרט — דער היסטאָריקער האָט זיך באַמיט אין זיין אַרבעט צו פאַרלאָזן זיַין אייגענע צייט און זיך אַריבערטראָגן אין דער צייט פון די געשעענישן, אָדער פון דעם ווערק, וואָס ווערט שטודירט. דאָס איז דער וועג פון היסטאָריזאַציע; ניט דער וועג פון אונדזער טראַדיציע. אונדזער וועג — שווער איז דאָס לעבן, דער קיום פון יידישן פאָלק איז אַלע מאָל אין אַ ספק, אין אַ סכנה, „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו״ — איז געווען אַ שטענדיקער פחד, מען האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו די וועלטלעכע אויפהיטער פון פאָלקישן קיום, צו דער מלוכה ווען זי האָט נאָך עקסיסטירט. האָבן מסתמא די צדוקים געגלויבט ווי אין דער מלוכה, אַזוי אויך אין קיום פון פאָלק מיט דער קולטור פון די „גרויסע פעלקער״ אין יענער צייַט. האָבן גאַנצע גרופּעס זיך אַנטוישט בכלל אין דעם גאַנצן לעבן פון פאָלק, איז זיינע אָרדענונגען, און מען איז אַוועק אין די מדבריות לעבן מחוץ דער גאַנצער סאָציאַלער אַטמאָספער פון לאַנד. דאָס לאַנד איז ניט גוט מיט זיַינע מלכים און פירונגען, אַז דאָס פאָלק איז אויך ניט ווי עס ווילט זיך, איז מען געגאַנגען זוכן גאָט, לעבן אין

גאָט, אַ געטלעך לעבן. דאָס זײַנען געווען די פאַרשיידענע סעקטעס פון די איסיים.

אָבער די פּרושים האָבן זיך געהאַלטן מיטן פאָלק, אין פאָלק, זיי האָבן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אַנטלויפן פון פאָלק; זיי האָבן אויך ניט געקאָנט זיך דערווײַטערן פון פאָלק און פון פאָלקיש לעבן, פון שטייגער. פאַר זיי איז כאַראַקטעריסטיש אַזאַ מין זאָג, כלומרשט פון גאָט צו משהן: זײַ וויסן, משה, אַז נאָר אין זכות פון פאָלק רייד איך מיט דיר. אָדער אַ צווייטער זאָג, וואָס משה זאָגט צו גאָט: עס מעג שטאַרבן משה און טויזנט ווי ער, אָבער עס זאָל ניט געניזקט ווערן אַ נאָגל פון יידן. אָט אַזוינע שטאַרקע און געטרייע „פאָל־קיסטן" זײַנען זיי געווען. אין די גליקן פון דער וועלטלעכער מאַכט פאַרן קיום האָבן זיי אויך ניט געגלויבט, פאַרלאָרן דעם גלויבן און דעם צוטרוי. האָט מען זיך באַמיט צו בויען די צוקונפט פון פאָלק, דעם „בנין עדי עד" „על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים". האָבן מיר וועגן תלמוד תורה גערעדט שוין פריער. לאָמיר נאָך אַ מאָל אונטערשטרײַכן: ניט תורה אַלײַן, פאַר זיך, ווי עס האָבן געוואָלט די צדוקים, נאָר תלמוד תורה. מיט דעם וואָרט עבודה האָט מען געמיינט ניט בלויז די ריטואַלן אין בית המקדש, נאָר דעם גאַנצן פאַרהייליקטן שטייגער. און גמילות חסדים האָט געמיינט די גאַנצע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פון פאָלק מיט אחריות פאַר די נויטבאַדערפטיקע, פאַר קעגנזײַטיקער הילף און דאָס אויך אָן דער הילף פון דער מלוכה, וואָס מען האָט זיך אויף איר גאָר ניט פאַרלאָזט.

זיי האָבן דערצו נאָך געהאַט דאָך אין זינען דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען צעזייט אין גלותן; איז פאַר זיי געווען דער אינהאַלט פון באַגריף „פאָלק" אַלע די מענטשן וואָס פירן דעם זעלביקן שטייגער לעבן, וואָס איז אַנדערש, אייגנטימלעך, אָפּגעשיידט, אַנדערש פון דעם שטייגער פון אַלע אַנדערע און וואָס האָט וואָרצלען אין דער יידישער טראַדיציע. דאָס איז וואָס זיי האָבן אָנגערופן די „הלכה למשה מסיני". און דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פון דעם גוטן ווילן פון יעדער יידן באַזונדער. אודאי הייסט עס גאָט אַזוי זיך פירן. אָבער אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין שום מאַכט וואָס זאָל צווינגען דעם יידן צו פאָלגן, גאָט איז אַן ארך אפיים, ער האָט געדולד צו וואַרטן ביז דער ייד וועט קומען אויף יענער וועלט, דעמאָלט וועט מען אים מישפּטן. אויף דער וועלט דאַרף יעדער ייד היטן דעם יידישן פאַרזיכיקן שטייגער אפילו אין אַ פרעמ־דער וועלט, נאָר מחמת ליבע און געטרייקייט און גוטן ווילן צו זײַן אַ ייד, צו זײַן אַנדערש, צו האָבן מער דרך ארץ צו די טראַדיציעס פון אייגענעם פאָלק,

און במילא שוין מער אַכט און ליבע איידער צו דעם שטייגער און טראַדיציעס פון אַנדערע פעלקער. (דער פּרינציפּ פון „אתה בחרתנו", וואָס אָן אים איז טאַקע אַלע מאָל געווען שווער צו זײַן אַ ייד). און נאָך מער, נאָך שווערער ווײַל ביז היטלערן איז דאָך פאַר יעדער יידן געווען אָפן אַ גרינגער וועג פּטור צו ווערן פון אַלע יידישע צרות צוזאַמען מיט יידישקייט בכלל. און אַט דער כוח איז געווען די „אמונת ישראל" — דער גלויבן אין יידישקייט, מער ווי דער גלויבן אין גאָט. נאָך מער — דער גלויבן אַז יידישקייט איז געטלעך, אַז יידישקייט און גאָט זײַנען אידענטיש. יידישקייט איז תורה און דער עיקר פון תורה איז ניט די פאַרשריבענע, נאָר די וואָס אין שטייגער, די בעל פּה. אַזוי האָט זיך געשאַפן דער „יידישער דריילינג", „יידישקייט און תורה און גאָט זײַנען איינס" („קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל — חד") צי דער מאמר געפינט זיך טאַקע אין זוהר אָדער ניט, אָבער אין פאָלק איז ער אָנגענומען אין משך פון יאָרהונדערטער. דאָס איז די אמונת ישראל, וואָס איז ווידער אַנדערש פון די אַנדערע טעאָלאָגישע גאָט־רעליגיעס... אַ שווער פּעקל צו זײַן אַ ייד, מען דאַרף זײַן אַן עקשן צו זײַן אַ ייד. „אָדער אַ ייד, אָדער אויפן קרייץ!", „עם קשה עורף" און ווײַל איר ווילט ניט, האַלטן מיר אפילו פון דעם קלענסטן יידישן מינהג וועגן אַ שוך־בענדל (ארקתא דמסאני), ווי יענער חסידישער רבי האָט געלערנט „אל תקרא הליכות אלא הלכות" אַזוי שטייט, זאָגט ער: „אל תקרא הלכות אלא צולהכעיס"...

הײַנט אויב דאָס איז די אמונת ישראל, די ריכטיקע אמתע יידישקייט, טאָ ווי שיקט זיך עס אַז אברהם אבינו זאָל גאָר האָבן זײַן יידישקייט אַנדערש? ניט פונקט ווי מיר? ווי זיי אין זייער צייטן?... האָט דאָך איבערגענעמען די יידישע פאַרגאַנגענהייט געשיכטלעך געקאָנט גאָר שטערן, געקאָנט שעדיקן דער אמונת ישראל. דערפאַר האָבן זיי געהאַנדלט פאַרקערט: זיי האָבן גענומען צו הילף צו זיך אַלע פריערדיקע, פאַרגאַנגענע דורות: קומט אַלע צו אונדז און העלפט אונדז טראָגן אונדזער יידישקייט; קומט זיצן מיט אונדז אין סוכה (די אושפיזין קדישין), קומט מיט אין דעם אייביקן קאַלכאויוון (אברהם אבינו). דאָס קומט דער ערשטער ייד צוגלייך מיט אַלע שפּעטערדיקע דורות צעברעכן אַלע מאטעריעלע געטער, אַלע געצן. אוודאי האָט ר׳ אברהם אבינו געמאַכט אַן עירוב תבשילין, ווען מען האָט עס געדאַרפט לויטן שולחן ערוך. און אוודאי האָט מען געשיקט די קינדער אין אַ ישיבה אַרײַן לערנען. זיכער האָבן די זעלנער פון דוד המלך געגעבן זייערע פרויען „תנאי־גטן", און ער אַליין איז געזעסן און געלערנט. וואָס דען זאָל טאָן אַזאַ פיינער ייד, ווי מלך ישראל חי

וקים? ער וועט דאָך ניט האָבן אין זינען צו זינדיקן מיט אַ אשת־איש, חלילה, טפו־טפו־טפו! און אַזוי כסדר. קומען אַלע אבות קלאָגן אויף דעם חורבן מיט אַלע יידן צוזאַמען. זינגט אַ בחור ליבע־לידער צו זײַן געליבטער, מיינט ער דאָך געוויס דעם אייביקן ראָמאַן צווישן דער כנסת ישראל מיטן רבונו של עולם... אַלע היסטאָרישע העלדן, אַלע תנ״ך־העלדן לעבן מיט זיי צוזאַמען, מיט זייערע פּראָבלעמען און מיט זייערע געדאַנקען און אידעען פון זייער אַקטועלן לעבן אין זייער צייט.

פאַראַן אין דער יידישער מיסטיק אַ גלויבן, אַז דעם צדיקס אַ שטעקן קען האָבן אַזאַ קדושה: ער מאַכט אַרום זיך אַ קרייז, און אַט אין דעם קרײַז קען ניט אַרײַנקומען קיין טומאה און קיין סכנה. אַט אַזאַ מין קרייז פון יידישער קדושה האָט דאָס יידנטום אַרומגעצירקלט אַרום זיך און ניט דערלאָזן קיין פרעמדע טומאה זאָל אַרײַנדרינגען, קיין טמא פרעמדס, אַל דאָס פרעמדס קען פאַרצוקן, קען פאַרניכטן דאָס שוואַכע אין יידישקייט. האָט דער גרויסער רבי עקיבא, וואָס האָט געררייזט איבער דער וועלט אויך, וואָס האָט די מוט צו פאַר־הייליקן די ליבע־לידער פון שיר השירים, האָט ער געפּסקנט, אַז דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט ספרים חיצוניים פאַרלירט זיין עולם הבא. ספרים חיצוניים, חכמות חיצוניות — פרעמדע, דרויסנדיקע קולטור, ניט פון יידישן מקור, ניט פון יידישן ווײַנגאָרטן דער ווײַן, דרויסנדיקע חכמה וואָס באַמיט זיך אויסצונוצן די דרויסנדיקע וועלט, דאָס קען שעדיקן דער קומענדיקער וועלט... אָבער ניט בלויז פון דעם וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער דרויסנדיקער חכמה, נאָר די וועלט וואָס דאַרף נאָך אַלץ אָנקומען פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, דעם עולם הבא פון יידנטום. און אַלץ, די גאַנצע יידישע פאַרגאַנגענהייט איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון זייער אַקטועלן לעבן. דאָס איז דער וועג פון אַקטואַליזאַציע פון דער גאַנצער געשיכטע. און דאָס האָב איך זיך באַמיט דאָ צו דערקלערן אירע נאַציאָנאַל־פילאָסאָפישע יסודות.

אָ, די „מורדי אור” זיינען גאָרניט געווען אַזוינע „פינצטערלינגע”, ווי די נאַיווע משכילים האָבן דאָס געוואָלט פאַרטייטשן, נאָר זיי האָבן עס ניט געקאָנט באַנעמען מיט זייער פלאַכן דענקען מיט פרעמדע באַגריפן און מיט זייער מעסטן יידישקייט מיט פרעמדע מאָסן.

האָט דאָס לערנען בײַ אַלע אומות העולם זיך באַמיט אַריבערצופירן די לערנער אין דער צײַט פון דעם געלערנטן מאַטעריאַל. האָבן די יידן זיך באַמיט אַריבערצופירן דעם גאַנצן געלערנטן מאַטעריאַל צו זייער צײַט, צו זייער אַקטועלן לעבן און צו זייערע אַקטועלע באַדינגונגען. פונקט דאָס פאַרקערטע.

און מיט אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד. זיי האָבן זייערע פּראָבלעמען געשטעלט צו דער געשיכטע: ניט דער לערנער דאַרף וויסן די געשיכטע וואָס איז געווען און וואָס עס איז געשען, נאָר די געשיכטע דאַרף וויסן און דאַרף קענען ענטפֿערן אויף אַלע פּראָבלעמען פֿון דעם אַקטועלן הײַנט.

דערפֿאַר האָבן די אומות העולם זיך באַמיט צו היסטאָריזירן, דערגיין און דערוויסן זיך דאָס אמתע בילד פֿון די פֿאַרגאַנגענע געשעענישן ווי זיי זײַנען געווען און ווען זיי זײַנען געשען, מיט אַלע פּרטים. אָבער וואָס קען אונדז געבן פֿאַרן קיום אין אַ וועלט פֿון שונאים, אין אַ לעבן פֿון גלות, וואָס קען אונדז ברענגען פֿאַר אַ כוח די אמתע צאָל ווײַבער וואָס דוד המלך האָט געהאַט און וויפֿל אָקסן שלמה המלך האָט געדאַרפֿט האָבן אויף איין מיטאָג פֿון זײַן הויף? וועמען אַרט עס צי דער אָדער יענער באַרג איז דער „אמתער"(?) הר סיני, אַז בסך הכול איז גאָר „ניטלה קדושתו של הר סיני וניתנה ללומדי תורה" (אין דער אמתן איז אַזאַ מאמר, דאַכט זיך, ניטאָ. אין דעם גייסט איז יאָ פֿאַראַן); וואָס איז דער אונטערשייד צי איז דער הר ציון טאַקע דער אמתער הר ציון? די קדושה קומט ניט פֿון הימל, נאָר פֿון פֿאָלק, און אויב דאָס פֿאָלק זאָגט „מקודש" איז קודש. איז דאָך די גאַנצע תורה אויך שוין „לא בשמים היא!" ווי רבי יהושע האָט געענטפֿערט דעם בת קול פֿון גאָט. און גאָט האָט געמוזט פֿאָלגן!.. וואָס פֿאַר נפקא מינה איז צי רבי עקיבא האָט געלעבט צוזאַמען מיט שמעון בן שטח (אַן אונטערשייד אין יאָרהונדערטער) אָדער ניט, אַז פֿאַרקערט דאַרף דאָס פֿאָלק זיי אַלעמען האָבן גלײַך אַלע מאָל מיט זיך...

האָבן מיר ייִנגלווײַז שטאַרק אָפּגעלאַכט פֿון די חז"ל, וואָס האָבן ניט קלאָר געוווּסט די כראָנאָלאָגיע, וואָס עס קען אויסלערנען אַ ליאַדע תלמיד. האָט זיך פֿאַרקערט, ניט געשעמט אַ בעל התוספות צו זאָגן פּשוט „פּעמים שלא היו בקיאין בפסוקים" (בבא בתרא קי"ג, א׳ תוספות).

ערשט אַ צײַט שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז, ווען זיי וואָלטן געהאַלטן פֿאַר וויכטיק, וואָלטן זיי שוין יאָ געקאָנט וויסן. נאָר מען האָט עס ניט געדאַרפֿט. זיי האָבן געדאַרפֿט מאָביליזירן גאָר די תורה און אַלץ וואָס אין דער תורה אין דעם וויכטיקן און שווערן קאַמף פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק. איז פֿאַר זיי תמיד געשטאַנען די פּראָבלעם: ווי וואָלט עס די תורה געלערנט הײַנט, אין זייער אַקטועלער סיטואַציע? און אַז די גמרא גיט אַ פֿרעג „אסתר מן התורה מנין?" (חולין קל"ט) זײַנען זיי לגמרי ניט געווען אַזוי נאַיִוו צו גלייבן אַז טאַקע איז שוין אין דער תורה געווען אַ רמז אויף אסתרן מיט איר גוישן נאָמען? די פֿראַגע איז געווען גאָר אַזוי: ווי וואָלט די תורה געלערנט די הלכה

אין דער סיטואַציע פון אסתרן. און אַזוי איז עס אַלע מאָל געווען: ווי געפינט מען אין דער תורה אַן ענטפער אויף זייערע פּראָבלעמען וואָס זיינען אַקטועל פאַר זיי אין זייער צייט?

ווי אַ יונגער לערער האָב איך אַמאָל געטראַכט, אַז לערנען תנ״ך קען מען נאָר מיט אַ מאַפּע פון ארץ ישראל. שפּעטער, ווען איך האָב אַליין געגרייט יונגע לערער, פלעג איך ניט דערלויבן מיטצונעמען קיינע מאַפּעס ביים לערנען תנ״ך: סדום איז גאָר ניט דווקא אין ווינקל פון ים המלח, ירמיהו איז גאָרניט פון דאָרטן און ניט פון דעמאָלט, ער און זיינע רייד מוזן זיין אַקטועל אויך איצט.

מען לייגט היינט ביי אונדז זייער פיל האָפענונג אויף דעם לימוד פון געשיכטע, אויף דעם וויסן אונדזער אמתע געשיכטע. מען גלייבט אַז איצט, ווען דאָס אַרומיקע לעבן רייסט לעבעדיקע שטיקער פון אונדזער פאָלק דורך געמישטע חתונות, דורך קאַריערעס, דורך אַלגעמיינע שולן, דורך פאַרווייַלונגען, ווען יידישע יידן בלייבן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, גלייבט מען, אַז דאָס וויסן יידישע געשיכטע וועט קענען שטעלן אַ דאַמבע קעגן דעם שטראָם פון אונטערגאַנג, דעם שטראָם פון אויסיידישונג מיט אַזאַ גיכן טעמפּ. דאַרף מען וואָרענען און זאָגן קלאָר: זיין אַ ייד הייסט לעבן אַ יידיש לעבן ניט וויסן אַז מען איז אַ ייד. פון וויסן ביז לעבן איז גאָר אַ ווייטער מהלך נאָך. מען קען זייער גוט און זייער פיל וויסן און זיין אַ קנאָפּער ייד, גאָר ניט קיין ייד און אפילו אַן אַנטיסעמיט אויך. אַ ייד דאַרף וויסן יידישע געשיכטע, אָבער אַ ייד דאַרף ער זיין פון פריער, איידער נאָך ער ווייס פון זיין יידישקייט.

עס איז אפשר געווען אַ מין זוכן אַ פאַרענטפערונג פאַר דעם אייגענעם געוויסן וואָס אַסימילירטע יידן האָבן גענומען אַנטוויקלען דאָס וויסן פון יידישער געשיכטע, זי זאָל זיין אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דעם וואָס זיי וואַרפן אַוועק דאָס יידישע לעבן. אַז ניט לעבן טאָ זאָל כאָטש זיין אַ וויסן פון געשיכטע...

צי איז עס גאָר דאָ אַן אמתע געשיכטע? האָבן יידישע פאָרשער גאַנץ גוט געקאָנט האַלטן זיך פאַר גוטע דייטשן וואָס שטודירן די געשיכטע פון דעם אַמאָליקן יידישן פאָלק, עלעהיי מען שטודירט די געשיכטע פון אויסגעשטאָרבענע פעלקער, פון פאַרצייטיקע חיות און ביימער, און קיינער פון די וואָס שטודירן אידענטיפיצירן זיך ניט מיט די אָביעקטן וואָס מען שטודירט. און אַזוי קען מען שטודירן די געשיכטע פון יידן, אָבער ווייט זיך ניט אידענטפיצירן מיט דעם פאָלק.

און וואָס מיינט עס „אמתע״ געשיכטע? איז עס עפּעס פאַראַן אין זייט פון געשיכטע? אָט זיינען געווען געשיכטלער וואָס האָבן געקוקט אויף יידן

ווי אויף אַ רעליגיעזער סעקטע אַזאַ. גאָר ניט קיין פֿאָלק. די גאַנצע יידישע געשיכטע איז בלויז אַ געשיכטע פֿון רעליגיע. האָט אַ גרויסער יידישער געשיכטע־פֿאָרשער לאַנגע יאָרן געזוכט און געפֿאָרשט די אַנטוויקלונג פֿון קאַמף פֿאַר גלײַכע רעכט. דאָס איז די אַקס פֿון דער נײַער געשיכטע. זיצט אַ יידישער געשיכטע־פֿאָרשער און גלייבט צו זיין גערעכט, ווען ער מיינט אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע קאָנצענטרירט זיך אַרום ארץ־ישראל. דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק איז זייער פּילזײַטיק און די וויסנשאַפֿט פֿון געשיכטע הענגט אָפּ פֿון דעם פֿאָרשערס וועלטבאַנעם: ער קען אַלץ געפֿינען. געשיכטע איז אַלע מאָל אַזוי פּילזײַטיק אַז „הפוך בה והפוך בה, דכולה בה" — אַלץ קען מען געפֿינען. איז דאָ אַן „אמתע" געשיכטע? איך קען אין אַזאַ ניט גלייבן און איך ווייס ניט וואָס אַזאַ געשיכטע קען אונדז געבן פֿאַרן קיום פֿון יידישן פֿאָלק? דאָס עצם וויסן גענוי די כראָנאָלאָגיע פֿון אַלע מלכים און אַלע איבערקערענישן אין ישראל און אַלע אמתן וועגן שלמהס יאָגן זיך נאָך שלום און נאָך חכמה — דאָס אַלץ איז אפשר זייער וויכטיק פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אָביעקטיוון וויסן, וואָס איז אָבער פֿאַר אונדז היינט ניט וויכטיק.

יידישע געשיכטע וואָלט מען אויך געדאַרפֿט לערנען סוגיותווײַז, אַרויס־גיין פֿון אונדזערע הײַנטיקע אַקטועלע פּראָבלעמען און באַדערפֿענישן און פֿון דעם אַרויסגיין און „בלעטערן" די תקופות פֿון יידישער געשיכטע און זוכן די פּאַראַלעלע סיטואַציעס און זען ווי זיי האָבן זיך געענדיקט, צו וואָס זיי האָבן געפֿירט. מיר האָבן יאָ געפּרובירט און עס איז מעגלעך און נוציק, אָבער דאָ קענען מיר ניט פֿאַרנעמען זיך מיט קורסן פֿון מעטאָדיק.

כדי אָבער די יידישע דערציִונג זאָל זיך לאָזן אויף אַזוינע וועגן, וואָלט די יידישע פּעדאַגאָגיק קודם כל געדאַרפֿט קריגן דעם צדיקס שטעקן און מאַכן דעם נויטיקן עיגול (קרייז) און ניט אַרײַנלאָזן צו זיך די השפּעות פֿון פֿרעמדע קלוגע און ניט־קלוגע פּעדאַגאָגיקעס, טעאָריעס.

מיר דאַרפֿן איין מאָל פֿאַר אַלעמען געדענקען, אַז איטלעך פֿאָלק מיט זײַן לעבן און מיט זײַנע פּראָבלעמען און מיט זײַן פּעדאַגאָגיק.

לאָמיר פֿאַרבײַגייענדיק זאָגן, אַז אונדזער גרעסטע צרה, ניט נאָר אויפֿן געביט פֿון דערציִונג איז דאָס וואָס מיר האָבן פֿאַרלאָרן דעם צדיקס שטעקן, אָפּצוגרעניצן זיך פֿון פֿרעמדע השפּעות, פֿון מעסטן זיך מיט פֿרעמדע מאָסן, מיטן צופּאַסן זיך צו פֿרעמדע אידעען, צו לעבן מיט אַ פֿרעמדן שכל. דער געביט פֿון געשיכטע איז בלויז איינער פֿון אַ סך. אָט אַזוי אָפּגרענעצן זיך האָבן זיי, די חז"ל, יאָ געקאָנט. האָבן זיי געקאָנט דערגיין צו אַזאַ באַשטײַנדיקן זאָג

„אין די רוימישע טעאַטערס און אין די צירקן וועלן נאָך יידישע האַרן עפנטלעך לערנען תורה" (מגילה ו' א'). דאָס איז אַ גוואַלדיקע גבורה: אַ פאָלק איז שוואַך, ליגט אונטער דעם האַמער פון דעם שטאַרקן און מעכטיקן רוים, דעם „האַמער פון גאַר דער וועלט", ער הערשט איבער דער וועלט, ער מיט זיינע געזעצן פון כל דאלים — דער שטאַרקער איז גערעכט און אַלץ איז אַזוי אימפּאָנירנדיק שיין און מעכטיק און במילא שוין אויך גערעכטיק. קומען די שוואַכע, פאַר־פאָלגטע יידן און זאָגן גאָר אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווען אין די רוימישע טעאַטערס און צירקן (עס שטייט אדום אַנשטאָט רוים) וועלן יידן גאָר לערנען תורה. דאָס איז געווען זייער פעסטער גלויבן, זייער אמונת ישראל, וואָס מיר מעגן מקנא זיין. דאָס איז דער ריכטיק יידישער צוגאַנג צו געשיכטע.

וועגן ליטעראַטור לימוד

בערך דער זעלביקער צוגאַנג דאַרף אויך זיין צום לימוד פון אונדזערע שריפטן, פון ליטעראַטור. קודם כל איז ביי אונדז שיינקייט ניט קיין קולט. די שפּעטערע תנ"כישע כתובים זיינען ניט אין פאַרגלייך שענער פון אַלע אגדות אין תלמוד, שענער און טיפער אפשר, קינסטלערישער — זיכער. און די חז"ל האָבן זיי אָפּגעשניטן! באַזייטיקט פון קאַנאָן אַ סך ספרים. בלויז אַ טייל פון די באַזייטיקטע זיינען געבליבן אין דער גריכישער איבערזעצונג, און דורך די גויים, דורך די קריסטן האָבן מיר זיי געקאָנט צוריק קריגן. דאָס זיינען די „כתובים אחרונים", וואָס אונדזער טראַדיציע נעמט זיי ניט אַריין ביז היינט. אַ סך זאַכן זיינען דאָ ניט אין הסכם מיט אונדזער געדאַנק היינט. אסתר — אַ מעשה מיט אַ קייסער אַ נאַר און אַ שיכור און מיט אַ שיינער יידישער טאָכטער איז יאָ אַריין אין קאַנאָן, און די ספרים וועגן די חשמונאים זיינען באַזייטיקט געוואָרן. חנוכה איז געבליבן אַ קנאַפּער יום טוב און פורים איז גאָר זייער חשוב. האָבן אָבער די חז"ל אין תלמוד אַריינגענומען אַ סך אגדות, וואָס זיינען גאָר פשוטע פאָלקס־מעשיות, ווערטלעך און וויצן צווישן זיי טיפּזי־ניקע און באַלערנדיקע און אויך סתם מעשיות און אפילו נאַריש־גראָבע וויצן און גאָר ניט קיין פיינע ווערטלעך („אגדות דופי" לויט רנ"קן). וואָס איז דער יחוס פון אַזוינע אגדות? פאַר וואָס קומען זיי אין תלמוד אַריין? די איינציקע דערקלערונג וואָס איך קען געפינען איז דאָס וואָס זיי זיינען געשעפּט פון פאָלקס מויל, עס איז באמת „בעל פה". ניט געגעבן געוואָרן בעל פה, נאָר גענומען געוואָרן בעל פה. דירעקט ווי דאָס פאָלק דערציילט, ווי עס רעדט, מיט זיין

לשון אפילו. און ווײַל עס איז פון פאָלק, איז עס שוין במילא קודש בקדושת העם. דאָס איז דאָך די אמונת ישראל. פאַר וואָס האָבן די חז״ל אַזוי שטרענג אָפּגעשניטן די שאָפונגען פון תנ״ך־כאַראַקטער? פאַר וואָס באַשטימט, מער ווי די פיר און צוואַנציק ספרים זאָל מען ניט אַרײַננעמען? פאַר וואָס אַזאַ אויסדרוק ווי „מהומה״? דער וואָס נעמט אַרײַן מער ברענגט אַרײַן אַ מהומה? פאַר וואָס ניט לערנען צופיל? פאַר וואָס איז אַ חכם וויכטיקער פון אַ נביא?

איך פּרוביר דאָס דערקלערן מיט דעם, וואָס די תנ״ך־שאַפונגען פון יענער צײַט זײַנען געווען צו אינדיווידואַליסטיש, צו ווייניק שפּיגלען זיי אָפּ דאָס פאָלק, דעם פאָלקס גײַסט און שטימונג. אויך די שפּראַך איז געווען ווייט פון פאָלקסטימלעכן גייסט. נעמען מיר, למשל, קוהלת, איוב, וואָס זײַנען יאָ אַרײַן אין תנ״ך, צי קען מען דערקענען זייער יידישקייט? אפשר שמעקט פון זיי מער מיט גריכישער פילאָסאָפיע? און עס זײַנען מסתמא געווען נאָך פון דעם מין. עס זײַנען געווען נאָך מאָטיוון פאַר אַזאַ שטרענגען אָפּקלייב. זיי האָבן באַזײַטיקט די ספרים וועגן די חשמונאים, ווײַל מען איז געווען ווײַט ניט גליקלעך מיט דער חשמונאים־דינאַסטיע, מען האָט מורא געהאַט אויך פאַר דער קלענסטער נייגונג צו דער צדוקישער אידעאָלאָגיע. עס טרעפן זיך טאַקע אין גמרא אויסדרוקן ווי „ספר של צדוקים״. קען זײַן, אַז יעדער פּאַרטיי האָט געהאַט איר תנ״ך, ווי די סעקטעס פון די איסיים, וואָס טייל פון זיי האָט מען טאַקע געפונען אין די היילן ביים ים המלח. די פּרושים אָבער האַלטן — קריטערי איז געווען — דער פאָלקישער כאַראַקטער און די אידעאָלאָגיע. דערפאַר איז שוין דעמאָלט אַזוי באַליבט געווען דער תהלים ווי געזאַנגען אָנגענומענע ביים פאָלק ביי יעדער דערהויבענער שטימונג. אויך דערמיט מסתמא דאַרף מען דערקלערן רבי עקיבאס אַכטונג און באַגײַסטערונג פאַר שיר השירים — דאָס זײַנען פאָלקישע ליבע־געזאַנגען.

עס דוכט זיך מיר, אַז מיר קענען איצט האָבן דעם זעלביקן קריטערי. מיר טאָרן איצט ניט זײַן אַזוי שטרענג: די דרוקמאַשין און דאָס פּאַפּיר מאַכן איצט אַ בוך ניט אין פאַרגלײַך צוטריטלעכער, אָבער פאַר דער שול, פאַר דער דערציִונג מוז זײַן אַ שטרענגער אָפּקלייב. אויך איצט דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן ספרים וואָס זײַנען צו אינדיווידואַליסטיש, וואָס זײַנען צו ווײַט פון פאָלקסטימלעכקייט, וואָס מען דערקענט ניט אין זיי דעם יידישן פאָלקישן כאַראַקטער און גײַסט. מעגן זיי זײַן פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט ווי שיין און ווי דערהויבן. מיר דאַרפן אויך אַכט לייגן אויף דער אידעאָלאָגיע פון די שריפטן. פאַראַן ביי אונדז אין דער ליטעראַטור ספרים וואָס זײַנען פול מיט

שינאה צו יידישקייט. ניט נאָר עס איז אין זיי ניטאָ קיין אהבת ישראל און ניט קיין אמונת ישראל, נאָר פאַרקערט איז אין זיי פאַראַן דירעקטע שינאת ישראל. מעגן אַזוינע ספרים זײַן אין ביבליאָטעקן, מיר גייען ניט ברענען, חלילה, קיין שאפונגען, אָבער ווען עס קומט צום לערנען, טאָר מען זיי ניט ניצן, הגם אין אַ סיסטעמאַטישן קורס פון פאָרשן קען מען זיי ניט אויסשליסן. אָבער דאָס דאַרף געלאָזן ווערן פאַר דעם דערוואַקסענעם עלטער, ווען דער „ייד" אין תלמיד איז שוין דערצויגן. פאַר די שולן פון אַלע מדרגות מוזן קומען די פאָלקישע און די פאָלקסטימלעכע שאַפונגען פריער. די ליטעראַטור מוז, פאַרשטייט זיך, געשטעלט ווערן אין דערציִונג אויפן ערשטן אָרט. עס קען ניט זײַן קיין יידישע דערציִונג אָן יידישער ליטעראַטור.

עס איז אָבער פאַר אונדז פאַראַן גאָר אַן אַנדער פּראָבלעם, וואָס די חז"ל האָבן פון איר ניט געקאָנט וויסן. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך שריפטן פון איין געענדיקטער געשיכטלעכער תקופה. מיר האָבן איצט דריי געענדיקטע תקופות. דאָס איז די תנ"ך־תקופה מיט איר בערך קלענער אין כמות ליטעראַטור. נאָך איר קומט די אומגעהויער גרויסע תלמודישע ליטעראַטור, דער גאַנצער „ים התלמוד" מיט זײַן גאָר אַנדער כאַראַקטער, מיט זײַן לשון. און שפּעטער האָבן מיר די נײַע וועלטלעכע ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן. ווי דאַרף דאָ זײַן דער אָפּקלייב און ווי דער סדר פון לערנען? אין גייסט פון דער יידישער טראַדיציע זאָגן מיר באַלד: יעדער ליטעראַטור, די אָפּגעקליבענע ספרים מוזן געלערנט ווערן אין דער אָריגינעלער שפּראַך זייערער. ווי די חז"ל האָבן ניט איבערגעזעצט די אַראַמישע ספרים פון תנ"ך, אַזוי דאַרפן מיר אויך ניט בייטן די לשונות פון די געלערנטע ספרים. אונדזער שפּעפערישע געשיכטע גייט אין די דריי תקופות מיט שאַפונגען אין די דריי פאָלקישע שפּראַכן, יעדער תקופה מיט איר לשון. אַזוי, מיט זייערע אָריגינעלע לשונות קומען זיי אין שול.

בנוגע צום סדר דאַרפן מיר אויך זיך לערנען פון זיי. האָבן זיי פיל מאָל אָנגעזאָגט און געוואָרנט ניט צו פאַרנעמען זיך צו פיל מיט דער „תורה שבכתב", ניט צו לערנען צו פיל. פאַרן קיום פון פאָלק איז די תורה שבכתב ווייניקער וויכטיק. זיי האָבן דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט אין גייסט פון זייער צייט, אַז דער פאַרבאַנד צווישן גאָט און זײַן פאָלק איז נאָר אַ דאַנק די אײַנ־האַלטן וואָס בעל פה. אויף אונדזער הײַנטיקער שפּראַך וועלן מיר דעם זעלביקן ריכטיקן פּרינציפּ אַרויסזאָגן אַנדערש: פאַרן קיום פון פאָלק איז וויכטיקער דאָס וואָס עס איז נאָך ניט געפורעמט, און ניט אָפּגעשלאָסן, דאָס וואָס איז נאָך דירעקט פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון פאָלק אין דער איצטיקער תקופה. די

חז״ל זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין קעגנערס פון תנ״ך. זיי האָבן זיך כסדר באַזירט אויף דעם תנ״ך, זיי האָבן פאַר אַלע זייערע געדאַנקען און אידעען געזוכט אַ סמך אין דער תורה, און דאָך האָבן זיי כסדר געוואָרנט צו לערנען מער די „דברים שבבעל פה״ — דאָך האָט מען אין די ישיבות און אין די פאָלקישע לערן־אינסטיטוציעס (ירחי־כלה) זיך פאַרנומען מיט דער ליטע־ראַטור, מיט די שריפטן און נאָטיצן אפילו, אָבער פון זייער תקופה.

די פראַגע פון סדר — וואָס פריער און וואָס שפּעטער; וואָס מער און וואָס ווייניקער — איז פאַר אונדז שווערער ווי פאַר זיי. אָבער מיר מוזן זי נעמען אין איר גאַנצער האַרבקייט, נעמען ווי זי איז. קיין תקופה וואַרפט ניט אַוועק די קולטור פון דער פריערדיקער. יעדער תקופה באַמיט זיך צו אַסימילירן די קולטור, די שריפטן פון די פריערדיקע.

די משכילים האָבן געלאַכט וואָס תלמידי חכמים פון שטעטל האָבן געדענקט אַ פסוק פון גמרא אַרויס, ניט דירעקט פון תנ״ך. אָבער אויך דאָ האָט די השכלה ניט פאַרטיפט זיך צו פאַרשטיין דעם אמתן זינען פון זאַכן: אַ קולטור פון אַן אַמאָליקער תקופה קען זײַן אָרגאַניש נאָר ווען זי איז אײַנגע־פלאָכטן אין דער שפּעטערדיקער, אין דער אַקטועלער. דאָס שטעטל האָט געלעבט תלמודיש, קיין שום פרעמדע קולטור פון דרויסן איז ניט אַרײַנגעדרונ־גען אין שטעטל אַרײַן. דאָס ניט־תלמודישע לשון איז געווען דורכויס באַווירקט פון תלמוד, פון זיין לעקסיק, פון דער גאַנצער אידעען־וועלט, פון דער לאָגיק אין דענקען און אין אינטאָנאַציע און זשעסטיקולאַציע. רעליגיע, שטייגער, געריכט־וועזן, סאָציאַלע פאַרהעלטענישן — אַלץ איז געווען באַהערשט פון דער תלמודישער קולטור און ליטעראַטור. האָט אויך דער תנ״ך געהערשט אין לעבן אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער איז געווען אינפילטרירט אין תלמוד. עס איז צום באַוואונדערן, וואָס דאָס לייענען פיר מאָל אַ וואָך די תורה אין דאַוונען האָט ווייט ניט אַרײַנגעבראַכט אין געדאַנק פון פאָלק אַ פסוק ווי דאָס האָט געטאָן די גמרא. נאָך מער מוז מען אונטערשטרייכן, אַז די ריכטונגען וואָס האָבן זיך געהאַלטן דירעקט ביים תנ״ך אויסמיידנדיק דעם תלמוד (צדוקים, קאַראַימער און משכילים) האָבן דעם תנ״ך ניט אײַנגעהיט, און אויך זיך אַליין ניט אײַנגעהיט אין ידישקייט. דער כלל איז: קיין שום תקופה, קיין שום קולטור פון אַ תקופה טאָר ניט איבערגעהיפּט ווערן; יעדער הײַנט מוז זיך באַזירן אויף דער קולטור פון נעכטן; דער אייערנעכטן קען בלייבן קולטורעל לעבעדיק נאָר דורך דער קולטור פון דירעקטן נעכטן. פון דעם איז געדרונגען: מיר טרעטן אַרײַן אין דער אורבאַנישער תקופה. מיר האָבן נאָך דערווײַל ניט

קיין קלאָר בילד ווי עס וועט אויסזען די יידישע קולטור פון דער תקופה. אָבער איר באַזע מוז זײַן דאָס שטעטל און די קולטור פון שטעטל. מיט אַנדערע ווערטער וואָלט מען דאָס געקאָנט זאָגן, אַז דאָס לעבן פון נעכטן דאַרף זײַן די קולטור פון דעם הײַנט. די דערציִונג פון אונדזער הײַנטיקער אורבאַנישער תקופה מוז זיך באַזירן אין גאַנצן אויף דער קולטור, אויף דעם שטייגער פון שטעטל. אויף וויפל עס איז נאָך פאַראַן דאָס שטעטלשע בעל פה (און עס איז נאָך פאַראַן היפש, אַ דאַנק גאָט), איז דאָס זייער ווערטפול. אויף וויפל עס איז שוין ניטאָ, דאַרף מען עס שעפּן פון דער ליטעראַטור פון שטעטל, אין דער אָרגאַנישער שפּראַך פון שטעטל, אין יידיש. אויפן סמך פון דער געשיכטלעכער דערפאַרונג קען מען זאָגן, אַז יעדער אַנדער וועג פירט ניט צו אַ המשך, צום קיום. דאָס איז דער כלל וואָס אונדזער ביז איצטיקע געשיכטע לערנט אונדז פאַר דעם מאָרגן.

איך ווייס ניט וויפל ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור עס וועלן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אַרײַנגענומען צו ווערן אין אונדזער נײַעם ש״ס (אָדער נײַעם תנ״ך, ווי דאָס וויל פּר׳ מ. ראַוויטש). קען זײַן אַז פיר און צוואַנציק, קען זײַן אַז עטלעכע און זעכציק, און עס קאָן זײַן אַז נאָך ווייניקער פון פיר און צוואַנציק. דער קריטעריִ דאַרף זײַן: פאַלקסטימלעכקייט, אַנגעזאַפּטקייט מיט דער קולטור פון פריערדיקע תקופות, אהבת ישראל און אמונת ישראל. בנוגע צו די פאָדערונגען דאַרף מען זײַן שטרענג, ווײַל צײַט איז פאַראַן ווייניק. די יידישע דערציִונג דאַרף דאָך אויך אינטעגרירן די אַלגעמיינע לימודים, מאַטעריאַל צו לערנען איז פאַראַן אַ סך מער.

איך בין איבערגעצייגט אַז דאָ איז די איכות ניט אין פאַרגלייך וויכטיקער פון כמות. ערשט די ליטעראַטור וועט במילא פירן אויף די העכערע מדרגות צו די ספרים פון די פריערדיקע תקופות. מען טאָר בשום אופן ניט אויסמיידן קיין ווערק פון תלמוד, פון רמב״ם וכדומה. זייער שטרענג געקליבן. דער תלמוד וואָס ווערט געלערנט איצט אין רעליגיעזע שולן, אין אַלגעמיינע שולן האָט ווייניק דערציִערישע השפּעה, ער ווירקט ווייניק אויף דעם אַרט דענקען און פילן. דאָס איז דערפאַר ווײַל די גאַנצע מעטאָדיק פון תלמוד רײַסט זיך אַרײַן אין אַ פרעמדער וועלט מיט פרעמדע אינהאַלטן און מיט פרעמדע מעטאָדן פון דענקען. אָבער ווען מען זאָל געביטן פון אַלגעמיינעם וויסן, וויסנשאַפט לערנען תלמודיש, ווי מיר האָבן באַטראַכט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, וועט גאָר ניט זײַן נויטיק צו לערנען אַ סך גמרא, כדי צו אַנטוויקלען דעם תלמודישן אַרט דענקען. פון דעם תלמוד גופא וואָלט געדאַרפט זײַן אַ שטרענגער אָפּקלייב

ניט לויט מסיכתות נאָר לויט סוגיות, וואָס קענען האָבן אַן אַקטועלן ווערט אויך הײַנט, בכל אופן מוזן זיי באַהאַנדלט ווערן אין פאַרבינדונג מיט אַקטועלע פּראָבלעמען. עס דאַרפן געגומען ווערן אין אַכט נאָך־תּלמודישע מאַטעריאַלן, איך וואָלט שטאַרק רעקאָמענדירט עטלעכע שטעלן פון „יד החזקה", אָבער ווייט ניט דאָס אַליין.

וואָלט דער סדר אין לערנען געווען אַזוי: שטרענג אָפּגעקליבענע מוס־טערן פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער נײַער העברעישער, פון תּלמוד און נאָך־תּלמודישער ליטעראַטור. דער תּנ"ך קומט באַזונדער. די דערציילערישע טיילן קומען גאָר פרי. די נבואה־ספרים און כתובים וואָלטן געקאָנט אויך פאַר־בונדן ווערן מיט די סוגיות.

דאָס וואָלט געווען אַ גאַנצער רעוואָלט אין סיסטעם פון לערנען. ווייט ניט אַלע שולן אין אַלע לענדער וואָלטן געקאָנט אײַנפירן אַזאַ סיסטעם צוליב פאַרשיידענע טעמים און אויך מחמת יורידישע שטערונגען.

די ערשטע וואָס וואָלטן געדאַרפט זיך לאָזן אויף דעם וועג זײַנען די שולן אין דער אייגענער מדינה. דער אָנהייב פון דער מדינה וועט אויך זײַן מזלדיק פאַר די גלותן.

איין פאָלק — איין קולטור און איין דערציִונג

איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט דעם פריערדיקן קאַפּיטל מיט דעם, אַז מען דאַרף הערוואַרטן די מדינה זאָל אויפהערן זיך צו לערנען ווי צו דער־ציִען די דורות פון אַלע פעלקער און פון אַלע לענדער, אַרײַנגערעכנט אפילו די שרעקלעכסטע חרוב־מאַכער פון אונדזער פאָלק, און זי וועט די ערשטע נעמען שעפּן ניט בלויז איר קולטור פון די אייגענע ברינעמער — פון די וואָס גיבן שוין זייערע וואַסערן פון לאַנג — פון די געפורעמטע, אָנגעשריבענע און אויך פון נאָך פאַרבאָרגענע אין די טיפע שיכטן פון פאָלקס נשמה וואָס זײַנען נאָך ניט אַנטפּלעקט, נאָך ניט קיין געעפנטע ברינעמער... אָבער דאָ וועט זיך שטעלן אַ פראַגע פון די פראַגעס, וואָס אונדזער פלאַכער טראָפּאַרעט־טראַכטן האַלט פאַר אַן אַקסיאָמע, פאַר אַ הלכה למשה מסיני: ס'טייטש, היתכן? די מדינה האָט דאָך איר קולטור מיט איר לשון?... איז טאַקע דאָס די צרה, דאָס אומגליק ווי פאַר די גלותן און אַזוי אויך פאַר דער מדינה גופא. ווען מיר זיך ווענדן צו אונדזער געשיכטע: וואָס זאָגט זי אונדז? און זי זאָגט קלאָר: כל זמן

מיר זײַנען געווען איין פֿאָלק, איין גאַנץ פֿאָלק איז אויך בײַ אונדז געווען איין און איינציקע קולטור, איינע פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, זײַנען מיר געווען גוי אחד בארץ, אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, טאָקע פֿאַרשיידענע טיילן ווי אָרגאַנען אָבער דער אָרגאַניזם איז איינער און אַ גאַנצער. הייבט מען אָן זיך צו שפּאַלטן, זיך אָפּצוזונדערן, גייען פֿאַרלאָרן גלידער פֿון פֿאָלק, צווייגן ברעכן זיך אָפּ פֿון בוים, זיי פֿאַלן אַראָפּ און ווערן פֿאַרדאַרט, און דער אָרגאַניזם — אים פֿעלן די אָפּגעפֿאַלענע אָרגאַנען. „בפלגות ראובן״, — זאָגט אַן אוראַלטע פּאָעמע אין תנ״ך — „גדולים חקרי לב״ — אַז מען הייבט זיך אָן אָפּצוטיילן, איז עס אַ טראַגעדיע. רבי יהודה הלוי האָט געשריבן אַז דאָס יידישע פֿאָלק איז אין דער וועלט ווי דאָס האַרץ אין קערפּער. און לאָמיר עס זאָגן ווייטער — די מדינה אין פֿאָלק איז ווי דאָס האַרץ אין אָרגאַניזם. דער גוף אָן דעם האַרץ איז טויט און דאָס געזינטסטע האַרץ אָן דעם גוף קען לאַנג ניט בלייבן לעבן. קלאָרע רייד: אָן דער קולטור פֿון גלות, אָט דער זעלביקער קולטור וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די חרוב געוואָרענע שטעטלעך, אָן איר וועט די מדינה זײַן ווי אַ בוים אָן וואָרצלען וואָס מוז פֿאַרדאַרט ווערן, אַנשטאָט אים וועלן אָנוואַקסן ווילדע קרײַטעכער, וואָס פֿאַרווילדן דעם באָדן. און אָן דעם האַרץ וועט דאָס גאַנצע פֿאָלק אין די גלותן אויסגיין, אויסיידישן זיך אין אַסימילאַציע.

יאָ, דאָס פֿאָלק האָט אויסגעהאַלטן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן דווקא אין גלות, אָבער — מיר האָבן דאָס שוין געזאָגט — מיר האָבן אויסגעהאַלטן, כל זמן מיר האָבן אין די געטאָס געלעבט אַן אויטאָנאָם לעבן. ווו נאָר און ווען מיר האָבן פֿאַרלאָרן אונדזער אויטאָנאָם לעבן, זײַנען מיר אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפּור.

איצט האָט בלויז די מדינה אַ פֿולע אויטאָנאָמיע, דאַרפֿן זיך פֿון איר לערנען די גלותן, שאַפֿן און אויסבויען פֿאַר זיך טיילווייזע אויטאָנאָמיעס. אָבער ווען די מדינה טיילט זיך אָפּ באַזונדער, ווען זי נעמט מאַכן אַ נײַע תפילה „אתה בחרתנו מכל היהודים״, דעמאָלט איז אויס מיטן פֿאָלק און אויס מיט דער יידישער מדינה. לאָמיר אין מער פּרטים דאָ ניט אַרײַנגיין — זיי זײַנען צו ווייטאָקנדיק.

נמצא, אַז די פֿולע אַחריות פֿאַרן קיום פֿון יידישן פֿאָלק ווײַטער טראָגט די מדינה. קיום פֿון יידישן פֿאָלק מיינט המשך פֿון יידישקייט, יידישקייט איז פֿאַראַן נאָר איינע, אַ גלותדיקע, די גלותדיקע יידישקייט. אָן איר איז די מדינה ווי אַ בוים אָן וואָרצלען, ווי אַ וואַלד אָן וואָרצלען. ווער קען גאָר פֿאָראויסזאָגן וואָס פֿאַר אַ פֿאַרווילדונגען, וואָסערע דערנער און ווילדוווקסן עס קענען פֿאַר־

וואַקסן דעם באָדן וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן מיט אַזוי פיל אידעאַליזם, מסירת נפש, און הייליקע כוונות.

זיינען מיר געוועזן איין גאַנץ פאָלק איבער לענדער און צווישן פעלקער.

דעם ערשטן ריס אין דער גאַנצקייט האָט געמאַכט די אורבאַניזאַציע אין מערב־אייראָפּע, גלייך ווי נאָר מען האָט עס דערלאָזן האָבן יידן דאָרטן פאַרוואָרפן זייער יידיש לשון, זייער שטייגער, איבערגעריסן אַלע פעדים מיט דעם פאָלק. דאָס פאָלק פון לאַנד איז זיי געווען ליבער פון זייער פאָלק אין דער וועלט. „אהבתי את אדוני״ — איז אַלע מאָל אַ סימן פון קנעכטשאַפט. איז שפּעטער געקומען די אורבאַניזאַציע אין מזרח, אַן עמאַנציפּאַציע און אַן רעכט, האָבן אויך דאָ יידן איבערגעריסן מיט זייערע וואָרצלען, מיט דער טראַדיציע, מיט דער קולטור, זי איז געבליבן בלויז אין דער פאַרשלאָסענער געטאָ מיט איר אויטאָנאָמער יידישקייט, אין דעם תחום המושב.

איז דאָס גאַנצע פאָלק צעשפּליטערט געוואָרן, צעשאָטן לויט לענדער, לויט שפּראַכן, לויט שטאַנדן, לויט רעליגיעס, לויט אידעאָלאָגיעס אָן אַ צוזאַמענ־העפט צווישן זיך, צווישן די טיילן. סײַדן עס איז אַלגעמיין געבליבן די שרעק טאָמער וועט דער האַר און הערשער פאַרט ניט וועלן זיך חברן מיט דעם נײַעם חבר, וואָס האָט זיך ערשט אויסגעפּוצט אין דעם האַרס בגד; געבליבן איז דערפאַר די אַלטע צדקה־פּושקע, אויך ניט אָן אַ כוונה צו געפעלן דעם האַר...

און וויפל פעלקער, אַזוי פיל דערציִונגען און נאָך מער, יעדער שול איז גאָר פאַר זיך אַ מלוכה, אַ מיניסטעריום, אַן אינספּעקציע, אַליין די פּראָגראַ־מען, אַליין די אידעאָלאָגיע, אַליין אַ פאַרלאַג, צוזאַמען — אַ פאָלק, צע־שאָטן — איז ניטאָ קיין פאָלק. נאָר די מדינה האָט געקאָנט זיך פאַרגינען צו האָבן איין דערציִונג. איז דאָס דאָך אויך ניט געקומען! אויך דאָרטן! איז עס גאָר ניט פון אָנגענעמע זאַכן צו גיין און אויסרעכענען אַלע צרות וואָס די „דערציִונגען״ אונדזערע לײַדן פון דעם. די ערגסטע אָבער פון זיי אַלע וואָס אַלע זיי, איטלעכע באַזונדער האָבן אָנגעוואָרן די אמונה, זייער אמונת ישראל און במילא די אמונה אין דער אייגענער אַרבעט. און אָן אמונה איז „ארור עושה מלאכת ה׳ רמיה״ — איז די גאַנצע אַרבעט אָן מזל און אַ ברכה... זאָלן די לעצטע צוויי זאַצן בלייבן ניט קיין דערזאָגטע ביז צו דער טראַגישער אמת־דיקייט.

מיר בענקן נאָך מאָניזם

אָבער אונדזער צעבראָכנקייט גייט נאָך ווייטער, אַ סך ווייטער.

מען גיט אַ מאָל אַ פרעג זיך אַליין, עס שטעלן אַנדערע די פראַגע: פאַר וואָס האָט דער אַמאָליקער חדר געקאָנט אָפּט איינפלאַנצן יידישקייט אויף אַ גאַנץ לעבן, לעבן אין דער פרעמד, צווישן פרעמדע און דאָך בלייבן דאָס וואָס מען איז? פאַר וואָס קען דאָס ניט מאַכן די היינטיקע יידישע דערציִונג? האָבן דאָך קליינע קינדער אַריינגעפאַלענע צווישן קאַנטאָניסטן געקענט אָפּט אויסהאַלטן צרות, פּיין, קלעפּ אַ גאַנץ לעבן צווישן גוים, ניט אָנזען אַ יידן פאַר די אויגן אין משך פון לעבן, פאַרגעסן דאָס יידישע לשון, דעם נאָמען פון דער מאַמען פאַרגעסן און דאָך בלייבן ביי פעסטער יידישקייט, אַ גאַנץ געמאַטערט לעבן! האָבן דאָך יידישע קינדער מיט גאָר קנאַפּער יידישער ביל־דונג געקאָנט גיין צום שייטערהויפן, ווען פאַר זיי איז געווען אָפן דער וועג צו לעבן און אפילו צו זיין גליקלעך, ווען זיי וואָלטן זיך געלאָזט באַשפּריצן פון גלח מיט עטלעכע טראָפּנס וואַסער. איז דאָס דער חדר געווען אַזאַ כישוף־מאַכער? זיינען די היינטיקע לערער נידריקער פון יענע אָרעמע מלמדים, וואָס האָבן קיין מאָל ניט אַ שמעק געטאָן פון אַ סימן פון אַ פעדאַגאָגיש ווערק? זיינען דאָך דאָ און עס זיינען געווען אַ סך גוטע שולן און גוטע לערער אויך, און פאַר וואָס קענען זיי זיך באַרימען אַזוי זעלטן מיט זייערע דויערנדיקע אויפטוען, וואָס זאָלן באמת בלייבן אויף אַ גאַנץ לעבן?

אָט די פראַגע מאַטערט יעדן אויפריכטיקן לערער, מאַטערט ביז אַנ־טוישונג, ביז פאַרלירן די אמונה אין דער אייגענער אַרבעט. עס האָט מיר געזאָגט אַן עלטערער, האַלב־פענסיאָנירטער לערער אין סאַמע ירושלים, אַז ער האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין דער דערציִונג פון אַ שול. העכסטנס, קען אַ שול אויסלערנען אַ פראָגראַם, אָבער דערציִען — דאָס גלייבט ער גאָרניט עס זאָל זיין מעגלעך. און ער איז ניט איינער. אָט דערציילט אַן עלטערער איב־טעליגענטער ייד, אַ דאָקטער: ער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט עטוואָס ישיבה, געאַרבעט שווער און זיך געלערנט. דערגרייכט צו ווערן אַ מעדיקער. אַ גאַנץ לעבן זיך באַמיט צו געבן זיינע קינדער אַ גוטע אויסגעהאַלטענע יידישע דערציִונג, מיט לייב און לעבן געטריי געאַרבעט פאַר דער יידישער שול ווו זיינע קינדער האָבן געלערנט, אין שטוב און אין געזעלשאַפט געאַרבעט פאַר יידישער קולטור, מיט די קינדער גערעדט נאָר יידיש, — און אחרי ככלות הכול, זיינען די קינדער אויסגעוואַקסן, דערווייטערט פון יידישקייט, אָן יידישע

אינטערעסן. יידישע צרות, היטלעריזם? — און די אַרמיִיענער? און די אינ־דוסן? פֿאַר זיי זײַנען די יידן ניט נעענטער פֿון יענע... אָט דערציילט אַ צווייטער ייד — אַ למדן, אַ געטרײַער העברעער, זײַנע צוויי זין — באַרימטע דאָקטוירים ביידע, איבער די כוחות זיך אָנגעשטרענגט זיי צו געבן אַ יידישע דערציִונג, לויט זײַנע איבערצײַגונגען. אָבער דער זון ציט מער זיך צו זײַן גויישער פֿרוי ווי צום טאַטן, ווי צו דער פֿרומער מאַמען. אַ דריטער דערציילט: זײַן זון גע־האַלטן נאָר אין יידישע שולן ביז אכצן יאָר אין אַ וועלטלעכער, געביטן — בעסער אין אַ רעליגיעזער. געגנוג געווען איין יאָר שפּעטער אין אוניווערסיטעט מיט ניט יידן צוזאַמען, — און אָט מוז ער שלום מאַכן מיט דער קריסטלעכער שנור. נאָך אַ גאָר פֿרומער ייד האָט ניט באַוויזן זיך צו באַקלאָגן, ווײַל ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. און נאָך אַ מוטער דערציילט גאָר: זי האָט זיך איבערצייגט אַז אומזיסט האָט זיך איר מאַן אַזוי „געמאָרדעוועט" צו געבן די קינדער אַ גוטע יידישע דערציִונג. אָט איז איר טאָכטער — אַ קלוגע, אַ שיינע, זייער אינטעליגענטע קינד, געווען צוויי יאָר אין ישראל, געקומען צוריק און האָט גליקלעך חתונה געהאַט מיט אַ קריסט... און זי — די מאַמע זעט: הלוואי אירע אַנדערע טעכטער ניט ערגער... אַ ייד פֿון דער ליטע, געווען אַ פּראָפֿע־סאָר אין אַן אוניווערסיטעט, שוין אין פּענסיע. געקומען, געהאָרעוועט, זיך געלערנט און דערגרייכט זיינס, זיין זון — ביז זעקס יאָר גערעדט נאָר יידיש, געלערנט יידיש, געווען פֿרום. און איצט — איצט קוקט ער אויפֿן טאַטן, ווי אויף אַ נאַר, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אַזוינע נאַרישקייטן, ווי יידישקייט... אָבער צו וואָס פּרטים? אָט לערנען גרויסע פּראָצענטער יידישע קינדער העב־רעיִש, און קיין העברעיִש-לייענער קומען ניט צו. פֿאַרקערט, קומט עס אַ סך אָפּטער צו אַ רעצידיוו פֿון אַנאַלפֿאַבעטיזם... קלינגען מיר אין קאָפּ ווערטער פֿון אַ גוטן, געטרייען לערער וואָס האָט געוואָרפֿן לערעריי, אַוועק אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק: „וואָס? מען אַרבעט און מען אַרבעט מיט דער נשמה, מיטן האַרץ,— און עס איז דאָך אַרויסגעוואָרפֿן"... דאָס איז אין גלות. און אין ארץ ישראל, זיצט לעבן מיר אַן עלטערער לערער, נאָך פֿון די אַמאָליקע אידעאַליסטן, זיצט און הערט אָנקלאַגעס אויף דער יוגנט: געענדיקט גוטע שולן אין ישראל, כשרע סאַברעס, זייער שפּראַך — נאָר עברית, לעבעדיקע, גוטע, גוטע זעלנער אין דער אַרמיי, אָבער „דרייט ניט קיין מוח מיט אייער ציונות"! ווער דאַרף דאָרטן אײַערע יהודונים?... און נאָך און נאָך... זיצט דער אַלטער לערער לעבן מיר, ער שווײַגט, אָבער פֿון זײַנע אויגן — זע איך — גיסט זיך אַ טרער נאָך אַ טרער... איך שווײַג אויך: איך פֿאַרשטיי אים...

עפּעס פירן מיר און מיר דערפירן ניט, עס קומט אויס ווי מיר דאַרפן עפּעס ראַטעווען די קינדער פון אַ שווערקייט און עס געלינגט אונדז ניט, ווי זיי — אַלע יידישע קינדער היינט — וואָלטן געווען עפּעס אין אַ קלעם. די שול דאַרף זיי העלפן אַרויסצוגיין און זי קען עס ניט טאָן — די שול. און אפשר גאָר פאַרקערט, פירט זיי די יידישע דערציִונג נאָך טיפער אין קלעם? וואָס איז דאָס פאַר אַ קלעם? — געזונט איז אַ מענטש ווען ער איז מאָניסטיש גאַנץ, אָבער ניט ווען ער האָט אַ צעצווילינגטע נשמה. עס איז ווי די מעשה אין גמרא מיט דעם יידן וואָס האָט צוויי ווייבער — אַן עלטערע און אַן יינגערע. די עלטערע רייסט אים אַרויס די שוואַרצע האָר, די יינגערע וויל אים זען יינגער, רייסט זי אַרויס די גרויע האָר, — בלייבט ער במילא אַ פּליך אין גאַנצן. האָבן די יידן אין שטעטל געלעבט אַן אויטאָנאָם לעבן, איז דאָס לעבן אַרום זיי געווען מאָניסטיש דורך און דורך, זיינען זיי געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט מאָניסטיש גאַנץ, דורך און דורך יידן, הונדערט פּראָצענטיקע יידן, אָן אַ פרעמד ברעקל אין זיך. איין מאָל אַ ייד — אַלע מאָל אַ ייד, אַ גאַנץ לעבן אַ ייד. האָט אַזאַ ייד די גאַנצע וועלט געזען כסדר נאָר מיט זיינע יידישע אויגן, דורך זיינע יידישע ברילן.

האָט אַזאַ ייד געקאָנט אַרויס פון שטעטל, אַריינקומען אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ פרעמדע וועלט, האָט ער געקאָנט שעפּן און אַריינגעמען מער און מער פרעמדע קולטור, האָט ער אָבער דאָס אַלץ געקאָנט פאַרדייען און אַסימילירן אין זיך...

וויפל בהמות עסט עס אויף אַ מענטש אין זיין לעבן! וויפל טאָן קאַר־טאָפל, וויפל פעלדער ווייץ און פון אַלץ ווערט זיין בלוט און פלייש, ער פאַר־דייט עס ביסלעכווייז, ביז עס ווערט דורך און דורך זיינס. אַ קינד אַז עס ווערט געבאָרן, קען עס פאַרדייען זיין מוטערס מילך, גאָר ספּעציעל צוגעגרייטע מאכלים, ערשט שפּעטער עסט עס אַלץ, פאַרדייט עס אַלץ. נאָך מער — אַ בוים קען קולטיווירט ווערן ווען ער האָט שוין זיינע נאַטירלעכע וואָרצלען. אַנדערש איז אַ מענטש וואָס איז לכתחילה, פון אָנהייב אָן געוואַקסן אין אַ פרעמ־דער שפּראַך און קולטור, ער איז ניט אַריינגעוואַקסן אין דער קולטור פון דער פרעמדער שפּראַך. יענע קולטור, און איבערהויפּט יענע קולטור וואָס ניט אין ביכער, די קולטור וואָס איז ביים צווייטן פאָלק בעל פה, בלייבט סיי ווי פרעמד, פרעמד איז דער מענטש, פרעמד זיין אונטערבאַוווסטזיין, זיינע דורות־דיקע נייגונגען און כאַראַקטער. דאָס אַלץ קען מען לגמרי ניט איבערנעמען מיט דער קולטור פון ביכער און פוןריידן די שפּראַך. די שפּראַך איז דאָך נאָר

אַ לבוש פון דעם פאָלקס לאַנגער געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, און אַז מען טוט אָן יענעמס בגד, האָט מען דאָך נאָך ניט אָנגעטאָן זיין נשמה, זיין גייסט. נמצא, אַז דער מענטש בלייבט אָן אַ טיפערער נשמהדיקער באַהעפטונג מיטביידע קולטורן — מיט דער קולטור פון זיין פאָלק און מיט דער קולטור פון דעם פאָלק וואָס זײַן שפּראַך האָט מען אַדאַפּטירט. קומט אויס גאָר פאַרקערט, אַז אַ ייד, למשל, וואָס האָט טיף אַרײַנגעגנומען זײַן יידישע קולטור, וועט טיפער קענען אַרײַנדרינגען אויך אין דער קולטור פון אַ צווייט פאָלק, איידער אַזאַ וואָס מען האָט לכתחילה דערצויגן אין דער פרעמדער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון דעם לאַנד, וואָס די עלטערן אַליין האָבן ערשט זיך אויסגעלערנט. די קול־טור פון דעם לאַנד איז בלויז ווי אָנגעטאָן, אָבער זי איז ניט אָרגאַניש, ווי עס איז די הויט, די אייגענע הויט.

אָבער קאָנפליקטן אינעווייניקסטע, אין מענטשן, זײַנען בײַ אַזאַ יידן, אָן אַ טיפערע באַהעפטונג צו ביידע קולטורן, פאַראַן מער, און שטאַרקערע. זיי דערפילן שפּעטער זייער אָפּגעריסנקייט פון ביידע וועלטן, און זיי האָבן ניט קיין היים. די קולטור פון זייער טראַדיציאָנעלן פאָלק האָט ניט פאַר זיי קיין צוציִונג, בלײַבט זי נאָר ווי אַ שטער זיך אַרײַנצולעבן אין דער קולטור פון דער אַדאַפּטירטער שפּראַך. טראָגן די מענטשן אַ כעס אויף די עלטערן, אויף דעם פאָלק פון זייערע עלטערן. דער כעס איז באַגלייט מיט אַ האַס. דאָס איז די עגאָפּאָביע. זי קען דערגיין צו טראַגישע מאַסשטאַבן. עס זײַנען געווען פאַלן פון זעלבסטמאָרד, (אָטאָ וויינינגער, למשל), עס איז אַ פאַל פון אַ יידן אין אַמע־ריקע וואָס האָט זיך דערקייקלט ביז נאַציזם און זעלבסטמאָרד ווען זײַן אָנגע־העריקייט צו יידן איז באַקאַנט געוואָרן. די צייטונגען האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם ווי מיט אַ סענסאַציע, אָבער קיין נענטערע פּסיכישע פאָרשונג איז ניט געמאַכט געוואָרן. עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז בלויז דער עקסטערם פון אַ דערשײַנונג, וואָס איז אין גרינגערע פאָרמען אַ סך מער פאַרשפּרייט צווישן יידן אינטעליגענטן און האַלבע אינטעליגענטן. זי דריקט זיך אויס אין אַנט־לויפן פון יעדער סימן פון יידישקייט, פון יידישער קולטור, פון יידישער געזעל־שאַפט, פון ביכער וועגן יידן אין דער שפּראַך וואָס זייריידן, פון יידישע פּראָבלעמען. עס רירן זיי ניט אָן קיין צרות פון יידן, ווען זיי קענען זיך נאָר איינריידן, אַז דאָס רירט אָן ניט „זייערע יידן". האָבן דאָך דייטשישע יידן לכת־חילה געגלויבט, אַז היטלעריזם מיינט נאָר די „אָסטיודען", ניט זיי; ווען עס קען אויסקומען אַ קעגנזאַץ צווישן יידן און דער פּאָליטיק פון זייער לאַנד, וועלן זיי גאָר גרינג פאַרבייגן די אינטערעסן פון די יידן. האָבן יידן אין אַמע־

ריקע ניט רעאַגירט ווען „זייער" רעגירונג האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן אַ שיף מיט אַריבער נײַן הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך מיט אַ נס אַרויסגעראַטעוועט פון דײַטשלאַנד און די שיף האָט געמוזט זיך אומקערן צוריק קיין דײַטשלאַנד, דירעקט צו היטלערן. אַזוינע פאַלן פון דעזאינטערעסירטקייט מיט יידן בכלל זײַנען גאָר אָפט. עס טרעפן גאָר ניט זעלטן ווען יונגע כוליגאַנעס אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד אָדער אַנדערשוו פאַלן אָן אויף יידישע קינדער וואָס גייען אין שול אַרײַן, אויף יידישע שולן, אויף יידישע בית עולמס וכדומה. עס איז מיר ניט באַקאַנט אַ פאַל יידישע סטודענטן זאָלן אויף דעם רעאַגירן ספּאָנטאַן — עס איז ניט זייער עסק. זיי וועלן אָפּטער רעאַגירן אויף דיסקרימינאַציעס קעגן נעגערס צוזאַמען מיט אַנדערע, מיט ניט יידן. זיי וועלן אָפּטער זיך אַרײַנטאָן אין אַ קאַמף פאַר פרײַהייט פון קאָמוניזם אין אַמעריקע. זיי וועלן אָבער אויסמיידן אַלע יידישע אינטערעסן און זיי וועלן זיך יאָ באַמיען צו באַווײַזן אַז אַנדערע „אַלגעמיינע" פּראָבלעמען רירן זיי אָן שטאַרקער ווי רייך־יידישע. זיי ווילן זיך אַליין און אויך אַנדערע אײַנריידן אַז זיי זײַנען שוין אין גאַנצן אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק, וואָס זייערע זיידעס זײַנען אַמאָל געווען... עס איז ניט פון די גרינגע זאַכן זיך צו דערגראָבן צו טיפערע איבערלעבונגען פון אַזוינע יידן. עס קען אַפילו דערגיין צו אַ פאַרקערטן עקסטרעם: אַ טייל פון אַזוינע אַסימילאַציע־גיריקע יידן ווערן אַנטוישט אין זייער אידעאַל און זיי ווערן בעלי תשובה, זיי קערן זיך אום צו יידישקייט. אָבער, אַ ווי, זייער יידישקייט איז בלויז אַן אָנגעטאָענע פון אויבן, אויף זייער איבעווייניקסטער גוישקייט, אויף זייער ליידיקער יידישקייט... זיי באַמיען זיך, זיי ווילן זיך צווינגען צו זײַן יידן, אָבער עס איז פאַרט ניט קיין אָרגאַנישע יידישקייט עס זײַנען געוועזן אַ סך אַזוינע צווישן אויפריכטיקע, דײַטשישע שטאַרק אינטעליגענטע יידן. פון דער דײַטשישער קולטור זײַנען זיי אַוועק, אָפּגעריסן זיך מיט גוואַלד, אויף כוח און קיין יידן קענען זיי דאָך פאָרט ניט זײַן, אַפילו ביי זייער בעסטן ווילן קענען זיי עס ניט זײַן, קעגן זייער ווילן רײַסט זיך אַרויס דער „יעקע". מער האָט מען אַזוינע געקאָנט טרעפן אין ארץ ישראל, אין מדינת ישראל...

א. גאָלאָמב

שווער צו זיין אַ ייִד, נאָך שווערער איז צו ווערן אַ ייִד.

עס איז אַ שווערער פּלאָנטער אין די נשמות פון יידן, דער פּלאָנטער פון דעם דואַליזם אין דער דערציִונג. מיר האָבן פריער גערעדט וועגן אַ פּאַר־גליידך מיט דעם חדר — ער האָט וויניקער געוווסט פון אַזוינע נשמה־קאָנ־פליקטן. דאָס איז ניט געווען די גבורה פון חדר, עס איז געווען די ווירקונג פון דער מאָניסטישער־יידישער סביבה. אָבער ביי די וואָס האָבן פון דער סביבה זיך אַרויסגעריסן, האָט זיך די פּראָבלעם איבערגעחזרט גאָר ניט זעלטן. אַ סך פון אונדזערע טיפערע יידישע אינטעליגענטן, האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ וועג: פון מאָניסטיש־גאַנצע יידישע היימען (על פּי רוב טראַדיציאָנעלע) איז מען אַוועק ביז גאָר עקסטרעמע פאַרקערטע עקן. און פון דאָרטן איז מען געקומען צוריק צו עקסטרעמער יידישקייט, ווי למשל, ד״ר נתן בירנבוים. ער איז ווײַט ניט איינער. דער חדר ווי אַזאַ האָט געטויגט נאָר אין שטעטל, ער האָט אָבער לגמרי ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען ביי די שטעטלשע קינדער וואָס זײַנען גלייך נאָכן חדר אַוועק אין שטאָט אַריין, אפילו אין ווילנע פון די אַרומיקע שטעטלעך. מיט איין וואָרט — עס זײַנען געווען גאַנצע, אָרגאַנישע גאַנצע יידן אין שטעטל, אין דער מאָניסטישער סביבה, מיט איר מאָניסטישער קולטור. מיר האָבן נאָך ניט געשאַפן קיין אורבאַנישע יידישקייט, קיין גאַנצע יידיש־קייט וואָס זאָל זײַן אָרגאַניש גאַנץ מיט זיך אַליין, וואָס זאָל אַרײַננעמען אַלע עלעמענטן פון קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס מיר ווילן, וואָס מיר דאַרפן אַרײַנלעבן אין זיך און מיר האָבן נאָך זיך ניט אויסגעלערנט צו שאַפן פון די אַלע עלעמענטן איין יידישקייט. אַזאַ מין צונויפשמעלץ, אַ מיזוג פון קולטורן, האָבן מיר ניט באַוויזן צו שאַפן אפילו ניט אין מדינת ישראל, הגם דאָרטן איז דאָס לעבן דאָך מאָניסטיש, אָבער דאָרטן איז דאָס דער דעפעקט פון דער שול, די פּעדאַגאָגיק האָט ניט געשאַפן קיין מאָניזם אין דער שול־פּראָגראַם, זי האָט ניט פאַריידישט די אַלגעמיינע לימודים, אפילו אַז מען לערנט זיי אין דער איינ־ציקער שפּראַך, אין עברית. מיר האָבן פריער דעם ענין אַרומגערעדט שוין אין פריערדיקע קאַפּיטלעך. אויך דאָרטן איז די שול אַ קאָפּיע פון אַנדערע ניט יידישע שולן מיט אַ הוספה פון „יידישע" לימודים. די שול איז אויך דאָרטן דואַליסטיש, קען זי ניט דערציִען קיין מאָניסטישע מענטשן...

איז אָבער מעגלעך אין דער אורבאַנישער אַטמאָספער אַ מאָניסטיש־יידישע דערציִונג? עס איז דאָך יעדער ייד און יעדער היים שטענדיק באַמבאַר־

דירט מיט פרעמדע, ניט יידישע קולטור־עלעמענטן. עס האָגלט דאָך די גאַנצע ציוויליזאַציע פון אַרום אויף יעדער יידן מיט די פרעמדע שפּראַך־און קולטור־פאָרמען, טאָ ווי קען דאָ זײַן מאָניסטישע יידישקייט ווי אין שטעטל?

איז דאָס יאָ מעגלעך און נויטיק. מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם לע־גענדאַרישן כוח פון דעם צדיקס שטעקן, וואָס אַז מען מאַכט מיט אים אַן עיגול, אַ קרייז אַרום זיך, קען מען זיך באַוואָרענען פון אַלע פרעמדע השפּעות. די יידי־שע אויסגעהאַלטנקייט פון דער היים, פון דער מאַמען און אויך (ווייניקער!) פון טאַטן קען פאַרשפּאָרן צו זוכן דעם צדיקס שטעקן...

די פריערדיקע, אויסגעהאַלטענע היים, די יידישקייט אין דער היים וואָס איז ניט אָנגעצווונגען דורך שרעק פאַר גיהנום, די צופרידנקייט מיט יידישקייט, די האַלטונג פון די עלטערן, צי דאָס איז פרום־חסידיש, צי עס איז פרום וועלט־לעך — אַלץ איינס — קען שאַפן אַזאַ מאָניסטישע גאַנצקייט. אויב די יידישע שול וועט עס שפּעטער ניט צעברעכן מיט איר צעבראָכנקייט...

מיר האָבן ניט אין ערגעץ אין דער וועלט קיין גאַנצע, מאָניסטישע יידי־שע סביבה אפילו אין דער יידישער מדינה, איבערהויפּט ביי דעם אַנטאַגאָניזם אין רעליגיע, אין אידעאָלאָגיע, און אין דער עליה. און צו דעם די ניט מאָ־ניסטישע דערציִונג, פון וואַנען און ווי אַזוי זאָל זיך אַנטוויקלען אַ מאָניסטישע פּערזענלכקייט?

דער חדר און די ישיבה זײַנען טאַקע געווען מאָניסטיש גאַנץ און אַרײַנ־געפּאַסט אין ראַם פון שטעטל. אין שטאָט האָבן זיי שוין ניט געטויגט. אין דער הײַנטיקער אורבאַנישער סביבה איז דאָך ניטאָ קיינער וואָס זאָל גאָר טראַכטן וועגן דעם. אַ געהעריקע טיף־יידישע פּעדאַגאָגיק וואָלט אָבער געקאָנט אָרגאַ־ניש צונויפבינדן אַלע געביטן און אַלע השפּעות אין איין „אחד". און איין יידישע גאַנצקייט פון מענטש און ייד, פון יידישער מענטשישקייט איז פאַר אונדז איצט וויכטיקער ווי אחדות הבורא.

דער הײַנטיקער ייד האָט אין זײַן אורבאַניש לעבן אַן אַ שיער געביטן וואָס זײַנען ניט געבונדן צווישן זיך און איבערהויפּט ניט געבונדן מיט זײַן יידישקייט: פּריוואַטע, עקאָנאָמישע, משפּחהדיקע, געזעלשאַפטלעכע; עס זיינען פאַראַן לאַנד אינטערעסן פּאָליטישע און קולטורעלע. ערשט איצט קומען די יידישע אינטערעסן, וואָס זײַנען ניט אַזוי דרינגענד און ניט אַזוי אַקטועל. פאַרגעסט מען זיי טאַקע אָפטער ווי אַנדערע, וואָס יאָגן טאַקע יאָ אין קאָרק.

מיר דאַכט זיך, אַז דער ייד אין תחום, אין רוסלאַנד האָט זיך דאָך גע־פילט מער אַרײַנגעוואַקסן אין זײַן אָרט, ווי דער נײַער ייד אין זיין פרייער

היים. יידן זײַנען גרויסע פּאַטריאָטן פון אַמעריקע, עס פילט זיך אין דעם אַ דאַנקבאַרקייט פאַר די רעכט און גלײַכקייט וואָס זיי האָבן דאָ, אין די אַמעריקעס. אָבער עס איז פאַראַן אַ שמץ פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם וואָס מען האָט זיי געגעבן די רעכט, ווי עמיצער וואָס קריגט אַ מתנה, אַ געשאַנק פון גוטע מענטשן. אָט די דאַנקבאַרקייט האָט אין זיך עפּעס פון אַ שיפלות־קאָמפּלעקס, און דאָס מאַכט דעם יידן צו קוקן צו די אַנדערע בירגער עטוואָס אַרויף. עס טוט ווי ווען אַ ייד דערציילט אייך ווי גוט עס באַציִען זיך צו אים די און יענע ניט יידן, אָדער ווי אַזוי יענער גלח פון דער קירכע פרײַנדלט זיך מיט זײַן ראַביי וכדומה.

אין אַמעריקע בירגערט זיך אײַן ביסלעכווײַז די געוווינהײַט „מאַכן אַ לעבן — אַלע גלײַך, צוזאַמען; אויסלעבן זיך — אין אייגענע קרייזן״. מער ניט וואָס יידן האָבן דערפאַר מורא: עס דוכט זיי, אַז עס איז געטאָ, עס שמעקט מיט סעפּאַראַציע, חלילה. און... זיי דערעסן די שכנים מיט זייער צודרינגלעכער פרײַנדשאַפט און מיט זייער זוכן פרײַנדשאַפט.

און דאָס נעמט זיך פון דער מורא צו בלײַבן איזאָלירט, צו בלײַבן אַליין מיט יידן. זיי — די דאָזיקע יידן — וואָס שעמען זיך מיט זייער יידישן פּנים און ווילן פאַרגעסן דעם יידישן זיידן, זייער אידעאַל איז אַלע מאָל אויב אַליין ניט צו ווערן קיין גויים, איז כאָטש טרינקען טיי און בראָנפן צוזאַמען מיט גויים, אָט די יידן זוכן דווקא גויישע פרײַנד ניט צו מאַכן מיט זיי אַ לעבן, נאָר זיי דאַרפן דווקא זיך אויסלעבן צווישן גויים, מיט גויים. און אַז עס זײַנען ניטאָ קיין גויים, אַז די גויים יאָגן זיך, פאַרקערט, ניט צו זיי און צו זייער יידישער געזעלשאַפט, זוכט מען אייגענע גוישקייט, פאַרשטעלט מען זיך פאַר גויים. עס איז לעכערלעך און טראַגיש טרויעריק, ווען יידן קוים זיך געראַטעוועט מיט ניסים פון יענע גויישע קאַלכאויוונס, וואָס מאַכן דאָס בלוט גליווערן אין די אָדערן נאָר ביים דערמאָנען זיך, קומען אָט די יידן קיין אַמעריקע און ריידן צווישן זיך ענגליש, קיין מעקסיקע און זיי ריידן דווקא שפּאַניש, און — נאָך העסלעכער — זיי קומען קיין מדינת ישראל און זיי ריידן דייטש... ווען איך זע דאָס, ווען איך הער דאָס, כאַפּט מיך אָן אַ ווייטאָג און אַ כעס, ווי איך וואָלט געזען מענטשן וואָס שניידן זיך אָפּ זייער אייגענע נאָז, כדי זיך צוצוקלעפּן אַ פרעמדע. אָדער קומען יידן מיט אַזאַ טעאָריע: זיי ריידן מיט אייך יידיש, זיי זײַנען דאָך רחמנים, טוען זיי אײַך אַ טובה און ריידן מיט אײַך יידיש. זאָל אָבער אין זייערע דלת אמות שטיין אַ גוי, אָ, דעמאָלט וועלן זיי ניט אויסריידן אפילו צו אײַך קיין יידיש וואָרט, וואָרעם ... עס פּאַסט ניט פאַר אַ גוי אין די אויגן

צו ריידן יידיש. דאָס זײַנען יידן מיט קראַנקע נשמות: מילא, אין דער היים, ביי זיך אין צימער קען ער אַרומגיין אין אונטערוועש, אָבער ער וועט דאָך דאָס ניט טאָן פאַר מענטשן! חלילה! עס פּאַסט דאָך ניט! וואָס רעדט איר! ווי האָט געלערנט יענער גרויסער פּאָעט — אין שטוב מעגסטו זײַן אַ ייד, אָבער — אין גאַס, חלילה (יהודי בביתך ואדם בצאתך — יל״ג). אָט די מענטשן זײַנען פּשוט קראַנק, זיי האַקן זיך אָפּ די אייגענע פיס, כדי צו גיין אויף קולעס. זיי פאַרשטייען ניט אַז די פרייהייט פון אַמעריקע מיינט, זיי מעגן זײַן פרײַע יידן, נאָר זיי מיינען אַז די פרייהייט מיינט איר מעגט זײַן קנעכט און נאָכמאַכן. יידן דערפילן זיך שטאָלצער, ווען עס רעדט מיט זיי אַ גוי, ווען זיי קענען דינגען אַ דירה לעבן אַ גוי, ווייטער פון יידן... ווער עס האָט געברענט יידישע לעבעדיקע גופים און אָט די יידן ברענען זייערע יידישע נשמות... און די קראַנקייט איז אַזוי פאַרשפרייט צווישן יידן — זיי דאַרפן פרײַהייט צו זײַן קנעכט. זיי גיבן אויס ימים געלט, כדי צו דינגען גויים וואָס זאָלן זיך חברן מיט זיי. זיינען יענע פּשוטע יידן אין די אַמאָליקע שטעטלעך, יענע פּשוטערע עמאַרצישע דאָרפישע יידן געווען געזונטע יידן, מיט געזונטע נשמות אין זיך. זײַנען אָבער די הײַנטיקע געבילדעטע יידן קראַנק.

דאַרף די יידישע דערציִונג קודם כל היילן די יידן: שעמט זיך ניט מיט זיך אַליין, פאַרשטייט אַז איר מעגט זיין יידן, אַז איר מעגט גיין אויף אײַערע אייגענע פיס, און אָטעמען מיט אייער נאָז, אַז איר דאַרפט ניט ברעכן אײַער צונג, כדי מען זאָל אויף אייך קוקן ווי אויף מענטשן, אַז איר דאַרפט ניט זיך דערנידערן צו זיין גײַסטיקע בעטלערס וואָס לעבן מיט פרעמדע ברעקלעך, אַז איר מאַכט זיך נאַריש און נידעריק, און קליין און שקלאַפיש אין אַלעמעס אויגן מיט אייער קריכן צו אַלעמען, בעטן זיך ביי אַלעמען, שמייכלען צו אַלעמען, נאָכמאַכן אַלעמען. ניטאָ קיין העסלעכערער בילד צו זען ווי מיסיס קוגלטאָפּ זעצט זיך אַוועק מיט מאַדאַם יאַנקעלזאָן און מען רעדט אַלץ אין דער וועלט, אַבי ניט יידיש, אַבי צו וועלן זיך פוצן אין פרעמדע פעדערן, צו מאַסקירן זיך מיט פרעמדע פנימער. דאַרף די דערציִונג לערנען אַז די יידישקייט וואָס דיין טאַטע, דײַן זיידע האָט געבראַכט מיט זיך איז ווערט זי זאָל דאָ לעבן פרײַ און ניט כדי זי דערשטיקן דאָ. עס איז דאָך צעקריפּלט, צעשעדיקט די נשמה פון אַ מאָדערנעם יידן! וויפל אַנטיסעמיטיזם איז אין אַזאַ נשמה פאַראַן! און ווי זי באַמיט זיך צו פוצן מיט אַלערליי פאַרבן צו פאַרדעקן די אינעווייניקסטע שינאה! און וויפל פון דעם איז פאַראַן אין יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אין יידישער דערציִונג גופא! וויפל אויפריכטיקע, אמתע שינאה און וויפל פוץ

און ליגנערישע פראַזע און וואָלוועלע שמינקע עס איז פאַראַן אין די „סערווי־סעס“ און אין די „שערמאַנס“ פון די ראַבייס אין די טעמפּלס... מיר בענקען צו דערציִען גאַנצע, מאָניסטישע אויפריכטיקע יידן מיט יידישע הערצער און יידישע מיילער. אַ מאָניסטיש־גאַנצע איינהייטלעכע, אין מדינה און אין די גלותן אַלגעמיינע קולטור און דערציִונג וואָלט געקאָנט ראַטעווען דאָס פאָלק פון דער קראַנקייט.

דער אויסגעטראַכטער שפּראַכן־קאַמף

איז עס אָבער ניט קיין בטלנות צו ריידן איצט וועגן מאָניסטישער יידישקייט, ווען מען קען זיך ניט צונויפריידן אפילו וועגן דער שפּראַך פון דער יידישער קולטור? ווען די מחלוקת ציט זיך שוין מער ווי הונדערט יאָר און, אויב עס קומט אַ פּסק־דין אין דער מחלוקת, קומט ער גאָר פון אַ גזלן, ניט פון די יידן גופא.

ווי קען מען חלומען פון מאָניסטישער אינטעגראַלער גאַנצקייט, ווען די אוראַלטע אויסגעשמידטע איינהייטלעכע רעליגיע האָט זיך צעשאָטן אויף עטלעכע, און איטלעכע באַזונדער צוטיגט זיך ווידער. און אפילו די טראַדיציע־געטרײַע אָרטאָדאָקסיע, וויפל באַזונדערע און פאַרשיידענע ריכטונגען עס זײַנען זיך צעגאַנגען? עס איז פאַראַן אַ גמרא וואָס זאָגט בערך אַזוי (איך וועל עטוואָס ענדערן די ווערטער פון טעקסט): ווען עס זײַנען געקומען די תלמידים פון הילל און שמאי וואָס האָבן ניט גענוג זיך געקלאָמערט אָן טראַדיציעס, איז די תורה צעשפּאָלטן געוואָרן, האָבן זיך געמערט ביי אונדז די קריגערייען און עס איז געוואָרן ווי עטלעכע תורות, עטלעכע יידישקייטן. און אַז דעמאָלט אַזוי, טאָ וואָס קענען מיר שוין זאָגן איצט?

נעם איך זיך אָן מיט דער חוצפּה און זאָג: די גאַנצע מלחמה צווישן שפּראַכן איז אַן אויסגעטראַכטע, קיין מאָל איז ניט געווען אַזאַ מין מחלוקת און עס איז ניטאָ. אין גאַנצן אַ טעות. די מלחמה איז גאָר אויף אַן אַנדער פראָנט, און מיט דעם פאַלשן אַלאַרעם צווישן די צוויי יידישע שפּראַכן וויל מען פאַרשטעלן דעם אמתן פראָנט ווו דער אמתער שונא ברענגט דערווײַל אוםביידע שפּראַכן, די שפּראַכן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן וואָס זיי פאַרמאָגן. וואָס שפּראַך בכלל באַטייט פאַר אַ פאָלק „אומה ולשון“ — דער אינהאַלט פון באַגריף אומה — פאָלק איז אין לשון, און אָן לשון איז אומה

ניט מער קיין אומה. האָט מען אויסגעטראַכט דעם פאַלשן קאַמף, כדי צו פאַר־שטעלן דעם אמתן חורבן אויף דעם אמתן פראָנט. וועלן מיר גיין כסדר: שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר ווי יידן, דאָס יידישע פאָלק, נוצט מער ווי איין שפּראַך. האָבן מיר יאָ געהאַט צוויי און מער שפראַכן און מיר זײַנען געווען מאָניסטיש גאַנץ. אונדזער פאָלק איז אַנדערש פון אַנדערע פעלקער שוין דערמיט אַליין וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט מער ווי איין תקופה. אַנדערע פעלקער ווערן געבאָרן, וואַקסן אויס, ווערן אַלט און שטאַרבן אָפּ. איז דאָס איין תקופה. איין תקופה מיט איין שפּראַך. מיר אָבער האָבן דורכגעמאַכט איין תקופה, דאַכט זיך, געשטאָרבן, און ווידער אויפגעקומען, אין אַ צווייטן אָרט, אַ צווייטער שבט, און אַ נײַ פאָלק! מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל גע־רעדט וועגן דעם געוואַלדיקן אונטערשייד צווישן דער תנכישער יידישער קולטור און צווישן דער תלמודישער. געשטאָרבן איז די תנ״כישע יידישקייט, און איר גאַנצע ירושה האָט איבערגענומען די תלמודישע יידישקייט. אַ נײַע תקופה מיט אַ נײַ לשון. די געטרײַע טאָכטער האָט אָפּגעהיט די גאַנצע ירושה פון דער רייכער מאַמען מיט דעם לשון אויך. זײַנעןביידע שפּראַכן געווען לעבעדיק אין פאָלק. דער מאָניסטישער גייסט האָט אָן שוועריקייט געפונען דעם „אחד״ אין ביידע שפּראַכן. האָט הילל מן הסתם ניט פײַנט געהאַט דעם לשון קודש, אָבער ער האָט זײַנע אַלע מימרות געזאָגט אין דער שפּראַך פון זיין לעבעדיקער תקופה, אין פאָלקישן אַראַמיש. ביידע שפּראַכן זײַנען געווען יידישע, ניט פאַרבונדן מיט דעם לאַנד, מיט דעם פאָלק פון לאַנד. איז פילאָנס תורה פאַרלאָרן געגאַנגען, ווײַל ער האָט גערעדט און געשריבן אין אַ שפּראַך פון איין לאַנד, אין שפּראַך פון פאָלק וואָס אין לאַנד (גריכיש). איז שפּעטער געקומען נאָך אַ תקופה, פון מזרח קיין מערב. האָט אשכנז זיך געשאַפן זײַן שפּראַך, איבערגעמאַכט אַ שפּראַך, פאַר זיך. האָט ספרד געלעבט און געשאַפן אין שפּראַך פון לאַנד, פון לאַנד־פאָלק. איז אשכנז־יידישקייט געבליבן און זיך צעוואַקסן אָן פאַרבינדונג מיט דעם לאַנד, מיט דעם לאַנד־פאָלק. אָבער ספרד וואָס האָט זײַן יידישקייט געשאַפן אין לאַנד־שפּראַך. איז ווען לאַנד פאַרלאָרן, איז אויך שפּראַך פאַרלאָרן, אויך די קולטור פאַרלאָרן.

שטעל איך זיך פאָר, אַז ר׳ שמואל מאַהליווער איז ניט געווען קיין „יידישיסט״, נאָר ווען אליעזר בן יהודה האָט צו אים גענומען ריידן העברעיִש, האָט ער אים געבעטן: „איך בעט אייך, רעדט ווי אַלע יידן ריידן״. עס איז ניט געווען קיין „ריב לשונות״. איין מאָניסטיש, פאַרזיכיק פאָלק מיט אַ דרײַפאַ־כיקער קולטור (תנ״ך, תלמוד, אשכנז), איין „אחד״ געפלאָכטן אין דרײַען, און

טאַקע ווי עס שטייט „דער דרייאיקער פאָדעם וועט זיך ניט גרינג איבער־רײַסן" (והחוט המשולש לא במהרה ינתק — קוהלת). האָבן אַלע יידישקייטן וואָס זײַנען געווען פאַרבונדן מיט אַ שפּראַך פון איין באַשטימט לאַנד, מיט איין שפּראַך פון אַ לאַנד־פאָלק — אַלע זיי זײַנען אונטערגעגאַנגען, ניטאָ מער אין לעבן, געבליבן אפשר אין אַרכיוון פאַר גריבלער און פאַר מייז. געבליבן אין לעבעדיקן פאָלק איז נאָר די יידישקייט, די קולטור וואָס האָט זיך ניט פאַר־בונדן מיט איין לאַנד, מיט איין לאַנד־פאָלק. דער שבט יידן האָט געשאַפן יידישע ווערטן, יידישע קולטור, יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, געשאַפן פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר אַלע שבטים.

איז אָבער געקומען דער אורבאַניזם מיט זײַן אַלטער טענדענץ פטור צו ווערן פון יידישקייט בכלל, האָט די אומקום־טענדענץ, די גיריקייט צו אַסי־מילאַציע אויסגעטראַכט די „שפּראַכן־פראַגע".

ווען קינדער זיינען קליין, שעמען זיי זיך ניט, זאָגן זיי אַרויס זייער אמת אָפן. אַזוי אויך מיט ריכטונגען. זאָגן יונגע ריכטונגען אַרויס דירעקט זייער באַגער. האָט די טאָכטער פון אורבאַניזאַציע — די השכלה אָפן גערעדט און געדרשנט, און געפּריידיקט די שפּראַך פון לאַנד, דאָס „לשון המדינה", „אויף וועמעס וואָגן דו זיצסט, דעמס לידל דאַרפסטו זינגען" און אין וועמעס לאַנד מיר לעבן, דעם פאָלקס לשון דאַרפן מיר ריידן. דאָס איז געווען די צײַט פון אָפענער און דירעקטער אַסימילאַציע — „זײַט רוסן פון משהס גלויבן" האָט עס אַ מאָל געלערנט אַ „קאַזיאָנער רב" (אַן אַרויפגעצוווּנגענער ראַבי) אין אַ שול אין מאָסקווע. שפּעטער ווען די אָפענע אַסימילאַציע, די רוסיפיקאַציע איז געוואָרן עטוואָס ניט אָנשטענדיק (איוואַן וויל ניט קיין זשידעס אפילו מיט רוסיש), האָט זיך די אסימילאַציע אָנגעטאָן אַ טלית קטן וואָס איז גאָר כשר: מען וועט די אַסימילאַציע באַזאַלצן מיט כשרן זאַלץ פון לשון קודש. איז עס גאָר ניט שווער צו געפינען אין דעם אָפענעם העברעיזם דעם פאַרבאָרגענעם דראַנג צו אַסימילאַציע, די ירושה פון דער השכלה. דעם „אחד", די גאַנצקייט פון יידישקייט — האָט מען צעבראָכן, די אַסימילאַציע, די אויסיידישונג איז זיך געגאַנגען דרייסט מיט אַ כשרן „כתב" אין האַנט. די טענדענצן — די פריערדיקע, דער כתב — אַ נײַער, איז דער מאַניזם פוןביידע שפּראַכן אין לעבן, אין לערנען, אין דאַוונען — מער ניט געבליבן. האָט דער יידישער „טאָמער פאַרקערט" — דער איפכא מסתברא געבראַכט דעם יידישיזם אויך ניט אָן פאַרבאָרגענע כוונות, אָפט אפילו אומבאַוווּסטזיניקע. אָבער זיי זײַנען געווען...

אַן עלטערער תלמיד חכם ווײַזט מיר אַ גמרא. לייענט ער און פאַר־טײַטשט אויף יידיש. זאָג איך אים, אַז ער קען זיך פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון איבערזעצן. ענטפערט ער מיר: עס איז פאַר אים למשה מסיני — אַן אַלטע פאָלקישע טראַדיציע, מען טאָר זי ניט ענדערן — דער טעקסט פון אַ גמרא מוז גיין צוזאַמען מיט יידיש...

אָט דאָ איז דער מקור פון דעם גאַנצן „שפּראַכן־קאַמף". אונטער דעם שיינעם אויבערשלאַק פון די יידישע שפּראַכן באַהאַלט זיך דער אַלטער גאָר־ניט שיינער צעריסענער אונטערשלאַק פון דער אַלטער, צעריבענער אַסימי־לאַציע. אין דער פּסיכאָלאָגיע רופט מען דאָס „קאָמפּענסאַציע" — אַז מען ווערט אין כעס אויף דער אייגענער מאַמען, דערקלערט מען זיך אין ליבע צו דער באָבען... איז אָבער אַך און ווי צוביידן: צו יידיש מיט העברעיִש צו־זאַמען: אַז מען צעשנײַדט אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אויף צוויי חלקים, שטאַרבן ביידע, האָט דאָס נאָך דערציילט די מעשה פון תנ"ך. האָט העברעיִש זיך גע־ראַטעוועט אין דער מדינה. די ווערטער טאַקע יאָ געראַטעוועט, אָבער די גאַנצע ירושהדיקע יידישקייט — לגמרי ניט.

איז אָבער יידיש געבליבן אַן אַ באַזע. די אידעאָלאָגישע באַזע איז גע־ווען פאָלקיזם, פאָלקס שטייגער און געמיט ווי דער מקור פון דער גאַנצער קולטור — דער פאָלקיזם האָט ניט געהאַט קיין מזל ביי יידן און די סאָציאַלע באַזע — דאָס שטעטל האָט געצאַנקט פאַמעלעך ביז דער ציוויליזירטער מלאך המוות האָט עס חרוב געמאַכט. איז יידיש געבליבן תולה על בלימה. איז מיט העברעיִש אין די גלותן נאָך ערגער: דער אידעאָלאָגישער באַזיס — דער תנ"ך און די מדינה — דער סאָציאַלער. זײַנען ביידע לגמרי ניט דאָס. דער תנ"ך איז קיין מאָל ניט געווען קיין באַזיס פאַר לשון קודש, פאַר העברעיִש. דער באַזיס איז געווען דאָס דאַווענען, תהלים־זאָגן, לערנען וכדומה. דאָס לערנען אין שולן איז קיין מאָל ניט קיין באַזיס פאַר עפּעס אין לעבן. פאַרקערט קען יאָ זײַן. ווידער האָט מען דעם תנ"ך גאָר אַ סך ווייניקער געלערנט. חומש יאָ אָבער תנ"ך — גאָר ווייניק. אַ תנ"ך־קענער איז גאָר געווען חשוד אויף אפּיקורסות, חלילה, אויף השכלה, רחמנא ליצלן. אַ פּסוק האָט מען טאַקע גע־יוסט פון גמרא אַרויס. איי, מען האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט געזאָגט, — איז דאָס אין גאַנצן ניט וויכטיק. אַ שפּראַך לעבט ניט ווען מען פאַרשטייט דעם ריכטיקן פּשט פון די ווערטער, נאָר ווען מען נוצט זיי ניט פאַרשטייענדיק. האָט מען אין שטעטל די ווערטער אַקטואַליזירט. האָט מען פאַרשטאַנען זייער „ריכטיק" מתיר אסורים — אוי, מאַטערט ער מיט יסורים... און „מען דאַרף

רואה זײַן אויף אַז ערל אין קראָם בשבע עיניים", און אַז „דער סוואָרן איז מחיה" (די סברה איז מחייב. סוואָרן — אַ גראָבער אײַזן וואָס באַהעפט די פאָדערשטע אַקס צום וואָגן) וכדומה. העברעיִש האָט אָרגאַניש געלעבט בײַ אַלע יידן אַט אַזוי ווי בײַ אונדזער טביה דעם מילכיקער, וואָס האָט אַן אַ פּסוק און אָן אַ מאמר חז"ל ניט געקאָנט לעבן. דאָס איז געווען דער באַזיס, דערמיט האָט העברעיִש געלעבט, און עס איז ניט אמת אַז העברעיִש איז אין ארץ ישראל אויפגעשטאַנען תחית המתים. חס ושלום! עס איז קיין מאָל ניט גע־שטאָרבן. וואָלט דער פּסוק און מימרא ניט געווען אַרײַנגעפלאָכטן אין יידישן לעבן, וואָלט אויך אין ארץ ישראל קיין עברית ניט אויפגעקומען.

והא ראיה — דאָרטן ווו יידן האָבן פאַרלאָזן יידיש, דאָרטן איז ניטאָ קיין העברעיִש, אויב אפילו מען זאָל עס לערנען און לערנען. און איך וויל גלייבן אַז צווישן די לערער און צווישן די טוערס זײַנען פאַראַן אַ סך אידעאַ־ליסטישע, איבערגעגעבענע געטרײַע טוערס, און נאָך מער — מען לערנט אפשר טאַקע אויך אויס עברית, אָבער עס האָט ניט קיין חיות, און עס ווערט פאַרגעסן, עס בלייבט גאָרניט פון דעם לערנען און פון דעם וויסן... אפשר בלײַבט גאָר אַ פאַרקערטער געפיל פון אַ מין „הבדלו מתוך העדה הרעה הזאת" — „מיר זײַנען ניט ווי יענע יידן, אַט דאָס פּראָסטע פאָלק". און דאָס גע־פיל איז פשוט מסוכן פאַרן קיום האומה. ניט די שפּראַכן האָבן זיך בײַ אונדז געקריגט, מיר אַליין — דאָס יידישע פאָלק האָט זיך צעריסן, צעשאָטן. די שפּראַכן האָבן ניט בלויז געלעבט בשלום, נאָר זיי זײַנען געווען צוויי טיילן פון איין גאַנצקייט — קודש און חול, וואָכעדיקייט און הייליקייט — לשון הקודש — די שפּראַך פון הייליקייטן. אויף וויפל עס איז אין יידישן לעבן געווען הייליַ־קייט, האָט געלעבט די שפּראַך פון הייליקייט. האָט לשון קודש משפיע געווען קדושה אויך אויף יידיש. און עס איז געווען דער אמתדיקער אויפטו פון מענ־דעלע וואָס ער האָט „פאַריידישט" דעם לשון קודש. אָן יידיש וואָלט זיך הע־ברעיִש גאָרניט געקאָנט האַלטן, און אַט פאַר וואָס: אַחוץ קודש און חול — הייליקייט און וואָכעדיקייט, איז נאָך אין יידיש לעבן געווען נאָך צוויי זייטן: טאָג־טעגלעך לעבן און ספרים. מיט די אַלטע, טראַדיציאָנעלע נעמען וועלן מיר דאָס אויך דאָ אָנרופן „בעל פה־קולטור" און „קולטור שבכתב". יידיש איז געווען פאַרבונדן איבערהויפּט מיט דער בעל פה־קולטור, העברעיִש — כמעט נאָר מיט דער בכתב. אין יעדער בעל פה־שפּראַך איז פאַראַן אויסער די ווער־טער אויך שטימונגען, געדאַנקען, עמאָציעס, איבערלעבונגען און אַל דאָס אומדערזאָגטע, וואָס דאָס לעבן אָטעמט מיט דעם. יעדער שמייכל, אַ בליק,

אַ קרעכץ פון אַ לעבעדיקן מענטשן איז באַגלייט פון אַ סך אינעווייניקסטע איבערלעבונגען, וואָס דאָס געזאָגטע וואָרט איז בלויז אַ רמז, אַן אָנדייט אויף דעם אַלעם. אַ קלאַנג פון קלאַוויש ווערט באַגלייט מיט אַ גאַנצן אַקאָרד אויבערקלאַנגען און אונטערקלאַנגען. דאָס איז אַ וואָרט אין אַ שפּראַך שבעל־פּה. איין וואָרט אין פאַרשיידענע שפּראַכן אַסאָציִירט זיך אָבער מיט כלערליי פאַרשיידענע מיט־קלאַנגען, מיטבאַגריפן. אַ יידישער „פלאָקן" איז שוין עפּעס אַנדערש פון אַ רוסישן „פלאָקן". דער טייטש פון אַ וואָרט איז ווייט ניט עקוויוואַלענט צו דעם גאַנצן אינהאַלט פון דעם זעלביקן וואָרט, דער טייטש איז אַ סך אָרעמער פון דעם גאַנצן סכום אַסאָציאַציעס־מיטהילכער פון וואָרט. דאָס איז גערעדט געוואָרן וועגן ווערטער פון אַ גערעדטער שפּראַך, פון „מויל" — בעל פּה. ווערטער אָבער פון ספרים, האָבן נאָר זייער דירעקטן טייטש. סיידן דער שרייבער, אָדער רעדנער האָט זיך אָנגעלערנט אַ סך פון די ספרים, וועט זיין שפּראַך אָפּהילכן מיט די אַסאָציאַציעס פון די ספרים. העברעיש איז די שפּראַך פון דער בכתב־קולטור, יידיש — פון דער בעל פּה־קולטור. יידיש איז די שפּראַך פון אונדזער לעבעדיקער קולטור, העברעיש — די שפּראַך פון אונדזער אייביקער קולטור, וואָס אין ספרים. אויף וויפל יידן האָבן געלעבט מיט ספרים, אויף אַזוי פיל איז אויך די שפּראַך פון די ספרים געווען אין אַקטועלן לעבן. טביה דער מילכיקער האָט ניט געדאַרפט לערנען קיין העברעיש, ניט אין שולן, ניט אויף קורסן. עס איז געווען אָרגאַניש אין אַקטועלן לעבן, ווי געזאָגט, אין דאַווענען און אין לערנען, אין דעם גאַנצן גייסטיקן לעבן פון פאָלק. האָבן יידן גענוצט די ווערטער ניט מיט זייערע וואָרט־טייטשן נאָר ווי גאַנצע קולטור־קאָמפּלעקסן, צוזאַמען מיט אַלע ניואַנסן, מיט אַלע אַקטואַליזאַציעס, וואָס האָבן אָפּט איבערגעדרייט דעם לעקסישן טייטש. איז די יידישע קולטור מיט ביידע שפּראַכן געווען אין איינהייטלעכע גאַנצקייט, איין איינס. האָבן זיי גאָרניט געקאָנט זיך קריגן, ווי עס קענען זיך ניט קריגן דער טיי מיט דעם צוקער, דער ברויט מיט דעם זאַלץ, די וואָרצלען מיט די צווייגן פון איין בוים. די קולטור אונדזערע קען גאָר ניט זיין גאַנץ מיט איין שפּראַך, ווי עס קען ניט זיין קיין משפּחה אָן אַ מאַמען, אָדער אָן אַ טאַטן.

מיר קענען ניט זיין איינשפּראַכיק נאָך דעם ווי מיר האָבן איבערגעלעבט מער ווי איין קולטור־תקופה. מיט איין שפּראַך וואָלטן מיר פאַרלאָרן אָדער די וואָרצלען אָדער די צווייגן. אָדער מיר וואָלטן פאַרלאָרן די גאַנצע קולטור שבכתב אָדער די גאַנצע קולטור שבעל פּה.

די מלחמה האָבן געפירט ניט די שפּראַכן, נאָר גאָר אַנדערע פאַקטאָרן. דער העברעיִזם שטאַמט דירעקט פון דער השכלה. זי איז פון אָנהייב אָן געווען אַנטיפאָלקיש, אַלץ וואָס עס איז געווען איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן איז איר געווען ניט ליב, האָט זי דאָך געפריידיקט צו באַהאַלטן יידישקייט נאָר אין די היימען, אָבער ניט אין גאַס. האָט זי דורכגעמאַכט דריַ עטאַפּן — די השכלה אין רוסלאַנד: אין אָנהייב פון יאָרהונדערט האָט מען געפריידיקט צו פאַרבייטן יידיש מיט דעם „ריכטיקן", אמתן דיַטש, שפּעטער, אין מיטן פון יאָרהונדערט, צוזאַמען מיט דעם אָנהייב פון אינדוסטריאַליזאַציע אין רוסלאַנד, האָט מען גענומען פריידיקן רוסיש, עס איז אַוועק אַ סדרה רוסיפיקאַציע, ערשט צום סוף פון יאָרהונדערט, נאָך די פּאָגראָמען האָבן זיך די טיפערע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געלעבט אין תחום צוזאַמען מיט די יידישע געדיכטע מאַסן, האָבן זיי פאַרלאָרן די האָפענונג אויף גליַכע רעכט, אויף רוסי־פיקאַציע און דורך דעם צו פולע רעכט, צו עמאַנציפּאַציע, האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די באַוועגונג פון „חיבת ציון" און אויך די העברעיִשע השכלה.

אָבער אַ טייל פון דער אינטעליגענץ, איבערהויפּט די סאָציאַליסטיש געשטימטע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מער מיט די רעוואָלוציאָנערע ריכטונ־גען ביי דער רוסישער אינטעליגענץ, זיי האָט עס ניט געצויגן פון רוסלאַנד. ווי די רוסישע אינטעליגענץ האָט עס זיי אויך געצויגן „אין פאָלק אַריין". האָט מען לכתחילה מיט דעם וואָרט „פאָלק" געמיינט טאַקע דאָס רוסישע פאָלק. אָבער פון דעם פאָלק איז מען דאָך געווען אָפּגעטיילט מיט די ווענט פון תחום, פון „טשערטאַ". דעם תחום האָט דאָך רוסלאַנד צוגענומען פון פוילן, און דאָ זיַנען רוסן כמעט ווי ניט געווען. האָט מען דעם סאָציאַליזם געקענט פאַרשפּרייטן נאָר צווישן יידן. האָט מען לכתחילה געלערנט די יידן אין די שטעט, איבערהויפּט די ישיבה־בחורים רוסיש, כדי צו קענען צווישן זיי פאַר־שפּרייטן רעוואָלוציאָנערע אידעען. דאָס יידישע פאָלק ווי אַזאַ איז לכתחילה גאָרניט אָנערקענט געוואָרן ווי אַ פאָלק. אַז יידן אין רוסלאַנד זיַנען אַ פאָלק פאַר זיך, האָט אַנטפּלעקט זשיטלאָווסקי אין אַ בראָשור אין די ניינציקער יאָרן. אָבער אויך זיַן ניַעס האָט מען ניט שטאַרק אָנגענומען. אין מיטן פון די ניַינ־ציקער יאָרן האָט מען זיך דערטראַכט: אַנשטאָט צו לערנען די יידישע מאַסן רוסיש, איז גרינגער צו ברענגען צו די יידן רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען אין דער שפּראַך פון די יידן אין תחום — אין „זשאַרגאָן". האָט מען געשאַפן ספּעציעלע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" צו פאַרשפּרייטן די אידעען אין יידיש. יידיש לשון איז דאָ ניט געווען קיין „פעטיש", עס איז געווען אַ מיטל צו

פאַרשפּרייטן די אידעען פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. עס איז געווען בלויז אַ פּראַקטישער מיטל פאַרן תחום, ווו יידן האָבן ניט גערעדט קיין רו־סיש און די אָרומיקע באַפעלקערונג אויך ניט. האָט מען יידיש געהאַלטן ווי אַ צײַטווײַליקן ענין. דער אויסדרוק איז געווען „אויף וויפל די יידן וועלן נוצן יידיש לשון, אויף אַזוי פיל דאַרף מען דאָס לשון". דער אויסדרוק קומט אויס האַמעטנע אין יידיש, ווײַל ער איז געווען גאַנגבאַר אין רוסיש. ערשט גאָר פּאַמעלעך איז מען געקומען צו אַ באַזונדערער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פאַר יידן, טאַקע אין תחום. און די פּאַרטיי האָט ווידער ביסלעכווייז אָנגענומען אַן אייגענע יידישע קולטור־פּראָגראַם. קיין יידישקייט ווי אַ פּרינציפּ איז דאָ ניט געווען. די „יידישיסטישע" אינטעליגענץ פאַר זיך, אין די היימען האָט גערעדט רוסיש (אָדער פּויליש): איז העברעיִש געוואָרן אַ כשרע מזוזה אויף דער טיר וואָס האָט געפירט פון יידישקייט, צו אַן אידעע וואָס האָט פריער באַנקראָטירט. איז יידיש געוואָרן אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם און אַנטירעליגיעזקייט צווישן יידן. די אַדעפּטן פון ביידע שפּראַכן האָבן זיך גאָר ניט באַמיט זיך צו פאַרטיפן אין דער אמתער ראָלע פון די שפּראַכן אין לעבן פון דער יידישער קולטור. די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן יאָ געקעמפט קעגן דעם רוסישן קלער, וואָס איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון צאַריזם, אָבער זיי האָבן ניט באַקעמפט די רעליגיעזע נייגונגען פון פאָלק. האָבן אָבער די יידישע רעוואָלוציאָנערן געקעמפט איבערהויפּט קעגן דער רעליגיעזקייט פון די יידן. הינטערן באַוווסטזײַן איז אפשר דאָ געווען אַ פאַרלאַנג צו צעשטערן אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע. אָפן האָט מען דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט געזאָגט. נאָך ביז הײַנט גייען די מאָטיווירונגען פאַר ביידע שפּראַכן פאַרביי דעם טיפערן באַטייט פון ביידע שפּראַכן. ריידן די העברעיִסטן אין נאָמען פון דער שפּראַך פון דער יידישער מדינה. שטעלן זיך איין יידישיסטן פאַר דער רײַכער ליטע־ראַטור אין יידיש. און אין ביידע טענות איז ניטאָ דער אמת.

אַזוי ווי ביידע אידעאָלאָגיעס זײַנען ניט געווען קיין אָרגאַנישע, זיי זײַנען ניט אַרויסגעוואַקסן פון די אינעווייניקסטע אַנטוויקלונגען אין יידישקייט, האָבן זיי אויך פאַרזען דעם טיפערן אָרגאַנישן באַטייט פון די צוויי שפּראַכן. אין דער אמתן איז די גאַנצע מחלוקת נאָר אַ נײַע אויפלאַגע פון אַן אייביקן געראַנגל אין יידישקייט צווישן די אָנהענגער פון דער תורה שבכתב און דער תורה שבעל פה. איז דער העברעיִזם ניט עפּעס אַנדערש ווי דער נײַער גילגול פון דעם פאַרצײַטיקן צדוקיזם, ווי דער שפּעטערדיקער קאַראַיִמיזם, ווי די השכלה בשעתה. אַהער געהערט דער גאַנצער „תנ"כיזם". די דאָזיקע „יידיש־

קייט" פון תנ"כיזם און מיטן גאַנצן העברעיִזם שטערן ניט דער אַסימילאַציע; איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן ווולגאַר — עס איז אַ שיינער פייגנבלאַט צו־צודעקן די נאַקעטע אויסיידישונג. איז דער העברעיִזם אָננעמבאַר אויך פאַר אַלע אַסימילאַטאָרן: פון פשוטער יידישקייט איז עס ווייט און אַסימילירן שטערט עס אויך ניט. רעדט מען דאָך שוין ניט וועגן העברעיִזירן דעם גלות. האָט מען זיך אומגעקערט צוריק צו דער משכילישער פאָרמול פון מער ווי הונדערט יאָר צוריק — „דעם לשון המדינה". זאָל העברעיִש זיין די צווייטע שפראַך, ווי אַמעריקאַנער וואָס לערנען שפּאַניש אָדער דייטש. וועלן יידן אין אַמעריקע טאַקע ריידן זייער שפראַך — דעם כשרן ענגליש, אומעטום אפילו אין דאַווענען צו גאָט, מער ניט וואָס אַנשטאָט דייטש וועלן זיי לערנען „היברו", און אויב זיי וועלן אַ מאָל פאָרן קיין „ייזראעל", וועלן זיי קענען זאָגן „שאַ־לאָם"... די אַלטע, פאַרצייטיקע צדוקישע ריכטונג אין אַ נייעם שלייער.

האָבן די יידישיסטן פאַרזען אַז... טרינקען טיי אָן צוקער איז זייער ביטער. און אַז אָן דער גאַנצער ירושה וואָס איז פאַרבונדן מיט העברעיִש לשון, זיינען מיר כמעט ווי נייגעבאָרענע, גאַנץ פיינע קבצנים ווי אַ פאָלק. יידיש לשון איז טאַקע דער שפּייכלער פון דער גאַנצער קולטור שבעל פה פון אונדזער פאָלק, אָבער דאָס פאָלק זאָל ניט פאַרלירן, חלילה, די גאַנצע רייכקייט וואָס איז פאַרבונדן מיט קודש, מיט דער גאַנצער טראַדיציע, מוז די קולטור שבעל פה איבערנעמען די גאַנצע קולטור שבכתב, מוז יידישע וועלטלעכקייט אַריינ־נעמען די קולטור אין העברעיִש. דערווייל האָט יידישיזם פאַרלאָרן זיינע וואָרצלען און דער העברעיִזם האָט געהאָלפן פאַרלירן:

1. — די גאַנצע קולטור שבעל פה פון פאָלק, פאַרשיטן אַלע טיפע ברייבימער, וואָס פון זיי שעפּט זיך די שעפערישקייט פון אַ פאָלק;

2. — די אַכטונג און דרך ארץ צום אייגענעם לעבעדיקן פאָלק מיט זיינע טראַדיציעס, די גאַנצע אהבת ישראל.

דאָס אויספעלן פון די צוויי עלעמענטן האָט געבראַכט זייער פיל שוועריקייטן דער מדינה, הלוואי זאָל זי זיך ראַטעווען פון זיי און וואָס גיכער.

אין די גלותן איז דער העברעיִזם זייער אַ באַקוועמער דעקמאַנטל פאַר אויסיידישונג, פאַר אַסימילאַציע...

אפשר איז דאָס טאַקע די דערקלערונג פאַר וואָס דער העברעיִזם גע־פעלט אַזוי שטאַרק יידן אין די נייע ישובים: קיין יידישע געדיכטע מאַסן, פשוטע פאָלקישע מאַסן זיינען ניטאָ, ניטאָ דער פאַקטאָר וואָס האָט געפירט

צו יידישער קולטור אין יידיש, וואָס האָט געבראַכט יידישע אינטעליגענטן צו יידישער קולטור, אפשר קעגן זייער ווילן אפילו, ניטאָ דער טרעגער פון דער קולטור שבעל פה אין לעבן. דאָ ליגט די טראַגעדיע פון אונדזער הײַנטיקער צייט: אָן דער קולטור שבעל פה גייט פּשוט אויס דאָס ביז איצטיקע יידישע פֿאָלק. גרויסע טיילן פון יידנטום באַגערן עס טאַקע אויך. און ניטאָ דער לעבעדיקער טרעגער פון פֿאָלקישער קולטור שבעל פה. דאָ ליגט די סכנה פֿאַרן המשך פון יידישקייט. און אָן דעם המשך איז ניטאָ קיין קיום.

אָט אַזוי איז דורך אַ יאָרהונדערט לאַנגער געראַנגל, אַ קולטור־קאַמף וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען. עס איז געגאַנגען וועגן קולטור, און גערעדט האָט מען וועגן שפּראַכן. דער דראַנג איז געווען אין איין ריכטונג און מאַסקירט איז די ריכטונג געווען מיט אַנדערע לאָזונגען... דער געראַנגל — אַ שטענדיקער, אַן אייביקער און אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן ביי אַ פֿאָלק, וואָס מאַכט דורך זײַן געשיכטע דורך עטלעכע תקופות, דורך עטלעכע פֿאַרשיידענע עטאַפּן. און יעדע תקופה מיט איר קולטור בכתב און מיט איר קולטור בעל פה. די פון בכתב שטאַמט פון אַן עלטערער, פֿריערדיקער תקופה, די קולטור וואָס בעל פה איז ייִנגער, פון אַ שפּעטערדיקער תקופה. די קולטור וואָס בכתב איז געגליכן צו אַ גוטן ווײַן וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ ווײַנגאָרטן און ער איז שוין לאַנג ניטאָ מער. די פּרוכט זײַנען דאָ, אָבער דער בוים איז שוין אויסגעהאַקט. קען דער בוים ניט אויפלעבן מיט די זאַפטן פון זײַן פּרוכט. קען דער ווײַנגאָרטן ניט אויפלעבן פון זײַן גוטן וויין. דער תנ״ך איז אַ פּראָדוקט פון פֿאָלקסלעבן און שטייגער, פון זיין בעל פה־קולטור פון גאָר אַן אוראַלטער תקופה. ער איז געבליבן ביים פֿאָלק ווי אַ ספר, בכתב און ער האָט זיך געהאַלטן נאָר אַ דאַנק דעם וואָס די ייִנגערע תקופות האָבן אים פֿאַרדייט, אַסימילירט אין זייערע נײַערע בעל פה־קולטורן. אָן אָט די שפּעטערדיקע קולטורן, בלײַבט דער תנ״ך ענלעך צו יענע מגילות, וואָס זײַנען געפונען געוואָרן טויטע, פון אַ טויטן פֿאָלק בײַ דעם טויטן ים... האָט מען פֿאַר זיי אויסגעבויט אַ פּראַקטיקן מאַוזאָליי, ווי, להבדיל, אַנדערשוואו פֿאַר דעם טויטן לעניגען. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „היכל הספר״ און עס איז פֿאַלש: דער לעבעדיקער ספר פון לעבעדיקן פֿאָלק ישראל איז ניט געבליבן ליגן ביי אַ טויטן ים, נאָר ער איז מיטגעגאַנגען מיט דעם פֿאָלק צוזאַמען מיט אים דורכגעמאַכט אַלערליי ענדערונגען און מוטאַציעס, דורך שפּראַכן און טײַטשן, אויסגעשטאַנען אַלע קאַלכאויוונס, האָט „אויסגעטאָן געשטאַלטן און אָנגעטאָן געשטאַלטן״ (ווי די גמרא רופט עס אָן), אַרײַנגעוואַקסן

אין די נײַערע קולטור שבעל פה פון די שפּעטערדיקע תקופות. זיך באַהעפט מיט דער שפּראַך און קולטור.

וואָלט אויף יידיש ניט געווען געשאַפן קיין ווערק וואָס זײַנען אַ שפּיגל פון דעם פאָלקס לעבן און געפיל און זײַן געדאַנק, וואָלט אויך דעמאָלט יידיש געווען דער לבוש פון דער גאַנצער פאָלקישקייט אונדזערער. און אַן יידיש וואָלט אויך דעמאָלט קיין פאָלקישקייט ניט געווען און במילא אויך ניט קיין פאָלק. ניט וועגן קיום פון יידיש לשון גייט עס, עס גייט וועגן קיום פון יידישן פאָלק.

עס איז צום באַוווּנדערן ווי טיף אויפריכטיק דאָס האָבן פאַרשטאַנען די חז״ל. דאָס האָבן זיי אין זייער צײַט אָפּגעשניטן די שאַפונג פון תנ״ך. געענוג, ווײַל ניטאָ אין אים קיין פאָלקישקייט, קיין פאָלקישער גײַסט, און מען האָט זיך גענומען צו זאַמלען, צו שאַפן, צו שרײַבן און פירן די תורה שבעל פה פון פאָלק. די פרימיטיווע פאָלקישקייט איז וויכטיקער פאַרן קיום פון פאָלק ווי די שענסטע אינדיווידועלע שאַפונגען. און אַזוי האָבן זיי אויך געהייסן לערנען מיט די דורות, זיך ניט פאַרנעמען צו פיל מיט די פריערדקע תורות שבכתב. אַ סך מאָל פאַראַן אָנזאָגן אין תלמוד. קולטור שבכתב אָן קולטור שבעל פה — דאָס איז אוועקגיין פון יידישן פאָלק.

און אַזוי האָט די טראַדיציע געפירט זיך. צוויי שפּראַכן — זײַנען זיי ביידע קודש, און אַז מען לערנט, ווערן זיי אין לערנען באַהעפט צוזאַמען, והיו לבשר אחד, ביז עס קומט אויס ווי ביידע וואָלטן געגאַנגען צוזאַמען פון למשה מסיני אָן. איז עס גאָר אוממעגלעך געווען צו לערנען אַ שטיקל גמרא אָן יידיש. און פאַרקערט, ווי וואָלט גאָר אַ טביה דער מילכיקער, דער קלאַסי־שער טיפּ פון אַ טראַדיציאָנעלן יידן, ווי וואָלט ער גאָר געקאָנט לעבן אָן אַ גמרא, אָן אַ מדרש און אָן אַ פּסוק?

וואָלטן מיר איצט געהאַט די יידישע שטעטלעך לעבעדיק, וואָלט די סכנה געווען קלענער: עס גייען אַוועק פון לעבעדיקער יידישקייט, פון פאָלקיש־קייט הונדערטער, וואַקסן אונטער נײַע פאָלקישע קאַדרן. זײַנען אָבער אויס־געקוילעט געוואָרן די שטעטלעך, קען זיך דאָס גאַנצע פאָלק אָפּרייסן פון זײַנע וואָרצלען און אַז אָפּגעריסן פון דעם נעכטן איז אויך ניטאָ קיין מאָרגן. און זאָל מען ניט טראַכטן, אַז איצט, אָן די שטעטלעך איז אויך יידיש נאָר בכתב פאַראַן און עס האָט ניט דעם יחוס פון קולטור שבעל פה. ניט ריכטיק: כל זמן עס לעבט נאָך דער דור וואָס קומט פון שטעטל, כל זמן עס זײַנען דאָ יידיש־קענער ניט פון לערנען, כל זמן עס שאַפן זיך נאָך ווערטלעך און וויצן

דווקא אין יידיש, כל זמן יידישע סגאָבן אין אַמעריקע בראָקן אַרײַן יידישע ווייצן כדי מען זאָל אָנקוועלן פון זייערע ענגלישע רעדעס, כל זמן דאָס איז נאָך פאַראַן, קען מען ראַטעווען דעם קיום פון יידישן פאָלק דווקא מיט יידיש לשון, מיט דעם לשון אין קולטור־שטייגער און אין דערציִונג.

און זאָלן די פאַרשפּעטיקטע משכילים ניט פשטלען זיך, אַז יידיש לשון האָט ניט קיין כשרן טאַטן, ווערן זיי אַלע פילאָלאָגן און פסקנען „עס איז דאָך דײַטש!" — קיין פאָלק שאַפט ניט לשון פון גאָרניט. ניטאָ קיין ריינע, „אייגענע" לשונות. אויך העברעיִש איז גענומען געוואָרן פון עטלעכע לשונות, ועגן אַראַמיש — איז דאָך ניטאָ קיין פראַגע. אַזוי איז אויך מיט יידיש־לשון.

און ארץ ישראל — דאָס לאַנד איז דען אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ספּעציעל פאַר יידן, און קיין אַנדער פאָלק האָט עס פריער ניט גענוצט? און דער גאַנצער גוף פון דעם גרעסטן צדיק איז ניט צונויפגעשטעלט פון אַ סך מער ווייץ און קאַרטאָפל און אָקסן־פלייש? מער וויפל עס וועגט דער גאַנצער גוף פון צדיק... אַלאַ דאָס פאָלק מיט זיין לעבן האָט פון ארץ האמורי, פון אַן ארץ הגויים געמאַכט אַן ארץ הקדושה. דורך דער קדושה פון פאָלק ישראל איז דאָס לאַנד געוואָרן אַן ארץ ישראל און אַז די נשמה פון יידישן פאָלק איז געווען אין יידן פאַרבונדן מיט עברית איז עס געווען לשון הקודש, שפּעטער איז דאָס געשען מיט אַנדערע לשונות און אויך מיט יידיש. עס איז קודש בקדושת העם. דער סימן איז: דער יידישער אלף בית, די יידישע אייגענע גראַמאַטיק און די יידישע אויסשפּראַך, דער אוצר ווערטער פון פריערדיקע תקופות. אַלע אַנדערע לשונות וואָס יידן ריידן מיט אַ „ריכטיקן" (פרעמדן) אַקצענט, לויט דער „ריכטיקער" (פרעמדער) גראַמאַטיק און מיט אַ פרעמדן אלף בית, — אַלע די שפּראַכן זײַנען פרעמדע און זיי פירן צו פרעמדקייט, צו אַסימילאַציע. נאָר אין לשון יידיש איז יידיש. דער גאַנצער אוצר פון אונדזער יידישקייט שבעל פה איז פאַרבונדן און באַהעפט אָרגאַניש נאָר מיט יידיש לשון. אָן יידיש קען ניט זײַן קיין אָרגאַנישע גײַסטיקע פאַרבינדונג מיט דעם יידישן פאָלק. אָן יידיש קען ניט זײַן קיין נאַציאָנאַלע דערציִונג פון דורות.

מעג העברעיִש פאַרמאָגן די רײַכסטע, די גרעסטע אוצרות פון יידישער קולטור פון אַלע דורות, זײַנען זיי אָבער אַלע נאָר בכתב, שטייען מיר מיטן גרעסטן דרך ארץ פאַר דער אומגעהויער רײַכער תלמודישער ליטעראַטור, פאַר דעם ריכטיקן באַנעמען די וועגן פון אונדזער פאָלקישן קיום, פאַר דעם תלמוד, וואָס ער און ניט דער תנ״ך האָט אונדז געמאַכט פון אַ פאָלק צווישן פעלקער פאַר אַ פאָלק אַנדערש פון אַלע פעלקער, — אָבער נאָך אַלעם דעם,

קען ניט זײַן קיין המשך פון יידישקייט אָן דער קולטור אין יידיש, און אָן יידישער קולטור אין יידיש איז ניטאָ קיין קיום פון יידישן פאָלק.

מיר דאַרפן און קענען ניט אָפּלערנען פון אַנדערע פעלקער וואָס זײַנען איינשפּראַכיק. זייער געשיכטע איז בלויז איין תקופה און דערפאַר איין שפּראַך. מיר האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע תקופות און דערפאַר מוזן ביי אונדז זײַן עטלעכע שפּראַכן.

און דער סדר פון קולטורן איז ווי תמיד פון דעם נאָענטסטן צום דעם ווײַטערדיקן. אונדזער יידישיזם האָט פאַרבלאָנדזשעט פון פאָלקיזם. דער העברעיִזם האָט געהאָלפן אָפּרײַסן זיך פון פאָלקיזם, במילא האָט ער געהאָלפן דער שפּראַך־אַסימילאַציע. און אַזוי האָבן מיר פאַרלאָרן זייער פיל פון אונדזער פאָלקישער תורה שבעל פה, און אָנגעמאַכט זייער גרויסע שוועריקייטן אויך דער יידישקייט פון דער אייגענער מדינה. וואָס פריער מיר וועלן איבעררייסן מיט די אַלע אַנטיפאָלקישע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס, אַלץ געזינטער וועט עס זיין.

עס בלײַבט נאָר צו זאָגן דאָ, אַז מיר דאַרפן אויסמיידן נאָך איין טעות וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ביי לייט: זיי לערנען שפּראַכן איידער זיי טרעטן צו צום לערנען די אינהאַלטן. מען לערנט יידיש (אין זייער וויניק שולן), מען לערנט העברעיִש איידער מען הייבט אָן צו לערנען עפּעס טעקסטן. מיר טאָרן ניט גיין אין די וועגן מחמת כמה טעמים. מיר דאַרפן זיך לערנען פון אונדזער טראַדיציע: מיר טרעטן גלייך צו צו לערנען אינהאַלטן. די שפּראַך ווערט געלערנט צוזאַמען מיט די אינהאַלטן, דורכן לערנען די אינהאַלטן לערנט מען אויך אויס די שפּראַכן.

פאָלקיזם, נאַציאָנאַליזם און די סוראָגאַטן זייערע

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר גערעדט וועגן פאָלקיזם. דאַרף מען די פראַגע ברייטער באַהאַנדלען. דער ציל פון יידישער דערציִונג איז ניט די קאַריער, ניט דער קרדום לחפור בו. דאָס קען ניט זײַן אין די גלותן און דאָס דאַרף ניט זײַן אין דער אייגענער מדינה אפילו. דער ציל איז איינער דורך דער גאַנצער געשיכטע: ותלמוד תורה כנגד כולם. איז דערפון דער טײַטש: דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַרן קיום האומה איז תלמוד תורה, דאָס שעפערישע אַרײַנטאָן זיך אין דער יידישער קולטור, דערפאַר דאַרף די שול צובינדן דעם תלמיד צו יידישקייט, מאַכן די יידישקייט פאַר אַ טייל פון גײַסטיקן אינהאַלט, פון זײַן לעבן. דאָס מיינט דאָס וואָרט הלכה. יידישקייט האָט עטלעכע מדרגות: די ערשטע מדרגה איז דאָס פאָלקישע. דאָס וואָס איז מקובל, אָנגע־

נומען ביים לעבעדיקן פאָלק הן צי עס איז רעליגיעז, הן צי עס איז וועלטלעך. „בתוך עמי אני יושב" טײַטשט די יידישע טראַדיציע „בשעה שעושה מעשי עמי". אויף יידיש מיינט עס אַרײַנפירן דאָס פאָלקישע אין שטייגער לעבן פון דעם דור וואָס ווערט דערצויגן. דאָס מיינט ניט פאַרמולירן און אויסלערנען די פאָרמולעס פון פאָלקיזם און אײַנחזרן זיי צום געדענקען, ניין. עס מיינט זיך באַמיען דאָס זאָל ווערן אַ טייל פון דעם שטייגער, פון דער פירונג. אַ יידישער יום טוב — לערנט מען ניט דעם מקור פון יום טוב, זײַן באַטייט, ניט וועגן דעם יום טוב, נאָר פשוט אַרײַנפירן דעם יום טוב אין פירונג פון די תלמידים. עס ווערן געלערנט טעקסטן. ניט אויסלערנען זיי סתם צו געדענקען, נאָר צו זען שאַפן אַזוינע סיטואַציעס אין לעבן, צי אין שול, צי אין אַנדערע מאָמענטן, ניט אויף די לעקציעס, די טעקסטן זאָלן זײַן אַ טייל פון דעם שטייגער. די עצם שול דאַרף מער זײַן אַן אָרט פון אויסלעבן זיך, מער ווי אַן אָרט פון אויסלערנען זיך.

מיר האָבן אין די היינטיקע אורבאַנישע באַדינגונגען זייער ווייניק יידישע פאָלקישע עלעמענטן אין לעבן, דאַרף די שול זיי נעמען אויב ניט פון היינטיקן לעבן, איז עס פון דעם נעכטיקן, דאָס הייסט, פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט, פון דעם שטעטלשן לעבן.

אויב מען וויל אַז דער דור זאָל געהערן צום פאָלק, דאַרף דאָס פאָלקישע אַרײַנדרינגען אין לעבן פון דעם דור, פון די קינדער און פון די יוגנטלעכע. עס מיינט ניט צו זאָגן, אַז די שול דאַרף איבערחזרן אַלע דעטאַלן פון שטעטלשן שטייגער. עס הייסט אָבער, אַז אַלץ וואָס מען לערנט, אַלץ וואָס מען וויל אַרײַנפירן, אַלץ דאַרף זיך באַזירן, דאַרף וואָרצלען אין דעם שטעטל, אין דעם שטעטלשן.

די חז״ל פלעגן כסדר זיך באַמיען צו געפינען דעם מקור פון זייערע הלכות, פון זייערע פירונגען „מן התורה מנין ?" — ווי פאַרבינדט מען, ווי שטאַמט אָפּ דער היינט פון דעם נעכטן, פון דער פריערדיקער תקופה ? אַזוי דאַרפן מיר היינט כסדר זיך שטעלן די פראַגע „מן השטעטל מנין ?" — ווי דאַרף די היינטיקע פראַקטיק אָפּשטאַמען פון דער שטעטלשער פראַקטיק.

דאָס באַמיען זיך אַרײַנצופירן דאָס פאָלקישע אין לעבן פון דור דאָס איז פאָלקיזם. עס מיינט ניט טעאָריע פון פאָלקישקייט, עס מיינט פראַקטיק, פירונג. דער „נעשה" קומט בײַ יידן פאַרן „נשמע" און אַזוי דאַרף דאָס פאָלקישע אַרײַנגעבראַכט ווערן אין דער פראַקטיק, איידער עס וועט נאָך קומען צום פאַרשטאַנד, צום באַוווסטזײַן. דאָס איז די מדרגה פון פאָלקיזם אין דערציִונג. אָבער

דאָס פאָלקישע איז אויך ניט פשוט געבאָרן אין שטעטל. דאָס שטאַמט פון נאָך פריער, פון פריערדיקע תקופות. דאָס פאָלקישע וואָס האַלט זיך לענגער ווי איין תקופה דאָס איז דאָס נאַציאָנאַלע אין פאָלקס קולטור. לויט דער גמרא וואָלט איך געזאָגט, אַז פאָלקיש איז הייליק נאָר אויף אַ צייט, נאָר איצט, לשעתה, בעת. נאַציאָנאַל מיינט הייליק אויך שטענדיק, אויף אייביק, ניט אָפּהענגיק פון דור, פון דער אַקטועלער צייט. פאָלקישקייט איז די ערשטע מדרגה פון נאַציאָנאַלס. עס קען ניט זײַן קיין נאַציאָנאַלס אויב עס איז ניט געווען פאָלקיש. דאָס וועלן קרויִנען פאַר נאַציאָנאַלס עלעמענטן וואָס זײַנען ניט פאָלקיש, דאָס איז אַ מין אַרײַנבערענגען קינסטלעך סוראָגאַטן און זיי פּראָקלאַמירן פאַר נאַציאָנאַלס. אַזוינע סוראָגאַטן זײַנען בײַ אונדז געווען און פאַראַן, און זיי קענען ניט געבן קיין אמת־נאַציאָנאַלע דערציִונג, ד״ה זיי קענען ניט פאַרבינדן דעם דור צום פאָלק.

אַזאַ סוראָגאַט איז דער שפּראַכיזם אין דערציִונג. ניט דאָס אויסלערנען סתם ריידן אַ צאָל ווערטער אין יידיש אָדער אין העברעיִש קען מיינען נאַציאָנאַל־יידישע דערציִונג, עס קען ניט פאַרבינדן די קינדער צום יידישן פאָלק. שפּראַך, ווערטער אָן אינהאַלט קענען ניט באַטייטן נאַציאָנאַלע דערציִונג. דאָ האָבן אַ טעות געהאַט ביידע שפּראַך־ריכטונגען, און דער העברעיִזם האָט די גרעסערע עבירה, ווייל ער העלפט, פאַרקערט, אָפּרייסן די יוגנט פון פאָלק, פון פאָלקישן היינט און פון דעם נעכטן. איז דער העברעיִזם גאָר פשוט גערעדט אַנטינאַציאָנאַל נאָך מער ווי דער יידישיזם. און לאָמיר זיך ניט שעמען צו זאָגן דעם אמת: סוף מעשה במחשבה תחילה — דער העברעיִזם האָט טאַקע במחשבה, לכתחילה געוואָלט אָפּרייסן די תלמידים פון דעם פאָלקישן לשון און ניט בלויז פון לשון. איז דער שפּראַכיזם געווען און איז אַ סוראָגאַט פון נאַציאָנאַלער דערציִונג.

דער צווייטער סוראָגאַט פון נאַציאָנאַלער דערציִונג איז געווען, אין ארץ ישראל איבערהויפּט — „מולדת". מען האָט עס אויך נאָכגעקאָפּירט די אַנדערע פעלקער, וואָס ביי זיי איז „פאַטערלאַנד" איינער פון די וויכטיקסטע עיקרים אין דער נאַציאָנאַלער דערציִונג זייערער. האָט מען דאָס אויך אײַנגעפירט ביי אונדז, וואָס זיי פירן איז דאָך גוט און ריכטיק און מיר דאַרפן נאָכטאָן. עס האָט געמיינט, אַז מען דאַרף צובינדן די קינדער צו דעם לאַנד ישראל. וווּלגאַר וואָלט איך געזאָגט עס איז געווען ארץ ישראל במקום עם ישראל. געמיינט האָט עס צו זאָגן ארץ ישראל פאַרן עם ישראל. אָבער טיפער איז געווען דער פאַלשער טייטש, אַז מען דאַרף דורך דער דערציִונג צובינדן צו ארץ ישראל אַנשטאָט צום עם ישראל. מען קען געפינען אַ סך סימנים, אַז דאָס פאָלק ישראל איז טאַקע געווען

ניט ליב און ניט צום האַרצן. אָבער מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט דעם. דאָ וועט זײַן גענוג פאַר אונדז צו זאָגן, אַז די דערציִונג פאַר מולדת האָט פול־שטענדיק באַנקראָטירט: זי האָט ניט צוגעבונדן די תלמידים צו ארץ ישראל, און צום עם ישראל האָט מען דאָך לכתחילה ניט געוואָלט אפילו.

פאַר וואָס איז עס אַרויס אַזוי? — ווײַל מען האָט זייער פלאַך געטראַכט, מען האָט איבערגענומען פאַרטיקע מוסטערן און ניט נאָכגעדענקט צי די מוסטערן פּאַסן פאַר אונדז. ווען מיר דאָס זען. ביי די אומות העולם איז פאָטערלאַנד ליב און טייערער מיט סעקונדערע מאָטיוון. די עיקרדיקע צוגעבונדנקייט איז ביי זיי טאָקע צום דעם פאָלקישן אינהאַלט, צו די פאָלקישע פאָרמען פון לעבן, צו דעם לשון, צו די טענץ, געזאַנגען, צו אַלע פאָרמען פון פאָלקישן לעבן. אין דער פרעמד פעלט עס און מען פילט אַז עס פעלט. עס איז אומעטיק דאָס לעבן אָן דעם פאָלקישן. מענטשן האָבן ניט ליב צו זײַן אין דער פרעמד, עס בענקט זיך אַהיים, צו אַלץ וואָס עס איז היימיש. די ליבע צום פאָטערלאַנד איז לכתחילה ניט קיין מאַטעריעלע, ניט די ליבע צו די שטיינער און זאַמדן, צו די זומפּן און וועלדער, נאָר צום לעבעדיקן פאָלק און צו זײַן פאָלקישקייט. מען בענקט נאָך די זונטיקדיקע טענץ און געשלעגן און שפּילערייען אין די גאַסן און פּאַרקן. אָבער די אַלע עלעמענטן געפינט מען אין די גרעניצן פון פאָטערלאַנד. דערפאַר איז דאָס פאָטערלאַנד ליב. איך בין אַ ייד, אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, פון די שטעטלעך ווו מײַן קינדהייט און מיין ערשטע יוגנט איז דורכגעגאַנגען, אָבער עס בענקט זיך פאָרט ביז היינט נאָך דעם וועלדל ווו מיר פלעגן אַזוי אָפט שפּאַצירן, נאָך דעם טייכל ווו מען פלעגט זיך באָדן, נאָך דעם איינזאַמען בוים דאָרט ביי אַ וועג, וואָס איך פלעג אַלע מאָל אויף אים קוקן פון בית־מדרש־פענצטער און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. עס איז ליב, ווײַל עס איז פאַרבונדן מיט דעם לעבן. פאַר גויים איז מערער אַ סך, ביי זיי איז ניטאָ די ביטערקייט פון די „היימישע" צרות, וואָס מיר האָבן דאָרטן געהאַט.

אונדזער נאָכגעמאַכטע פּעדאַגאָגיק האָט געוואָלט איינפּלאַנצן אַ ליבע צו דעם פאָטערלאַנד אָן די אַלע עלעמענטן. אַ ליבע דירעקט צו די שטיינער און צו זאַמדן פון ארץ ישראל, און עס האָט ניט צוגעבונדן. זײַנען יידן פון שטעטלעך אין גלות יאָ געווען שטאַרק צוגעבונדן צו ארץ ישראל, ניט אין פאַרגלייך מער ווי די וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט און זיך דערצויגן דירעקט אין ארץ ישראל. ווי קומט עס?

גאָר פשוט: די קינדער אין גלות, אין שטעטל האָבן געטראָגן דעם יאָך פון גלות און האָבן צוזאַמען מיט אַלע יידן געבענקט נאָך דער גאולה. די גאולה

איז געווען פֿאַרבונדן מיט משיחן, מיט ארץ ישראל. דאָס ארץ ישראל איז געווען פֿון חומש אַרויס, די ארץ זבת חלב ודבש, אַל דאָס גוטס איז פֿאַרבונדן מיט ארץ ישראל, טייטלען און פֿייגן און „ציביקעס מיט לולקעס אויף אַלע ביימער" און „די צעדערן קושן די וואָלקנס" און „ארץ הצבי", ארץ חמדה טובה ורחבה — אַ לאַנד, וואָס איז דער צענטער פֿון דער גאַנצער ערד. האָבן יידן געלעבט טאַקע אין גלות, און די נשמה איז געווען פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן מיט ארץ ישראל, אָבער מיט ארץ ישראל של מעלה. אין דעם זײַנען ניטאָ קיינע דעפֿעקטן — ניט קיין גרויסע און ניט קיין קליינע. און וואָס שווערער עס איז געווען דער גלות, אַלץ ליבער און טייערער איז געווען דאָס ארץ ישראל, טאַקע עין לא ראתה. אָבער דער ייד און דאָס יידיש קינד וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין ארץ ישראל של מטה, דער האָט פֿאַרלאָרן יענע ארץ ישראל של מעלה. ער האָט געלעבט אין אַלע אומבאַקוועמלעכע סיטואַציעס פֿון דעם פֿאַרוויסטן ארץ ישראל. טריקעניש, היץ, שלאַנגען און עקדישן, קדחת, אַנדערע קראַנקייטן, בײַסיקע וועספּעס (לויט יהואש „האַרבין"), קיינע באַקוועמקייטן פֿון ציוויליזאַציע זײַנען נאָך ניט געווען, קיין ארץ ישראל של מעלה האָט ער ניט געפֿילט — די ווירק־לעכקייטן האָט ניט דערלאָזט די פֿאַנטאַזיע. די היימישקייט פֿון שטעטל איז אויך ניט געווען. אָן ארץ ישראל של מעלה, פֿון גלות, האָט דאָס רעאַלע ארץ ישראל ניט געקאָנט האָבן דעם צויבער־קראַפֿט. האָבן חלוצים זיך געלאָזט פֿון דעם גלות, האָט עס אָבער סאַברעס, געהאָדעוועט אין ארץ ישראל גופא, ניט געצויגן צו ארץ ישראל, האָט זיי געצויגן פֿאַרקערט צו אַנדערע לענדער, מיט מער ציוויליזאַציע און מיט מער מעגלעכקייטן. האָט אויך די פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר מולדת ניט געהאָלפֿן. ארץ ישראל — כל זמן עס איז פֿאַראַן אהבת ישראל, איז ארץ ישראל פֿאַר דעם עם ישראל, אָבער אָן אהבת ישראל איז ארץ ישראל ניט מער ווי אַן „אויסגעברענט לאַנד" (מיט דעם נאָמען האָט אַמאָל אַ געוועזענער חלוץ, וואָס איז פֿון ארץ ישראל אַוועק קיין רוסלאַנד אָנגעשריבן אַ גאַנץ ביכל אין רוסיש מיט אַ סך העצע אויף ארץ ישראל, „אָפּאַליאָננאַיאַ זעמליאַ"). מען האָט לאַנגע יאָרן אין די קאָלאָניעס פֿון ארץ ישראל ניט געוואָלט לערנען דעם לאַטײַנישן אלף בית אפֿילו, כדי צו פֿאַרשווערן פֿאַר דער יוגנט דאָס פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד.

איז שפּעטער געקומען אָן אַנדער סוראָגאַט אָנשטאָט פֿאָלקישקייט — דער תנ"ך. די לאָגיק איז אַזאַ: וואָס מער פֿאַרבינדונג מיט תנ"ך, אַלץ מער צוגעבונדנ־קייט צום לאַנד פֿון תנ"ך. איז דער תנכיזם טאַקע אין מאָדע, ביז הײַנט. אָבער דאָס יידישע פֿאָלק און יידישע פֿאָלקישקייט איז לגמרי ניט אידענטיש מיט

תנ״ך. זײַנען פֿאַראַן קריסטלעכע פֿעלקער וואָס האַלטן אפֿשר אַ סך שטאַרקער פֿון תנ״ך אײדער ייִדן. האָט דער תנ״ך אויך ניט געקאָנט אידענטיפֿיצירן זיך ניט מיט דעם פֿאָלק און אויך ניט מיט דעם לאַנד. איז דער תנ״ך ביי די גוים אַ טייל פֿון דער געטלעכקייט, עס איז ניט קיין נאַציאָנאַלע שאַפֿונג פֿון ייִדישן פֿאָלק. עס איז אַרויס פֿון גאָטס האַנט פֿאַר אַלע פֿעלקער. פֿאַרקערט, זיינען גאָר די ייִדן שלעכטע, זינדיקע היטער פֿון גאָטס ווערק. די ייִדישע רעליגיע האַלט גאָר ניט אַזוי פֿיל פֿון לערנען תנ״ך, די וועלטלעכע לערנען תנ״ך אַ סך, מיט קריטיק אפֿילו, זייער פֿיין און געטריי, אָבער וויפֿל שייכות האָט עס מיט דעם לעבעדיקן פֿאָלק? האָט אויך דער סוראָגאָט ניט געהאָלפֿן. מיט איין וואָרט — קיינע סוראָגאָטן — די אויסגערעכנטע און ניט אויסגערעכנטע האָבן ניט געהאָלפֿן שטאַרקער צובינדן די יוגנט ניט צום לאַנד און ניט צום פֿאָלק. בלײַבט פֿאָרט די איינציקע ריכטיקע פֿאָרמולע פֿון נאַציאָנאַלער דערציִונג: כדי די יוגנט זאָל ווערן אַרײַנגעוואַקסן אין פֿאָלק, דאַרף דאָס פֿאָלקישע אַריינוואַקסן אין דער יוגנט. און דאָס פֿאָלקישע איז פֿאַראַן נאָר אין דער גלותדיקער ייִדישקייט פֿון די שטעטלעך. די גאַנצע קולטור פֿון דער נײַער תקופֿה, פֿון דער אורבאַניזשער, די גאַנצע ייִדישע דערציִונג אין דער נײַער תקופֿה, מוז ווערן געשעפּט פֿון שטעטלשער קולטור.

דאָ דאַרף, פֿאַרשטייט זיך, געמאַכט ווערן איין וואָרענונג: מען עסט ניט קיין נוס מיט זײַן שאָלעכץ און מען עסט ניט קיין ווייץ דירעקט פֿון פֿעלד. און מען נעמט ניט דאָס שטעטל צוזאַמען מיט זיין דרויסנדיקער אָרעמקייט, מיט זײַנע צרות און ווייטאָגן. מען דאַרף ניט קאָפּירן דאָס שטעטל. מען דאַרף דעם ווייץ מאָלן און זיפּן און באַקן. מען האָט געלערנט אויך אַז אין תלמודישער תקופֿה האָט מען די תורת משה געדאַרפֿט אויך מאָלן און זיפּן און באַאַרבעטן. אָבער דער איינציקער מקור פֿאַר דער קולטור, פֿאַר דער ייִדישער דערציִונג פֿון הײַנט איז די קולטור פֿון נעכטן, פֿון שטעטל.

אַנטוויקלונג פֿון דער סברא — דער דידאַקטישער ציל פֿון לערנען

אין לערנען זײַנען תמיד פֿאַראַן צוויי צילן וואָס גייען געבונדן: דער נאַציאָנאַלער ציל, די אינטערעסן פֿון כלל, פֿון פֿאָלק, דאָס הייסט — זײַן קיום, זײַן המשך, דער המשך פֿון זײַן פֿאָלקישקייט, פֿון זײַן פֿאַרמירטער, געשריי־בענער, שוין באַאַרבעטער קולטור און — נאָך מער — דער המשך פֿון דער

קולטור וואָס איז דאָ אינעווייניק אין די מענטשן פון פאָלק, אין זייער שטייגער און פסיכיק, אין אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט זייער שטייגער און פירונג און מיט זייער שפּראַך, איבערהויפּט. דאָס אַלץ איז דער נאַציאָנאַלער ציל.

און עס איז נאָך פאַראַן אַ ריין דידאַקטישער ציל — די אַנטוויקלונג פון דעם יחיד ווי אַזאַ. דער תלמיד אַליין איז אויך אַ ציל פאַר זיך!

אויך דאָ איז די יידישע טראַדיציאָנעלע שול געגאַנגען אויף איר אייגענעם וועג.

ביי לייטן איז דער דידאַקטישער ציל געווען איבערהויפּט אָנלאָדן דעם תלמיד מיט דעם נויטיקן און נוציקן סכום וויסנס. וואָס קאָמפּליצירטער עס איז דאָס לעבן, אַלץ מער וויסן מוז אַ מענטש פאַרמאָגן. דאַרף עס די שול געבן. דערצו דינען די פּראָגראַמען, די עקזאַמענס און דער גאַנצער פּעדאַגאָגישער איינשטעל.

איז דאָס ביי יידן געווען גאָר אַנדערש. דער עיקר איז געווען ניט דאָס וויסן נאָר דער וועג צום וויסן, דאָס דערוויסן זיך. וואָס איז וויסנשאַפט? — וויסנשאַפט איז דאָס שאַפן וויסנס. און די פעיקייט דערצו האָט ביי יידן געטראָגן דעם נאָמען „סברא". דאָס וואָרט „סברא" איז אין תנ"ך ניטאָ, עס איז געקומען נאָר אין דער תלמוד־תקופה. אין גמרא ווערט דאָס וואָרט זייער אָפט דערמאָנט, טאָקע אין פאַרבינדונג מיט דענקען. פון תלמוד איז עס אַריין אין יידיש־לשון. עס ווערט אָפט באַנוצט דער אויסדרוק „די סברא איז מחייב". דאָס הייסט, אַז דער איינפאַכער געדאַנק פירט צו אַזאַ און אַזאַ אויספיר. דאָס וואָרט איז געוואָרן אַזוי שטאַרק באַנוצט, אַז אַ סך מאָל איז אויסגעקומען צו הערן פון שטעטלשע ווייבער דעם אויסדרוק גאָר פאַרגרייזט. אָבער דער באַנוץ איז אַלע מאָל געווען אַדעקוואַט, פּאַסיק ווו מען באַדאַרף. אין לערנען איז געווען גאָר חשוב „בעל סברא". אין תלמוד גופא איז ווידער די סברא גאָר באַזונדרע וויכטיק. די סברא איז אַלע מאָל געווען דאָס זאָגן עפּעס אַ נייעם געדאַנק, ניט קיין אויסגעלערנטן, ניט קיין געהערטן פון עמיצן. עס זיינען געווען ביי זיי צוויי אויסדרוקן: גמרא — לערנען און סברא — דענקען.. עס זאָגט אַ מענטש „גמרא גמרינא וסברא לא ידענא". דעם זאַץ, דעם אויספיר, דעם כלל האָב איך געלערנט, אָבער דעם געדאַנק פון דעם ווייס איך ניט (יומא לג' א'). איינער באַרימט זיך, אַז ער קען לערנען און דענקען און האָט רשות אויף דעם (סנהדרין ה' א'). לערנען איז בעסער פון אײן רביך, אָבער כדי זיך אויסצולערנען, זיך איינגעוווינען דענקען איז בעסער ביי עטלעכע לערער, ניט ביי איינעם (עבודה זרה י"ט א'). דער גאַנצער זינען פון לערנען איז

די סברא (ברכות ו׳ א׳). מיר הײַנט פאַרלאָזן זיך ניט אויפן שכל הישר, אויף דער סברא, אָבער אין גמרא איז פאַראַן אַזאַ מין זאָג „וואָס דאַרף מען אַ פסוק, אַז עס איז דאָך אַ סברא״ (תענית כב׳ א׳).

דער רמב״ם זאָגט אין זיין הקדמה צו דעם פירוש המשנה „דער רבש״ע האָט אונדז ניט דערלויבט צו לערנען פון די נביאים, אלא פון די חכמים, וואָס זיי זײַנען די מענטשן פון סברות און דעות״. אין דער דעפיניציע פון דעם לערנען, דאָס הייסט אין די דינים פון פעדאַגאָגיק שרײַבט דער רמב״ם און לויט אים אויך עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער ר׳ יוסף קאַראָ אין זיין „יורה דעה״ (הלכות תלמוד תורה) „בתלמוד — דהיינו שיבין וישכיל אחרית דבר מראשיתו ויוציא דבר מתוך דבר, וידמה דבר לדבר וידון במידות שהתורה נדרשת בהן, עד שידע האיך עיקר המצוות והאיך יוצא האסור והמותר וכיוצא בזה דברים שלמד מפי השמועה״. אַז דער עיקר פון לערנען איז „תשובה און מעשים טובים״ זאָגט נאָך די גמרא (ברכות יז׳ ב׳), אָבער אַז די גאַנצע דעפיניציע, הגם זי איז גאַנץ לאַנג, מײַדט אויס אין גאַנצן דאָס וויסן ווי אַ ווערט פאַר זיך, דאָס איז באמת צו באַוווּנדערן. דער גאַנצער זינען פון לערנען איז דאָס קענען אַליין עפּעס מחדש זײַן מיט דער אייגענער סברה, מיט דעם אייגענעם דענקען לויט פעסטגעשטעלטע דרכים און מעטאָדן. אַז אַ מענטש קומט אויף יענער וועלט פרעגט מען אים, צי ער האָט ערלעך געהאַנדלט, צי ער האָט געלערנט, קינדער געהאָדעוועט, געוואַרט אויף משיחן, צי האָסטו זיך געפּילפּלט מיט חכמה? צי דו האָסט זיך באַמיט צו פאַרשטיין איין זאַך פון דער צווייטער. (שבת לא׳ א׳). פאַר אונדז דאָ איז וויכטיק ווי הויך מען האָט געשאַצט דאָס קענען איין זאַך אַרויס-ציען פון דער צווייטער, פאַרשטייט זיך לויט די מעטאָדן וואָס זײַנען בײַ זיי געווען פעסטגעשטעלט (מידות שהתורה נדרשת בהן), ניט סתם.

דאָס וואָרט „פילפל״ באַטייט אייגנטלעך פעפער. דערפון איז דאָס וואָרט אַריבער צו שאַרפזיניקייט. פרעגט מען, הייסט עס, אויף יענער וועלט צי אַ ייד האָט באַוויזן שאַרפזיניקייט אין לערנען. אין סנהדרין קען מען באַשטימען בלויז אַזאַ איינעם, וואָס קען באַווײַזן מיט הונדערט און פופציק מאָטיוון אַז אַ שרץ איז גאָר טהור (מען מעג אים עסן) און דאָס פאַרשטייט זיך דורך שאַרפזיניקייט. (סנהדרין יז׳ א׳). עס איז בעסער איין שאַרף פעפערל פון אַ גאַנצן קאַרב מיט קרויט (אָט דאָס ווערטל האָט טאַקע געהאַט אין זינען שאַרפזיניקייט אין לערנען. און עס איז געווען אַ גאַנגבאַר ווערטל. (מגילה ז׳ א׳), אויך אין יומא פה׳, אין חגיגיה י׳). האָט זיך באַרימט אַ ייד „ווען די תורה וואָלט חס ושלום, פאַרגעסן געוואָרן בײַ יידן, וואָלט איך זי אויפגעשטעלט מיט מײַן פילפול״ (כתובות קג׳ ב׳).

די קליינע תלמידי חכמים זײַנען ווערטפּול שוין מיט דעם וואָס זיי „שאַרפן" די גרויסע (תענית ז׳ א׳).

עס איז אויך בײַ זיי געווען אַ פראַגע, צי דאַרף מען פריער זיך אָנלערנען און וויסן און נאָך דעם שאַרפן די סברא, אָדער מען דאַרף עס אײנצײַטיק? איז די זאַך געווען אין אַ פלוגתא. אינטערעסאַנט אַזאַ פראַגע: וואָס איז וויכטיקער — דער סיני (דער וואָס ווייס אַ סך), אָדער דער אויסרייסער פון בערג (דער שאַרפזיניקער קאָפּ)? געפסקנט האָט מען, אַז דער סיני איז פריער, וויכטיקער.

איך האָב געהאַט אין מיין פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק די געלעגנהייט צו זען, אַז עס איז אָפט טאַקע שעדלעך צו אַנטוויקלען אַ שאַרפע אַרײַנטראַכטונג מער ווי עס איז דער געגעבענער מאַטעריאַל, ווען דאָס דענקען איז מער ווי דאָס וויסן: אַ גרופּע תלמידות אין יונגן עלטער פון אַ זעכצן־זיבעצן, האָבן זיך צו געטריי אַרײַנגעטאָן אין מײַנע לעקציעס פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, און זייער אַרײַנטראַכטונג אין פּראָבלעמען פון מענטש און ייד האָט גענומען ווירקן אפילו אויף זייער געזונט. איך האָב דעמאָלט פאַר זיך געמאַכט אַ כלל: אַן עלעקטרישער שטראָם, וואָס האָט אַ קנאַפּן ווידערשטאַנד, קען פאַרברענען די עצם מאַשין. אַזוי אויך מיט דעם מענטשן: ער דאַרף האָבן איבער וואָס צו טראַכטן, די מאַשין פון דענקען דאַרף האָבן שטאָף איבער וואָס צו אַרבעטן. דאָס איז געווען מײַן עטוואָס צו וווּלגאַרע פאָרמולירונג וועגן דער פּראָפּאָרץ צווישן דעם וויסן און דענקען בײַם לערנען.

די געשיכטע פון דער יידישער דערציִונג ווייס עס אויך. עס איז אין שפּעטערן מיטלאַלטער דערגאַנגען אָפט אין אייניקע ישיבות צו איבערגעטריי־בענעם פאַרנעמען זיך מיט שאַרפזיניקייט אין לערנען, מיט פילפול, מיט „האָר־שפּאַלטעריי". דאָס האָט אַרויסגערופן קריטיק מצד עטלעכע אויטאָריטעטן. אָבער בדרך כלל האָט די גאַנצע יידישע טראַדיציאָנעלע פּעדאַגאָגיק די שאַרפזיניקייט זייער הויך געשעצט. עס זײַנען געווען באַקאַנט די צוויי טיפּן פון לערנער — דער חריף און דער בקי. דער באַרימטער סקולפּטאָר מ. אַנטאַקאָלסקי, אַליין פון ווילנע, האָט נאָך אין זײַן פריער יוגנט אויסגעשניצט פון האָלץ די צוויי טיפּן. אַזוי בולט האָבן זיי זיך טאַקע אונטערגעשיידט אויך אין אויסזען, אין זייערע באַוועגונגען און אין גאַנצן באַנעם. שוין אין חדר האָט דער רבי שטאַרק געהאַלטן פון דעם „פלינקן קאָפּ", וואָס האָט ליב צו רעאַגירן תיכף ומיד, שוין איז ער גרייט צו פרעגן קשיות און ענטפערן תירוצים. און עלטערע לומדים האָבן שוין פאָרויסגעזאָגט „אָ, ער וואַקסט אַ כלי". די „חריפות" (שאַרפזיניקייט) איז אָפט געוואָרן אַ ספּאָרט אין שטעטל. איבערהויפּט אין אַ „יומא דפגרא" (אַ טאָג

אַ פרײַער, ווען יונגע לייט מיט יידן בכלל פלעגן זיך צונויפקומען אין בית מדרש, וואָס האָט דאָך געדינט אויך פאַר אַ קלוב און דאָרטן האָט מען זיך פּאַרמאָסטן „ווער קען בעסער״...). פלעגן זיך צונויפנעמען גוײשע בחורים אין אַ זונטיק און מען פלעגט זיך פּאַרמעסטן, אויך זיי. אין וואָס? — ווער קען מער דערלאַנגען קלעפּ. פשוט טאַקע לשם ספּאָרט. ווער מיט וואָס עס מאַכט ספּאָרט...

אין בריוו פלעגט מען שרייבן טיטולן און אויסרעכענען זייער אָפּט „חריף ובקי, עוקר הרים וטוחנם זה בזה בסברא״. אַזוי איז געווען ביי יידן. ניט די פּראָגראַם, ניט דאָס אַלץ וויסן, ניט דער „חמור נושא ספרים״, נאָר דער שאַרפזי־ניקער וואָס איז אַ בריה, מחדש חידושים צו זײַן, ווײַל אי אפשר „לבית מדרש בלי חידוש״. עס איז גאָר אוממעגלעך, ניט דערלאָזבאַר אַ לערנען אָן חידושים. און עס שטעלט זיך אויף פאַר אונדז הײַנט די פראַגע, וואָס איז וויכטיקער — דאָס וויסן אָדער די סברא? און ווי איז בעסער — צי צוזאַמען אָדער פריער וויסן און נאָך דעם אַז עס איז שוין פאַראַן גענוג שטאָף, גענוג אָנגעזאַמלט וויסנס, דעמאָלט זאָל מען נעמען זיך צו אַנטוויקלען דאָס דענקען?...

איך דערמאָן זיך: אַ טאָג ערב איך בין אַרײַן דאָס ערשטע מאָל אין אַ קלאַס לערנען ווי אַ יונגער אָנפאַנגער־לערער, האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט אַן אַלטן געניטן לערער. האָט ער פּאָטערלעך גענומען אויף זיך מיר צו העלפן. האָט ער מיר געזאָגט בערך אָט וואָס: וואָס דרייט מען הײַנט די יונגע לערער אַ קאָפּ — אַנטוויקלונג, שמיקלונג, ווייס איך וואָס. ס'איז אַלץ פּוסטע רייד. פריער לערנט אויס די קינדער ריכטיק פאַרשניצן אַ בלייפעדער מיט אַ לאָפּעטקע, אָט אַזוי ווי ביי מיר, איר זעט? ווילסטו שרײַבן דין, שרייבסטו אַזוי, ווילסטו שרייבן גרעבער, טאָ האַלט דעם בלייפעדער אָט אַזוי... האָט ער מיר דעמאָנסטרירט זײַן פּעדאַ־גאָגיק. „פריער זאָלן זיי קענען אָנשרייבן ריכטיק אַן אַדרעס. דעמאָלט וועלן ז״ קענען מיט דער צייט ווערן אפילו בוכהאַלטערס, איר פאַרשטייט?״ און דער דאָזיקער אַלטער לערער, אַמאָליקער „קאַזיאָנער רב״ (אַ רב לויט אַן אַמט באַשטימט פון דער רעגירונג), האָט ניט גערעדט פון קאָפּ. עס איז געווען דער אָנגענומענער וועג. מען האָט אויף דעם פאַרזיכיקן דענקען פון תלמידים געקוקט אפילו מיט אַ באַשטימטער מורא: צי וועט עס ניט שטערן דעם מאַסן־פּסיכאָז, וואָס די רעגירונג דאַרף האָבן כדי צו קענען רעגירן, כדי מענטשן, מאַסן זאָלן זיך לאָזן רעגירן. און אפילו די דעמאָקראַטישע רעגירונגען האָבן זייערע מיטלען צו שאַפן מאַסן־פּסיכאָז, מאַסן־מיינונגען, מאַסן־אידעען, איין שטראָם. אין רוס־לאַנד איז עס דערגאַנגען אַזוי ווײַט אַז מען האָט אַ סך מאָל פאַרבאָטן אין די

קליינע שולן פאַרן „פראָסטן פאָלק״ צו לערנען נאַטורוויסנשאַפט, ווייל דער לימוד, האָט מען געגלויבט, אַנטוויקלט צו פיל דאָס דענקען ביי די לערנערס. עס זיינען געווען אין די רייכערע שולן, גימנאַזיעס לערערס, וואָס פלעגן פאַרבאָטן די תלמידים זאָלן אַרויסזאָגן אייגענע מיינונגען וועגן געלערנטע ווערק: „ווער ביסטו צו האָבן דיין מיינונג וועגן אַזאַ ווערק? דו שרייב מיר בעסער וואָס עס זאָגט דער און יענער אַנערקענטער קריטיקער!״ אָט אַזוי איז געווען דער גאַנג פון דערציִונג. אויף די עקזאַמענס פאָדערט מען וויסן, פאַקטן, כראָנאָלאָגיעס. אָבער ניט קיין געדאַנקען. וואָס איז וויסנשאַפט? — וויסנשאַפט איז אַ סכום פאַקטן וואָס זיינען פאָרמולירט אין כללים. כלומרשט אַזוי זאָל דאָס זיין. נאָך אין 1927, האָט אַ דייטשישער פּראָפעסאָר, אַן „אַנטשידענער שול־רעפאָרמער״ (געווען אַזאַ פּעדאַגאָגישע באַוועגונג) אין אַ באַמערקונג צו מיינעם אַן אַרטיקל געשריבן, אַז מען דאַרף ניט מאַכן די קינדער „אַלט־קלוג״. אפילו אַ דייטשישער „אַנטשי־דענער שול־רעפאָרמער״, האָט ניט געקאָנט אָפּטרעטן פון דעם דייטשישן קאַזאַר־מע־גייסט. ביי אונדז איז עס אַלע מאָל געווען אַנדערש, פונקט פאַרקערט, און עס דאַרף זיין פאַרקערט: אַנטוויקלען די סברא — די פעיִקייט צו דענקען דאַרף קומען כסדר צוזאַמען מיטן לערנען. די סברא איז דער ציל, דאָס וויסן איז דער שאַרפשטיין, וואָס ער דאַרף אַנטוויקלען די סברא. פאַר אונדז איז עס ניט אין פאַרגלייך וויכטיקער ווי פאַר אַנדערע. און אָט פאַר וואָס.

ווי געזאָגט פריער, איז היינט אין די פרייע לענדער — ווי לאַנג זיי וועלן פאַר אונדז בלייבן פריי — דער גלות אַנדערש ווי ער איז געווען אין דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה. דאָרטן איז דער גלות געלעגן אויפן כלל, יעדער יחיד אָבער איז געווען, האָט געלעבט אין דער אייגענער יידישער „אַנמדינה־דיקער מדינה״. איצט איז דער גלות אויף יעדער יחיד באַזונדער. דעמאָלט איז געווען אַ „גלות־הכלל״ און איצט האָבן מיר אַ „גלות־הפרט״. צי דער יחיד ווייס עס, צי ער ווייס ניט, אָבער יעדער ייד באַזונדער איז פון געבאָרן־טאָג אָן אין דער פרעמדער וועלט, אין דער ניטיידישער וועלט. און אָט די וועלט דיק־טירט, צווינגט אַרויף מיינונגען, געדאַנקען, מעטאָדן, און פאָרמען פון דענקען, אידעען, אָפּשאַצונגען און אַ גאַנצן שטייגער. און דאָס אַלץ פאַרפלאַכט דאָס דענקען. עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַווייזן, ווי מיר, ווי אונדזער אינטעליגענץ גייט מיטן שטראָם, אַזוי ווייט, אַז מען קוקט אויף דער וועלט און אויף זיך און אויף אַלע גרויסע און קליינע פּראָבלעמען אין לעבן מיט פרעמדע אויגן. מיר האָבן כמעט שוין ניט מער קיין אָרגאַניש־יידישן צוגאַנג צו עפּעס, קיין אייגענעם יידישן וועלט־באַנעם, קיין אייגענעם געדאַנקען־גאַנג. מיר דענקען

ווי אַלע, ווי עס איז די מאָדע. אונדזער גאַנצע אינטעליגענץ, דער גאַנצער דענק־אַפּאַראַט איז אַ פרעמדער. די בויער פון יידישער קולטור, בויען זייערע אויפטועך לויט פרעמדע פּלענער, און לויט יענעמס געשמאַק און שיטות. דאָס איז דער באַטייט פון „גלות־השכינה". דערפאַר דאַרף די יידישע דערציִונג, דאָס יידישע לערנען, די יידישע שול אַריינבויען אין יעדער לערנער אַ פילטער, וואָס דאַרף דורכזיפן דאָס פרעמדע, וואָס שפּאַרט פון אַלע זייטן דירעקט אויף יעדן יחיד. ניט אַזוי שטאַרק דאָס יידיש וויסן, ווי אַ יידיש וועלטבאַנעם, פעִיקייט ניט צו גיין מיט דעם אַלגעמיינעם גאַנג, ניט צו דענקען לויט אָנגענומענע טראַפּאַרעטן.

עס איז דאָך שוין דערגאַנגען ביי אונדז אין די „פרייע" גלותן ביז צו דעם אַז ניט בלויז די שפּראַך איז אַ פרעמדע, נאָר דער גאַנצער מוח איז אַ געבאָרגטער. אַ יידישער רב דאַרף קריגן סמיכה קודם כל פון ניט יידן. דערפאַר וועט ער זיין חשובער ביי יידן; אַ יידישער שרייבער דאַרף ווערן אָנערקענט ביי גויים, איז די גאַנצע ליטעראַטור, אפילו די רעליגיע דאָך אויך נאָכגעמאַכט. דער טעמפּל, די סינאַגאָגע איז דאָך מער אַ קאָפּיע פון דעם וואָס די פרעמדע און ווי די פרעמדע טוען. אונדזערע דענקער דענקען אפילו וועגן גאָט לויט פרעמדע פאַרשטעלונגען. אונדזער גאַנצע פּעדאַגאָגיק איז דאָך בלויז אַן איבערגעזעצטע.

אָט דערפאַר דאַרף די יידישע שול זיך באַמיען צו זיין פאַרזיכיק יידיש, ניט בלויז לויט דער שפּראַך, נאָר לויט איר עצם גייסט און געדאַנקען־גאַנג.

די הייַנטיקע יידישע שול, אין די פרייע גלותן, דאַרף קודם כל אייגנטלעך מגייר זיין די יידישע קינדער. און יידיש דענקען איז וויכטיקער ווי יידיש וויסן. די אַלע סוראָגאַט־יידישקייטן, וואָס מיר האָבן פריער גערעדט וועגן זיי, זיינען דאָך געקומען דערפאַר וואָס אפילו אונדזערע נאַציאָנאַל־דענקענדיקע יידן האָבן זייערע געדאַנקען געפורעמט אין פרעמדע פורעמס. מיר האָבן פאַרלאָרן דעם געפיל צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דעם טראַכטן ווי יידן און טראַכטן פאַר יידן. ביי אונדז טראַכטן אפילו גוטע, געטרייע יידן פאַר יידן, אָבער זיי טראַכטן ווי גויים...

דאָס שטעלט פאַר דער יידישער מעטאָדיק, ביים לערנען אַלע לימודים, אַנדערע ספּעציפישע אויפגאַבעס, גאָר אַנדערע דרכים. דער יידישער געדאַנק האָט פון אייביק אָן מורא געהאַט פאַר עבודה זרה, — אָבער מחשבה זרה איז ערגער.

און דער וועג איז אַ ווייטער: עס קען ניט קומען צו גאולת ישראל, כל זמן עס וועט ניט זיין די גאולת השכינה. אשרי — ווער עס וועט זוכה זיין צו דעם.